STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04941

VIDERGEBURT

Leo Tolstoy

Permanent preservation of this book was made possible
by Irving & Joyce Kossy
in memory of
their beloved Yiddish Mamas, Dora & Sylvia

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב פרודמאן
לון - מאסס,

לעוו טאָלסטאָי

אַלע קינסטלערישע ווערק

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ל ע ו ו ט אָ ל ס ט אָ י

ווידערגעבורט

ראָמאַן אין צוויי טיילן

יידיש שרה רייזען

צ ו ו י י ט ע ר ט י י ל

ו ו י ל נ ע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

איבערגעזעצט מיט די אַלע צוגאַבן און אויס־
בעסערונגען לויט דער לעצטער אַקאַדעמישער
אויכגאַבע פון רוסלענדישן מלוכה־פאַרלאַג פון 1928.

PRINTED IN POLAND

Lew Tołstoj — „Widergeburt"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

Gift to the Workmen's Circle
in Memory of Jacob Freedman
L.A. Ca

XI.

דער אדוואָקאַט האָט אויפגענומען נעכליודאָוון אויסער דער ריי און באַלד זיך צעשמועסט וועגן דעם פּראָצעס פון די מענשאָווס; ער האָט געהאַט דורכגעלייענט די אַקטן פון פּראָצעס און איז געווען אויפגעבראַכט דורך דער אומבאַגרינדעטקייט פון דער באַשולדיקונג.

— דאָס איז אַ סקאַנדאַליעזער ענין, — האָט ער געזאָגט, — עס קאָן זייער געמאָלט זיין, אַז אונטערגעצונדן האָט דער אייגנטימער אַליין, כדי צו באַקומען די אַסעקוראַנץ-פּרעמיע, דער עיקר אָבער איז, אַז די שולד פון די מענשאָווס איז לחלוטין נישט דערוויזן. נישטאָ קיין שום באַווייזן. דאָס איז אַ באַזונדערע התמדה פון אויספאָרשונגס-ריכטער און אַ נאַכלעסיקייט פון דעם געהילפס פּראָקוראָר. ווען דער פּראָצעס זאָל נאָר באַטראַכט ווערן נישט אין קרייז, נאָר דאָ, קאָן איך פאַר געווינען אים און נעם נישט קיין האָנאָראַר. נו, און דער צווייטער ענין — די בקשה פון פעדאָסיע בירוקאָוואַ אויפן אַלערהעכסטן נאָמען — איז אָנגעשריבן; אויב איר וועט פאָרן קיין פּעטערבורג, נעמט מיט, דער-לאַנגט אַליין און גיט אַ בעט. וואָרים אַנישט וועט מען מאַכן אַן אָנ-פראַגע, און ס'וועט גאָרנישט אַרויסקומען. און איר זאָלט זעען צוקומען צו די פּערזאָנען, וואָס האָבן אַ צד אין דער קאָמיסיע פאַר בקשות. נו, אַלזאָ, דאָס איז שוין אַלץ?

— ניין, אָט שרייבט מען מיר נאָך...

— איר זענט, ווי איך זע, געוואָרן אַ לייקע, אַ העלזל, דורך וועלכן עס גיסן זיך אויס אַלע אָנקלאַגעס פון טורמע, — האָט דער אַד-וואָקאַט שמייכלענדיק געזאָגט. — שוין צו פיל אַ ביסל, איבער אייערע כוחות.

— ניין, דאָס איז דאָך אַ מערקווירדיקער ענין, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט און בקיצור דערציילט דעם עצם פון דער זאַך, וואָס איז באַשטאַ-נען אין דעם, אַז אין דאָרף האָט אַ ווילקענדיקער פויער אָנגעהויבן צו לייענען דאָס עוואַנגעליום און טייטשן עס פאַר זיינע פריינט. די

גייסטלעכע האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ פאַרברעך. מ׳האָט אים געמסרט. דער אויספאָרשונגס-ריכטער האָט פאַרהערט, דער געהילפס-פּראָקוראָר האָט צונויפגעשטעלט דעם באַשולדיקונגס-אַקט... און די געריכטס-קאַמער האָט באַשטעטיקט די באַשולדיקונג.

— דאָס איז דאָך עפּעס גאָר אַ שרעק, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט. — איז עס דען אמת?

— וואָס איז דאָ דער חידוש?

— נו, אַלץ מיט אַנאַנדער. נו, איך פאַרשטיי דעם דאָרפס-פּאָליציאַנט, מ׳האָט אים געהייסן; אָבער דער געהילפס-פּראָקוראָר, וועלכער האָט צונויפגעשטעלט דעם באַשולדיקונגס-אַקט, ער איז דאָך אַ געבילדעטער מענטש...

— אָט דאָס איז דאָך דער טעות, וואָס מיר זענען געוווינט צו טראַכטן, אַז די פּראָקוראָטור, די געריכטס-לייט בכלל — דאָס זענען עפּעס נייע, ליבעראַלע מענטשן. זיי זענען אַמאָל געווען אַזעלכע, אָבער איצט איז גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס זענען באַאַמטע, וואָס האָבן אין זינען נאָר דעם 20-סטן*). ער באַקומט געהאַלט, ער דאַרף וואָס מערער, און דאָס זענען אַלע זיינע פּרינציפּן. ער וועט באַשולדיקן, משפּטן, פאַראורטיילן וועמען איר ווילט נאָר הערן און געדענקען.

— פאַראַן דען געזעצן, וואָס אויף זייער סמך קאָן מען פאַרשיקן אַ מענטש דערפאַר, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע געלייענט דאָס עוואַנגעליום?

— נישט נאָר פאַרשיקן אין די נישט גאָר ווייטע מקומות, נאָר אפילו אויף קאַטאָרגע, אויב נאָר ס׳וועט דערוויזן ווערן, אַז לייענענדיק דאָס עוואַנגעליום, האָבן זיי זיך דערלויבט צו טייטשן עס פאַר אַנדערע נישט אַזוי, ווי עס איז געבאָטן, און אַזוי אַרום אָפּגעפרעגט דעם פּשט פון דער קירך. און פאַר אַ חילול קעגן דער פּראַוואָסלאַווישער אמונה בפרהסיא קומט לויט דעם אַרטיקל 196 פאַרשיקונג.

— עס קאָן נישט זיין!

— איך זאָג אייך. איך זאָג אַלעמאָל צו די הערן געריכטס-לייט, — האָט דער אַדוואָקאַט ווייטער גערעדט, — אַז איך קאָן אויף זיי נישט

---

*) אין צאַרישן רוסלאַנד איז דער 20-סטער פון חודש געווען דער טאָג, ווען מ׳האָט אויסגעצאָלט שכירות די באַאַמטע (דער איבערז.)

קוקן אָן דאַנקבאַרקייט, וואָרים אויב איך זיך נישט אין תפיסה און איר דאָסגלייכן נישט, און מיר אַלע נישט, איז עס נאָר זייער גוטסקייט צו פאַרדאַנקען. און אַרומטערפירן יעדן איינעם פון אונז אונטער אַ פּאַראַגראַף צום פאַרלירן די באַזונדערע רעכט און פאַרשיקט צו ווערן אין די נישט גאָר ווייטע מקומות — איז לייכט ווי אַ האָר.

— אויב אַזוי, אויב אַלץ הענגט אָפּ פון דעם איינזעען פון פּראָקוראָר און די פּערזאָנען, וואָס קאָנען יאָ אָנווענדן דאָס געזעץ און נישט אָנווענדן, וואָס זשע דאַרף מען דאָס געריכט?

דער אַדוואָקאַט האָט זיך פריילעך פונאַנדערגעלאַכט.

— איר פרעגט גאָר אַזעלכע מיני קשיות! נו, מיין טייערער, דאָס איז שוין פילאָזאָפיע. מ'קאָן וועגן דעם אויך אַ שמועס געבן, פאַרוואָס נישט. אָט, כאַפּט זיך אַראָפּ אַ שבת. איר וועט באַ מיר טרעפן געלערנטע, ליטעראַטן, קינסטלער. אָט דעמאָלט וועלן מיר אַ שמועס טון וועגן אַלגעמיינע פראַגן אויך, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט, אַרויסרעדנדיק די ווערטער „אַלגעמיינע פראַגן" מיט אַן איראָנישן פּאַטאָס. — מיט מיין פרוי זענט איר באַקאַנט? קומט צו פאָרן.

— גוט, איך וועל זיך באַמיען, — האָט נעכליודאָוו געענטפערט, פילנדיק, אַז ער זאָגט אַ ליגנט. און אויב ער וועט זיך יאָ באַמיען, איז דווקא — נ י ש ט צו זיין אין אָוונט באַם אַדוואָקאַט אין דער סביבה פון די געלערנטע, ליטעראַטן און קינסטלער, וואָס פאַרזאַמלען זיך באַ אים.

דאָס געלעכטער, מיט וועלכן דער אַדוואָקאַט האָט געענטפערט אויף נעכליודאָווס באַמערקונג וועגן דעם, אַז דאָס געריכט האָט נישט קיין באַדייטונג, וויבאַלד די געריכטס-לייט קאָנען לויט זייער אייגענעם איינזעען יאָ אָנווענדן אָדער נישט אָנווענדן דאָס געזעץ, און די אינטאָנאַציע, מיט וועלכער ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער „פילאָזאָפיע" און „אַלגעמיינע פראַגן", האָבן געוויזן נעכליודאָוון, ווי פאַרשידן ער און דער אַדוואָקאַט און מן הסתם אויך — דעם אַדוואָקאַטס פריינט קוקן אויף זאַכן, און ווי טראָץ זיין איצטיקער דערווייטערונג פון זיינע פריערדיקע חברים ווי שענבאָק, פילט זיך נעכליודאָוו נאָך אַ סך ווייטער פון דעם אַדוואָקאַט און פון די מענטשן פון זיין קרייז.

XII.

צו דער טורמע איז געווען ווייט, און ס'איז שוין געווען שפּעט, דעריבער האָט נעכליודאָוו גענומען אַ דראָזשקע און איז אַוועקגעפאָרן צו דער טורמע. אויף איינער אַ גאַס האָט דער פורמאַן, אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ קלוג און גוטמוטיק פּנים, זיך געווענדעט צו נעכליודאָוון און אָנגעוויזן אויף אַ ריזיק הויז, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען.

— אָט דאָס הייסט אַ הויז, — האָט ער געזאָגט, גלייך ווי ער וואָלט געהאַט אַ חלק אין דעמדאָזיקן בנין און זיך געגרייסט דערמיט.

דאָס הויז האָט זיך באמת געבויט ריזיק־גרויס און אין עפּעס אַ קאָמפּליצירטן, אומגעווייגלעכן סטיל. פעסטע רושטאָוואַניעס פון גרויסע סאָסנע־בערוועגעס, צוגעפּגעהעפט דורך אייזערנע קלאַמערן, האָבן אַרומגערינגלט דעם בנין און אים אָפּגעטיילט פון דער גאַס דורך אַ געשאַלעווטן פּאַרקאַן. איבער די רושטאָוואַניעס האָבן אַרומגעשמייעט אַזוי ווי מילבן אַרבעטער פאַרשפּריצט מיט וואַפּנע: אייניקע האָבן געלייגט די ציגל, אַנדערע האָבן זיי אַרומגעשמירט, די דריטע האָבן געטראָגן אַרויפצו שווערע טאָטשקעס און פעסלעך און אַראָפּצו ליידיקע.

אַ דיקער און זייער שיין געקליידעטער הער, משמעות — דער אַרכיטעקט, איז געשטאַנען בײַ די רושטעוואַניעס, עפּעס אָנגעוויזן אינדערהייך און גערעדט צו דעם פּאָדריאַדטשיק, וועלכער האָט אים מיט גרויס רעספּעקט צוגעהערט. פון טויער פאַרביי דעם אַרכיטעקט מיט דעם פּאָדריאַדטשיק זענען אַרויסגעפאָרן ליידיקע פורן און אַרייַנגעפאָרן אָנגעלאָדענע.

„ווי זיי זענען עס אַלע זיכער בײַ זיך, — סיי די, וואָס אַרבעטן, סיי אויך די, וואָס צווינגען זיי צו אַרבעטן, אַז אַזוי באַדאַרף עס טאַקע צו זיין, אַז בשעת ווען אינדערהיים האָרעווען זייערע בייכיקע ווייבער איבער די כּוחות און די קינדער זייערע אין קאַפּטערלעך שמייכלען ווי זקנים פאַר דעם גיכן הונגער־טויט, דריגענדיק מיט די פיסעלעך. דאַרפן זיי בויען דעמדאָזיקן נאַרישן אומנייטיקן פּאַלאַץ פאַר עפּעס אַ נאַרישן,

און אומנייטיקן מענטש, טאַקע איינעם פון יענע, וואָס שטעלן זיי בדלות און טוען זיי באַרויבן", האָט נעכליודאָוו געטראַכט, קוקנדיק אויף דעמ־דאָזיקן הויז.

— יאָ, אַ נאַריש הויז, — האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין געדאַנק אויפן קול.

— סטייטש אַ נאַריש ? — האָט דער פורמאַן זיך אָפּגערופן אַ באַליידיקטער, — ס'קומט זיי אַ דאַנק, וואָס זיי גיבן דעם עולם אַרבעט, און איר זאָגט אַ נאַריש.

— אָבער די אַרבעט איז דאָך אַן אומנייטיקע.

— מסתמא יאָ אַ נייטיקע, וויבאַלד מ'בויט, — האָט דער פורמאַן אָפּגעענטפערט, — דער עולם האָט חתונה.

נעכליודאָוו איז אַנטשוויגן געוואָרן, בפרט אַז ס'איז שווער געווען צו רעדן מחמת דעם קלאַפּן פון די רעדער. נישט ווייט פון דער טורמע איז דער פורמאַן פון ברוק אַראָפּגעפאָרן אויפן שאָסיי, אַזוי, אַז ס'איז לייכט געוואָרן צו רעדן, און ער האָט זיך ווידער געווענדט צו נעכ־ליודאָוון.

— האָט זיך עס איצט אַ ביסל מענטשן אַ שאָט געטון אין שטאָט אַריין — אַ גרויל, — האָט ער געזאָגט, זיך אויסדרייענדיק אויף דער קעלניע און אָנווייזנדיק נעכליודאָוון אויף אַן אַרטעל דאָרפישע אַרבעטער, וואָס זענען מיט זעגן, העק, פעלצלעך און זעק אויף די פלייצעס זיי גע־גאַנגען אַנטקעגן.

— מערער דען, ווי אַמאָליקע יאָרן ? — האָט נעכליודאָוו גע־פרעגט.

— אַ גלייכעניש ! איצטער שלאָגט מען אָפּ די שוועלן אויף אַלע שטעלעס, אַז ס'איז אַן אומגליק. די באַלעבאַטים וואַרפן זיך אַרום מיט דעם עולם ווי מיט שפענדלעך. אומעטום איז איבערפולט.

— פאַרוואָס־זשע איז עס ?

— אַ סך מענטשן געוואָרן. נישטאָ זיך וווּ אַהינצוטון.

— איז וואָס, אַז אַ סך מענטשן. פאַרוואָס בלייבן זיי נישט אין דאָרף ?

— נישטאָ אין דאָרף וואָס צו טון. נישטאָ קיין ערד.

נעכליודאָוו האָט געפילט דאָס, וואָס עס טרעפט מיט אַן אָנגעגריפן אָרט. עס דאַכט זיך, אַז עפּעס מיט אַ כּיוון שלאָגסטו רק אָפּ דווקא דאָס

ווייטיקדיקע אָרט. — און דאַכטן דאַכט זיך עס נאָר דערפאַר, ווייל נאָר די קלעפּ איבער אַן אָנגעווייטיקט אָרט זענען קענטיק.

„איז דען אומעטום דאָס זעלבע" — האָט ער אַ טראַכט געטון און גענומען אויספרעגן דעם פורמאַן וועגן דעם, וויפיל ערד האָבן זיי אין דאָרף און וויפיל ערד האָט דער פורמאַן אַליין און צוליב וואָס ווינט ער אין שטאָט.

— ערד האָבן מיר, האַר לעבן, אַ דיעסיאַטין אויף אַ נפש און — האַלטן האַלטן מיר אויף דריי נפשות, — האָט דער פורמאַן גערן זיך צעשמועסט, — איך האָב אינדערהיים אַ פאָטער, אַ ברודער, אַ צווייטער ברודער אַ זעלנער. זיי טוען אָפּ די אַרבעט. אַז ס'איז נישטאָ וואָס אָפּצוטון. דער ברודער האָט אויך געוואָלט אַוועק קיין מאָסקווע.

— און מ'קאָן נישט דינגען קיין ערד?

— ווו איז היינט צו דינגען. די פּריצימלעך, וואָס זענען געווען, האָבן זייער ערד פאַרטאַכלעוועט, איז די גאַנצע ערד אַריינגעפאַלן צו די סוחרים אין די הענט. בא זיי וועסטו נישט אָפּקויפן, — זיי אַרבעטן אַליין. בא אונז איז דער באַלעבאָס אַ פראַנצויז, האָט אָפּגעקויפט באַם פריערדיקן פּריץ, פאַרדינגט ער נישט און טו אים עפּעס.

— וואָס פאַר אַ פראַנצויז?

— דיופאַר דער פראַנצויז, אפשר האָט איר געהערט. ער מאַכט אין גרויסן טעאַטער פּאַרוקן פאַר די אַקטיאָרן, אַ גוטע פּרנסה, איז ער נתעשר געוואָרן. האָט ער בא אונזער פריילין אָפּגעקויפט דאָס גאַנצע גוט. איצט איז ער אונזער באַלעבאָס. אַז ער וויל, פאָרט ער אויף אונז. אַ גליק נאָך, וואָס ער אַליין איז אַ גוטער מענטש. נאָר דאָס ווייב זיינס, אַ רוסינטע, אַזאַ כלבטע, אַז גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען. שטעלט דעם עולם בדיל הדל. נו, אָט איז די טורמע. ווּהין דאַרפט איר, צום הויפּט־אַריינגאַנג? מ'לאָזט, דאַכט זיך, דאָרט נישט אַריין.

XIII.

מיט הארצקלאפעניש און שרעק פאר דעם געדאנק וועגן דעם, אין וואס פאר א צושטאנד ער וועט היינט טרעפן מאסלאוועז, און פאר דעם סוד, וואס איז פאר אים געווען אין איר און אין יענער מענטשן-פאר-אייניקונג, וואס איז געווען אין טורמע, — האט נעכליודאוו אנגעקלונגען באם הויפט-ארייננאנג און בא דעם אויפזעער, וואס איז צו אים ארויס, געפרעגט אויף מאסלאווען. דער אויפזעער האט זיך אינפארמירט און געזאגט, אז זי איז אין שפיטאל. נעכליודאוו איז אוועק אין שפיטאל אריין. א גוטמוטיקער אלטיטשקער, דער שפיטאל-וועכטער, האט אים גלייך אריינגעלאזט, און געוויר געווארן, וועמען ער דארף זעען, אים אפגעשיקט אין דער קינדער-אפטיילונג.

דער יונגער דאקטאר, אינגאנצן דורכגעזאפט מיט קארבאל-זויערס, איז ארויס צו נעכליודאוון אין קארידאר און אים שטרענג געפרעגט, וואס ער דארף. דערדאזיקער דאקטאר האט געמאכט די ארעסטאנטן כלערליי הנחות און האט דעריבער תמיד געהאט אומאנגענעמע סיכסוכים מיט די טורמע-באאמטע און אפילו מיטן שעף-דאקטאר. אויס מורא, אז נעכליודאוו זאל בא אים נישט פאדערן עפעס אן אומגעזעצלעכע זאך און וועלנדיק דערצו באווייזן, אז בא אים איז פאר קיינע פערזאנען נישטא קיין אויסנאם, האט ער געמאכט דעם אנשטעל פון א בייזן.

— דא איז נישטא קיין פרויען, דאס איז די קינדער-אפטיילונג, — האט ער געזאגט.

— איך ווייס. אבער דא דארף זיין א ווארטערין, מ'האט זי ארי-בערגעפירט פון טורמע.

— יא, פאראן דא צוויי. איז וואס-זשע דארפט איר?

— איך שטיי נאענט צו איינער פון זיי, צו מאסלאווען, — האט נעכליודאוו געזאגט: — איז וואלט איך וועלן זי זעען, — איך פאר קיין פעטערבורג אנצוגעבן א קאסאציע אין איר פראצעס. און כ'האט געוואלט איבערגעבן אט דאס. דאס איז נישט מער ווי א פאטאגראפיש בילד, — האט נעכליודאוו געזאגט, ארויסנעמענדיק פון קעשענע א קאנווערט.

— נו, דאָס קאָן מען, — איז דער דאָקטאָר ווייכער געוואָרן — און זיך ווענדנדיק צו אַן אַלטיטשקער אין אַ ווייס פאַרטוך, האָט ער געזאָגט, זי זאָל אַ רוף טון די וואַרטערין, די אַרעסטאַנטין מאַסלאָווא.

— אפשר וועט איר זיך צוזעצן אַ ווײַלע אָדער אַרייַנגיין אין אויפנאַם-צימער.

— איך דאַנק אײַך, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, און אויסנוצנדיק די פּאָר אים גינסטיקע פאַרענדערונג אין דעם דאָקטאָר, האָט ער אים געפרעגט, ווי אַזוי איז מען מיט מאַסלאָווען צופרידן אין שפּיטאָל.

— נישקשה, אַרבעט נישט שלעכט, נעמענדיק אין אַכט די באַדינגונגען, אין וועלכע זי איז געווען, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, — נאָר אָט איז זי אַליין.

פון אַ טיר איז אַרויסגעקומען די אַלטיטשקע וואַרטערין און נאָך איר מאַסלאָווא. זי איז געגאַנגען אין אַ ווייס פאַרטוך אויף אַ געשטרייפט קלייד, אויפן קאָפּ אַ טיכל, וואָס האָט באַהאַלטן די האָר. דערזעען נעכליודאָווען, האָט זי זיך אָנגעצונדן, געבליבן שטיין עפּעס ווי אומאַנטשלאָסן, דערנאָך זיך אָנגערוגזהט און, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, מיט גיכע טריט זיך געלאָזט גיין צו אים איבער דעם טרעטער פון קאָרידאָר. צוגעגאַנגען צו נעכליודאָוון, האָט זי געוואָלט נישט דערלאַנגען אים די האַנט, דערנאָך דערלאַנגט און נאָך מער רויט געוואָרן. נעכליודאָוו האָט זי מער נישט געזעען זינט יענעם שמועס, ווען זי האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר איר היציקייט, און ער האָט זיך איצט געריכט צו געפינען זי אַזאַ ווי דעמאָלט. דאָס מאָל איז זי אָבער געווען גאָר אַן אַנדערע, און אין דעם אויסדרוק פון איר פּנים איז געווען עפּעס נייעס: צוריקגעהאַלטנס, שעמעוודיקס און, ווי נעכליודאָוון האָט זיך אויסגעוויזן, אומגינציקס צו אים. ער האָט איר געזאָגט דאָס אייגענע, וואָס ער האָט געזאָגט דעם דאָקטאָר, אַז ער פאָרט קיין פּעטערבורג, און האָט איר איבערגעגעבן דער קאָנווערט מיט דער פאָטאָגראַפיע, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון פּאַנאָווא.

— דאָס האָב איך געפונען אין פּאַנאָווא, אַן אַמאָליקע פאָטאָגראַפיע, אפשר איז אײַך אָנגענעם. נעמט.

זי האָט אויפגעהויבן די שוואַרצע ברעמען, פאַרוווּנדערט אים אָנגעקוקט מיט אירע שיקלדיקע אויגן, גלייך זי וואָלט געפרעגט: — צוואָס איז דאָס נייטיק? — און האָט שווייגנדיק גענומען דעם קאָנווערט און אים אַרייַנגעלייגט הינטערן פאַרטוך.

— איך האָב דאָרט געזעען די מומע אייערע, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— זי געזעען? — האָט זי גלייכגילטיק געזאָגט.

— איז אייך דאָ גוט? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— נישקשה, גוט, — האָט זי געזאָגט.

— נישט צו שווער?

— ניין, נישקשה. איך בין נאָך נישט צוגעוווינט.

— איך בין זייער צופרידן פאַר אייך. אַלץ בעסער ווי דאָרטן.

— ווי ווו דאָרטן? — האָט זי געזאָגט, און איר פּנים האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ רויטקייט.

— דאָרט, אין טורמע, — האָט נעכליודאָוו אויף גיך געזאָגט.

— מיט וואָס דען בעסער?

— איך גלייב, די מענטשן זענען דאָ בעסערע. נישטאָ אַזעלכע, ווי דאָרטן.

— פאַראַן דאָרטן אַ סך גוטע, — האָט זי געזאָגט.

— וועגן די מענשאָווס האָב איך זיך משתדל געווען און איך האָף, אַז מ'וועט זיי באַפרייען, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— הלוואי, אַזאַ וווּנדערלעכע אַלטיטשקע, — האָט זי געזאָגט, איבערחזרנדיק די דעפיניציע אירע פון דער אַלטיטשקער און האָט עטוואָס אַ שמייכל געטון.

— איך פאָר היינט קיין פּעטערבורג. אייער פּראָצעס וועט גאָר אינגיכן באַטראַכט ווערן, און איך האָף, אַז מ'וועט אָפּשאַפן דעם פּסק-דין.

— צי מ'וועט אָפּשאַפן אָדער מ'וועט נישט אָפּשאַפן, איצט איז אַלצאיינס, — האָט זי געזאָגט.

— פאַרוואָס עפּעס: איצט?

— אַזוי, — האָט זי געזאָגט, און פרעגעריש געכאַפּט אים אַ קוק אין פּנים אַריין.

נעכליודאָוו האָט פאַרשטאַנען דאָסדאָזיקע וואָרט און דעמדאָזיקן קוק אַזוי, אַז זי וויל וויסן, צי האַלט ער זיך בײַ זיין באַשלוס אָדער ער האָט אָנגענומען איר אָפּזאָג און געענדערט דעם באַשלוס.

— איך ווייס נישט, פאַרוואָס איז עס פאַר אייך אַלצאיינס, — האָט ער געזאָגט. — אָבער פאַר מיר איז עס טאַקע אַלצאיינס: צי מ'וועט אייך

באַפּרייען אָדער נישט. איך בין אַלנפאַלס גרייט צו טון, וואָס איך האָב געזאָגט, — האָט ער אַנטשלאָסן אַרויסגערעדט.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און די שוואַרצע שיקלענדיקע אויגן זענען שטיין געבליבן אי אויף זיין פּנים, אי פאַרביי אים, און איר גאַנץ פּנים האָט אויפגעשיינט מיט פרייד. געזאָגט אָבער האָט זי גאָרנישט דאָס, וואָס די אויגן אירע האָבן גערעדט.

— דאָס זאָגט איר אומזיסט, — האָט זי זיך אָפּגערופן.

— איך זאָג דאָס, איר זאָלט וויסן.

— וועגן דעם איז אַלץ אָפּגעזאָגט און נישטאָ וואָס צו רעדן, — האָט זי געזאָגט, קוים מיט מאַטערניש איינהאַלטנדיק אַ שמייכל.

אין פּאַלאַטע איז געוואָרן עפּעס אַ טומל, ס'האָט זיך דערהערט אַ קינדעריש געוויין.

— מ'רופט מיך, דאַכט זיך, — האָט זי געזאָגט, אומרויק אַרומקוקנדיק זיך.

— נו, איז זייט געזונט, — האָט ער געזאָגט.

זי האָט זיך געמאַכט, ווי זי האָט נישט באַמערקט די אויסגעשטרעקטע האַנט און, נישט טוענדיק זי קיין דריק, האָט זי זיך אויסגעדרייט, און באַמיענדיק זיך צו באַהאַלטן איר טריומף, איז זי מיט גיכע טריט אַוועק איבער דעם טרעטער פון קאָרידאָר.

„וואָס קומט אין איר פאָר אַצוינס? וואָס טראַכט זי? וואָס פילט זי? וויל זי מיך אויספּרוּוון אָדער זי קאָן טאַקע באמת מיר נישט מוחל זיין? קאָן זי נישט זאָגן דאָס אַלץ, וואָס זי טראַכט און פילט, אָדער זי וויל נישט? איז זי ווייכער געוואָרן אָדער פאַרביסענער?" — האָט נעכליודאָוו זיך געפרעגט און בשום אופן נישט געקאָנט זיך געבן קיין ענטפער. איינס נאָר האָט ער געוווּסט — אַז זי האָט זיך פאַרענדערט און אין איר איז אָנגעגאַנגען אַ פאַרענדערונג אַ וויכטיקע פאַר איר נשמה, און דידאָזיקע פאַרענדערונג האָט אים פאַרבונדן נישט נאָר מיט איר, נאָר אויך מיט דעם. אין וועמענס נאָמען דידאָזיקע פאַרענדערונג איז פאָרגעקומען. און אָט דידאָזיקע פאַרבינדונג האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ פריידיק-אויפגערעגטן און גערירטן צושטאַנד.

צוריקגעקומען אין פּאַלאַטע אַריין, וווּ ס'זענען געשטאַנען אַכט קינדערישע בעטלעך, האָט מאַסלאָוואַ, לויט דעם באַפעל פון דער קראַנקן-שוועסטער, אָנגעהויבן איבערצובעטן די בעטלעך און, זיך צו ווייט אַריבערגעבויגן מיטן ליילעך, האָט זי זיך אויסגעגליטשט און שיער נישט

אומגעפאַלן. אַ יינגל מיט אַן ארומגעבוונדענעם האַלז, וואָס האָט געהאַלטן אין געזונט ווערן און וועלכער האָט געקוקט אויף איר, האָט זיך צעלאַכט. און מאַסלאָווא האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און, זיך אַנידערגעזעצט אויפן בעט, איז זי זיך פאַרגאַנגען מיט אַזאַ הילכיק און אָנשטעקנדיק געלעכטער, אַז עטלעכע קינדער האָבן זיך אויך פונאַנדער־געלאַכט, און די שוועסטער האָט מיט כעס אויף איר אָנגעשריגן:

— וואָס ראַהאָטשעסטו? מיינסט, אַז דו ביסט דאָרט, ווו דו ביסט געווען! גיי נאָך די פּאָרציעס!

מאַסלאָווא איז אַנטשוויגן געוואָרן און, גענומען דאָס געפעס, איז זי אַוועק וווהין מ'האָט זי געשיקט, אָבער זיך איבערגעקוקט מיט דעם אַרומגעבונדענעם יינגעלע, וואָס אים איז געווען פאַרווערט צו לאַכן, האָט זי ווידער אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

עטלעכע מאָל אין משך פון טאָג, ווי נאָר זי פלעגט בלייבן אַליין, האָט מאַסלאָווא אַרויסגערוקט דאָס בילד פון קאָנווערט און אָנגעקוקט זיך דערפון; אָבער ערשט אין אָוונט נאָך דער דיזשור־צייט, געבליבן אַליין אין צימערל, ווו זי איז געשלאָפן זאַלבענאַנד מיט דער וואַרטערין, האָט מאַסלאָווא אינגאַנצן אַרויסגענומען די פאָטאָגראַפיע פון קאָנווערט און אַ לאַנגע צייט, אומבאַוועגלעך, קעכלענדיק מיט די אויגן יעדן דעטאַיל פון די פּנימער, און פון די קליידער, און פון די באַלקאָן־טרעפּלעך, און פון די ביימעלעך, — וואָס אויף זייער פאָן זענען אַרויסגעקומען די אָראָפּגענומענע פּנימער פון אים און פון איר און פון די מומעס, — האָט זי געקוקט אויף דעם אָפּגעבליאַקירטן, פאַרגעלטן בילד און זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן דערהויפּט אויף זיך אַליין, אויף איר יונג, שיין פּנים מיט די געקרויזטע האָר אַרום שטערן. זי האָט זיך אַזוי פאַרקוקט, אַז זי האָט נישט באַמערקט, ווי איר חברטע די וואַרטערין איז אַריין אין צימער.

— וואָס איז דאָס אַזוינס! דאָס האָט ער דיר געגעבן? — האָט די גראָבע גוטמוטיקע וואַרטערין געזאָגט, זיך אָנבייגנדיק איבער דער פאָטאָגראַפיע. — דו ביסט עס דען?

— ווער זשע דען? — האָט מאַסלאָווא שמייכלענדיק געזאָגט, קוקנדיק אויף דער חברטעס פּנים.

— און ווער איז דאָס, ער אַליין? און דאָס איז די מוטער זיינע?

— אַ מומע. וואָלסט דען מיך נישט דערקענט? — האָט מאַסלאָווא געפרעגט.

— ווי דערקענט! קיינמאָל אין לעבן וואָלט איך נישט דערקענט. דאָס גאַנצע פּנים איז גאָר אַן אַנדערס. עס איז דאָך, מיין איך, אַ יאָר צען פון דעמאָלט אָן!

— נישט קיין יאָרן, נאָר אַ לעבן, — האָט מאַסלאָווא געזאָגט, און פּלוצלינג איז איר גאַנצע אויפגעלעבטקייט פאַרשוווּנדן. דאָס פּנים איז געוואָרן פאַראומערט, און אַ קנייטש האָט זיך אַריינגעשניטן צווישן די ברעמען.

— וואָס אי׳ דען, דאָס לעבן „דאָרט" איז דאָך אַ גרינגס, מסתמא.

— יאָ, אַ גרינגס! — האָט מאַסלאָווא נאָכגעזאָגט, פאַרמאַכנדיק די אויגן און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — ערגער פון קאַטאָרגע!

— פאַרוואָס עפּעס?

— פאַר דעם! פון 8 אין אָוונט ביז 4 פאַרטאָג, אַלע טאָג אַזוי.

— פאַרוואָס־זשע וואַרפט מען עס נישט אַוועק?

— מ׳וויל אַוועקוואַרפן טאַקע, אָבער מ׳קאָן נישט. נאָר וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן, — האָט מאַסלאָווא זיך אָנגערופן, איז אויפגעשפּרונגען, אַ שליידער אַריין געטאָן די פאָטאָגראַפיע אין טישקעסטל און, מיט געוואַלט איינהאַלטנדיק די בייזע טרערן, איז זי אַרויסגעלאָפן אין קאָרידאָר, אַ האַק טוענדיק מיט דער טיר. קוקנדיק אויף דער פאָטאָגראַפיע, האָט זי זיך געפילט אַזאַ, ווי זי איז פאַרגעשטעלט אויף דער פאָטאָגראַפיע, ווען זי האָט געטרוימט וועגן דעם, ווי גליקלעך זי איז דעמאָלט געווען און וואָלט נאָך עד־היום געקאָנט זיין גליקלעך מיט אים. דער חברטעס ווערטער האָבן זי דערמאַנט דאָס, וואָס זי איז איצטער געווען, און דאָס, וואָס זי איז געווען דאָרטן, — דערמאַנט זי דעם גאַנצן שוידער פון יענעם לעבן, וואָס דעמאָלט האָט זי דעמדאָזיקן שוידער מטושטש געאַנט, אָבער זיך נישט דערלויבט צו פילן, באַוווסטזיניק.

ערשט איצט האָט זי זיך לעבעדיק דערמאַנט אָן די אַלע שרעקלעכע נעכט און דערהויפּט איין נאַכט בשעת קאַרנאַוואַל, ווען זי האָט זיך געריכט אויף אַ סטודענט, וועלכער האָט צוגעזאָגט זי אויסצוקויפן. זי האָט זיך דערמאַנט, ווי זי אין אַ דעקאָלטירט, מיט ווייַן פאַרגאָסן, רויט, זיידן קלייד, מיט אַ רויטער באַנד אין די צעפּלאָנטערטע האָר, אַן אויסגעמאַטערטע און אָפּגעשלאַפטע און אַ פאַרשיכורטע, האָט באַגלייט די געסט און אַ זייגער צוויי בּאַנאַכט בשעת אַ טאַנץ־אַנטראַקט

זיך צוגעזעצט צו דער דאַרער ביינערדיקער געשטופּלטער אַקאָמפּאַניאַ־טאָרין פון דעם פידלער און זיך אָנגעהויבן צו באַקלאָגן פאַר איר אויף איר ״שווערן לעבן, און ווי דידאָזיקע אַקאָמפּאַניאַטאָרין האָט אויך געזאָגט, אַז די לאַגע אירע פאַלט איר צו לאַסט און זי וויל עס ענדערן, און ווי צו זיי איז צוגעגאַנגען קלאַרע, און ווי זיי האָבן פּלוצלינג באַשלאָסן זאַלבעדריט אַוועקצוואַרפן דאָסדאָזיקע לעבן. זיי האָבן געמיינט, אַז די היינטיקע נאַכט איז געענדיקט, און האָבן זיך געוואָלט פונאַנדערגיין, ערשט פּלוצלינג זענען אין פּאַדערצימער מיט אַ רעש אַריין שיכּורע געסט. דער פידלער האָט אויפגעשפּילט אַ ריטורנעל, די אַקאָמפּאַניאַטאָרין האָט אָנגעהויבן אויפן פּיאַנינאָ אויסצוקלאַפּן דעם אַקאָמפּאַניאַמענט פון אַ צעהוליעט רוסיש ליד צו ערשטער פיגור פון קאַדריל; ווי אַ קליין, שיכּור, מיט ווייַן שטינקענדיק און שלוקעכצנדיק מענטשל אין אַ ווייס שניפּסל און אין אַ פראַק, וועלכן ער האָט אויסגעטון בשעת דער צווייטער פיגור, האָט זי אַ כאַפּ געטון, און אַ צווייטער, אַ גראָבאַטש מיט אַ באָרד, אויך אין אַ פראַק (זיי זענען געקומען צו פאָרן פון אַ באַל ערגעץ) — האָט אַ כאַפּ געטון קלאַרען, און ווי זיי האָבן זיך לאַנג געדרייט, געטאַנצט, געשריגן, געטרונקען...

און אַזוי איז אַריבער אַ יאָר און צוויי און דריי. ווי אַזוי־זשע האָט מען זיך געקאָנט נישט פאַרענדערן! און שולדיק אין דעם אַלעם איז געווען ער. און אין איר האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן ווידער דיזעלביקע פאַרביטערונג צו אים, ס׳האָט זיך פאַרגלוסט אים זידלען, פאַרהאַלטן. עס האָט איר באַנג געטון, וואָס זי האָט דורכגעלאָזט היינט די געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן אים נאָכאַמאָל דאָס זעלבע, אַז זי קען אים און וועט זיך אים נישט אונטערגעבן, וועט אים נישט דערלויבן גייסטיק אויסצונוצן זי, ווי ער האָט זי אויסגענוצט קערפּערלעך, וועט אים נישט דערלויבן צו מאַכן זי פאַר אַן אָביעקט פון זיין גרויסמוט. און כדי ווי־עס־איז צו פאַרשטיקן דאָסדאָזיקע פּייַנלעכע געפיל פון רחמנות צו זיך אַליין און פון אומנוצלעכן פאָרוואורף צו אים, האָט זיך איר פאַרגלוסט בראָנפן. און זי וואָלט נישט געהאַלטן וואָרט און וואָלט געטרונקען, ווען זי וואָלט געווען אין טורמע. דאָ אָבער קריגן בראָנפן האָט מען נישט געקאָנט סיידן באַם פעלדשער, און פאַר דעם פעלדשער האָט זי מורא געהאַט, ווייל ער איז געקראָכן צו איר. און די באַציונגען מיט מענער זענען איר געווען דערווידער. אָפּגעזעסן אַ צייט אויפן בענקל אין קאָרי־

דאָר, האָט זי זיך צוריקגעקערט אין קאַמערל און, נישט ענטפערנדיק דער חברטע, לאַנג געוויינט אויף איר פאַרלוירן לעבן.

XIV

אין פעטערבורג האָט נעכליודאָוו געהאַט צו דערליידיקן דריי זאַכן: מאַסלאָוועס קאַסאַציע אין סענאַט, פעדאָסיע בירוקאָוועס ענין אין דער קאָמיסיע פאַר בקשות און — לויט דעם אויפטראָג פון ווערא באָגאָדו־כאָווסקאַיאַ — דעם ענין אין דער זשאַנדאַרמען־פאַרוואַלטונג אָדער אין דער 3־טער אָפטיילונג וועגן באַפרייען שוסטאָווען און וועגן אַ זעונג צווישן אַ מוטער און אַ זון, וועלכער איז געזעסן אין פעסטונג, וואָס וועגן דעם האָט אים צוגעשיקט אַ צעטעלע די זעלביקע ווערא באָגאָדוכאָוו־סקאַיאַ. דידאָזיקע ביידע ענינים האָט ער פאַררעכנט פאַר איין זאַך. און אַ פערטער ענין איז געווען דער פּראָצעס פון די סעקטאַנטן, וואָס מ'פאַר־שיקט פון זייערע פאַמיליעס אויף קאַווקאַז דערפאַר, וואָס זיי האָבן גע־לייענט און געטייטשט דאָס עוואַנגעליום. ער האָט נישט אַזוי זיי דאָס צוגע־זאָגט, ווי זיך אַליין — טון אַלץ, וואָס ס'וועט נאָר מעגלעך זיין — אויפ־צוקלערן דעמדאָזיקן ענין.

זינט זיין לעצטן באַזוך באַ מאַסלעניקאָוון, בפרט נאָך זיין נסיעה אין דאָרף אַריין, האָט נעכליודאָוו נישט אַזוי באַשלאָסן, ווי ער האָט מיט זיין גאַנץ וועזן דערשפירט אַ ווידערגעפיל צו זיין סביבה, אין וועל־כער ער האָט געלעבט ביז אַהער, — צו יענער סביבה, וווּ מ'האָט אַזוי פלייסיק באַהאַלטן די יסורים, וואָס מיליאָנען מענטשן טראָגן אַריבער צו באַזאָרגן די באַקוועמלעכקייטן און תענוגים פון אַ קליינער צאָל, אַז די מענטשן פון דערדאָזיקער סביבה זעען נישט און קאָנען נישט זעען די־דאָזיקע יסורים און דעריבער אויך — די אכזריות און די פאַרברעכעריש־קייט פון זייער לעבן. נעכליודאָוו האָט שוין איצטער נישט געקאָנט אָן פאַרלעגנהייט און אָן פאָרוווּרף צו זיך אַליין — זיך באַנעמען מיט מענטשן פון דערדאָזיקער סביבה. פון דער אַנדערער זייט אָבער האָבן אים אין דערדאָזיקער סביבה אַריין געצויגן די געוווינהייטן פון זיין פאַרגאַנגענעם לעבן; געצויגן אויך די פאַמיליע־און פריינטשאַפטס־באַציונגען און דער־היפּט דאָס, וואָס כּדי צו טון דאָס, וואָס איצט האָט אים איינציק אינטע־

רעסירט, העלפן מאַסלאָווען און די אַלע ליידנדיקע, וועלכע ער האָט געוואָלט העלפן, האָט ער געמוזט אָנקומען נאָך הילף און נאָך די טובות צו די מענטשן פון דערדאָזיקער סביבה, מענטשן, וואָס לא די וואָס ער האָט זיי נישט געאַכט, האָבן זיי נאָך אין אים אָפטמאָל אַרויסגערופן צאָרן און פאַראַכטונג.

אָנגעקומען קיין פּעטערבורג און פאַרפאָרן צו זיינס אַ מומע פון דער מוטערס צד, גרעפין טשאַרסקאַיאַ, דאָס ווייב פון אַ געוועזענעם מיניסטער, איז נעכליודאָוו גלייך אַריינגעפאַלן סאַמע אין דעם האַרץ פון דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט, וועלכע איז אים אַזוי פרעמד געוואָרן. אים איז דאָס געווען נישט אָנגענעם, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין ברירה. פאַרפאָרן נישט צו דער מומען, נאָר אין אַ האָטעל וואָלט געהייסן — באַליידיקן זי, די מומע האָט אָבער געהאַט גרויסע פאַרבינדונגען און האָט געקאָנט גאָר שטאַרק צונוץ קומען אין די אַלע ענינים, וועגן וועלכע ער האָט געהאַט בדעה זיך משתדל צו זיין.

— וואָס איך הער פון דיר! ממש וווּנדער איבער וווּנדער, — האָט גרעפין יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ גערעדט צו אים, אָנטרינקענדיק אים מיט קאַווע באַלד ווי ער איז געקומען. — Vous posez pour un Howard*). קומסט פאַרברעכער צו הילף. פאָרסט איבער די תּפיסות. פירסט אַרויף אויפן דרך-הישר.

— אָבער ניין, טראַכט אפילו נישט דערפון.

— אדרבא, דאָס איז זייער גוט. אָבער דאָ מוז אָבער שטעקן אַ ראָמאַנטישע געשיכטע. נו, דערצייל אָקאָרשט.

— נעכליודאָוו האָט דערציילט זיינע באַציונגען צו מאַסלאָווען, — אַלץ ווי ס'איז געווען.

— איך געדענק, איך געדענק, די אָרימע עלען נעבעך האָט מיר עפּעס געזאָגט אַמאָל, ווען דו האָסט געלעבט בײַ דידאָזיקע זקנות: זיי האָבן דיך, דאַכט זיך, געוואָלט פאַרשלייערן מיט זייער האָדויליע (גרעפין יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט אַלעמאָל מבטל געמאַכט נעכליודאָווס מומעס פון פאָטערס צד)... איז דאָס זי, הייסט עס? Elle est encore jolie?**)

*) דו פּאָזירסט אויף אַ האָוואַרד

**) איז זי נאָך שיין?

די מומע יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ איז געווען אַ 60-יעריקע, געזונטע, פריילעכע, ענערגישע, פלוידערישע פרוי. זי איז געווען אַ הויך געוווקסיקע און זייער אַ דיקע, אויף דער ליפּ באַ איר האָבן זיך געלאָזט מערקן שווארצע וואָנסעס. נעכליוּדאָוו האָט זי ליב געהאַט און פון קינדווייז אויף נאָך געווינט געווען אָנצוּנעמען זיך פון איר ענערגיע און פריילעכקייט.

— ניין, ma tante, דאָס אַלץ איז אויס. איך האָב בלויז געוואָלט איר העלפן, וואָרים ערשטנס איז זי פאַרמשפּט געוואָרן אומשולדיקערהייט, און איך בין אין דעם שולדיק, בין שולדיק אין איר גאַנצן גורל בכלל. איך פיל זיך פאַרפליכטעט צו טון פאַר איר וואָס איך קאָן.

— אָבער וואָס האָט מען מיר געזאָגט, אַז דו ווילסט מיט איר חתונה האָבן?

— איך האָב טאַקע געוואָלט, אָבער זי וויל נישט.

יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט פאַרחידושט און שווייגנדיק אָנגעקוקט דעם פּלימעניק, אויסשטרעקנדיק דעם שטערן און אַראָפּלאָזנדיק די שוואַרצאַפּלען. פּלוצלינג איז איר פּנים פאַרענדערט געוואָרן און אויף אים האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון פאַרגעניגן.

— נו, זי איז קליגער פאַר דיר. אַך, סאַראַ שוטה דו ביסט! און דו וואָלסט מיט איר חתונה געהאַט?

— אומבאַדינגט.

— נאָך אַלעם דעם, וואָס זי איז געווען.

— דווקא דערפאַר. איך בין דאָך אין אַלעם שולדיק.

— ניין, דו ביסט פּשוט אַ באַלץ, אָבער דווקא דערפאַר האָב איך דיך ליב, וואָס דו ביסט אַזאַ שרעקלעכער באַלץ — האָט זי איבערגעחזרט, קענטיק ליב באַקומען גאָר שטאַרק דאָסדאָזיקע וואָרט, וואָס האָט אין אירע אויגן ריכטיק איבערגעגעבן דעם גייסטיקן און מאָראַלישן צושטאַנד פון איר פּלימעניק. — דו ווייסט, וואָס איך האָב זיך דערמאָנט,— האָט זי ווייטער גערעדט, — Aline האָט אַ וווּנדערלעכע היים פאַר מאַגדאַלענעס. איך בין איינמאָל געווען. זיי זענען אַזעלכע עקלהאַפטע: איך האָב זיך נאָכדעם געהאַלטן אין איין וואַשן. אָבער Aline איז corps et âme*) דערמיט פאַרנומען. וועלן מיר זי אָט, דיינע, אָפּגעבן צו איר.

---

*) מיט לייב און זעל.

אויב עמעצער קאָן זי אַרויספירן אויפן גלייכן וועג, איז דאָס סיידן Aline.

— זי איז דאַך אָבער פאַרמשפּט אויף קאַטאָרגע. איך בין טאַקע דער־פאַר דאַך געקומען, זיך משתדל צו זיין וועגן דער אָפּשאַפונג פון דעמ־דאָזיקן פסק־דין. דאָס איז מיין ערשטער ענין צו אייך.

— אַזוי גאָר! ווו־זשע איז דאָס איר פּראָצעס!

— אין סענאַט.

— אין סענאַט? יאָ, מיין ליבער cousin ליאָוושקאַ איז אין סענאַט. אָבער וואָס רעד איך — ער דינט אין דעם העראַלדיק־דעפּאַר־טאַמענט. נו, און פון די אמתע קען איך קיינעם נישט. דאָס זענען אַלץ גאָט ווייסט ווער, אָדער דייטשן: גע, דע, פע — tout l'alphabet*) אָדער כל המינים איוואַנאָוו, סעמיאָנאָוו, ניקיטין, אָדער איוואַניענקאָ, סימאָניענקאָ, ניקיטיענקאָ, pour varier. Des gens de l'autre monde**). נו, פונדעסטוועגן וועל איך זאָגן דעם מאַן. ער קען זיי יאָ. ער קען כלערליי מענטשן. איך וועל אים זאָגן. און דו זאָלסט אים צע־קייען, וואָרים מיך פאַרשטייט ער קיינמאָל נישט. וואָס איך זאָל אים נישט זאָגן, זאָגט ער, אַז ער הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין C'est un parti pris***). אַלע פאַרשטייען, נאָר ער אַליין פאַרשטייט נישט.

אינדעם האָט אַ לאָקיי אין זאָקן אַריינגעטראָגן אַ בריוו אויף אַ זילבערנער טאַץ.

— גראַד פון Aline. אָט וועסטו הערן קיזעוועטערן אויך.

— ווער איז דער קיזעוועטער?

— קיזעוועטער? קום צו גיין היינט, וועסטו געוויר ווערן, ווער דאָס איז אַזוינער. ער רעדט אַזוי, אַז די פאַרביסנסטע פאַרברעכער פאַלן אויף די קני און וויינען און טוען תשובה.

גרעפין יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, ווי דאָס איז נישט געווען אויס־טערליש און ווי וויניק דאָס האָט געפּאַסט צו איר כאַראַקטער, איז געווען אַ פאַרברענטע אָנהענגערין פון דער לערע, אַז דער עצם פון

*) דער גאַנצער אלף־בית.

**) צוליב פאַרשידנאַרטיקייט. מענטשן פון אַן אַנדערער וועלט.

***) דאָס איז מיט אַ כיוון.

קריסטנטום באַשטייט אין דעם גלייבן אין אויסלייזונג. זי פלעגט פאָרן אויף אסיפות, ווו דידאַזיקע, צו יענער צייט מאָדישע לערע איז געפּריידיקט געוואָרן און האָט פארזאַמלט באַ זיך די גלויביקע. הגם דידאַזיקע לערע האָט געלייקנט נישט נאָר אין אַלע רעליגיעזע צערעמאָניעס, הייליקע בילדער, נאָר אפילו אין די סאַקראַמענטן, האָט גרעפין יעקאַטעּרינאַ איוואַנאָוונאַ אין אַלע צימערן און אפילו איבער איר בעט געהאַט איקאָנעס, און זי האָט מקיים געווען אַלע געבאָטן פון דער קירך, נישט זעענדיק דערין קיין שום סתירה.

— אָט ווען דיין מאַגדאַלענע וואָלט אים געהערט רעדן. זי וואָלט זיך איבערגעשמדט. — האָט די גרעפין געזאָגט. — אין דו זאָלסט למען השם אין אָונט זיין אינדערהיים. וועסט אים הערן. דאָס איז אַ ווונדערלעכער מענטש.

— מיר איז דאָס נישט אינטערעסאַנט, ma tante.

— און איך זאָג דיר, אַז אינטערעסאַנט. און דו זאָלסט אומבאַדינגט קומען. נו, זאָג, וואָס דאַרפסטו נאָך פון מיר האָבן. Vider votre sac*).

- נאָך אַן ענין האָב איך אין פעסטונג.

— אין פעסטונג. נו, אַהינצו קאָן איך דיר געבן אַ צעטעלע צו באַראָן קריגסמוט. C'est un très brave homme**). אָבער דו קענסט דאָך אים אַליין אויך. ער איז מיט דיין פאָטער Il donne le spiritisme***). נו, דאָס מאַכט נישט אויס. ער איז אַ גוטער. וואָס־זשע דאַרפסטו דאָרטן האָבן?

— מ'דאַרף בעטן, אַז מ'זאָל אַ מוטער דערלויבן אַ זעונג מיט אַ זון, וועלכער זיצט דאָרטן. מ'האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז דאָס ווענדט זיך נישט אָן קריגסמוטן, נאָר אָן טשערוויאַנסקין.

— טשערוויאַנסקין האָב איך נישט ליב. אָבער, דאָס איז דאָך Mariette'ס מאַן. קאָן מען זי בעטן. זי וועט עס טון פאַר מיר. Elle est très gentillè****).

---

*) ליידיקט אויס אייער זאַק.

**) דאָס איז אַ ווילער מענטש.

***) ער האָט זיך אַריינגעטון אין ספּיריטיזם.

****) זי איז זייער אַ ליבע.

— מ׳דארף בעטן נאָך פּאר אַ פרוי. זי זיצט עטלעכע חדשים און קיינער ווייסט נישט פאַרוואָס.

— נו, ניין, זי אַליין ווייסט נישקשה פאַרוואָס. זיי ווייסן זייער גוט. און אַ מצווה אויף זיי, אויף דידאָזיקע געשווירענע.

— מיר ווייסן נישט, צי אַ מצווה אָדער נישט. און זיי ליידן. איר זענט אַ קריסטין און גלייבט אין עוואַנגעליום און איר זענט אַזוי אומדערבאַרעמדיק.

— נישקשה, דאָס האָט גאַרנישט אײנס צום אַנדערן. עוואַנגעליום איז זיך עוואַנגעליום, און וואָס ס׳איז אַ מיאוסע זאַך, איז אַ מיאוסע זאַך. ס׳וועט זיין ערגער, אויב איך וועל זיך מאַכן, אַז איך האָב ליב ניהיליסטן, בפרט אָבער — געשווירענע ניהיליסטקעס, בשעת איך קאָן זיי נישט ליידן.

— פאַרוואָס־זשע קאָנט איר זיי נישט ליידן?

— נאָך דעם 1־טן מערץ פרעגסטו נאָך: פאַרוואָס?

— נישט אַלע אָבער זענען דאָך אָנטיילנעמערינס פון 1־טן מערץ.

— אַלצאיינס: וואָס מישן זיי זיך נישט אין זייער זאַך, ס׳איז נישט קיין ווייבערישע זאַך.

— נו, נעמט Mariette, האַלט איר דאָך אַליין, אַז זי מעג זיך פאַרנעמען מיט געשעפטן? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— Mariette? Mariette — איז דאָך Mariette. אָבער דאָ איז דאָך ווער ווייסט ווער! עפּעס אַ כאַלטיופּקינע דאָרט, וויל זי אונז לערנען.

— נישט לערנען, נאָר פּשוט העלפן דעם פאָלק ווילן זיי.

— מ׳ווייסט אָן זיי ווען מ׳דאַרף העלפן און ווען נישט.

— אָבער דאָס פאָלק איז דאָך אין גרויס נויט. אָט בין איך באַר־וואָס געקומען צו פאָרן פון דאָרף. איז עס דען נייטיק, אַז די פּויערים זאָלן האָרעווען איבער די כּוחות און זאָלן נישט דערעסן און מיר זאָלן לעבן אין אַ שרעקלעכן לוקסוס, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, דורך דער מוּמעס גוטמוטיקייט נישט ווילנדיק אַריינגעצויגן אין אַ חשק אַרויסצוזאָגן איר אַלץ, וואָס ער האָט געטראַכט.

— און דו וואָלסט אוודאי וועלן, אַז איך זאָל האָרעווען און גאָר־נישט עסן?

— ניין, איך וויל נישט, אַז איר זאָלט נישט עסן, — האָט נעכ־

ליודאָוו געענטפערט און נישט־ווילנדיק אַ שמייכל געטון, — איך וויל מער נישט, אַז מיר זאָלן אַלע אַרבעטן, און אַלע עסן.

די מומע האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם שטערן און די שוואַרצאַפּלען און אים בייגיריק אָנגעקוקט.

— Mon cher vouz finirez mal*), — האָט זי געזאָגט.

— פאַרוואָס עפּעס ?

אין דער רגע איז אין צימער אַריין אַ הויכער ברייטפּלייציקער גענעראַל. דאָס איז געווען דער גרעפינס מאַן, טשאַרסקאָי, אַ דעמיסיאָנירטער מיניסטער.

— אַ, דמיטרי, גוט מאָרגן, — האָט ער געזאָגט, אונטערשטעלנדיק אים אַ פריש־אויסגעגאָלטע באַק. — ווען ביסטו געקומען צו פאָרן ?

ער האָט שווייגנדיק אַ קוש געטון דער פרוי אין שטערן.

— Non, il est impayable**), — האָט גרעפין יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ זיך געווענדט צום מאַן. — ער הייסט מיך גיין אויפן טייך שווענקען גרעט און עסן קאַרטאָפל מיט נישט. ער איז אַ מוראדיקער שוטה, אָבער פונדעסטוועגן זאָלסטו אים טון, וואָס ער בעט דיך. אַ שרעקלעכער באָלך, — האָט זי פאַרריכט. — האָסט געהערט, קאַמענסקאַיאַ, זאָגט מען, איז אין אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז מ'איז נישט זיכער מיט איר לעבן, — האָט זי זיך געווענדט צום מאַן, — וואָלסט אפשר צוגעפאָרן צו איר.

— יאָ, דאָס איז שרעקלעך, — האָט דער מאַן געזאָגט.

— נו, גייט מיט אים שמועסן, און איך דאַרף שרייבן בריוו.

ווי נאָר נעכליודאָוו איז אַרויס אין דעם צימער, לעבן דעם גאַסטצימער, האָט זי צו אים אַריינגעשריגן פון דאָרט :

— זאָל איך אָנשרייבן צו Mariette ?

— איך בעט דיך, ma tante.

— וועל איך איבערלאָזן en blanc***), אַז דו דאַרפסט וועגן אַ געשווירענעם, וועט זי הייסן איר מאַן, און ער וועט עס טון. דו זאָלסט נישט מיינען, אַז איך בין אַ שלעכטע. זיי זענען אַלע מיאוסע ברואים,

---

*) מיין טייערער, איר וועט שלעכט ענדיקן.

**) ניין, ער איז אומפאַרגלייכלעך.

***) א בלאַנק.

דיינע פראַטעזשעס, אָבער je ne leur veux pas de mal*), גייען זיי צו אַלדי גוטע יאָר. נו, גיי געזונטערהייט. און אין אָונט זאָלסטו לכּבֿוד השם זיין אינדערהיים, — וועסט הערן קיזעווע טערן. און מיר וועלן תּפילה טון. און אויב דו וועסט זיך נאָר נישט שטעלן אַקעגן, Ça vous fera beaucoup de bien**). איך ווייס דאָך, אויך עלען און איר אַלע זענט זייער אין דער היגזיכט אָפּגעשטאַנען. אַלזאָ, צום ווידערזען.

XV.

גראַף איוואַן מיכאַילאָוויטש איז געווען אַ דעמיסיאָנירטער מיניסטער און אַ מענטש פון זייער פעסטע איבערצייגונגען. גראַף איוואַן מיכאַילאָוויטשס איבערצייגונגען זענען פון יונגווייז אויף באַשטאַנען דערין, אַז פונקט ווי אַ פויגל האָט אַ טבע צו שפּייזן זיך מיט ווערעמלעך, זיין אָנגעקליידט אין פעדערן און פוך און פליען אין דער לופטן, אַזוי איז זיין טבע צו עסן טייערע געריכטן, פאַרגעברייט דורך טייערע קוכערס, זיין אָנגעקליידט אין די באַקוועמסטע און טייערסטע מלבושים, פאָרן אויף די באַקוועמסטע און טייערסטע פערד, און אַז דעריבער דאַרף דאָס אַלץ פאַר אים זיין צוגעגרייט. אַ חוצדעם האָט גראַף איוואַן מיכאַילאָוויטש געהאַלטן, אַז וואָס מער ער וועט באַקומען פאַרשידענע מיני געלטער פון דער מלוכה-קאַסע און וואָס מער אָרדנס ער וועט האָבן בתוכם, עפּעס אַזעלכע דימענטענע צייכנס, און וואָס אָפטער ער וועט זיך זעען און וועט רעדן מיט הויכגעשטעלטע פערזענלעכקייטן פון ביידע געשלעכטער, אַלץ וועט זיין בעסער. אַלדאָס איבעריקע לגבי דידאָזיקע גרונט-עיקרים האָט גראַף איוואַן מיכאַילאָוויטש געהאַלטן פאַר נישטיק און אומאינטערעסאַנט. אַלדאָס איבעריקע האָט געמעגט זיין אי אַזוי, אי פונקט פאַרקערט. בהסכּם מיט דעמדאָזיקן גלויבן האָט גראַף איוואַן מיכאַילאָוויטש געלעבט און געווירקט אין פעטערבורג אין משך

*) איך ווינטש זיי נישט קיין שלעכטס.

**) וועט דאָס אייך שטאַרק צונויץ קומען.

פון 40 יאָר און נאָכן אויסגיין פון די 40 יאָר דערגרייכט דעם פּאָסטן פון אַ מיניסטער.

די הויפּט־מעלות פון גראַף איוואַן מיכאַילאָוויטש, וואָס מיט זייער הילף האָט ער עס דערגרייכט, זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט, ערשטנס, געקאָנט פאַרשטיין דעם זין פון די אָנגעשריבענע פּאַפּירן און געזעצן און האָט געקאָנט צונויפשטעלן, כאָטש נישט אַזוי בינדיק, מער ווייניקער פאַרשטענדלעכע פּאַפּירן און אָנשרייבן זיי אָן אָרטאָגראַפישע גרייזן; צווייטנס, איז ער געווען זייער רעפּרעזענטאַטיוו און אַז מ'האָט באַדאַרפט — האָט ער געקאָנט מאַכן אַן אָנשטעל נישט נאָר פון שטאָלץ, נאָר אויך פון צוטריטלעכקייט און מאַיעסטעטישקייט, און אַז מ'האָט געדאַרפט — האָט ער אויך געקאָנט זיין דער גרעסטער נכנע ביז נידערטרעכטיקייט; דריטנס, אין דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין אַלגעמיינע פּרינציפּן אָדער כּללים, נישט קיין פּערזענלעך־עטישע, נישט קיין מלוכהשאַפטלעכע, און דעריבער האָט ער מיט אַלעמען געקאָנט זיין איינשטימיק, ווען דאָס איז נייטיק געווען, און אַז דאָס איז נייטיק געווען — געקאָנט זיין מיט אַלעמען נישט איינשטימיק. האַנדלענדיק אַזוי, האָט ער זיך באַמיט נאָר וועגן דעם, אַז דער טאָן זאָל זיין אויסגעהאַלטן און עס זאָל נישט זיין קיין דייטלעכע סתירה צו זיך גופא; צו דעם אָבער, צי זיינע האַנדלונגען פאַר זיך גופא זענען עטיש אָדער אומעטיש און צי וועט פון זיי אַרויסקומען דאָס גרעסטע גליק אָדער דער גרעסטער שאָדן פאַר דער רוסלענדישער אימפּעריע אָדער פאַר דער גאַנצער וועלט, — דערצו איז ער געווען לגמרי גלייכגילטיק.

אַז ער איז געוואָרן מיניסטער, זענען נישט נאָר אַלע פון אים אָפּהענגיקע (און פון אים זענען געווען אָפּהענגיק זייער פיל מענטשן און מקרובים), — נאָר אויך אַלע זייטיקע מענטשן און ער אַליין איז אויך געווען זיכער, אַז ער אַליין איז זייער אַ קלוגער מלוכה־מאַן.

אַז ס'איז אָבער אַריבער אַ געוויסע צייט, און ער האָט גאָרנישט אויפגעטון, גאָרנישט באַוויזן און אַז פּונקט אַזעלכע ווי ער רעפּרעזענטאַטיווע און פּרינציפּלאָזע באַאַמטע, וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט שרייבן און פאַרשטיין פּאַפּירן, האָבן אים, לויט דעם געזעץ פון קאַמף פאַרן קיום, אַרויסגעשטופּט און ער איז געווען געצוווּנגען אַרויסצוגיין אין דעמיסיע, איז אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז נישט נאָר איז ער געווען נישט קיין קלוגער מענטש, נאָר אפילו זייער אַ באַגרענעצטער און ווייניק געבילדעטער, הגם זייער אַן איינגעגלייבטער מענטש, וועלכער האָט זיך

אין זיינע אָנשויוּנגען קוים-קוים דערהויבן צו דעם ניוואָ פון די לייט־ארטיקלען פון די קאָנסערוואַטיווע צייטונגען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין אים איז נישט געווען קיין שום זאַך, וואָס זאָל אים אויסצייכענען פון אַנדערע, ווייניק געבילדעטע, איינגעגלייבטע באַאַמטע, וועלכע האָבן אים אַרויסגעשטופּט, און ער האָט עס אַליין פאַרשטאַנען, דאָס האָט אָבער אפילו אויף אַ האָר נישט צעטרייסלט זיינע איבערצייגונגען אין דעם, אַז ער דאַרף אַלע יאָר באַקומען אַ גרויסן סכום קרוויניש געלט און נייע באַפוּצונגען פאַר זיין פאַראַד־אַנטועכץ. דידאָזיקע איבערצייגונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז קיינער האָט נישט געוואָגט אים אָפּצוזאָגן אין דעם, און ער האָט אַלע יאָר באַקומען, טיילווייז אין דער פאָרם פון פּענסיע, טיילווייז — פון באַלוינונג פאַר מיטגליד אין דעם העכסטן מלוכהשן אַנשטאַלט און פאַר פאַרזיצערײַ אין פאַרשידענע קאָמיסיעס. קאָמיטעטן, עטלעכע צענדליק טויזנט רובל און דערצו נאָך אַלע יאָר נייע, פון אים זייער הויך געשעצטע, רעכט אָנצונייען נייע גאַלאָנען אויף זיינע אַקסלען אָדער הויזן און אָנצוהענגען אונטערן פראַק נייע בענדלעך און עמאַלענע שטערנדלעך. צוליב דעם האָט גראַף איוואַן מיכאַילאָוויטש געהאַט גרויסע פאַרבינדונגען.

גראַף איוואַן מיכאַילאָוויטש האָט אויסגעהערט נעכליודאָוון אַזוי, ווי ער פלעגט אַמאָל אויסהערן באַריכטן פון זיין סעקרעטאַר, און, אויס־געהערט, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט אים געבן צוויי רעקאָמענדאַ־ציעס: איינע צו סענאַטאָר וואָלף פון קאַסאַציע־דעפּאַרטאַמענט.

— מען מורמלט אויף אים אפילו אונטער, נאָר פונדעסטוועגן — dans tousles cas c'est un homme trés comme il faut !(*) — האָט ער געזאָגט. — און ער איז מיר פאַרפליכטעט, וועט ער טון, וואָס ער וועט קאָנען.

אַ צווייטע רעקאָמענדאַציע האָט גראַף איוואַן מיכאַילאָוויטש געגעבן צו אַ פּערזאָן מיט גרויס איינפלוס אין דער קאָמיסיע פאַר בקשות. פּע־דאָסיע בירוקאָוועס פּראָצעס, וועדליק נעכליודאָוו האָט אים דערציילט, האָט אים זייער פאַראינטערעסירט. ווען נעכליודאָוו האָט אים דערציילט, אַז ער האָט געוואָלט שרייבן אַ בריוו צו דער קייזערין, האָט ער געזאָגט, אַז דערדאָזיקער פּראָצעס איז ווירקלעך זייער אַ רירנדער און באַ אַ גע־

---

*) אַלנפאַלס איז ער אַ מענטש אַן אָנשטענדיקער.

לעגנהייט וואָלט מען דאַרטן געקאָנט עס דערציילן. אָבער צוזאָגן האָט ער נישט געוואָלט. זאָל די בקשה גיין מיט דעם געוויינלעכן סדר. און טאָמער וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט — האָט ער געטראַכט — טאָמער וועט מען אים רופן אויף אַ petit komite*), וועט ער אפשר דערציילן.

באַקומען די צוויי רעקאָמענדאַציעס פון גראַף און אַ בריוועלע פון דער מוּמען צו Mariette, האָט נעכליודאָוו זיך גלייך געלאָזט גיין אין די אַלע ערטער. קודם-כל איז ער אַוועק צו Mariette. ער האָט זי געקענט נאָך אַלס יונג מיידל פון אַ נישט רייך אַריסטאָקראַטיש הויז, האָט געוווּסט, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ מענטש, וואָס האָט געמאַכט אַ קאַריערע און וואָס וועגן אים האָט ער געהערט נישט קיין שיינע זאַכן. און נעכליודאָוו! איז ווי שטענדיק געווען פיינלעך שווער זיך צו ווענדן נאָך אַ טובה צו אַ מענטש, וועלכן ער האָט נישט געאַכט. אין אַזעלכע פאַלן האָט ער תמיד געפילט אַ אינערלעכע סתירה, אַן אומצופרידנקייט מיט זיך און אַ וואַקלעניש: בעטן צי נישט בעטן, אָבער שטענדיק פלעגט ער באַשליסן, אַז מען דאַרף בעטן. אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט זיך דערביי געפילט אין דער פאַלשער לאַגע פון איינעם, וואָס דאַרף בעטן בײַ אַזעלכע מענטשן, וועלכע ער האַלט נישט פאַר זיינע, וועלכע האַלטן אָבער אים פאַר אַ זייעריקן, — האָט ער נאָך געפילט, אַז אין דערדאָזיקער געזעלשאַפט איז ער אַריינגעפאַלן אין זיין אַמאָליקער צוגעוווינטער סביבה און האָט זיך נישט-ווילנדיק אונטערגעגעבן דעם לייכטזיניקן און אוממאָראַלישן טאָן, וואָס האָט געהערשט אין דעמדאָזיקן קרייז. ער האָט עס שוין דערשפירט בײַ זיין מומע יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ. ער האָט שוין אפילו היינט פרי, רעדנדיק מיט איר וועגן סאַמע ערנסטע זאַכן, גענומען דעמדאָזיקן לייכטן טאָן.

בכלל האָט פעטערבורג, ווו ער איז שוין לאַנג נישט געווען, געמאַכט אויף אים אַזאַ איינדרוק: פיזיש האָט עס אים אָפגעמונטערט און גייסטיק — פאַרטעמפט.

אַלץ איז אַזוי ריין, באַקוועם, גוט איינגעאָרדנט, און דער עיקר — די מענטשן האָבן אַזוי ווייניק מאָראַלישע פאָדערונגען, אַז דאָס לעבן שיינט צו זיין באַזונדערס לייכט.

---

*) אויף אַן אינטימען קרייז.

דער שיינער, רייַנער, העפלעכער דראָזשקער האָט אים געפירט פאַרביי די שיינע, העפלעכע, רייַנע פּאָליציאַנטן איבער דעם שיינעם, רייַן באַגאָסענעם ברוק, פאַרביי די שיינע, רייַנע הייזער, וווּ ס'האָט געוווינט Mariette.

פאַר דעם הויפּט־אַרייַנגאַנג איז געשטאַנען אַ פּאָר ענגלישע פערד. אויף דער קעלניע איז געזעסן מיט אַ שטאָלצער מינע אַ קוטשער אין אַ ליווריע, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַן ענגלענדער מיט די באַקנבערד, וואָס האָבן פאַרנומען אַ העלפט פון די באַקן.

דער שווייצאַר, אַ'ן אַן אומגעווייַנלעך רייַנער ליווריע, האָט אויפגעעפנט די טיר אין פאָדערצימער, וווּ ס'איז געשטאַנען דער ארויספאַרלאַקיי אין אַ נאָך רייַנערער ליווריע מיט גאַלאָנען און מיט זייער שיינע פונאַנדערגעקעמטע באַקנבערד, און דער דיזשור־קוריער אין אַ נייעם מונדיר.

דער גענעראַל נעמט נישט אויף. די גענעראַלשע אויך נישט. זיי האָבן באַוויליקט באַלד ארויסצופאָרן.

אָפּגעגעבן דעם בריוו פון גרעפין יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ און ארויסגענומען אַ וויזיטקאַרטע, איז נעכליודאָוו צוגעגאַנגען צום טישל, אויף וועלכן ס'איז געלעגן דאָס בוך צו פאַרשרייבן די באַזוכער, און האָט אָנגעהויבן צו שרייבן, אַז ער באַדויערט זייער, וואָס ער האָט נישט געטראָפן. אין דער רגע האָט זיך דער לאָקיי אַ רוק געטון צו די טרעפּ, דער שווייצאַר איז צוגעגאַנגען צו דער הויפּט־טיר, אַ געשריי געטון: „דערלאַנג!" און דער קוריער האָט זיך אויסגעצויגן, די הענט אויף די בעט פון די הויזן, געבויגן פאַרגליווערט, באַגעגענענדיק און באַגלייטענדיק מיט די אויגן אַ נידעריקע און דינינקע דאַמע, וואָס איז אַראָפּ פון די טרעפּ מיט אַ שנעלן גאַנג, גאָרנישט וועדליג איר חשיבות.

Mariette איז געווען אין אַ גרויסן הוט מיט אַ פעדער און אין אַ שוואַרץ קלייד מיט אַ שוואַרצער פעלערינע און אין נייע שוואַרצע הענטשקעס. דאָס פּנים איז בּאַ איר געווען אייַנגעהילט אין אַ וואַל.

דערזעען נעכליודאָוון, האָט זי אויפגעהויבן דעם וואַל, האָט אויפגעדעקט אַ זייער באַחנט פּנים מיט פינקלענדיקע אויגן און האָט פרעגנדיק אים אָנגעקוקט.

— אַ, פירשט דמיטרי איוואַנאָוויטש, — האָט זי ארויסגערעדט מיט אַ פרייַלעכער אָנגענעמער שטימע. — איך וואָלט אייך גלייך דערקענט...

— וואָס, איר געדענקט אפילו, ווי איך הייס?

— ווי זשע דען, איך מיט דער שוועסטער זענען אפילו אין אייך געווען פאַרליבט, — האָט זי אָנגעהויבן צו רעדן אויף פראַנצויזיש: — אָבער ווי איר האָט זיך געענדערט! אַך, וואָס פאַר אַ שאָד, וואָס איך פאַר אַוועק. איבעריקנס, קומט צוריק, — האָט זי געזאָגט און איז שטיין געבליבן אומאַנטשלאָסן.

זי האָט אַ קוק געגעבן אויפן וואַנט-זייגער.

— ניין, מ'קאָן נישט. איך פאָר אויף דער הזכרה צו קאַמענסקאַיאַ. זי איז זייער נידערגעשלאָגן.

— ווער איז דאָס די קאַמענסקאַיאַ?

— איר האָט דען נישט געהערט: איר זון איז דערהרגעט געוואָרן אויף אַ דועל. ער האָט דועלירט מיט פּאָזענען. אַן אייינאונאייינציקער זון. שרעקלעך! די מוטער איז אַזוי דערשלאָגן.

— יאָ, איך האָב געהערט.

— ניין, איך וועל בעסער פאָרן און איר קומט מאָרגן אָדער היינט אינאָוונט. — האָט זי געזאָגט און האָט מיט גיכע לייכטע טריט זיך געלאָזט גיין צו דער אַרויסגאַנגס-טיר.

— היינט אינאָוונט קאָן איך נישט, — האָט ער געענטפערט, אַרויסגייענדיק צוזאַמען מיט איר אויפן גאַניק. — און איך האָב דאָך צו אייך אַן ענין, — האָט ער געזאָגט, אָנקוקנדיק די פּאָר רויטע פערד, וואָס זענען צוגעפאָרן צום גאַניק.

— וואָס אַ־ןינס?

— אָט האָב איך אַ בריוועלע פון דער מומען, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, איבערגעבנדיק איר אַ שמאָלן קאָנווערט מיט אַ גרויסן ווענזעל: — דאָ וועט איר אַלץ וויסן.

— איך פאַרשטיי, די גרעפין יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ מיינט, אַז איך האָב אַ דעה אין די ענינים. זי האָט אַ טעות. איך קאָן גאָרנישט טון און וועל זיך נישט אָננעמען. נאָר, באַטירלעך, פאַר דער גרעפין און פאַר אייך בין איך גרייט אָפּצווייכן פון מיין פּרינציפּ. וועגן וואָס האַנדלט זיך עס? — האָט זי גערעדט, זוכנדיק און נישט קאָנענדיק אָנטרעפן די קעשענע מיט איר קליינער האַנט אין דער שוואַרצער הענטשקע.

— מ'האָט אַריינגעזעצט אין פעסטונג אַ מיידל, און זי איז אַ קראַנקע און זי איז אומשולדיק.

— און ווי איז איר פאַמיליע-נאָמען?

— שוסטאָוואַ, לידיאַ שוסטאָוואַ. ס'איז אָנגעשריבן אין בריוול.

— נו, רעכט, איך וועל פרווון עפעס פאַר איר אויספועלן, — האָט זי געזאָגט און איז לייכט אַריינגעשטיגן אין דער ווייכער קאַפּיטאַנירטער קאַטש, וואָס האָט געגלאַנצט אויף דער זון מיט דעם לאַק פון אירע פליגלען, און זי האָט אויפגעעפנט דעם שירעם. דער לאַקיי האָט זיך געזעצט אויף דער קעלניע און האָט געגעבן אַ צייכן דעם קוטשער צו פאָרן. די קאַטש האָט זיך גערירט, אָבער אין דער מינוט האָט זי אָנגערירט מיטן שירעם דער קוטשערס פּלייצע, און די פיינפילנדיקע שיינע אַנגליזירטע שקאַפעס, אַראָפּלאָזנדיק די שיינע קעפּ, וואָס זענען געווען איינגעצויגן אין די צוימען, האָבן זיך אָפּגעשטעלט, טרעטנדיק מיט זייערע דינע פיס.

— און איר זאָלט אַריינקומען, אָבער איך בעט אייך זייער, אָן שתדלנות, — האָט זי געזאָגט און אַ שמייכל געטון מיט אַזאַ שמייכל, וואָס זיין כוח האָט זי גוט געוווּסט, און גלייך ווי געענדיקט די פאָרשטעלונג, האָט זי פאַרמאַכט די פאָרהאַנג — אַראָפּגעלאָזט דעם וואַל. — נו, מיר וועלן פאָרן, — האָט זי ווידער אָנגערירט מיטן שירעם דעם קוטשער.

נעכליודאָוו האָט אויפגעהויבן דעם הוט. און די רויטע פולבלוטיקע פערד האָבן, הירזשענדיק, גענומען צוקלאַפּן מיט די פּאָדקאָוועס איבערן ברוק, און דער וואָגן האָט שנעל גערירט, דאָ און דאָרט אונטערשפּרינגענדיק מיט זיינע נייע שינעס אויף דעם נישט גלייכן וועג.

XVI.

דערמאָנענדיק דעם שמייכל, מיט וועלכן ער האָט זיך אויסגעטוישט מיט Mariette, האָט ער אויף זיך אַליין אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

„וועסט זיך נישט אַרומזעען, ווי דו וועסט זיך ווידער אַריינדרייען אין דעמדאָזיקן לעבן“, האָט ער אַ טראַכט געטון, דערפילנדיק די צעשפּאָלטנקייט און ספקות, וואָס פלעגן אין אים דערוואַכן, ווען ער פלעגט דאַרפן בייטיק אָנצוקומען צו מענטשן, וואָס ער פלעגט זיי נישט אַכטן. אויסגערעכנט וווהין פריער און וווהין שפּעטער צו פאָרן, כדי נישט אָנצולייגן קיין וועג, האָט נעכליודאָוו קודם זיך געלאָזט אין סענאַט; מ׳האָט

אים באַגלייט אין קאַנצעלאַריע, ווו ער האָט אין אַ הערלעכן בנין דער־זעען אַ געוואָלטיקע צאָל אויסערגעוויינלעך הערלעכע און ריין געקליידטע באַאַמטע.

מאַסלאָוועס בקשה האָט מען דערהאַלטן און איבערגעגעבן צו באַ־טראַכטן און רעפערירן דעם זעלבן סענאַטאָר וואָלף, צו וועלכן ער האָט געהאַט אַ בריוו פון פעטער, — אַזוי האָבן איבערגעגעבן נעכליודאָוון די באַאַמטע.

— די זיצונג פון סענאַט וועט פאַרקומען די וואָך, ס'איז אַ ספק צי מאַסלאָוועס בקשה וועט באַטראַכט ווערן אויף דערדאָזיקער זיצונג. אויב אָבער מען זאָל זיך משתדל זיין, דאַן קאָן מען האָפן, אַז מען זאָל עס יאָ באַטראַכטן היינטיקן מיטוואָך, — האָט איינער פון די באַאַמטע געזאָגט.

אין קאַנצעלאַריע פון סענאַט, ווו נעכליודאָוו האָט באַדאַרפט צו־וואַרטן אויף אַן אינפאָרמאַציע, האָט ער ווידער דערהערט אַ שמועס וועגן דעם דועל און די אויספירלעכע געשיכטע, ווי אַזוי ס'איז דער־הרגעט געוואָרן דער יונגער קאַמענסקי. דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל זיך דערוווסט די פרטים פון דערדאָזיקער פאַסירונג, וואָס האָט פאַרכאַפּט גאַנץ פעטערבורג. די אָפיצירן האָבן אין אַ געוועלב געגעסן אויסטערן און, ווי געוויינלעך, אַ סך געטרונקען. איינער האָט זיך עפּעס נישט אַזוי פיין אָפּגערופן וועגן דעם פּולק, ווו קאַמענסקי האָט געדינט; קאַמענסקי האָט יענעם אָנגערופן ליגנער. דער אָפיציר האָט קאַמענסקין געגעבן אַ פּאַטש. אויף דעם צווייטן טאָג האָט מען זיך דועלירט, די קויל האָט געטראָפן קאַמענסקין אין בויך, און ער איז געשטאָרבן אין צוויי שעה אַרום. דער מערדער און די סעקונדאַנטן זענען אַרעסטירט געוואָרן, און הגם זיי זיצן אויף דער הויפּטוואַכטע, אָבער ווי מען שמועסט, וועט מען זיי אַרויסלאָזן אין אַ וואָך צוויי אַרום.

פון דער סענאַט־קאַנצעלאַריע איז נעכליודאָוו אַוועקגעפאָרן אין דער קאָמיסיע פאַר בקשות, צו דעם באַאַמטן — באַראָן וואָראָביאָוו, וואָס האָט געהאַט אויף דערדאָזיקער קאָמיסיע אַן איינפלוס; דער באַראָן האָט פאַרנומען אַ הערלעכע וווינונג אין אַ רעגירונגס־הויז. דער שווייצאַר און דער לאָקיי האָבן שטרענג דערקלערט נעכליודאָוון, אַז זעען דעם באַראָן, חוץ די אויפנאַמס־טעג, איז אוממעגלעך, אַז היינט איז ער בא זיין מאַיעסטעט דעם קיסר און מאָרגן האָט ער ווידער אַ רעפעראַט.

נעבליודאָוו האָט איבערגעגעבן דעם בריוו און איז אָוועקגעפאָרן צום סענאַטאָר וואָלף.

נאָר־וואָס אָפּגעפּרישטיקט, שפּאַנענדיק איבערן צימער מיט אַ ציגאַר, וואָס איז געווען אַ סגולה צו פאַרדייונג, האָט וואָלף אויפגענומען נעכליודאָוון.

וולאַדימיר וואַסיליעוויטש וואָלף איז ווירקלעך געווען un homme très comme il faut*) און דידאָזיקע אייגנשאַפט זיינע האָט ער געשטעלט העכער פון אַלץ און דעריבער געקוקט אויף אַלעמען פון אויבן אַראָפּ, און ער האָט נישט געקאָנט נישט אַכטן דידאָזיקע אייגנשאַפט, ווייל אַ דאַנק איר האָט ער געמאַכט זיין גלענצענדע קאַריערע, פּונקט אַזאַ ווי ער האָט געגאַרט, דאָס הייסט — דורך זיין שידוך האָט ער דערוואָרבן אַ פאַרמעגן, וואָס האָט געגעבן הכנסה 18.000 רובל, און דורך זיין אַרבעט האָט ער באַקומען די שטעלע פון אַ סענאַטאָר.

ער האָט זיך נישט נאָר געהאַלטן פאַר un homme très comme il faut, נאָר אויך פאַר אַ מאַן פון ריטערלעכער אָרנטלעכקייט. אונטער אָרנטלעכקייט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף נישט נעמען פון פּרי־וואַטע פּערזאָנען שטילערהייט קיין שוחד. אָבער אויסבעטלען זיך אַלער־לייאיקע רייזע־הוצאות, טאָג־הוצאות, אַרענדעס פון דער מלוכה, און דער־פאַר קנעכטיש אויספירנדיק אַלץ, וואָס די רעגירונג האָט פון אים נאָר געפאָדערט, — דאָס האָט ער נישט געהאַלטן פאַר נישט אָרנטלעך. אָבער אומברענגען, רוינירן, זיין דער שולדיקער אין פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע הונדערטער אומשולדיקע מענטשן, וואָס זייער חטא איז באַשטאַנען בלויז אין צוגעבונדנקייט צו זייער פאָלק און צו דער רעליגיע פון די אבות, דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אויפגעטון, בעת ער איז געווען גובערנאַטאָר אין איינער פון די גובערניעס פון קעניגרייך פּוילן, האָט ער נישט נאָר נישט געהאַלטן פאַר נישט ערלעך, נאָר פאַרקערט, ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גבורה, פאַר אַ טאַט פון איידלקייט, העראָישקייט און פּאַטריאָטיזם; ער האָט אויך נישט געהאַלטן פאַר אומאָרנטלעך, וואָס ער האָט באַרויבט דאָס ווייב, וועלכע איז געווען אין אים שטאַרק פאַרליבט, און די שוועגערין. אין געגנטייל, ער האָט געהאַלטן, אַז ער האָט איינגעאָרדנט זיין פאַמיליע־לעבן מיט שכל. דאָס פאַמיליע־לעבן פון וולאַדימיר וואַסיליע־

---

*) אַ מענטש זייער אַן אָנשטענדיקער.

וויטש איז באַשטאַנען פון זיין ווילנלאָזן ווייב, דער שוועגערין, וואָס איר פאַרמעגן האָט ער אויך אַריינגענומען אין זיינע הענט, פאַרקויפנדיק איר גוט און אַוועקלייגנדיק דאָס געלט אויף זיין נאָמען, און פון דער שטילער פאַריאָגטער מיאוסער טאָכטער, וועלכע האָט געפירט אַן איינזאַם שווער לעבן, וואָס איר איינציקן אינטערעס האָט זי די לעצטע צייט געפונען אין דעם עוואַנגעליזם, אויף די פאַרזאַמלונגען בײַ Aline און בײַ דער גרעפין קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ. דער זון ווידער, אַ גוטמוטיקער בחור, וואָס איז צו 15 יאָר שוין געווען באַוואַקסן מיט אַ באָרד, און האָט שוין פון יענער צייט אָן אָנגעהויבן צו שיכורן און טרייבן זנות, און ער האָט עס נישט אויפגעהערט צו טון ביז זיין 20-יעריקער עלטער, — דער זון איז אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון שטוב דערפאַר, וואָס ער האָט קיין שום קורס נישט פאַרענדיקט, האָט זיך אַרומגעדרייט אין אַ מיאוסער געזעלשאַפט, אָנגעמאַכט חובות און קאָמפּראָמיטירט דעם פאָטער. איינמאָל האָט דער פאָטער באַצאָלט פאַר דעם זון אַ חוב פון 230 רובל, האָט באַצאָלט אויך אַ צווייט מאָל 600 רובל; אָבער ער האָט געמאָלדן דעם זון, אַז דאָס איז צום לעצטן מאָל, אַז אויב ער וועט זיך נישט פאַרבעסערן, וועט ער אים אַרויסטרייבן פון שטוב און איבעררייסן מיט אים די באַציונגען; אָבער לא די וואָס דער זון האָט זיך נישט פאַרבעסערט, האָט ער נאָך געמאַכט אַ חוב אויף 1000 רובל און האָט זיך דערלויבט צו זאָגן דעם פאָטער, אַז אים איז סיי-ווי-סיי אינדערהיים צו לעבן אַ מאַטערניש. דאַן האָט וולאַדימיר וואַסיליעװיטש דערקלערט זיין זון, אַז ער קאָן גיין וווהין ער וויל, אַז ער איז מער נישט זיין זון. פון דער צייט אָן האָט וולאַדימיר וואַסיליעוויטש געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער האָט נישט קיין זון, און די שטוביקע האָבן נישט געוואַגט אים צו דערמאַנען וועגן זון. און וולאַדימיר וואַסיליעוויטש איז געווען פולקאָם זיכער, אַז ער האָט אויפן בעסטן אופן איינגעאָרדנט זיין פאַמיליע-לעבן.

אָפּגעשטעלט זיך אין זיין אַרומשפּאַצירן איבער דעם קאַבינעט, האָט וואָלף באַגריסט נעכליודאָוון מיט זיין פריינדלעכן און עטוואָס שפּאָטישן שמייכל — דאָס איז געווען זיין מאַניר: דער נישט ווילנדיקער אויסדרוק פון דעם באַוווּסטזיין אין זיין קאָמילפאָטישער העכערקייט איבער אַנדערע מענטשן — און האָט איבערגעלייענט דעם בריוו.

— איך בעט אייך זייער זיך זעצן, און מיר אַנטשולדיקן, איך וועל, אויב איר וועט דערלויבן, אַרומשפּרייזן, — האָט ער געזאָגט, אַריינלייגנדיק די הענט אין די קעשענעס פון זיין רעקל און שפּאַנענדיק

מיט לייכטע ווייכע טריט איבער דעם דיאַגאָנאַל פון דעם גרויסן קאַבינעט פון שטרענגן סטיל. — איך בין זייער צופרידן זיך מיט אייך צו באַקענען און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, טון דעם ווונטש פון איוואַן מיכאַילאָוויטש, — האָט ער געזאָגט, אַרויסלאָזנדיק אַ דופטיקן בלוילעכן רויך און פאָרזיכטיק אָפּטראָגנדיק דעם ציגאַר פון מויל, כדי נישט אַראָפּצוּוואַרפן דאָס אַש.

— איך וואָלט נאָר וועלן בעטן, אַז דער פּראָצעס זאָל פאָרקומען וואָס גיכער, ווייל אויב דער באַשולדיקטער וועט אויסקומען צו גיין קיין סיביר — זאָל עס זיין וואָס פריער, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— יאָ, יאָ, מיט דעם ערשטן דאַמפער פון ניזשני, כ'ווייס, — האָט וואָלף געזאָגט מיט זיין גנעדיקן שמייכל; ער האָט שטענדיק געוווּסט פאָרויס אַלץ, וועגן וואָס מ'האָט נאָר מיט אים גערעדט. — ווי איז די פאַמיליע פון דער באַשולדיקטער?

— מאַסלאָוואַ...

וואָלף איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט אַ קוק געטון אויף דעם פאַפּיר, וואָס איז געלעגן אויף דער פּראָצעסן־טעקע.

— יאָ, יאָ, מאַסלאָוואַ. גוט, איך וועל בעטן די חברים. מיר וועלן לאָזן גיין דעם פּראָצעס מיטוואָך.

— קאָן איך אַלזאָ טעלעגראַפירן דעם אַדוואָקאַט?

— איר האָט אַן אַדוואָקאַט? צו וואָס? נאָר אויב איר ווילט, איז ביטע.

— די מאָטיוון פון דער קאַסאַציע זענען אפשר נישט גענוגנדיקע, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, — אָבער פון פּראָצעס, מיין איך, איז קלאָר, אַז די באַשולדיקונג איז אַרויסגעקומען פון אַ מיספאַרשטייעניש.

— יאָ, יאָ, דאָס איז מעגלעך, נאָר דער סענאַט קאָן נישט באַטראַכטן אַ פּראָצעס אין תּוך אַריין. — האָט וואָלף וולאַדימיר וואַסיליעוויטש שטרענג געזאָגט, קוקנדיק אויף דעם אַש. — דער סענאַט היט נאָר אָפּ די געהעריקע אָנווענדונג פון געזעץ און זיין אינטערפּרעטירונג.

— דערדאָזיקער פאַל איז, דאַכט זיך מיר, אַן אויסערגעוויינלעכער.

— איך ווייס, איך ווייס. אַלע פאַלן זענען אויסערגעוויינלעכע. מיר וועלן טון אַלץ, וואָס מען דאַרף. דאָס גאַר. — דאָס אַש האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן, אָבער עס האָט זיך צעשפּאַלטן און איז געווען אין געפאַר. — קיין פעטערבורג קומט איר, מסתּמא, זעלטן? — האָט וואָלף געזאָגט, האַלטנדיק דעם ציגאַר אַזוי, אַז דאָס אַש זאָל נישט אַראָפּפאַלן. דאָס אַש

האָט זיך אָבער פאַרט א וואקל געטון און וואָלף האָט עס פאַרזיכטיק צוגעטראָגן צום אַש-בעכער, ווהין עס איז אַראָפּגעפאַלן. — סאַר אַ שרעקלעכער צופאַל מיט דעם קאַמענסקי, — האָט ער געזאָגט. — אַ הערלעכער יונגערמאַן. אַן איינאונאיינציקער זון. איבערהויפּט איז אַ רחמנות אויף דער מוטער, — האָט ער גערעדט, איבערחזרנדיק וואָרט אין וואָרט דאָס אַלץ, וואָס גאַנץ פּעטערבורג האָט אין דער צייט גערעדט וועגן קאַמענסקין.

אַ שמועס געטון נאָך וועגן דער גרעפין יעקאַטערינאַ איוואַנאָווְנאַ און וועגן איר באַגייסטערונג פון דער נייער רעליגיעזער ריכטונג, וואָס וולאַדימיר וואסיליעוויטש האָט נישט פאַראורטיילט און נישט באַרעכטיקט, נאָר וועלכע איז בא זיין קאָמילפאָטישקייט געווען פאַר אים איבעריק, האָט ער אָנגעקלונגען.

נעכליודאָוו האָט זיך אָפּגעזעגנט.

אויב אייך איז באַקוועם, קומט צו מיטאָג, — האָט וואָלף געזאָגט, געבנדיק אים די האַנט, — אפילו מיטוואָך. איך וועל אייך שוין קאָנען געבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער.

ס'איז געווען שוין שפּעט, און נעכליודאָוו איז אַוועקגעפאָרן אהיים, דאָס הייסט צו דער מומען.

XVII.

מיטאָג האָט מען בא דער גרעפין יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ געגעסן האַלב אַכט אַ זייגער און דאָס מיטאָג האָט מען דערלאַנגט אויף אַ נייעם אופן, וואָס נעכליודאָוו האָט נאָך נישט געזעען.

דאָס עסן האָט מען געשטעלט אויפן טיש און די דינער פלעגן גלייך אַוועקגיין, אַזוי-אַרום, אַז די עסער האָבן אַליין גענומען זיך די מאכלים. די מענער האָבן נישט דערלויבט די דאַמען זיך מטריח צו זיין מיט איבעריקע באַוועגונגען און אַלס שטאַרקערער געשלעכט, האָבן זיי מוטיק געטראָגן די גאַנצע לאַסט פון דערלאַנגען פאַר די דאַמען און פאַר זיך די עסנס און די משקאות. אָפּגעגעסן איין געריכט, האָט די גרעפין אָנגעדריקט אויפן טיש דאָס עלעקטרישע גלעקל, און די דינער פלעגן

אַן גערויש אַריינקומען, שנעל צונעמען, בייטן די סערוויזן און ברענגען די חייטערדיקע געריכטן. דאָס מיטאָג איז געווען אַ ראַפינירטס, אַזעלכע זענען אויך געווען די ווײַנען. אין דער גרויסער ליכטיקער קיך האָבן געאַרבעט דער פראַנצויזישער שעף מיט צוויי ווייסע געהילפן. מ׳האָט גע־געסן זאַלבעזעקסט: דער גראַף און די גרעפין, זייער זון, דער פאַר־אימערטער גוואַרדיע־אָפיציר, וואָס האָט געהאַלטן די עלנבויגנס אויפן טיש, נעכליודאָוו, די פראַנצויזן, די לעקטאָרין און דעם גראַפס הויפּט־פאַרוואַלטער, וואָס איז געקומען צו פאָרן פון דאָרף.

אויך דאָ האָט זיך דער שמועס געפירט וועגן דעם דועל. מ׳האָט אַרומגערעדט, ווי אַזוי צו דעמדאָזיקן ענין האָט זיך פאַרהאַלטן דער קיסר. ס׳איז געווען באַקאַנט, אַז דער קיסר האָט זייער באַדויערט די מוטער און אַלע האָבן באַדויערט די מוטער. אַזוי ווי ס׳איז אָבער געווען באַוווּסט, אַז דער קיסר, הגם ער באַדויערט, פונדעסטוועגן וויל ער נישט זיין צו שטרענג צו דעם מערדער, וואָס האָט פאַרטיידיקט דעם כבוד פון מונדיר, זענען שוין אַלע אויך געווען גנעדיק צו דעם מערדער. וואָס האָט פאַרטיידיקט דעם כבוד פון מונדיר. בלויז די גרעפין האָט מיט איר פריידענקערישער לייכטזיניקייט פאַראורטיילט דעם מערדער.

— זיי וועלן שיכּורן, און וועלן הרגענען אָנשטענדיקע יונגעלייט, — איך וואָלט בשום אופן נישט מוחל געווען, — האָט זי געזאָגט.

— אָט דאָס טאַקע קאָן איך נישט פאַרשטיין, — האָט דער גראַף געזאָגט.

— איך ווייס, אַז דו פאַרשטייסט קיינמאָל נישט, וואָס איך זאָג, — האָט די גרעפין אַרויסגערעדט, זיך ווענדנדיק צו נעכליודאָוון, — אַלע פאַרשטייען, בלויז דער מאַן נישט. איך זאָג, אַז מיר איז אַ שאָד די מוטער און איך וויל נישט, אַז ער זאָל הרגענען און זיין זייער צופרידן.

דער זון, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, האָט זיך אָנגענומען פאַרן מערדער און איז אָנגעפאַלן אויף זיין מוטער, גענוג גראָב דער־ווייזנדיק איר, אַז אַן אָפיציר קאָן אַנדערש נישט האַנדלען, ווייל אַז נישט וואָלט אים דאָס אָפיצירן־געריכט פאַרטריבן פון פולק.

נעכליודאָוו האָט זיך צוגעהערט, נישט נעמענדיק קיין אָנטייל אין שמועס און אַלס געוועזענער אָפיציר פאַרשטאַנען, הגם נישט געוואָלט מסכים זיין מיט די באַווייזן, וואָס דער יונגער טשאַרסקי האָט געבראַכט, אָבער גלייכצייטיק האָט ער נישט־ווילנדיק פאַרגליכן דעם אָפיציר, וואָס

האָט דערמאָרדעט אַ צווייטן, מיט יענעם אַרעסטאַנט — דאָס בילד־שײנע יונגע ייִנגל, וועלכעס ער האָט געזעען אין תּפֿיסה און וועלכעס איז געווען פֿאַרמשפּט אויף קאַטאָרגע פֿאַר אַ מאָרד, בשעת אַ געשלעג. ביידע זענען זיי געוואָרן מערדער צוליב שיכּרות. יענער — אַ פּויער האָט געהרגעט אין אַ מינוט פֿון אויפֿרעגונג, און איז צעשיידט געוואָרן מיט דעם ווייב, מיט זיין פֿאַמיליע, מיט זיינע קרובֿים, איז געשמידט געוואָרן אין קייטן און מיט אַ געגאָלטן קאָפּ גייט ער אויף קאַטאָרגע, און דער זיצט אין אַ הערלעך צימער אויף דער הויפּטוואַכטע, עסט אַ גוט מיטאָג, טרינקט גוטן וויין, לייענט ביכער און היינט־מאָרגן וועט מען אים אַרויס־לאָזן און ער וועט לעבן ווי פֿריער, און וועט ווערן נאָך מער אינטערע־סאַנט. ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט. לכתּחילה האָט די גרעפֿין מסכּים געווען מיטן פּלימעניק, אָבער דערנאָך איז זי אַנטשוויגן געוואָרן.

גלייך מיט אַלעמען האָט נעכליודאָוו דערפֿילט, אַז זיינע רייד זענען געווען עפּעס נישט אַנשטענדיק.

אין אָוונט, גלייך נאָכן מיטאָג, האָט מען אין גרויסן זאַל אויסגע־שטעלט אַזוי ווי אויף אַ לעקציע אין אַ ריי די שטולן מיט די הויכע געשניצטע ווענטלעך און לעבן טיש האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ שטול און אַ טישעלע מיט אַ גראַפֿין וואַסער פֿאַר דעם פּריידיקער; מען האָט זיך אָנגעהויבן קלויבן אויף דער פֿאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס׳האָט גע־זאָלט אויפֿטרעטן קיזעוועטער, וואָס איז געקומען צו פֿאָרן.

באַם הויפּט־אַריינגאַנג זענען געשטאַנען טייערע עקיפּאַזשן. אין זאַל מיט דער רייכער אויסשטאַטונג זענען געזעסן דאַמען אין זיידנס, סאַמעט, שפּיצן מיט פֿאַלשע האָר און מיט אויסגעפּולטע געמאַכטע טאַליעס. צווישן די דאַמען זענען געזעסן מענער מיליטער־לייט און ציווילע, און אַ מאַן פֿינף מענטשן פֿון פֿאָלק; צוויי הויזוועכטער, אַ קרעמער, אַ לאַקיי און אַ קוטשער.

קיזעוועטער, אַ פֿעסטער גרויליכער מאַן האָט גערעדט ענגליש און אַ יונג דאַר מיידל אין פּענסנע האָט גוט און שנעל איבערגעזעצט.

ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז אונזערע זינד זענען אַזוי גרויס, די שטראָף פֿאַר זיי איז אַזוי האַרב און אומפֿאַרמיידלעך, אַז לעבן אין דער דערוואַרטונג פֿון דערדאָזיקער שטראָף טאָר מען נישט.

— לאָמיר נאָר זיך באַקלערן, ליבע שוועסטער און ברידער, וועגן

זיך, וועגן אונזער לעבן, וועגן דעם, וואָס מיר טוען, ווי מיר לעבן, ווי מיר טוען דערצערנען גאָט, וואָס איז פול מיט ליבע, ווי מיר זענען מצער קריסטוסן, און מיר וועלן פארשטיין, אז מיר האָבן נישט קיין מחילה, קיין אויסוועג, קיין דערלייזונג, אז אַלע מיר זענען פארמשפט אויף אונטער־גאַנג. אַ שרעקלעכער אונטערגאַנג, אייביקע יסורים דערוואַרטן אונז. — האָט ער גערעדט מיט אַ ציטערדיק און וויינענדיק קול. — ווי זאָלן מיר זיך ראַטעווען פון דערדאָזיקער שרעקלעכער שרפה ? זי האָט ארומגעכאַפּט דאָס הויז, און ס'איז נישטאָ פון אים קיין אויסוועג.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, און אמתע טרערן האָבן זיך געגאָסן איבער זיינע באַקן. שוין אַ יאָר אַכט ווי ער פלעגט יעדעס מאָל פּינקט־לעך, ווי ער פלעגט נאָר צוקומען צו דעם אָרט מיט זיין רעדע, וואָס איז אים אַליין שטאַרק געפעלן געוואָרן, פלעגט ער דערפילן אַ ספּאַזמע אין האַלז און אַ קיצלען אין נאָז, און פון די אויגן פלעגן זיך אַ גאָס טון טרערן.

און דידאָזיקע טרערן פלעגן נאָך אים שטאַרקער רירן. אין צימער האָט זיך געהערט אַ געוויין. די גרעפין יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ איז געזעסן בא דעם מאָזאיק־טישל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט, און אירע דיקע אַקסלען האָבן זיך געטרייסלט. דער קוטשער האָט פאַר־וווּנדערט און דערשראָקן געקוקט אויפן דייטש, פונקט ווי ער וואָלט אויף אים אָנגעפאָרן מיטן דישעל, און ער האָט זיך נישט אָפּגערוקט. דאָס רוב איז געזעסן פונקט אין דער זעלבער פּאָזע, ווי די גרעפין יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ. וואָלפס טאָכטער, געראָטן אין פאָטער, אין אַ מאָדערן קלייד, איז געשטאַנען אויף די קני, און האָט פארדעקט דאָס פּנים מיט די הענט.

דער רעדנער האָט פּלוצלינג אַנטפּלעקט דאָס פּנים און האָט געמאַכט אַ שמייכל, וואָס האָט אויסגעזען כמעט ווי אַן עכטער, ווי בא אַרטיסטן, ווען זיי דריקן אויס פרייד, און האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַ זיסער צאַרטער שטימע:

— און אַ רעטונג איז יאָ פאַראַן. אָט איז זי, אַ גרינגע, אַ פריי־דיקע. די רעטונג — דאָס איז דאָס בלוט, וואָס פאַר אונז האָט פאַרגאָסן גאָטס איינאייגציקער זון, וועלכער האָט זיך פאַר אונז מקריב געווען. זיינע ליידן, זיין בלוט וועט אונז דערלייזן. ברידער און שוועסטער — האָט ער געזאָגט ווידער מיט טרערן אין שטים — לאָמיר אָפּדאַנקען גאָט, וואָס האָט געבראַכט זיין איינאונאיינציקן זון אַלס קרבן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. זיין הייליק בלוט...

נעכליודאָוו איז געוואָרן אַזוי פּיינלעך עקלהאַפט. אַז ער האָט אומבאַמערקט זיך אויפגעשטעלט און, אָפּטרייסלענדיק זיך און איינהאַלטנ־דיק דעם קרעכץ פון חרפה, איז ער אַרויס אויף די שפּיץ פינגער צו זיך אין זיין צימער.

XVIII.

אויף מאָרגן, ווי נאָר נעכליודאָוו האָט זיך אָנגעטון און זיך געקליבן אַראָפּצוגיין אונטן, האָט דער לאַקיי געבראַכט אים אַ וויזיט־קאַרטע פון דעם מאָסקווער אַדוואָקאַט. דער אַדוואָקאַט איז געקומען צו פאָרן וועגן זיינע אייגענע ענינים, אָבער גלייכצייטיק אויך כדי בייצווזיין באַם באַ־טראַכטן מאַסלאָוועס פּראָצעס אין סענאַט, אויב ער וועט בקרוב באַהאַנדלט ווערן. די טעלעגראַמע, וואָס נעכליודאָוו האָט געשיקט, האָט זיך אויס־געמיידט מיט אים. זיך דערוווסט פון נעכליודאָוון, ווען מאַסלאָוועס פּראָצעס וועט באַטראַכט ווערן און ווער עס זענען די סענאַטאָרן, האָט ער אַ שמייכל געטון.

— גראַד אַלע דריי טיפּן סענאַטאָרן, — האָט ער געזאָגט: — האָלף — דאָס איז אַ פּעטערבורגער באַאַמטער; סקאָוואָראָדניקאָוו — דאָס איז אַ געלערנטער יוריסט, און בע — דאָס איז אַ פּראַקטישער יוריסט און דעריבער — דער לעבעדיקסטער פון זיי אַלע, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט. — אויף אים קאָן מען בויען מער ווי אויף אַלעמען. נו, און ווי גייט עס אין דער קאָמיסיע פאַר בקשות?

— אָט היינט וועל איך צופאָרן צו באַראָן וואָראָביאָוו. נעכטן נישט געקאָנט זיך דערשלאָגן צו אָן אוידיענץ.

— איר ווייסט, פאַרוואָס באַראָן וואָראָביאָוו? — האָט דער אַדוואָ־קאַט געזאָגט, ענטפערנדיק אויף דער אַ ביסל קאָמישער אינטאָנאַציע, מיט וועלכער נעכליודאָוו האָט אַרויסגערעדט דעמדאָזיקן אויסלענדישן טיטל אין פאַרבינדונג מיט אַזאַ רוסישן פאַמיליע־נאָמען. — דאָס האָט פּאַוועל פאַר עפּעס באַלוינט זיינס אַ זיידן — אַ קאַמער־לאַקיי, דאַכט זיך, מיט דעמדאָזיקן טיטל. יענער האָט אים עפּעס זייער צוגעטראָפן. מאַכן אים פאַר אַ באַראָן, אַזוי איז מיין קאַפּריז און קיינע טענות! אָט

אזוי איז אוועק באראָן וואראַביאָוו. און ער נעמט זיך שטאַרק איבער דערמיט. אָבער ער איז אַ דורכגעטריבענער יונג.

— איז, אַלזאָ, פאַר איך צו אים, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— אויסגעצייכנט, לאָמיר ביידע צוזאַמען פאָ־ן. איך וועל אייך צו־פירן.

איידער ער איז אוועקגעפאָרן, שוין אין פאָדערצימער, האָט נעכ־ליודאָוו באַגעגנט אַ לאָקיי מיט אַ צעטעלע צו אים פון Mariette:

Pour vous faire plaisir, j'ai agi tout a fait contre mes principes et j'ai intercedé auprès de mon mari pour votre protégée. Il se trouve que cette personne peut être relachée immédiatement. Mon mari a ércit au commmandant. Venez donc "בעזקאַריסטנאָ„. Il vous attends. — M*)

— ווי געפעלט אייך? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט דעם אַדוואָ־קאַט. — ס'איז דאָך שרעקלעך. אַ פרוי, וואָס מען האַלט אָפּ זיבן חדשים אין אַן איינצל־קאַמער, ווייזט זיך אַרויס, אַז זי איז אינגאַנצן אומשול־דיק, און, כדי מ'זאָל זי אַרויסלאָזן, האָט מען בלויז באַדאַרפט זאָגן אַ וואָרט.

— דאָס איז תּמיד אַזוי. נו, יאָ, אַלנפאַלס האָט איר געפועלט, וואָס איר האָט געוווּנטשן.

— יאָ, אָבער דערדאָזיקער דערפּאָלג פאַרדריסט מיך. זעט, וואָס־זשע טוט זיך דאָרט אַזוינס, אַלזאָ? פאַרוואָס האָבן זיי זי גע־האַלטן?

— נו, יאָ, אָבער דאָס איז בעסער נישט צו אַפּראָפּאָנדירן. — אַלזאָ, וועל איך אייך צופירן, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט, ווען זיי זענען אַרויס אויפן גאַניק אין אַ שיינער קאַטש, וואָס דער אַדוואָקאַט האָט געדונגען, איז צוגעפאָרן צום גאַניק.

— איר דאַרפט דאָך צום באַראָן וואָראַביאָוו?

דער אַדוואָקאַט האָט געזאָגט צו דעם קוטשער וווהין צו פאָרן, און

---

*) אום צו מאַכן אייך אַ פאַ־געניגן האָב איך געטון אַבסאָלוט קעגן מיי׳ע פרינציפּן, — זיך מעת׳ל געוועזן בא מיין מאַן פאַר אייער פראָטעזשע. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דידאָזיקע פערזאָן קאָן תּיכּף באַפרייט ווערן. מיין מאַן האָט אָנגעשריבן דעם קאָמענדאַנט. קומט צו פאָרן אומאייגננוציק. איך דערוואַרט אייך. — מ.

די גוטע פערד האָבן שנעל צוגעפירט נעכליודאָוון צום הויז, וואָס דער באַראָן האָט פּאַרווינט. דער באַראָן איז געווען אינדערהיים. אין ערשטן צימער איז געווען אַ יונגער באַאַמטער אין אַ וויצמונדיר, מיט אַ זייער גרויסן האַלז און מיט אַן אויסגעשטאַרצטן גאָרגל און מיט אַן אומגעוויינלעך לייכטן גאַנג, און צוויי דאַמען.

— ווי איז אייער נאָמען, — האָט דער יונגער באַאַמטער מיטן גאָרגל געפרעגט, אומגעוויינלעך לייכט און גראַציעז איבערגייענדיק פון די דאַמען צו נעכליודאָוון.

נעכליודאָוו האָט געזאָגט, ווי ער הייסט.

— דער באַראָן האָט וועגן אייך גערעדט. באַלד!

דער אַדיוטאַנט איז אַריינגעגאַנגען אין דער פאַרמאַכטער טיר און האָט אַרויסגעפירט פון דאָרטן אַ פאַרוויינטע דאַמע אין טרויער. די דאַמע האָט מיט אירע ביינערדיקע פינגער אַראָפּגעלאָזט דעם פאַרפּלאָנטערטן שלייער, אַז מען זאָל נישט זעען די טרערן.

— ביטע, — האָט דער יונגער באַאַמטער זיך געווענדט צו נעכליודאָוון, מיט אַ לייכטן טריט צוגייענדיק צו דער טיר פון קאַבינעט, זי אויפגעעפנט און געבליבן אין איר שטיין.

אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט, האָט נעכליודאָוו דערזען פאַר זיך אַ מיטלגעוויקסיקן, פעסט געבויטן קורץ געשוירענעם מאַן אין אַ סורדוט, וועלכער איז געזעסן בײַ אַ גרויסן שרייבטיש און האָט פריילעך געקוקט פאַר זיך. זיין פריש פּנים, וואָס האָט זיך באַזונדערס בולט אַרויסגעזען פון צווישן די ווייסע וואָנסעס און באָרד, האָט זיך פריילעך צעשמייכלט בײַ נעכליודאָווס אַריינקומען.

— איך בין זייער צופרידן אייך צו זען. מיר זענען געווען אַלטע באַקאַנטע און פריינט מיט אייער מוטער. איך האָב אייך געזען אַלס יינגל און שפּעטער אַלס אָפיציר. נו, זיצט, דערציילט, מיט וואָס קאָן איך אייך דינען. יאָ, יאָ, — האָט ער גערעדט, צושאָקלענדיק מיט זיין געשוירענעם גרויען קאָפּ, — בשעת ווען נעכליודאָוו האָט געהאַלטן אין דערציילן די געשיכטע מיט פעדאָסיען. — דערציילט, דערציילט, איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען; יאָ, יאָ, דאָס איז ווירקלעך זייער רירנד. אַלזאָ, האָט איר אָנגעגעבן אַ בקשה?

— איך האָב צוגעגרייט אַ בקשה, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, אַרויסנעמענדיק די בקשה פון קעשענע, — אָבער איך האָב געוואָלט

אייך בעטן, איך האָף, אַז אויף דעמדאָזיקן פּראָצעס וועט מען לייגן אַ באַזונדערע אַכט.

— און זייער גוט האָט איר געטאָן. איך וועל באַשטימט די בקשה אַליין דערלאַנגען, — האָט דער באַראָן געזאָגט, און אויף זיין פריילעך געזיכט האָט זיך מאָדנע אויסגעדריקט דאָס מיטגעפיל. — ס'איז זייער רירנד. קענטיק, אַז זי איז נאָך דאַן געווען אַ קינד. דער מאַן איז זיך מיט איר גראָב באַגאַנגען, האָט עס זי אָפּגעשטויסן, און שפּעטער איז געקומען די צייט, און זיי האָבן זיך ליב באַקומען... יאָ, איך וועל עס דערלאַנגען.

— גראַף איוואַן מיכאַילאָוויטש האָט געזאָגט, אַז ער האָט געוואָלט בעטן...

נעכליודאָוו האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצורעדן דידאָזיקע ווער־טער, ווי דער אויסדרוק פון באַראָנס פּנים האָט זיך פאַרענדערט.

— איבעריקנס, גיט אָן די בקשה אין דער קאַנצעלאַריע, און איך וועל טון אַלץ, וואָס איך קאָן, — האָט ער געזאָגט נעכליודאָוון.

אין דער ווײַלע איז אין צימער אַרײַן דער יונגער באַאַמטער, וואָס האָט קענטיק שטאָלצירט מיט זיין שיינעם גאַנג.

— די דאַמע בעט, מ'זאָל איר דערלויבן זאָגן נאָך אַ פּאָר ווערטער.

— נו, רופט זי אַרײַן. אַך, mon cher*), וויפל טרערן מ'זעט זיך דאָ אָן! אַז מען וואָלט עס נאָר געקאָנט זיי אַלע אָפּווישן! מ'טוט, וואָס עס לאָזט זיך.

די דאַמע איז אַרײַן.

— איך האָב פאַרגעסן צו בעטן וועגן דעם, אַז מען זאָל אים נישט לאָזן אָפּגעבן די טאָכטער, ווייל אַ נישט איז ער אויף אַלץ...

— יאָ, איך האָב דאָך געזאָגט, אַז איך וועל אַלץ טון.

— באַראָן, האָט רחמנות איר וועט ראַטעווען אַ מוטער.

...זי האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט און גענומען קושן.

— אַלץ וועט זיין געמאַכט.

ווען די דאַמע איז אַרויס, האָט זיך נעכליודאָוו אויך גענומען בעזעגענען.

---

*) מיין ליבער.

— מיר וועלן טון, וואָס מיר וועלן קאָנען. מיר וועלן זיך אויפ־שרייבן מיט דעם יוסטיץ־מיניסטעריום. זיי וועלן אונז ענטפערן, און דאַן וועלן מיר טון, וואָס עס וועט זיך לאָזן.

נעכליודאָוו איז אַרויס און אַדורכגעגאַנגען אין קאַנצעלאַריע. ווידער, ווי אין סענאַט, האָט ער דאָ געפונען אין דעם גרויסאַרטיקן לאָקאַל גרויסאַרטיקע באַאַמטע, ריינע, העפלעכע, קאָרעקטע פון זייער קליידונג ביז זייער באַנעמען זיך, פּינקטלעכע און שטרענגע.

„סאַר אַ סך זיי זענען פאַראַן, אַ שרעק סאַר אַ סך זיי זענען פאַראַן, און אַלע אַזעלכע זאַטע, און סאַר אַ ריינע העמדער זיי האָבן, סאַר אַ הענט, ווי שיין עס גלאַנצן באַ יעדערן די שטיוול, און ווער מאַכט עס זיי אַלץ? און ווי זיי איז דאָס אַלעמען גוט אין פאַרגלייך נישט נאָר מיט די אַרעסטאַנטן, נאָר אפילו מיט די דאָרפישע פּויערים". האָט נעכליודאָוו ווידער נישט־ווילנדיק אַ טראַכט געגעבן.

.XIX

דער מאַן, וואָס פון אים האָט זיך געוועגדט צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון די אַרעסטירטע אין פעטערבורג, איז געווען אַ פאַרדינסטפולער אַלטער גענעראַל פון די דייטשע באַראָנען, אַ גרויסער עובר־בטל, ווי מ'האָט אויף אים געזאָגט, באַהאָנגען מיט אָרדנס, וועלכע ער האָט נישט געטראָגן, אַ חוץ אַ ווייסן צלם אין לאַץ; ער האָט גע־דינט אויף קאַווקאַז, ווו ער האָט באַקומען דעמדאָזיקן פאַר אים זייער אָנגענעמען צלם אַלס אויסצייכענונג דערפאַר, וואָס אונטער זיין אָנפירונג האָבן רוסישע פויערים, אָפּגעשוירענע און אָנגעקליידטע אין מונדירן און באַוואָפנטע מיט ביקסן און באַגנעטן, דערהרגעט איבער טויזנט מענטשן, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט זייער פרייהייט, זייערע היימען און זייערע פאַ־מיליעס. שפּעטער האָט ער געדינט אין פּוילן, ווו ער האָט אויך געצוווּנ־גען די רוסישע פויערים, זיי זאָלן אָפּטון כּלערליי פאַרברעכנס, וואָס דערפאַר האָט ער אויך באַקומען אָרדנס און נייע באַפּוצונגען אויפן מונ־דיר; דערנאָך איז ער נאָך ערגעץ ווו געווען, און איצטער, שוין אַלס תלוש, האָט ער באַקומען אָט די שטעלע, וואָס האָט אים געגעבן אַ גוטע

דירה, חיונה און כבוד און אויף וועלכער ער האָט זיך געפונען אין דעם איצטיקן מאָמענט. ער האָט שטרענג אויסגעפירט די פאָרשריפטן פון אויבן און האָט באַזונדער טייער געהאַלטן דידאָזיקע אויספירונג; צושרייבנדיק דידאָזיקע פאָרשריפטן אַ באַזונדערע באַדייטונג, האָט ער געהאַלטן, אַז אַלץ אויף דער וועלט קאָן מען ענדערן, אָבער נישט די פאָרשריפטן פון דער העכערער מאַכט.

זיין פליכט איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ער זאָל האַלטן אין קאַזעמאַטן, אין איינצל־קאַמערן פּאָליטישע פאַרברעכער און פאַרברעכערינס און האַלטן דידאָזיקע מענטשן אַזוי, אַז אין משך פון 10 יאָר — איז האַלב פון זיי אומגעקומען — טיילווייז אַראָפּ פון זינען, טיילווייז געשטאָרבן פון שווינדזוכט און טיילווייז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד: ווער דורך הונגער, ווער מיט גלאָז איבערגעשניטן זיך די אָדערן, ווער זיך הענגענדיק, און ווער זיך פאַרברענענדיק.

דער אַלטער גענעראַל האָט דאָס אַלץ געוווסט, דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אויף זיינע אויגן, נאָר אַזוינע מיני פאַלן האָבן פונקט אַזוי נישט אָנגערירט זיין געוויסן, ווי עס פלעגן נישט אָנרירן זיין געוויסן די אומגליקן, וועלכע פלעגן פאָרקומען פון געוויטער, פאַרפלייצונגען א. ד. גל.

דידאָזיקע פאַלן פלעגן פאָרקומען צוליבן אויספירן די פאָרשריפטן פון אויבן, אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט דעם קיסר. דידאָזיקע פאָרשריפטן האָט מען געמוזט אויספירן, און במילא איז שוין געווען איבעריק צו טראַכטן וועגן די קאָנסעקווענצן פון אַזעלכע פאָרשריפטן. דער אַלטער גענעראַל האָט זיך נישט דערלויבט צו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן, האַלטנדיק פאַר זיין פּאַטריאָטיש־זעלנערישן חוב נישט צו טראַכטן, כדי נישט צו ווערן שוואַכער אויף אויסצופירן דידאָזיקע, לויט זיין מיינונג זייער וויכטיקע התחיבותן. איין מאָל אין וואָך פלעגט דער אַלטער גענעראַל אַלס פליכט פון זיין דינסט אַדורכגיין אַלע קאַזעמאַטן און פלעגט אויספרעגן די אַרעסטירטע, צי זיי האָבן נישט עפּעס אַ ביטע, די אַרעסטירטע פלעגן זיך ווענדן צו אים מיט כלערליי בקשות. ער פלעגט זיי אויסהערן געלאַסן, פאַרשלאָסן שווייגנדיק און פלעגט קיינמאָל גאָרנישט מקיים זיין, ווייל די בקשות זענען געווען קעגן די תקנות.

בשעת נעכליודאָוו איז צוגעפאָרן צו דער וווינונג פון דעם אַלטן גענעראַל, האָבן די קוראַנטן אויפן טורעם־זייגער אויסגעשלאָגן מיט הילכיקע גלעקעלעך: „קאָל סלאַווען באָך", און דערנאָך האָט געשלאָגן

צוויי אַ זייגער. הערנדיק דידאָזיקע קוראַנטן, האָט נעכליודאָוו נישט ווילנדיק זיך דערמאַנט, וואָס ער האָט געלייענט אין די מעמואַרן פון די דעקאַבריסטן, ווי אַזוי דידאָזיקע זיסע, אַלע שעה זיך איבערחזרנדיקע מוזיק רופט זיך אָפּ אין דער נשמה פון די אויף אייביק פאַרשפאַרטע.

בשעת נעכליודאָוו איז צוגעפאָרן צום הויפּט-אַריינגאַנג, איז דער אַלטער גענעראַל געזעסן אין טונקעלן סאַלאָן בײַ אַן אינקרוסטירט טישל און האָט צוזאַמען מיט אַ יונגנמאַן, אַ קינסטלער, אַ ברודער פון איינעם פון זיינע סובאָרדינירטע, געדרייט אַ שאָל איבער אַ בויגן פּאַפּיר. דעם קינסטלערס דינע, פייכטע, שוואַרצע פינגער זענען געווען אַריינגעשטעלט אין די פאַרשטייפטע, צעקנייטשטע און אין די געלענקען פאַרביינערטע פינגער פון דעם אַלטן גענעראַל, און דידאָזיקע פאַרייניקטע הענט האָבן געצוקט צוזאַמען מיט דער איבערגעקערטער טיישאָל איבער אַ בויגן פּאַפּיר, אויף וועלכן עס זענען געווען אויסגעמאָלט אַלע אותיות פון אַלפאַבעט. די שאָל האָט געענטפערט אויף דעם גענעראַלס פראַגע, ווי אַזוי די נשמות וועלן איינע די אַנדערע דערקענען נאָכן טויט.

בשעת איינער פון די דינשטשיקעס, וואָס האָט אויסגעפירט די פליכטן פון אַ קאַמערדינער, איז אַריין מיט נעכליודאָווס וויזיט-קאַרטע, האָט אין דעם מאָמענט דורך דער פאַרמיטלונג פון דער שאָל גערעדט זשאַנע ד'אַרקס נשמה. זשאַנע ד'אַרקס נשמה האָט שוין אַרויסגערעדט אותיותווייז דידאָזיקע ווערטער: „מען וועט דערקענען איינע די אַנדערע", און דאָס האָט מען פאַרשריבן. בשעת ס'איז אַריין דער דינער, האָט זיך די שאָל אָפּגעשטעלט איינמאָל אויף „פּע", דאָס צווייטע מאָל אויף „O" און דערנאָך צוגעקומען צו „C" און אָפּשטעלנדיק זיך אויף דעמ־דאָזיקן אות, גענומען צוקן אַהער און אַהין. געצוקט האָט עס דערפאַר, ווייל דער גענעראַל האָט געמיינט, אַז דאָס פאָלגנדיקע אות דאַרף זיין „פּע", דאָס הייסט, זשאַנע ד'אַרק האָט, לויט זיין מיינונג, געדאַרפט זאָגן, אַז די נשמות וועלן דערקענען איינע די אַנדערע ערשט נ אָ ך („פּאָסלע") זייער אויסלייטערן זיך פון אַלעם ערדישן אָדער כּדומה אַזוינס. דער קינסטלער ווידער האָט געמיינט, אַז דאָס פאָלגנדיקע אות וועט זיין „B", דאָס הייסט, די נשמה וועט זאָגן, אַז די נשמות וועלן זיך דערקענען אָ ן ד ע ם ל י כ ט, („פּאָ סוועטו"), וואָס וועט אַרויסשטראָמען פון די עטערדיקע נשמה-קערפּערס. דער גענעראַל, פינצטער אָנגערוקט זיינע געדיכטע גרויע ברעמען, האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אויף די הענט און, זיך פאַרשטעלנדיק, אַז די שאָל באַוועגט זיך פון זיך אַליין, האָט ער זי געצויגן

צו דער „פע". דער יונגער אַנעמישער קינסטלער ווידער, מיט די הינטער אויערן פאַרלייגטע שיטערע האָר, האָט מיט זיינע בלויע טויטע אויגן גע- קוקט אין פינצטערן ווינקל פון סאַלאָן און, נערוועז באַוועגנדיק מיט די ליפּן, געצויגן צו דער „B". דער גענעראַל האָט זיך אַ קרום געטון. וואָס ער דאַרף איבעררייסן זיין באַשעפטיקונג און נאָך אַ ווײַלע שווייגן גענו- מען די וויזיט-קאַרטע, אַנגעטון די פּענסנע און, אַ קרעק געבנדיק פון ווייטיק אין קרייץ, האָט ער זיך אויפגעשטעלט ווי הויך ער איז געווען, רייבנדיק זיינע פאַרגליווערטע פינגער.

— בעט אַריין אין קאַבינעט.

— דערלויבט, אייער עקסעלענץ, איך וועל אַליין פאַרענדיקן, — האָט דער קינסטלער געזאָגט, זיך אויפשטעלנדיק, — איך פּיל די אָנ- וועזנהייט.

— גוט, פאַרענדיקט, — האָט דער גענעראַל אָנטשלאָסן און שטרענג געזאָגט און זיך געלאָזט גיין מיט זיינע גרויסע טריט פון די נישט אויסגעקערטע פיס און מיט אַן אַנטשלאָסענעם געמאָסטענעם גאַנג אין קאַבינעט אַריין.

— זייער אָנגענעם אייך צו זען, — האָט דער גענעראַל געזאָגט נעכליודאָוון מיט אַ גראָבער שטימע פריינטלעכע ווערטער, אָנווייזנדיק אים אויף אַ שטול באַם שרייבטיש. — שוין לאַנג זענט איר געקומען קיין פּעטערבורג.

נעכליודאָוו האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט לאַנג געקומען.

— וואָס מאַכט עפּעס די פירשטין, אייער מוטער?

— די מוטער איז געשטאָרבן.

— אַנטשולדיקט, איך האָב זייער באַדויערט. מיר האָט דער זון גע- זאָגט, אַז ער האָט אייך געטראָפן.

דעם גענעראַלס זון האָט געמאַכט די זעלבע קאַריערע ווי דער פאָ- טער און נאָכן ענדיקן די מיליטערישע אַקאַדעמיע האָט ער געדינט אין אויסשפּיר-ביוראָ און האָט שטאַרק געשטאָלצירט מיט די פונקציעס, וואָס מ'האָט אים אָנגעטרויט. זיינע פונקציעס זענען באַשטאַנען אין אָנפירן מיט שפּיאָנען.

— אָהאָ, מיר האָבן געדינט צוזאַמען מיט אייער פאָטער. פריינט געווען, חברים. און וואָס איר, איר דינט?

— ניין, איך דין נישט.

דער גענעראַל האָט אומצופרידן אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— און איך, גענעראַל, האָב צו אייך אַ בקשה, — האָט נעכליו־דאָוו געזאָגט.

— אָ־אָך! מיטן גרעסטן, גרעסטן פאַרגעניגן. מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

— אויב מיין בקשה איז נישט פּאַסיק, דאַן בעט איך מיך אַנט־שולדיקן, אָבער איך מוז אייך זי מיטטיילן.

— וואָס אַזוינס?

— בא אייך זיצט אַ געוויסער גורקעוויטש, בעט זיין מוטער אַ דערלויבעניש זיך צו זעען מיט אים, אָדער לכל הפּחות אים איבערגעבן ביכער:

דער גענעראַל האָט בא נעכליודאָווס פראַגע נישט אויסגעדריקט נישט קיין שום צופרידנקייט, נישט קיין שום אומצופרידנקייט און, אָנגעבויגן דעם קאָפּ אָן אַ זייט, האָט ער זיך פאַרזשמורעט, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס באַטראַכט, אָבער אינדעראמתן האָט ער גאָרנישט באַטראַכט און זיך אפילו נישט פאַראינטערעסירט מיט נעכליודאָווס פראַגע, זייער גוט ווייסנדיק, אַז ער וועט אים אַלץ איינס ענטפערן על פּי געזעץ. ער האָט פּשוט גייסטיק אָפּגערוט, וועגן קיין זאַך נישט געטראַכט.

— פאַרשטייט איר מיך, פון מיר הענגט עס נישט אָפּ, — האָט ער געזאָגט, עטוואָס אָפּגערוט. — וועגן זעונגען איז דאָ אַן אַלערהעכסט באַשטעטיקטע תּקנה, און וואָס דאָרט ווערט דערלויבט, איז דערלויבט; וואָס שייך ביכער, האָבן מיר אַ ביבליאָטעק, און זיי באַקומען די ביכער, וואָס זענען דערלויבט.

— יאָ, אָבער ער דאַרף וויסנשאַפטלעכע, ער וויל זיך בילדן.

— גלייבט אים דאָס נישט, — דער גענעראַל האָט אַ ווילע גע־שוויגן. — דאָס דאַרף ער נישט צום לערנען, נאָר גלאַט דרייען אַ קאָפּ.

— ניין, די אַרעסטירטע אין זייער שווערער לאַגע מוזן דאָך ווי נישט איז פאַרטרייבן די צייט! — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— אַלע מאָל באַקלאָגן זיי זיך, — האָט דער גענעראַל געענט־פערט. — מיר קענען זיי דאָך.

ער האָט גערעדט וועגן זיי בכלל ווי וועגן עפּעס אַ באַזונדערער, שלעכטער ראַסע מענטשן.

— און זיי האָבן דאָ אַזאַ באַקוועמלעכקייט, וואָס מען קאָן זעלטן טרעפן אין תּפיסות, — האָט דער גענעראַל ווייטער גערעדט.

און ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט, האָט ער גענומען גענוי

אויסרעכענען די אַלע באַקוועמלעכקייטן, פון וועלכע די אַרעסטאַנטן האָבן געגאַסן, גלייך ווי דער הויפּט-ציל פון דעמדאָזיקן אַנשטאַלט וואָלט באַ־שטאַנען אין דעם, אַז די אַרעסטאַנטן זאָלן האָבן אַן אייגענע מקום־מנוחה.

— פריער איז דאָ געווען, ווי דער אמת איז, זייער שטרענג, נאָר איצט האַלט מען זיי דאָ גלענצנד. זיי עסן דריי געריכטן און שטענדיק איינמאָל פליישיקס: ביפשטעקס אָדער קאָטלעטן. זונטיק האָבן זיי נאָך אַ פערט געריכט — אַ דעסערט. הלוואי זאָל גאָט געבן, אַז יעדער רוסי־שער מענטש זאָל קאָנען עסן אַזעלכע מאכלים.

דער גענעראַל, ווי אַלע אַלטע לייט, האָט קענטיק אָנגעטראָפן אויף אַ גוט איינגעקנעלטע זאַך, האָט ער געזאָגט דאָס אַלץ. וואָס ער האָט שוין איבערגעחזרט אַ סך מאָל צו דערווייזן, אַז די אַרעסטירטע קאָנען נישט האָווירן און זענען אומדאַנקבאַר.

— ביכער באַקומען זיי סיי רעליגיעזע, סיי אַלטע זשורנאַלן. מיר האָבן אַ ביבליאָטעק. אָבער זיי לייענען זעלטן. לכתחילה דאַכט זיך, אַז זיי פאַראינטערעסירן זיך יאָ, אָבער שפּעטער בלייבן די נייע ביכער ביז העלפט אפילו נישט פונאַנדערגעשניטן, און אין די אַלטע — אפילו נישט איבערגעמישט די זייטלעך, — מיר האָבן אפילו געפּרוווט, — האָט דער באַראָן מיט אַ ווייטן רמז אויף אַ שמייכל געזאָגט, — בכיוון אַריינצו־לייגן אַ פּאַפּירל, פלעגט עס אַזוי בלייבן ליגן. אויך שרייבן איז זיי נישט פאַרבאָטן, — האָט דער גענעראַל ווייטער גערעדט — מען גיט זיי אַ טאַפל און אַ גריפל, אַזוי אַז זיי קאָנען שרייבן און דערמיט פאַרנעמען די צייט. זיי קאָנען אָפּמעקן און ווידער שרייבן. אָבער שרייבן שרייבן זיי אויך נישט. ניין, זייער גיך ווערן זיי אינגאַנצן רויק. נאָר פון אָנהייב זענען זיי נערוועיש, אָבער שפּעטער ווערן זיי אפילו דיק און זייער שטיל, — האָט דער גענעראַל גערעדט, נישט באַנעמענדיק דעם שרעק־לעכן זין, וואָס זיינע ווערטער האָבן געהאַט.

נעכליודאָוו האָט געהערט זיין הייזעריק-אַלט קול, האָט געקוקט אויף זיינע פאַרביינערטע גלידער, אויף די אויסגעלאָשענע אויגן פון אונטער די גרויע ברעמען, אויף די אַלטע געראַזירטע אַראָפּגעהאָנגענע קינבאַקן, אונטער־געשפּאַרט פון דעם מיליטערישן קראַגן; געקוקט אויף דעמדאָזיקן ווייסן צלם, מיט וועלכן דערדאָזיקער מאַן האָט שטאָלצירט איבערהויפּט דערפאַר, ווייל ער האָט אים באַקומען פאַר אַן אויסערגע־וויינלעך אַכזריותדיקן מאָרד פון פיל נפשות, — און ער האָט פאַרשטאַ־

נען. אז ענטפערן, אויפקלערן אים די באַדייטונג פון זיינע ווערטער איז — א ברכה לבטלה. אָבער דאָך האָט ער געמאַכט אַן אָנשטרענגונג און געפרעגט וועגן נאָך אַן אָנגעלעגנהייט — וועגן דער אַרעסטאַנטין שוסטאָווא, וואָס ער האָט היינט וועגן איר באַקומען א ידיעה, אז מ׳האָט זי באַפוילן אַרויסצולאָזן.

— שוסטאָווא? שוסטאָווא... איך געדענק נישט אַלעמען מיט די נעמען. זיי זענען פאַראַן אַזוי פיל, — האָט ער געזאָגט, אויפוואַרפנדיק, וואָס זיי זענען אין אַזא גרויסער צאָל. ער האָט אָנגעקלונגען און האָט געהייסן א רוף טון דעם סעקרעטאַר.

ביז מען איז געגאַנגען נאָך דעם סעקרעטאַר, האָט דער גענעראַל געמוסרט נעכליודאָוון, ווי וויכטיק ס׳איז צו דינען; ער האָט געזאָגט, אַז ערלעכע און איידעלע מענטשן, צווישן וועלכע ער האָט אויך זיך געמיינט, זענען באַזונדערס נייטיק דעם קיסר... און דעם פאָטערלאַנד, — האָט ער צוגעגעבן, משמעות בלויז צוליב מליצה.

— זעט איר, איך בין שוין אַלט, פונדעסטוועגן דין איך, אויף וויפיל עס דערלויבן מיר מיינע כוחות.

דער סעקרעטאַר, א דאַרער אויסגעטרוקנטער מאַן מיט אומרויקע קלוגע אויגן, — איז געקומען צו מעלדן, אַז שוסטאָווא געפינט זיך ערגעץ אין א מאָדנעם פאַרטיפיקאַציאָנס־אָרט, און קיין פּאַפּיר וועגן איר איז נישט אָנגעקומען.

— ווי מיר דערהאַלטן נאָר, אין דעם זעלבן טאָג לאָזן מיר גלייך אַרויס. מיר פאַרהאַלטן זיי נישט, מיר האַלטן נישט שטאַרק טייער זייער באַזוכן, — האָט דער גענעראַל געזאָגט ווידער מיט אַ פּרווו פון אַ שפּילעוודיקן שמייכל, וואָס האָט בלויז פאַרקרימט זיין אַלט פּנים.

נעכליודאָוו האָט זיך אויפגעשטעלט, באַמיענדיק זיך איינצוהאַלטן דאָס געמישטע געפיל פון עקל און רחמנות, וואָס ער האָט געשפּירט צו דעמדאָזיקן שרעקלעכן זקן. דער אַלטער ווידער האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף אויך נישט זיין צו שטרענג צו דעם לייכטזיניקן און, באַשייגפּערלעך — פאַרבלאָנזשעטן זון פון זיין חבר און דאַרף אים אַרויספירן אויפן דרך־הישר.

— זייט געזונט, מיין ליבער, האָט נישט קיין פאַראיבל, אויס ליבע צו אייך זאָג איך דאָס. האָט נישט קיין מגע־ומשא מיט די, וואָס זיצן בא אונז, — האָט ער געזאָגט. — קיין אומשולדיקע זענען נישטאָ. און אָט די מענטשן זענען דאָך אַזעלכע אוממאָראַלישע. מיר קענען זיי גוט, —

האָט ער געזאָגט מיט א טאָן, וואָס האָט נישט צוגעלאָזט די מעגלעכקייט פון דעם מינדסטן ספק. און ער האָט ווירקלעך נישט געצווייפלט דערין, נישט דערפאַר, וואָס דאָס איז אַזוי געווען, נאָר דערפאַר, וואָס אויב דאָס וואָלט נישט געווען אַזוי, וואָלט ער דאַרפן זיך אָנערקענען נישט אַלס חשובן העלד, וואָס לעבט בכבודיק אָפּ אַ גוט לעבן, נאָר אַלס אויסוואורף, וואָס האָט פאַרקויפט און פאַרקויפט אויף די עלטערע יאָרן ווייטער זיין געוויסן.

— און די בעסטע זאַך איז, איר זאָלט דינען, — האָט ער ווייטער געֿרעדט. — דער קיסר דאַרף ערלעכע מענטשן... און דאָס פּאָטער־לאַנד, — האָט ער צוגעגעבן. — אויב אויך איך און אַלע, ווי איר, וואָלטן נישט געדינט ? ווער וואָלט איבערגעבליבן ? אָט טאַדלען מיר די אָרדנונ־גען, און אַליין ווילן מיר נישט העלפן דער רעגירונג.

נעכליודאָוו האָט שווער אָפּגעזיפצט, זיך נידעריק פאַרנייגט, גנעדיק א דריק געטון די אים אויסגעשטרעקטע ביינערדיקע גרויסע האַנט און איז אַרויס פון צימער.

דער גענעראַל האָט אומצופרידן א שאָקל געטון מיטן קאָפּ און, אויסרייבנדיק דעם קרייץ, איז ער ווידער אַוועק אין סאַלאָן, וווּ עס האָט אויף אים געוואַרט דער קינסטלער, וואָס האָט שוין געהאַט פאַרשריבן דעם ענטפער פון זשאַנע ד'אַרקס נשמה. דער גענעראַל האָט אָנגעטון די פּענסנע און האָט איבערגעלייענט : „מען וועט דערקענען איינע די אַנדע־רע אָן דעם ליכט, וואָס וועט אַרויסשטראָמען פון די עטער־קערפּערס".

— אַזוי, — האָט דער גענעראַל צופרידן געזאָגט, פאַרמאַכנדיק די אויגן, אָבער ווי אַזוי וועט מען דערקענען, אויב דאָס ליכט איז בא אַלע גלייך ? — האָט ער געפרעגט און, ווידער פאַרקרייצנדיק די פינגער מיט דעם קינסטלער, האָט ער זיך געזעצט באַם טיש.

נעכליודאָווס קוטשער איז אַרויסגעפאָרן פון טויער.

— ווי אומעטיק דאָ איז, האַר לעבן, — האָט ער געזאָגט, זיך ווענדנדיק צו נעכליודאָוון. — איך האָב געוואָלט אַוועקפאָרן אָן אייך.

— יאָ, דאָ איז אומעטיק, — האָט נעכליודאָוו מסכים געווען, אָטע־מענדיק מיט א פולער ברוסט און מיט באַרויקונג אָנשטעלנדיק די בליקן אויף די רויכיקע וואָלקנס, וואָס זענען געשוואומען איבערן הימל, און אויף די גלאַנציקע קרייזלעך פון דער נעווא מיט די שיפלעך און דאַמפּערס.

XX.

אויף מאָרגן האָט באַדאַרפֿט גיין מאַסלאָוואַס פּראָצעס. נעכליודאָוו איז אָוועקגעפאָרן אין סענאַט. דער אַדוואָקאַט האָט זיך מיט אים צונויפגעטראָפן בײַ דעם הויפּט־אַרײַנגאַנג פון דעם סענאַט־בנין. ווו עס זענען שוין געשטאַנען עטלעכע עקיפּאַזשן. גייענדיק אויף די גרויסאַרטיקע, פּייערלעכע שטיגן אויפן צווייטן שטאָק אַרויף, האָט דער אַדוואָקאַט, וואָס האָט געוווּסט אַלע אַרײַנגאַנגען, זיך געלאָזט לינקס אין דער טיר, אויף וועלכער ס'איז געווען אויסגעמאָלט די דאַטע, ווען מ'האָט אײַנגעפירט די געריכטס־רעפאָרם. אויסגעטון אין דעם ערשטן לאַנגן צימער דאָס מאַנטל און דערוווּסט זיך פון דעם פּאָרטיער, אַז די סענאַטאָרן זענען זיך שוין אַלע צוזאַמענגעקומען און אַז דער לעצטער איז שוין אויך נאָר־וואָס אַרײַן, האָט פאַנאַרין, בלײַבנדיק אין זײַן פראַק און אין דעם ווײַסן קראַוואַט איבער דער ווײַסער ברוסט, איז ער מיט אַ פרײלעכער זיכערקייט אַרײַנגעגאַנגען אין דעם צווייטן צימער. אין דעמדאָזיקן צווייטן צימער איז רעכטס געשטאַנען אַ גרויסע שאַנק, דערנאָך אַ טיש, און לינקס געדרייטע טרעפּ, איבער וועלכע עס איז אין דעם מאָמענט געגאַנגען אַן עלעגאַנטער באַאַמטער, אין אַ וויצמונדיר און מיט אַ פּאָרטפעל אונטערן אָרעם. אין צימער האָט אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אַ זקן פון פּאַטריאַרכאַלישן אויסזעען, מיט לאַנגע ווײַסע האָר, אין אַ פּידזשאַק און אין גרויע הויזן; לעבן אים זענען געשטאַנען מיט גרויס רעספּעקט צוויי דינער. דער אַלטיטשקער מיט די ווײַסע האָר איז אַרײַן אין שאַנק און איז דאָרט פאַרשוווּנדן. אין דער צײַט האָט פאַנאַרין, דערזעענדיק זײַנס אַ קאָלעגע, אַן אַדוואָקאַט, אויך אין אַ ווײַסן קראַוואַט און פראַק, גלײַך מיט אים פאַרפירט אַ לעבעדיקן שמועס. נעכליודאָוו האָט באַטראַכט דעם עולם, וואָס איז געווען אין צימער. עס איז געווען אַ מאַן 15 בתוכם אויך צוויי דאַמען. איינע אין פּענסנע אַ יונגע און די אַנדערע אַ גרויע. דער פּראָצעס, וואָס האָט באַדאַרפט פאָרקומען, איז געווען וועגן רכילות אין דער פּרעסע און דעריבער האָט זיך

פאַרזאַמלט אַ גרעסערער עולם, ווי געוויינלעך ; דאָס רוב מענטשן פון דער זשורנאַליסטישער וועלט.

דער געריכטס-קאָמיסאַר, מיט רויטע באַקן, אין אַ הערלעכן מונדיר, מיט אַ פּאַפּיר אין האַנט, איז צוגעגאַנגען צו פאַנאַרינען מיט אַ פראַגע : וואָס ער האָט פאַר אַן ענין ? און, דערוווּסט זיך, אַז וועגן ענין-מאַסלאָוואַ, האָט ער עפּעס פאַרשריבן און איז אָפּגעגאַנגען. אין דער רגע האָט זיך אויפגעעפנט די טיר פון שאַנק, און פון דאָרט איז אַרויס דער זקן פון פּאַטריאַכאַלישן אויסזעען, אָבער ער איז שוין נישט געווען אָנגעטון אין אַ פּידזשאַק, נאָר אין אַן אַנצוג, וואָס איז געווען אַרומגענייט מיט גאַ-לאָנען, און מיט פינקלדיקע בלעכעלעך אויף דער ברוסט. אַן אַנצוג, וואָס האָט אים געמאַכט ענלעך אויף אַ פויגל.

דאָסדאָזיקע לעכערלעכע אַנצוגל האָט, ווייזט אויס, פאַרווירט דעם אַלטיטשקן גופא, און ער איז אויף גיך, שנעלער, ווי ער איז געוויינלעך געגאַנגען, אַריין אין דער טיר קעגנאיבער דער אַריינגאַנגסטיר.

— דאָס איז בע, גאָר אַן אָנשטענדיקער מענטש, — האָט פאַנאַרין געזאָגט צו נעכליודאָוון און, באַקענט אים מיט זיין קאָלעגע, האָט ער אים דערציילט וועגן דעם זייער — לויט זיין מיינונג — אינטערעסאַנטן פּראָצעס, וואָס האָט געדאַרפט באַטראַכט ווערן.

דער פּראָצעס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן, און נעכליודאָוו איז צוזאַמען מיטן פּובליקום אַריין לינקס, אין דעם זיצונגס-זאַל. זיי אַלע און פאַנאַרין זענען הינטער דער קראַטע אַריבער אויף די ערטער פאַרן פּובליקום. בלויז דער פּעטערבורגער אַדוואָקאַט איז אַרויס פאָרויס הינטער דעם פּולט פאַר דער קראַטע.

דער זיצונגסזאַל פון סענאַט איז געווען קלענער ווי דער זאַל פון קרייז-געריכט, איינפאַכער געבויט און זיך אויסגעצייכנט בלויז דערמיט, וואָס דער טיש, בא וועלכן די סענאַטאָרן זענען געזעסן, איז געווען באַ-דעקט נישט מיט קיין גרינעם געוואַנט, נאָר מיט אַ באָרדאָענעם סאַמעט, באַנייט מיט גאָלדענעם גאַלאָן ; אָבער די שטענדיקע אַטריבוטן פון די ערטער, ווו עס ווערט אָפּגעריכט די יוסטיץ, זענען געווען די זעלבע : דער געריכטס-שפּיגל, די עמבלעם פון צביעות — די איקאָנע און די עמבלעם פון שקלאַפישער אונטערטעניקייט — דער פּאָרטרעט פון קייסער. פּונקט אַזוי פייערלעך האָט דער געריכטס-קאָמיסאַר אויסגערופן : „דאָס געריכט גייט”. פּונקט אַזוי זענען אַלע אויפגעשטאַנען, פּונקט אַזוי זענען

אַרײַנגעקומען די סענאַטאָרן אין זײערע מונדירן, פּונקט אַזוי זיך געזעצט אין די פאַטעלן מיט די הויכע אַנלענס, פּונקט אַזוי זיך אָנגעלענט אָן דעם טיש, פּלײסנדיק זיך צו האָבן אַ נאַטירלעכן פּנים. די סענאַטאָרן זענען געווען זאַלבעפערט. דער פאָרזיץ-פירער, ניקיטין, אײַנגאַנצן אַ ראַ-זירטער מענטש, מיט אַ שמאָל פּנים און שטאָלערנע אויגן; וואָלף, מיט היפּש פאַרקוועטשטע ליפּן און ווײַסע הענטלעך, מיט וועלכע ער האָט איבערגעמישט די בויגנס פון די פּראָצעס-אַקטן; דאַן סקאָראָוואָדניקאָוו, אַ דיקער, אַ שווערער, אַ געשטופּלטער מענטש, אַ געלערנטער יוריסט, און דער פערטער — בע, יענער פּאַטריאַרכאַלישער אַלטיטשקער, וועלכער איז געקומען צו פאָרן דער לעצטער. צוזאַמען מיט די סענאַטאָרן איז אַרויס דער אויבער-סעקרעטאַר און דער געהילף פון אויבערפּראָקוראָר, אַ מיטל-געוווקסיקער, אַ טרוקענער, ראַזירטער יונגער מענטש מיט זײער אַ טונקעלער געזיכטס-פאַרב און שוואַרצע אומעטיקע אויגן. טראָץ זײַן אויסטערלישן מונדיר און טראָץ דעם, וואָס ער האָט אים זעקס יאָר נישט געזען, האָט נעכליודאָוו גלײַך דערקענט אין אים אײנעם פון די בעסטע פרײַנט פון זײַן סטודענטישער צײַט.

— געהילף פון אויבערפּראָקוראָר סעלענין? — האָט ער געפרעגט דעם אַדוואָקאַט.

— יאָ, וואָס איז דען?

— איך קען אים זײער גוט, דאָס איז אַ הערלעכער מענטש...

— און אַ גוטער געהילף פון אַן אויבערפּראָקוראָר, אַ טיכ-טיקער. אָט אים האָט מען געדאַרפט אַ בעט טון, — האָט פאַנאַרין געזאָגט.

— ער וועט אַלנפאַלס טון על פּי יושר, — האָט נעכליודאָוו גע-זאָגט, דערמאַנענדיק זיך אָן זײַנע נאָענטע באַציונגען און פרײַנטשאַפט מיט סעלענינען און אָן זײַנע ליבע אײגנשאַפטן פון זויבערקײט, אָרנט-לעכקײט, אָנשטענדיקײט אין דעם בעסטן זין פון דעמדאָזיקן וואָרט.

— סײַ־ווי איז שוין קײן צײַט נישטאָ, — האָט פאַנאַרין אַרויס-געמורמלט און זיך אַרײַנגעטון אין הערן דעם אָנגעהויבענעם באַריכט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס וועגן אַן אָנקלאַגע אויפן פּסק-דין פון דער געריכטסקאַמער, וועלכע האָט איבערגעלאָזט אומפאַרענדערט דעם אורטײל פון קרײַז-געריכט.

נעכליודאָוו האָט אָנגעהויבן זיך אײַנצוהערן און זיך געגעבן די מי צו פאַרשטײן די באַדײַטונג פון דעם, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען פאַר-

אים, אָבער פּונקט ווי אין דעם קרייז-געריכט איז די גרעסטע מניעה צום
פאַרשטיין באַשטאַנען אין דעם. וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט נישט אין
דעם, וואָס איז נאַטירלעכערהייט געווען דער עיקר, נאָר וועגן גאַנץ זיי-
טיקע זאַכן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אַרטיקל אין אַ צייטונג, אין
וועלכן עס זענען דעמאַסקירט געוואָרן די שווינדלערייען פון אַ פאָרזיצער
פון אַ אַקציאָנערן-קאָמפּאַניע. וויכטיק האָט דאָ געקאָנט, דאַכט זיך, זיין
נאָר דאָס, צי איז אמת, אַז דער פאָרזיצער פון דער אַקציאָנערער געזעל-
שאַפט באַגנבעט זיינע פולמאַכט-געבער און ווי אַזוי מאַכט מען, אַז ער
זאָל אויפהערן זיי צו באַגנבענען. אָבער וועגן דעם איז אפילו קיין רייד
נישט געווען. אַ רייד איז געווען נאָר וועגן דעם, צי דער אַרויסגעבער
האָט על פּי געזעץ יאָ געהאַט אָדער נישט געהאַט אַ רעכט אָפּצודרוקן
דעם פעליעטאָניסטס אַרטיקל און וואָס פאַר אַ פאַרברעכן איז ער באַ-
גאַנגען דורך אָפּדרוקן דאָס אַרטיקל: אַ דיפאַמאַציע אָדער אַ רכילות און
ווי אַזוי די דיפאַמאַציע איז אין זיך כולל רכילות אָדער די רכילות —
די דיפאַמאַציע, און נאָך עפּעס אַזעלכע זאַכן וויניק פאַרשטענדלעכע
פאַר פשוטע מענטשן וועגן פאַרשידענע פּאַראַגראַפן אין באַשלוסן פון
עפּעס אַן אַלגעמיינעם דעפּאַרטאַמענט.

דאָס איינציקע, וואָס נעכליודאָוו האָט יאָ פאַרשטאַנען, איז געווען,
אַז הגם וואָלף, וועלכער האָט דעם ענין רעפערירט, האָט מיט אים נעכטן
אַזוי שטרענג איינגעטענהט, אַז דער סענאַט קאָן נישט אַריינגיין און באַ-
טראַכטן דעם ענין אין תּוך אַריין, — האָט ער אין דעמדאָזיקן ענין, ווייזט
אויס, רעפערירט מיט פּניות לטובת דער קאַסירונג פון דעם אורטייל פון
דער געריכטסקאַמער, און אַז סעלענין, גאָרנישט לויט זיין כאַראַקטעריס-
טישער צוריקגעהאַלטנקייט, האָט אומגעריכט אַרויסגעזאָגט זיין פאַרקערטע
מיינונג מיט גרויס היץ. די היציקייט פון דעם שטענדיק איינגעהאַלטע-
נעם סעלענין, וועלכע האָט פאַרוווּנדערט נעכליודאָוון, האָט געהאַט איר
גרונט אין דעם, וואָס מ'האָט געקענט דעם פאָרזיצער פון דער אַקציאָ-
נערער געזעלשאַפט פאַר אַ מענטש, וואָס איז אין געלטזאַכן אומריין,
און פון דער אַנדערער זייט איז ער צופעליק געוואויר געוואָרן, אַז וואָלף
איז געווען אויף אַ גרויסאַרטיק מיטאָג בא דעמדאָזיקן מאַכער שיער נישט
מיט אַ טאָג פריער פאַר דער באַטראַכטונג פון דעם פּראָצעס וועגן אים.
און איצטער, ווען וואָלף האָט, הגם זייער פאָרזיכטיק, נאָר בפירוש איינ-
זייטיק רעפערירט דעם ענין, האָט סעלענין זיך צעהיצט און האָט אַרויס-
געזאָגט זיין מיינונג צו נערוועיש פאַר אַ געוויינלעכן פּראָצעס. דידאָזיקע

רעדע האָט באַשײנפּערלעך װאָלפּן באַלײדיקט; ער איז רויט געװאָרן, נישט געקאָנט אײנזיצן, געמאַכט שטילשװײגנדיקע צײכנס פון פּאַרװוּנדע־רונג און איז מיט זײער אַ װירדיק און באַלײדיקט פּנים אַרויס צוזאַ־מען מיט די איבעריקע סענאַטאָרן אין דעם באַראַטונגסצימער.

— איר זענט געקומען װעגן װעלכן ענין אײגנטלעך? — האָט דער געריכטס־קאָמיסאַר װידער געפרעגט פאַנאַרינען, װי נאָר די סענאַטאָרן זענען אַרויס.

— איך האָב דאָך אײַך שוין געזאָגט, אַז װעגן ענין מאַסלאָװאַ, — האָט פאַנאַרין געזאָגט.

— יאָ, דער פּראָצעס װעט באַטראַכט װערן הײַנט. נאָר...

— נאָר װאָס דען? — האָט דער אַדװאָקאַט געפרעגט.

— פאַרשטײט איר מיך, דערדאָזיקער פּראָצעס האָט געזאָלט באַ־טראַכט װערן אָן די צדדים, אַזוי אַז די הערן סענאַטאָרן װעלן אפשר גאָרנישט אַרויסגײן נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון דעם באַשלוס. אָבער איך װעל מעלדן...

— דאָס הײסט, װי אַזוי דען...

— איך װעל מעלדן, איך װעל מעלדן, — און דער געריכטס־קאָמיסאַר האָט עפּעס פאַרנאָטירט אויף זײַן פּאַפּירל.

די סענאַטאָרן האָבן באמת טאַקע געהאַט בדעה נאָכן פאַרעפנט־לעכן דעם באַשלוס אין דעם פּראָצעס װעגן רכילות — די איבעריקע ענינים, בתוכם אויך מאַסלאָװעס, צו פאַרענדיקן באַ דער טײ און באַם רײכערן, נישט אַרויסקומענדיק פון דעם באַראַטונגסצימער.

XXI.

קוים האָבן די סענאַטאָרן זיך אויסגעזעצט באַם טיש פון דעם באַ-ראַטונגסצימער, האָט וואָלף זייער לעבעדיק אָנגעהויבן אַרויסצושטעלן מאַטיוון, לויט וועלכע דער ענין האָט געזאָלט קאַסירט ווערן. דער פאָר-זיצער, אַלע מאָל אַן אומגעצייקטער מענטש, איז היינט באַזונדערס געווען נישט אין דער שטימונג. הערנדיק דעם ענין בשעת דער זיצונג, האָט ער שוין געהאַט זיין מיינונג און איז איצט געזעסן, נישט הערנדיק וואָלפן, פאַרזונקען אין זיינע אייגענע מחשבות. און די מחשבות זיינע זענען באַשטאַנען אין דערמאָנען זיך, וואָס ער האָט נעכטן אָנגעשריבן אין זיינע מעמואַרן בנוגע דעם, וואָס אויף דעם וויכטיקן פּאָסטן, וועלכן ער האָט שוין לאַנג געוואָלט באַקומען, איז באַשטימט געוואָרן וויליאַנאָוו, און נישט ער. דער פאָרזיצער ניקיטין איז גאַנץ אויפריכטיק געווען זיכער באַ זיך, אַז זיינע מיינונגען וועגן פאַרשידענע באַאַמטע פון די ערשטע צוויי קלאַסן, מיט וועלכע ער האָט געהאַט צו טון בשעת זיין דינסט, זענען זייער אַ וויכטיקער היסטאָרישער מאַטעריאַל. אָנגעשריבן נעכטן אַ קאַפּיטל, ווו אייניקע באַאַמטע פון די ערשטע צוויי קלאַסן האָבן געכאַפּט אַ רעכטן חלק פאַר דעם, וואָס זיי האָבן אים געשטערט — ווי ער האָט עס פאָר-מולירט — צו ראַטעווען רוסלאַנד פון אונטערגאַנג, צו וועלכן עס האָבן זי געשלעפּט אירע איצטיקע מושלים, — איינדראַמתן אָבער בלויז פאַר דעם, וואָס זיי האָבן אים געשטערט צו באַקומען אַ גרעסער געהאַלט ווי איצטער — האָט ער איצט געטראַכט וועגן דעם, אַז פאַר די קומענדיקע דורות וועט דערדאָזיקער גאַנצער פאַקט באַקומען גאָר אַ נייע באַ-לייכטונג.

— נו, אוודאי, — האָט ער זיך אָפּגערופן אויף די ווערטער פון דעם צו אים געווענדטן וואָלפן, נישט הערנדיק זיי. בע, ווידער, האָט געהערט וואָלפן מיט אַן אומעטיק פּנים, צייכענענדיק גירלאַנדעס אויף דעם פּאַפּיר. וואָס איז געלעגן פאַר אים. בע איז געווען אַ ליבעראַל פון דער ריינסטער קאַטעגאָריע. ער האָט הייליק אָפּגעהיטן די טראַדיציעס פון די זעכציקער יאָרן און אויב ער האָט אָפּגעווייכט פון שטרענגער

אָביעקטיוויטעט, איז סיידן אין דער ריכטונג צו ליבעראַליזם. אזוי, למשל אין דעם איצטיקן פאַל, א חוץ וואָס דער אַקציאָנערער מאַכער, וועלכער האָט זיך געקלאָגט אויף רכילות, איז געווען אַ שמוציקער מענטש, איז בּע געווען פאַר איבערלאָזן די אָנקלאַגע אָן אַ רעזולטאַט אויך דערפאַר נאָך, ווייל דידאַזיקע באַשולדיקונג קעגן אַ זשורנאַליסט אין רכילות איז געווען אַן אונטערדריקונג פון דער פרייהייט פון פּרעסע. אַז וואָלף האָט געענדיקט זיינע אַרגומענטן, האָט בּע, נישט דערצייכנט די גירלאַנדע, אומעטיק — אים איז געווען אומעטיק דערפאַר, וואָס מ'דאַרף גאָר ד'ער־וויזן אַזעלכע טרויזמען — מיט אַ ווייכער, אָנגענומער שטים דערוויזן קורץ, פּשוט און איבערצייגנדיק די אומבּאַגרינדעטקייט פון דעם אָנקלאַג און, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט די ווייסע האָר, האָט ער זיך גענומען צו פאַרענדיקן צייכענען די גירלאַנדע.

סקאָוואָראָדניקאָוו, וועלכער איז געזעסן אַנטקעגן וואָלפן און האָט די גאַנצע צייט מיט די גראָבּע פינגער אַריינגענומען די באָרד און די וואָנסעס אין מויל אַריין, האָט גלייך ווי בּע האָט אויפגעהערט צו רעדן, אויפגעהערט צו קייען זיין באָרד און מיט אַ הויך גרילצעדיק קול געזאָגט, אַז הגם דער פאָרזיצער פון דער אַקציאָנערער געזעלשאַפט איז אַ גרויסער אויסוואורף, וואָלט ער געהאַלטן פאַר קאַסירן דעם אורטייל, אויב עס וואָלטן געווען געזעצלעכע טעמים, אָבער אַזוי ווי אַזעלכע טעמים זענען נישטאָ, פאַרייניקט ער זיך צו איוואַן סעמיאָנאָוויטשעס (בּע'ס) מיינונג, זייער צופרידן פון דעם פּיסל, וואָס ער האָט אונטערגעשטעלט וואָלפן. דער פאָרזיצער האָט זיך פאַרייניקט צו סקאָוואָראָדניקאָווס מיינונג און דער ענין איז באַשלאָסן געוואָרן נעגאַטיוו.

וואָלף איז געווען אומצופרידן, בּפרט, אַז מ'האָט אים עפּעס אַזוי ווי געכאַפּט אין אַן אומגעוויסנהאַפטיקער פּניה; און מאַכנדיק דעם אָנ־שטעל פון גלייכגילטיקייט, האָט ער זיך גענומען צום רעפערירן דעם פאָלגנדיקן ענין — מאַסלאָווס — און זיך פאַרטיפט אין אים. דערווייל האָבּן די סענאַטאָרן אָנגעקלונגען און געפאָדערט טיי און זיך צעשמועסט וועגן דעם פאַל, וועלכער האָט צו יענער צייט, צוזאַמען מיט קאַמענסקיס דועל אינטערעסירט גאַנץ פּעטערבּורג. דאָס איז געווען דער פּראָצעס פון אַ דעפּאַרטאַמענט־דירעקטאָר, וועלכן מ'האָט געכאַפּט און דעמאַסקירט אין דעם פאַרבּרעכן, וואָס איז פאַרויסגעזען דורך דעם אַרטיקל 995.

— סאַר אַ געמיינהייט — האָט בּע מיט עקל געזאָגט.

— וואָס איז דאָ אַזוינס פאַר אַ בייז? איך וועל אייך אין אונזער

ליטעראַטור ווייזן אַ פּראָיעקט פון אַ דייטשן שריפטשטעלער, וועלכער לייגט דירעקט פאָר, אַז דאָס זאָל נישט פּאַררעכנט ווערן פאַר אַ פאַרברעך און אַ חתונה צווישן מענער זאָל זיין מעגלעך, — האָט סקאָוואָראָדניקאָוו געזאָגט, גיריק און שלוכצנדיק, פאַרציענדיק זיך מיט דעם צוגויפגעדקנייטשטן פּאַפּיראָס, וועלכן ער האָט געהאַלטן צווישן די וואָרצלען-פינגער בּאַ דער האַנטפלאַך, און ער האָט זיך הויך צעלאַכט.

— עס קאָן נישט זיין, — האָט בּע געזאָגט.

— איך וועל אייך ווייזן, — האָט סקאָוואָראָדניקאָוו געזאָגט, ציטירנדיק דעם פולן טיטל פון דעם ווערק און אפילו דאָס יאָר און אָרט פון דרוק.

— מ'זאָגט, מ'ווערט באַשטימט אַלס גובערנאַטאָר ערגעץ אין אַ שטאָט אין סיביר, — האָט ניקיטין געזאָגט.

— אויסגעצייכנט. דער אַרכיערײ וועט אים מקבּל-פּנים זיין מיט אַ צלם. מ'וואָלט אויך אַזאַ אַרכיערײ באַדאַרפט האָבּן. איך וואָלט זײ אַזאַן איינעם רעקאָמענדירט, — האָט סקאָוואָראָדניקאָוו געזאָגט און, אַ וואָרף געטון דאָס קאַרטל פון דעם פּאַפּיראָס אין שאָל אַריין, האָט ער אַרייַנגענומען וויפיל ער האָט געקאָנט באָרד און וואָנסעס אין מויל און זיי גענומען קייען.

— אין דער רגע איז אַריין דער געריכט-קאָמיסאַר און געמאָלדן וועגן דעם אַדוואָקאַט און נעכליודאָוו פאַרלאַנג בייצווזיין בּאַ דעם ענין מאַסלאָווא.

— אָט דאָס איז אַן ענין, — האָט וואָלף געזאָגט, — דאָס איז אַ גאַנצע ראָמאַנטישע געשיכטע, — און האָט דערציילט, וואָס ער האָט געוווּסט פון נעכליודאָווס באַציונגען צו מאַסלאָווען. אַ ביסל געשמועסט וועגן דעם, אויסגערייכערט די פּאַפּיראָסן און אויסגעטרונקען די טיי, זענען די סענאַטאָרן אַרויס אין דעם זיצונגסזאַל, געמאָלדן די רעזאָלוציע אין דעם פריערדיקן ענין און צוגעטרעטן צו מאַסלאָוועס ענין.

וואָלף האָט זייער גרינדלעך מיט זיין דין קול רעפערירט מאַסלאָוועס קאַסאַציע און ווידעראַמאָל נישט גאָר אָן אַ פּניה, נאָר מיט דעם באַשיינפערלעכן פאַרלאַנג צו קאַסירן דעם פּסק-דין פון געריכט.

— האָט איר וואָס צוצוגעבן? — האָט זיך דער פאָרזיצער געווענדעט צו פאַנאַרינען. פאַנאַרין האָט זיך אויפגעשטעלט און, אויסגעשטעלט זיין ווייטע ברייטע ברוסט, האָט ער פונקטנוויז, מיט אַ מערקווירדיקער איבערצייגונגס-קראַפט און פיינקטלעכקייט אין אויסדרוק דערוויזן, אַז דאָס

געריכט האָט 6 פונקטן אָפּגעווייכט פון דעם געגויעם פּשט פון געזעץ, און אויסערדעם האָט ער זיך דערלויבט, אמת גאָר בקיצור, צו באַרירן דעם ענין גופא אין תוך אַריין און די הימל־שרייענדיקע אומגערעכטיקייט פון דעם פּסק־דין. דער טאָן פון פאַנאַרינס קורצער, אָבער שטאַרקער רעדע איז געווען אַזאַ, אַז ער אַנטשולדיקט זיך דערפאַר, וואָס ער באַשטייט דערויף, אַז די הערן סענאַטאָרן מיט זייער ווייטן קוק אין יורידישער חכמה זעען און פאַרשטייען בעסער פון אים, נאָר אַז ער טוט עס צוליב דעם, ווייל דאָס פאָדערט די התחייבות, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך. נאָך פאַנאַרינס רעדע האָט, דאַכט זיך, נישט געקאָנט זיין דער מינדסטער ספק, אַז דער סענאַט וועט אָפּשאַפן דעם פּסק־דין פון געריכט. געענדיקט זיין רעדע, האָט פאַנאַרין טריומפירנדיק אַ שמייכל געטון. קוקנדיק אויף זיין אַדוואָקאַט און דערזעען דעמדאָזיקן שמייכל, איז נעכליודאָוו געווען זיכער, אַז דער פּראָצעס איז אַ געוווּנענער. אָבער אַ קוק געטון אויף די סענאַטאָרן, האָט ער דערזעען, אַז פאַנאַרין האָט געשמייכלט און טריומפירט איינער אַליין. די סענאַטאָרן און דער געהילף פון אויבערפּראָקוראָר האָבן נישט געשמייכלט און נישט טריומפירט, נאָר האָבן געהאַט אַ פּנים פון מענטשן, וואָס לאַנגווייליקן זיך, גלייך ווי זיי וואָלטן גערעדט: „מיר האָבן זיך שוין אָנגעהערט אייערע לייט, און ס'איז אַלץ אַרויסגעוואָרפן". זיי אַלע זענען באַשייַנפּערלעך באַפרידיקט געוואָרן ערשט דאַן, ווען דער אַדוואָקאַט האָט געענדיקט און האָט אויפגעהערט צו פאַרהאַלטן זיי אָן שום נוצן. גלייך ווי דער אַדוואָקאַט האָט געענדיקט זיין רעדע, האָט דער פאָרזיצער זיך געווענדט צו דעם געהילף פון אויבערפּראָקוראָר. סעלענין האָט קורץ, אָבער קלאָר און פּינקטלעך זיך אַרויסגעזאָגט פאַר איבערלאָזן דעם ענין אָן ענדערונג, איינגעפינענדיק, אַז אַלע מאָטיוון פון דער קאַסאַציע זענען אומבאַגרינדעט. גלייך נאָך דעם זענען די סענאַטאָרן אויפגעשטאַנען און אַרויס זיך באַראַטן. אין דעם באַראַטונגסצימער האָבן די שטימען זיך צעטיילט. וואָלף איז געווען פאַר דער קאַסאַציע; בע, פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדלט זיך, איז זייער הייס אויך אויפגעטרעטן פאַר דער קאַסאַציע, לעבעדיק פאָרשטעלנדיק די קאָלעגן דאָס בילד פון דעם געריכט און דאָס אומפאַרשטענדעניש פון די געשווירענע, אַן אומפאַרשטענדעניש, וואָס ער האָט זייער ריכטיק געכאַפּט. ניקיטין, וועלכער האָט, ווי תמיד, געהאַלטן פאַר שטרענגקייט בכלל און פאַר שטרענגער פאָרמאַליטעט, איז געווען קעגן. דעם גאַנצן ענין האָט באַדאַרפט דעצידירן סקאָוואָראָדניקאָווס שטים. און דידאָזיקע

שטים האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון אָפּזאָגן דערהויפּט דערפאַר, ווייל דער באַשלוס נעכליודאָווס חתונה צו האָבן מיט דעמדאָזיקן מיידל אין נאָמען פון עטישע פאָדערונגען איז געווען אים דערווידער ביז צו דער העכסטער מדרגה.

סקאָוואָראָדניקאָוו איז געווען אַ מאַטעריאַליסט-דאַרוויניסט און האָט אַלע מיני דערשיינונגען פון אַבסטראַקטער מאָראַלישקייט אָדער — נאָך ערגער — רעליגיעזיטעט באַטראַכט נישט נאָר פאַר אַ פאַרדאַמטן אומזין, נאָר פאַר אַ פערזענלעכער באַליידיקונג. אָט דאָס גאַנצע עסק מיט דער דאָזיקער גאַסנפרוי און די אָנוועזנהייט דאָ אין סענאַט פון אַ באַרימטן אַדוואָקאַט, אַלס אירס אַ פאַרטיידיקער, און פון נעכליודאָוון אַליין איז אים געווען דערווידער ביז דער העכסטער מדרגה. און אַריינגערוקט זיך אין מויל אַריין די באָרד און קרימענדיק זיך האָט ער זייער נאַטירלעך געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער הייבט נישט אָן צו וויסן פון דעמדאָזיקן פּראָצעס, ווייסט מער נישט דאָס, אַז די מאָטיוון פון דער קאַסאַציע זענען נישט גענוגנדיק, און דעריבער איז ער איינשטימיק מיט דעם פאָרזיצער וועגן איבערלאָזן דעם אָנקלאָג אָן אַ רעזולטאַט.

די קאַסאַציע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

XXII.

— שרעקלעך! — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, אַרויסגייענדיק אין דעם אויפנאַם-צימער מיטן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט צונויפגעלייגט זיין פאָרטפעל, — אין אַזאַ העכסט באַשיינפערלעכן ענין טשעפען זיי זיך צו דער פאָרם און זאָגן אָפּ. שרעקלעך!

— מ'האָט דעם ענין קאַליע געמאַכט אין געריכט, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט.

— און סעלענין איז אויך פאַר אָפּזאָגן. שרעקלעך, שרעקלעך! — האָט נעכליודאָוו נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן. — וואָס-זשע טוט מען איצטער.

— מיר וועלן אָנגעבן אויפן אַלערהעכסטן נאָמען. גיט אַליין טאָקע אָן, כל-זמן איר זענט דאָ. איך וועל אייך אָנשרייבן.

אין דער רגע איז דער קליינגעוויקסיקער וואָלף אין זיינע אויבלען און מונדיר, אַרויס אין אויפנאַם-צימער און צו צו נעכליודאָוון.

— נישט צו מאַכן, ליבער פירשט. נישט געווען קיין געוווּנדיקע מאַטיוון, — האָט ער געזאָגט, ציענדיק מיט די שמאָלע אַקסלען און צו-מאַכנדיק די אויגן, און איז אַדורכגעגאַנגען וויהין ער האָט געדאַרפט.

גלייך נאָך וואָלפן איז אויך אַרויס סעלענין, געווויר ווערנדיק פון די סענאַטאָרן, אַז נעכליודאָוו, זיין אַמאָליקער חבר, איז דאָ.

— איך האָב זיך גאָרנישט געריכט דיך דאָ צו טרעפן, — האָט ער געזאָגט צו נעכליודאָוון, שמייכלענדיק מיט די ליפּן, בשעת ווען די אויגן זיינע זענען געבליבן אומעטיקע. — איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו ביסט אין פּעטערבורג.

— און איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו ביסט אויבער-פּראָ-קוראָר...

— געהילף, — האָט סעלענין פאַרריכט. — ווי קומסטו אין סענאַט? — האָט ער געפרעגט, אומעטיק און פאַראומערט אָנקוקנדיק דעם חבר. — איך האָב געוווּסט, אַז דו ביסט אין פּעטערבורג. אָבער ווי אַזוי קומסטו אַהער?

— אַהער? כ'בין געקומען אַהער מיט דער האָפנונג צו געפינען גערעכטיקייט און ראַטעווען אַן אומזיסט-אומנישט פאַרמשפּטע פרוי.

— וואָס פאַר אַ פרוי?

— אַט דער פּראָצעס, וואָס מ'האָט נאָר-וואָס געפּסקנט.

— אַ, דער פּראָצעס פון דער מאַסלאָוואַ, — האָט סעלענין געזאָגט, זיך דערמאָנענדיק, — אַ גאַנץ אומבאַגרינדעטער אָנקלאָג.

— עס גייט נישט אין דעם אָנקלאָג, נאָר אין דער פרוי, וועלכע איז נישט שולדיק און קומט אָפּ די שטראָף

סעלענין האָט אַ זיפץ געטון.

— קאָן זייער זיין, אָבער...

— נישט עס קאָן זיין, נאָר זיכער...

— פונוואַנען קאָנסטו וויסן?

— וואָרים איך בין געווען געשווּוירענער. איך ווייס, אין וואָס מיר האָבן זיך טועה געווען.

סעלענין האָט זיך פאַרטראַכט:

— מ'האָט דעמאָלט אויפן אָרט באַדאַרפט מעלדן, — האָט ער געזאָגט.

— איך האָב געמאָלדן.

— מ'האָט באַדאַרפט פאַרשרייבן אין פּראָטאָקאָל. ווען דאָס וואָלט געווען בא דעם קאַסאַציאָנעלן אָנקלאָג...

— אָבער איצטער איז דאָך אויך געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער פּסק-דין איז אַן אומגעלומפּערטער.

— דער סענאַט טאָר דאָס נישט זאָגן. ווען דער סענאַט זאָל זיך דערלויבן צו קאַסירן די באַשלוסן פון די געריכטן אויפן סמך פון זיין קוק אויף דער גערעכטיקייט פון די באַשלוסן גופא, איז שוין אָפּגערעדט וואָס דער סענאַט וואָלט פאַרלוירן יעדן אינהאַלטספּונקט און וואָלט גיכער ריזיקירט צו פאַרשוועכן די גערעכטיקייט איידער זי אויפצוריכטן, — האָט סעלענין געזאָגט, זיך דערמאַנענדיק אָן דעם ענין פון דעם אַקציאָנערן פאָרזיצער, — שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָלטן די באַשלוסן פון די געשווירענע פאַרלוירן זייער באַדייטונג.

— איך ווייס בלויז איין זאַך, אַז דידאָזיקע פרוי איז אַבסאָלוט אומשולדיק, און די לעצטע האָפנונג צו ראַטעווען זי פון דער נישט פאַרדינטער שטראָף איז פאַרלוירן. די העכסטע אינסטאַנץ האָט באַשטעטיקט אַן אַבסאָלוטע אומגעזעצלעכקייט.

— זי האָט נישט באַשטעטיקט, וואָרים זי איז גאָרנישט אַריין און קאָן נישט אַריין אין דעם תוך פון דעם ענין גופא, — האָט סעלענין געזאָגט, זשמורענדיק די אויגן.

סעלענין, וועלכער איז אַלע מאָל געווען פאַרנומען און ווייניק פאַרקערט אין דער געזעלשאַפט, האָט, זעט אויס, גאָרנישט געהערט פון נעכליודאָווס ראָמאַן; נעכליודאָוו ווידער, באַמערקט עס, האָט באַשלאָסן, אַז ער דאַרף אים גאָרנישט זאָגן וועגן זיינע באַזונדערע באַציונגען צו מאַסלאָווען.

— דו ביסט מסתמא פאַרפאָרן צו דער מומען, — האָט ער צוגעגעבן — באַשיינפּערלעך ווילנדיק ענדערן דעם שמועס. — איך האָב זיך נעכטן פון איר דערוווּסט, אַז דו ביסט דאָ. די גרעפין האָט מיך איינגעלאַדן צוזאַמען מיט דיר בייצוזיין אויף דער פאַרזאַמלונג פון דעם אויסלענדישן פּריידיקער, — האָט סעלענין געזאָגט, שמייכלענדיק מיט די ליפּן בלויז.

— יאָ, איך בין געווען, בין אָבער אַוועק מיט אַ ווידערגעפיל, — האָט נעכליודאָוו מיט כעס געזאָגט; אים האָט פאַרדראָסן, וואָס סעלענין פירט אַריבער דעם שמועס אויף אַן אַנדערער טעמע.

נג, פאַרוואָס דען מיט ווידערגעפיל? פונדעסטוועגן איז דאָס אַן אַנטפּלעקונג פון דעם רעליגיעזן געפיל, אמת — אַן איינזייטיקע, אַ סעקטאַנטישע, — האָט סעלענין געזאָגט.

— דאָס איז עפּעס אַ ווילדער אומזין, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— אָבער, ניין. דאָ איז מערקווירדיק בלויז, וואָס מיר קאָנען אַזוי ווייניק די לערע פון אונזער קירך, אַז אונזערע גרונט-דאָגמאָטן נעמען מיר אָן עפּעס גאָר פאַר אַ נייער אַנטפּלעקונג, — האָט סעלענין געזאָגט, גלייך ווי ער וואָלט זיך געאיילט אַרויסצוזאָגן זיין געוועזענעם חבר די אָנשויונגען זיינע, וואָס זענען פאַר יענעם אַ נייעס.

נעכליודאָוו האָט פאַרוונדערט אויפמערקזאַם אָנגעקוקט סעלענינען. סעלענין ווידער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך אויסגעדריקט נישט נאָר אַן אומעט, נאָר אַן אומגינציקייט אויך.

— דו גלייבסט דען אין די דאָגמאָטן פון דער קירך? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— אוודאי גלייב איך, — האָט סעלענין געענטפערט, קוקנדיק נעכליודאָוון אין די אויגן אריין גלייך און טויט.

נעכליודאָוו האָט אָפּגעזיפצט: — אַ וווּנדער, — האָט ער געזאָגט.

— איבעריקנס, מיר וועלן נאָך זיך דורכרעדן שפּעטער — האָט סעלענין געזאָגט. — איך גיי, — האָט ער זיך געווענדט צו דעם געריכטס-קאָמיסאַר, וועלכער איז מיט רעספּעקט צו אים צוגעגאַנגען. — מיר מוזן זיך זען אומבאַדינגט, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ זיפץ. — אָבער איך ווייס נישט, צי איך וועל דיך טרעפן. מיך קאָנסטו אַלע מאָל טרעפן 7 אַ זייגער צו מיטאָג. נאַדיאָזשדינסקאַ-גאַס, — ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען. — אַ סך וואַסער איז פון דעמאָלט אָן פאַרפלאָסן, — האָט ער צוגעגעבן באַם אַוועקגיין, ווידער שמייכלענדיק מיט די ליפּן בלויז.

— איך וועל קומען, אויב איך וועל האָבן צייט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, פילנדיק, אַז סעלענין, דער מענטש, וועלכער איז אים אַמאָל געווען נאָענט און ליב, איז אים פלוצלינג, צוליב דעמדאָזיקן קורצן שמועס, געוואָרן פרעמד, ווייט און אומפאַרשטענדלעך, אויב נישט פיינטלעך.

XXIII.

בעת נעכליודאָוו האָט געקענט סעלעניגען אַלס סטודענט, איז דאָס געווען אַ ווונדערלעכער זון, אַ געטרייער חבר און וועדליג זיינע יאָרן אַ גוט געבילדעטער וועלטלעכער מענטש, מיט גרויס טאַקט, אַלעמאָל — אַן עלעגאַנטער און אַ שיינער און אין דער זעלבער צייט — אַ העכסט אמתדיקער און ערלעכער. ער האָט זיך געלערנט אויסגעצייכנט אָן אַ באַזונדערער מי און אָן שום פּעדאַנטיזם, באַקומענדיק גאָלדענע מעדאַלן פאַר די שריפטלעכע אַרבעטן. ער האָט ניט נאָר מיט ווערטער, גאָר אין דער אמתן טאַקע געשטעלט אַלס ציל פון זיין יונגן לעבן — צו דינען די מענטשן. דאָסדאָזיקע דינען האָט ער זיך אַנדערש ניט פאָרגעשטעלט, ווי אין דער פאָרם פון מלוכהשאַפטלעכן דינסט, און דעריבער, ווי נאָר ער האָט געענדיקט דאָס שטודיום, האָט ער סיסטעמאַטיש באַטראַכט אַלע טעטיקייטן, וועלכע ער האָט געקאָנט ווידמען די קרעפטן זיינע, און ער האָט באַשלאָסן, אַז נוצלעכער ווי אומעטום וועט ער זיין אין דער צווייטער אָפּטיילונג פון זיין מאַיעסטעטס קאַנצעלאַריע, וועלכע האָט צו זאָגן איבער דער אויסאַרבעטונג פון געזעצן, און ער איז אָנגעקומען אַהינצו. אָבער הגם ער האָט העכסט פּינקטלעך און געוויסנהאַפטיק געטון אַלצדינג, וואָס מ'האָט געפאָדערט פון אים, האָט ער אויף דעמדאָזיקן אמט ניט געפונען קיין באַפרידיקונג פאַר זיין באַדערפעניש צו זיין נוצלעך, און האָט ניט געקאָנט אַרויסרופן דאָס באַוווסטזיין, אַז ער טוט דאָס, וואָס מ'באַדאַרף. דידאָזיקע אומבאַפרידיקטקייט האָט מחמת די צונויפשטויסן מיט די זייער קליינלעכע און אַמביציעזע אויבערהאַרן, זיך אַזוי געשטאַרקט, אַז ער איז אַרויס פון דער צווייטער אָפּטיילונג און איז אַריבער אין סענאַט. אין סענאַט איז אים געווען בעסער, אָבער דער זעלבער באַוווסטזיין פון אומבאַפרידיקטקייט האָט אים פאַרפאָלגט. ער האָט אָן אויפהער געפילט, אַז דאָס איז געווען גאָרנישט דאָס, אויף וואָס ער האָט זיך געריכט און וואָס האָט באַדאַרפט זיין. בשעת זיין אַמטירן אין סענאַט, האָבן די קרובים זיינע אויסגעפועלט, ער זאָל באַשטימט ווערן אַלס קאַמער-יונקער, און ער האָט געמוזט אין אַ גאָלד-געשטיקטן

מונדיר, אין אַ ווייס לייוונטן פאַרטוך, אַרומפּאָרן אין אַ קאַטש דאַנקען פאַרשידענע מענטשן דערפאַר, וואָס מ'האָט אים געלאָזט אוואַנסירן צו דעם אַמט פון אַ לאַקיי. ווי ער האָט זיך נישט געפלייסט, האָט ער נישט געקאָנט געפינען דעם שכל פון דעמדאָזיקן אַמט. און נאָך מער ווי אויף דינסט האָט ער געפילט, אַז ס'איז „נישט דאָס". און דאָך האָט ער פון איין זייט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון דערדאָזיקער באַשטימונג, כדי נישט מצער צו זיין די־יעניקע, וועלכע זענען געווען זיכער, אַז דערמיט טוען זיי אים אָן אַ גרויסן נחת־רוח, און פון דער אַנדערער זייט האָט דידאָזיקע באַשטימונג געהנפעט די נידעריקערע אייגנשאַפטן פון זיין נאַטור און ער האָט געהאַט הנאה צו זעען זיך אין שפיגל אין אַ גאָלד־געשטיקטן מונדיר און געניסן יענע אַכטונג, וואָס דידאָזיקע באַשטימונג האָט אַרויסגערופן בײַ אייניקע מענטשן.

דאָס אייגענע האָט מיט אים פּאַסירט אויך בנוגע חתונה. מ'האָט מיט אים געטון זייער אַ גלענצנדן שידוך, אויס דעם שטאַנדפּונקט פון דער געזעלשאַפט, און אויך החתונה געהאַט האָט ער דערפאַר, ווייל ווען ער זאָל זיך געווען אָפּגעזאָגט, וואָלט ער באַליידיקט, ווי געטון אי די כלה, וועלכע האָט דעם שידוך געוואָלט, אי די, וועלכע האָבן דעמדאָזיקן שידוך אויפגעטון, און אויך דערפאַר, ווייל חתונה האָבן מיט אַ יונג, חנעוודיק מיידל פון גרויסן יחוס האָט געהנפעט דער אַמביציע זיינער און פאַרשאַפט פאַרגעניגן. אָבער די חתונה האָט זיך גאָר גיך אַרויסגעוויזן פאַר נאָך מער „נישט דאָס" ווי די דינסט און דער הויפישער אַמט. נאָך דעם ערשטן קינד האָט דאָס ווייב מער קיין קינדער נישט געוואָלט האָבן און האָט אָנגעהויבן צו פירן אַ לוקסוסדיק גרויסוועלטיק לעבן, אין וועלכן ער האָט אויך ווילנדיק נישט־ווילנדיק געמוזט נעמען אָן אָנטייל.

זי איז נישט געווען גאָר קיין שיינע, געווען איז אים געטריי, און שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס דערמיט האָט זי דעם מאַן פאַרביטערט דאָס לעבן — און אַפילו אַליין האָט זי גאָרנישט געהאַט פון אַזאַ מין לעבן, אַ חוץ שרעקלעכע אָנשטרענגונגען און פאַרמאַטערטקייט. — האָט זי פונדעסטוועגן פלייסיק אַזאַ לעבן געפירט. אַלע זיינע פּרוּווענישן צו ענדערן דאָסדאָזיקע לעבן האָבן זיך, אַזוי ווי אין אַ שטיינערנער וואַנט — צעקלאַפּט אין איר זיכערקייט, אַז אַזוי דאַרף זיין, אַ זיכערקייט, וואָס איז דערהויפּט געשטיצט געוואָרן דורך אַלע אירע קרובים און באַקאַנטע.

דאָס קינד, אַ מיידעלע מיט גאָלדיקע לאַנגע לאָקן און נאַקעטע פיס, איז געווען אַ וועזן, דעם טאַטן אינגאַנצן אַ פרעמדס, דערהויפּט

דערפאַר, וואָס מ'האָט עס געפירט גאָר נישט אַזוי, ווי ער האָט עס געוואָלט. צווישן מאַן און ווייב האָט זיך איינגעשטעלט דאָס געוויינלעכע נישט-פאַרשטיין און אפילו נישט וועלן פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן און אַ שטילער, שווייגנדיקער, פון זייטיקע באַהאַלטענער און פון לייטנס יוצא וועגן געמעסיקטער געראַנגל, וואָס האָט אים דאָס לעבן אינדערהיים געמאַכט זייער שווער. אַזוי אַז דאָס פאַמיליען-לעבן האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך מער „נישט דאָס", ווי די דינסט און די באַשטימונג באַם הויף.

אָבער צום מערסטן „נישט דאָס" איז געווען זיין באַציונג צו דער רעליגיע. אַזוי ווי אַלע מענטשן פון זיין קרייז און פון זיין צייט, האָט ער אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג דורך זיין אינטעלעקטועלן וווקס צעריסן די אַלע קייטן פון רעליגיעזע איינגלויבענישן, וואָס אין זיי איז ער דערצויגן געוואָרן, און ער האָט אַליין נישט געוווּסט, ווען ער איז פריי געוואָרן. אַן ערנסטער און אַן אָרנטלעכער, האָט ער נישט באַהאַלטן דידאָזיקע פרייהייט זיינע אין הילכות איינגלויבענישן פון דער אָפיציעלער רעליגיע בשעת זיין ערשטער יוגנט, בשעת דער סטודענטנשאַפט און זיין התקרבות מיט נעכליודאָוון.

אָבער אין משך פון די יאָרן און צוזאַמען מיט די אַוואַנסירונגען זיינע אויפן אַמט און דערהויפּט דורך דער רעאַקציע פון דעם קאָנסערוואַטיזם, וועלכע איז צו דער צייט אַריינגעטרעטן אין דער געזעלשאַפט, האָט דידאָזיקע גייסטיקע פרייהייט אים אָנגעהויבן צו שטערן. נישט רעדנדיק פון די פאַמיליען-פאַרהעלטענישן, בפרט באַ זיין פאָטערס טויט, באַ די הזכּרות נאָך אים, און פון דעם, וואָס זיין מוטער האָט פאַרלאַנגט, ער זאָל פאַסטן און דאָס האָט זיך טיילווייז געפאָדערט דורך דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג — צוליב דעם אַמט איז אויסגעקומען כּסדר ביייצוזיין אויף גאָטעסדינסטן, חנוכּתן, דאַנק-תּפילות און נאָך אַזעלכע עבודות: זעלטן ווען אַ טאָג איז אַריבער, אַז ס'זאָל נישט זיין קיין שום באַציונג צו די אויסערלעכע פאָרמען פון דער רעליגיע, וואָס פאַרמיידן זיי האָט מען נישט געקאָנט. ביים ווינענדיק דידאָזיקע עבודות, האָט מען געמוזט איינס פון די ביידע: אָדער מאַכן אַן אָנשטעל (וואָס ער מיט זיין אמתדיקן כאַראַקטער האָט עס קיינמאָל נישט געקאָנט), אַז ער גלייבט אין דעם, אין וואָס ער גלייבט נישט, אָדער, אָנערקענענדיק דידאָזיקע אַלע אויסערלעכע פאָרמען פאַר אַ ליגנט, איינצואָרדנען זיין לעבן אַזוי, אַז ער זאָל נישט זיין געניייט זיך צו באַטייליקן אין דעם, וואָס ער האַלט

פאַר אַ ליגנט. אָבער כדי צו טון דידאָזיקע זאַך, וועלכע איז, דאַכט זיך, אַזוי נישט וויכטיק, האָט מען באַדאַרפט זייער אַ סך: אַ חוץ, וואָס מ'האָט זיך באַדאַרפט שטעלן אין אַ שטענדיקן קאַמף קעגן אַלע נאָענטע מענטשן, האָט מען נאָך באַדאַרפט ענדערן דעם גאַנצן מעמד, אַוועקוואַרפן די דינסט און מפקיר זיין יענעם גאַנצן נוצן, וואָס ער האָט געמיינט, אַז ער ברענגט די מענטשן אויף דעמדאָזיקן אמת שוין איצטער אפילו, און געהאָפט, אַז אויף להבא וועט ער נאָך מערער ברענגען. און כדי דאָס צו טון, האָט מען געמוזט זיין פעסט איבערצייגט אין דער אייגענער גערעכטיקייט. ער איז יאָ געווען פעסט איבערצייגט אין דער אייגענער גערעכטיקייט, ווי יעדער געבילדעטער מענטש פון אונזער צייט, וועלכער קען אַ ביסל געשיכטע, קען די אַנטשטייונג און צעפאַלונג פון דער קירכלעך־קריסטלעכער רעליגיע, מוז זיין איבערצייגט אין דער גערעכטיקייט פון דעם געזונטן פאַרשטאַנד. ער האָט געמוזט וויסן, אַז ער איז געווען גערעכט, וואָס ער אָנערקענט נישט די אמתדיקייט פון דער קירכלעכער לערע. אָבער אונטערן דרוק פון די לעבנס־באַדינגונגען, האָט ער — דער אמתדיקער מענטש — דערלאָזט אַ קליינע ליגנט, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט פאַר זיך באַשלאָסן, אַז כדי צו האַלטן, אַז דאָס אומפאַרנונפטיקע איז אומפאַרנונפטיק, דאַרף מען פריער אויסשטודירן דאָסדאָזיקע אומפאַרנונפטיקע. דאָס איז געווען אַ קליינינקע ליגנט, אָבער זי האָט עס אים פאַרפירט אין יענער גרויסער ליגנט, אין וועלכער ער איז איצט איינגעזונקען.

זיך געשטעלט די פראַגע, צי איז ריכטיק די פראַוואָסלאַווישע אמונה, אין וועלכער ער איז געבוירן און דערצויגן, וועלכע אַלע אַרומיקע פאָדערן פון אים, וועלכע ער מוז אָנערקענען, אַנישט קאָן ער נישט ווייטער פירן זיין מענטשן־נוצלעכע טעטיקייט, — האָט ער שוין דידאָזיקע פראַגע פאַרויס באַשיידט. און כדי קלאָר זיך צו מאַכן דידאָזיקע פראַגע, האָט ער דעריבער גענומען נישט וואָלטערן, שאָפּענהויערן, ספּענסערן, קאַנטן, נאָר העגעלס פילאָזאָפישע ביכער און די רעליגיעזע ווערק פון Vinet, כאָמיאַקאָוו, און געווייגלעך האָט ער אין זיי געפונען, וואָס ער האָט באַדאַרפט: אַ מין באַרויקונג און באַרעכטיקונג פון יענער רעליגיעזער לערע, אין וועלכער ער איז דערצויגן געוואָרן און וואָס זיין שכל האָט שוין לאַנג נישט דערלאָזט, אָבער אָן וועלכער דאָס גאַנצע לעבן איז געוואָרן פאַרפולט מיט אומאָנגענעמלעכקייטן, אָבער אָנערקענענדיק דידאָזיקע לערע איז מען פון דידאָזיקע אַלע אומאָנגענעמלעכקייטן גלייך

פּטור געוואָרן. און ער האָט איבערגענומען יענע אַלע אָנגענומענע סאָפּיזמען וועגן דעם, אַז דער שכל פון אַ יחיד קאָן נישט דערקענען דעם אמת, אַז דער אמת ווערט אַנטפּלעקט נאָר צו אַ כלל מענטשן, אַז דאָס איינציקע מיטל פון דערקענען דעם אמת איז התגלות, אַז די התגלות ווערט געהיטן דורך דער קירך אדג"ל; און פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין געקאָנט רויק, אָן דעם באַוווסטזיין, אַז ער באַגייט אַ שקר, בייוווינען גאָטעסדינסטן, הזכרות, מעסעס, געקאָנט פאַסטן און זיך צלמען אויף די הייליקע בילדער און געקאָנט ווייטער פירן די אַמטלעכע טעטיקייט, וועלכע האָט אים געגעבן דאָס באַוווסטזיין, אַז ער ברענגט נוצן, און אַ טרייסט אין דעם נישט פריילעכן פאַמיליען-לעבן. ער האָט געמיינט, אַז ער גלייבט, אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט ער מער ווי אין אַלע אַנדערע אופנים מיט זיין גאַנץ וועזן געשפּירט, אַז דערדאָזיקער גלויבן זיינער איז געווען עפּעס גאָר „נישט דאָס". און דערום האָט ער אַלעמאָל געהאַט אומעטיקע אויגן. און דערום, אַז ער האָט דערזען נעכליודאָוון, וועלכן ער האָט געקענט דאַן, בשעת דידאָזיקע אַלע ליגנט האָבן זיך נאָך נישט איינגעשטעלט אין אים, האָט ער זיך דערמאַנט אַלס אַזעלכן, ווי ער איז געווען דעמאָלט, און דערהויפּט נאָכדעם ווי ער האָט זיך געאיילט אים געבן אַן אָנצוהערעניש וועגן זיין רעליגיעזער אָנשויונג, האָט ער מער ווי ווען-עס-איז אַנדערש דערפילט דעמדאָזיקן גאַנצן „נישט דאָס" און אים איז געוואָרן פיינלעך אומעטיק. און דאָס אייגענע האָט אויך דערפילט נעכליודאָוו נאָך דעם ערשטן רושם פון פרייד צו זעען זיך מיט אַן אַלטן חבר.

און צוזאָגנדיק איינער דעם אַנדערן זיך צו זעען, האָבן זיי דערפאַר ביידע נישט געזוכט דידאָזיקע באַגעגעניש און האָבן זיך טאַקע נישט געזעען בשעת דעמדאָזיקן באַזוך נעכליודאָווס אין פּעטערבורג.

XXIV.

אַרויס פון סענאַט, איז נעכליודאָוו מיטן אַדוואָקאַט אַוועק איבערן טראָטואַר. דער קאָטש זיינער האָט דער אַדוואָקאַט געהייסן פאָרן הינטער אים און האָט אָנגעהויבן דערציילן נעכליודאָוון די געשיכטע פון יענעם דעפּאַרטאַמענט־דירעקטאָר, וועגן וועלכן די סענאַטאָרן האָבן גערעדט, וועגן דעם, ווי אַזוי מ'האָט אים דעמאַסקירט, און ווי אַזוי מ'באַשטימט אים פאַר אַ גובערנאַטאָר קיין סיביר אָנשטאָט צו פאַרשיקן אים אויף קאַטאָרגע, וועלכע איז אים געקומען על פּי דין. געענדיקט אויסדערציילן די גאַנצע געשיכטע און איר גאַנצע געמיינהייט און מיט גאָר אַ באַזונדער פאַרגעניגן נאָך אַ מעשה וועגן דעם, ווי אַזוי פאַרשידענע הויכגעשטעלטע מענטשן האָבן צעגנבעט דאָס געלט, וואָס מ'האָט געזאַמלט אויף אָט דעם נאָך אַלץ נישט פאַרטיקן דענקמאָל, וואָס זיי זענען אים פאַרבייגעפאָרן היינט פרי, און דערצו נאָך וועגן דעם, ווי די מעטרעסע פון דעם און דעם האָט אָנגעלעבט מיליאָנען אויף דער בערזע, און דער און דער האָט פאַרקויפט דאָס ווייב און יענער האָט געקויפט, — האָט דער אַדוואָקאַט אָנגעהויבן אַ נייע געשיכטע וועגן די שווינדלערייען און כלערליי פאַרברעכנס פון די העכסטע לייט אין דער מלוכה, וועלכע זענען געזעסן נישט אין תפיסה, נאָר אויף די פאָרזיצערישע שטולן אין די פאַרשידענע אַנשטאַלטן. דידאָזיקע דערציילונגען, וואָס האָבן זיך, ווייזט אויס, גאָרנישט געקאָנט אויסנעמען, האָבן דעם אַדוואָקאַט פאַרשאַפט גרויס הנאה, דערוויזן מיט דער פולער באַשיינפערלעכקייט, אַז די מיטלען, וואָס ער, דער אַדוואָקאַט, געברויכט צו פאַרדינען געלט, זענען גאַנץ ריכטיקע און כשרע אין פאַרגלייך מיט יענע מיטלען, וואָס עס האָבן געברויכט צו דעם זעלביקן צוועק די העכסטע באַאַמטע אין פּעטערבורג. און דעריבער איז דער אַדוואָקאַט געווען זייער פאַרוווּנדערט, אַז נעכליודאָוו, נישט אויסגעהערט זיין לעצטע געשיכטע וועגן די פאַרברעכנס פון די העכסטע באַאַמטע, האָט זיך מיט אים אָפּגעזעגנט און גענומען אַ דראָזשקע און אַוועקגעפאָרן צו זיך אַהיים.

נעכליודאָוון איז געווען זייער אומעטיק אויפן האַרץ. אים איז

געווען אומעטיק, דערהויפט דערפאַר, וואָס דער אָפּזאָג פון סענאַט האָט באַשטעטיקט דידאָזיקע אומזיניקע עינויים איבער דער אומשולדיקער מאָס־לאָווען, און דערפאַר, וואָס דערדאָזיקער אָפּזאָג האָט נאָך שווערער געמאַכט זיין פעסטן באַשלוס צו פאַרבינדן מיט איר דעם גורל זיינעם. דערדאָזיקער אומעט האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט פון די שרעקלעכע גע־שיכטן וועגן די הערשנדיקע צרות, וואָס דער אַדוואָקאַט האָט מיט אַזאַ שמחה דערציילט, און אויסער דעם איז אים כסדר געקומען אויפן געדאַנק דער נישט־גוטער, קאַלטער, אָפּשטויסנדיקער בליק פון דעם אַמאָל ליבן, אָפענעם, איידעלן סעלענין.

אַז נעכליודאָוו איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט דער שווייצאַר מיט אַ געוויסן ביטול דערלאַנגט אים אַ צעטעלע, וואָס האָט אָנגעשריבן אין שווייצאַר צימער עפּעס איינע אַ פרוי, ווי דער שווייצאַר האָט זיך אויס־געדריקט. דאָס איז געווען אַ צעטעלע פון שוסטאָווס מוטער. זי האָט געשריבן, אַז זי איז געקומען דאַנקען דעם מלאך־מושיע — דעם רעטער פון דער טאָכטער און אויסער דעם בעטן אים רחמים. ער זאָל קומען צו פאָרן צו זיי אויפן וואַסילי־אינזל, 5־טע ליניע, דירה נומער דער און דער. דאָס איז זייער נייטיק, האָט זי אים געשריבן, פאַר ווערא יעפרע־מאָוונאַ. זאָל ער נישט מורא האָבן, אַז מ׳וועט אים באַלעסטיקן מיט אויסדריקן דאַנקבאַרקייט: וועגן דאַנקבאַרקייט וועט מען נישט רעדן, מוועט פשוט זיין זייער צופרידן צו זעען אים. אויב מעגלעך, איז אפשר וועט ער קומען מאָרגן פרי.

אַ צווייט צעטל איז געווען פון נעכליודאָווס אַ געוועזענעם חבר, פליגל־אַדיוטאַנט באָגאַטיריאָוו, וואָס נעכליודאָוו האָט אים געבעטן פּער־זענלעך איבערצוגעבן דעם קייסער אין די הענט אַריין די בקשה, וועלכע ער האָט געהאַט צוגעגרייט אין נאָמען פון די סעקטאַנטן. באָגאַטיריאָוו האָט מיט זיינע גרויסע, אַנטשלאָסענע אותיות געשריבן, אַז די בקשה וועט ער, ווי ער האָט צוגעזאָגט, אָפּגעבן דירעקט דעם קייסער אין די הענט, נאָר אַז אים איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק: אפשר וואָלט בעסער נעכליודאָוו אַפריער צופאָרן צו דער פּערזאָן, פון וועלכער די זאַך הענגט אָפּ, און אים אַ בעט טון.

נאָך די איינדרוקן פון די לעצטע טעג פאַרברענגען זיינעם אין פּעטערבורג האָט נעכליודאָוו זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון פולשטענ־דיקן יאוש עפּעס צו דערגרייכן. די פּלענער, וואָס ער האָט געבויט אין מאָסקווע, זענען אים פאָרגעקומען עפּעס ווי אַ מין יוגנטלעכע טרוימע־

רייען, וואָס אין זיי מוזן אומפאַרמיידלעך זיך אַנטווישן די מענטשן, וואָס טרעטן אַריין אין לעבן. נאָר פונדעסטוועגן, זייענדיק אין פעטערבורג, האָט ער איצט געהאַלטן פאַר זיין חוב אָפּצוטון אַלץ, וואָס ער האָט בדעה געהאַט צו טון, און ער האָט באַשלאָסן טאַקע מאָרגן זיין בײַ באַגאַטיריאָוון און פאָלגן זיין עצה און צופאָרן צו דער פערזאָן, פון וועלכער עס האָט אָפּגעהאַנגען דער ענין פון די סעקטאַנטן.

איצטער האָט ער אַרויסגענומען פון פאָרטפעל די בקשה פון די סעקטאַנטן און האָט זי געהאַלטן אין לייענען, ערשט עס האָט צו אים אָנגעקלאַפּט און ס'איז אַריין גרעפין יעקאַטערינאַ איוואַנאָווגעס לאָקיי מיט אַן איינלאַדונג צו באַוויליקן אַרויף־צו טרינקען טיי.

נעכליודאָוו האָט געזאָגט, אַז ער וועט באַלד קומען און, צונויפגעלייגט די פאַפּירן אין פאָרטפעל אַריין, איז ער אַוועק צו דער מומען. אויפן וועג אַרויפצו האָט ער געכאַפּט אַ קוק דורכן פענצטער אויף דער גאַס אַרויס און האָט דערזעען די פּאָר שיינע פערד Mariette'ס און פלוצלינג איז אים געוואָרן פריילעך, — און עס האָט זיך פאַרוואָלט שמייכלען.

Mariette אין אַ הוט, אָבער שוין נישט אין קיין שוואַרץ קלייד, נאָר עפּעס אַ העלס, פון פאַרשידענע קאָלירן, איז געזעסן מיט אַ מאַטע אין דער האַנט לעבן דער גרעפינס שטול און עפּעס געצוויטשערט, פינקלענדיק מיט אירע שיינע לאַכנדיקע אויגן. בשעת נעכליודאָוו איז אַריינגעקומען אין צימער אַריין, האָט Mariette נאָר־וואָס געהאַט אַריינגעזאָגט עפּעס לאַכעדיקס, און לאַכעדיקס אומאָנשטענדיקס — נעכליודאָוו האָט עס געזעען אָן דעם כאַראַקטער פון געלעכטער, — אַז די גוטמוטיקע באַוואָנסעטע גרעפין יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, איז געפאַלן פאַר געלעכטער, זיך טרייסלענדיק אינגאַנצן מיט איר גראָב לייב, און Mariette מיט אַ באַזונדערן mischievous*) אויסדרוק האָט שווייגנדיק געקוקט אויף איר מיטשמועסערין, אויסקרימענדיק עטוואָס איר שמייכלענדיק מויל און אָנגעבייגט אויף אַ זייט איר ענערגיש און לוסטיק פנים.

נעכליודאָוו האָט פון עטלעכע ווערטער זיך אָנגעשטויסן, אַז זיי האָבן גערעדט וועגן דער צווייטער פעטערבורגער סענסאַציע פון יענער צייט, וועגן דעם עפּיזאָד מיט דעם נייעם סיבירער גובערנאַטאָר, און אַז

---

*)

Mariette האָט דווקא אויף דעם געביט געזאָגט עפּעס לאַכעדיקס, אַז די גרעפין האָט זיך אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט איינהאַלטן.

— דו וועסט מיר דערגיין די יאָרן, — האָט זי געזאָגט, זיך פאַר־קייכנדיק.

נעכליודאָוו האָט זיך באַגריסט און זיך צו זיי צוגעזעצט. און ווי נאָר ער האָט געוואָלט פאַראורטיילן Mariette פאַר איר לייכטזין, האָט זי באַמערקנדיק דעם ערנסטן און קוים־קוים פאַרדראָסיקן אויסדרוק פון זיין פּנים, תּיכּף ומיד — כּדי אים געפעלן צו ווערן, — און דאָס האָט זיך איר פאַרגלוסט זינט זי האָט אים דערזעען, געענדערט נישט נאָר דעם אויסדרוק פון איר פּנים, נאָר איר גאַנצע שטימונג. זי איז פּלוצלינג געוואָרן ערנסט, אומצופרידן מיט איר לעבן און עפּעס אַזאַ זוכנדיקע, צו עפּעס שטרעבנדיקע — האָט זי נישט, וואָס זי האָט זיך געמאַכט, נאָר באמת טאַקע זיך דורכגעדרונגען מיט דער זעלביקער שטימונג, אין וועלכער נעכליודאָוו איז אין דעמדאָזיקן מאָמענט געווען. — הגם מיט ווערטער וואָלט זי בשום אופן נישט געקאָנט אויסדריקן, אין וואָס די שטימונג איז באַשטאַנען.

זי האָט אים אַ פרעג געטון, ווי אַזוי ער האָט דערלייִדיקט זיינע ענינים. ער האָט דערציילט וועגן דעם דורכפאַל אין סענאַט און וועגן זיין באַגעגעניש מיט סעלענינען. — אַך! סאַר אַ ריינע נשמה! אָט דאָס איז טאַקע Chevalier sans peur et sans reproche*). — אַ ריינע נשמה, — האָבן ביידע דאַמען צוגעגעבן יענעם באַשטענדיקן טיטל אונ־טער וועלכן סעלענין איז געווען באַקאַנט אין דער געזעלשאַפט.

— וואָס פאַר אַ מענטש איז זיין פרוי? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— זי? נו, יאָ, איך וועל אויף איר קיין שלעכטס נישט זאָגן. אָבער זי פאַרשטייט אים נישט.

— וואָס איז, ער איז דען אויך געווען פאַר אָפּוואַרפן די קאַסאַ־ציע? — האָט זי געפרעגט מיט אויפריכטיקן מיטגעפיל. — דאָס איז שרעקלעך, עס איז מיר אַזאַ צער אויף איר! — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ זיפץ.

ער איז פינצטערער געוואָרן און, וועלנדיק איבערבייטן דעם

---

*) אַ ריטער אָן פּחד און אָן פאַרוואורף.

שמועס, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן שוסטאָווען, וואָס איז געזעסן אין פעסטונג און איז באַפרייט געוואָרן צוליב איר השתדלות. ער האָט געדאַנקט פאַר דער השתדלות באַם מאַן און האָט געוואָלט זאָגן וועגן דעם, ווי שרעקלעך עס איז צו טראַכטן, אַז דידאָזיקע פרוי און איר גאַנצע פאַמיליע האָבן געליטן נאָר דערפאַר, ווייל קיינער האָט וועגן זיי נישט דערמאָנט; זי האָט אים אָבער נישט געלאָזט ענדיקן און אַליין אויסגעדריקט איר גרימצאָרן.

— איר זאָלט גאָרנישט רעדן, — האָט זי געזאָגט. — ווי נאָר דער מאַן האָט מיר געזאָגט, אַז מ'קאָן זי אַרויסלאָזן, האָט מיך דווקא אָט דער געדאַנק שווער געטראָפן. פאַרוואָס־זשע האָט מען זי געהאַלטן, זיבאַלד זי איז נישט שולדיק? — האָט זי אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס נעכליודאָוו האָט געוואָלט זאָגן. — דאָס איז אומדערהערט, אומדערהערט!

די גרעפין יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט געזעען, אַז Mariette קאָקעטירט מיטן פלימעניק, און דאָס האָט זי אַמוזירט.

— ווייסט גאָר וואָס? — האָט זי זיך אָפּגערופן, אַז זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן, — קום מאָרגן אינאָוונט צו פאָרן צו Aline, באַ איר וועט זיין קיזעוועטער. און דו אויכעט, — האָט זי זיך געווענדט צו Mariette.

— Il vous a remarqué*), — האָט זי געזאָגט צום פלימעניק. — ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַלץ, וואָס דו האָסט גערעדט, — איך האָב אים דערציילט, — איז אַ גוטער סימן, און אַז דו וועסט אויף זיכער דערגרייכן צו קריסטוסן. אומבאַדינגט זאָלסטו קומען. זאָג אים, Mariette, ער זאָל קומען, און אַליין זאָלסטו אויך קומען.

— ערשטנס, גרעפין, האָב איך קיין שום רעכט נישט צו געבן דעם פירשט עצות, — האָט Mariette געזאָגט, קוקנדיק אויף נעכליודאָוון, און דורך דעמדאָזיקן קוק איינשטעלנדיק צווישן אים און איר עפּעס אַ פולשטענדיקע הסכמה וועגן דער באַציונג צו דער גרעפינס ווערטער און בכלל צו דעם עוואַנגעליזם, — און צווייטנס האָב איך נישט גאָר ליב, איר ווייסט דאָך...

---

*) ער האָט אייך באַמערקט.

— דו טוסט דאָך אַלעמאָל אַלץ קאַפּויער, ווי דיר פּאַרווילט זיך.

— וואָס הייסט, ווי מיר פּאַרווילט זיך? איך גלייב אַזוי ווי אַ פּראָסט ווייבל, — האָט זי געזאָגט שמייכלענדיק. — און דריטנס, — האָט זי ווייטער געפּירט, — פּאָר איך מאָרגן אין פראַנצויזישן טעאַטער.

— אָך! האָסטו געזעען די... נו, ווי הייסט זי? — האָט גרעפין יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט.

Mariette האָט איר אונטערגעזאָגט דעם נאָמען פון דער באַרימ־טער פראַנצויזישער שוישפּילערין.

— זאָלסט אומבאַדינגט זיין, — דאָס איז אויסערגעווייגלעך.

— ווערמען, אַלזאָ, דאַרף מען פריער זעען, ma tante *): די שוישפּילערין אָדער דעם פּריידיקער? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— כאַפּ מיך נישט, איך בעט דיך, באַ אַ וואָרט.

— איך מיין, אַז פריער דעם פּריידיקער און דערנאָך ערשט די פראַנצויזישע שוישפּילערין, אַנישט קאָן מען נאָך גאָר פאַרלירן דעם געשמאַק צו דער דרשה, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— ניין, גלייכער אָנצוהייבן פון דעם פראַנצויזישן טעאַטער און דערנאָך תשובה טון, — האָט Mariette געזאָגט.

— נו, איר זאָלט נישט וואַגן חוזק פון מיר. דער פּריידיקער איז זיך אַ פּריידיקער, און דאָס טעאַטער איז זיך טעאַטער. כדי אויסגעליי־טערט צו ווערן, דאַרף מען גאַרנישט מאַכן אַ זויער פּנים און האַלטן אין איין וויינען. מ׳דאַרף גלייבן, וועט זיין פריילעך אויפן האַרץ.

— איר, ma tante, דרשנט בעסער ווי וועלכער פּריידיקער.

— ווייסט איר גאָר וואָס, — האָט Mariette געזאָגט פאַרטראַכטער־הייט, — קומט מאָרגן צו פאָרן צו מיר אין לאָזשע.

— איך האָב מורא, אַז כ׳וועל נישט קאָנען...

דעם שמועס האָט איבערגעשלאָגן דער לאַקיי מיט אַ מעלדונג וועגן אַ באַזוכער. דאָס איז געווען דער סעקרעטאַר פון אַ וווילטעטיקער געזעלשאַפט, פון וועלכער די גרעפין איז געווען פאָרזיצערין.

— אָך, דאָס איז זייער אַ לאַנגווייליקער הער. איך וועל אים בעסער דאָרט אויפנעמען. און דערנאָך וועל איך צוקומען צו אייך. גיט

---

*) מומע.

אים אָנטרינקען זיך מיט טיי, Mariette — האָט די גרעפין געזאָגט, אוועקגייענדיק אין זאַל אַריין מיט איר שנעלן, רירעוודיקן גאַנג.

Mariette האָט אויסגעטון די הענטשקע און אַנטבלויזט אַן ענערגישע, גאַנץ פלאַכע האַנט, וואָס איז באַדעקט געווען מיט רינגען אויף דעם פעטן פינגער.

— איר ווילט ? — האָט זי געזאָגט, אָננעמענדיק דעם זילבערנעם טשייניק פון שפירט-מאַשינדל און עפּעס מאָדנע אָנשטרענגענדיק דעם גראָבן פינגער.

איר פּנים איז געוואָרן ערנסט און אומעטיק.

— מיר איז אַלעמאָל שרעקלעך, שרעקלעך און שמערצלעך צו טראַכטן, אַז מענטשן, וואָס זייער מיינונג איז מיר טייער, מישן מיך צונויף מיט דער לאַגע, אין וועלכער איך געפין זיך.

זי איז שיער נישט גרייט געווען זיך צו צעוויינען, זאָגנדיק די לעצטע ווערטער. און הגם ווען מ'וואָלט די־דאָזיקע ווערטער צעגלידערט, וואָלטן זיי אָדער נישט געהאַט קיין שום זין אָדער געהאַט אַ זייער אומבאַשטימטן זין, האָבן זיי דאָך נעכליודאָוון אויסגעוויזן פון אויסערגעוויינלעכער טיפקייט, אויפריכטיקייט און גוטסקייט, אַזוי האָט אים צו זיך צוגעצויגן יענער בליק פון די פינקלענדיקע אויגן, וועלכער האָט באַגלייט די־דאָזיקע ווערטער פון דער יונגער, שיינער און גוט געקליידעטער פרוי.

נעכליודאָוו האָט אויף איר שווייגנדיק געקוקט און נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון איר געזיכט.

— איר מיינט, אַז איך פאַרשטיי אייך נישט און דאָס אַלץ, וואָס אין אייך קומט פאָר. דאָס, וואָס איר האָט געטון, איז דאָך אַלעמען באַקאַנט. C'est le secret de polichinelle*). און איך בין אַנטציקט דערפון און בין מיט אייך מסכים.

— נישטאָ, כ'לעבן, פון וואָס זיך צו אַנטציקן, איך האָב נאָך אַזוי ווייניק געטון.

— דאָס איז אַלצאיינס. איך פאַרשטיי אייער געפיל און פאַרשטיי זי. נו, גוט, גוט, איך וועל דערפון נישט רעדן, — האָט זי זיך אַליין איבערגעשלאָגן, באַמערקנדיק אויף זיין פּנים אַן אומ-

---

*) דאָס איז פּאָלישינעלס סעקרעט, ד. ה. אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד.

צופרידנקייט. — איך פארשטיי נאָך אָבער אויך דאָס, אז דערזעענ־דיק די אַלע ליידן, דעם גאַנצן שוידער פון אַלעם דעם, וואָס טוט זיך אין די תפיסות, — האָט Mariette געזעדט, באַגערנדיק נאָר איין זאַך — צוצוציען אים צו זיך, מיט איר ווייבלעכן חוש צוטרעפנדיק דאָס אַלץ, וואָס איז אים געווען ווייכטיק און טייער, — וואָלט איר העלפן די ליידנדיקע, און די ליידנדיקע איז אַזוי שרעקלעך. אַזוי שרעקלעך פון די מענטשן פון זייער גלייכגילטיקייט, פון זייער שלעכטסקייט... איך פאַרשטיי, ווי אַזוי מ'קאָן דערפאַר אוועקגעבן דאָס לעבן, כ'וואָלט אַליין אויך אוועקגעגעבן. אָבער יעדערער האָט זיין אייגענעם גורל...

— זענט איר דען נישט צופרידן מיט אייער גורל?

— איך? — האָט זי געפרעגט, גלייך ווי טיף איבעררַאשט פאַר פאַרוווּנדערונג, אז וועגן דעם קאָן מען גאָר פרעגן. — איך מוז זיין צופרידן, בין איך צופרידן. פאַראַן אָבער אַ ווערמל, וואָס וואַכט אויף...

— און מ'דאַרף עס נישט לאָזן איינשלאָפן, מ'דאַרף געטרויען דעמדאָזיקן קול, — האָט נעכליודאָוו זיך אָפּגערופן, איינגאַנצן זיך אונטער־געבנדיק אויף איר געניאַרעריי.

שפּעטער פלעגט נעכליודאָוו אַ סך מאָל מיט בושה דערמאָנען דעם גאַנצן שמועס זיינעם מיט איר. האָט דערמאַנט אירע ווערטער, נישט אַזוי פאַלשע, ווי אים נאָכגעמאַכטע, און יענץ פּנים — פון כלומרשט פאַר־דבקטער אויפמערקזאַמקייט, מיט וועלכער זי האָט אים געהערט, בשעת ער האָט איר דערציילט וועגן די שוידערלעכקייטן פון דער טורמע און וועגן זיינע איינדרוקן אין דאָרף.

אַז די גראַפין איז צוריקגעקומען, האָבן זיי גערעדט צווישן זיך נישט נאָר ווי אַלטע גוטע פריינט, נאָר ווי אויסשליסלעכע פריינט, וואָס נאָר זיי אַליין פאַרשטייען אייגער דעם אַנדערן צווישן דעם המון, וועלכער פאַרשטייט זיי נישט.

זיי האָבן גערעדט וועגן דער אומגערעכטיקייט פון דער מאַכט, וועגן די ליידן פון די אומגליקלעכע, וועגן דער אָרימקייט פון דעם פאָלק, אין עצם אָבער האָבן די אויגן זייערע, וועלכע האָבן געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן אונטער דעם גערוישל פון דעם שמועס, געהאַלטן אין איין פרעגן: „קאָנסט מיך ליב האָבן?" און געענטפערט: „איך קאָן", און דאָס געשלעכטלעכע געפיל, אָננעמענדיק די אומגעריכטסטע און פאַרביקסטע פאָרמען, האָט זיי געצויגן איינס צום אַנדערן.

באַם אָוועקפאָרן האָט זי אים געזאָגט, אַז זי איז אים אַלעמאָל גרייט צו דינען מיט וואָס זי קאָן נאָר, און האָט אים געבעטן, ער זאָל צו איר קומען מאָרגן אָוונט אומבאַדינגט, כאָטש אויף אַ ווײַלע, אין טעאַטער, אַז זי מוז מיט אים זיך נאָך דורכרעדן וועגן אַ וויכטיקער זאַך.

— ווען וועל איך אײַך דען נאָכאַמאָל זעען? — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ זיפץ און האָט פאָרזיכטיק אָנגעהויבן אָנצוטון די הענטשקע אויף דער האַנט, וועלכע איז געווען באַדעקט מיט פינגערלעך. — טאָ זאָגט מיר צו, אַז איר וועט קומען.

נעכליודאָוו האָט צוגעזאָגט.

אין דערדאָזיקער נאַכט, ווען נעכליודאָוו איז געבליבן איינער אַליין אין זײַן צימער, האָט זיך געלייגט אין בעט אַרײַן און פאַרלאָשן דאָס ליכט, האָט ער לאַנג נישט געקאָנט אײַנשלאָפן. דערמאַנענדיק זיך וועגן מאַסלאָווען, אָן דער רעזאָלוציע פון סענאַט און וועגן דעם, אַז ער האָט פאָרט באַשלאָסן איר נאָכצופאָרן, וועגן זײַן אָפזאָגן זיך פון דער רעכט אויף דער ערד, האָט זיך אים פלוצלינג, ווי אַן ענטפער אויף דידאָזיקע פראַגן זיך פאָרגעשטעלט Mariette'ס פנים. איר זיפץ און איר בליק, בשעת זי האָט געזאָגט: „ווען וועל איך אײַך נאָכאַמאָל זעען", און איר שמייכל, — מיט אַזאַ קלאָרקייט, אַז ער האָט עפעס ווי זי אַליין געזעען דערבײַ און אַליין אַ שמייכל געטון. „וועל איך גוט טון אַזוי, אַז איך וועל אַוועקפאָרן קיין סיביר? און גוט וועל איך דען טון, ווען איך וועל זיך אָפזאָגן פון מײַן עשירות?" — האָט ער געפרעגט זיך אַליין.

און די תשובות אויף דידאָזיקע פראַגן אין דערדאָזיקער ליכטיקער פעטערבורגער נאַכט, וועלכע האָט אַרײַנגעקוקט דורך דער נישט שטייף אַראָפגעלאָזטער שטאָר, זענען געווען אומבאַשטימטע. אַלץ האָט זיך אין זײַן קאָפ צונויפגעפלאָנטערט. ער האָט געפרוווט אַרויסרופן אין זיך די פריערדיקע שטימונג און געפרוווט דערמאַנען דעם פריערדיקן געדאַנקענגאַנג; אָבער דידאָזיקע געדאַנקען האָבן שוין נישט געהאַט די פריערדיקע איבערצײַגונגסקראַפט.

„און אפשר האָב איך דאָס אַלץ גאָר אויסגעטראַכט און וועל נישט בכוח זײַן דערמיט צו לעבן; וועל חרטה האָבן דערויף, וואָס איך האָב געהאַנדלט גוט", האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין און, נישט אימשטאַנד צו ענטפערן אויף דידאָזיקע פראַגן, האָט ער איבערגעלעבט אַזאַ געפיל פון אומעט און יאוש, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט איבערגעלעבט. נישט

בכוח אין דידאָזיקע פראַגן צו פונאַנדערצוקלויבן זיך, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן מיט יענעם שווערן שלאָף, מיט וועלכן ער פלעגט אַמאָל איינשלאָפן נאָך אַ גרויסן אָנווער אין קאָרטן.

XXV

דאָס ערשטע געפיל נעכליודאָווס, ווען ער האָט זיך צומאָרגנס אויפגעכאַפּט, איז געווען, אַז ער האָט נעכטן אָפּגעטון עפּעס אַ מיאוסע זאַך. ער האָט זיך גענומען דערמאָנען; קיין מיאוסע זאַך איז נישט געווען, קיין שלעכטע האַנדלונג אויך נישט, אָבער געדאַנקען, שלעכטע געדאַנקען וועגן דעם, אַז אַלע זיינע איצטיקע פּלענער, — חתונה צו האָבן מיט קאַטיושען און אָפּגעבן די פּויערים די ערד, אַז דאָס אַלץ זענען אומרעאַליזירעוודיקע טרוימען, אַז דאָס אַלץ וועט ער נישט אויסהאַלטן, אַז דאָס אַלץ איז קינסטלעך, אומנאַטירלעך, און מ׳דאַרף לעבן, אַזוי ווי ער האָט געלעבט. קיין שלעכטע האַנדלונג איז נישט געווען, אָבער ס׳איז געווען דאָס, וואָס איז אַ סך ערגער פאַר אַ שלעכטער האַנדלונג: ס׳זענען געווען די געדאַנקען, פון וועלכע אַלע שלעכטע האַנדלונגען קומען אַרויס.

אַ שלעכטע האַנדלונג קאָן מען נישט איבערחזרן און חרטה האָבן אויף איר; אָבער שלעכטע געדאַנקען געבוירן אַלע שלעכטע האַנדלונגען.

אַ שלעכטע האַנדלונג קייקלט בלויז אויס אַ וועג צו שלעכטע האַנדלונגען; אָבער שלעכטע געדאַנקען שלעפּן אומווידערשטיילעך אויף דעמדאָזיקן וועג.

איבערגעחזרט אינדערפרי אין זיין דימיון די נעכטיקע מחשבות, האָט נעכליודאָוו זיך פאַרוווּנדערט איבער דעם, ווי אַזוי ער האָט כאָטש איין ווײַלע געקאָנט זיי טרויען. ווי ניי און שווער עס איז געווען דאָס, וואָס ער האָט בדעה געהאַט צו טון, האָט ער געוווּסט, אַז דאָס איז געווען דאָס איינציקע, איצט פאַר אים מעגלעכע לעבן, און ווי געוווינט און לײַכט עס איז געווען זיך אומצוקערן צו דעם פריערדיקן, האָט ער געוווּסט, אַז דאָס איז געווען דער טויט. דער נעכטיקער נסיון האָט זיך אים איצט

פאַרגעשטעלט ווי עפּעס אַזוינס, וואָס עס טרעפט מיט אַ מענטש, ווען ער איז צופיל אָפּגעשלאָפן און אים ווילט זיך נאָך, אויב נישט שלאָפן, איז כאָטש וואַלגערן זיך נאָך אַ ביסל, קעכלען זיך אין בעט. הגם ער ווייסט, אַז ס'איז שוין צייט אויפצושטיין צו אַ וויכטיקער און פריידיקער זאַך, וועלכע וואַרט אויף אים.

אין דעמדאָזיקן טאָג, דעם לעצטן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין פעטערבורג, איז ער באַלד אינדערפרי אַוועקגעפאָרן אויפן וואַסילי-אינזל צו שוסטאָוון.

שוסטאָוועס דירה איז געווען אויפן צווייטן גאָרן. לויט דעם הויז-וועכטערס אָנווייזונג איז נעכליודאָוו אַריינגעקומען אויף די הינטער-טרעפּ און איבער די גלייכע און שטילע שטיגן איז ער גלייך אַריין אין דער הייסער קיך מיט אַ געדיכטן ריח פון געקעכטס.

אַ באַיאָרטע פרוי מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, אין אַ פאַרטוך און אין ברילן, איז געשטאַנען בײַ דער פּליטע און געמישט עפּעס אין אַ פענדל, פונוואַנען ס'איז געגאַנגען אַ פּאַרע.

— צו וועמען דאַרפט איר? — האָט זי שטרענג געפרעגט, אָנקוקנדיק דעם אַריינגעקומענעם אַריבער די ברילן.

איידער נעכליודאָוו האָט נאָך צייט געהאַט אָנצורופן זיין נאָמען, האָט דער פרויס פּנים באַקומען אַ דערשראָקענעם און דערפרייטן אויסדרוק.

— אַך, פירשט! — האָט די פרוי אויסגעשריגן, אויסווישנדיק די הענט אָן פאַרטוך.

— אָבער צו וואָס זענט איר אַריינגעקומען דורך די הינטער-טרעפּ? איר זענט דאָך אונזער מלאך-מושיע. איך בין די מוטער אירע. מ'האָט דאָך שיער נישט געפּטרט דאָס מיידעלע. אויסלייזער אונזערער, — האָט זי גערעדט, כאַפּנדיק נעכליודאָוון בײַ דער האַנט און זוכנדיק זי אַ קוש צו טון.

— איך בין נעכטן געווען בײַ אייך. דערהויפּט האָט מיך די שוועסטער געבעטן. זי איז אויך דאָ. אַהער, אַהער, ביטע נאָך מיר — האָט שוסטאָוועס מוטער גערעדט, פירנדיק נעכליודאָוון דורך אַ שמאָלער טיר און אַ פינצטער קאָרידאָרל און אויפן וועג צורעכט מאַכנדיק אָדער דאָס פאַרשאַרצטע קלייד אָדער די האָר. — מיין שוועסטער איז די קאָרנילאָווא. איר האָט מן הסתם געהערט, — האָט זי שטילערהייט צו-

געגעבן, שטיין בלייבנדיק בא דער טיר. — זי איז געווען פארמישט אין פאליטישע זאכן. א פרוי א חכמה!

געעפנט די טיר פון קארידאר אויס, האט שוסטאָוועס מוטער אריינגעפירט נעכליודאָוון אין א קליין צימערל, ווו אויף א דיוואנדל באם טיש איז געזעסן א דיק, נישט קיין הויך מיידל אין א געשטרייפט ציצן יאקל און מיט געקרייזלטע העל-בלאנדע האר. וועלכע האבן ארומגערעמט איר קיילעכדיק און זייער בלייך פנים, ענלעך אויף דער מוטערס... איר קעגנאיבער, צונויפגעדרייט אין צווייען אין שטול, איז געזעסן א יונגערמאן אין א רוסיש העמדל מיט אן אויסגענייטן קאלנער, מיט וואנסעלעך און א בערדל. זיי ביידע זענען קענטיק אזוי געווען פארטון אין שמועס, אז זיי האבן זיך אומגעקוקט ערשט דאן, ווען נעכליודאָוו איז שוין געווען אריין אין טיר...

— לידיע, פירשט נעכליודאָוו, אט דער...

דאס בלייכע מיידל איז נערוועז אויפגעשפרונגען, פארריכטנדיק א לאק האר, וואס האט זיך ארויסגעמאכט פון הינטערן אויער, און האט דערשראָקן געגאפט מיט אירע גרויסע גרויע אויגן אויף דעם אריינגעקומענעם.

— דאס זענט איר, אלזא, אט יענע געפערלעכע פרוי, פאר וועלכער ווערא יעפרעמאָוונא האט געבעטן, — האט נעכליודאָוו געזאָגט, שמייכלענדיק און דערלאנגענדיק די האנט.

— יאָ, איך, — האט לידיע געזאָגט און, צעעפנט ברייט א מויל מיט וואונדערלעכע ציין, האט זי א שמייכל געטון מיט א גוטן, קינדישן שמייכל. — דאס האט די מומע אייך זייער געוואָלט זען. מומע! — האט זי זיך געווענדט אין טיר אריין מיט אן אנגענעם, צערטלעך קול.

— ווערא יעפרעמאָוונא האט געהאט גרויס עגמת-נפש פון אייער ארעסט, — האט נעכליודאָוו געזאָגט.

— אט דאָ, אָדער נאָך בעסער אָט דאָ זעצט זיך, — האט לידיע געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דער ווייכער צעבראָכענער שטול, פון וועלכער דער יונגערמאן איז נאָר-וואָס געהאט אויפגעשטאנען.

— מיין שוועסטערקינד זאכאראָוו, — האט זי געזאָגט, אויפכאפנדיק דעם בליק, מיט וועלכן נעכליודאָוו האט באקוקט דעם יונגנמאן.

דער יונגערמאן, שמייכלענדיק פונקט אזוי גוטמוטיק, ווי לידיע אליין, האט זיך באגריסט מיט דעם גאסט, און אז נעכליודאָוו האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, האט ער זיך גענומען באם פענצטער א

שטול און זיך אוועקגעזעצט דערלעבן. פון א צווייטער טיר איז אַרויס א גימנאַזיסט פון א יאָר 16, אויך מיט העל-בלאָנדע האָר און האָט זיך שווייגנדיק אוועקגעזעצט אויפן פענצטער.

— ווערא יעפרעמאָוונא איז זייער באַפריינדעט מיט דער מומען, און איך קען זי כמעט נישט, — האָט לידיע געזאָגט.

אין דער ווײַלע איז פון דערבייאיקן צימער אַרויס א פרוי מיט זייער אַן אַגגעגעם און קלוג פנים, אין א ווייס יאַקעלע, פאַרגאַרטלט מיט א רימענעם פאַס.

— גוט מאָרגן, א שיינעם דאַנק, וואָס איר זענט געקומען, — האָט זי אָנגעהויבן, ווי נאָר זי האָט זיך געהאַט אוועקגעזעצט אויפן דיוואַן לעבן לידיען.

— נו, וואָס מאַכט ווערעטשקאַ? איר האָט זי געזען? ווי פאַר-טראָגט זי איר לאַגע?

— זי באַקלאָגט זיך נישט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, — זי זאָגט, אַז איר זעלבסטגעפיל איז ממש אָלימפּיש.

— אַך, ווערעטשקאַ! איך דערקען זי! — האָטדי מומע געזאָגט, שמייכלענדיק און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — זי דאַרף מען קענען. דאָס איז א וואונדערלעכע פּערזענלעכקייט. אַלץ פאַר דעם אַנדערן, קיין זאַך — פאַר זיך.

— יאָ, פאַר זיך האָט זי גאָרנישט פאַרלאַנגט, נאָר געווען באַזאָרגט וועגן אייער פּלימעניצע. דערהויפּט האָט זי פאַרדראָסן, וואָס מ'האָט זי אַרעסטירט אומזיסט-אומנישט, ווי זי האָט געזאָגט.

— ס'איז אַזוי, — האָט די מומע געזאָגט, — ס'איז א שרעקלעכע זאַך! געליטן אייגנטלעך צוליב מיר.

— עס הייבט זיך גאָרנישט אָן, מומע, — האָט לידיע זיך אָפּגע-רופן, — אָן אייך וואָלט איך אויך גענומען די פּאַפּירן.

— אַנטשולדיק, דאָס ווייס איך שוין בעסער פון דיר, — האָט די מומע ווייטער גערעדט, — איר פאַרשטייט, האָט זי זיך געווענדט צו נעכליודאָוון, — אַלץ איז דאָס אַרויסגעקומען דערפאַר, וואָס א געוויסע פּערזאָן האָט מיך געבעטן צו באַהאַלטן אויף א צייט זיינע פּאַפּירן, און אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַט קיין דירה, האָב איך זיי אוועקגעטראָגן צו איר. און באַ איר איז יענע נאַכט געווען א רעוויזיע און מ'האָט צו-גענומען אי זי, אי די פּאַפּירן, און געהאַלטן אָט ביז איצט, געפּאָדערט, זי זאָל זאָגן, פון וועמען זי האָט באַקומען.

— איך האָב גאָרנישט געזאָגט — האָט לידיע שנעל אַרויסגערעדט, נערוועיש צופּנדיק דעם לאָק, וואָס האָט איר גאָרנישט געשטערט.

— איך זאָג דאָך נישט, אַז דו האָסט געזאָגט — האָט זיך די מומע אָפּגערופן.

— וואָס מ'האָט צוגענומען מיטינען, איז דאָס בשום אופן נישט צוליב מיר, — האָט לידיע געזאָגט, רויט ווערנדיק און אומרויִק זיך אַרומקוקנדיק.

— רעד בעסער דערפון נישט, לידאָטשקע, — האָט די מוטער געזאָגט.

— פאַרוואָס, איך וויל דערציילן, — האָט לידיע געזאָגט, שוין אָן אַ שמייכל, נאָר ווערנדיק רויט און שוין נישט צורעכט מאַכנדיק דעם לאָק, נאָר דרייענדיק אים אויפן פינגער און אַלץ זיך אַרומקוקנדיק.

— און וואָס איז נעכטן געווען, אַז דו האָסט גענומען רעדן דערפון?

— קיין האָר אויך נישט... לאָזט אָפּ, מאַמאַשאַ... איך האָב נישט געזאָגט, כ'האָב בלויז פאַרשוויגן. בשעת ער האָט מיך אויסגעפרעגט צוויי מאָל וועגן דער מומען און וועגן מיטינען, האָב איך גאָרנישט נישט געזאָגט און האָב אים געמאָלדן, אַז איך וועל נישט ענטפערן. דאַן האָט דער... פּעטראָוו...

— פּעטראָוו, אַ געהיים־אַגענט, אַ זשאַנדאַרם און אַ גרויסער אויסוואָרף, — האָט זיך אָפּגערופן די מומע, דערקלערנדיק נעכליודאָוון דער פלעמעניצעס ווערטער.

— דאַן האָט ער אייך אָנגעהויבן איינצורעדן — האָט לידיע אויפגערעגט און איילנדיק זיך דערציילט ווייטער. — אַלץ, זאָגט ער, וואָס איר וועט מיר זאָגן, וועט קיינעם נישט שאַטן, פאַרקערט, אַז איר וועט זאָגן, וועט איר באַפרייען די אומשולדיקע, וואָס מיר פּייניקן זיי אפשר גאָר אומזיסט. און איך האָב פונדעסטוועגן געזאָגט, אַז כ'וועל נישט זאָגן. דאַן האָט ער געזאָגט: „נו גוט, זאָגט גאָרנישט, אָבער לייקנט נישט אָפּ דאָס, וואָס איך וועל זאָגן". און ער האָט אָנגערופן מיטינען.

— אָבער רעד נישט, — האָט די מומע געזאָגט.

— אַך, מומע, שטערט נישט... — און זי האָט זיך געצופּט אָן אויפהער פאַר די לאָקן האָר און געהאַלטן זיך אין איין אַרומקוקן — און פּלוצלינג, אויף מאָרגן, שטעלט אייך פאָר, דערוויס איך זיך, — מ'האָט מיר איבערגעקלאַפּט דורך דער וואַנט, אַז מיטין איז אַרעסטירט.

נו, טראַכט איך, דאָס האָב איך אים אַרויסגעגעבן. און דאָס האָט מיך אַזוי־געגנומען פייניקן, אַזוי גענומען פייניקן, אַז איך בין שיער פון זינען נישט אַראָפּ.

— און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ'האָט אים צוגענומען גאָר־נישט צוליב דיר, — האָט די מומע געזאָגט.

— אָבער איך האָב נישט געוווּסט. כ'האָב געמיינט, אַז איך האָב אַרויסגעגעבן. איך גיי און גיי פון וואַנט צו וואַנט און איך קאָן נישט נישט טראַכטן, טראַכט איך: איך האָב אַרויסגעגעבן. לייג איך זיך, דעק זיך איין און הער — עמעצער רוימט מיר איין אויפן אויער: האָסט אַרויסגעגעבן, אַרויסגעגעבן מיטינען, מיטינען אַרויסגעגעבן. איך ווייס, אַז דאָס איז אַ האַלוצינאַציע, און דאָך מוז איך עס הערן. וויל איך איינ־שלאָפן — קאָן איך נישט, וויל איך נישט טראַכטן, קאָן איך ווידער נישט. אָט דאָס איז געווען שרעקלעך! — האָט לידיע גערעדט, אַלץ מער זיך אויפרעגנדיק, אָנוויקלענדיק דעם לאָק האָר אויפן פינגער און ווידער אים אָפּוויקלענדיק און האַלטנדיק זיך אין איין אַרומקוקן.

— לידאָטשקע, באַרויק זיך, — האָט די מוטער איבערגעחזרט, אָנרירנדיק זי באַם אַקסל.

אָבער לידיע האָט שוין זיך נישט געקאָנט אָפּשטעלן: — בפרט איז דאָס שרעקלעך, — האָט זי ווידעראַמאָל עפּעס אָנגעהויבן, נאָר זיך צעכליפּעט, נישט דערזאָגט, אויפגעשפּרונגען פון דיוואַן און, שטרויכלענ־דיק אָן שטול, איז זי אַרויסגעלאָפן פון צימער. די מוטער איז איר נאָכגעגאַנגען.

— מ'דאַרף די אויסוואורפן אויפהענגען, — האָט געזאָגט דער גימ־נאַזיסט, וואָס איז געזעסן אויפן פענצטער.

— וואָס ווילסטו? — האָט די מומע געפרעגט.

— גאָרנישט... אַזוי, — האָט דער גימנאַזיסט געענטפערט און גע־כאַפּט אַ פּאַפּיראָס, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, און פאַררייכערט אים.

XXVI.

— יאָ, פאַר יונגע מענטשן איז אייגצל-אַרעסט אַ שרעק וואָס דאָס איז, — האָט די מומע געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און אויך פאַרדרייכערט אַ פּאַפּיראָס.

— איך גלייב, אַז פאַר אַלעמען, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— ניין, נישט פאַר אַלעמען, — האָט די מומע געענטפערט. — פאַר עכטע רעוואָלוציאָנערן, האָט מען מיר דערציילט, איז עס אַן אָפּרו, אַ באַרויִקונג. דער אומלעגאַלער לעבט תּמיד אין אומרו און מאַטערי־עלער דחקות, אין פּחד סיי פאַר זיך, סיי פאַר אַנדערע, סיי פאַר דער זאַך, און סוף-כּל-סוף נעמט מען אים צו, און אַלץ איז אויס, און די גאַנצע אחריות איז אַראָפּגענומען: זיץ און רו זיך אָפּ. ממש זיי זענען, האָט מען מיר געזאָגט, מלא שמחה, אַז מ'נעמט זיי צו. אָבער פאַר יונגע, פאַר אומשולדיקע, אַזוי ווי לידאָטשקע, — פאַר אָט די איז דער ערשטער אָנגריף שרעקלעך. נישט אַזוי דאָס, וואָס מ'האָט אייך אָפּגענומען די פרייהייט, מ'באַהאַנדלט אייך גראָב, מ'גיט שלעכט עסן, אַ שלעכטע לופט — אָפּקומענישן פון אַלע זייטן — דאָס אַלץ וואָלט נאָך נישט אַ־יסגעמאַכט. ווען עס וואָלט געווען דריי מאָל אַזוי פיל אָפּקומענישן, וואָלט מען דאָס אויך לייכט אַריבערגעטראָגן. ווען נישט דער מאָראַלישער אָנגריף, וואָס דו באַקומסט, ווען דו פאַלסט צום ערשטן מאָל אַריין.

— האָט איר עס דען איבערגעלעבט?

— איך? בין צוויי מאָל געזעסן, — האָט די מומע געזאָגט, שמייכלענדיק מיט אַן אומעטיקן, אָנגענעמען שמייכל. — אַז מ'האָט מיך צוגענומען דאָס ערשטע מאָל — און צוגענומען האָט מען מיך פאַר גאָרנישט, — האָט זי ווייטער דערציילט, — בין איך אַלט געווען 22 יאָר, האָב געהאַט אַ קינד און איך האָב געשוואַנגערט. ווי שווער מיר איז דאַן נישט געווען צו פאַרלירן די פרייהייט, די צעשיידונג מיטן קינד, מיטן מאַן, — דאָס אַלץ איז געווען גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס איך האָב דערפילט, ווען איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב אויפגע-

הערט צו זיין אַ מענטש און בין געוואָרן אַ געגנשטאַנד. איך וויל זיך זעגענען מיט מיין טעכטערל — זאָגט מען מיר. איך זאָל זיך גיין זעצן אויף דער דראָזשקע. איך פרעג, וווהין מ'פירט מיך, — ענטפערט מען מיר, אַז איך וועל זעען פאַרטיקערהייט. פרעג איך: אין וואָס באַשולדיקט מען מיך, ענטפערט מען מיר גאָרנישט. בשעת מ'האָט מיך נאָכן פאַרהער אויסגעטון, אָנגעטון אין טורמע-קליידער מיט אַ נומער, אַריינגעפירט אונטער די געוועלבן, אויפגעעפנט די טיר, אַריינגעשטופט אינעווייניק, פאַרשלאָסן און אַוועק, בלויז אַ וואַך-זעלנער מיט אַ ביקס איז געבליבן, וועלכער האָט שווייגנד אַרומגעשפּרייזט און צווישן אַריינגעקוקט אין לעכל פון מיין טיר, — איז מיר געוואָרן שרעקלעך שווער. מיך האָט דעמאָלט, געדענק איך, מער פאַר אַלץ געפּלעפט דאָס, וואָס דער זשאַנדאַרמען-אָפיציר, בעת ער האָט מיך פאַרהערט, האָט ער מיר פאָרגעלייגט צו פאַררייכערן. ער ווייסט, אַלזאָ, ווי אַזוי מענטשן האָבן ליב צו רייכערן, ווייסט ער, אַלזאָ, אויך, ווי אַזוי מענטשן האָבן ליב די פרייהייט, די שיין, ווייסט, ווי אַזוי מוטערס האָבן ליב די קינדער, און די קינדער די מוטער; ווי אַזוי-זשע האָבן זיי אַזוי אומבאַרחמנותדיק מיך אָפּגעריסן פון אַלעם דעם, וואָס איז טייער, און פאַרשפּאַרט ווי אַ ווילדע חיה? דאָס קאָן מען אומבאַשטראָפט נישט דערטראָגן. אויב איינער האָט געגלייבט אין גאָט און אין מענטשן, אין דעם, אַז מענטשן האָבן איינע די אַנדערע ליב, וועט ער נאָך אַלעם דעם אויפהערן צו גלייבן אין דעם. איך האָב פון דעמאָלט אָן אויפגעהערט צו גלייבן אין מענטשן און בין פאַרביטערט געוואָרן, — האָט זי אויסגעלאָזט און אַ שמייכל געטון.

פון דער טיר, וווהין לידיע איז אַוועק, איז אַרויסגעקומען די מוטער אירע און האָט געמאָלדן, אַז לידאָטשקע האָט זיך זייער אויפגערעגט און וועט נישט אַרויסגיין.

— און נאָך וואָס האָט מען געפּטרט אַ יונג לעבן? מיר איז עס באַזונדערס אַ ווייטיק, — האָט די מומע געזאָגט. — וואָרים איך בין נישט-ווילנדיק געווען די סיבה.

— די'ר אייבערשטער וועט געבן, וועט זי זיך אויף דאָרפישער לופט פאַר'ריכטן, — האָט די מוטער געזאָגט. — מיר וועלן זי אַוועקשיקן צום פאָטער.

— יאָ, ווען נישט איר, וואָלט זי שוין אינגאַנצן אומגעקומען, — האָט די מומע געזאָגט. — אַ דאַנק אייך. און זעען אייך האָב איך געוואָלט דערפאַר, כּדי צו בעטן אייך איבערגעבן אַ בריוו ווערא יעפרעמאָווגען, —

האָט זי געזאָגט, אַרויסנעמענדיק פון קעשענע אַ בריוו. — דער בריוו איז נישט פאַרחתמעט, איר מעגט אים איבערלייענען און צערייסן אָדער איבערגעבן, — וואָס איר וועט איינגעפינען פאַר מער פּאַסיק לויט אייערע איבערצייגונגען, — האָט זי געזאָגט. — אין דעם בריוו איז נישטאָ קיין שום קאָמפּראָמיטירנדיקע זאַכן.

נעכליודאָוו האָט גענומען דעם בריוו און צוגעזאָגט אים איבער־צוגעבן, איז אויפגעשטאַנען, זיך אָפּגעזעגנט און אַרויס אויף דער גאַס.

דעם בריוו האָט ער, נישט לייענענדיק אים, פאַרחתמעט און באַ־שלאָסן איבערצוגעבן לויט באַשטימונג.

XXVII.

דער לעצטער ענין, וואָס האָט נעכליודאָוון פאַרהאַלטן אין פּעטער־בורג, איז געווען דער פּראָצעס פון די סעקטאַנטן, וואָס זייער בקשה אויפן צאַרס נאָמען האָט ער געהאַט בדעה צו דערלאַנגען דורך אַ גע־וועזענעם חבר פון פּולק, פליגל־אַדיוטאַנט באָגאַטיריאָוו. פרימאָרגנס איז ער פאַרפאָרן צו באָגאַטיריאָוון און האָט אים נאָך דערוישט אינדערהיים, באַם פרישטיק, הגם ער האָט זיך שוין געקליבן אַוועקצופאָרן. באָגאַטיריאָוו איז געווען אַ פעסט געבויטער, נישט קיין הויכער מענטש, באַשאָנקען מיט אַ זעלטענער פיזישער גבורה, — ער פלעגט בייגן פּאָדקאָוועס — אַ גוטער, אַן ערלעכער, אַן אָפענער און אפילו אַ ליבעראַלער. נישט קוקנדיק אויף דידאָזיקע אייגנשאַפטן, איז ער געווען אַ נאָענטער מענטש צום הויף און האָט ליב געהאַט דעם קייסער און זיין הויזגעזונט און עפּעס דורך אַ וווּנדערלעכן מעטאָד האָט ער, לעבנדיק אין דערדאָזיקער העכסטער ספערע, געקאָנט זען אין איר בלויז דאָס גוטע און נישט באַטייליקן זיך אין קיין שום שלעכטער אָדער אומערלעכער זאַך. ער האָט קיינמאָל נישט דן לכף חוב געווען נישט קיין מענטשן, נישט קיין מאָסמיטלען, נאָר האָט אָדער געשוויגן אָדער געזאָגט מיט אַ דרייסט, הויך — גלייך ווי ער וואָלט געשריגן — קול דאָס, וואָס ער האָט באַ־דאַרפט זאָגן, אָפטמאָל דערביי געלאַכט מיט פונקט אַזאַ הילכיק געלעכ־

טער. און געטון האָט ער עס נישט אויס פּאָליטישקייט, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט אַזאַ כאַראַקטער.

— גלענצנד, וואָס דו ביסט געקומען. ווילסט אפשר אָנבייסן? אַז דו ווילסט — זעץ זיך. די ביפשטעקסן זענען אַ וואונדער! איך הייב אַלע־מאָל אָן און ענדיק פון דעם עיקר. כאַ־כאַ־כאַ! נו, טרינק כאָטש אַ ביסל ווײַן, — האָט ער געשריגן, אָנווײַזנדיק אויף אַ פלאַש רויטן ווײַן. — און איך האָב וועגן דיר געטראַכט. די בקשה וועל איך דערלאַנגען. אין די הענט וועל איך אָפּגעבן — דאָס יאָ; אָבער מיר איז אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק, אפשר זאָלסטו בעסער פריער צופאָרן צו טאָפּאָראָוון.

נעכליודאָוו האָט זיך אַ קרום געטון באַם דערמאָנען טאָפּאָראָוון.

— אַלץ ווענדט זיך אָן אים. סײַ־ווי וועט מען דאָך בײַ אים פרעגן. און אפשר וועט ער אַליין דיך באַפרידיקן.

— אויב דו ראַטסט מיר, וועל איך פאָרן.

— אויסגעצייכנט. נו, און פּעטערבורג ווי ווירקט אויף דיר, — האָט באַגאַטירייאָוו אַ געשריי געגעבן, — זאָג, האַ?

— איך פיל, אַז איך ווער פאַרהיפּנאָטיזירט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— ווערסט פאַרהיפּנאָטיזירט? — האָט באַגאַטירײאָוו נאָכגעזאָגט און זיך הילכיק צעלאַכט. — נו, דו ווילסט נישט, ווי דו ווילסט זיך. — ער האָט אויסגעווישט מיט אַ סערוועטל די וואָנסעס. — וועסטו, אַלזאָ, פאָרן? האַ? אויב ער וועט עס נישט טון, וועסטו מיר געבן. און איך וועל מאָרגן טאַקע אָפּגעבן, — האָט ער אַ געשריי געטון און, אויפגע־שטאַנען פון טיש, זיך איבערגעצלמט מיט אַ ברייטן קרייץ, קענטיק פונקט אַזוי אומבאַוווסטזיניק, ווי ער האָט אויסגעווישט דאָס מויל, און האָט אָנגעהויבן פאַרשפּיליען די שאַבלע. — און איצט זײַ געזונט, איך דאַרף פאָרן.

— מיר וועלן אַרויסגיין צוזאַמען, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, מיט פאַרגעניגן דריקנדיק באָגאַטירײאָווס שטאַרקע, ברייטע האַנט, און ווי אַלעמאָל, אונטער דעם אײַנדרוק פון עפּעס געזונטס, אומבאַוווסטזיניקס, פרישס, האָט ער זיך צעזעגנט מיט אים אויפן גאַניק פון זײַן הויז.

הגם ער האָט קיין שום גוטס נישט דערוואַרט פון זײַן באַזוך, איז נעכליודאָוו פונדעסטוועגן, לויט באָגאַטירײאָווס עצה, אַוועקגעפאָרן צו טאָפּאָראָוון, צו יענער פּערזאָן, פון וועלכער עס איז אָפּגעהאַנגען דער ענין פון די סעקטאַנטן.

דער אמת, וואָס טאָפּאָראָוו האָט פאַרנומען, האָט לויט זיין פונקציע פאָרגעשטעלט אַן אינעווייניקסטע סתירה, וואָס נישט זעען זי האָט געקאָנט נאָר אַ טעמפּער מענטש אָן אַן עטישן חוש. טאָפּאָראָוו האָט באַוויזן דידאַקטיקע ביידע נעגאַטיווע אייגנשאַפטן. די סתירה, וועלכע האָט געשטעקט אין דעם אַמת, וואָס ער האָט פאַרנומען, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די פונקציע פון זיין אַמת איז באַשטאַנען אין אונטערהאַלטן און דורך אויסערלעכע מיטלען, געוואָלט נישט אויסגענומען, צו שיצן די קירך, וואָס איז לויט איר באַשטימונג גופא דאָך פעסטגעשטעלט דורך גאָט אַליין און קאָן נישט ווערן צעטרייסלט נישט דורך די טויערן פון גיהנום, נישט דורך קיין שום מענטשלעכע אָנשטרענגונגען. אָט דידאַקטיקע געטלעכע און דורך קיין שום זאַך נישט צעטרייסלעוודיקע אינסטיטוציע פון גאָט האָט עס באַדאַרפט אונטערגעהאַלטן און געשיצט ווערן דורך יענער מענטשלעכער אינסטיטוציע, וואָס בראש פון איר איז געשטאַנען טאָפּאָראָוו מיט זיינע באַאַמטע. טאָפּאָראָוו האָט דידאַקטיקע סתירה נישט געזעען אָדער נישט געוואָלט זעען און דערום איז ער אויף אַן אמת זייער באַאַרגט געווען, אַז אַ וועלכער עס איז פּאַסטאָר, קסיאָנדז אָדער סעקטאַנט זאָל נישט צעשטערן אָט יענע קירך, וואָס די טויערן פון גיהנום קאָנען זי נישט בייקומען. טאָפּאָראָוו, אַזוי ווי אַלע מענטשן, וואָס זיי פעלט דער עלעמענטאַרער רעליגיעזער חוש, דאָס באַוווסטזיין פון מענטשלעכער גלייכקייט און ברידערלעכקייט, איז געווען אינגאַנצן זיכער, אַז דאָס פאָלק באַשטייט פון ברואים, לגמרי אַנדערע, ווי ער אַליין, און אַז פאַרן פאָלק איז אומבאַדינגט נייטיק דאָס, וואָס ער קאָן זייער גוט אָן דעם אויסקומען. ער אַליין האָט אין דער טיף פון זיין נשמה אין קיין זאַך נישט געגלייבט און האָט אַזאַ צושטאַנד געהאַלטן פאַר זייער באַקוועם און אַנגענעם, האָט אָבער מורא געהאַט, אַז דאָס פאָלק זאָל חס ושלום אויך נישט קומען אין אַזאַ מין צושטאַנד, און האָט באַטראַכט פאַר זיין — ווי ער פלעגט זאָגן — הייליקן חוב צו ראַטעווען דאָסדאָזיקע פאָלק.

פונקט אַזוי, ווי אין איינעם אַ קאָכבוך שטייט געשריבן, אַז קרעבסן האָבן ליב, מ'זאָל זיי קאָכן לעבעדיקערהייט, איז ער געווען אינגאַנצן איבערצייגט, און נישט אין איבערגעטראָגענעם זין, ווי דערדאָזיקער אויסדרוק איז פאַרשטאַנען געוואָרן אין דעם קאָכבוך, נאָר אין בוכשטעבלעכן, — און פלעגט טראַכטן און זאָגן, אַז דאָס פאָלק האָט ליב — אָבערגלויבן.

צו דער רעליגיע, וועלכע ער האָט געשיצט. האָט ער זיך באַצויגן אַט אַזוי, ווי אַ הינערניק באַציט זיך צו דער נבלה, מיט וועלכער ער שפּייזט זיינע הינער: נבלה איז זייער נישט אָנגענעם, אָבער הינער האָבן ליב און עסן, און דערפאַר דאַרף מען זיי שפּייזן מיט נבלה.

אוודאי זענען די אַלע איווערער, קאַזאַנער און סמאָלענסקער איקאָנעס זייער אַ מגושמדיקע עבודה־זרה, אָבער דאָס פאָלק האָט עס ליב און גלייבט אין דעם, און דערום דאַרף מען דידאָזיקע איינגלייבעניש אונטערהאַלטן. — אַזוי האָט טאָפּאָראָוו געטראַכט, נישט באַרעכענענדיק דאָס, אַז אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פאָלק האָט ליב אָבערגלויבן נאָר דערפאַר, ווייל עס זענען אַלעמאָל געווען און פאַראַן אויך איצטער אַזעלכע אכזריותדיקע מענטשן, ווי טאָפּאָראָוו אַליין איז עס, וואָס אַליין אויפגעקלערט געוואָרן, נוצן זיי זייער ליכט נישט אויף דאָס, אויף וואָס זיי וואָלטן אים באַדאַרפט נוצן, — אויף צו העלפן דעם פאָלק זיך אַרויס־צוקריגן פון דער פינצטערער אומוויסנקייט, נאָר אויף דעם, אים נאָך מער צו פאַרשקלאַפן אין דעמדאָזיקן חושך.

בשעת נעכליודאָוו איז אַריין אין זיין אויפנאַם־צימער, האָט טאָפּאָ־ראָוו אין זיין קאַבינעט געשמועסט מיט אַ מאָנאַכינטע, אַן אויפגעווערין פון אַ מאָנאַסטיר, אַן ענערגישער אַריסטאָקראַטין, וועלכע האָט פאַרשפּרייט און אויפגעהאַלטן די פּראַוואָסלאַווישע אמונה אין מערבדיקן קאַנט צווישן די אוניאַטן, וואָס זענען מיט געוואַלט געטריבן געוואָרן צו פּראַ־וואָסלאַווישקייט.

דער באַאַמטער פאַר באַזונדערע ענינים, וואָס איז געזעסן אין אויפנאַם־צימער, האָט אויסגעפרעגט נעכליודאָוון וועגן זיין ענין און, געהויר געוואָרן, אַז נעכליודאָוו האָט זיך אָנגענומען איבערצוגעבן דעם קיסר די בקשה פון די סעקטאַנטן, האָט ער אים געפרעגט צי ער קאָן אים נישט געבן דורכצוקוקן דידאָזיקע בקשה. נעכליודאָוו האָט אָפּגעגעבן די בקשה און דער באַאַמטער איז מיט איר אַוועקגעגאַנגען אין קאַבינעט. די מאָנאַכינטע אין אַ קאַפּויך, מיט אַ פלאַטערנדיקן שלייער און דערצו נאָך מיט אַ שוואַרצער שלייף, צונויפגעלייגט די ווייסע הענט מיט די אויסגעפוצטע נעגל, אין וועלכע זי האָט געהאַלטן די טאָפּאַזענע פּאַטשע־רעס, איז אַרויס פון קאַבינעט און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. נעכליודאָוון האָט מען נאָך אַלץ נישט געבעטן אַריינגיין. טאָפּאָראָוו האָט געלייענט די בקשה און האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער איז געווען אומ־

אָנגענעם פאַרווונדערט, לייענענדיק די דייטלעכע און אַנטשלאָסן-אָנגעשריבענע בקשה.

„אויב זי וועט נאָר אַריינפאַלן אין דעם קיסרס הענט, וועט זי קאָנען אַרויסרופן אומאָנגענעמע פראַגן און אומפאַרשטענדעניש", האָט ער אַ טראַכט געגעבן, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט די בקשה. און אוועקגעלייגט אויפן טיש, האָט ער אָנגעקלונגען און געהייסן אַריינבעטן נעכליודאָוון.

ער האָט געדענקט דעם ענין פון דידאָזיקע סעקטאַנטן, ער האָט שוין געהאַט זייערס אַ בקשה. דער ענין איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די קריסטן, וועלכע זענען געוואָרן אָפּטריניק פון פראַוואָסלאַוויע, האָט מען תחילת געפּרוווט מוסרן, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן, און דערנאָך קעגן זיי פאַרפירט אַ פראָצעס, נאָר דאָס געריכט האָט זיי פרייגעשפּראָכן. דאַן האָבן דער בישאָף מיטן גובערנאַטאָר באַשלאָסן אויפן גרונט פון דער אומגעזעצלעכקייט פון די חתונות, צעשיקן די מאַנען, די פרויען און די קינדער אין פאַרשידענע פאַרשיקונגס-ערטער. אָט די מאַנען און פרויען האָבן דאָס טאַקע געבעטן, אַז מען זאָל זיי נישט צעשיידן. טאָפּאָראָוו האָט זיך דערמאַנט אין דעמדאָזיקן פראָצעס, ווען ער איז צו אים צום ערשטן מאָל אַריינגעפאַלן. און דעמאָלט האָט ער זיך געוואַקלט — צי זאָל ער אים נישט בטל מאַכן? אָבער קיין שום שאָדן האָט נישט געקאָנט אַרויסקומען פון באַשטעטיקן די פאַראָרדנונג וועגן פאַרשיקן אין פאַרשידענע ערטער די מיטגלידער פון דידאָזיקע פויערים-פאַמיליעס; דערקעגן איבערלאָזן זיי אויף די ערטער האָט געקאָנט האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויף דער איבעריקער באַפעלקערונג, צוגעבנדיק איר מוט אָפּצופאַלן פון פראַוואָסלאַוויע; אגב האָט דאָס אויך געוויזן דעם בישאָפס פלייס, און דעריבער האָט ער דעם פראָצעס געלאָזט אַזוי, ווי ער איז געווען געווענדט.

איצטער אָבער, מיט אַזאַ פאַרטיידיקער, ווי נעכליודאָוו, וואָס האָט געהאַט פאַרבינדונגען אין פעטערבורג, האָט דער ענין געקאָנט פאַרגעשטעלט ווערן דעם קיסר ספּעציעל, ווי עפּעס אַן אכזריות, אָבער אַריינפאַלן אין די אויסלענדישע צייטונגען און דערום האָט ער תיכף אָנגענומען אַן אומגעריכטן באַשלוס.

— גוט מאָרגן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ מינע פון אַ זייער פאַרנומענעם מענטש, אויפנעמענדיק נעכליודאָוון שטייענדיקערהייט און גלייך צוטרעטנדיק צום ענין.

— איך קען דעם ענין. ווי נאָר איך האָב אַ קוק געטון די נעמען, האָב איך זיך דערמאָנט וועגן דעמדאָזיקן אומגליקלעכן ענין, — האָט ער געזאָגט, נעמענדיק אין די הענט די בקשה און ווייזנדיק זי נעכליו־דאָוון. — און איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, וואָס איר האָט מיך וועגן דעם דערמאָנט. דאָס האָט די גובערניאַלע מאַכט אַריבערגעכאַפּט די מאָס. . .

נעכליודאָוו האָט געשוויגן, מיט אַ נישט גוט געפיל אָנגעקוקט די אומבאַוועגלעכע מאַסקע פון דעם בלאַסן פּנים.

— וועל איך פאַראָרדענען, אַז דאָסדאָזיקע מאָסמיטל זאָל אָפּגע־שאַפט ווערן, און די מענטשן זאָלן אָפּגעשיקט ווערן אויף זייער וווינאָרט.

— אַלזאָ, מעג איך דידאָזיקע בקשה נישט לאָזן אין גאַנג ? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— גאַנץ געוויס. איך זאָג אייך דאָס צו, — האָט ער געזאָגט מיט אַ באַזונדערן טראָפּ אויף דעם וואָרט „א י ך", באַשיינפּערלעך גאַנץ זי־כער, אַז ז י י ן אָרנטלעכקייט, ז י י ן וואָרט זענען געווען די בעסטע גאַראַנטיע. — און די בעסטע זאַך, איך וועל טאַקע גלייך אָנשרייבן. זעצט זיך, זייט מוחל.

ער איז צו צום טיש און אָנגעהויבן צו שרייבן. נעכליודאָוו האָט נישט זעצנדיק זיך, באַטראַכט פון אויבן אַראָפּ דעמדאָזיקן שמאָלן, פליכיקן שאַרבן, דידאָזיקע האַנט מיט די גראָבע בלויע אָדערן, וועלכע האָט שנעל געפירט מיט דער פען, און ער האָט זיך געוווּנדערט, צוואָס דערדאָזיקער, באַשיינפּערלעך צו אַלעם גלייכגילטיקער מענטש טוט דאָס, וואָס ער טוט, און טוט נאָך דערצו אַזוי באַזאָרגט ? צוואָס ?

— איז, אַלזאָ, — האָט טאָפּאָראָוו געזאָגט, פאַרחתמענדיק דעם קאָנווערט : — טיילט עס מיט אייערע ק ל י ע נ ט ן, — האָט ער צוגע־געבן, צונויפדריקנדיק די ליפּן אָנשטאָט אַ שמייכל.

— פאַרוואָס זשע האָבן דידאָזיקע מענטשן געליטן ? — האָט נעכ־ליודאָוו געזאָגט, צונעמענדיק דעם קאָנווערט.

טאָפּאָראָוו האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ שמייכל געטון, גלייך ווי ער האָט הנאה געהאַט פון נעכליודאָווס פראַגע.

— דאָס קאָן איך אייך נישט זאָגן. איך קאָן אייך נאָר דאָס זאָגן, אַז די אינטערעסן פון פאָלק, וואָס מיר היטן אָפּ, זענען אַזוי וויכטיק, אַז אַ ביסל מער פלייס אין די ענינים פון אמונה איז נישט אַזוי שרעקלעך

און שעדלעך, ווי די צו גרויסע גלייכגילטיקייט צו זיי, וואָס איז איצט אַזוי פאַרשפּרייט.

— אָבער ווי אַזוי קאָן מען אין נאָמען פון דער רעליגיע עובר זיין אויף די עלעמענטאַרסטע פאָדערונגען פון יושר — פאַמיליעס ווערן צעשיידט...

טאַפּאַראָוו האָט אַלץ נאָך געהאַלטן אין גנעדיקן שמייכלען, גלייך ווי דאָס, וואָס נעכליודאָוו האָט געזאָגט, האָט ער אָנערקענט פאַר זייער ליב... וואָס נעכליודאָוו וואָלט נישט געזאָגט, וואָלט טאַפּאַראָוו פון דער הייך פון יענער — ווי ער האָט געמיינט — ברייטער מלוכהשאַפטלעכער פּאָזיציע, אויף וועלכער ער איז געשטאַנען, אַלץ אייַנגעפונען פאַר ליב און איינזייטיק.

— אויס דעם שטאַנדפּונקט פון אַ פּריוואַטער פּערזאָן קאָן דאָס אַזוי אויסזעהן, — האָט ער געזאָגט, — אָבער פון דעם מלוכהשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט שטעלט זיך עס אַ ביסל אַנדערש פאָר. — איבעריקנס, מיין אַכטונג! — האָט טאַפּאַראָוו געזאָגט, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ און דערלאַנגענדיק די האַנט.

נעכליודאָוו האָט זי אַ דריק געטון און שווייגנדיק אויף גיך אַרויס, האָבנדיק חרטה, וואָס ער האָט דידאָזיקע האַנט אַ דריק געטון.

„די אינטערעסן פון פאָלק", האָט ער נאָכגעזאָגט טאַפּאַראָווס ווערטער. „דיינע אינטערעסן, בלויז דיינע", — האָט ער געטראַכט, אַרויסגייענדיק פון טאַפּאַראָוון.

און אין געדאַנק דורכגעלאָפן איבער די אַלע פּנימער, אויף וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעוויזן די טעטיקייט פון די אינסטיטוציעס, וואָס ריכטן אויף די גערעכטיקייט, האַלטן אונטער די אמונה און דערציען דאָס פאָלק, — פון דער פויערטע, וואָס איז באַשטראָפט געוואָרן פאַר האַנדלען מיט בראָנפן אָן אַ פּאַטענט, און דעם שנצל פאַר גנבה, און דעם שלעפער פאַר אַרומשלעפן זיך אָן דאָקומענטן, און דעם אונטערצינדער פאַר אונטערצינדן, און דעם באַנקיר פאַר פאַרשווענדעריי, און אָקאָרשט אָט די אומגליקלעכע לידיע, דערפאַר בלויז, וואָס פון איר האָט מען געקאָנט באַקומען די נייטיקע ידיעות, און די סעקטאַנטן פאַר עובר זיין אויף דער פּראַוואָסלאַווישער אמונה, און גורקעוויטשן פאַר וועלן אַ קאָנסטיטוציע, — איז נעכליודאָוון מיט אַן אומגעווייַנלעכער קלאָרקייט אייַנגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז אָט די אַלע מענטשן האָט מען געכאַפּט, איינגעזעצט אָדער פאַרשיקט גאָרנישט דערפאַר, וואָס דידאָזיקע מענטשן האָבן

עובר געווען אויף דער גערעכטיקייט אָדער באַגאַנגען אומגעזעצלעכקייטן, נאָר בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבן געשטערט די באַאַמטע און די רייכע צו הערשן איבער דעם עשירות, וואָס זיי האָבן איינגעזאַמלט פון פאָלק.

און געשטערט האָט סיי די פויערטע, וואָס האָט געהאַנדלט אָן אַ פּאַטענט, סיי דער גנב, וואָס שלענדערט זיך אַרום איבער דער שטאָט, סיי לידיע מיט די פּראָקלאַמאַציעס, סיי די סעקטאַנטן, וואָס צעשטערן די איינגלייבענישן, סיי גורקעוויטש מיט דער קאָנסטיטוציע. און דערום האָט זיך נעכליודאָוון געדאַכט, פולשטענדיק קלאָר, אַז אָט די אַלע באַאַמטע, — אָנגעהויבן פון זיין מומעס מאַן, פון די סענאַטאָרן און פון טאָפּאָראָוון, ביז צו די אַלע קליינע, ריינע און קאָרעקטע הערן, וואָס זעצן געזעסן באַ די טישן אין די מיניסטעריומס, — האָבן זיך אַ האָר נישט געקימערט, וואָס באַ אַזאַ אָרדנונג האָבן געליטן אומשולדיקע, נאָר זענען געווען באַזאָרגט בלויז דערמיט, ווי אַזוי צו באַזייטיקן אַלע געפערלעכע.

אַזוי, אַז לא די וואָס מ'האָט נישט אָפּגעהיטן דעם כלל ווען מוחל זיין צען שולדיקע, אבי נישט צו באַשולדיקן קיין אומשולדיקן, האָט מען נאָך, פאַרקערט, — פונקט אַזוי ווי באַם אויסשניידן צעפוילטס, מוז מען פאַרשניידן אויך פרישס, דורך באַשטראָפונג באַזייטיקט צען אומגעפערלעכע, כדי צו באַזייטיקן אַ באמת געפערלעכן.

אַזאַ דערקלערונג פון אַלעם דעם, וואָס איז פאָרגעקומען, האָט נעכליודאָוון אויסגעוויזן זייער פשוט און קלאָר, אָבער דווקא דידאָזיקע פשוטקייט און קלאָרקייט האָבן עס געצוווּנגען נעכליודאָוון צו שלאָגן זיך מיט דער דעה, צי אָננעמען דידאָזיקע דערקלערונג ? עס קאָן דאָך פאָרט נישט געמאָלט זיין, אַז די אַלע ווערטער וועגן גערעכטיקייט, יושר, גוטסקייט, געזעץ, אמונה, גאָט וכדומה, זאָלן זיין בלויז ווערטער און זאָלן פאַרדעקן די גרעבסטע אייגננוציקייט און אכזריות.

XXVIII.

נעכליודאָוו וואָלט אַוועקגעפּאָרן דעם אייגענעם טאָג אין אָוונט, ער האָט אָבער צוגעזאָגט Mariette צו זיין בא איר אין טעאַטער, און הגם ער האָט געוווּסט, אַז מ׳האָט דאָס נישט באַדאַרפט טון, איז ער פונדעסט־וועגן, גייענדיק פאַלש מיט זיך אַליין, געפאָרן, האַלטנדיק זיך געבונדן דורך דעם געגעבענעם וואָרט.

„קאָן איך דעןביישטיין אַזעלכע נסיונות?“ — האָט ער נישט גאָר איבעריכטיק געטראַכט: — „כ׳וועל אַ קוק טון צום לעצטן מאָל“.

איבערגעטון זיך אין אַ פראַק, איז ער געקומען צו פאָרן צום צווייטן אַקט פון דער אייביקער „Dame aux Camélias“*), אין וועל־כער די נישט היגע אַקטריסע האָט אויף אַ נייעם אופן געוויזן, ווי אַזוי עס שטאַרבן שווינדזיכטיקע פרויען.

דאָס טעאַטער איז געווען פול. און Mariette׳ס בענואַר האָט מען נעכליודאָוון גלייך געוויזן אויס רעספּעקט צו דער פּערזאָן, וואָס האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אים.

אין קאָרידאָר איז געשטאַנען אַ לאַקיי אין אַ ליווריע און אַלס באַקאַנטן זיך פאַרנייגט און געעפנט אים די טיר.

אַלע רייען פון די קעגנאיבערדיקע לאָזשעס מיט די זיצנדיקע און שטייענדיקע פיגורן און די נאַענטע רוקנס, און די גרויע, האַלב־גרויע, פליכיקע, האַלב־פליכיקע און אָנגעשמירטע, אָנגעפּריזירטע קעפּ פון די, וואָס זענען געזעסן אין פּאַרטער, — אַלע צושויער זענען געווען קאָנ־צענטרירט אויף אָנשויען די אין זיידנס און שפּיצן אויסגעפּוצטע דאַרע, ביינערדיקע אַקטריסע, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אין קרימען און מיט אַן אומנאַטירלעך קול געזאָגט אַ מאָנאָלאָג. עמעץ האָט אַ פייף געטון, בעת די טיר האָט זיך געעפנט, און צוויי שטראָמלעך פון קאַלטער און וואַרעמער לופט זענען אַדורכגעפלויגן איבער נעכליודאָווס פּנים.

*) „קאַמעליען־דאַמע“.

אין דער לאָזשע זענען געווען Mariette און אַן אומבאַקאַנטע דאַמע, אין אַ רויטער פּעלערינע און אַ גרויסער שווערער פריזור, און צוויי מענער: אַ גענעראַל, Mariette׳ס מאַן, אַ שיינער, אַ הויכער, מיט אַ שטרענג, אומדורכדרינגלעך פּנים, מיט אַן אָדלער-נאָז און אַ מיליטערישער הויכער, מיט דער הילף פון וואַטע און שטייפע לייוונט אָנגעשטעלטער ברוסט, און דער אַנדערער אַ העל-בלאָנדער, פליכיקער מענטש מיט אַן אויסגעראַזירטער מאָרדע צווישן צוויי פייערלעכע באַקנבערד. — Mariette, אַ גראַציעזע, אַ דינע, אַן עלעגאַנטע, אַ דעקאָלטירטע, מיט אירע פעסטע מוסקלדיקע אַקסלען, וואָס האָבן זיך משופּעדיק אַראָפּגעלאָזט פון האַלז, מיט אַ שוואַרץ חן-פינטעלע אויף דער פאַרבינדונג פון דעם האַלז מיט די אַקסלען, האָט זיך גלייך אומגעקוקט און, אָנגעוויזן נעכליודאָוון מיטן פעכער אויף אַ שטול הינטער איר, האָט זי פריינטלעך, דאַנקבאַר און, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, פּילבאַדייטיק אים אַ שמייכל געטון. איר מאַן האָט רויק, ווי זיין שטייגער איז געווען, אָנגעקוקט נעכליודאָוון און אָנגענייגט דעם קאָפּ. עס איז ממש געווען אָנגעשריבן אין דעם קוק, מיט וועלכן ער האָט זיך אויסגעטוישט מיט זיין ווייב — אַז ער איז האַר, אייגנטימער פון אַ שיין ווייב.

אַז דער מאָנאָלאָג האָט זיך געענדיקט, האָט דאָס טעאַטער זיך צעקנאַלט פון אַפּלאָדיסמענטן.

Mariette האָט זיך אויפגעשטעלט און, איינהאַלטנדיק דאָס שאָרכען פון זיידענעם קלייד, איז זי אַרויס אין דער הינטערשטער טייל לאָזשע און באַקענט דעם מאַן מיט נעכליודאָוון.

דער גענעראַל האָט געהאַלטן אין איין שמייכלען מיט די אויגן און זאָגנדיק, אַז ער איז זייער צופרידן, איז ער רויק און אַדורכדרינגלעך אַנטשוויגן געוואָרן.

— איך דאַרף היינט אָוועקפאָרן, נאָר איך האָב אייך צוגעזאָגט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, זיך ווענדנדיק צו Mariette.

— אויב מיך ווילט איר נישט זען, וועט איר זען אַ וווּנדערלעכע שוישפּילערין, — האָט Mariette געזאָגט, ענטפערנדיק אויף דעם זין פון זיינע ווערטער. — ווי גוט זי איז געווען אין דער לעצטער סצענע, נישט וואָר? — האָט זי זיך געווענדט צו דעם מאַן.

דער מאַן האָט אָנגענייגט דעם קאָפּ.

— דאָס רירט מיך נישט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט. — איך האָב געזען היינט אַזוי פיל אמתע צרות, אַז...

— נו, זעצט זיך, דערציילט.

דער מאַן האָט זיך צוגעהערט און האָט איראָניש וואָס אַמאָל מער געשמייכלט מיט די אויגן.

— איך בין געווען בא דער פרוי, וואָס מ'האָט אַרויסגעלאָזט; מ'האָט זי געהאַלטן אַזוי לאַנג; ממש אַ צעבראָכענער מענטש גע־וואָרן.

— דאָס איז די פרוי, פון וועלכער איך האָב דיר דערציילט, — האָט Mariette געזאָגט צום מאַן.

— יאָ, איך בין געווען זייער צופרידן, וואָס מ'האָט זי געקאָנט באַפרייען, — האָט ער רויק געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און שוין גאָר איראָניש, ווי נעכליודאָוו האָט זיך אויסגעוויזן, שמייכלענדיק אונטער די וואָנסעס: — איך וועל גיין רייכערן.

נעכליודאָוו איז געזעסן, דערוואַרטנדיק, אַז Mariette וועט אים זאָגן יענעם „עפּעס", וואָס זי האָט געהאַט אים צו זאָגן, אָבער זי האָט אים גאָרנישט נישט געזאָגט און אפילו נישט געזוכט צו זאָגן, נאָר גע־טריבן קאַטאָוועס און גערעדט פון דער פּיעסע, וועלכע האָט, אַזוי האָט זי געמיינט, באַדאַרפט נעכליודאָוון באַזונדערס רירן.

נעכליודאָוו האָט געזען, אַז זי האָט גאָרנישט געדאַרפט אים עפּעס זאָגן, נאָר זי האָט געדאַרפט מער נישט ווייזן זיך אים אין דער גאַנצער פּראַכט פון איר אָוונט־טואַלעט, מיט אירע אַקסלען און חן־פּינטעלע, און אים איז געווען אי אָנגענעם, אי עקלהאַפט אין דער זעלביקער צייט.

דער צודעק פון רייץ, וואָס איז פריער געווען אויף דעם אַלעם, איז איצט פאַר נעכליודאָוון נישט וואָס אָראָפּגענומען געוואָרן, נאָר ער האָט געזען, וואָס איז אונטער דעם צודעק געווען. קוקנדיק אויף Mariette, האָט ער אָנגעקוקט פון איר, האָט אָבער געוווּסט, אַז זי איז אַ ליגנערין, וואָס לעבט מיט אַ מאַן, וועלכער מאַכט זיין קאַריערע דורך די טרערן און דעם לעבן פון הונדערטער און הונדערטער מענטשן, און איר איז עס גאַנץ גלייכגילטיק, און אַז אַלץ, וואָס זי האָט נעכטן געזאָגט, איז געווען נישט אמת, און אַז איר גלוסט זיך — ער האָט אַליין נישט געוווּסט צו וואָס, און זי אַליין האָט עס אויך איבעריקנס נישט געוווּסט — צו צווינ־גען אים זיך פאַרליבן אין איר. און אים איז געווען אי צוציענדיק, אי דערווידעריק. ער האָט זיך עטלעכע מאָל געקליבן אַוועקצוגיין, זיך גענומען פאַרן הוט און איז ווידער געבליבן.

אָבער ענדלעך, ווען דער מאַן, מיט אַ ריח פון טאַבאַק אויף זיינע געדיכטע וואָנסעס, איז צוריקגעקומען אין לאָזשע אַריין און האָט פּראָטעזשירנדיק-פאַראַכטלעך אָנגעקוקט נעכליודאָוון, גלייך ווי אים נישט דערקענענדיק, האָט נעכליודאָוו נישט געלאָזט די טיר זאָל זיך צומאַכן, און איז אַרויס אין קאָרידאָר און, געפינענדיק זיין מאַנטל, אַוועק פון טעאַטער.

בעת ער איז געגאַנגען צוריק אַהיים איבער דעם נעווער פּראָספּעקט, האָט ער פאָרויס פאַר זיך נישט ווילנדיק באַמערקט אַ הויכע, זייער גוט געבויטע און שרייענדיק אויסגעפּוצטע פרוי, וועלכע איז רויק געגאַנגען איבער דעם אַספאַלט פון דעם ברייטן טראָטואַר; סיי אויף איר פּנים, סיי אָן דער גאַנצער פיגור האָט מען געקאָנט זען דאָס באַוווּסטזיין פון איר מיאוּסער שליטה. אַלע, וואָס האָבן די פרוי אָנגעגעגנט אָדער דעריאָגט, האָבן זי באַקוקט. נעכליודאָוו איז געגאַנגען גיכער פון איר און האָט אויך נישט ווילנדיק אַריינגעקוקט איר אין פּנים אַריין. דאָס פּנים, משמעות — אונטערגעפאַרבט, איז געווען שיין, און די פרוי האָט אַ שמייכל געטון צו נעכליודאָוון, אויפגעפינקלט אויף אים מיט די אויגן. און אַ מערקווירדיקע זאַך, נעכליודאָוו האָט זיך גלייך דערמאַנט אָן Mariette, ווייל ער האָט דערשפּירט דאָס אייגענע געפיל פון צוציונג און עקל, וואָס ער האָט געשפּירט אין טעאַטער.

איילנדיק זי אַריבערגעיאָגט, האָט נעכליודאָוו פאַרקערעוועט אויף דער מאָרסקאַיאַ-גאַס, און אַרויסקומענדיק אויף דעם קיי, האָט ער אָנגעהויבן דאָרט אַרומצושפּרייזן, דערמיט פאַרוווּנדערט דעם פּאָליציאַנט.

„פּונקט אַזוי האָט אויך יענע אין טעאַטער צו מיר אַ שמייכל געטון, בשעת איך בין אַריין, — האָט ער געטראַכט, — און דער זעלביקער מיין איז געווען אין דערס און אין יענערס שמייכל. די נפקא-מינה איז נאָר, וואָס זי זאָגט פּשוט און גלייך: „דאַרפסט מיך האָבן, טאָ נעם מיך. דאַרפסטו מיך נישט, טאָ גיי זיך דיין וועג“. יענע אָבער מאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי טראַכט נישט דערפון, נאָר זי לעבט מיט עפּעס העכערע ראַפינירטע געפילן, אָבער אין גרונד איז איינס און דאָס זעלבע. די איז לכל הפחות, אמתדיק, און יענע לייגט. נאָכמער: די איז געקומען אין איר לאַגע דורך נויט, יענע אָבער שפּילט, אַמוזירט זיך מיט דער דאָזיקער הערלעכער, עקלהאַפטער, שרעקלעכער ליידנשאַפט. די דאָזיקע גאַסנפרוי — איז עיפּושדיק, שמוציק וואַסער, וואָס ווערט דערלאַנגט די-יעניקע, בא וועמען דער דאָרשט איז שטאַרקער ווי דאָס ווידערגעפיל;

יענע אין טעאַטער איז סם־המות, וואָס פאַרגיפטיקט אומבאַמערקטערהייט אַלצדינג, וווהין עס פאַלט נאָר אַריין". נעכליודאָוו האָט זיך דערמאָנט אין זיין פאַרבינדונג מיט דעם מאַרשאַלעקס ווייב, און חרפּהדיקע זכרונות האָבן אויף אים געגעבן אַ פלייץ. „אַן עקלהאַפטע בהמישקייט פון אַ חיה איז אין דעם מענטש, — האָט ער געטראַכט, — אָבער ווען זי איז אין ריינער געשטאַלט, זעסטו זי און פאַראַכטסטו זי פונדערהייך פון דיין גייסטיקן לעבן; צי דו ביסט געפאַלן אָדער בייגעשטאַנען, — דו בלייבסט דאָס, וואָס דו ביסט געווען; אָבער אַז דידאָזיקע בהמישקייט באַהאַלט זיך אונטער אַ כלומרשט עסטעטישן, פּאָעטישן שלייער און פאָדערט פאַרערונג צו זיך, דאַן טוסטו זיך איינגאַנצן אין איר אַריין און, פאַרגעטערנדיק דאָס בהמישע, ביסטו שוין נישט מבחין צווישן גוט און שלעכט. דאַן איז דאָס שרעקלעך.

נעכליודאָוו האָט עס איצט געזעען פונקט אַזוי קלאָר, ווי קלאָר ער האָט געזעען די פּאַלאַצן, די זעלנער אויף דער וואַך, די פעסטונג, דעם טייך, די שיפלעך, די בערזע. און פונקט, ווי אין דערדאָזיקער נאַכט איז נישט געווען אויף דער ערד די באַרויקנדיקע פינצטערניש, וואָס גיט מנוחה, נאָר ס'איז געווען אַ מטושטשער, אומפריילעכער, אומנאַטירלעכער שיין אָן זיין מקור, אַזוי איז אין נעכליודאָווס נשמה נישט געווען מער דאָס פינצטערניש פון נישט וויסן, וואָס גיט מנוחה.

אַלץ איז געווען קלאָר. קלאָר געווען איז, אַז אַלץ, וואָס מ'האַלט פאַר וויכטיק און גוט, דאָס אַלץ איז נישטיק אָדער מיאוס, און אַז דערדאָזיקער גאַנצער גלאַנץ, דערדאָזיקער גאַנצער לוקסוס פאַרדעקט אַלע באַקאַנטע שוין אָנגענומענע פאַרברעכנס, וואָס לא די וואָס זיי ווערן נישט באַשטראָפט, טריומפירן זיי נאָך און ווערן אויסגעדריקט אין דעם גאַנצן רייץ, וואָס נאָר מענטשן האָבן אים געקאָנט צוטראַכטן.

נעכליודאָוון האָט זיך געגלוסט דאָס צו פאַרגעסן, נישט צו זעען דאָס, ער האָט שוין אָבער נישט געקאָנט נישט זעען. הגם ער האָט טאַקע נישט געזעען דעם מקור פון דעם ליכט, וואָס איז געלעגן איבער פעטערבורג און הגם דאָסדאָזיקע ליכט האָט אים אויסגעוויזן אומקלאָר, אומפריילעך און אומנאַטירלעך, — האָט ער נישט געקאָנט נישט זעען דאָס, וואָס האָט זיך אים באַ דעמדאָזיקן ליכט אַנטפּלעקט, און אים איז אין איין און דערזעלבער צייט געווען אי פריידיק, אי אומרויק אויף דער נשמה.

XXIX.

געקומען קיין מאָסקווע, איז נעכליודאָוו ראשית כל צוגעפאָרן אין דעם טורמע-שפיטאָל אָנזאָגן מאַסלאָווען די טרויעריקע בשורה, אַז דער סענאַט האָט באַשטעטיקט דעם פסק-דין פון געריכט און אַז מ'דאַרף זיך גרייטן צום פאָרן קיין סיביר. אויף דער בקשה אויפן אַלערהעכסטן נאָמען, וואָס דער אַדוואָקאַט האָט אים אָנגעשריבן, און וועלכע ער האָט איצט געפירט אין טורמע צו מאַסלאָווען, זי זאָל חתמענען, האָט ער גע־לייגט קנאַפ-וואָס האָפנונג. און ס'איז מאָדנע צו זאָגן — עס האָט זיך אים איצט אפילו נישט געוואָלט, די בקשה זאָל פועלן. ער האָט זיך צו־געגרייט צו דעם געדאַנק וועגן פאָרן קיין סיביר, וועגן לעבן צווישן די פאַרשיקטע און קאַטאָרזשאַנער, און אים איז שווער געווען זיך פאָרצו־שטעלן, ווי אַזוי וואָלט ער איינגעאָרדנט זיין לעבן און מאַסלאָוועס לעבן, ווען מ'וואָלט זי באַפרייט. ער האָט זיך דערמאָנט אין די ווערטער פון דעם אַמעריקאַנישן שריפטשטעלער טאָראָ, וועלכער האָט, בשעת אין אַמעריקע איז געווען שקלאַפעריי, געזאָגט, אַז דאָס איינציקע אָרט, וואָס פּאַסט פאַר אַן אָרנטלעכן בירגער אין אַ מלוכה, ווו שקלאַפעריי ווערט טאָלערירט און פראַטעזשירט דורכן געזעץ, איז די תפיסה. פונקט אַזוי האָט געטראַכט נעכליודאָוו אויך, בפרט נאָך דער נסיעה קיין פעטערבורג און נאָך דעם אַלעם, וואָס ער איז דאָרט געוווירר געוואָרן.

„יאָ, דאָס איינציקע אָרט, וואָס פּאַסט פאַר אַן אָרנטלעכן מענטש אין רוסלאַנד בא דער היינטיקער צייט — איז די תפיסה!" און ער האָט עס אפילו אוממיטלבאַר געפילט, צופאָרנדיק צו דער טורמע און אַריינקו־מענדיק אין איר פירהויז.

דער שווייצאַר אין שפיטאָל, דערקענט נעכליודאָוון, האָט אים גלייך מיטגעטיילט, אַז מאַסלאָוואַ איז שוין נישטאָ בא זיי.

— ווו דען איז זי?

— ווידער אין שלאָס.

— פאַרוואָס האָט מען זי עפּעס אַריבערגעפירט? — האָט נעכליו־דאָוו געפרעגט.

— עס איז דאָך אַזאַ אומה, אייער דורכלויכט, — האָט דער שווייצאַר געזאָגט מיט אַ ביטול-שמייכל, — האָט פּאַרפירט מיטן פעלדשער קוצעניו-מוצעניו, האָט דער שעף-דאָקטאָר זי אָפּגעשיקט צוריק.

נעכליודאָוון איז בשום אופן אפילו נישט איינגעפאַלן, אַז מאַסלאָוואַ און איר גייסטיקער צושטאַנד זאָלן אים זיין אַזוי נאָענט; דידאָזיקע בשורה האָט אים צעטומלט. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ענלעך אויף דעם, וואָס מענטשן פילן באַ אַ ידיעה וועגן אַן אומגעריכט גרויס אומגליק. אים האָט עס זייער וויי געטון. דאָס ערשטע געפיל, וואָס ער האָט דערשפּירט, איז געווען — חרפּה. קודם-כל איז ער זיך אַליין אויסגעקומען לעכערלעך מיט זיין פריידיקער פאַרשטעלונג וועגן איר כלומרשט איינגאַנצן פאַרענדערטן גייסטיקן צושטאַנד. די אַלע ווערטער אירע, אַז זי וויל נישט אָננעמען זיין קרבן, און די פאַרוורפן, און די טרערן, — דאָס אַלץ, האָט ער אַ טראַכט געטון, זענען געווען בלויז שפּיצלעך פון אַ פערוועדזער פרוי, וועלכע וויל אים אויסנוצן וואָס בעסער. אים האָט זיך איצט געדאַכט, אַז בשעת דעם לעצטן באַזוך האָט ער געזען אין איר סימנים פון אַט דער אומפאַרבעסערלעכקייט, וועלכע האָט זיך איצט אַרויסבאַוויזן. דאָס אַלץ האָט זיך דורכגעטראָגן אין זיין מוח בשעת ער האָט אינסטינקטיוו אָנגעטון דעם הוט און איז אַרויסגעגאַנגען פון שפּיטאָל. „אָבער וואָס-זשע זאָל מען איצטער טון? — האָט ער זיך געפרעגט: — בין איך דען פאַרבונדן מיט איר? אפשר בין איך גאָר פריי פון איר דווקא אָט צוליב דערדאָזיקער האַנדלונג אירער?“ האָט ער זיך געפרעגט. אָבער קוים האָט ער זיך אויפגעגעבן דידאָזיקע פראַגע, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז האַלטנדיק זיך פאַר באַפרייט און אַוועקוואַרפנדיק זי, וועט ער באַשטראָפן נישט זי, וואָס דאָס איז ער אויסן געווען, נאָר זיך אַליין, און אים איז געוואָרן שרעקלעך.

„ניין, דאָס, וואָס איז געשעען, קאָן נישט ענדערן מיין באַשלוס, קאָן אים בלויז באַשטעטיקן. זי מעג זיך טון דאָס, וואָס דרינגט אַרויס פון איר גייסטיקן צושטאַנד — קוצעניו-מוצעניו מיטן פעלדשער, זאָל זיין קוצעניו-מוצעניו מיטן פעלדשער — דאָס איז איר זאַך... און מיין זאַך איז צו טון דאָס, וואָס מיין געוויסן פאָדערט פון מיר, — און מיין געוויסן פאָדערט פון מיר אַ קרבן מיין פרייהייט — אויסצוקויפן דעם חטא מיינעם, און מיין באַשלוס חתונה צו האָבן מיט איר, זאָל זיין פיקטיוו, און צו גיין נאָך איר, וווהין מ'זאָל זי נישט פאַרשיקן, בלייבט אומפאַרענ-

דערט״, האָט ער געזאָגט מיט אַ בייזער עקשנות און, אַרויס פון שפּי־טאָל, האָט ער מיט אַן אַנטשלאָסענעם טריט זיך געלאָזט גיין צו דעם גרויסן טויער פון דער טורמע.

צוגעקומען צו דעם טויער, האָט ער געבעטן דעם דיזשורמאַן, ער זאָל מעלדן דעם אינספּעקטאָר, אַז ער וואָלט וועלן זעען מאַסלאָווען. דער דיזשורמאַן האָט נעכליודאָוון געקענט און ווי אַ באַקאַנטן מענטש האָט ער אים מודיע געווען דאָס וויכטיקע טורמע־נייעס זייערס. דער קאַפּיטאַן האָט דעמיסיאָנירט, און אויף זיין אָרט איז אָנגעקומען אַן אַנדערער אויבערהאַר, זייער אַ שטרענגער.

— זייער שטרענג איצט געוואָרן, אַ גרויל, — האָט דער אויפ־זעער געזאָגט. — ער איז איצט דאָ, מ׳וועט תיכף אים מעלדן.

דער אינספּעקטאָר איז ווירקלעך געווען אין טורמע און באַלד איז ער אַרויס צו נעכליודאָוון. דער נייער אינספּעקטאָר איז געווען אַ הויכער, ביינערדיקער מענטש מיט אַרויסגעשטאַרצטע באַקנביינער, זייער אַ פּאַ־מעלעכער אין די באַוועגונגען און אַ מרה־שחורהדיקער.

— זעונגען ווערן דערלויבט אין באַשטימטע טעג אין דעם באַזוכער־צימער, — האָט ער געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף נעכליודאָוון.

— איך מוז אָבער געבן אונטערצושרייבן אַ בקשה אויפן אַלער־העכסטן נאָמען.

— קאָנט איר איבערגעבן דורך מיר.

— איך מוז אַליין זעען די אַרעסטאַנטין. פריער פלעגט מען מיר אַלעמאָל דערלויבן.

— דאָס איז געווען פריער, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט כאַפּנדיק שנעל אַ קוק אויף נעכליודאָוון.

— איך האָב אַ דערלויבעניש פונם גובערנאַטאָר, — איז נעכליודאָוו באַשטאַנען, אַרויסנעמענדיק דעם טייסטער.

— ווייזט, ביטע, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט, אַלץ אַזוי ווי פריער נישט קוקנדיק אין די אויגן אַריין, האָט מיט די לאַנגע, טרוקענע, ווייסע פינגער, וואָס אויף איינעם פון זיי, אויפן טייטפינגער, איז געווען אַ גאָלדענער רינג, גענומען דאָס פּאַפּיר, וואָס נעכליודאָוו האָט אים דערלאַנגט, און עס לאַנגזאַם איבערגעלייענט.

— ביטע אין קאַנצעלאַריע אַריין, — האָט ער געזאָגט.

דאָס מאָל איז אין דער קאַנצעלאַריע קיינער נישט געווען. דער אינספּעקטאָר האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש, גענומען איבערקוקן די

פּאַפּירן, וואָס זענען אויפן טיש געלעגן, ווייזט אויס האָבנדיק בדעה אַליין בייצווויין בא דער זעונג.

ווען נעכליודאָוו האָט אים אַ פרעג געטון, צי קאָן ער זעען די פּאָליטישע באָגאָדוכאָווסקאַיאַ, האָט דער אינספּעקטאָר קורץ געענטפערט, אַז דאָס קאָן מען נישט. — זעונגען מיט פּאָליטישע זענען נישט דער־לויבט, — האָט ער געזאָגט און זיך ווידער פאַרטיפט אין לייענען די פּאַפּירן. האָבנדיק אין קעשענע אַ בריוו צו באָגאָדוכאָווסקען, האָט נעכ־ליודאָוו זיך געפילט אין דער לאַגע פון אַ פאַרזינדיקטן מענטשן, וואָס זיינע כּוונות זענען אַנטפּלעקט און צעקלאַפּט געוואָרן.

אַז מאַסלאָווא איז אַריין אין קאַנצעלאַריע, האָט דער אינספּעקטאָר אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און נישט קוקנדיק נישט אויף מאַסלאָווען, נישט אויף נעכליודאָוון, האָט ער געזאָגט: „איר קאָנט!“ — און זיך ווייטער גענומען צו זיינע פּאַפּירן.

מאַסלאָווא איז ווידער געגאַנגען אָנגעטון אַזוי ווי פריער — אין אַ ווייס יאַקל, אַ קליידל און אַ קאָפּ־טיכל. צוגעגאַנגען צו נעכליודאָוון און דערזעען זיין קאַלט, בייז פּנים, איז זי רויט געוואָרן ווי צונטער און, קנייטשנדיק מיט דער האַנט דעם ברעג פון דעם יאַקל, האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

איר פאַרלוירנקייט איז פאַר נעכליודאָוון געווען אַ באַשטעטיקונג אויף דעם שפּיטאָל־שווייצאַרס ווערטער.

נעכליודאָוו האָט געוואָלט זיך באַנעמען צו איר אַזוי ווי דאָס פאַריקע מאָל, אָבער ער האָט נישט געקאָנט, כאָטש ער האָט געוואָלט איר דערלאַנגען די האַנט: אַזוי דערווידערדיק איז זי אים איצט געווען.

— איך האָב אייך געבראַכט אַ שלעכטע בשורה, — האָט ער געזאָגט מיט אַ געלאַסן קול, נישט קוקנדיק אויף איר און נישט געבנדיק איר די האַנט, — אין סענאַט האָט מען אָפּגעזאָגט.

— איך האָב עס פריער געוווּסט, — האָט זי געזאָגט מיט אַ מאָדנע קול, גלייך ווי זי וואָלט דעם אָטעם נישט געקאָנט כאַפּן.

פריער וואָלט נעכליודאָוו זי געפרעגט, פאַרוואָס זאָגט זי עפּעס, אַז זי האָט עס פריער געוווּסט; איצט האָט ער זי בלויז אָנגעקוקט. אירע אויגן זענען פול געווען מיט טרערן.

אָבער דאָס האָט אים נישט נאָר נישט ווייכער געמאַכט, נאָר פאַר־קערט — עס האָט אים נאָך מערער אויפגערייצט קעגן איר.

דער אינספּעקטאָר איז אויפגעשטאַנען און גענומען אַרומשפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער.

טראַץ דעם עקל, וואָס נעכליודאָוו האָט איצט געפילט צו מאַסלאָוען, האָט ער פונדעסטוועגן געפונען פאַר נייטיק אויסצודריקן איר זיין באַדויער איבער דעם אָפּזאָג פון סענאַט.

— פאַרלירט נישט די האָפנונגען, — האָט ער געזאָגט: — די בקשה אויפן אַלערהעכסטן נאָמען קאָן פועלן, און איך האָף, אַז...

— נישט דאָס... — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אויף אים רחמנותדיק מיט די פייכטע און שיקלדיקע אויגן.

— נאָר וואָס דען?

— איר זענט געווען אין שפּיטאָל און מ'האָט אייך דאָרט אוודאי געזאָגט אויף מיר...

— נו, דאָס איז אייער זאַך, — האָט נעכליודאָוו קאַלט און רוגזה־דיק געזאָגט. דאָס אכזריותדיקע געפיל פון באַליידיקטן שטאָלץ, וואָס האָט זיך שוין געווען אײַנגעשטילט, האָט זיך אויפגעהויבן אין אים מיט אַ נייער קראַפט, ווי נאָר זי האָט דערמאָנט וועגן שפּיטאָל. „ער, אַ מענטש פון דער הויכער געזעלשאַפט, וואָס התונה האָבן מיט אים וואָלט יעדעס מיידל פון די העכסטע קרייזן געהאַלטן פאַר אַ גליק, האָט פאָרגעלייגט דערדאָזיקער פרוי צו ווערן איר מאַן, האָט זי נישט געקאָנט זיך דער־וואַרטן און פאַרפירט געשעפטן מיט אַ פעלדשער", האָט ער געטראַכט, קוקנדיק אויף איר מיט שנאה!

— שרייבט אונטער די בקשה, — האָט ער געזאָגט, און אַרויסגע־נומען פון קעשענע אַ גרויסן קאָנווערט, האָט ער אים אָוועקגעלייגט אויפן טיש. זי האָט מיט אַן עק טיכל אויסגעווישט די טרערן און זיך געזעצט צום טיש, פרעגנדיק, ווו און וואָס צו שרייבן?

ער האָט איר געוויזן, וואָס און ווו צו שרייבן, און זי האָט זיך געזעצט צום טיש, מיט דער לינקער האַנט פאַרריכטנדיק דעם אַרבל פון דער רעכטער; און ער איז געשטאַנען איבער איר און האָט שווייגנדיק געקוקט אויף איר רוקן, וואָס האָט זיך צוגעבויגן צום טיש און פון צייט־צו־צייט אויפגעציטערט פון דעם אייַנגעהאַלטענעם כליפּען, און אין זיין נשמה האָבן זיך געראַנגלט די געפילן פון שלעכטס און גוטס: פון באַ־ליידיקטן שטאָלץ און פון רחמנות צו איר, דער ליידנדיקער, און דאָס לעצטע געפיל האָט גובר געווען.

וואָס איז געווען פריער: צי האָט ער פריער מיט זיין האַרץ אויף

איר רחמנות געהאַט אָדער ער האָט פריער דערמאָנט זיך אָן זיך: אָן זיינע זינד, אָן זיינע אייגענע מיאוסע מעשים דווקא אין דעם פרט, אין וועלכן ער האָט זי באַשולדיקט, — האָט ער נישט געדענקט. אָבער פלוצלינג האָט ער גלייכצייטיק זיך דערפילט אי שולדיק און רחמנות געהאַט אויף איר.

געחתמעט די בקשה, און אויסגעווישט דעם איינגעריכטן פינגער אָן קליידל, האָט זי זיך אויפגעשטעלט און אַ קוק געטון אויף אים.

— וואָס עס זאָל נישט אַרויסקומען און וואָס עס זאָל נישט זיין, קיין זאַך וועט נישט ענדערן דעם באַשלוס מיינעם, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט. דער געדאַנק, אַז ער איז איר מוחל, האָט אין אים שטאַרקער געמאַכט דאָס געפיל פון רחמנות און צערטלעכקייט צו איר, און ער האָט זי געוואָלט טרייסטן. — וואָס איך האָב געזאָגט, דאָס וועל איך טון. וווּהין מ'זאָל אייך נישט פאַרשיקן, וועל איך זיין מיט אייך.

— מ'דאַרף נישט, — האָט זי אויף גיך אים איבערגעשלאָגן און האָט אינגאַנצן אויפגעשיינט.

— דערמאַנט זיך, וואָס איר האָט נייטיק אין וועג אַריין.

— דאַכט זיך, קיין זאַך נישט. איך דאַנק אייך.

דער אינספעקטאָר איז צו זיי צוגעגאַנגען, און נעכליודאָוו, נישט וואַרטנדיק אויף זיין באַמערקונג, האָט זיך מיט איר אָפגעזעגנט און איז אַרויס, איבערלעבנדיק אַ נאָך פריער קיינמאָל נישט איבערגעלעבט געפיל פון שטילער פרייד, מנוחה און ליבע צו אַלע מענטשן. געפרייט און דערהויבן נעכליודאָוון אויף אַ נאָך נישט אויסגעפּרוווטער הייך האָט דאָס באַוווּסטזיין, אַז קיינע האַנדלונגען מאַסלאָוועס קאָנען נישט ענדערן זיין ליבע צו איר. זאָל זי פאַרפירן געשעפטן מיטן פעלדשער, דאָס איז איר זאַך. ער האָט זי ליב נישט צוליב זיך, נאָר צוליב איר און צוליב גאָט.

אין דער אמתן אָבער זענען די געשעפטן מיטן פעלדשער, פאַרוואָס מאַסלאָוואַ איז אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון שפּיטאָל און וואָס אין זייער עקזיסטענץ האָט נעכליודאָוו געגלייבט, באַשטאַנען נאָר דערין, וואָס איינמאָל, אַז זי איז געקומען, לויט דער פעלדשערינס פאַראָרדנונג, אין אַפּטייק אַריין נאָך ברוסט-ספּעציעס און געטראָפן דאָרט איינעם פון די פעלדשערס, אַ הויכן, מיט אַ געזיכט אין פרישטשעס, אוסטינאָוו האָט ער געהייסן, וועלכער האָט איר שוין לאַנג דערעסן מיט זיין קריכן צו איר, האָט מאַסלאָוואַ, זיך אַרויסרייסנדיק פון אים, אים אַזוי שטאַרק אַ שטויס

געטון, אַז ער האָט זיך אָפּגעשלאָגן אָן אַ פּאָליצע, פון וועלכער עס זענען אַראָפּגעפאַלן צוויי סלאָיקלעך און זיך צעבראָכן.

דער שעף-דאָקטאָר, וועלכער איז גראָד דעמאָלט פאַרבייגעגאַנגען אין קאָרידאָר, דערהערט דעם בראַזג פון צעבראָכענעם געשיר און דערזעען די אַרויסגעלאָפענע צעפלאַמטע מאַסלאָווא, האָט מיט כעס אויף איר אַ געשריי געגעבן:

— נו, טייערינקע, אַז דו וועסט דאָ נעמען מאַכן דיינע געשעפטן, וועל איך דיך משלח זיין. וואָס איז געשעען? — האָט ער זיך געווענדט צום פעלדשער, קוקנדיק אויף אים שטרענג אַריבער די ברילן.

דער פעלדשער האָט שמייכלענדיק זיך גענומען פאַרענטפערן. דער דאָקטאָר, נישט אויסגעהערט אים ביזן סוף, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַזוי, אַז ער האָט גענומען קוקן דורך די ברילן, און איז אַריין אין די קראַנקן-צימערן, און דעם אייגענעם טאָג האָט ער אָנגעזאָגט דעם אינספּעקטאָר, אַז מ'זאָל אויף מאַסלאָוועס אָרט צושיקן אַן אַנדערע וואַרטערין, אַ געלאַסענערע.

אָט נאָר אין דעם זענען באַשטאַנען מאַסלאָוועס געשעפטן מיטן פעלדשער. די פאַרטרייבונג פון שפּיטאָל אונטער דעם אויסרייד, אַז זי האָט געשעפטן מיט מענער האָט מאַסלאָווען באַזונדערס ווי געטון דערפאַר, וואָס נאָך דער באַגעגעניש מיט נעכליודאָוון זענען איר די שוין לאַנג איבערדריסיקע באַציונגען מיט מענער געוואָרן ממש עקלהאַפט. דאָס, וואָס אויפן סמך פון איר פאַרגאַנגענער און איצטיקער לאַגע האָט יעדער איינער, און בתוכם דער פּרישטשעוואַטער פעלדשער, געהאַלטן פאַר זיין רעכט זי צו באַליידיקן און זיך צו וווּנדערן, וואָס זי זאָגט אים אָפּ, האָט זי קרענקלעך פאַרדראָסן און אַרויסגערופן בא איר רחמנות צו זיך אַליין און טרערן. איצטער, ווען זי איז אַרויס צו נעכליודאָוון, האָט זי געוואָלט זיך פאַרענטפערן פאַר אים אין דער אומגערעכטער באַשולדיקונג, וועלכע מ'וועט אים מסתמא אונטערטראָגן. אָבער אָנגעהויבן זיך פאַרענטפערן, האָט זי דערפילט, אַז ער טרויט איר נישט, אַז אירע פאַרענטפערונגען באַשטעטיקן זיין חשד, און טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין האַלז, און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. מאַסלאָווא האָט נאָך אַלץ געטראַכט און אַלץ זיך אַליין געוואָלט איינרעדן, אַז זי האָט אים, ווי זי האָט עס אים געהאַט געזאָגט בעת דער צווייטער זעונג, נישט מוחל געווען און זי פאַרהאַסט אים, אָבער זי האָט אים שוין ווידער ליב געהאַט און ליב געהאַט אַזוי, אַז נישט ווילנדיק האָט זי אַלץ געטאָלגט,

וואָס נאָר ער האָט פון איר פאַרלאַנגט: אויפגעהערט צו טרינקען, צו רייכערן, אַוועקגעוואָרפן דאָס קאָקעטירן און אָנגעקומען אין שפּיטאָל אַריין פאַר אַ דינסט. דאָס אַלץ האָט זי געטון דערפאַר, ווייל זי האָט געווּסט, אַז ער פאַרלאַנגט עס. אויב זי האָט אַזוי קאַטעגאָריש יעדעס מאָל, וואָס ער פלעגט דערוועגן זיך דערמאַנען, זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען זיין קרבן חתונה צו האָבן מיט איר, איז דאָס געשעען אויך דערפאַר, וואָס איר האָט זיך געוואָלט איבערחזרן די שטאָלצע ווערטער, וואָס זי האָט אים איינמאָל געהאַט געזאָגט און דערעיקרשט דערפאַר, וואָס זי האָט געווּסט, אַז זיין חתונה מיט איר וועט זיין פאַר אים אַן אומגליק. זי האָט פעסט באַשלאָסן, אַז זי וועט זיין קרבן נישט אָננעמען, און פון דער אַנדערער זייט איז איר געווען אַ פּיין צו טראַכטן, אַז ער פאַראַכט זי, אַז ער מיינט, זי איז ווייטער אַזאַ, ווי געווען, און מ׳זעט נישט יענע פאַרענדערונג, וואָס איז אין איר פאָרגעקומען. דאָס, וואָס ער טראַכט אפשר איצט, אַז זי האָט אין שפּיטאָל געטון עפּעס שלעכטס, האָט איר מער וויי געטון, איידער די ידיעה וועגן דעם, אַז זי איז ענדגילטיק פאַרמשפּט אויף קאַטאָרגע.

XXX.

מאַסלאָווען האָט מען געקאָנט אָפּשיקן מיט דער ערשטער אָפּגייענדיקער פאַרטיע, און דערום האָט נעכליודאָוו זיך געגרייט צו דער רייזע. ער האָט אָבער געהאַט אַזוי פיל ענינים, אַז ער האָט געפילט, וויפיל פרייע צייט ער זאָל נישט האָבן, וועט ער זיי סיי־ווי נישט דערליידיקן קיינמאָל. ס׳איז געווען פּונקט דער היפּוך פון דעם, וואָס עס פלעגט זיין פריער. פריער פלעגט מען דאַרפן צוטראַכטן וואָס צו טון, און דער אינטערעס פון דער זאַך איז אַלעמאָל געווען דער זעלבער: דמיטרי איוואַנאָוויטש נעכליודאָוו; און פונדעסטוועגן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דער גאַנצער לעבנס־אינטערעס האָט זיך דאַן קאָנצענטרירט אויף דמיטרי איוואַנאָוויטש, זענען די אַלע ענינים געווען לאַנגווייליק. איצטער זענען אַלע ענינים געווען נוגע אַנדערע מענטשן, און נישט דמיטרי איוואַנאָוויטש, און אַלע זענען זיי געווען אינטערעסאַנט און צוציענדיק, און אַזעלכע

ענינים איז געווען אָן אַ שיעור. נאָכמער, די פריערדיקע געשעפטן, ענינים נעכלייודאָווס האָבן שטענדיק אַרויסגערופן אַ פאַרדראָס, אָן אויפגערייצט־קייט; אָבער די־דאָזיקע פרעמדע ענינים האָבן דאָס רוב אַרויסגערופן אַ שטימונג פון פרייד.

די ענינים, וואָס האָבן צו דער צייט פאַרנומען נעכליודאָוון, האָבן זיך איינגעטיילט אין דריי אָפּטיילן; ער אַליין האָט מיט זיין געוויינלעכן פעדאַנטיזם זיי אַזוי צעטיילט און צעלייגט טאַקע אין דריי פאַרמפּעלן.

דער ערשטער ענין איז געווען שייך מאַסלאָווען און דער הילף פאַר איר. דער־דאָזיקער ענין איז איצט באַשטאַנען אין השתדלות וועגן אונטערשטיצן די בקשה, וואָס מ'האָט דערלאַנגט אויפן אַלערהעכסטן נאָמען, און אין צוגרייטן זיך צו דער נסיעה קיין סיביר.

דער צווייטער ענין איז געווען וועגן איינאָרדנען די גיטער. אין פאַנאָוואָ איז די ערד אָפּגעגעבן געוואָרן די פויערים בתנאי, זיי זאָלן צאָלן די רענטע פאַר זייערע קהלשע פויערישע באַדערפענישן. אָבער כדי דורכצופירן דאָסדאָזיקע עסק, האָט מען געדאַרפט צונויפשטעלן און אונ־טערשרייבן אַן אָפּמאַך און אַ צוואה. אין קוזמינסקאָיע, ווידעו׳, איז די זאַך געבליבן נאָך אַזוי, ווי ער האָט עס איינגעאָרדנט, ד. ה., אַז דאָס געלט פאַר דער ערד האָט ער אַליין באַדאַרפט באַקומען, אָבער מ'האָט באַדאַרפט פעסטשטעלן די צאָלונגס־טערמינען און באַשטימען, וויפיל פון דעם געלט נעמען זיך צום לעבן און וויפיל איבערלאָזן לטובת די פויערים. נישט ווייסנדיק, וואָס פאַר אַ הוצאות עס שטייען אים פאָר בײַ דער נסיעה זיינער קיין סיביר, האָט ער נאָך נישט געקאָנט פועלן בײַ זיך צו פאַר־לירן אויך אָט די הכנסה, הגם ער האָט זי געמינערט אויף האַלב.

דער דריטער ענין איז געווען די הילף פאַר די אַרעסטאַנטן, וועל־כע האָבן זיך וואָס אַמאָל אָפטער געווענדט צו אים.

לכתחילה, אַז ער האָט געהאַט אַ מגע־ומשא מיט אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן זיך געווענדט צו אים נאָך הילף, פלעגט ער תּיכּף אָנהייבן זיך משתדל זיין פאַר זיי, געזוכט צו מילדערן זייער מערכה; שפּעטער אָבער האָבן געגומען קומען אַזוי פיל בעטער, אַז ער האָט דערפילט די אומ־מעגלעכקייט צו העלפן יעדן איינעם פון זיי און איז נישט ווילנדיק גע־קומען צו דעם פערטן ענין, וועלכער האָט אים די לעצטע צייט באַשעפ־טיקט מער פאַר אַלע אַנדערע.

דער־דאָזיקער פערטער ענין איז באַשטאַנען אין לייזן די פראַגע וועגן דעם, וואָס איז עס אַזוינס? צוואָס? און פונוואַנען האָט זיך עס

גענומען דידאָזיקע מערקווירדיקע אינסטיטוציע, וואָס הייסט קרימינעלער געריכט, וואָס זיין רעזולטאַט איז געווען די־יעניקע תפיסה, מיט די איינוווינער פון וועלכער ער האָט זיך טיילווייז באַקענט, און די אַלע געפענגעניש־ערטער, פון דער פעטערפּאַווּלער פעסטונג ביז סאַכאַלין, וווּ עס האָבן געשמאַכט הונדערטער, טויזנטער קרבנות פון דעמדאָזיקן, פאַר אים מערקווירדיקן קרימינעלן געזעץ ?

פון די פּערזענלעכע באַציִונגען מיט די אַרעסטאַנטן, פון אויספרעגן דעם אַדוואָקאַט, דעם טורמע־גלח, דעם אינספּעקטאָר און פון זיי רשימות פון די אַרעסטירטע איז נעכליודאָוו געקומען צום אויספיר, אַז דער באַשטאַנד פון די אַרעסטאַנטן, די אַזוי־גערופענע פאַרברעכער, ווערט איינגעטיילט אויף פינף קאַטעגאָריעס מענטשן. איין קאַטעגאָריע, די ערשטע — זענען געווען מענטשן גאָר אומשולדיקע, קרבנות פון געריכטלעכע טעותן, ווי דער פלומרשטער אונטערצינדער מענשאָוו, ווי מאַסלאָוואַ און אַנד. מענטשן פון דערדאָזיקער קאַטעגאָריע איז געווען ניט זייער פיל, — לויטן גלחס אָבסערוואַציעס — באַ זיבן פּראָצענט, אָבער די לאַגע פון דידאָזיקע מענטשן האָט אַרויסגערופן אַ באַזונדערן אינטערעס. די צווייטע קאַטעגאָריע זענען געווען די, וואָס זענען פאַרמשפּט געוואָרן פאַר פאַרברעכנס, וועלכע זיי זענען באַגאַנגען באַ אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן, ווי אין צושטאַנד פון פאַרביטערטקייט, אייפערזוכט, שיכּרות און נאָך אַזעלכע האַנדלונגען, וואָס באַ די זעלבע אומשטענדן וואָלטן זיי אויך געוויס באַגאַנגען אַט די אַלע, וועלכע האָבן זיי געמשפּט און באַשטראָפט. דידאָזיקע קאַטעגאָריע האָט, לויט נעכליודאָווס באַאָבאַכטונגען, אויסגעמאַכט כמעט איבער אַ העלפט פון אַלע פאַרברעכער. די דריטע קאַטעגאָריע איז באַשטאַנען פון די מענטשן, וואָס זענען געוואָרן באַשטראָפט דערפאַר, ווייל זיי האָבן באַגאַנגען — לויט זייער השגה — גאָר געוויינלעכע און אפילו גוטע מעשים, אָבער לויט די באַגריפן פון פּאַר זיי פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן די געזעצן געשריבן, האָבן דידאָזיקע מעשים זיך גערעכנט פאַר פאַרברעכנס. צו דערדאָזיקער קאַטעגאָריע האָבן געהערט די מענטשן, וועלכע האָבן געהיים געהאַנדלט מיט בראָנפן, קאָנטראַבאַנדע, געריסן גראָז, געקליבן האָלץ אין די גרויסע פּריצישע און מלוכהשע וועלדער. צו דידאָזיקע מענטשן האָבן אויך געהערט די באַרג־איינוווינער, וואָס האָבן געגנבעט און די אומגלויביקע, וועלכע פלעגן באַגנבענען קלויסטערס.

די פערטע קאַטעגאָריע האָבן געבילדעט מענטשן, וועלכע זענען

געוועזן פאַררעכנט פאַר פאַרברעכער בלויז דערפאַר, ווייל זיי זענען מאָראַליש געשטאַנען העכער פון דעם דורכשניט פון דער געזעלשאַפט. אזעלכע זענען געוועזן די סעקטאַנטן, אזעלכע זענען געוועזן די פּאָליאַקן, די טשערקעסן, וועלכע האָבן רעוואָלטירט פאַר זייער אומאָפּהענגיקייט, אזעלכע זענען אויך געוועזן די פּאָליטישע פאַרברעכערס — סאָציאַליסטן און שטרייקער, וועלכע זענען פאַרמשפּט געוואָרן פאַר שטעלן זיך אנטקעגן דער מאַכט. לויט נעכליודאָווס אָבסערוואַציעס איז דער פּראָצענט פון אזעלכע מענטשן — די בעסטע פון דער געזעלשאַפט, געוועזן זייער אַ גרויסער. די פינפטע קאַטעגאָריע, ענדלעך, האָבן געבילדעט מענטשן, קעגן וועלכע די געזעלשטפט איז געוועזן אַ סך מער שולדיק, ווי זיי קעגן דער געזעלשאַפט. דאָס זענען געוועזן פאַרוואָגלטע מענטשן, געפּיי־ניקטע פון שטענדיקער אונטערדריקונג און נסיונות, ווי יענץ ייִנגל מיט די טרעטערס און הונדערטער אַנדערע מענטשן, וואָס נעכליודאָוו האָט זיך אָנגעזען סיי אין דער תּפיסה, סיי סתּם אַזוי, מענטשן, וואָס די באַדינגונגען פון לעבן ברענגען עפּעס סיסטעמאַטיש צו דער נויטווענדי־קייט, פון יענער האַנדלונג, וועלכע ווערט אָנגערופן פאַרברעכן. לויט נעכליודאָווס אָבסערוואַציע האָבן צו דידאָזיקע מענטשן געהערט זייער אַ סך גנבים און מערדער; מיט אייניקע פון זיי איז ער די לעצטע צייט גע־קומען אין באַרירונג. צו דידאָזיקע לייט האָט ער, נאָכדעם, ווי ער האָט זיי נעענטער דערקענט, צוגערעכנט אויך די דעמאָראַליזירטע, פאַרדאָרבענע מענטשן, וואָס די נייע שול רופט אָן פאַרברעכערישער טיפּ, און וואָס זייער מציאות אין דער געזעלשאַפט ווערט אָנערקענט אַלס הויפּט־באַווייז, ווי נייטיק עס איז דאָס קרימינעלע געזעץ און די שטראָף. דידאָזיקע, אַזוי גערופענע, פאַרדאָרבענע, פאַרברעכערישע, אומנאָרמאַלע טיפּן זענען, נאָך נעכליודאָווס מיינונג, געוועזן פּונקט די זעלביקע מענטשן, ווי די, קעגן וועלכע די געזעלשאַפט איז מער שולדיק, ווי זיי קעגן דער געזעלשאַפט, אָבער די געזעלשאַפט איז נישט דירעקט שולדיק קעגן זיי גופא איצט, נאָר איז פריער געוועזן שולדיק אויך קעגן זייערע עלטערן און אורעלטערן.

פון די מענטשן האָט אים באַזונדערס אין דעם פּרט איבערראַשט דער גנב־רעצידיוויסט אָכאָטין, אַן אומגעזעצלעכער זון פון אַ גאַסנפרוי, וועלכער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַ נאַכט־אַזיל און וועלכער האָט ביז דרייסיק יאָר פון זיין לעבן אוודאי קיינמאָל נישט אָנגעטראָפן קיין מענטש מיט אַ העכערער זיטלעכקייט, ווי פּאָליציאַנטן, איז פון

יונגווייז אַן אריינגעפאַלן אין אַ באַנדע גנבים, איז אָבער גלייכצייטיק געווען באַשאַנקען מיט דעם טאַלאַנט פון אַ קאָמיקער, מיט וואָס ער פלעגט צוציען צו זיך מענטשן. ער האָט געבעטן באַ נעכליודאָוון שוץ און גלייכצייטיק געטריבן קאָטאָוועס סיי איבער זיך אַליין, סיי איבער די ריכטער, סיי איבער דער תּפיסה, סיי איבער אַלע געזעצן, נישט נאָר די קרימינעלע, נאָר אויך די געטלעכע. אַ צווייטער איז געווען דער ווונדער-שיינער פעדאָראָוו, וועלכער האָט בראש פון אַ באַנדע, געטייט און באַרויבט אַן אַלטן באַאַמטן. דאָס איז געווען אַ פּויער, וואָס באַ זיין טאַטן האָט מען אינגאַנצן אומגעזעצלעך אַוועקגענומען דאָס הויז, וועלכער האָט שפּעטער געדינט אין סאָלדאַטן און דאָרט האָט ער געכאַפּט אַ פּסק דערפאַר, וואָס ער האָט זיך פאַרליבט אין דער געליבטער פון אַן אָפיציר. דאָס איז געווען אַ סימפּאַטישע,ליידנשאַפטלעכע נאַטור, אַ מענטש, וואָס האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט בלויז פאַרגעניגנס, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געזען אַזעלכע מענטשן, וואָס זאָלן זיך פון זייער פאַרגעניגן וועגן אָפּהאַלטן צוליב עפּעס, און וועלכער האָט קיינמאָל נישט געהערט קיין וואָרט וועגן דעם, אַז עס זאָל זיין עפּעס אַן אַנדערער ציל אין לעבן אַ חוץ פאַרגעניגן. נעכליודאָוון איז געווען קלאָר, אַז זיי זענען ביידע געווען רייכע נאַטורן, נאָר זענען בלויז פאַרוואָרלאָזט און פאַרקריפּלט געוואָרן, ווי ס'זענען פאַרוואָרלאָזט און פאַרקריפּלט פאַרלאָזטע פלאַנצן. ער האָט אויך געזען אַ שלעפּער אין אַ פרוי, וואָס האָבן אָפּגעשטויסן מיט זייער טעמפּקייט און עפּעס אכזריות, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט אין זיי איינזען דעם פאַרברעכערישן טיפּ, וועגן וועלכן ס'רעדט די איטאַליענישע שול; ער האָט נאָר געזען פאַר זיך מענטשן, וואָס זענען אים פערזענלעך דערווידער, פונקט אַזעלכע, וואָס ער האָט געזען אויף דער פריי אין די פראַק, אין עפּאָלעטן און אין זיידנס.

איז אָט אין אויספאָרשן די פראַגע וועגן דעם, צי וואָס זענען דידאָזיקע אַלע — אַזוי פאַרשידנאַרטיקע מענטשן — אריינגעזעצט געוואָרן אין טורמע, און די אַנדערע, פונקט אַזעלכע מענטשן, זענען אַרומגעגאַנגען אויף דער פריי און האָבן אפילו געמשפּט דידאָזיקע מענטשן, — אָט אין דעם איז באַשטאַנען דער פערטער ענין, וואָס האָט אין דער צייט אינטערעסירט נעכליודאָוון.

אַן ענטפער אויף דערדאָזיקער פראַגע האָט נעכליודאָוו לכתחילה געהאָפט צו געפינען אין די ביכער און האָט געקויפט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דעמדאָזיקן געגנשטאַנד. ער האָט געקויפט די ביכער פון

לאָמבראָזאָ, פון גאָראָפאַלאָ, פון פעררי, פון ליסט, פון מאָוזעלעי, פון טאַרד און האָט אויפמערקזאַם געלייענט דידאַזיקע ביכער.

נאָר וואָס ווייטער ער האָט זיי געלייענט, אַלץ מער און מער האָט ער זיך אַנטוישט. מיט אים האָט פּאַסירט דאָס, וואָס פּאַסירט שטענדיק מיט מענטשן, וועלכע ווענדן זיך צו דער וויסנשאַפט, נישט כדי צו שפּילן אַ ראָלע אין דער וויסנשאַפט: שרייבן, דיסקוטירן, לערנען, נייערט ווענדן זיך צו איר מיט דירעקטע, פּשוטע לעבנס-פראַגן; די וויסנשאַפט האָט אים געענטפערט אויף טויזנטער פאַרשידענע זייער געשייטע און קלוגע פראַגן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער קרימינעלער געזעצגעבונג, אָבער נאָר נישט אויף יענער פראַגע, אויף וועלכער ער האָט געזוכט אַן ענטפער.

ער האָט געפרעגט אַ זייער פּשוטע זאַך: צוליב וואָס און מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט איין קאַטעגאָריע מענטשן פאַרשפּאַרט, פּייניקט, פאַרשיקט, שמייסט און הרגעט אַ צווייטע קאַטעגאָריע מענטשן, בשעת זיי זענען פּונקט אַזעלכע, ווי די-יעניקע, וואָס זיי פּייניקן, שמייסן און טויטן? און אים האָט מען געענטפערט מיט אַ פּלפּול וועגן דעם, צי אַ מענטש האָט די פרייהייט פון ווילן אָדער נישט? צי קאָן מען אַ מענטש לויט דער פאָרם פון שאַרבן אָנערקענען אַלס אַ פאַרברעכערישן טיפּ אָדער נישט? וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט די ירושהדיקייט אין דעם פאַרברעכן? צי איז פאַראַן איינגעבוירענע אוממאָראַלישקייט? וואָס איז אַזוינס מאָראַלישקייט? וואָס איז אַזוינס משוגעת? וואָס איז אַזוינס טעמפּעראַמענט? ווי ווירקן אויף אַ פאַרברעכן קלימאַט, שפּייז, אומוויסנהייט, נאָכמאַכונג, היפּנאָטיזם, ליידנשאַפטן? וואָס איז אַזוינס געזעלשאַפט? אין וואָס באַשטייען אירע פליכטן? א. אז. וו. א. אז. וו.

דער גאַנצער פּלפּול האָט דערמאַנט נעכליודאָוון אָן אַן ענטפער, וואָס ער האָט באַקומען פון אַ קליין יינגעלע, ווען יענער איז געגאַנגען פון שול. נעכליודאָוו האָט געפרעגט דאָס יינגעלע, צי ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט לייענען טראַף. — אויסגעלערנט זיך, — האָט דאָס יינגעלע געענטפערט. — נו, לייען טראַף פון דעם וואָרט „לאַפּע“. — וואָסער לאַפּע — אַ הינטישע? — האָט דאָס יינגעלע געענטפערט מיט אַ געשייט פּנים. פּונקט אַזעלכע ענטפערס אין דער פאָרם פון פראַגן האָט נעכליודאָוו געפונען אין די וויסנשאַפטלעכע ביכער אויף זיין איינציקער קאַרדינאַלער פראַגע.

דאָרט איז געווען זייער פיל חכמה, וויסנשאַפט, ס'איז אויך געווען

טיילווייז אינטערעסאנט, אָבער ס'איז נישט געווען קיין ענטפער אויף דעם עיקר: מיט וועלכער רעכט באַשטראָפט איין קאַטעגאָריע מענטשן די צווייטע? ס'איז נישט נאָר נישט געווען אַ דער ענטפער, נאָר דער גאַנצער פּלפּול איז נאָר אויסן געווען בלויז צו דערקלערן און באַרעכטיקן די שטראָף, און אַז שטראָף מוז זיין — דאָס איז אָנגענומען געוואָרן פאַר אַן אַקסיאָמע. נעכליודאָוו האָט געלייענט אַ סך, אָבער נישט סיסטעמאַטיש, און דאָס, וואָס ער האָט נישט געפונען קיין ענטפער, האָט ער עס דערקלערט מיט זיין אויבערפלעכלעך לייענען, האָפנדיק, אַז שפּעטער וועט ער געפינען דעמדאָזיקן ענטפער און דעריבער האָט ער נאָך נישט דערלויבט זיך צו גלייבן אין דער ריכטיקייט פון יענעם ענטפער, וועלכער האָט אין דער לעצטער צייט אים זיך פאָרגעשטעלט וואָס אַמאָל עפטער.

XXXI.

אַוועקשיקן די פּאַרטיע מיט וועלכער מאַסלאָוואַ איז געגאַנגען, איז געווען באַשטימט אויף דעם 5-טן יולי. און נעכליודאָוו האָט זיך אויך צוגעגרייט אין דעם זעלביקן טאָג מיט איר מיטצופאָרן. מיט אַ טאָג פריער איז געקומען צו פאָרן זיין שוועסטער מיט איר מאַן, זיך זעען מיטן ברודער.

נעכליודאָווס שוועסטער, נאַטאַליאַ איוואַנאָווּנאַ ראַגאָזשינסקאַיאַ, איז געווען עלטער פאַרן ברודער אויף 10 יאָר. ער איז געוואַקסן טיילווייז אונטער איר איינפלוס. זי האָט אים אַלס יינגל זייער ליב געהאַט, שפּעטער, סאַמע פאַר איר חתונה, איז זי מיט אים אויפגעגאַנגען כמעט ווי צווי גלייכע: זי אַ 25-יעריק מיידל, ער אַ 15-יעריק יינגל. זי איז דאַן געווען פאַרליבט אין זיין פאַרשטאָרבענעם פריינט, אין ניקאָלענקאַ אירטעניעוו. זיי האָבן ביידע געליבט ניקאָלענקען און ליב געהאַט אין אים און אין זיך דאָס, וואָס איז אין זיי געווען גוטס און וואָס פאַראייניקט אַלע מענטשן.

פון יענער צייט אָן זענען זיי ביידע דעמאָראַליזירט געוואָרן: ער דורך דער דינסט אין מיליטער, דורך דעם אויסגעלאַסענעם לעבן; זי

דורך איר חתונה מיט אַ מענטש, וואָס זי האָט ליב באַקומען תּאוההדיק, וועלכער האָט אָבער נישט נאָר נישט ליב געהאַט דאָס אַלץ, וואָס איז אַמאָל פאַר איר מיט דמיטריען געווען דאָס הייליקסטע און טייערסטע, נאָר ער האָט אפילו נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָסדאָזיקע איז אַזוינס, און האָט געהאַלטן, אַז אָט די אַלע שטרעבונגען צו זיטלעכער פאַרפולקאָמונג און צו דעם אידעאַל צו דינען דער מענטשהייט, מיט וואָס זי האָט אַמאָל געלעבט, זענען נישט מער, ווי אייגנליבע, ווי דער פאַרלאַנג זיך אַרויסווייזן פאַר מענטשן. אַנדערש האָט ער נישט געקאָנט פאַרשטיין.

ראַגאָזשינסקי איז געווען אַ מענטש אָן אַ נאָמען און פאַרמעגן, אָבער זייער אַ געשיקטער דינער, וועלכער האָט, קונציק לאַווירנדיק צווישן ליבעראַליזם און קאָנסערוואַטיזם, אויסנוצנדיק פון די צוויי ריכטונגען יענע, וואָס האָט אין דער געגעבענער צייט און אין דעם געגעבענעם פאַל געבראַכט בעסערע רעזולטאַטן פאַר זיין לעבן, און איבערהויפּט מיט עפּעס אַזוינס, וואָס איז זייער געפעלן געווען די פרויען — האָט ער געמאַכט אַ לפי ערך גלענצנדיקע קאַריערע אין געריכט. שוין זייענדיק אַ מענטש נישט גאָר קיין יונגער, האָט ער אין אויסלאַנד זיך באַקענט מיט די נעכליודאָווס, האָט פאַרליבט זיך אין נאַטאַשען, שוין אויך נישט קיין יונג מיידל, און האָט מיט איר חתונה געהאַט כמעט קעגן דעם ווילן פון איר מוטער, וועלכע האָט געזען אין דעמדאָזיקן שידוך אַ מין mésalliance*).

נעכליודאָוו האָט פיינט געהאַט זיין שוואָגער, הגם ער האָט פון זיך אַליין באַהאַלטן דאָסדאָזיקע געפיל, און האָט קעגן דעמדאָזיקן געפיל געקעמפט. אַנטיפּאַטיש איז ער אים געווען מיט דער וווּלגאַריטעט פון זיינע געפילן, מיט זיין אין זיך זיכערער באַגרענעצטקייט און, דער עיקר, איז ער אים געווען אַנטיפּאַטיש צוליב דער שוועסטער, וועלכע האָט געקאָנט אַזוי ליידנשאַפטלעך עגאָיסטיש, תּאוההדיק ליב האָבן דידאָזיקע אָרימע נאַטור און כּדי אים צו האָווירן, האָט זי געקאָנט דערשטיקן אין זיך דאָס שיינע און גוטע, וואָס זי האָט פאַרמאָגט.

נעכליודאָוון איז שטענדיק געווען פיינלעך-שווער צו טראַכטן, אַז נאַטאַשאַ איז די פרוי פון דעמדאָזיקן האָריקן זעלבסטצופרידענעם מענטש

---

*) נישט קיין גלייכער שידוך.

מיט דעם גלאַנציקן פליך. ער האָט אפילו נישט געקאָנט פאַרבאַהאַלטן דעם ווידערווילן צו זיינע קינדער. און יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך דערוויסן, אַז זי גרייט זיך צו ווערן אַ מוטער, פלעגט ער האָבן עפּעס אַ פיינלעך געפיל, ווי זי וואָלט זיך עפּעס מיט אַ מיאוסער זאַך אָנגעשטעקט פון דעמדאָזיקן מענטש, וועלכער איז זיי אַלעמען געווען אַזוי פרעמד.

די ראַגאָזשינסקיס זענען געקומען אַליין, אָן די קינדער, — קינדער האָבן זיי געהאַט צוויי: אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע. און אָפּגעשטעלט האָבן זיי זיך אין דעם בעסטן נומער פון דעם בעסטן האָטעל. נאַטאַליאַ איוואַנאָוונאַ איז גלייך אַוועקגעפאָרן אויף דער אַלטער דירה פון איר מוטער, אָבער, נישט געפונען דאָרט דעם ברודער און פון אַגראַפענאַ פּעטראָוונען געהערט, אַז ער איז אַריבערגעפאָרן אין מעבלירטע צימערן, איז זי אַוועק אַהין.

אין דעם טונקעלן, פאַרדומפּענעם, באַטאָג באַלויכטענעם קאָרידאָר, האָט זי באַגעגנט אַ שמוציקן דינער, וועלכער האָט איר געזאָגט, אַז דער גראַף איז נישטאָ אינדערהיים.

נאַטאַליאַ איוואַנאָוונאַ האָט פאַרלאַנגט אַריינצוגיין צום ברודער אין נומער און אים איבערלאָזן אַ צעטעלע, דער דינער האָט זי אַריינגעפירט.

אַריינגעגאַנגען אין די צוויי קליינע צימערן, האָט נאַטאַליאַ איוואַנאָוונאַ זיי אויפמערקזאַם באַקוקט. אויף אַלץ האָט זי דערזעען די איר גוט באַקאַנטע זויבערקייט און אָרדנונג. אָבער די אויסשטאַטונג פון די צימערן איז געווען אַזוי באַשיידן, אַז ס׳איז פאַר איר געווען ניי און האָט זי איבערראַשט. אויף דעם שרייבטיש האָט זי דערזעען דעם באַקאַנטן לעשער מיט דעם בראָנזענעם הינטל; אויך גוט באַקאַנט די אָרדנונג, ווי עס זענען געווען צעלייגט די פּאַרטפעלן און פּאַפּירן, און שרייבמכשירים, און ביכער פון קרימינעלע שטראָפן, און אַן ענגליש בוך פון הענרי דזשאָרדזש און אַ פראַנצויזיש בוך פון טאַרד, אין וועלכן ס׳איז געווען אַריינגעלייגט דאָס גרויסע באַקאַנטע קרומע מעסער פון העלפאַנטביין.

זיך צוגעזעצט צום טיש, האָט זי אים אָנגעשריבן אַ צעטעלע, ווו זי האָט אים געבעטן למען השם קומען צו איר, נאָך טאָקע היינט; און מיט פאַרוווּנדערונג אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף דעם אַלעם, וואָס זי האָט דאָ דערזעען, האָט זי זיך אומגעקערט צו זיך אין האָטעל.

נאַטאַליאַ איוואַנאָוונען האָבן איצטער, בנוגע איר ברודער, אינטע-

רעסירט צוויי פראגן: זיין חתונה מיט קאַטיושען, וואָס וועגן דעם האָט זי געהערט בײַ זיך אין שטאָט, ווייל אַלע האָבן דערפֿון גערעדט, און זיין אָפּגעבן די ערד די פּויערים, וואָס איז אויך אַלעמען געווען באַוווּסט און אַ סך האָבן עס געהאַלטן פאַר פּאָליטיק און פאַר אַ געפערלעכער זאַך. דאָס חתונה האָבן מיט קאַטיושען איז נאַטאַליאַ איוואַנאָוונען פון איין זייט געפעלן געווען. זי האָט זיך אַנטציקט מיט דערדאָזיקער אַנטשלאָסנקייט, האָט דערין דערקענט אים אין זיך, ווי זיי זענען געווען ביידע אין יענע גוטע צייטן פאַר איר חתונה; אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זי אַרומגעכאַפּט אַן אימה בײַ דעם געדאַנק, אַז איר ברודער האָט חתונה מיט אַזאַ שרעקלעכער פרוי. דאָס לעצטע געפיל איז געווען שטאַרקער, און זי האָט באַשלאָסן ווי ווייט נאָר מעגלעך צו ווירקן אויף אים און אָפּהאַלטן אים, הגם זי האָט אויך געוווּסט, ווי דאָס איז שווער.

וואָס שייך דאָס אָפּגעבן די ערד די פּויערים, איז דאָס נישט געווען אַזוי נאָענט צו איר האַרץ; אָבער איר מאַן איז דערפֿון געווען זייער אויפגעבראַכט און האָט פון איר געפאָדערט צו ווירקן אויפן ברודער. איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש האָט געזאָגט, אַז אַזאַ האַנדלונג איז העכסט נישט באַטראַכט, לייכטזיניק און שטאָלץ, אַז צו דערקלערן אַזאַ מין האַנדלונג, אויב ס'איז נאָר פאַראַן אַ מעגלעכקייט זי צו דערקלערן, קאָן מען נאָר מיט דעם פאַרלאַנג זיך אויסצוצייכענען, זיך אויסצופיינען, מאַכן וועגן זיך רייד.

— וואָס פאַר אַ זין איז עס אָפּצוגעבן די ערד צו די פּויערים און זיי זאָלן צאָלן זיך אַליין? — האָט ער געטענהט. — אויב ער האָט שוין יאָ אַזוי געוואָלט מאַכן, האָט ער געקאָנט פאַרקויפן דורך דער פּויערים־באַנק. דאָס וואָלט געהאַט אַ זין. בכלל, איז עס אַ האַנדלונג, וואָס גרענעצט מיט אומנאָרמאַלקייט, — האָט איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש געזאָגט, טראַכטנדיק שוין וועגן אַפּוטרופּסות, און האָט געפאָדערט פון דעם ווייב, אַז זי זאָל ערנסט איבעררעדן מיטן ברודער וועגן דעמדאָזיקן משונהדיקן פּלאַן זיינעם.

XXXII.

געקומען אהיים און געפונען בא זיך אויפן טיש דער שוועסטערס בריוועלע, איז נעכליודאוו גלייך צו איר אוועקגעפארן. דאס איז געווען אין אוונט. איגנאטי ניקיפאראוויטש האט געדוט אין צווייטן צימער, און נאטאליא איוואנאוונא האט אליין באגעגנט דעם ברודער. זי איז געווען אין א שווארץ-זיידן קלייד אין טאליע, מיט א רויטער באנד אויף דער ברוסט. אירע שווארצע האר זענען געווען הויך פארקעמט און פריזירט נאך דער לעצטער מאדע. זי האט זיך קענטיק געפלייסט אויסצוזעען יונג פאר דעם מאן, וואס איז געווען מיט איר אין איינע יארן. דערזעען דעם ברודער, איז זי אראפגעשפרונגען פון דיוואן און מיט שנעלע טריט, רוישנדיק מיט איר זיידן-קלייד, אים געגאנגען אנטקעגן. זיי האבן זיך צעקושט און שמייכלענדיק געקוקט איינס אויפן אנדערן. ס'איז פארגעקומען יענער געהיימנישפולער אויסטויש פון בליקן, וואס מיט ווערטער קאן מען נישט אויסדריקן זיין פילבאדייטיקייט, ווו אלץ איז דער אמת, און ס'האט זיך אנגעפאנגען דער אויסטויש פון ווערטער, אין וועלכע ס'איז שוין נישט געווען יענער אמת. זיי האבן זיך געהאט נישט געזעען זינט דער מאמעס טויט אן.

— דו ביסט געווארן שטארקער און יינגער, — האט ער געזאגט. זי האט צופרידן א שמייכל געטון.

— און דו ביסט חושך געווארן.

— און וואס מאכט איגנאטי ניקיפאראוויטש? — האט נעכליודאוו געפרעגט.

— ער רוט זיך אפ. ער איז א גאנצע נאכט נישט געשלאפן.

מ'האט דא פיל באדארפט זאגן, אבער די ווערטער האבן גארנישט געזאגט, און די בליקן האבן געזאגט, אז עפעס, וואס מען באדארף זאגן, איז נישט געזאגט.

— איך בין בא דיר געווען.

— יא, איך ווייס, איך האב זיך ארויסגעצויגן פון דער היים. פאר

מיר איז עס געווען צו גערוים, איינזאַם, לאַנגווייליק. און איך באַדאַרף דאָס אַלץ נישט, אַלזאָ, נעם דו עס אַלץ צו, דאָס הייסט דאָס מעבל — אַלע זאַכן.

— יאָ, אַגראַפענאַ פעטראָווונאַ האָט עס מיר געזאָגט. איך בין דאָרטן געווען, איך דאַנק דיר זייער, אָבער...

אין דער רגע האָט דער קעלנער פון האָטעל געבראַכט צו טראָגן אַ זילבערנעם טיי־סערוויז.

זיי האָבן געשוויגן, בשעת דער קעלנער האָט פונאַנדערגעשטעלט דעם טיי־סערוויז. נאַטאַליאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך געזעצט אויף דער שטול באַם טישל און האָט שווייגנדיק פאַרשאָטן טיי. נעכליודאָוו האָט געשוויגן.

— דמיטרי, איך ווייס אַלץ, — האָט נאַטאַשאַ געזאָגט אַנטשלאָסן, און אַרייַנגעקוקט דעם ברודער אין געזיכט.

— נו, מיר איז זייער ליב, וואָס דו ווייסט.

— צי דען אָבער קאָנסטו האָפן, אַז דו זאָלסט אויסבעסערן קאַטיושען נאָך אַזאַ לעבן, וואָס זי האָט געפירט? — האָט זי געזאָגט.

ער איז געזעסן אין דער קליינער שטול, נישט אָנגעלענט, גלייך, און האָט אויפמערקזאַם זי צוגעהערט, כּדי זי גוט צו פאַרשטיין און גוט איר אָפּצוענטפערן. די שטימונג, וואָס די לעצטע זעונג מיט מאַסלאָווען האָט באַ אים דערוועקט, האָט נאָך אַלץ געדויערט און האָט אָנגעפילט זיין נשמה מיט אַ רויקער פרייד און מיט אויפגעלייגטקייט צו אַלע מענטשן.

— נישט זי וויל איך אויסבעסערן, נאָר זיך וויל איך אויסבעסערן, — האָט ער געענטפערט.

נאַטאַליאַ איוואַנאָוונאַ האָט אָפּגעזיפצט.

— עס זענען פאַראַן אַנדערע מיטלען, חוץ חתונה האָבן.

— איך מיין אָבער, אַז דאָס מיטל איז דאָס בעסטע; אויסער דעם פירט עס מיך אַריין אין אַ וועלט, וווּ איך קאָן זיין נוציק.

— איך צווייפל, — האָט נאַטאַליאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט, — אַז דו זאָלסט קאָנען זיין גליקלעך.

— איך בין דאָ נישט אויסן מיין גליק.

— פאַרשטייט זיך; אָבער זי, אויב זי האָט אַ האַרץ, וועט נישט קאָנען זיין גליקלעך, וועט אפילו נישט קאָנען דאָס פאַרלאַנגען.

— זי פאַרלאַנגט עס נישט.

— איך פאַרשטיי עס, אָבער דאָס לעבן...

— וואָס דאָס לעבן?

— דאָס לעבן פאָדערט עפּעס אַנדערש.

— עס פאָדערט נישט מער פון אונז, אַז מיר זאָלן טון, וואָס מיר דאַרפן, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, קוקנדיק איר גלייך אין געזיכט, וואָס איז נאָך געווען געגנוג שיין, הגם אַרום מויל און אַרום די אויגן האָבן זיך שוין צעלייגט קליינע קנייטשעלעך.

— איך פאַרשטיי דאָס נישט, — האָט זי געזאָגט און אָפּגעזיפצט.

„אָרימע ליבע נאַטאַשע! זי איז גאָר אַן אַנדערע געוואָרן?" — האָט נעכליודאָוו געטראַכט, דערמאָנענדיק נאַטאַשען, ווי זי איז געווען פאַר דער חתונה, און פילנדיק דערביי צו איר אַ צאַרט געפיל, וואָס איז געווען אויסגעוועבט פון אומציילִיקע קינדערישע זכרונות.

דערווייל איז אין צימער אַריינגעקומען איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש, ווי אַלע מאָל הויך טראָגנדיק דעם קאָפּ און אויסשטרעקנדיק די ברוסט פאָרויס, ווייך און לייכט טרעטנדיק און שמייכלענדיק און פינקלענדיק מיט זיינע ברילן, דעם פּליך און דער שוואַרצער באָרד.

— וואָס מאַכט איר, וואָס מאַכט איר, — האָט ער אַרויסגערעדט געקינסטלט.

(נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די ערשטע צייט נאָך דער חתונה האָבן זיי געפּרוּווט איבערצוגיין אויף „דו" האָבן זיי זיך נאָך אַלץ גע־אירצט.)

זיי האָבן איינע די אַנדערע אַ דריק געטון די הענט, און איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש האָט זיך לייכט אַראָפּגעלאָזט אין דער שטול.

— איך וועל אייך נישט שטערן אין אייער געשפּרעך?

— ניין, איך פאַרבאַהאַלט נישט פון קיינעם דאָס, וואָס איך רעד, און דאָס, וואָס איך טו.

ווי נאָר נעכליודאָוו האָט דערזען דאָסדאָזיקע געזיכט, דערזעען דידאָזיקע האָריקע הענט, דערהערט דעם זיכערן הערשערישן טאָן, איז זיין גוטע שטימונג גלייך נישט געוואָרן.

— יאָ, מיר האָבן גערעדט וועגן זיינע פּלענער, — האָט נאַטאַליאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט. — אָנגיסן דיר? — האָט זי צוגעגעבן, נעמענדיק דעם טשייניק.

— יאָ, ביטע. אייגנטלעך, וועלכע פּלענער?

— פאָרן קיין סיביר מיט דער פּאַרטיע אַרעסטאַנטן, ווו עס גע־

פינט זיך אַ פרוי, וואָס איך האַלט, אַז איך בין שולדיק קעגן איר, — האָט נעכליודאָוו אַרויסגערעדט.

— איך האָב געהערט, אַז נישט נאָר באַגלייטן, נאָר אַ סך מער.

— יאָ, און אויך חתונה האָבן, אויב זי וועט עס נאָר פאַרלאַנגען.

— אַזוי גאָר! אויב אייך איז עס נישט אומאָנגענעם, טאָ דערקלערט מיר אייערע מאָטיוון. איך פאַרשטיי זיי נישט.

— די מאָטיוון זענען, וואָס די דאָזיקע פרוי... וואָס דעם ערשטן שריט אויף דעם וועג פון אויסגעלאַסנקייט... — נעכליודאָוו איז געוואָרן בייז אויף זיך דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געקאָנט געפינען די ריכטיקע אויסדרוקן. — די מאָטיוון זענען, וואָס שולדיק בין איך, און באַשטראָפט איז זי.

— אויב באַשטראָפט, איז, משמעות, אויך זי נישט אומשולדיק.

— זי איז פולקאָם אומשולדיק.

און נעכליודאָוו האָט מיט אַ נישט-נייטיקער אויפרעגונג דערציילט די גאַנצע זאַך.

— יאָ, דאָס איז אַ פאַרזען פון דעם פאָרזיצער פון געריכט, און דעריבער איז אַרויסגעקומען דער נישט באַקלערטער ענטפער פון די געשווירענע. אָבער אויף דעם פאַל איז דאָ דער סענאַט.

— דער סענאַט האָט אָפּגעזאָגט.

— אַזוי אָפּגעזאָגט, אַלזאָ, הייסט עס, אַז ס'איז נישט געווען קיין גענוג באַגרינדעטע מאָטיוון פאַר דער קאַסאַציע, — האָט איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש געזאָגט, טיילנדיק, ווייזט אויס, די געוויסע מיינונג וועגן דעם, אַז דער אמת איז אַ פּראָדוקט פון געריכטס-פּלפּול. — דער סענאַט קאָן נישט אַרייַנגיין צו באַטראַכטן דעם ענין אין תוך אַריין. אויב אָבער ס'איז ווירקלעך דאָ אַ טעות פון געריכט, דאַן דאַרף מען אָנגעבן אויף דעם אַלערהעכסטן נאָמען.

— מ'האָט אָנגעגעבן, אָבער ס'איז נישטאָ קיין שום וואַרשיינלעכקייט אויף דערפאָלג. מען וועט אָנפרעגן אין מיניסטעריום, דאָס מיניסטעריום וועט פרעגן דעם סענאַט, דער סענאַט וועט איבערחזרן זיין באַשלוס, און, ווי געוויינלעך, וועט דער אומשולדיקער זיין באַשטראָפט.

— ערשטנס, וועט דאָס מיניסטעריום נישט אָנפרעגן דעם סע-

נאַט. — האָט איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש געזאָגט מיט אַ שמייכל פון אַראָפּ־בידערונג, — אין מען וועט אַרויספאָדערן דעם ענין פון דער ערשטער געריכטס־אינסטאַנץ, און אויב מען וועט געפינען אַ טעות, דאַן וועט דאָס מיניסטעריום געבן אַ באַשלוס אין דעם זין, און, צווייטנס, ווערן אומשולדיקע קיינמאָל נישט באַשטראָפט, סיידן אין אַ גאָר זעלטענעם אויסנאַמספאַל, באַשטראָפט ווערן שולדיקע, — האָט לאַנגזאַם מיט אַ זעלבסט־צופרידענעם שמייכל איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש געזאָגט.

— וואָס איז מיך נוגע, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז ס'איז פאַרקערט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט מיט אַ שלעכט געפיל צום שוואָגער: — איך האָב זיך איבערצייגט, אַז די גרעסטע העלפט פון די מענטשן, וואָס זענען פאַרמשפט דורך די געריכטן, איז אומשולדיק.

— וואָס הייסט דאָס?

— זיי זענען פשוט אומשולדיק אין פולן זין פון וואָרט, ווי אָט די־דאָזיקע פרוי איז אומשולדיק אין דער פאַרגיפטונג, ווי דער פויער, וועלכן איך האָב איצט דערקענט, איז אומשולדיק אין דעם מאָרד, וואָס ער איז ניט באַגאַנגען; ווי דער זון און זיין מוטער זענען אומשולדיק און אונטערצינדן, וואָס דער באַלעבאָס אַליין האָט דאָס גאָר געטון, און זיי זענען שיער נישט פאַרמשפט געוואָרן.

— יאָ, פאַרשטייט זיך, שטענדיק זענען געווען און וועלן זיין יוסטיץ־טעותים. אַ מענטשלעכע אינסטיטוציע קאָן נישט זיין פולקאָם.

— היינט די געוואַלטיקע צאָל אומשולדיקע, וואָס זענען נישט שולדיק דערפאַר, ווייל דערצויגענע אין אַ באַשטימטער סביבה, האַלטן זיי נישט זייערע מעשים פאַר פאַרברעכנס.

— אַנטשולדיקט, דאָס איז נישט יושרדיק: יעטוועדער גנב ווייסט, אַז אַ גנבה איז אַ שלעכטע זאַך, און אַז מען דאַרף נישט גנבענען, אַז אַ גנבה איז אוממאָראַליש, — האָט איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש געזאָגט מיט דעם רויקן, זיכערן טאָן און נאָך אַלץ מיט דעם זעלבן עטוואָס שפּאָטישן שמייכל, וואָס האָט באַזונדערס שטאַרק נעכליודאָוון גערייצט.

— ניין, ער ווייסט נישט; אים זאָגט מען: גנבע נישט, אָבער ער זעט און ווייסט, אַז די פאַבריקאַנטן גנבענען זיין אַרבעט, פאַרהאַלטן זיין לוין, אַז די רעגירונג מיט אַלע אירע באַאַמטע באַגנבעט אים כסדר דורך די שטייערן.

— דאָס איז שוין אַנאַרכיזם, — האָט איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש רויק דעפינירט דעם זין פון זיין שוואָגערס ווערטער.

— איך ווייס נישט, ווי דאָס הייסט, איך רעד וועגן דעם, וואָס עס איז פאַקטיש, — האָט נעכליודאָוו ווייטער גערעדט, — ער ווייסט, אַז די רעגירונג באַגנבעט אים; ער ווייסט, אַז מיר, די גוטבאַזיצערס, האָבן אים שוין לאַנג באַגנבעט, צונעמענדיק בא אים די ערד, וועלכע באַדאַרף געהערן צו אַלעמען אין שפּעטער, ווען ער קלויבט אויף פון דער געגנבעטער ערד צווייגן אויף צו הייצן זיין אויוון, זעצן מיר אים אַריין אין תפיסה און מיר ווילן אים איינשמועסן, אַז ער איז אַ גנב. ער ווייסט דאָך, אַז נישט ער איז דער גנב, נאָר יענער, וועלכער האָט בא אים צוגעגנבעט די ערד, און אַז יעטוועדער restitution*) פון דעם, וואָס עס איז בא אים צוגעגנבעט געוואָרן, איז זיין פליכט בנוגע דער פאַמיליע.

— איך פאַרשטיי נישט און אויב איך פאַרשטיי שוין יאָ, בין איך נישט מסכים. די ערד קאָן נישט נישט זיין עמעצנס אייגנטום. אויב איר וועט זי צעטיילן, — האָט איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש אָנגעהויבן מיט דער פולער און רויקער זיכערקייט, אַז נעכליודאָוו איז אַ סאָציאַליסט, און אַז די פאָדערונגען פון דער טעאָריע פון סאָציאַליזם באַשטייען אין צעטיילן די גאַנצע ערד גלייך, און אַזאַ צעטיילונג איז זייער נאַריש און ער קאָן אים זייער לייכט אָפּפרעגן, — אויב איר וועט זי היינט צעטיילן אויף גלייך, וועט זי מאָרגן ווידער אַריבערגיין אין די הענט פון די מער אַרבעטזאַמע און פעיקע.

— קיינער טראַכט נישט צו צעטיילן די ערד אויף גלייכע חלקים, די ערד דאַרף נישט זיין קיינעמס אייגנטום, דאַרף נישט זיין קיין געגנשטאַנד פון קויפן און פאַרקויפן אָדער פון פאַרמשכונען.

— דאָס רעכט אויף אייגנטום איז בא דעם מענטש אַן איינגעבוירענע זאַך. אָן רעכט אויף אייגנטום וועט נישט זיין קיין אינטערעס צו באַאַרבעטן די ערד. פאַרניכט דאָס רעכט אויף אייגנטום, און מיר וועלן זיך צוריקקערן צום ווילדן צושטאַנד. — האָט איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש געזאָגט מעשה אויטאָריטעט, איבערחזרנדיק דעם געוויינלעכן אַרגומענט לטובת דער רעכט אויף ערד־אייגנטום, וואָס מ'האַלט פאַר פעסטגעשטעלט

*) אומקערן.

און וועלכער באשטייט דערין, אז די גייציקייט צו ערד-אייגנטום איז דער סימן פון זיין נויטווענדיקייט.

— פארקערט, ערשט דאן וועט די ערד נישט ליגן פוסט ווי איצ-טער. ווען די ערד-באזיצער, אזוי ווי א הונט אויף היי, דערלאזן נישט צו דער ערד די, וואס קאנען און אליין קאנען זיי זי נישט עקס-פלואטירן.

— הערט זיך איין, דמיטרי איוואנאוויטש, דאס איז דאך פשוט אן אומזין! צי דען איז מעגלעך אין אונזערע צייטן צו פארניכטן דאס אייגנטום אויף ערד? איך ווייס, דאס איז אייער dada*), אבער דער-לויבט מיר אייך צו זאגן אפן... — און איגנאטי ניקיפאראוויטש איז בלייך געווארן, און זיין קול האט גענומען ציטערן: קענטיק, אז דידא-זיקע פראגע האט אים שטארק אנגערירט. — איך וואלט אייך געראטן גוט צו באטראכטן דידאזיקע פראגע, איידער איר טרעט צו זי פראקטיש צו אנטשיידן.

— איר רעדט וועגן מיינע פערזענלעכע געשעפטן?

— יא, איך מיין, אז מיר אלע זענען אוועקגעשטעלט אין א גע-ווּיסער לאגע, מוזן טראגן די פליכטן, וואס דרינגען ארויס פון דערדאזי-קער לאגע, מוזן אונטערהאלטן די באדינגונגען פון אונזער לעבנס-שטיי-גער, אין וועלכע מיר זענען געבוירן געווארן און האבן גע׳ירשנט פון אונזערע עלטערן און דארפן איבערגעבן אונזערע קינדער און קינדס-קינדער.

— איך האלט פאר מיין פליכט...

— דערלויבט, — האט איגנאטי ניקיפאראוויטש נישט געלאזט זיך איבערשלאגן. — איך רעד נישט צוליב זיך און צוליב מיינע קינדער. דאס פארמעגן פון מיינע קינדער איז געזיכערט, און איך פארדין אזוי פיל, אז מיר און איך מיין, אז אויך מיינע קינדער וועלן לעבן נישט ארים, און מיין פראטעסט קעגן אייערע האנדלונגען, דערלויבט מיר צו זאגן, נישט געגוּנ באטראכטע האנדלונגען, דרינגט, אלזא, נישט ארויס פון מיינע פערזענלעכע אינטערעסן, נאר פרינציפיעל קאן איך מיט אייך נישט מסכים זיין און איך וואלט אייך ראטן מער וועגן דעם א טראכט טון, לייענען...

---

*) פערדל.

— נו, דערלויבט מיר שוין אליין צו דערליידיקן מיינע געשעפטן און וויסן, וואָס איך דאַרף לייענען, און וואָס איך דאַרף נישט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט בלייך ווערנדיק, און דערשפּירט, אַז בא אים ווערן קאַלט די הענט און ער קאָן זיך נישט באַהערשן, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און גענומען טרינקען די טיי.

XXXIII.

וואָס מאַכן עפּעס די קינדער? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט בא דער שוועסטער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט.

די שוועסטער האָט דערציילט וועגן די קינדער. אַז זי האָט זיי איבערגעלאָזט מיט דער באָבען, מיט זיין מוטער, און, זייער צופרידן, וואָס דער וויכּוח מיט איר מאַן האָט אויפגעהערט, האָט זי גענומען דערציילן, ווי אַזוי אירע קינדער שפּילן זיך אין אַ רייזע פּונקט אַזוי, ווי אַזוי ער פלעגט זיך אַמאָל שפּילן מיט זיינע ליאַלקעס — מיט דעם שוואַרצן נעגער און דער ליאַלקע, וואָס ער פלעגט זי רופן די פראַנצויזקע.

— געדענקסט עס דען, — האָט נעכליודאָוו שמייכלענדיק געזאָגט.

— און שטעל זיך פאָר, אַז זיי שפּילן זיך פּונקט אַזוי — ווי דו.

דער אומאָנגענעמער שמועס האָט זיך געענדיקט. נאַטאַשאַ האָט זיך באַרויִקט, פאַרן מאַן אָבער האָט זי נישט געוואָלט רעדן וועגן דעם, וואָס איז געווען פאַרשטענדלעך בלויז דעם ברודער, און כּדי אָנצוהייבן אַ געמיינזאַמען שמועס, האָט זי גענומען רעדן וועגן דעם פּעטערבורגער נייעס — וועגן דעם אומגליק פון קאַמענסקיס מוטער, וועלכע האָט פאַרלוירן איר איינציקן זון, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אויף אַ דועל. איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש האָט אַרויסגעזאָגט אַן אומצופרידנקייט פון אַזאַ אָרדנונג, בא וועלכער אַ מאָרד אויף אַ דועל איז אויסגעשלאָסן געווען פון דעם צעטל קרימינעלע פאַרברעכנס.

דידאָזיקע באַמערקונג זיינע האָט אַרויסגערופן אַ דערווידערונג מצד נעכליודאָוון, און ווידער האָט זיך צעפלאַקערט אַ וויכּוח אויף דער זעלבער טעמע, ווו אַלץ איז געבליבן נישט דערזאָגט, אוןביידע דעבאַ-

טאַנטן האָבן זיך נישט צונויפגערעדט, נאָר יעדערער איז געבליבן בײַ זײַנע קעגנזעצלעכע איבערצײַגונגען, פאַראורטײלנדיק אײנער דעם אַנדערן. איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש האָט געפילט, אַז נעכליודאָוו פאַרדענקט אים, ווײַל ער פאַראַכט זײַן גאַנצע טעטיקײט, און ער האָט געוואָלט אים אויפווײַזן, ווי ווײַט ער איז זיך טועה אין זײַנע מײנונגען. נעכליודאָוו, ווידער, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס אים האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס דער שוואָגער האָט זיך אַרײַנגעמישט אין זײַנע געשעפטן מכּוח דער ערד (טיף בײַ זיך אין האַרץ האָט ער געפילט, אַז דער שוואָגער און די שוועסטער און זײַערע קינדער האָבן דערויף רעכט אַלס זײַנע יורשים), איז געווען בײַ זיך אין האַרץ צעקאָכט, וואָס דער דאָזיקער בּאַגרענעצטער מענטש האָט מיט דער פולער זיכערקײט און רויִקײט נישט אויפגעהערט צו באַטראַכטן פאַר ריכטיק און געזעצלעך די זאַך, וועלכע האָט איצט אויסגעוויזן נעכליודאָוון אַ משוגעת און אַ פאַרברעכן. אָט די דאָזיקע אײַנגעגלײבטקײט האָט נעכליודאָוון דענערווירט.

— וואָס־זשע וואָלט דאָס געריכט געטון? — האָט ער געפרעגט.

— דאָס געריכט וואָלט אײנעם פון די צווײ דועליסטן פאַרמשפּט אויף קאַטאָרגע אַזוי ווי פּשוטע מערדער.

נעכליודאָוון זענען ווידער קאַלט געוואָרן די הענט, און ער האָט זיך מיט היץ אַ כאַפּ געטון:

— וואָס־זשע וואָלט געווען דערפון? — האָט ער געפרעגט.

— עס וואָלט געווען על פּי יושר.

— אַזוי ווי יושר וואָלט זײַן דער ציל פון דער געריכטס־טעטיקײט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— וואָס־זשע דען?

— אונטערשטיצן די שטאַנד־אינטערעסן. דאָס געריכט איז, לויט מײַן מײנונג, נישט מער, ווי אַן אַדמיניסטראַטיווער אינסטרומענט צו אונטערשטיצן די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג, וועלכע איז בּאַקוועם פאַר אונזער שטאַנד.

— דאָס איז אַ גאַנץ נײַער קוק, — האָט איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש זיך אָנגערופן מיט אַ רויִקן, שמײכל. — געוויינלעך ווערט דעם געריכט צוגעשריבן אַ ביסל אַן אַנדערע פונקציע.

— טעאָרעטיש, אָבער נישט פּראַקטיש, ווי איך האָב דאָס אײַנגעזען. דאָס געריכט איז בלויז אויסן אויפצוהאַלטן די געזעלשאַפט אין דער הײַנטיקער לאַגע און דערפאַר רודפט עס און שטראָפט סײ די,

וואָס שטייען העכער פון דעם דורכשניט און ווילן דעמדאָזיקן דורכשניט אויפהייבן, סיי די, וואָס שטייען אונטער דעם דורכשניט, די אַזויגערופע־נע פאַרברעכערישע טיפּן.

— איך קאָן נישט מסכּים זיין ערשטנס, אַז די פאַרברעכער, די אַזוי גערופענע פּאָליטישע, ווערן באַשטראָפט נאָר דערפאַר, ווייל זיי שטייען פאַר דעם דורכשניט. דאָס רוב זענען דאָס די פּסולת פון דער געזעלשאַפט, פּונקט אַזוי דעמאָראַליזירט, הגם אַ ביסל אויף אַן אַנדערן אופן, ווי די פאַרברעכערישע טיפּן, וואָס איר האַלט פאַר נידעריקער פון דעם דורכשניט.

— און איך קען מענטשן, וואָס שטייען גאָרנישט דער ערך העכער פאַר זייערע ריכטער; אַלע סעקטאַנטן זענען מענטשן מאָראַלישע, פעסטע...

אָבער איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש האָט מיט דער געוווינהייט פון אַ מענטש, וועלכן מ'שלאָגט נישט איבער, בשעת ער רעדט, — נישט גע־הערט וואָס נעכליודאָוו זאָגט און נישט אויפגעהערט צו רעדן גלייכצייטיק מיט נעכליודאָוון, וואָס דאָס האָט יענעם באַזונדערס דענערווירט.

— איך קאָן אויך נישט מסכּים זיין, אַז דאָס געריכט זאָל האָבן פאַר אַ ציל אונטערשטיצן די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג. דאָס געריכט איז אויסן זיינע אייגענע צילן — אָדער עס וויל אויסבעסערן...

— נישקשה פון אַן אויסבעסערן אין די תּפיסות, — האָט נעכליו־דאָוו אַריינגעוואָרפן.

— אָדער עס וויל באַזייטיקן, — האָט איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש מיט עקשנות ממשיך געווען, — די פאַרדאָרבענע און די מענטשן־חיות, וואָס שטעלן אין סכּנה די עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט.

— אָט דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס דאָס געריכט טוט נישט נישט דאָס ערשטע נישט דאָס צווייטע. די געזעלשאַפט האָט נישט קיין מיטלען דאָס צו טון.

— וואָס הייסט? איך פאַרשטיי נישט, — האָט איגנאַטי ניקיפאָ־ראָוויטש געפרעגט, מיט געוואַלט שמייכלענדיק.

— איך וויל זאָגן, אַז פאַרנונפטיקע באַשטראָפונגען איז אייגנטלעך פאַראַן בלויז צוויי — אָט די, וואָס מ'האָט גענוצט פאַרצייטנס: לייב־שטראָף און טויט־שטראָף, אָדער צוליב דעם וואָס די זיטן ווערן מילדער, גייען זיי וואָס אַמאָל מער אַרויס פון געברויך, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— אַט דאָס איז טאַקע זייער מאָדערן און חידושלעך פון אייך צו הערן.

— געוויס, ס'האָט אַ זין צו טון דעם מענטש ווי, כדי ער זאָל ווייטער נישט טון אַזוינס, פאַרוואָס מ'האָט אים געטון ווי; און ס'איז געוויס אַ שכל אַראָפּצוהאַקן דעם קאָפּ אַ מענטש, וואָס איז שעדלעך, געפערלעך פאַר דעם מענטש. דידאָזיקע ביידע שטראָפן האָבן אַ פּאַר־נונפטיקן זין. אָבער וואָס פאַר אַ זין האָט אַ מענטש, וואָס איז דעמאָראַ־ליזירט דורך ליידיקגייעריי און שלעכטן ביישפּיל פאַרשפּאַרן אין טורמע, אין די באַדינגונגען פון באַוואָרנטער און אומבאַדינגטער ליידיקגייעריי און אין דער חברותא פון די פאַרדאָרבנסטע מענטשן? אָדער סתם אַזוי אַריבערצופירן אויפן השבון פון דער מלוכה — יעדער קאָסט אָפּ 500 רובל — פון טולער גובערניע אין אירקוטסקער, אָדער פון קורסקער אין...

— אָבער פונדעסטוועגן האָבן מענטשן מורא פאַר אַזעלכע נסיעות אויפן חשבון פון דער מלוכה, און ווען דידאָזיקע נסיעות און טורמעס וואָלטן נישט געווען, וואָלטן מיר דאָ נישט געזעסן מיט אייך, ווי מיר זיצן איצט.

— די טורמעס קאָנען נישט באַוואָרענען אונזער זיכערקייט, וואָרים די מענטשן זיצן דאָרטן נישט אייביק, מ'לאָזט זיי אַרויס. פאַרקערט, אין דידאָזיקע אַנשטאַלטן ברענגט מען דידאָזיקע מענטשן ביז צו דער העכ־סטער מדרגה פון פאַרדאָרבנקייט און אויסגעלאַסנקייט. ד"ה, מ'פאַרגרע־סערט די סכנה.

— איר ווילט זאָגן, אַז דער פּעניטענציאַרער סיסטעם דאַרף פאַר־פולקאָמט ווערן?

— מ'קאָן אים נישט פאַרפולקאָמען. פאַרפולקאָמטע טורמעס וואָלטן געקאָסט טייערער, וויפיל מ'גיט אויס אויף פאָלקסבילדונג, און וואָלטן זיך ווידער געלייגט אויף דעם פאָלק ווי אַ נייע משא.

— אָבער די חסרונות פון דעם פּעניטענציאַרן סיסטעם אינוואַלי־דירן דאָך בשום אופן נישט דעם עצם געריכט, — האָט איגנאַטי ניקי־פאָראָוויטש ווייטער געהאַלטן זיין רעדע, נישט הערנדיק דעם שוואָגער.

— מ'קאָן דידאָזיקע חסרונות נישט פאַרריכטן. — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, אויפהייבנדיק דאָס קול.

— איז וואָס־זשע דען? דאַרף מען הרגענען? אָדער אויסשטעכן די אויגן, ווי איינער אַ מלוכה־טוער האָט פאַרגעלייגט.

— יאָ, דאָס וואָלט געווען אכזריותדיק, אָבער צוועקמעסיק. אָבער דאָס, וואָס ווערט איצט געטון, איז אי אכזריותדיק אי נישט צוועקמעסיק, איז אַזוי ווייט נאַריש, אַז מ'קאָן נישט באַגרייפן, ווי אַזוי פּסיכיש געזונטע מענטשן קאָנען זיך באַטייליקן אין אַזאַ אומגעלומפּערטער און אכזריותדיקער זאַך, ווי דאָס געריכט איז.

— און אָט איך באַטייליק זיך יאָ אין דעם, — האָט איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש געזאָגט, בלאַס ווערנדיק.

— דאָס איז אייער זאַך. אָבער איך פאַרשטיי דאָס נישט.

— איך מיין, אַז איר פאַרשטייט אַ סך זאַכן נישט, — האָט מיט אַ ציטערנדיקער שטים איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש געזאָגט.

— איך האָב געזען אויפן געריכט, ווי אַזוי אַ געהילפספּראָקוראָר האָט מיט אַלע כוחות געזוכט צו באַשולדיקן אַן אומגליקלעך יינגל, וועלכער האָט אין יעדן נישט דעמאָראַליזירטן מענטש געקאָנט דערוועקן רחמנות בלויז; איך ווייס, ווי אַזוי אַ צווייטער פּראָקוראָר האָט גענומען אויפן פאַרהער אַ סעקטאַנט און האָט אונטערגעפירט דאָס לייענען עוואַנגעליום אונטערן קרימינעלן געזעץ; אָבער די גאַנצע טעטיקייט פון די געריכטן באַשטייט דאָך פון אַזעלכע אומזיניקע און אכזריותדיקע האַנדלונגען.

— איך וואָלט נישט געדינט, ווען איך וואָלט אַזוי געטראַכט, — האָט איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש געזאָגט און איז אויפגעשטאַנען.

נעכליודאָוו האָט דערזען אַ באַזונדערן גלאַנץ אונטער דעם שוואָגערס ברילן. „זאָלן דאָס זיין טרערן?" האָט נעכליודאָוו אַ טראַכט געטון. און דאָס זענען טאַקע געווען טרערן פון באַליידיקונג. איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש איז צו צום פענצטער, אַרויסגענומען אַ טיכל און הוסטנדיק אָנגעהויבן אויסצווישן די ברילן און באַם אויסטון זיי אַ ווייש געגעבן די אויגן אויך. צוריקגעקערט זיך אויפן דיוואַן, האָט איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש פאַררייכערט אַ ציגאַר און מער גאָרנישט געזאָגט. נעכליודאָוון האָט באַנג געטון און ער האָט זיך געשעמט, וואָס ער האָט אַזוי ווייט מצער געווען דעם שוואָגער און די שוועסטער, בפרט אַז ער האָט מאָרגן געדאַרפט אָוועקפאָרן און וועט זיך מער מיט זיי נישט זען. אין דעם צושטאַנד פון פאַרלעגנהייט האָט ער זיך געזעגנט מיט זיי און איז אָוועקגעפאָרן אהיים.

„עס קאָן זייער זיין, אז אמת איז, וואָס איך האָב געזאָגט, אַלנ־פאַלס האָט ער מיר גאַרנישט אָפּגעענטפערט. אָדער נישט אזוי האָט מען באַדאַרפט רעדן. ווייזט אויס, איך האָב זיך ווייניק געענדערט, אויב איך האָב געקאָנט אזוי מיטגעריסן ווערן פון אַ נישט גוט געפיל און אזוי אים באַליידיקט און מצער זיין די אָרימע נאַטאַשע", האָט ער געטראַכט.

XXXIV.

די פּאַרטיע, מיט וועלכער מאַסלאָוואַ איז געגאַנגען, האָט גע־דאַרפט אָוועקגיין פון וואָקזאַל דריי אַ זייגער, און כדי צו זעען, ווי די פּאַרטיע גייט אַרויס פון טורמע און מיט איר צוזאַמען אָנקומען צום וואָקזאַל פון דער אייזנבאַן, האָט נעכליודאָוו דעריבער געהאַט בדעה צוצופאָרן אין טורמע פאַר צוועלף.

איינפּאַקנדיק די זאַכן און די פּאַפּירן, איז נעכליודאָוו שטיין גע־בליבן אויף זיין טאָגבוך, האָט איבערגעלייענט אייניקע ערטער און דאָס לעצטע, וואָס איז געווען אין אים פאַרשריבן. דאָס לעצטע פאַרן אָפּ־פאָר קיין פּעטערבורג איז געווען פאַרשריבן: „קאַטיושאַ וויל נישט מיין קרבן, נאָר זי וויל איר קרבן. זי האָט מנצח געווען און איך האָב מנצח געווען. זי פרייט מיך מיט דער אינעווייניקסטער פאַרענדערונג, וואָס — מיר דאַכט זיך, — איך האָב מורא צו גלייבן, עס קומט פאָר אין איר. איך האָב מורא צו גלייבן, אָבער מיר דאַכט זיך, אז זי לעבט אָפּ". דערביי איז אויך געווען אָנגעשריבן: „איך האָב איבערגעלעבט זייער אַ שווערע זאַך און זייער אַ פריידפולע. בין געוווּיר געוואָרן, אז זי האָט זיך נישט גוט אויפגעפירט אין שפּיטאָל. און פּלוצלינג איז געוואָרן שרעק־לעך באַנג. כ'האָב זיך נישט געריכט, אז עס זאָל אזוי וויי טון. מיט עקל און שנאה האָב איך מיט איר גערעדט און דערנאָך האָב איך פּלוצ־לינג זיך דערמאַנט אָן זיך, אָן דעם, ווי איך בין אפילו איצטער אַ סך מאָל, הגם נאָר אין געדאַנק, געווען שולדיק אין דעם, וואָס איך האָב זי געהאַסט, און פּלוצלינג אין דער זעלבער צייט בין איך זיך אַליין גע־וואָרן דערווידעריק און אויף איר איז געוואָרן אַ רחמנות, און מיר איז געוואָרן זייער גוט. ווען מיר וואָלטן עס אַלע מאָל באַצייטנס דער־

זעען דעם קלאָץ אין דעם אייגענעם אויג, וואָלטן מיר געווען אַ סך בעסער!" אויף דער היינטיקער דאַטע האָט ער פאַרשריבן: „בין געווען בא נאַטאַשען און גראַד דערפאַר, וואָס איך בין געווען צופרידן פון זיך, בין איך געווען נישט קיין גוטער, נאָר אַ בייזער, און ס'איז איבערגע-בליבן אַ שווער געפיל. וואָס-זשע טוט מען? פון מאָרגן אָן אַ ניי לעבן. אַדיע, דאָס אַלטע לעבן, און אויף אייביק. אַ סך איינדרוקן האָבן זיך אָנ-געזאַמלט, אָבער איך קאָן נאָך אַלץ נישט צופירן זיי צו אַ סך-הכל".

זיך אויפגעכאַפּט אויף מאָרגן אינדערפרי, איז דאָס ערשטע געפיל נעכליודאָווס געווען — חרטה אויף דעם, וואָס ס'איז בא אים אַרויסגעקו-מען מיטן שוואָגער. „אַזוי טאָר מען נישט אַוועקפאָרן, — האָט ער גע-טראַכט, — מ'דאַרף צו זיי זיך אַראָפּכאַפּן און פאַרגלעטן". אָבער אַ קוק געטון אויפן זייגער, האָט ער דערזעען, אַז ס'איז שוין איצטער שפּעט און מ'דאַרף זיך צואיילן, נישט צו פאַרשפּעטיקן צום אַרויסגאַנג פון דער פּאַרטיע. אין איילעניש זיך איינגעפּאַקט און דעם שווייצאַר און טאַראַסן, פעדאָסיעס מאַן, וועלכער איז מיט אים מיטגעפאָרן, אַוועקגעשיקט מיט די זאַכן גלייך אויפן וואָקזאַל, האָט נעכליודאָוו גענומען די ערשטע בעס-טע דראָזשקע און איז אַוועקגעפאָרן אין טורמע אַריין.

דער אַרעסטאַנטן-צוג איז אָפּגעגאַנגען מיט צוויי שעה פריער פאַר דעם פּאָסט-צוג, מיט וועלכן נעכליודאָוו איז געפאָרן, און דעריבער האָט ער זיך אינגאַנצן אויסגערעכנט אין האָטעל, נישט געהאַט בדעה זיך מער צוריקצוקערן.

עס זענען געווען שווערע יולי-היצן. די שטיינער פון די גאַסן און די מויערן און דאָס אייזן פון די דעכער, נישט אָפּגעקילט זיך נאָך דער דומפּיקער נאַכט, האָבן אָפּגעגעבן זייער וואַרעמקייט אין דער הייסער, אומבאַוועגלעכער לופט אַריין. קיין ווינט איז נישט געווען, און אַז ער פלעגט יאָ אַ ווייע טון, האָט ער געבראַכט אָן עיפּושדיקע און הייסע לופט, אָנגעזאַפּט מיט שטויב און מיט דעם געשטאַנק פון אייל-פאַרב. אויף די גאַסן זענען געווען ווייניק מענטשן, און די, וואָס זענען געווען, האָבן געזוכט צו גיין אין שאָטן פון די הייזער. בלויז די פון דער זון שוואַרץ-פאַרברוינטע פויערים-ברוקירער אין לאַפּטשעס זענען געזעסן אינמיטן גאַס און געקלאַפּט מיט די העמערלעך איבער די קיזלשטיינער, אַריינ-לייגנדיק זיי אין דעם הייסן זאַמד, און די פינצטערע פּאָליציאַנטן אין די נישט געווייסטע לייוונטענע בלוזעס מיט די אָראַנזשענע רעוואָלווער-שנורן זענען געשטאַנען אינמיטן גאַס, פאַראומערט בייטנדיק אַ פוס אויף אַ פוס.

און די טראַמװײען, פון איין זײט פאַרהאַנגען פון דער זון, געשפּאַנט אין פערד אין װײסע קאַפּטערס, װאָס דורך זײערע אױסשניטן האָבן געשטאַרצט די אויערן, האָבן קלינגענדיק זיך דורכגעטראָגן הין און צוריק איבער די גאַסן.

אַז נעכליודאָװ איז צוגעפאָרן צו דער טורמע, איז די פּאַרטיע נאָך נישט געװען אַרויסגעגאַנגען, און אין טורמע איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען אַ פאַרשטאַרקטע אַרבעט פון אָפּגעבן און צונעמען די אױסגעריכטע אַרעסטאַנטן, װעלכע האָט זיך אָנגעהױבן פיר אַ זײגער פאַרטאָג. אין דער אױסגעריכטער פּאַרטיע איז געװען 623 מענער און 64 פרויען; אַלעמען האָט מען באַדאַרפט דורכקאָנטראָלירן לױט די רשימות, אָפּקלױבן די קראַנקע און שװאַכע און איבערגעבן דעם קאָנװאָי. דער נײער אינספּעקטאָר, די צװײ געהילפן זײנע, דער דאָקטאָר, דער פעלדשער, דער קאָנװאָי־אָפיציר און דער שרײבער זענען געזעסן בײַ אַ טיש, װאָס מ׳האָט אַרױסגעשטעלט אױפן הױף אין שאָטן, מיט פּאַפּירן און שרײַבגעצײג און אײנציקװײז אױסגערופן, באַקוקט, פאַרהערט און פאַרשריבן די אַרעסטאַנטן, װאָס פלעגן צוגײן אײנס נאָכן אַנדערן.

דער טיש איז שױן איצט האַלב געװען פאַרכאַפּט פון די זונענשטראַלן. ס׳איז געװאָרן הײס און דערהױפּט דומפּיק פון דער װענטילאַציע און פון דעם אָטעמען פון דער מחנה אַרעסטאַנטן, װעלכע זענען געשטאַנען דערבײ.

— װאָס טוט זיך דאָ, עס װעט דאָך קײן סוף נישט נעמען! — האָט פאַרציִענדיק זיך מיט אַ פּאַפּיראָס געזאָגט דער קאָנװאָי־פירער, אַ הױכער, אַ דיקער, אַ רױטער, מיט אױפגעהױבענע אַקסלען און קורצע הענט, װאָס האָט געהאַלטן אין אײן רױכערן אין די װאָנסעס, װאָס האָבן אים פאַרדעקט דאָס מױל. — פּשוט פאַרמאַטערט! װוּ האָט איר זײ גענומען אַזױ פיל! פאַראַן נאָך אַ סך?

דער שרײבער האָט זיך דערקונדיקט.

— נאָך פיר און צװאָנציק מאַן אַ חוץ פרויען.

— נו, װאָס שטײט איר, אַהערצו גײ!... האָט דער קאָנװאָי־פירער אַ געשרײ געגעבן אױף די נאָך נישט קאָנטראָלירטע אַרעסטאַנטן, װאָס האָבן זיך געשטופּט אײנער הינטער דעם אַנדערן. די אַרעסטאַנטן זענען שױן איבער דרײ שעה געשטאַנען שורותװײז און נישט אין שאָטן, נאָר אױף דער זון, װאַרטנדיק אױף זײער רײ.

דידאָזיקע אַרבעט איז אָנגעגאַנגען אין טורמע אינעװײניק, פון

דרויסן ווידער, באַם טויער, איז ווי געוויינלעך געשטאַנען אַ וואַך-זעלנער מיט אַ ביקס, אַ צוויי צענדלינג קאַרעס פאַר די זאַכן פון די אַרעסטאַנטאַנטן, און פאַר די שוואַכע און אויפן ראַג אַ הייפל קרובים און פריינט, וואָס האָבן געוואַרט, די אַרעסטאַנטן זאָלן אַרויסגיין, צו כאַפּן אַ קוק אויף זיי און, טאָמער וועט מעגלעך זיין, אויך אַ שמועס און איבערגעבן וואָס-עס-איז די פאַרשיקטע. צו דעם רעדל איז אויך צוגעשטאַנען נעכליודאָוו.

ער איז דאָ אָפּגעשטאַנען באַ אַ שעה צייט. צום סוף פון דער שעה האָט זיך דערהערט אַ קלינגערײַ פון קייטן, אַ הילכן פון טריט, שטימען פון די באַאַמטע, אַ הוסטן און שטילע רייד פון אַ גרויסן עולם. אַזוי האָט געדויערט אַ מינוט פינף, און אין דער צייט זענען אין פערטל אַריין און אַרויסגעגאַנגען די טורמע-אויפזעער. ענדלעך האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע. מיט אַ גערודער האָט זיך געעפנט דאָס טויער, דאָס קלינגען פון די קייטן האָט זיך געהערט שטאַרקער, און אויף דער גאַס זענען אַרויס די קאָנוואָי-זעלנער אין ווייסע בלוזעס, מיט ביקסן און האָבן, ווייזט אויס — ווי צו אַ באַקאַנטן און געוויינטן מאַנעוור — זיך אויסגעשטעלט אין אַ רעגלמעסיקן ברייטן עיגול פאַרן טויער. אַז זיי האָבן זיך אַזוי אויסגעשטעלט, האָט זיך דערהערט אַ נייע קאָמאַנדע און די אַרעסטאַנטן האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין פּאַרווייז אין פלאַטשיקע היטלען אויף די געגאָלטע קעפּ, מיט זעק אויף די פּלייצעס, שלעפּנדיק די פאַרשמידטע פיס און מאַכנדיק מיט אַ פרייער האַנט, און מיט דער אַנדערער — צוהאַלטנדיק דעם זאַק אויף דער פּלייצע. אויף צו פריער זענען געגאַנגען די קאַטאָרזשאַנער, מענער אין פון איינע גרויע הויזן, און כאַלאַטן מיט אַ לאַטע אויפן רוקן. זיי אַלע — יונגע, אַלטע, דאַרע, גראָבע, בלאַסע, רויטע, שוואַרצע, וואָנסיקע, בערדיקע, אָנבערדיקע, רוסן, טאָטערן, יידן, — זענען אַרויסגעגאַנגען, קלינגענדיק מיט די קייטן און ענערגיש מאַכנדיק מיט דער האַנט, גלייך זיי וואָלטן זיך געקליבן גיין ערגעץ העט ווייט, אָבער אָפּגעגאַנגען צען טריט, זענען זיי געבליבן שטיין און אונטערטעניק זיך אויסגעשטעלט צו פיר אין אַ ריי, איינס הינטער דעם אַנדערן. נאָך זיי האָבן אָן אָן אָפּהאַלט אַ שטראָם געטון פון טויער מענטשן. פּונקט אַזוי געגאָלטע, אָן קייטן אויף די פיס, נאָר געשמידט די הענט, אין פּונקט אַזעלכע קליידער. דאָס זענען געווען די פאַרשיקטע. זיי זענען אויך אַרויסגעגאַנגען ענערגיש, שטיין געבליבן און זיך אויסגעשטעלט אויך צו פיר אין אַ ריי. דערנאָך זענען געגאַנגען די פּאָליטישע. דערנאָך די פרויען, אויך

אין אַ סדר, צוערשט — די קאַטאָרזשאַנערינס, אין אַרעסטאַנטישע קאָפּ־טעס און טיכלעך; דערנאָך די פאַרשיקטע פרויען און די, וואָס זענען פרייוויליק געגאַנגען, אין זייערע שטאָטישע און דאָרפישע בגדים. אייניקע פרויען האָבן געטראָגן זייג־קינדער אין די פּאָלעס פון די גרויע קאָפּטעס.

מיט די פרויען זענען געגאַנגען צופוס די קינדער, — ייִנגלעך און מיידלעך. די דאָזיקע קינדער, ווי לאָשעקלעך אין אַ טאַבון פערד, האָבן זיך געטוליעט צו די אַרעסטאַנטן. די מענער האָבן זיך אויסגעשטעלט שווייגנדיקערהייט, בלויז פון צייט־צו־צייט אַ הוסט געטון אָדער געמאַכט אָפּגעהאַקטע באַמערקונגען. צווישן די פרויען אָבער האָט זיך געהערט אַן אומאויפהערלעך גערעדערייִ. נעכליודאָוו האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט דערקענט מאַסלאָוואַ, בשעת זי איז אַרויסגעגאַנגען. אָבער באַלד איז זי פאַרלוירן געגאַנגען צווישן דער גרויסער צאָל אַרעסטאַנטן, און ער האָט געזען בלויז אַן ערב־רב פון גרויע ברואים, עפּעס גאָר ווי אָן אַ מענטשלעכער, בפרט אַ ווייבלעכער אייגנשאַפט, מיט קינדער און זעק, וואָס האָבן זיך צעשטעלט הינטער די מאַנסבילן.

הגם אַלע אַרעסטאַנטן האָט מען געציילט אין די ווענט פון טור־מע, האָט דער קאָנוואָי ווידער גענומען ציילן, קאָנטראָלירנדיק, צי עס שטימט מיט דעם פריערדיקן חשבון. די דאָזיקע איבערציילונג האָט גע־דויערט אַ לאַנגע צייט, דערהויפּט דערפאַר, וואָס אייניקע אַרעסטאַנטן האָבן זיך באַוועגט, אַריבערגייענדיק פון אָרט צו אָרט, און דערמיט האָבן זיי געפּלאָנטערט דעם קאָנוואָי אין חשבון. די קאָנוואָי־זעלנער האָבן גע־זידלט און געשטויסן די אונטערטעניקע, אָדער בייז־פאַרביסן געהאָרכזאַ־מע אַרעסטאַנטן און ווידעראַמאָל אָנגעהויבן ציילן. אַז מ׳האָט אַלעמען איבערגעציילט אויף אַ נייעם קאָן, האָט דער קאָנוואָי־אָפיציר געגעבן עפּעס אַ קאָמאַנדע, און צווישן דעם עולם איז געוואָרן אַ מהומה. די שוואַכע מאַנסבילן, ווייבער און קינדער האָבן, איבעריאָגנדיק איינס דאָס אַנדערע, זיך געלאָזט לויפן צו די פורן און אָנגעהויבן אַרויפפּאַקן אויף זיי די זאַכן און דערנאָך אַליין אַרויפקריכן. ס׳זענען געקראָכן און זיך אויסגעזעצט ווייבער מיט וויינענדיקע זייג־קינדער, פריילעכע קינדער, וואָס האָבן זיך צעמגעקריגט פאַר אַן אָרט, און פאַראומערטע, פינצטערע אַרעסטאַנטן.

עטלעכע אַרעסטאַנטן האָבן אויסגעטון די היטלען און צוגעגאַנגען צום קאָנוואָי־אָפיציר, אים עפּעס געבעטן. ווי נעכליודאָוו איז שפּעטער געוויר געוואָרן, האָבן זיי זיך געבעטן אויף די פורן. נעכליודאָוו האָט געזעען, ווי אַזוי דער קאָנוואָי־אָפיציר האָט שווייגנדיק, נישט קוקנדיק אויף דעם בעטער, זיך פאַרצויגן מיט אַ פּאַפּיראָס, און ווי ער האָט דערנאָך פלוצלינג זיך פאַרמאָסטן מיט זיין קורצער האַנט אויף דעם אַרעסטאַנט, און ווי אַזוי יענער האָט אַריינגעצויגן דעם געגאָלטן קאָפּ אין די אַקסלען, דערוואַרטנדיק אַ קלאַפּ, און איז פון אים אָפּגעשפּרונגען.

— איך וועל דיר ווייזן פּריצישאַפט, אַז דו וועסט געדענקען! נישקשה, וועסט דערגיין צופוס! — האָט דער אָפיציר אויסגעשריגן.

בלויז איינעם אַן אַלטן מאַן מיט לאַנגע פיס, וואָס האָט זיך געוואַקלט אין זיינע פיס־קייטן, האָט דער אָפיציר געלאָזט אויף דער פור, און נעכליודאָוו האָט געזעען, ווי אַזוי דער אַלטער האָט, אויסטוענדיק זיין פלאַטשיק היטל, זיך געצלמט, גייענדיק צו די פורן, און ווי אַזוי ער האָט דערנאָך אַ היפּשע צייט נישט געקאָנט אַרויפקריכן צוליב די קייטן, וועלכע האָבן געשטערט אויפצוהייבן דעם שוואַכן, אַלטן, פאַרשמידטן פוס, און ווי אַזוי אַ ווייבל, וועלכע איז שוין געזעסן אויפן וואָגן, האָט אים געהאָלפן, אַרויפגעשלעפּט אים פאַר אַ האַנט.

אַז אַלע פורן זענען פול געוואָרן מיט זעק און אויף די זעק האָבן זיך געזעצט די, וואָס מ׳האָט עס זיי דערלויבט, האָט דער קאָנוואָי־אָפּיציר אויסגעטון דאָס היטל, אויסגעווישט מיט אַ טיכל דעם שטערן, דעם פליך און דעם רויטן דיקן האַלז און האָט זיך איבערגעצלמט.

— פּאַרטיע, מאַרש! — האָט ער געגעבן אַ קאָמאַנדע. די סאָלדאַטן האָבן אַ קלימפּער געטון מיט די ביקסן, די אַרעסטאַנטן, אויסגעטון די היטלען, טייל — מיט די לינקע הענט, האָבן זיך גענומען צלמען, די באַגלייטער האָבן עפּעס צוגעשריגן, און עפּעס האָבן די אַרעסטאַנטן זיי צוגעשריגן אַלס ענטפער, צווישן די ווייבער איז געוואָרן אַ געיאָמער, און די פּאַרטיע, אַרומגערינגלט מיט זעלנער אין ווייסע בלוזעס, האָט גערירט, אויפהייבנדיק אַ שטויב מיט די דורך קייטן געבונדענע פיס. פאָראויס זענען געגאַנגען די סאָלדאַטן, הינטער זיי — קלימפּערנדיק מיט די קייטן, די קאַטאָרזשאַנער, צו פיר אין אַ ריי, הינטער זיי די פאַרשיקטע, דערנאָך די פּאָליטישע, צונויפגעשמידטע פּאָרוויז דורך הענטקייטן, דערנאָך די פרויען. ערשט דאַן זענען געפאָרן די פורן, אַנגע־

לאָדן מיט זעק און שוואַכע, און אויף איין פֿור איז הויך געזעסן אַ פֿאַרוויקלטע פֿרוי און האָט געהאַלטן אין איין קוויטשען און יאָמערן. —

XXXV.

דער צוג איז געווען אַזאַ לאַנגער, אַז בשעת די פֿאָדערשטע האָבן זיך שוין פֿאַרלוירן פֿון אויג, האָבן די פֿורן מיט די זעק און די שוואַכע נאָר־וואָס געהאַט גערירט. אַז די פֿורן האָבן גערירט, האָט נעכליודאָוו זיך געזעצט אויף דער דראָזשקע, וועלכע האָט אויף אים געוואַרט, און געהייסן דעם פֿורמאַן אַריבעריאָגן די פּאַרטיע, כּדי איינצוקוקן זיך, אפֿשר זענען פֿאַראַן באַקאַנטע אַרעסטאַנטן צווישן די מענער און דערנאָך אויפֿזוכן צווישן די פֿרויען מאַסלאָווען צו פֿרעגן בײַ איר, צי האָט זי באַקומען די צוגעשיקטע זאַכן.

ס׳איז געוואָרן זייער הייס. קיין ווינט איז נישט געווען, און דער שטויב, וואָס די טויזנטער פֿיס האָבן אויפֿגעהויבן, איז די גאַנצע צייט געשטאַנען איבער די אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן זיך באַוועגט איבער דער מיט גאַס. די אַרעסטאַנטן זענען געגאַנגען מיט שנעלע טריט, און דאָס פּאַמעלעכע פֿורמאַנישע פֿערדל, וואָס האָט געפֿירט נעכליודאָוון, האָט נאָר לאַנגזאַם זיי אַריבערגעיאָגט. רייען נאָך רייען זענען געגאַנגען די אומבאַקאַנטע ברואים פֿון אויסטערלישן און שרעקלעכן געשטאַלט, וועלכע האָבן באַוועגט מיט טויזנטער אַלצאיינס באַשוכטע און באַקליידטע פֿיס און דעם טאַקט פֿון די טריט געמאַכט מיט די פֿרייע הענט, גלייך ווי צוגעבנדיק זיך מוט. זיי זענען געווען אַזוי פֿיל, זיי זענען געווען אַזוי איינאַרטיק און אין אַזעלכע באַזונדערע אויסטערלישע באַדינגונגען זענען זיי אַוועקגעשטעלט געוואָרן, אַז נעכליודאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זענען נישט קיין מענטשן, נאָר עפּעס אַזעלכע באַזונדערע, שרעקלעכע באַשעפֿענישן. דעמדאָזיקן איינדרוק האָט בײַ אים צעשטערט בלויז דאָס, וואָס אין דער מחנה קאַטאָרזשאַנער האָט ער דערקענט דעם מערדער־אַרעסטאַנט פֿעדאָראָוו, און צווישן די פּאַרשיקטע דעם דאָסגלייכן באַקאַנטן קאָמיקער אָכאָטין און נאָך איינעם אַ שלעפּער, וועלכער האָט זיך געהאַט

געווענדט צו אים. כמעט אַלע אַרעסטאַנטן האָבן זיך אומגעקוקט, געוואָרפן קרומע בליקן אויף דער דראָזשקע, וועלכע האָט זיי איבערגעיאָגט. און אויף דעם הער, וואָס איז אויף איר געזעסן און זיך אין זיי איינגעקוקט. פעדאָראָוו האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ אַרויפצו אַלס צייכן, אַז ער האָט דערקענט נעכליודאָוון; אָכאָטין האָט צוגעפינטלט מיט אַן אויג. אָבער נישט דער, נישט יענער האָבן זיך נישט אַ נייג געטון, האַלטנדיק דאָס פאַר אומדערלויבט. אָנגעיאָגט די פרויען, האָט נעכליודאָוו גלייך דערזעען מאַסלאָווען. זי איז געגאַנגען אין דער צווייטער ריי פון די פרויען. צום ברעג איז געגאַנגען אַ פאַרפלאָמטע, קורצפיסיקע, שוואַרץ-אויגיקע, העסלעכע פרוי, דער כאַלאַט אַריינגעמאַכט אין דער גאַרטל; דאָס איז געווען כאָראָשאַווקאַ. דערנאָך איז געגאַנגען אַ מעוברתע פרוי, וואָס האָט קוים געשלעפּט די פיס, און די דריטע איז געווען מאַסלאָוואַ. זי האָט געטראָגן אַ זאַק אויף די פּלייצעס און געקוקט גלייך פאַר זיך. איר פּנים איז געווען רויק און אַנטשלאָסן. די פערטע אין דער ריי מיט איר האָט מונטער געשפּרייזט אַ יונגע, שיינע פרוי אין אַ קורצן כאַלאַט און אויף אַ ווייבערישן שטייגער אויסגעבונדן טיכל; דאָס איז געווען פעדאָסיאַ. נעכליודאָוו איז אַראָפּ פון דער דראָזשקע און צוגעגאַנגען צו די גייענדיקע פרויען, געוואָלט פרעגן באַ מאַסלאָווען וועגן די זאַכן און וועגן דעם, ווי אַזוי זי פילט זיך; אָבער דער קאָנוואָי-אונטעראָפיציר, וועלכער איז געגאַנגען פון דער זייט פאַרטיע, האָט גלייך עס באַמערקט און איז צוגעלאָפן צו אים.

— מ'טאָר, מיין הער, נישט צוגיין צו דער פאַרטיע, ס'איז פאַרבאָטן, — האָט ער געשריגן צוגייענדיק.

צוגעקומען נעענטער און דערקענט נעכליודאָוון אין פּנים (אין טורמע האָבן אַלע שוין געקענט נעכליודאָוון), האָט דער אונטעראָפיציר צוגעלייגט די פינגער צום היטל און, שטיין געבליבן לעבן נעכליודאָוון, געזאָגט:

— איצט טאָר מען נישט. אויפן וואָקזאַל מעגט איר יאָ, אָבער דאָ איז פאַרבאָטן. נישט אָפּגעשטאַנען, מאַרש! — האָט ער אַ געשריי געגעבן אויף די אַרעסטאַנטן און, מאַכנדיק זיך קוראַזש, טראָץ דער היץ, אַ לויף געטון אין זיינע נייע טשאַקעדיקע שטיוול צו זיין אָרט.

נעכליודאָוו האָט זיך אומגעקערט אויפן טראָטואַר, געהייסן דעם פורמאַן פאָרן הינטער אים און אַוועקגעגאַנגען צופּיס, נישט צו פאַרלירן די פאַרטיע פון אויג. ווו די פאַרטיע איז נאָר פאַרביגעגאַנגען,

האָט זי אומעטום געצויגן אויף זיך אויפמערקזאַמקייט, געמישט מיט מיטלייד און פּחד. די דורכפאָרער האָבן זיך אַרויסגערוקט פון די עקיפּאַזשן און כּל־זמן עס האָט זיך געלאָזט — באַגלייט די אַרעסטאַנטן מיט די אויגן. די פוסגייער פלעגן זיך אָפּשטעלן און פאַרוואונדערט און דערשראָקן געקוקט אויף דעם שרעקלעכן בילד. אייניקע זענען צוגעגאַנגען און דערלאַנגט אַ נדבה. די נדבות האָבן צוגענומען די קאָנוואָי־זעלנער. אייניקע זענען נאָכגעגאַנגען די פּאַרטיע אַזוי ווי פאַרהיפּנאָטיזירטע, נאָר דערנאָך פלעגן זיי שטיין בלייבן און, שאָקלענדיק מיט די קעפּ, בלויז באַגלייטן די פּאַרטיע מיט די אויגן. פון טירן און פון טויערן, רופנדיק איינס דעם אַנדערן, זענען אַרויסגעלאָפן מענטשן און זיך אַרויסגעהאָנגען פון די פענצטער און האָבן שטאַר און שווייגנדיק געגאַפט אויף דעם שרעקלעכן צוג. אויף אַ ראָג פון גאַס האָט די פּאַרטיע געשטערט דורכצופאָרן אַ רייכן עקיפּאַזש. אויף דער קעלניע איז געזעסן אַ קוטשער מיט אַ פעט־גלאַנציק פּנים, דיקן קאַרק, מיט ראָנדן קנעפּ אויף דעם רוקן, אין דער קאָטש אויף דעם הינטערשטן זיץ — זענען געזעסן אַ פּאָרפאָלק: דאָס ווייב — אַ דאַרע און אַ בלאַסע, אין אַ העל היטעלע, מיט אַ העלן שירעם, און דער מאַן אין אַ צילינדער און אַ העל פראַנטיש מאַנטל. פון פאָרנט זיי קעגנאיבער זענען געזעסן זייערע קינדער: אַ מיידעלע אויסגעפּוצט און פריש ווי אַ בלימעלע, מיט צעלאָזטע העלבלאָנדע האָר, אויך מיט אַ העל שירעמל, און אַן אַכטיעריק יינגעלע מיט אַ לאַנגן, דאַרן האַלז און שטאָרצנדיקע שליסלביינער, אין אַ מאַטראָסיש היטעלע, באַפּוצט מיט לאַנגע בענדער. דער פאָטער האָט זיך געבייזערט אויפן קוטשער, פאַרוואָס יענער האָט באַצייטנס נישט אויסגעמידט די פּאַרטיע, וועלכע האָט זיי איצט פאַרהאַלטן, און די מוטער האָט זיך מיט אַ ווידערגעפיל געזשמורעט און געקרימט, שיצנדיק זיך פון זון און שטויב מיטן זיידענעם שירעם, וואָס זי האָט אינגאַנצן אַראָפּגערוקט אויפן פּנים. דער קוטשער מיטן דיקן קאַרק האָט זיך פאַר כּעס געריצלט, אויסהערנדיק די אומגערעכטע פאָרווורפן פון דעם באַלעבאָס, וועלכער האָט דאָ אַליין אים געהייסן פאָרן דווקא דורך דער גאַס, און האָט קוים מיט צרות איינגעהאַלטן די פעך־שוואַרצע, גלאַנציקע מיט שוים באַדעקטע אָגערס, וועלכע האָבן שוין נישט געקאָנט מער איינשטיין אויפן אָרט.

דער פּאָליציאַנט האָט מיטן גאַנצן האַרץ געוואָלט צופרידנשטעלן דעם אייגנטימער פון דער רייכער קאָטש און דורכלאָזן זי, אָפּשטעלנדיק

די אַרעסטאַנטן, ער האָט אָבער געפילט, אַז אין דעמדאָזיקן צוג איז געווען אַ פינצטערע פייערלעכקייט, וואָס מ'האָט זי נישט געטאָרט פאַרשוועכן אפילו לכבוד אַזאַ רייכן הער. ער האָט בלויז צוגעלייגט די האַנט צום דאַשעק אַלס צייכן פון זיין רעספעקט צו עשירות, און האָט שטרענג געקוקט אויף די אַרעסטאַנטן, גלייך ווי ער וואָלט אויף יעדן פאַל צוגעזאָגט צו באַשיצן פון זיי די קאָטש-פאַרשוינגען. אַזוי, אַז די קאָטש האָט געמוזט אויסוואַרטן, ביז דער גאַנצער צוג זאָל פאַרבייגיין, און זי האָט געריכט ערשט דאַן, ווען עס האָט דורכגערודערט די לעצטע קאַרע מיט זעק און אַרעסטאַנטינס, וואָס זענען אויף די זעק געזעסן; די היסטערישע פרוי צווישן דידאָזיקע אַרעסטאַנטינס, וועלכע איז שוין געווען אַנטשוויגן געוואָרן, האָט, דערזעענדיק די רייכע קאָטש, ווידער אָנגעהויבן צו יאָמערן און קוויטשען. ערשט דאַן האָט דער קוטשער עטוואָס אַ ריר געטון מיט די לייצעס און די פעך-שוואַרצע אָדלערס האָבן, קלינגענדיק מיט די פּאָדקאָוועס איבערן ברוק, אַוועקגעטראָגן די קאָטש, וועלכע האָט ווייך געציטערט אויף די גימענע רעדער, צו דער זומער-וווינונג, וווּהין דער מאַן, דאָס ווייב, דאָס מיידעלע און דאָס יינגעלע מיטן דינעם האַלז און די שטאַרצנדיקע שליסלביינער זענען געפאָרן פאַרברענגען.

נישט דער פאָטער, נישט די מוטער האָבן נישט געגעבן נישט דעם מיידעלע, נישט דעם יינגעלע אַ דערקלערונג פון דעם, וואָס זיי האָבן געזען; אַזוי, אַז די קינדער האָבן זיך אַליין געמוזט פאַרענטפערן די פראַגע וועגן דעם, וואָס דאָס געזעענע בילד באַטייט.

דאָס מיידעלע, כאַפּנדיק דעם אויסדרוק פון טאַטע-מאַמעס פנים, האָט די פראַגע פאַרענטפערט אַזוי, אַז דאָס זענען געווען מענטשן גאָר אַנדערע ווי אירע עלטערן און באַקאַנטע; אַז דאָס זענען געווען שלעכטע מענטשן, און אַז דערום דאַרף מען מיט זיי טאַקע אַזוי האַנדלען, ווי מ'האָט מיט זיי געהאַנדלט. דערום איז דעם מיידעלע געווען נאָר שרעקלעך, און זי איז געווען צופרידן, אַז מ'האָט דידאָזיקע מענטשן אויפגעהערט צו זעען.

אָבער דאָס יינגעלע מיט דעם לאַנגן, דאַרן האַלז, וועלכער האָט נישט אַ פינטל געטון מיטן אויג, גאַפנדיק אויף דעם צוג פון די אַרעסטאַנטן, האָט די פראַגע פאַרענטפערט אַנדערש. ער האָט נאָך געוווּסט פעסט און זיכער, געוויר געוואָרן עס גלייך פון גאָט, אַז דידאָזיקע מענטשן זענען געווען פּונקט אַזעלכע, ווי ער אַליין, ווי אַלע מענטשן בכלל, און אַז דעריבער האָט עמעץ מיט דידאָזיקע מענטשן געטון עפּעס

שלעכטס, עפּעס אַזוינס, וואָס מ'טאָר נישט טון; האָט ער רחמנות געהאַט אויף זיי און האָט געפּילט אַן אימה פאַר די מענטשן, וואָס זענען געווען געשמידט אין קייטן און צעפּגעגאָלט, אָדער פאַר די, וואָס האָבן זיי געשמידט און אָפּגעגאָלט. און דערום האָבן דעם יינגעלע אַלץ מער און מער אָנגעשוואָלן די ליפּן, און ער האָט געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען, זיך נישט פונאַנדערצווויינען, האַלטנדיק, אַז וויינען אין אַזעלכע פאַלן, איז מיאוס.

XXXVI.

נעכליודאָוו איז געגאַנגען מיט דעם זעלבן גיכן טריט, מיט וועלכן די אַרעסטאַנטן זענען געגאַנגען, נאָר כאָטש ער איז געווען לייכט אָנגעטון, אין אַ לייכטן מאַנטל, איז אים געווען שרעקלעך הייס; דער הויפּט — דומפּיק פונם שטויב אין דער אומבאַוועגלעכער הייסער לופט. וואָס איז געשטאַנען אין די גאַסן. אָפּגעגאַנגען בּאַ אַ פערטל וויאָרסט, האָט ער זיך געזעצט אויף דער דראָזשקע און איז אַוועקגעפאָרן פאָראויס, אָבער אינמיטן גאַס אין דער דראָזשקע האָט אים אויסגעוויזן נאָך הייסער. ער האָט געפּרוווט אַרויסרופן בּאַ זיך די געדאַנקען וועגן דעם נעכטיקן שמועס מיטן שוואָגער, אָבער איצט האָבן אים דידאָזיקע געדאַנקען שוין נישט מער אַזוי אויפגערעגט ווי אינדערפרי. די איינדרוקן פון דעם אַרויסמאַרש פון דער טורמע און פון דעם צוג פון דער פּאַרטיע האָבן זיי פאַרשטעלט. דער עיקר אָבער, ס'איז געווען הייס ביז נישט אויסצוהאַלטן. בּאַ אַ פּאַרקאַן, אין דעם שאָטן פון ביימער זענען צוויי יינגלעך-רעאַליסטן מיט אויסגעטויענע היטלען געשטאַנען לעבן אַ פאַרקויפער פון געפרוירנס, וועלכער האָט זיך צוגעזעצט פאַר זיי אויף די קני. איינער פון די יינגלעך האָט זיך שוין געקוויקט, אָפּלעקנדיק דאָס האָרנדיקע לעפעלע, דער צווייטער האָט געוואַרט, ביז דאָס גלעזעלע וועט פול אָנגעשטאָפּט ווערן מיט עפּעס געלס אַזוינס.

— ווו קאָן מען דאָ קריגן אַ טרונק? — האָט נעכליודאָוו אַ פרעג געטון דעם פורמאַן, דערפילנדיק אַן אומווידערשטיילעכן פאַרלאַנג זיך אָפּצופרישן.

— דאָ באַלד איז פאַראַן אַ גוטע שענק! — האָט דער פורמאַן געזאָגט און, פאַרקערעוועט הינטערן ראָג, האָט ער צוגעפירט נעכליודאָוון צו אַ פראָנט-טיר מיט אַ גרויסער שילד. אַ משרת מיט פולע באַקן, אין אַ העמד, איז געשטאַנען באַם טאַמבאַנק און די קעלנער, צוליב די ווינציקע באַזוכער זענען געזעסן באַ די טישן און האָבן נייגיריק באַטראַכט דעם אומגעוויינלעכן גאַסט און אָנגעבאָטן אים צו דינען. נעכליודאָוו האָט באַשטעלט סעלצער-וואַסער און זיך אָוועקגעזעצט וואָס ווייטער פון פענצטער, באַ אַ קליין טישל מיט אַ ברודיק טישטוך. צוויי מענטשן זענען געזעסן אַרום טיש באַ טיי און אַ פלאַש פון ווייסן גלאָז, זיך אָפגעווישט פון שטערן דעם שווייס און שלום-ושלווהדיק עפעס געחשבונט. איינער פון זיי איז געווען אַ שוואַרצער מיט אַ פליך, פונקט מיט אַזאַ באָרדיור שוואַרצע האָר אויפן נאַקן ווי באַ איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש. דער דאָזיקער איינדרוק האָט ווידער דערמאַנט נעכליודאָוון דעם נעכטיקן שמועס מיטן שוואָגער און זיין פאַרלאַנג צו זעען זיך מיט אים און דער שוועסטער פאַרן אָוועקפאָרן. „איך וועל קוים באַווייזן ביז צום צוג, — האָט ער געטראַכט, — כ'וועל בעסער אָנשרייבן אַ בריוו“. ער האָט געבעטן פאַפיר, אַ קאָנווערט און אַ מאַרקע און, זופנדיק דאָס פרישע, זידנדיקע וואַסער, האָט ער גענומען באַקלערן, וואָס צו שרייבן. אָבער די געדאַנקען זיינע פלעגן זיך צעלויפן און ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט צונויפשטעלן דעם בריוו.

„ליבע נאַטאַשע, איך קאָן נישט אָוועקפאָרן אונטער דעם שווערן רושם פון דעם נעכטיקן שמועס מיט איגנאַטי ניקיפאָראָוויטש“... — האָט ער אָנגעהויבן. „און וואָס ווייטער? בעטן אַנטשולדיקונג פאַר דעם, וואָס איך האָב נעכטן געזאָגט? איך האָב דאָך אָבער געזאָגט, וואָס איך האָב געמיינט. ער וועט טראַכטן, אַז איך זאָג זיך אָפ... היינט זיין אַריינמישן זיך אין מיינע געשעפטן... ניין, איך קאָן נישט...“ און דערפילט די שנאה, וואָס האָט זיך ווידער אין אים אויפגעהויבן צו דעם דאָזיקן פרעמדן, איינגעגלייבטן מענטש, וועלכער פאַרשטייט אים נישט, האָט נעכליודאָוו דעם נישט פאַרענדיקטן בריוו אַריינגעלייגט אין קעשענע, זיך פונאַנדערגעצאָלט, אַרויס אויף דער גאַס און אָוועקגעפאָרן אָניאָגן די פאַרטיע.

די היץ איז נאָך גרעסער געוואָרן. די ווענט און די שטיינער האָבן ווי געעטעמט מיט צעגליטער לופט. די פיס האָבן זיך שיער נישט אָפגעבאַקן אָן דעם הייסן ברוק, און נעכליודאָוו האָט דערשפירט ווי ער

וואָלט זיך אָפּגעבריט, בשעת ער האָט מיט דער הוילער האַנט אָנגע־רירט דעם לאָקירטן פליגל פון דער דראָזשקע.

דאָס פערד האָט פויל זיך געשלעפּט איבער די גאַסן, גלייכמעסיק געקלאַפּט מיט די פּאַדקאָוועס איבער דעם שטויביקן, אומגלייכן ברוק; דער פורמאַן איז אַלע ווײַלע אַנטדרימלט געוואָרן; און נעכליודאָוו איז געזעסן, פון קיין זאַך נישט טראַכטנדיק, גלייכגילטיק קוקנדיק אין דער וועלט אַרײַן. באַם אַרויספאָרן פון אַ גאַס קעגנאיבער אַ גרויסן מויער איז געשטאַנען אַ רעדל מענטשן און אַ קאָנוואָי־זעלנער מיט אַ ביקס.

נעכליודאָוו האָט אָפּגעשטעלט דעם פורמאַן.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט באַם הויז־וועכטער.

— עפּעס מיט אַן אַרעסטאַנט.

נעכליודאָוו איז אַראָפּ פון דער דראָזשקע און איז צו צום רעדל מענטשן. אויף די אומגלייכע שטיינער פון דעם משופּעדיקן ברוק באַם טראָטואַר איז געלעגן מיטן קאָפּ אויסגעצויגן נידעריקער פון די פיס אַ ברייטפּלייציקער אַרעסטאַנט, נישט קיין יונגער, מיט אַ געלער באָרד, אַ רויט פּנים און צוגעפּלאַצטער נאָז, אין אַ גרויען כאַלאַט און אין גרויע הויזן. ער איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף, צעעפנט די מיט זומערשפּרענ־קעלעך באַדעקטע הענט מיט די דלאָניעס אַראָפּ, און האָט נאָך לאַנגע הפסקות גלייכמעסיק אויפגעצאַפּלט מיט דער הויכער און ברייטער ברוסט, אויפגעשלוכצט, קוקנדיק אין הימל אַרײַן מיט שטאַרע, בלוט־פאַרגאָסענע אויגן. איבער אים זענען געשטאַנען אַן אָנגעברוגזטער פּאָליציאַנט, אַ טרעגער, אַ פּאָסטאַליאָן, אַ משרת פון אַ קראָם, אַן אַלטע פרוי מיט אַ שירעם און אַ געשוירן ייִנגל מיט אַ ליידיקן קאָרב.

— זענען פאַרשלאָפט געוואָרן זיצנדיק אין געפענגעניש, אָפּגעשוואַכט געוואָרן, שלעפּט מען זיי אין אַזאַ המימה, — האָט דער משרת עמעצן פאַרגעהאַלטן, זיך ווענדנדיק צו נעכליודאָוון.

— וועט, חלילה, אָוועקשטאַרבן, — האָט די פרוי מיטן שירעם געזאָגט מיט אַ וויינענדיק קול.

— מ'דאַרף אויפבינדן דאָס העמד, — האָט זיך דער בריוו־טרעגער אָנגערופן.

דער פּאָליציאַנט האָט מיט ציטערנדיקע דיקע פינגער אומגעשיקט אָנגעהויבן אויפצובינדן די בענדלעך אויף דעם אָדערדיקן, רויטן האַלדז.

ער איז קענטיק געווען אויפגערעגט און פארלוירן, דאָך געהאַלטן פאַר נייטיק זיך צו ווענדן צום עולם:

— וואָס האָט איר זיך דאָ צונויפגעזאַמלט? אַזוי איז אויך הייס. איר לאָזט נישט צו קיין ווינטל.

— אַ דאָקטאָר דאַרף פריער באַקוקן, און די שוואַכע דאַרף מען איבערלאָזן. נישט פירן אַזאַ, קוים וואָס ער לעבט, — האָט דער משרת גערעדט, ווייזט אויס, זיך איבערגעמענדיק, וואָס ער קען זיך אויף די געזעצן. דער פּאָליציאַנט, אויפגעבונדן די בענדלעך פון העמד, האָט זיך אויסגעגלייכט און זיך אַרומגעקוקט.

— גייט זיך פונאַנדער, זאָג איך אייך. ס'איז דאָך נישט אייער זאַך, וואָס האָט איר דאָ נישט געזען? — האָט ער געזאָגט, זיך ווענדנדיק נאָך מיטגעפיל צו נעכליודאָוון, נאָר נישט באַגעגנט אין זיין בליק קיין מיטגעפיל, האָט ער אַ קוק געטון אויף דעם קאָנוואָי-זעלנער. אָבער דער קאָנוואָי-זעלנער איז געשטאַנען אין אַ זייט און, באַטראַכטנדיק זיין אויסגעדרייטן קנאָפל, איז ער געווען גאַנץ גלייכגילטיק צו דעם פּאָליציאַנטס פאַרלעגנהייט.

— ווער מען דאָס גייט אָן, יענע אַרט עס גאָרנישט. איז דען דערלויבט צו פאַרפייניקן מענטשן.

— אַן אַרעסטאַנט טאַקע, אָבער פאָרט אַ מענטש, אַ צער בעלי-חיים. — האָט עמעצער געזאָגט.

— לייגט אים העכער דעם קאָפּ אַוועק און גיט אים אַ ביסל וואַסער, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— מ'איז אַוועק נאָך וואַסער, — האָט דער פּאָליציאַנט געענטפערט, און אָנגענומען דעם אַרעסטאַנט אונטער די פּאַכוועס, האָט ער אים מיט מאַטערניש איבערגעלייגט מיט דעם קאָפּ אַ ביסל העכער.

— וואָס פאַר אַ געזעמל דאָ! — האָט פּלוצלינג זיך דערהערט אַן אַנטשלאָסן, באַפעלעריש קול, און צו דעם רעדל מענטשן, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם אַרעסטאַנט, איז מיט שנעלע טריט צוגעגאַנגען אַ פּאָליציי-אויפזעער אין אַן אויסערגעוויינלעך ריינער און גלאַנציקער בלוזע און נאָך גלאַנציקערע הויכע שטיוול.

— זיך פונאַנדערגיין! נישטאָ דאָ וואָס צו שטיין! — האָט ער געגעבן אַ געשריי אויף דעם עולם, נאָך נישט זעענדיק, צוליב וואָס דער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט. אָבער ווען ער איז צוגעקומען גאָר נאָענט און דערזען דעם גוססן אַרעסטאַנט, האָט ער צושטימענדיק געגעבן אַ

שאָקל מיטן קאָפּ, גלייך ווי ער האָט זיך דערויף טאַקע געריכט און זיך געווענדט צו דעם פּאַליציאַנט:

— וואָס איז דאָ?

דער פּאָליציאַנט האָט געמאָלדן, אַז ס'איז געגאַנגען אַ פּאַר־טיע, איז דער אַרעסטאַנט געפאַלן, האָט דער קאָנוואָי געהייסן אים איבערלאָזן!

— איז, אַלזאָ! אין צירקל אַריין!

— דער סטרוזש איז אַוועקגעפאָרן שוין, — האָט דער פּאָליציאַנט געזאָגט, צולייגנדיק די האַנט צום דאַשעק.

דער משרת האָט געוועזט עפּעס אָנגעהויבן וועגן דער היץ.

— ס'איז דיין עסק, וואָס? גיי זיך דיין וועג, — האָט דער פּאָלי־ציי־אויפזעער אַרויסגערעדט און אים אַזוי שטרענג אָנגעקוקט, אַז ד'ער משרת איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— מ'דאַרף אים געבן אַ ביסל וואַסער, — האָט נעכליודאָוו גע־זאָגט. דער פּאָליציי־אויפזעער האָט אויך נעכליודאָוון שטרענג אָנגעקוקט, אָבער קיין זאַך נישט געזאָגט. און אַז דער הויזוועכטער האָט געבראַכט אַ קענדל וואַסער, האָט ער געהייסן דעם פּאָליציאַנט, ער זאָל עס פאַר־לייגן דעם אַרעסטאַנט. דער פּאָליציאַנט האָט אויפגעהויבן דעם אַוועקגע־פאַלענעם קאָפּ און געפּרוווט אַריינגיסן אין מויל אַ ביסל וואַסער. אָבער דער אַרעסטאַנט האָט עס נישט איינגענומען; דאָס וואַסער האָט זיך אויס־געגאָסן איבער דער באָרד, איינגענעצט די קורטקע אויף דער ברוסט און דאָס שטויביקע גראָבע לייוונטענע העמד.

— גיס אויס אויפן קאָפּ! — האָט דער פּאָליציי־אויפזעער אַ קאָ־מאַנדע געגעבן און דער פּאָליציאַנט האָט אַראָפּגענומען דעם אַרעסטאַנטס פּלאַטשיקע היטל און אויסגעגאָסן דאָס וואַסער אויף די רויטע געקרייזלטע האָר און אויף דעם הוילן שאַרבן. דעם אַרעסטאַנטס אויגן האָבן זיך מער געעפנט, עפּעס אַזוי ווי דערשראָקן, אָבער זיין לאַגע האָט זיך נישט געענדערט. איבער זיין פּנים האָבן געקוועלט שמוציקע שנירלעך פון שטויב, נאָר דאָס מויל האָט נישט אויפגעהערט גלייכמעסיק אויפצו־שלוכצן, און דער גאַנצער קערפּער האָט אַלע ווײַלע געצוקט.

— און ווער איז דאָס? נעמען אָט דעם! — האָט דער פּאָליציי־אויפזעער זיך געווענדט צום פּאָליציאַנט, ציינדיק אויף נעכליודאָווס דראָזשקע. — פאָר צו, הער, דו!

— פאַרנומען, — האָט דער פורמאַן פינצטער געענטפערט, נישט אויפהייבנדיק די אויגן.

— דאָס איז מיין פורל, — האָט נעכליודאָוו זיך אָנגערופן, — אָבער איר קאָנט נעמען. איך וועל באַצאָלן, — האָט ער צוגעגעבן, זיך ווענדנדיק צום פורמאַן.

— נו, וואָס שטייט איר! — האָט דער פּאָליציי־אויפזעער א געשריי געטון, — גענומען זאָל ווערן!

דער פּאָליציאַנט, די הויז־וועכטערס און דער קאָנוואָי־זעלנער האָבן אויפגעהויבן דעם גוסס, צוגעטראָגן צו דער דראָזשקע און אוועקגעזעצט אויפן געזעס. ער האָט זיך אָבער אַליין נישט געקאָנט האַלטן, דער קאָפּ איז אים געפאַלן אַהינטער, און דער גאַנצער גוף איז אַראָפּגעפאָרן פון אָרט.

— זעץ אים אַוועק ליגנדיקערהייט, — האָט דער פּאָליציי־אויפזעער א קאָמאַנדע געגעבן.

— נישקשה, אייער וווילגעבוירן, איך וועל אים אַזוי אויך דערפירן, — האָט דער פּאָליציאַנט געזאָגט, פעסט זיך אַוועקזעצנדיק לעבן דעם גוסס און ארומנעמענדיק אים אונטערן אָרעם מיט זיין שטאַרקער רעכטער האַנט.

דער קאָנוואָי־זעלנער האָט אויפגעהויבן די באָרוועסע פיס אין די אַרעסטאַנטישע שיך און זיי אויסגעצויגן אונטער דער קעלניע.

דער פּאָליציי־אויפזעער האָט זיך אַרומגעקוקט און, דערזעען אויפן ברוק דאָס אַרעסטאַנטישע פּלאַטשיקע היטל, האָט ער עס אויפגעהויבן און אָנגעטון אויף דעם נאַסן קאָפּ, וועלכער איז ווידער צוריקגעפאַלן אַהינטער. — מאַרש! — האָט ער געגעבן א קאָמאַנדע.

דער פורמאַן האָט מיט כעס זיך אומגעקוקט און, באַגלייט פון דעם קאָנוואָי־זעלנער, האָט ער זיך געלאָזט טריט בא טריט צוריק צום צירק צו. דער פּאָליציאַנט, וואָס איז געזעסן מיטן אַרעסטאַנט, האָט אַלע ווײַלע אונטערגעכאַפּט דעם קערפּער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין אַראָפּלאָזן, מיט דעם קאָפּ, וואָס האָט זיך געוויגט אין אַלע זייטן. דער קאָנוואָי־זעלנער איז געגאַנגען דערלעבן און צורעכט געמאַכט דעם גוסס די פיס. נעכליודאָוו איז נאָכגעגאַנגען נאָך אים.

XXXVII.

צוגעפאָרן צום צירקל פאַרביי דער פייער-וואַך, איז די דראָזשקע מיטן אַרעסטאַנט אַריינגעפאָרן אין הויף פון פּאָליציי-צירקל און זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַן אַריינגאַנג.

אויפן הויף האָבן די פייערלעשער מיט פאַרשאַרצטע אַרבל געוואַשן עפּעס אַזאַ מין וואָגן, הויך רעדנדיק און לאַכנדיק. ווי נאָר די דראָזשקע איז שטיין געבליבן, האָבן עטלעכע פּאָליציאַנטן זי אַרומגערינגלט און אונטערגעכאַפּט פאַר די פאַכוועס און פאַר די פיס דעם אַרעסטאַנטס קערפּער, אָן לעבן שוין, און אים אַראָפּגענומען פון דער סקריפּענדיקער דראָזשקע. דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט דעם אַרעסטאַנט געבראַכט, האָט, אַראָפּגייענדיק פון דער דראָזשקע, אַ פאַרגליווערטער אַ נאָך געטון מיט דער האַנט, אויסגעטון דאָס היטל און זיך איבערגעצלמט. דעם מת האָט מען אַוועקגעטראָגן אין טיר אַריין און אַרויפצו אויף די טרעפּ. נעכליודאָוו איז אים נאָכגעגאַנגען. אין דעם קליינעם שמוציקן צימער, וווּהין מ'האָט דעם מת אַריינגעטראָגן, זענען געווען פיר בעטלעך. אויף צוויי זענען אין כאַלאַטן געזעסן צוויי קראַנקע, איינער — מיט אַ קרום מויל און אַ פאַרבונדענעם האַלז, דער אַנדערער — אַ שווינדזיכטיקער. צוויי בעטלעך זענען געווען פריי. אויף איינעם פון זיי האָט מען אַוועקגעלייגט דעם אַרעסטאַנט. אַ קליין מענטשעלע מיט פינקלענדיקע אויגן און אָן אויפהער לויפנדיקע ברעמען אין איינע וועש און זאָקן איז מיט שנעלע ווייכע טריט צוגעגאַנגען צו דעם געבראַכטן אַרעסטאַנט, אים אָנגעקוקט, דערנאָך — נעכליודאָוון און זיך צעלאַכט הויך אויף אַ קול. דאָס איז געווען אַ משוגענער, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דעם אויפנאַם-צימער בײַם צירקל.

— זיי ווילן מיך איבערשרעקן, — האָט ער געזאָגט. — אָבער ס'וועט זיי נישט געראָטן, בשום אופן נישט.

גלייך נאָך די פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן דעם מת, זענען אַריינגעקומען אַ פּאָליציי-אויפזעער און אַ פעלדשער.

דער פעלדשער איז צוגעגאַנגען צום מת, אָנגערירט דעם אַרעס-

טאַנטס שוין קאַלטע, געלבלעכע, מיט זומער־שפּרענקעלעך באַדעקטע, נאָך ווייכע, אָבער שוין טויט־בלאַסע האַנט, זי אַ ווײַלע געהאַלטן, דערנאָך אַרויסגעלאָזט. זי איז אָן לעבן געפאַלן אויף דעם מתס בויך.

— פאַרטיק, — האָט דער פעלדשער געזאָגט און אַ מאַך געטון מיטן קאָפּ, נאָר — צוליב דער אָרדנונג קענטיק — געעפנט דעם מתס נאַס פּראָסט העמד און, פאַרשאַרצנדיק זײַנע געקרויזטע האָר באַם אויער, זיך צוגעלייגט צו דעם אַרעסטאַנטס געלבלעכער אומבאַוועגלעכער הויכער ברוסט. אַלע האָבן געשוויגן. דער פעלדשער האָט זיך אויפגעהויבן אַ ביסל, נאָך אַמאָל אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אָנגערירט מיט אַ פינגער צוערשט איין וויע, דערנאָך די אַנדערע איבער די אָפענע בלויע פאַרשטאַרטע אויגן.

— איר וועט נישט איבערשרעקן, איר וועט נישט איבערשרעקן, — האָט דער משוגענער גערעדט, די גאַנצע צײַט שפּײַענדיק אין דעם פעלדשערס זײַט.

— נו ? — האָט דער פּאָליצײַ־אויפזעער אַ פרעג געטון.

— נו ? — האָט דער פעלדשער נאָכגעזאָגט. — מ'דאַרף אים צוּנעמען אין מתים־שטיבל.

— זעט אָקאָרשט, צי ס'איז קיין טעות נישט ? — האָט דער פּאָליצײַ־אויפזעער געפרעגט.

— צײַט צו וויסן, — האָט דער פעלדשער געזאָגט, צודעקנדיק דעם מתס אָפענע ברוסט. — איך וועל שיקן רופן מאַטווײ איוואַנאָוויטשן, זאָל ער אַ קוק טון. פּעטראָוו, טו אַ רוף, — האָט דער פעלדשער געזאָגט און איז אָפּגעגאַנגען פון דעם מת.

— אַוועקגעטראָגן אין מתים־שטיבל אַרײַן ! — האָט דער פּאָליצײַ־אויפזעער געזאָגט. — און דו זאָלסט נאָכהער אַרײַן אין קאַנצעלאַריע, וועסטו זיך חתמענען, — האָט ער צוגעגעבן דעם קאָנוואָי־זעלנער, וועלכער איז די גאַנצע צײַט נישט אָפּגעטראָטן פון דעם אַרעסטאַנט.

— גרייט צו דינען, — האָט דער קאָנוואָי־זעלנער געענטפערט.

די פּאָליציאַנטן האָבן אויפגעהויבן דעם בר־מינן און ווידער אַוועקגעטראָגן איבער די טרעפּ אַראָפּצו. נעכליודאָוו האָט געוואָלט נאָכגיין, אָבער דער משוגענער האָט אים פאַרהאַלטן.

— איר זענט דאָך נישט צווישן די פאַרשווערער, טאָ גיט אַ פּאַפּיראָסל, — האָט ער געזאָגט. נעכליודאָוו האָט אַרויסגענומען דעם

פאַרטסיגאַר און אים געגעבן. דער משוגענער האָט, דרייענדיק מיט די ברעמען און רעדנדיק זייער שנעל, גענומען דערציילן, ווי מ'פייניקט אים דורך סוגעסטיעס.

— זיי זענען דאָך אַלע קענן מיר און פייניקן מיך דורך זייערע מעדיומס, טוען מיר אָן עינויים!...

— אַנטשולדיקט מיר, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט און, נישט אויסגעהערט אים, אַרויס אויפן הויף, געוויר צו ווערן, וווהין מ'האָט דעם מת אַוועקגעטראָגן.

די פּאָליציאַנטן מיט זייער משא זענען שוין אַדורכגעגאַנגען דעם גאַנצן הויף און אַריין אין דער טיר פון אַ קעלער-שטוב. נעכליודאָוו האָט געוואָלט צוגיין צו זיי, אָבער דער פּאָליציי-אויפזעער האָט אים אָפּגעשטעלט.

— וואָס דאַרפט איר?

— גאָרנישט, — האָט נעכליודאָוו געענטפערט.

— אַז גאָרנישט, טאָ גייט אייך.

נעכליודאָוו האָט זיך אונטערגעגעבן און זיך געלאָזט גיין צו זיין דראָזשקע. דער פורמאַן זיינער האָט געדרימלט. נעכליודאָוו האָט אים אויפגעוועקט און ווידער אַוועקגעפאָרן צום וואָקזאַל.

איידער ער איז נאָך אָפּגעפאָרן אַ הונדערט טריט, האָט ער אָנגעגעגנט אַ קאַרע, ווידער אין דער באַגלייטונג פון אַ קאָנוואָי-זעלנער מיט אַ ביקס, און אויף דער קאַרע איז געלעגן אַ צווייטער אַרעסטאַנט, באַשיינפערלעך שוין אַ טויטער. דער אַרעסטאַנט איז געלעגן אויפן רוקן און זיין געגאָלטער קאָפּ מיט דער שוואַרצער באָרד, באַדעקט מיט אַ פּלאַטשיק היטל, וועלכעס האָט זיך אַראָפּגערוקט ביז דער נאָז, האָט זיך געטרייסלט און זיך געהאַקט באַ יעדן שטויס פון דעם וואָגן. דער באַלעגאָלע אין גראָבע שטיוול האָט געקערעוועט מיטן פערד, גייענדיק דערלעבן. פון הינטן איז געגאַנגען אַ פּאָליציאַנט. נעכליודאָוו האָט אָנגערירט אָן אַקסל דעם פורמאַן זיינעם.

— וואָס טוט זיך דאָ, — האָט דער פורמאַן געזאָגט, אָפּשטעלנדיק דאָס פערד.

נעכליודאָוו איז אַראָפּגעקראָכן פון דער דראָזשקע און איז אוועק נאָך דער קאַרע, ווידער פאַרביי דער פייערוואַך, אַריין אין דעם הויף פון צירקל. אויפן הויף האָבן די פייערלעשער שוין איצט געענדיקט צו וואַשן דעם וואָגן, און אויף זייער אָרט איז געשטאַנען אַ הוי-

כער בײנערדיקער בראַנד-מאַיאָר מיט אַ בלױעם ראַנד אױפֿן היטל און, פֿאַרלײגט די הענט אין די קעשענעס, האָט ער שטרענג געקוקט אױף אַ פּעטן בולאַנעם אָגער, מיט אַן אָפּגעפּיעסענעם האַלז, װאָס אַ פֿײערלע-שער האָט געפֿירט פֿאַר אים פֿאַרן צײמל. דער אָגער האָט צוגעהינקען אויף אַ פֿאָדערשטן פֿוס און דער בראַנד-מאַיאָר האָט מיט כעס עפּעס געזאָגט דעם װעטערינאַר, װעלכער איז אױך געשטאַנען דער-לעבן.

דער פּאָליצײ-אױפֿזעער איז אױך געשטאַנען דערבײ. דערזעען נאָך אַ מת, איז ער צוגעגאַנגען צום באַלעגאָלע.

— װוּ ט'איר אױפֿגעהױבן ? — האָט ער געפֿרעגט, צושאָקלענדיק װי טאַדלענדיק מיטן קאָפּ.

— אױף דער אַלט-האָרבאַטאָװסקער גאַס, — האָט דער פּאָליציאַנט געענטפֿערט.

— אַן אַרעסטאַנט ? — האָט דער בראַנד-מאַיאָר געפֿרעגט.

— יאָ, ריכטיק. שױן דער צװײטער הײנט, — האָט דער פּאָליצײ-אױפֿזעער געזאָגט.

— נישקשה פֿון אָרדנונגען. הײנט די היץ, — האָט דער בראַנד-מאַיאָר געזאָגט, און זיך װענדנדיק צו דעם פֿײערלעשער, װעלכער האָט אַװעקגעפֿירט דעם הינקענדיקן אָגער, האָט ער אים נאָכגעשריגן: — שטעל אַװעק אין װינקל-שטאַל. איך װעל דיר, הינטישע פּעל, װײזן, װי אַזױ צו קאַליעטשען פֿערד, זײ קאָסטן טײערער װי דו, ממזר דו אײנער.

דעמדאָזיקן מת, פּונקט װי דעם ערשטן, האָבן די פּאָליציאַנטן אַראָפּגענומען פֿון װאָגן און אַװעקגעטראָגן אין אױפֿנאַם-שטיבל. נעכליודאָװ איז װי אַ פֿאַרהיפּנאָטיזירטער זײ נאָכגעגאַנגען.

— װאָס דאַרפֿט איר ? — האָט אים אַ פּאָליציאַנט אַ פֿרעג געטון.

ער איז, נישט ענטפֿערנדיק, װײטער געגאַנגען אַהינצו, װוּהין זײ האָבן געטראָגן דעם מת.

דער משוגענער, װאָס איז געזעסן אױפֿן בעטל, האָט להוט געררײ-כערט דעם פּאַפּיראָס, װאָס נעכליודאָװ האָט אים געגעבן.

— אַהאַ, איר זענט צוריקגעקומען, — האָט ער געזאָגט און זיך פֿונאַנדערגעלאַכט. דערזעען דעם מת, האָט ער זיך אַ קרום געטון. —

ווידער, — האָט ער געזאָגט. — זיי זענען מיר נמאס ומאוס געוואָרן איך בין דאָך נישט קיין יינגעלע? איאָ? — האָט ער זיך שמייכלענדיק. געווענדט צו נעכליודאָוון.

נעכליודאָוו האָט דערווייל געקוקט אויף דעם מת, וואָס איצט האָט אים קיינער שוין נישט פאַרשטעלט. און זיין פּנים, וואָס איז פריער געווען פאַרדעקט מיטן היטל, האָט זיך אַרויסגעזעען אינגאַנצן. פּונקט ווי יענער אַרעסטאַנט איז געווען מיאוס, אַזוי איז דער-אָ געווען אומגעווייגלעך שיין אויפן פּנים און אויפן גאַנצן לייב. דאָס איז געווען אַ מאַן אין די בליענדיקסטע כּוחות. כאָטש אַ העלפט קאָפּ איז געווען פאַרמיאוסט דורך דעם אָפּגאָלן, איז אָבער דער געוועלבטער נישט הויכער שטערן מיט בערגעלעך איבער די שוואַרצע, איצט טויטע אויגן געווען זייער שיין, דאָסגלייכן די מעסיקע אָדלער-נאָז איבער די דינע שוואַרצע וואָנסעס. די בלוי געוואָרענע ליפּן זענען געווען צונויפגעלייגט אין אַ שמייכל; דאָס קליינע בערדל האָט בלויז אַרומגערעמט די אונטערטייל פון פּנים, און אויף דער געגאָלטער זייט פון שייטל האָט זיך געזעען נישט קיין גרויס, שטאַרק און שיין אויער. דער אויסדרוק פון פּנים איז געווען אַ רויקער, אַ שטרענגער, אַ גוטער. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס אָן דעמדאָזיקן פּנים האָט מען געקאָנט זעען, וויפיל מעגלעכקייטן פון גייסטיקן לעבן אין דעמדאָזיקן מענטש זענען געטייט געוואָרן, — האָט מען אָן די דינע ביינער פון די הענט און פון די געשמידטע פיס און אָן די שטאַרקע מוסקלען פון אַלע פּראָפּאָרציאָנעלע גלידער געקאָנט זעען, וואָס פאַר אַ שיינער, שטאַרקער, פלינקער, מענטשישער בעל-חיי דאָס איז געווען, אַלס בעל-חיי אין זיין אַרט אַ סך אַ פולקאָמערער ווי יענער בולאַנער אָגער, וואָס דער בראַנד-מאַיאָר האָט זיך אַזוי געבייזערט פאַר קאַליע מאַכן אים. און פונדעסטוועגן האָט מען אים פאַרפּייניקט, און לאַ די וואָס קיינעם איז ער קיין שאָד נישט געווען אַלס מענטש, — איז ער קיינעם קיין שאָד נישט געווען אַלס אַן אַרבעטס-חיה, וואָס איז אומזיסט-אומנישט אומגעבראַכט געוואָרן. דאָס איינציקע געפיל, וואָס זיין טויט האָט אַרויסגערופן בא אַלע מענטשן, איז געווען דאָס געפיל פון פאַרדראָס מחמת די פאַרדרייעניש, וואָס מ'האָט געהאַט צוליב דער נויטווענדיקייט צו באַזייטיקן דעמדאָזיקן קערפּער, וועלכער האָט געדראָט מיט צעפוילונג. אין דעם אויפנאַם-שטיבל זענען אַריין דער דאָקטאָר מיטן פעלדשער און אַ פּאָליציי-קאָמיסאַר. דער דאָקטאָר איז געווען אַ פעסטער,

שטאַרק געבויטער מאַן אין אַ טשעסוטשאַנעם רעקל און אין טשעסו-טשאַנע שמאָלע הויזן, וואָס האָבן אייגעצויגן זיינע מוסקלדיקע לענדן. דער קאָמיסאַר איז געווען אַ קליינער גראָבאַטש מיט אַ קיילעכדיקער רויטער צורה, וואָס פלעגט ווערן נאָך קיילעכדיקער פון זיין טבע אָנצו-נעמען לופט אין די באַקן אַריין און לאַנגזאַם אַרויסצולאָזן זי. דער דאָק-טאָר האָט זיך צוגעזעצט אויפן בעטל צו דעם מת, האָט, פונקט ווי דער פעלדשער, אָנגערירט די הענט, אויסגעהערט דאָס האַרץ און האָט זיך אויפגעשטעלט, אַראָפּמאַכנדיק די הויזן.

— טויטער קאָן שוין נישט זיין, — האָט ער געזאָגט.

דער קאָמיסאַר האָט אָנגענומען אַ פול מויל מיט לופט און זי לאַנג-זאַם אַרויסגעלאָזט.

— פון וועלכער טורמע? — האָט ער זיך געווענדט צו דעם קאָנוואָי-זעלנער.

דער קאָנוואָי-זעלנער האָט געענטפערט און דערמאָנט אָן די קייטן, אין וועלכע דער מת איז געווען געשמידט.

— איך וועל הייסן אַראָפּנעמען, קיין שמידן פעלן דאָ נישט, אַ דאַנק גאָט, — האָט דער קאָמיסאַר געזאָגט און, ווידער אויפגעבלאָזן די באַקן, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו דער טיר, לאַנגזאַם אַרויסלאָזנדיק די לופט.

— פון וואָס-זשע קומט עס? — האָט נעכליודאָוו זיך געווענדט צום דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אויף אים אַ קוק געטון אַריבער די ברילן.

— וואָס פון וואָס קומט עס? וואָס מ'שטאַרבט פון אַ זונענשלאַק? אָט פאַרוואָס: מ'זיצט אָן באַוועגונג, אָן שיין אַ גאַנצן ווינטער — און מיט-אַמאָל אויף דער זון און נאָך אין אַזאַ טאָג ווי היינט, און גיין גייט מען צונויפגעשטיקט, קיין צופלוס פון לופט איז נישטאָ — אָט האָט איר אַ זונענשלאַק.

— נאָך וואָס-זשע שיקט מען זיי?

— דאָס פרעגט בא זיי. ווער זענט איר אייגנטלעך?

— איך בין אַ זייטיקער.

— אַזוי גאָר! אַדיע, איך האָב קיין צייט נישט, — האָט דער דאָק-טאָר געזאָגט און פאַרדראָסיק אַראָפּמאַכנדיק די הויזן, האָט ער זיך גע-לאָזט גיין צו די בעטלעך פון די חולאים.

— נו, ווי גייען דייגע געשעפטן? — האָט ער זיך געווענדט צו

דעם בלאָסן מענטש מיט דעם קרומען מויל און דעם פאַרבונדענעם האַלז.

דער משוגענער איז דערווייל געזעסן אויף זיין בעטל און, אויפהערנדיק רייכערן, געשפּייט אין דער ריכטונג צום דאָקטאָר.

נעכליודאָוו איז אַראָפּ אונטן אויפן הויף און פאַרביי פּייערלעשערפערד, און היגער, און אַ פייערוועכטער אין אַ מעשענעם העלם, אַדורך אין טויער, זיך געזעצט אויף זיין דראָזשקע מיט דעם ווידער איינגעשלאָפענעם פורמאַן און איז אַוועקגעפאָרן אויפן וואָקזאַל.

XXXVIII.

אַז נעכליודאָוו איז געקומען אויפן וואָקזאַל, זענען שוין אַלע אַרעסטאַנטן געזעסן אין די וואַגאָנען הינטער די פאַרקראַטעטע פענצטער. אויפן פּעראָן זענען געשטאַנען עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיי באַגלייט: מ'האָט זיי צו די וואַגאָנען נישט צוגעלאָזט. די קאָנוואָי-זעלנער זענען דאָס מאָל געווען גאָר פאַרזאָרגט. אונטערוועגס פון טורמע צום וואָקזאַל זענען געפאַלן און געשטאָרבן פון אַ שלאַק, אַ חוץ יענע צוויי מענטשן, וואָס נעכליודאָוו האָט געזעען, נאָך דריי: איינעם האָט מען אַוועקגעפירט אַזוי ווי יענע צוויי אין דעם נאָענטסטן צירקל, און צוויי זענען אַוועקגעפאַלן שוין דאָ, אויפן וואָקזאַל*). די קאָנוואָי-זעלנער זענען נישט געווען פאַרזאָרגט דערפון, וואָס אונטער זייער קאָנוואָי זענען געשטאָרבן פינף מענטשן, וועלכע האָבן נאָך געקאָנט לעבן. דאָס האָט זיי נישט געאַרט; געאַרט האָט זיי בלויז דאָס, אַז זיי זאָלן אָפּטון אַלצדינג, וואָס דאָס געזעץ האָט אין אַזעלכע פאַלן געפאָדערט: איבערגעבן די מתים וווהין מ'דאַרף און זייערע פּאַפּירן און חפצים און אויסמעקן זיי פון דער רשימה פון די, וואָס מ'דאַרף פירן קיין נישני-נאָווגאָראָד, און דאָס איז געווען אַ גרויסע פאַרדרייעניש, בפרט אין אַזאַ היץ.

*) אָנהייב די 80-קער יאָרן זענען פינף אַרעסטאַנטן געשטאָרבן אין איין טאָג פון אַ זונענשלאַק, בשעת מ'האָט זיי אַריבערגעפירט פון ביטורסקער טורמע אויפן וואָקזאַל פון דער נישני-נאָווגאָראָדער אייזנבאַן.

אָט דערמיט טאַקע זענען די קאָנוואָי-זעלנער געווען פאַרנומען און כּל-זמן דאָס אַלץ איז נישט געווען אָפּגעטון, האָבן זיי דערפאַר נעכליו-דאָוון און די אַנדערע, וואָס האָבן וועגן דעם געבעטן, נישט גע-לאָזט צוגיין צו די וואַגאָנען. נעכליודאָוון האָט מען אָבער פאָרט צוגע-לאָזט, ווארים ער האָט געגעבן געלט דעם אונטעראָפיציר פון קאָנ-וואָי. דערדאָזיקער אונטעראָפיציר האָט דורכגעלאָזט נעכליודאָוון און האָט אים נאָר געבעטן, ער זאָל וואָס גיכער זיך דורכרעדן און אַוועקגיין, דער עלטסטער זאָל נישט דערזען. וואַגאָנען איז בסך-הכּל געווען 18, און אַלע, אַ חוץ דעם וואַגאָן פון די עלטסטע, זענען געווען איבערגעפּאַקט מיט אַרעסטאַנטן. דורכגייענדיק פאַרביי די פענצטער פון די וואַגאָנען, האָט נעכליודאָוו זיך צוגעהאָרכט צו דעם, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. אין אַלע וואַגאָנען האָט זיך געהערט אַ געקלאַנג פון קייטן, אַ האָוועניש, אַ גערעדעריי, איבערגעמישט מיט אומזיניקע גראָבע ווערטער, אָבער אין ערגעץ האָט זיך נישט גערעדט וועגן די חברים, וואָס זענען געפאַלן אונטערוועגנס. די רייד זענען דערהויפּט געווען וועגן די זעק, וועגן דעם וואַסער צום טרינקען און וועגן אויסקלייבן אַן אָרט. אַרײַנגעקוקט אין אַ וואַגאָן-פענצטער, האָט נעכליודאָוו אינמיטן וואַגאָן, אין דעם דורכגאַנג דערזען קאָנוואָי-זעלנער, וועלכע האָבן אויסגעטון די אַרעסטאַנטן די האַנט-קייטן. די אַרעסטאַנטן האָבן אויסגעצויגן די הענט, און אַ קאָנוואָי-זעלנער האָט מיט אַ שליסל אָפּגעשלאָסן דעם שלאָס אויף די האַנט-קייטן און זיי אַראָפּגענומען. אַ צווייטער האָט צוזאַמענגענומען די האַנט-קייטן. אַדורכגעגאַנגען אַלע וואַגאָנען, איז נעכליודאָוו צוגעקומען צו די ווייבערישע. אין דעם צווייטן ווייבערישן וואַגאָן האָט זיך געהערט אַ גלייכ-מעסיקער קרעכץ פון אַ פרוי מיט אַ צושפּרוך דערבײַ: „אַ-אַ-אַ! טאַטע-לעך, אַ-אַ-אַ! טאַטעלעך!“

נעכליודאָוו איז אַוועק און, לויט דעם קאָנוואָי-זעלנערס אָנווײַזונ-גען, צוגעגאַנגען צום פענצטער פון דעם דריטן וואַגאָן. ווי נאָר נעכליודאָוו האָט דערנענטערט דעם קאָפּ צו דעם פענצטער, האָט פון אים אַ זעץ געטון אַ היץ, אָנגעזאָפּט מיט אַ געדיכטן ריח פון מענטשישע אויסדעמ-פונגען, און עס האָבן זיך דייטלעך דערהערט קווייטשיקע ווייבערישע שטימען. אויף אַלע בענק זענען געזעסן צעפּלאַמטע פאַרשוויצטע פרויען אין כאַלאַטן און יאַקלעך און האָבן צווישן זיך הילכיק געשמועסט. נעכ-ליודאָווס פּנים, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו די קראַטעס, האָט צוגע-צויגן זייער אויפמערקזאַמקייט. די נענטערע זענען אַנטשוויגן געוואָרן

און האָבן זיך צוגערוקט צו אים. מאַסלאָוואַ איז בלויז יאַקל און אַ קאָפּטיכל איז געזעסן באַם קעגנאיבערדיקן פענצטער. נעבעך אַהערצו איז געזעסן די ווייסע צעשמייכלטע פעדאָסיאַ. דערקענט נעכליודאָוון, האָט זי אַ שטויס געטון מאַסלאָוועז און מיט דער האַנט אָנגעטייט איר אויפן פענצטער. מאַסלאָוואַ האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף, אַרויפגעוואָרפן דאָס טיכל אויף די שווארצע האָר און איז מיט אַן אויפגעלעבט רויט, שווייסיק, שמייכלענדיק פּנים צו צום פענצטער און זיך אָנגענומען פאַר דער קראַטע.

— אָבער הייס, — האָט זי געזאָגט, שמייכלענדיק פאַר פרייד.

— די זאַכן האָט איר באַקומען?

— באַקומען, אַ דאַנק.

— אפשר דאַרפט איר נאָך וואָס? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט, שפּירנדיק, ווי פון דעם צעגליטן וואַגאָן זעצט אַ היץ אַזוי ווי פון אַ מרחץ.

— איך דאַרף גאָרנישט, אַ דאַנק.

— ווען מען קאָן קריגן אַ טרונק? — האָט פעדאָסיאַ געזאָגט.

— יאָ, ווען מען קריגט ערגעץ אַ טרונק, — האָט מאַסלאָוואַ נאָכגעזאָגט.

— וואָס, איר האָט דען נישט קיין וואַסער?

— מ'האָט געשטעלט וואַסער, אָבער מען האָט שוין אינגאַנצן אויסגעטרונקען.

— באַלד, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, — איך וועל בעטן דעם קאָנוואָי-זעלנער. — איצט וועלן מיר זיך שוין נישט זען ביז ניזשני.

— און איר פאָרט דען? — האָט כלומרשט ווי נישט וויסנדיק מאַסלאָוואַ געזאָגט, מיט פרייד אָנקוקנדיק נעכליודאָוון.

— איך פאָר מיט דעם צווייטן צוג.

מאַסלאָוואַ האָט גאָרנישט געזאָגט, און האָט בלויז אין אַ פּאָר רגעס אַרום טיף אָפּגעזיפצט.

— ס'איז טאַקע אַן אמת, האַר לעבן, וואָס מען דערציילט, אַז צוועלף אַרעסטאַנטן האָט מען פאַרמוטשעט אויף טויט? — האָט אַן אַלטע שטרענגע אַרעסטאַנטין געזאָגט מיט אַ גראָבער פויערישער שטים.

דאָס איז געווען קאָראַבליאָוואַ.

— איך האָב נישט געהערט, אַז צוועלף. איך האָב געזעען צוויי. — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— מען זאָגט, אַז צוועלף. נישט שוין־זשע וועט מען זיי דערפאַר גאָרנישט באַשטראָפן? אָט זענען דאָס מערדער אַ ביסל!

— און פון די פרויען איז קיינער נישט קראַנק געוואָרן? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— די פרויען זענען פעסטער, — האָט געזאָגט אַ צווייטע קליין־געוויקסיקע אַרעסטאַנטין מיט אַ שמייכל. — איינע האָט זיך גאָר מיישב געווען און זיך אַריינגעלייגט אין קימפעט. אָט וואָס זי גיט אָן. — האָט זי געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דעם דערבייאיקן וואַגאָן, פון וועלכן ס'האָבן זיך אַלץ נאָך געטראָגן די זעלביקע קרעכצן.

— איר פרעגט, צי ביב מיר דאַרפן עפּעס, — האָט מאַסלאָוואַ געזאָגט, וועלנדיק אָפּהאַלטן די ליפּן פון דעם פריידיקן שמייכל: — אפשר וואָלט מען געקאָנט פּועלן, אַז מען זאָל דאָ איבערלאָזן דידאָזיקע פרוי, זי מאַטערט זיך אַזוי. איר וואָלט אפשר געזאָגט די עלטסטע.

— יאָ, איך וועל זאָגן.

— און אפשר וואָלט זי געקאָנט זעען טאַראַסן, איר מאַן, — האָט זי צוגעגעבן, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף דער שמייכלענדיקער פע־דאָסיען. — ער פאָרט דאָך מיט אייך.

— מיין הער, רעדן איז פאַרווערט, — האָט זיך דערהערט די שטים פון דעם קאָנוואָי־אונטעראָפיציר. ס'איז געווען נישט דער, וואָס האָט צוגעלאָזט נעכליודאָוון.

נעכליודאָוו איז אָפּגעגאַנגען און איז אַוועק זוכן דעם עלטסטן, כדי אים צו בעטן פאַר דער געווינערין און פאַר טאַראַסן, אָבער לאַנג האָט ער אים נישט געקאָנט געפינען און האָט זיך נישט געקאָנט דער־שלאָגן אַן ענטפער פון די קאָנוואָי־זעלנער. זיי זענען געווען שטאַרק פאַרשמייעט: אייניקע האָבן געשלעפּט ערגעץ אַן אַרעסטאַנט, די אַנדערע זענען געלאָפן זיך איינקויפן פּראָוויאַנט און האָבן צעשטעלט זייערע זאַכן איבער די וואַגאָנען; די דריטע האָבן באַדינט עפּעס אַ דאַמע, וואָס איז געפאָרן מיטן קאָנוואָי־אָפיציר, און זיי האָבן נישט גערן געענטפערט אויף נעכליודאָווס פראַגן.

נעכליודאָוו האָט דערזעען דעם קאָנוואָי־אָפיציר שוין נאָך דעם צווייטן קלינג. דער אָפיציר האָט מיט זיין קורצער האַנט אָפּגעווישט די־

וואַגאָנסעס, וואָס האָבן אים פאַרדעקט דאָס מויל, און אויפהייבנדיק די אַקסלען, האָט ער עפּעס געשריגן אויף דעם פעלדפעבל.

— וואָס פאַרלאַנגט איר, אייגנטלעך? האָט ער געפרעגט נעכליודאָוון.

— בײַ אײַך אין וואַגאָן גייט אַ פרוי צו קינד, האָב איך גערעכנט, אַז מ׳האָט באַדאַרפט...

— נו, זאָל זי האָבן געזונטערהייט. שפּעטער וועט מען זען, — האָט דער קאָנוואָי-אָפיציר געזאָגט, אַרײַנגייענדיק אין זײַן וואַגאָן, און ענערגיש מאַכנדיק מיט זײַנע קורצע הענט.

אין דער צײַט איז אַדורך דער קאָנדוקטאָר מיטן פײַפל אין האַנט; ס׳האָט זיך דערהערט דער לעצטער קלינג, אַ פײַף און צווישן די באַגלייטער אויפן פעראָן און אין דעם פרויען-וואַגאָן האָבן זיך דערהערט געוויינען און יללות. נעכליודאָוו איז געשטאַנען אויפן פעראָן לעבן טאַראַסן און האָט נאָכגעקוקט, ווי פאַרבײַ אים האָבן זיך איינס נאָך דעם אַנדערן געצויגן די וואַגאָנען מיט די פאַרקראַטעטע פענצטער, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט די מאַנסבילן מיט די געגאָלטע קעפּ. דערנאָך איז דורכגעפלויגן דער ערשטער פרויען-וואַגאָן, וואָס פון זײַן פענצטער האָבן זיך אַרויסגעזען די ווייבערישע קעפּ, גלאַט פאַרקעמטע און אין קאָפּטיכלעך; דערנאָך אַ צווייטער וואַגאָן, אין וועלכן ס׳האָט זיך אַלץ געהערט דאָס זעלבע קרעכצן פון דער פרוי; דערנאָך דער וואַגאָן, וווּ ס׳איז געווען מאַסלאָוואַ. זי איז צוזאַמען מיט אַנדערע געשטאַנען בײַם פענצטער און געקוקט אויף נעכליודאָוון און האָט טרויעריק צו אים געשמייכלט.

XXXIX.

ביז צום אָפּגיין פון פּאַסאַזשיר-צוג, אין וועלכן נעכליודאָוו איז געפאָרן, איז געבליבן נאָך צוויי שעה. נעכליודאָוו האָט לכתחילה געטראַכט אין צווישנצייט נאָך זיך אַראָפּכאַפּן צו דער שוועסטער, אָבער איצטער, נאָך די אַלע איינדרוקן פון דעמדאָזיקן פרימאָרגן, האָט ער זיך דערפילט אַזוי אויפגערעגט און צעבראָכן, אַז אַנידערגעזעצט זיך אויף דעם קאַנאַפּע-קעלע פון ערשטן קלאַס, איז ער פּלוצלינג געוואָרן אַזוי שלעפעריק, אַז ער האָט זיך אויסגעדרייט אויף אַ זייט, האָט אונטערגעשפּאַרט אונטער דער באַק די האַנט און איז באַלד איינגעשלאָפן.

אים האָט אויפגעוועקט אַ לאַקיי אין אַ פראַק, מיט אַ צייכן און אַ סערוועטל.

— מיין הער, מיין הער, זענען זיי עס פיליייכט פירשט נעכליודאָוו? אַ דאַמע זוכט זיי אַרום.

נעכליודאָוו איז אויפגעשפּרונגען, אויסגעווישט די אויגן און זיך דערמאָנט, ווו ער איז און דאָס אַלץ, וואָס איז פאָרלאָפן היינטיקן פרימאָרגן.

אין זיין זכרון זענען געווען: דער מאַרש פון די אַרעסטאַנטן, די מתים, די וואַגאָנען מיט די קראַטעס און די דאָרטן פאַרשפּאַרטע פרויען, פון וועלכע איינע גייט צום קינד אָן הילף, און די צווייטע שמייכלט צו אים טרויעריק דורך דער אייזערנער קראַטע. אָבער אינדעראמתן איז פאַר זיינע אויגן געווען גאָר עפּעס אַנדערש: אַ טיש מיט אָנגעשטעלטע פלעשער, וואַזעס, קאַנדעלאַבער און סערוויזן, אַרום טיש דרייען זיך אַרום פלינקע לאַקייען. טיף אין זאַל, פאַר דער שאַנק, הינטער די וואַזעס מיט די פרוכטן און די פלעשער זעט זיך דער בופעטמאַן און די רוקנס פון די פּאַסאַזשירן, וואָס גייען צו צום בופעט.

אין דערדאָזיקער צייט, בשעת נעכליודאָוו האָט איבערגעביטן די ליגנדיקע לאַגע אויף זיצן און איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך, האָט ער באַמערקט, אַז די אַלע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין זאַל, האָבן מיט נייגיריקייט געקוקט אויף עפּעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין טיר. ער האָט

אויך אַהין אַ קוק געטון און האָט דערזעען אַ פּראָצעסיע פון מענטשן, וועלכע האָבן געטראָגן אויף אַ שטול אַ דאַמע אין אַ דורכזיכטיקן שלייער, וואָס האָט איר פאַרדעקט דעם קאָפּ. דער ערשטער טרעגער איז געווען אַ לאָקיי, און נעכליודאָוו האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער קען אים. דער לעצטער, וואָס האָט געטראָגן די שטול, איז אויך געווען אַ באַקאַנטער שווייצאַר מיט גאַלאָנען אויפן היטל. הינטן איז געגאַנגען אַן עלעגאַנט קאַמער-מיידל מיט אַ קאָפּ גרייזעלעך, אין אַ ווייסער שירץ, און האָט געטראָגן אַ פּעקל — עפּעס אַ קיילעכדיקע זאַך אין אַ לעדערן שיידל, און שירעמס. דערנאָך איז געגאַנגען, אָנגעטון אין אַ רייזע-היטל, פּאָרויס אַרויסשטעלנדיק די ברוסט, דער פירשט קאָרטשאַגין מיט די אַראָפּגע-האָנגענע ליפּן און מיט דעם אַפּאָפּלעקטישן האַלז, און צולעצט זענען געגאַנגען מיסי, דער קוזין מישאַ, און אויך דער נעכליודאָוון באַקאַנטער דיפּלאָמאַט אָסטען מיט זיין לאַנגן האַלז מיט דעם אַרויסגעשטאַרצטן קנו פּ און מיט זיין תמיד גוטער שטימונג און פריילעכן אויסזען. ער איז געגאַנגען און האָט זייער איבערצייגנדיק, נאָר וויזט אויס — לצנותדיק געענדיקט דערציילן עפּעס דער שמייכלענדיקער מיסי. הינטער זיי איז געגאַנגען דער דאָקטאָר, מיט כעס גערייכערט אַ פּאַפּיראָס.

די קאָרטשאַגינס זענען פון זייער הינטערשטאָטיקן גוט אַריבערגע-פאָרן צו דער פירשטינס שוועסטער אין איר גוט, וואָס האָט זיך געפונען בײַ דער ניזשני-גאָראָדער אייזנבאַן.

דער פּראָצעסיע-צוג פון די טרעגער, קאַמער-מיידל און דאָקטאָר איז אַריין אין דעם דאַמענצימער, אַרויסרופנדיק נייגיריקייט און רעספּעקט פון די אַלע בייגעוועזענע. דער אַלטער פירשט אָבער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, האָט גלייך צוגערופן צו זיך דעם לאָקיי און גענומען בײַ אים עפּעס באַשטעלן צום עסן און טרינקען. מיסי מיט דעם דיפּלאָמאַט אָסטען זענען אויך פאַרבליבן אין דעם עסצימער און האָבן זיך שוין געוואָלט אַנידערזעצן, אָבער זיי האָבן באַמערקט אין טיר אַ באַקאַנטע און זענען איר געגאַנגען אַקעגן. די באַקאַנטע איז עס געווען נאַטאַליע איוואַנאָוונאַ. נאַטאַליע איוואַנאָוונאַ אין דער באַגלייטונג פון אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ, איז, אומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, אַריין אין עסצימער. זי האָט כמעט גלייכצייטיק דערזען מיסי און דעם ברודער. זי איז פריער צוגעגאַנגען צו מיסי און האָט בלויז זיך געגריסט מיט נעכליודאָוון פון וויטן. אָבער זיך צעקושט מיט מיסין, האָט זי זיך גלייך געווענדט צום ברודער.

— ענדלעך האָב איך דיך געפונען, — האָט זי געזאָגט. נעכליו-

דאָרט איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך געגריסט מיט מיסין, מישען און מיט אַסטען און איז שטיין געבליבן שמועסנדיק. מיסי האָט אים דערציילט, אַז זייער הויז אין דאָרף האָט אָפּגעברענט, און וואָס האָט זיי געצוווּנגען איבערצופאָרן צו דער מומען. אַסטען האָט באַ דער געלעגנהייט גענומען דערציילן אַ שפּאַסיקן אַנעקדאָט וועגן אַ שרפה.

נעכליודאָוו, נישט הערנדיק, וואָס אַסטען דערציילט, האָט זיך געווענדט צו דער שוועסטער:

— איך בין זייער צופרידן, וואָס דו ביסט געקומען, — האָט ער געזאָגט.

— איך בין שוין לאַנג געקומען, — האָט זי געזאָגט. — איך בין דאָ מיט אַגראַפענאַ פּעטראָוונען. — זי האָט אָנגעוויזן אויף אַגראַפענאַ פּעטראָוונען, וועלכע איז געשטאַנען אין אַ הוט און אין אַ רעגנמאַנטל און האָט מיט פריינטלעכער ווירדע פונדערווייטנס שעמעוודיק זיך פאַרנייגט פאַר נעכליודאָוון, נישט וועלנדיק אים שטערן. — אומעטום האָט מען דיך אַרומגעזוכט.

— און איך בין דאָ איינגעשלאָפן. ווי מיר טוט הנאה, וואָס דו ביסט געקומען, — האָט נעכליודאָוו איבערגעחזרט. — איך האָב דיר געוואָלט אָנשרייבן אַ בריוו, — האָט ער געזאָגט.

— טאַקע? — האָט זי איבערגעפרעגט דערשראָקן. — וועגן וואָס?

מיסי מיט אירע קאַוואַלערן, באַמערקנדיק, אַז צווישן ברודער און שוועסטער הייבט זיך אָן אַן אינטימער שמועס, איז אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט. נעכליודאָוו מיט דער שוועסטער האָבן זיך געזעצט באַם פענצטער אויף דער סאַמעטענער קאַנאַפּע, לעבן עמעצנס פעקלעך, — לעבן אַ פּלעד און אַ קאַרטאָנערן קערבל.

— איך האָב נעכטן, בשעת איך בין אַוועק פון אייך, זיך געוואָלט אומקערן און בעטן מחילה, אָבער איך האָב נישט געוווּסט, ווי אַזוי וועט ער דאָס אָננעמען, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט. — איך האָב נישט גוט גערעדט מיט דיין מאַן, און מיך האָט עס געפּייניקט, — האָט ער געזאָגט.

— איך האָב געוווּסט, איך בין געווען זיכער, — האָט די שוועסטער געזאָגט, — אַז דו האָסט נישט געוואָלט. דו ווייסט דאָך.

און טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן, און זי האָט אָנגערירט זיין האַנט. דיזאָזיקע פראַזע איז געווען אומקלאָר, אָבער ער

האָט זי אײנגאַנצן פאַרשטאַנען און איז געװען גערירט פון דעם, װאָס זי האָט באַטײט. אירע װערטער האָבן באַטײט, אַז אַ חוץ דער ליבע, װאָס באַהערשט זי — די ליבע צו איר מאַן, איז פאַר איר װיכטיק און טײער די ליבע צו אים, צו איר ברודער, און אַז יעדער איבעררײד מיט אים— איז פאַר איר אַ שװערע פּײן.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק דיר... אַך, װאָס איך האָב זיך הײנט אָנגעזען, — האָט ער געזאָגט, מיטאַמאָל זיך דערמאַנענדיק אָן דעם צװײטן געשטאָרבענעם אַרעסטאַנט. — צװײ אַרעסטאַנטן דערהרגעט.

— װי אַזױ דערהרגעט?

— אַזױ דערהרגעט. מען האָט זײ אָװעקגעפירט אױף דעם היציקן ברען. און צװײ זענען געשטאָרבן פון אַ זון-שלאַג.

— װאָס רעדסטו? װי אַזױ? הײנט? נישט לאַנג?

— יאָ, ערשט. איך האָב געזען זײערע טױטע קערפּערס.

— אָבער פאַרװאָס האָט מען זײ געהרגעט? װער האָט זײ געהרגעט? — האָט נאַטאַליאַ איװאַנאָװנאַ געזאָגט.

— צי האָבן זײ געהרגעט, װאָס האָבן מיט געװאַלד זײ געפירט, — האָט מיט אױפרעגונג נעכליודאָװ געזאָגט, פילנדיק, אַז זי קוקט אױך אױף דעם דערדאָזיקער זאַך מיט דעם מאַנס אױגן.

— אַך גאָט מײנער! — האָט אַגראַפענאַ פּעטראָװנאַ געזאָגט, צוגײענדיק נענטער צו זײ.

— יאָ, מיר האָבן נישט דעם מינדסטן באַגריף װעגן דעם, װאָס עס קומט פאָר מיט דידאָזיקע אומגליקלעכע, און מען באַדאַרף עס װיסן, — האָט נעכליודאָװ צוגעגעבן, קוקנדיק אױף דעם אַלטן פירשט, װעלכער איז געזעסן, אַרומגעהאַנגען מיט אַ סערװעטל, באַם טיש און זיך געקװיקט מיט אַ קילן געטראַנק און בשעת מעשה אַ קוק געגעבן אױף נעכליודאָװן.

— נעכליודאָװ! — האָט ער אַ געשרײ געטון, — איר װילט זיך אָפּקילן? אױפן װעג איז דאָס אױסגעצײכנט!

נעכליודאָװ האָט זיך אָפּגעזאָגט און זיך אָפּגעקערט.

— אָבער װאָס װעסטו טון? — האָט נאַטאַליאַ איװאַנאָװנאַ װײטער גערעדט.

— װאָס איך קאָן. איך װײס נישט, אָבער איך פיל, אַז איך מוז עפּעס טון. און װאָס איך קאָן, װעל איך טון.

— יאָ, יאָ! איך פאַרשטיי עס. נו, און מיט דידאָזיקע, — האָט זי געזאָגט שמייכלענדיק און אָנגעוויזן מיט די אויגן אויף קאָרטשאַגינען. — צי דען איז שוין אינגאַנצן געענדיקט?

— אינגאַנצן, און איך דענק, אַז ביידע צדדים באַדויערן נישט.

— אַ שאָד. מיר איז אַ שאָד. איך האָב זי ליב. לאָמיר אָננעמען, אַז ס'איז אַזוי. אָבער צוליב וואָס ווילסטו זיך פאַרבינדן, פאַרבינדן זיך? — האָט זי צוגעגעבן ווי נישט דרייסט. — נאָכוואָס פאָרסטו?

— איך פאָר, ווייל אַזוי דאַרף מען, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט שטרענג און האַרט, ווי ער וואָלט וועלן איבעררייסן דעמדאָזיקן שמועס, נ:בער גלייך איז אים געוואָרן נישט אָנגענעם, וואָס ער איז אַזוי קאַלט מיט דער שוועסטער. „פאַרוואָס זאָל איך איר נישט זאָגן אַלץ, וואָס איך קלער? — האָט ער אַ טראַכט געטון. — אדרבא, זאָל אַגראַפענאַ פעט־ראָוונאַ אויך הערן“, האָט ער צו זיך געזאָגט, כאַפנדיק אַ קוק אויף דער אַלטער דינערין.

די אָנוועזנהייט פון אַגראַפענאַ פעטראָוונאַ האָט נאָך אים צוגעגעבן מוט איבערצוחזרן דער שוועסטער זיין באַשלוס.

— דו מיינסט מיין פּלאַן חתונה צו האָבן מיט קאַטיושען? זעסטו, איך האָב עס באַשלאָסן צו טון, אָבער זי האָט מיר קאַטעגאָריש און פעסט אָפּגעזאָגט, — האָט ער דערציילט און זיין שטים האָט אַ ציטער געטון, ווי עס האָט שטענדיק געציטערט, בשעת ער האָט וועגן דעם גערעדט. — זי וויל נישט מיין קרבן און אַליין איז זי פאַר איר, אין איר לאַגע מקריב זייער פיל, און איך קאָן נישט אָננעמען דעמדאָזיקן קרבן, אויב ס'איז נאָר אויף אַ ווײַלע. פאַר איך אַלזאָ איר נאָך און וועל זיין דאָרטן, ווו זי וועט זיין, און וועל, וויפיל כ'וועל קאָנען, איר העלפן פאַרגרינגערן איר גורל.

נאַטאַליִע איוואַנאָוונאַ האָט גאָרנישט געזאָגט. אַגראַפענאַ פעטראָוונאַ האָט מיט אַ פראַגע געקוקט אויף נאַטאַליִע איוואַנאָוונען און האָט צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ. אין דער צייט איז פון דעם דאַמענצימער ווידער אַרויסגעגאַנגען די פּראָצעסיע. דער זעלבער שיינער לאָקיי פיליפּ און דער שווייצאַר האָבן געטראָגן די פירשטין. זי האָט אָפּגעשטעלט די טרעגער, האָט צוגערופן צו זיך נעכליודאָוון, האָט אים דערלאַנגט די ווייסע האַנט אין רינגען, אויסגייענדיק פאַר שרעק, אַז ער זאָל חלילה נישט צו שטאַרק זי אַ דריק טון.

— Epouvantable(*! — האָט זי געזאָגט וועגן דער היץ. — איך פאַרטראָג דאָס נישט. Ce climat me tue(**, — און זיך אַדורכגע־רעדט וועגן די גרוילן פון דעם רוסישן קלימאַט און איינגעלאַדן נעכ־ליודאָוון קומען צו זיי, האָט זי געגעבן אַ צייכן די טרעגער. — אַלזאָ, וועט איר באַשטימט קומען צו פאָרן, — האָט זי צוגעגעבן אין גאַנג, אויסדרייענדיק איר לאַנג פּנים צו נעכליודאָוון.

נעכליודאָוו איז אַרויס אויפן פעראָן. די פּראָצעסיע פון דער פירשטין האָט זיך פאַרקירעוועט רעכטס, צום ערשטן קלאַס. נעכליודאָוו, ווידער, מיט דעם אַרבעטער, וואָס האָט געטראָגן די זאַכן, און טאַראַס, וואָס האָט געשלעפּט זיין זעקל, זענען אַוועק לינקס.

— אָט דאָס איז מיין חבר, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט דער שוועסטער, אָנווייזנדיק אויף טאַראַסן, וואָס זיין געשיכטע האָט ער איר פריער געהאַט דערציילט.

— דו פאָרסט דען אין דער דריטער קלאַס? — האָט נאַטאַליאַ איוואַנאָווגאַ געפרעגט; בעת נעכליודאָוו איז שטיין געבליבן בא אַ וואַגאָן פון III קלאַס; און דער אַרבעטער מיט די זאַכן און טאַראַס זענען אין אים אַריינגעשטיגן.

— פאָרשטייסט, מיר איז באַקוועמער, איך פאָר מיט טאַראַסן צו־זאַמען, — האָט ער געזאָגט. — נאָר איך האָב דיר נאָך עפּעס צו זאָגן, — האָט ער צוגעגעבן: — ביז איצט האָב איך נאָך נישט אָפּגעגעבן אין קוזמינסקאָיע די פּויערים די ערד, אַלזאָ אין פאַל פון מיין טויט וועלן דיינע קינדער זי ירשנען.

— דמיטרי, הער אויף, — האָט נאַטאַליע איוואַנאָווגאַ געזאָגט.

— אויב אָבער איך וועל אפילו אַוועקשענקען, קאָן איך דיר נאָר איין זאַך זאָגן, אַז דאָס איבעריקע, וואָס איך האָב, וועט זיין זייערס, וויל ווער ווייסט, צי איך וועל גאָר חתונה האָבן, און אויב אפילו איך וועל חתונה האָבן, וועל איך נישט האָבן קיין קינדער... אַלזאָ...

— דמיטרי, איך בעט דיך, רעד עס נישט. — האָט נאַטאַליע איוואַנאָווגאַ געבעטן, אָבער פונדעסטוועגן האָט נעכליודאָוו געזעען, אַז זי איז געווען צופרידן צו הערן פון אים דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט.

---

*) שרעקלעך.

**) דערדאָזיקער קלימאַט הרגעט מיך אַוועק!

אויף צופריער, פאַר דעם וואַגאָן פון ערשטן קלאַס, איז געשטאַנען אַ קליין געזעמל מענטשן, וואָס האָבן נאָך אַלץ געקוקט אין יענעם וואַגאָן, וווּ מ׳האָט נאָר־וואָס אַריינגעטראָגן די פירשטין קאָרטשאַגין. דער איבעדיקער עולם איז שוין געווען אויף די ערטער. די פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן זיך פאַרשפּעטיקט, האָבן איילנדיק געקלאַפּט איבער די ברעטער פון פּעראָן. די קאָנדוקטאָרן האָבן צוגעמאַכט די טירן און האָבן געבעטן די פּאַסאַזשירן זיך אַריינזעצן, און די באַגלייטער — אַרויסצוגיין.

נעכליודאָוו איז אַריינגעגאַנגען אין דעם פון דער זון אָנגעברענטן הייסן שטינקענדיקן וואַגאָן, און גלייך אַרויס אויפן טאָרמאַז.

נאַטאַליע איוואַנאָוונאַ איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם וואַגאָן אין איר מאָדישן הוט און אין דער פעלערינע צוזאַמען מיט אַגראַפענאַ פּעטראָוונען און האָט, קענטיק, געזוכט אַ טעמע אויף צו שמועסן און נישט געפונען. מען האָט אפילו נישט געקאָנט זאָגן, ווייל זי „ecrivez“*) מיטן ברודער האָבן שוין לאַנג אויסגעלאַכט דידאָזיקע געוויינלעכע פראַזע פון די, וואָס פאָרן אַוועק. דערדאָזיקער קורצער שמועס וועגן די געלט־ענינים און ירושה האָבן מיט אַמאָל צעשטערט די צערטלעכע ברידערלעכע באַציונגען, וואָס האָבן זיך געוועזט איינגעשטעלט צווישן זיי, — זיי האָבן זיך איצט געפילט אָפּגעפרעמדט איינס פון דעם אַנדערן. אַזויערנאָך איז נאַטאַליע איוואַנאָוונאַ געווען צופרידן, ווען דער צוג האָט זיך גערירט, און מ׳האָט געקאָנט, בלויז צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, מיט אַ טרויעריק צאַרט פּנים זאָגן: „פאָר געזונט, נו, פאָר געזונט, דמיטרי“. אָבער ווי נאָר דער וואַגאָן איז אָפּגעפאָרן, האָט זי גענומען טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי וועט זי איבערגעבן דעם מאַן איר שמועס מיטן ברודער, און איר פּנים איז געוואָרן ערנסט און באַזאָרגט.

אָבער נעכליודאָוון, וועלכער האָט אויסער די בעסטע געפילן גאָרנישט געפילט צו זיין שוועסטער און האָט פון איר גאָרנישט געלייקנט, איז איצטער געווען שווער מיט איר און נישט באַקוועם און ס׳האָט זיך געגלוסט, וואָס גיכער זיך פון איר צו באַפרייען. ער האָט געפילט, אַז ס׳איז נישטאָ מער די נאַטאַשע, וואָס איז אַמאָל געווען אים אַזוי נאָענט, און עס איז בלויז דאָ אַ שקלאַפין פון אַ פרעמדן נישט אָנגענעמען שוואַרץ־האָריקן מאַן. ער האָט עס דייטלעך דערזען, ווייל איר פּנים

*) שרייבט.

פלעגט ווערן באַלויכטן מיט אַ באַזונדערער אויפלעבונג נאָר דאַן, ווען ער פלעגט נעמען רעדן וועגן דעם, וואָס עס האָט אינטערעסירט איר מאַן. — וועגן אָפּגעבן די ערד די פויערים, וועגן דער ירושה. און דאָס האָט אים באַנג געטון.

XL.

די היץ אין דעם גרויסן וואַגאָן פון III קלאַס, וועלכער איז אין משך פון אַ גאַנצן טאָג אָנגעגליט געוואָרן פון דער זון און פול געפּאַקט געווען מיט מענטשן, איז געווען דערשטיקט צו ווערן, אַזוי אַז נעכליו-דאָוו איז נישט אַריין אין וואַגאָן, נאָר איז געבליבן אויפן טאַרמאַז. אָבער אויך דאָ איז נישט געווען מיט וואָס צו עטעמען, און נעכליודאָוו האָט אָפּגעעטעמט מיט דער גאַנצער ברוסט ערשט דאַן, ווען די וואַגאָנען האָבן זיך אַרויסגעקייקלט פון צווישן די הייזער און עס האָט אַ בלאָז געטון אַ צוג-ווינט. „יאָ, דערהרגעט“, האָט ער פאַר זיך איבערגעחזרט די ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט דער שוועסטער. און פון אַלע איינ-דרוקן פון דעם היינטיקן טאָג איז אין זיין דמיון מיט אַ מערקווירדיקער לעבעדיקייט אויפגעשטאַנען דאָס וווּנדער-שיינע פּנים פון דעם צווייטן טויטן אַרעסטאַנט מיט דעם שמייכלענדיקן אויסדרוק פון די ליפּן, דעם שטרענגן אויסדרוק פון דעם שטערן און דעם מיטלגרויסן פעסטן אויער אונטער דעם געגאָלטן בלוילעכן שאַרבן. „און דאָס שרעקלעכסטע איז, וואָס מ'האָט דערהרגעט און קיינער ווייסט נישט, ווער ס'האָט אים דער-הרגעט. אָבער דערהרגעט. אַוועקפירן האָט מען אים אַוועקגעפירט, אַזוי ווי אַלע אַרעסטאַנטן, לויט מאַסלעניקאָווס פאַראָרדנונג. מאַסלעניקאָוו האָט מן הסתם געמאַכט זיין געוויינלעכע פאַראָרדנונג, געחתמעט מיט זיין אידיאָטישן צוק דאָס פּאַפּיר מיטן געדרוקטן קעפּל און אוודאי וועט ער זיך נישט האַלטן פאַר שולדיק. נאָך ווייניקער קאָן זיך האַלטן פאַר שולדיק דער תפיסה-דאָקטאָר, וועלכער האָט באַשייניקט די אַרעסטאַנטן. ער האָט פּינקטלעך דערפילט זיין התחייבות, האָט אָפּגעטיילט די שוואַכע און האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאָרויסזען נישט דידאָזיקע שרעק-לעכע היץ, נישט דאָס, אַז מ'וועט זיי אַוועקפירן אַזוי שפּעט און אַזוי

ענג צונויפגעדרענגט. דער אינספעקטאָר ?... דער אינספעקטאָר אָבער האָט דאָך נאָר אויסגעפירט די פאָרשריפט, אַז אין דעם און דעם טאָג זאָל ער אויסריכטן אַזוי פיל און אַזוי פיל קאַטאָרזשאַנער, פאַרשיקטע, מאַנסבילן, פרויען. דעסגלייכן קאָן אויך נישט זיין שולדיק דער קאָנוואָי-מאַן, וואָס זיין פונקציע איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ער זאָל מיט אַ חשבון דאָרט און דאָרט צונעמען אַזוי פיל און אַזוי פיל און דאָרט און דאָרט איבערגעבן פונקט אַזוי פיל. פירן האָט ער געפירט די פאַרטיע ווי עס איז טאַקע פאָרגעשריבן, און האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאָרויסזען, אַז אַזעלכע שטאַרקע מענטשן, ווי יענע צוויי, וואָס נעכליודאָוו האָט געזען, וועלן נישט אויסהאַלטן און וועלן שטאַרבן. קיינער איז נישט שולדיק, אָבער די מענטשן האָט מען דערהרגעט און דערהרגעט האָבן זיי פאָרט טאַקע די זעלביקע אין זייער טויט נישט שולדיקע מענטשן".

„אַרויסגעקומען איז דאָס אַלץ דערפון, — האָט נעכליודאָוו געטראַכט, אַז אָט די אַלע מענטשן — די גובערנאַטאָרן, אינספעקטאָרן, אויפזעער, פאָליציי-קאָמיסאַרן, פאָליציאַנטן, — האַלטן, אַז אויף דער וועלט זענען פאַראַן אַזעלכע סיטואַציעס, באַ וועלכע די מענטשלעכע באַציונג צו אַ מענטש איז נישט קיין מוז. אָט די אַלע מענטשן — סיי מאַסלעניקאָוו, סיי דער אינספעקטאָר, סיי דער קאָנוואָי-מאַן — זיי אַלע, ווען זיי זאָלן נישט געווען זיין קיין גובערנאַטאָרן, קיין אינספעקטאָרן, קיין אָפיצירן, וואָלטן זיי דאָך צוואַנציק מאָל איבערגעטראַכט וועגן דעם, צי קאָן מען טראַנספּאָרטירן מענטשן אין אַזאַ היץ און אַזוי צונויפגעדרענגט, וואָלטן צוואַנציק מאָל אונטערוועגנס זיך אָפּגעשטעלט און, דערזעענדיק, אַז אַ מענטש ווערט פאַרשלאַפט, קאָן נישט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, וואָלטן זיי אים אַרויסגעפירט פון דער מחנה, וואָלטן אים אַריינגעפירט אין אַ שאָטן, געגעבן אים אַ טרינק וואַסער, געלאָזט אים אָפּרוען, און ווען דאָס אומגליק איז געשען, וואָלטן זיי אַרויסגעוויזן מיטלייד. זיי האָבן דאָס נישט געטון, האָבן אפילו געשטערט אַנדערע דאָס צו טון נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן געזען פאַר זיך נישט קיין מענטשן און זייערע התחייבותן לגבי דידאָזיקע מענטשן, נייערט דעם אַמט און זיינע פאָדערונגען, וועלכע זיי האָבן געשטעלט העכער פאַר די פאָדערונגען פון מענטשלעכע באַציונגען. אין דעם שטעקט אַלץ, — האָט נעכליודאָוו געטראַכט. — אויב מ'קאָן אָנערקענען, אַז עפּעס, וואָס עס זאָל נישט זיין, איז וויכטיקער פאַר דעם געפיל פון מענטשן-ליבע, כאָטש בלויז אויף אַ שעה צייט

און אין איין וועלכן-עס-איז אויסשליסלעכן פאַל, איז נישטאָ דער פאַרברעך, וואָס מ'זאָל אים נישט קאָנען באַגיין איבער מענטשן, נישט האַלטנדיק זיך פאַר שולדיק".

נעכליודאָוו האָט זיך אַזוי פאַרטראַכט, אַז ער האָט אפילו נישט באַמערקט, ווי דאָס וועטער האָט זיך געענדערט: די זון האָט זיך באַהאַלטן הינטער דעם פאָדערשטן, נידעריקן, צעריסענעם וואָלקן, און פון מערבדיקן האָריזאָנט האָט זיך גערוקט אַ מאַסיווע העל-גרויע כמאַרע, וועלכע האָט שוין דאָרט, ערגעץ העט ווייט, זיך אויסגעגאָסן איבער די פעלדער און וועלדער אין אַ געננייגטן געדיכטן רעגן. פון דער כמאַרע האָט געצויגן מיט פייכטער רעגן-לופט. פון צייט-צו-צייט האָבן בליצן געשניטן די כמאַרע, און מיט דעם געקלאַפּעריי פון די וואַגאָנען האָט זיך וואָס אַמאָל אָפטער און אָפטער צונויפגעמישט דער קנאַל פון אַ דונער. די כמאַרע איז געוואָרן נענטער און נענטער, די געניייגטע רעגן-טראָפּנס, געטריבן פון ווינט, האָבן אָנגעהויבן צו שפּרענקלען די פּלאַטפאָרם פון טאַרמאַז און נעכליודאָווס מאַנטל. ער איז אַריבער אויף דער צווייטער זייט אין, איינעטעמענדיק די פייכטע פרישקייט און דעם תבואה-ריה פון דער שוין לאַנג נאָך רעגן גאַרנדיקער ערד, האָט ער געקוקט אויף די פאַרביילויפנדיקע סעדער, וועלדער, געלבלעכע קאָרן-פעלדער, נאָך גרינע פאַסן האָבער און שוואַרצע שרינטן פון דעם טונקל-גרינעם בליענדיקן קאַרטאָפל. אַלץ האָט עפּעס ווי באַדעקט זיך מיט לאַק: דאָס גרינע איז געוואָרן גרינער, דאָס געלע — געלער, דאָס שוואַרצע — שוואַרצער.

— נאָך, נאָך! — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, זיך פרייענדיק אויף די פעלדער, סעדער, גערטנער, וואָס האָבן אָפּגעלעבט אונטער דעם נעבעכטשטן רעגן.

דער שטאַרקער רעגן האָט געגאָסן נישט לאַנג. די כמאַרע האָט טיילווייז זיך אויסגעגאָסן, טיילווייז זיך אָפּגעטראָגן, און אויף דער נאַסער ערד זענען שוין געפאַלן די לעצטע גראָדע, אָפטע, קליינע טראָפּנס. די זון האָט ווידער אַרויסגעקוקט, אַלץ האָט זיך צעגלאַנצט, און אין מזרח-זייט האָט זיך אויפן האָריזאָנט איבערגעבויגן אַ רעגנבויגן, נישט קיין הויכער, אָבער אַ העלער, מיט אַ בולטן פיאָלעטן קאָליר, איבערגעריסן נאָר אין איין ברעג.

„יאָ, וועגן וואָס האָב איך עס געטראַכט? — האָט נעכליודאָוו זיך

געפּרעגט, אַז די אַלע ענדערונגען אין דער נאַטור האָבן זיך געענדיקט און דער צוג האָט אַראָפּגענידערט אין דער באַן־רינווע צווישן הויכע שיפּועס. — יאָ, איך האָב געטראַכט, אַז די אַלע מענטשן: דער אינספּעקטאָר, די קאָנוואָי־זעלנער, די אַלע אָנגעשטעלטע זענען דאָס רוב מילדע, גוטע מענטשן, זענען געוואָרן שלעכטע נאָר דערפאַר, ווייל זיי דינען".

ער האָט זיך דערמאָנט מאַסלעניקאָווס גלייכגילטיקייט, בשעת ער האָט אים דערציילט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין תפיסה, דעם אינספּעקטאָרס שטרענגקייט, דעם קאָנוואָי־אָפיצירס אכזריות, בשעת ער האָט נישט אַרויפגעלאָזט אויף די פורן און האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, אַז אין צוג גייט אַ פרוי מיט יסורים צו קינד. דידאָזיקע אַלע מענטשן זענען, ווייזט אויס, געווען אומאָנרירלעך, אומדורכדרינגלעך פאַר דעם איינפאַכסטן געפיל פון מיטלייד נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן געדינט. זיי אַלס אָנגעשטעלטע זענען געווען נישט דורכדרינגלעך פאַר דעם געפיל פון מענטשנליבשאַפט, „אַט אַזוי ווי דידאָזיקע געברוקירטע ערד — פאַר דעם רעגן", האָט נעכליודאָוו געטראַכט, קוקנדיק אויף דעם מיט פאַרשידנקאָלירטע שטיינער ברוקירטן שיפּוע פון דער רינווע, וואָס איבער איר האָט דאָס רעגנוואַסער זיך נישט איינגעזאַפּט אין דער ערד, נאָר זיך אַריינגעטריפט ריטשקעסווייז. אפשר דאַרף מען טאַקע אויסלייגן מיט שטיינער די רינווע, ס'איז אָבער אומעטיק צו קוקן אויף דערדאָזיקער פון געוויקסן נאַקעטער ערד, וועלכע וואָלט געקאָנט געווינען ברויט, גראָז, קוסטעס, ביימער, אַזוי ווי די, וואָס זעען זיך אויבן איבער דער רינווע. „דאָס אייגענע איז אויך מיט די מענטשן, — האָט נעכליודאָוו געטראַכט, — אפשר דאַרף מען טאַקע האָבן דידאָזיקע גובערנאַטאָרן, אינספּעקטאָרן, פּאָליציאַנטן, ס'איז אָבער שרעקלעך צו זען מענטשן, וואָס זיי פעלט די וויכטיקסטע מענטשלעכסטע אייגנשאַפט — ליבשאַפט און מיטלייד פון איינעם צו דעם אַנדערן". „די גאַנצע זאַך איז", האָט נעכליודאָוו געטראַכט, „וואָס דידאָזיקע מענטשן אָנערקענען פאַר אַ געזעץ דאָס, וואָס איז נישט קיין געזעץ, און אָנערקענען נישט פאַר אַ געזעץ דאָס, וואָס איז אַן אייביק געזעץ, נישט צו פאַרענדערן, נישט אָפּצולייגן, וועלכעס גאָט האָט אַליין אַריינגעשריבן אין די מענטשלעכע הערצער. אָט דערפאַר איז עס מיר אַזוי שווער מיט דידאָזיקע מענטשן", האָט נעכליודאָוו געטראַכט. „איך האָב פשוט מורא פאַר זיי. און באמת טאַקע, זענען דידאָזיקע מענטשן שרעקלעך. שרעקלעכער פאַר גזלנים. אַ גזלן

קאָן פאָרט אַמאָל רחמנות האָבן — דידאָזיקע אָבער קאָנען נישט רחמנות האָבן: זיי זענען באַוואָרנט קעגן רחמנות, אַזויווי דידאָזיקע שטיינער — קעגן געוויקסן. אָט דערמיט זענען זיי עס שרעקלעך. שרעקלעך זענען, זאָגט מען, די פוגאַטשאָווס, די ראַזינס. די־אָ זענען טויזנט מאָל שרעקלעכער!״ האָט ער ווייטער געצויגן זיינע מחשבות: „אויב עס וואָלט אויפגעגעבן געוואָרן אַ פסיכאָלאָגישע אויפגאַבע: ווי אַזוי מאַכט מען אַזוי, אַז מענטשן פון אונזער צייט, קריסטן, הומאַנע, פשוט גוטע מענטשן, זאָלן באַגיין די שרעקלעכסטע מערדערייען, נישט פילנדיק זיך פאַר שולדיק, — קאָן געמאָלט זיין נאָר איין באַשייד: מ'דאַרף, אַז עס זאָל זיין דאָס זעלבע, וואָס עס איז, אַז דידאָזיקע מענטשן זאָלן זיין גובערנאַטאָרן, אינספעקטאָרן, אָפיצירן, פאָליציי־לייט, ד״ה, אַז זיי זאָלן ערשטנס זיין זיכער, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך, וואָס הייסט מלוכה־דינסט, באַ וועלכן מ'מעג זיך מיט מענטשן אַזוי באַגיין ווי מיט זאַכן, אָן מענטשלעכער, ברידערלעכער באַציונג צו זיי, און צווייטנס, אַז די מענטשן פון אָט דעם מלוכישן דינסט טאַקע זאָלן זיין פאַרבונדן אַזוי, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די רעזולטאַטן פון זייערע האַנדלונגען לגבי מענטשן זאָל נישט פאַלן אויף קיינעם באַזונדער. מחוץ דידאָזיקע באַדינגונגען איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט אין אונזערע צייטן צו באַגיין אַזעלכע שרעקלעכע מעשים, ווי די, וואָס איך האָב היינט געזען. די גאַנצע זאַך איז, וואָס מענטשן מיינען, אַז עס זענען פאַראַן סיטואַציעס, ווען מ'קאָן זיך באַגיין מיט אַ מענטש אָן ליבע, און אַזעלכע סיטואַציעס זענען גאָר נישטאָ. מיט זאַכן מעג מען זיך באַגיין אָן ליבע: מ'מעג האַקן ביימער, מאַכן ציגל, שמידן אייזן אָן ליבע; אָבער מיט מענטשן טאָר מען זיך נישט באַגיין אָן ליבע, אַזוי ווי מ'טאָר מיט בינען זיך נישט באַגיין אָן פאָרזיכט. אַזוי איז שוין די אייגנשאַפט פון די בינען. ווען זיך באַגיין מיט זיי אָן פאָרזיכט, וועסטו שאָדן אי זיי אי זיך גופא. דאָס אייגענע איז מיט מענטשן אויכעט. און דאָס קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין, וואָרים די קעגנזייטיקע ליבע צווישן מענטשן איז דער גרונד־געזעץ פון מענטשלעכן לעבן. אמת, אַז דער מענטש קאָן זיך נישט צווינגען ליב צו האָבן, אַזוי ווי ער קאָן זיך צווינגען צו אַרבעטן, אָבער דערפון איז נישט געדרונגען, אַז מ'מעג זיך באַגיין מיט מענטשן אָן ליבע, בפרט ווען דו פאָדערסט פון זיי עפעס. פילסטו נישט קיין ליבע צו מענטשן, טאָ זיץ רויק־שטיל, — האָט נעכליודאָוו געטראַכט, זיך ווענדנדיק צו זיך, — פאַרנעם זיך מיט זיך אַליין, מיט חפצים, אַבי נאָר נישט מיט

מענטשן. אַזוי ווי עסן אָן שאָדן און מיט נוצן קאָן מען נאָר דאַן, ווען עס ווילט זיך עסן, אַזוי אויך מיט מענטשן קאָן מען זיך באַגיין מיט נוצן און אָן שאָדן נאָר דאַן, ווען דו האָסט ליב. דאַרפסט נאָר זיך דערלויבן צו באַגיין זיך מיט מענטשן אָן ליבע, אַזוי ווי דו ביסט זיך נעכטן באַגאַנגען מיטן שוואָגער, איז נישטאָ גאָר קיין גבול צו דער שלעכטסקייט און אכזריות לגבי אַנדערע מענטשן, ווי איך האָב דאָס געזעען היינט, און נישטאָ קיין גבול צו די יסורים פאַר זיך, ווי איך בין עס געוויר געוואָרן פון מיין גאַנץ לעבן. יאָ, יאָ, אַזוי איז עס, — האָט נעכליודאָוו געטראַכט. — דאָס איז גוט, גוט!" האָט ער פאַר זיך איבערגעחזרט, שפּירנדיק אַ טאָפּלטן נחת-רוח — פון דער קילקייט נאָך דער פּיינלעכער היץ און פון דעם באַוווסטזיין, אַז ער האָט דערגרייכט אַ העכערע מדרגה פון קלאָרקייט אין דער פראַגע, וועלכע האָט אים שוין לאַנג פאַרנומען.

XLI.

אין וואַגאָן, אין וועלכן נעכליודאָוו האָט געהאַט אַ פּלאַץ, איז געווען האַלב געפּאַקט מיט עולם. געווען דאָ דינערשאַפט, באַלמעלאָכעס, פאַבריק-אַרבעטער, פליישער, יידן, אָנגעשטעלטע, פרויען, ווייבער פון אַרבעטער, געווען אַ זעלנער, געווען צוויי מאַדאַמען: איינע אַ יונגע, די אַנדערע אַ באַיאָרטע מיט בראָנזלעטן אויף דער אַנטבלויזטער האַנט, און אַ הער פון שטרענגן אויסזעען מיט אַ קאָקאַרדע אויף דעם שוואַרצן היטל. די אַלע מענטשן, שוין באַרויקטע נאָכן אויסזעצן זיך, זענען געזעסן רויק, ווער ס'האָט געקנאַקט קערלעך, ווער ס'האָט גערייכערט אַ פּאַפּיראָס, ווער ס'האָט געפירט אַ לעבעדיקן שמועס מיט די שכנים.

טאַראַס איז מיט אַ גליקלעך פּנים געזעסן רעכטס פון דורכגאַנג, היטנדיק דעם פּלאַץ פאַר נעכליודאָוון, און האָט לעבעדיק געשמועסט מיט אַ מוסקולדיקן מענטש אין אַן אויפגעקנעפּלטער געוואַנטענער בורקע, וועלכער איז געזעסן אים אַקעגנאיבער. ווי נעכליודאָוו איז שפּעטער געוויר געוואָרן, איז דאָס געווען אַ גערטנער, וועלכער איז געפאָרן אויף אַ שטעלע. נישט דערגאַנגען צו טאַראַסן, איז נעכליודאָוו געבליבן שטיין אין דורכגאַנג לעבן אַן אַלטן בכבודיקן מאַן מיט אַ ווייסער באָרד, אין

א גאנקענער בורקע, וועלכער האָט גערעדט מיט א יונגער פרוי דאָרפיש געקליידט. לעבן דער פרוי איז, ווייט נישט גרייכנדיק מיט די פיס צו דער ערד, געזעסן א זיבניעריק מיידעלע אין א ניי סאראפאנדל מיט א צעפל כמעט ווייסע האר און האָט געהאלטן אין איין קנאקן קערלעך. זיך אומגעקוקט אויף נעכליודאָוון, האָט דער אַלטער פון דער גלאנציקער באַנק, אויף וועלכער ער איז געזעסן איינער אַליין, ארונטערגענומען די פּאָלע פון זיין בורקע און האָט פריינדלעך געזאָגט:

— זעצט זיך, איך בעט אייך.

נעכליודאָוו האָט באדאנקט און זיך אוועקגעזעצט אויף דעם אָנגע-וויזענעם פּלאַץ. זוי נאָר נעכליודאָוו האָט זיך אוועקגעזעצט, האָט די פרוי ווייטער אָנגעצויגן דעם איבערגעריסענעם שמועס. זי האָט דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי דער מאַן האָט זי צוגענומען אין שטאָט; דאָס איז זי איצט געפאָרן פון אים צוריק.

— געווען אויף דער פאסט-חגא, און אָט, געלויבט איז גאָט, איצ-טער ווידער געווען, — האָט זי געזאָגט, — און איצטער, אַז גאָט וועט געבן, וועל איך אויף ניטל ווידער צופאָרן.

— זייער שיין, — האָט דער אַלטער געזאָגט, זיך אומקוקנדיק אויף נעכליודאָוון, — מ'דאַרף געוויר ווערן, וואָרים אַזוי קאָן א יונגער מענטש צעלאָזט ווערן, וווינענדיק אין שטאָט.

— ניין, טייערער זיידעשי, מיינער איז נישט פון די. איך רעד שוין נישט פון וועלכע-עס-איז נארישקייטן, ער איז ווי א צניעותדיק מיידל. דאָס געלט שיקט ער אריבער אהיים ביז א גראָשן. און פון דעם טעכטערל האָט ער אַזוי אָנגעקוואָלן, אַזוי אָנגעקוואָלן, אַז איך קאָן אייך גאָר נישט ארויסגעבן, — האָט די פרוי געזאָגט שמייכלענדיק.

דאָס מיידעלע, וואָס האָט אָלץ געשפּיגן קערלעך און זיך צוגע-הערט צו דער מוטער, האָט מיט רויקע, קלוגע אויגן א קוק געטון דעם אַלטן און נעכליודאָוון אין פנים אריין, גלייך ווי צו באַשטעטיקן דער מוטערס ווערטער.

— נו, אַז ער איז א קלוגער, איז נאָך בעסער, — האָט דער אַל-טער געזאָגט. — און אָט דערמיט פאַרנעמט ער זיך נישט? — האָט ער צוגעגעבן, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף א פּאָרל — מאַן און ווייב, ווייזט אויס — פאבריק-ארבעטער, וואָס זענען געזעסן אויף דער אַנדע-רער זייט פון דורכגאַנג.

דער פאבריק-אַרבעטער מיט א פלאַש בראָנפן צוגעשטעלט צום

מויל, האָט פארוואָרפן דעם קאָפּ און געזופט, און דאָס ווייב האָט דורכ־דרינגלעך געקוקט אויפן מאַן. האַלטנדיק אין דער האַנט אַ זעקל, פון וועלכן מ'האָט עס געהאַט ארויסגענומען די פלאַש.

— ניין, מיינער טרינקט נישט און רייכערט נישט, — האָט די פרוי, וואָס האָט געשמועסט מיט דעם אַלטן, געזאָגט, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט נאָכאַמאָל אָפּצולויבן איר מאַן. — אַזעלכע מענטשן, זיידעשי, ווערן ווייניק געבוירן. אָט אַזעלכער איז ער, — האָט זי געזאָגט, זיך ווענדנדיק צו נעכליודאָוון אויך.

— מ'דאַרף נישט בעסער, — האָט איבערגעחזרט דער אַלטער, קוקנדיק אויף דעם פאַבריק־אַרבעטער מיט דער פלאַש בראָנפן.

דער פאַבריק־אַרבעטער, אָפּגעזיפּצט אַ ביסל, האָט דערלאַנגט די פלאַש דעם ווייב. דאָס ווייב האָט גענומען די פלאַש און, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ מיט אַ געלעכטער, אויך צוגעלייגט צום מויל. באַמערקט אויף זיך נעכליודאָווס און דעם אַלטנס בליק, האָט דער פאַבריק־אַרבעטער זיך צו זיי אָפּגערופן:

— וואָס איז, האַר לעבן? וואָס מיר טרינקען? אַז מיר אַרבעטן, זעט קיינער נישט, אָבער אַז מיר טרינקען, זעען אַלע. כ'האָב פאַרדינט, טרינק איך און בין דאָס ווייב מכבד. און איך וויל פון גאָרנישט וויסן.

— יאָ, יאָ, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, נישט וויסנדיק, וואָס צו ענטפערן.

— אמת, האַר לעבן? מיין ווייב איז אַ פרוי אַ פעסטע! איך בין פון מיין ווייב צופרידן, וואָרים זי קאָן מיך שאַנעווען. אמת זאָג איך, מאַוורא?

— נו, נו, נעם צו. איך וויל מער נישט, — האָט דאָס ווייב געזאָגט און אים אָפּגעגעבן די פלאַש. — און וואָס פּלאַפּלסטו אין דער וועלט אַריין, — האָט זי צוגעגעבן.

— אָט אַזוי איז דאָס, — האָט דער פאַבריק־אַרבעטער נישט אויפ־געהערט: — אָט איז זי גוט וואָס גוט הייסט און אָט הייבט זי אָן צו סקריפּען אַזוי ווי אַ נישט געשמירטער וואָגן. מאַוורא, איך זאָג אמת צי ניין?

מאַוורא האָט, לאַכנדיק, מיט אַ שיכורן זשעסט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— ער האָט זיך שוין צעדרשנט...

— אַט אַזוי, יאָ, גוט — גוט, ביז אַ צייט, נאָר לאָז איר אָפּ די לייצעס, וועט זי אָפּטון אַזוינס, וואָס קיינעם קאָן גאָר נישט איינפאַלן... איך רעד אָרנטלעכע ווערטער. איר זאָלט מיר, האַר לעבן, אַנטשולדיקן. איך האָב געמאַכט אַ שנאַפּס, נו, איז וואָס זאָל איך טון... — האָט דער פאַבריק־אַרבעטער געזאָגט און זיך גענומען צושפּאַרן שלאָפן, אַוועקלייגנדיק דעם קאָפּ דעם שמייכלענדיקן ווייב אויפן שויס.

נעכליודאָוו איז אַ ווײַלע געזעסן מיט דעם אַלטן, וועלכער האָט אים דערציילט פון זיך, אַז ער איז אַ מולירער, אַרבעט 53 יאָר און שוין געשטעלט אַזוי פיל אויוונס אויף זיין לעבן, אַז ס׳איז נישט איבערצוציילן, און איצט קלויבט ער זיך אָפּרוען, אָבער ס׳איז אַלץ קיין צייט נישטאָ. געווען אין שטאָט און אָפּגעגעבן די קינדער צו אַ תּכלית, און איצט פאָרט ער אין דאָרף אַריין געוויר ווערן די משפּחה. אויסגעהערט דעם אַלטנס דערציילונג, איז נעכליודאָוו אויפגעשטאַנען און איז אַוועק אויף יענעם פּלאַץ, וואָס טאַראַס האָט פאַר אים געהיטן.

— נו, האַר לעבן, זעצט זיך אַוועק. דעם זאַק וועלן מיר צונעמען אַהערצו, — האָט פריינדלעך געזאָגט דער גערטנער, וואָס איז געזעסן אַקעגן טאַראַסן, אַרויפקוקנדיק אינדערהייך, נעכליודאָוון אין פּנים אַריין.

— אין ענגשאַפט, אָבער אין פריינדשאַפט, — האָט דער שמייכלענדיקער טאַראַס געזאָגט מיט אַ זינגענדיקן קול און, ווי אַ פּעדערל, האָט ער מיט זיינע שטאַרקע הענט אויפגעהויבן זיין צווייפּודיקן זאַק און אים אַריבערגעטראָגן צום פענצטער. — אָרט איז פאַראַן גענוג, און אַנישט קאָן מען שטיין אַ ביסל, אָדער מ׳קאָן זיך גאָר צולייגן אונטער דער באַנק. דאָרטן איז שוין גאָר רויק. וואָס איז זיך צו קריגן! — האָט ער געטענהט, לויכטנדיק מיט גוטמוטיקייט און פריינדלעכקייט.

טאַראַס פלעגט זאָגן וועגן זיך, אַז ווען ער מאַכט נישט קיין כּוסה, קאָן ער קיין וואָרט נישט אויסרעדן, און אַז פון אַ ביסל בראַנפן נעמען זיך באַ אים גוטע ווערטער, און אַלץ קאָן ער אַרויסזאָגן. און ווירקלעך, זייענדיק ניכטער האָט טאַראַס מערסטנטיילס געשוויגן; ווען אָבער ער פלעגט מאַכן אַ שנאַפּס — וואָס דאָס פלעגט אפילו פּאַסירן גאַנץ זעלטן און בלויז אין אויסערגעוויינלעכע מאָמענטן, — פלעגט ער קריגן אַ צונג און רעדן זייער פיין. ער פלעגט דאַן רעדן אַ סך און גוט, — מיט גרויס פּשטות, תּמימות און, איבערהויפּט, מיט פריינדלעכקייט, וועלכע האָט ממש אַרויסגעלויכטן פון זיינע גוטע בלויע אויגן, און מיט אַ ליב שמייכעלע, וואָס איז נישט אַראָפּ פון זיינע ליפּן.

אין אַזאַ צושטאַנד איז ער אויך געווען היינט. נעכליודאָווס אונטערקומען האָט אויף אַ ווײַלע איבערגעהאַקט זיין רעדן. אָבער איינגעאָרדנט דעם זאַק, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט ווי פריער און, אַוועקגעלייגט זיינע שטאַרקע פאַרהאָרעוועטע הענט אויף די קני און קוקנדיק דעם גערטנער גלייך אין די אויגן אַריין, האָט ער פאָרגעזעצט זיין דערציילונג. ער האָט זיין נייעם באַקאַנטן דערציילט מיט אַלע פּרטים די געשיכטע פון זיין פרוי, פאַרוואָס מען האָט זי פאַרשיקט און פאַרוואָס ער איז איצט מיט איר געגאַנגען קיין סיביר.

נעכליודאָוו האָט קיינמאָל אויספירלעך נישט געהערט דידאָזיקע געשיכטע, דעריבער האָט ער איצט מיט נייגיריקייט צוגעהאָרכט. טאַראַס האָט געהאַלטן אין דערציילן, ווי מ׳האָט אים געהאַט פאַרסמט און אין דער פאַמיליע האָט מען זיך דערוווּסט, אַז געטון האָט עס פעדאָסיע.

— דאָס דערצייל איך וועגן מיין אומגליק, — האָט טאַראַס געזאָגט, האַרציק־פריינדלעך ווענדנדיק זיך צו נעכליודאָוון. — זיך אָנגעטראָפן מיט אַזאַ נשמהדיקן מענטש, — האָבן מיר זיך צערעדט, דערצייל איך זיך.

— אדרבא, אדרבא, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— נו, הייסט עס, אויף אַזאַ אופן, ברודערל מיינס, איז מען געוויר געוואָרן די זאַך. האָט די מאַמע גענומען דאָסדאָזיקע פּלעצעלע, „איך גיי", זאָגט זי, „צום אוריאַדניק". מיין פאָטער איז אַ מענטש מיט יושר. „וואַרט צו, אַלטע, זאָגט ער: דאָס ווייבל איז נאָך גאָר אַ קינד, האָט אַליין מן הסתם נישט געוווּסט, וואָס זי האָט געטון, מען דאַרף מוחל זיין, זי וועט זיך אפשר באַקלערן". וואָס רעדט איר, האָט גאָרנישט געוואָלט הערן. „כּל־זמן מיר וועלן זי האַלטן, זאָגט די מאַמע, וועט זי אונז אַלעמען, ווי די פּרייסן, אויסהאָבן". און זי האָט זיך, ברודערל מיינס, אַוועקגעלאָזט צום אוריאַדניק. יענער איז תּיכּף געקומען צו פליען צו אונז... תּיכּף מענטשן, עדות...

— נו, און דו וואָס? — האָט דער גערטנער געפרעגט.

— און איך, ברודערל מיינס, קייקל זיך אויפן בויך און מייקע. די געדערים קערן מיר אַרויס, און קאָן קיין וואָרט נישט אויסרעדן. האָט דער פאָטער גלייך איינגעשפּאַנט פערד און וואָגן, אַריינגעזעצט פעדאָסיען און גלייך אין פּאָליציי אַריין און פון דאָרט צום אויספאָרשונגס־ריכטער. און זי, ברודערל מיינס, ווי זי האָט זיך פון אָנהייב אָן אין אַלץ מודה געווען, אַזוי האָט זי אויך פאַרן ריכטער אַלץ אַרויסגעלייגט, ווי די זאַך

איז געווען, כסדר אַלץ אַרויסגעלייגט. אי ווו דעם אַרסעניק גענומען, אי ווי די פּלעצלעך אויסגעוועלגערט. „צוליב וואָס, זאָגט ער, האָסטו עס געטון?“ — „דערפאַר, זאָגט זי, ווייל איך קאָן אים נישט אָנזען, און פאַר מיר, זאָגט זי, איז ליבער סיביר, איידער צו לעבן מיט אים“, מיט מיר, — הייסט עס, — האָט טאַראַס שמייכלענדיק דערציילט. — אַלזאָ, זיך מודה געווען אין אַלץ. פאַרשטייט זיך — גלייך אין געפענגניש זי פאַרזעצט. דער פאָטער איז אַליין אַהיימגעקומען. און דאָ רוקט זיך אָן שניט־צייט, און קיין ווייבער, אויסער דער מאַמען, איז בא אונז נישטאָ, און די מאַמע איז אויך שוין גאָר חרוב. האָבן מיר גענומען טראַכטן וואָס צו טון, אפשר קאָן מען זי אַרויסנעמען אויף ערבות. איז דער פאָטער אַוועקגעפאָרן צו איין שררה — גאָרנישט געמאַכט, אַוועקגעפאָרן צו אַ צווייטן. אַזוי איז ער איבערגעווען בא אַ פינף שררות. שוין געוועזט גאָר אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. האָט זיך דאָ גראָד אָנגעדרייט עפּעס אַ מענטשל פון די קליינע באַאַמטע. אַזאַ בריה אַ יונג, וואָס איז ווייט צו זוכן. „גיב מיר, זאָגט ער, אַ פינפצערל, וועל איך דיר דאָס מאַכן“. האָט מען זיך אויסגעדונגען אויף אַ דרייערל. וואָס־זשע מיינסטו, ברודערל מיינס, פאַרמשכנט אירע אייגענע לייוונט און באַצאָלט. ווי ער האָט נאָר אָנגעשריבן דאָס פּאַפּיר, — האָט טאַראַס לאַנגזאַם אויסגעצויגן. — איז גלייך געוואָרן! — האָט ער ווי אויסגעשאָסן. — איך אַליין האָב זיך שוין אויך צו יענער צייט אויפגעהויבן פון בעט, אַליין געפאָרן נאָך איר אין שטאָט אַריין. געקומען, ברודערל מיינס, אין שטאָט אַריין, באַלד די קליאַטשע איבערגעלאָזט אין איינפאָר־הויף, גענומען דאָס פּאַפּיר און לאָז זיך גיין אין תּפיסה אַריין. „וואָס דאַרפסטו?“ אַזוי און אַזוי, זאָג איך, מיין באַלעבאָסטע איז דאָ בא אייך איינגעזעצט. „און אַ פּאַפּיר האָסטו?“ גלייך דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר. האָט ער איבערגעליינט. „וואַרט צו“, זאָגט ער. האָב איך זיך געזעצט דאָ אויף דער באַנק. די זון איז שוין הויך נאָך האַלבן טאָג אַריבער. גייט אַרויס דער עלטסטער: „דו ביסט עס, זאָגט ער, וואַרגושאָוו!“ — דאָס בין איך. — „נו, קאָנסט זי אָפּנעמען“, זאָגט ער. גלייך האָט מען אָפּגעשלאָסן דאָס טויער, אַרויסגעפירט זי אין אירע אייגענע קליידער, ווי עס באַדאַרף צו זיין. — נו, לאָמיר גיין.

— „דו ביסט דען געקומען צופוס?“ — ניין, מיט אַ פור. געקומען אויף דער אכסניא, אָפּגעצאָלט פאַרן איינשטיין, איינגעשפּאַנט די קליאַטשע, אונטערגעבעט דאָס ביסל היי, וואָס איז געבליבן. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט, זיך איינגעוויקלט אין דער פּאַטשיילע. זענען מיר אַוועק־

געפאָרן. זי שווייגט, שווייג איך אויך. ווי מיר זענען צוגעפאָרן צום הויז, מאַכט זי צו מיר: „און די מאַמע וואָס מאַכט, זי איז געזונט?“ — געזונט — זאָג איך. „און דער טאַטע וואָס מאַכט?“ — געזונט — „זיי מיר מוחל, זאָגט זי, טאַראַס. פאַר מיין נאַרישקייט. איך האָב אַליין נישט געוווסט גאָר, וואָס איך האָב געטון“. ענטפער איך: „אַ סך צו רעדן נישטאָ וואָס — שוין לאַנג מוחל געווען“. האָט זי מער גאָרנישט געזאָגט. געקומען אַהיים, איז זי גלייך געפאַלן דער מוטער צו די פיס. רופט זיך אָפּ די מוטער: „גאָט וועט מוחל זיין“. און דער פאָטער האָט זיך מיט איר געגריסט און זאָגט: „צו וואָס דאָס אַלטע צו דערמאַנען. פיר זיך איצטער אויף גוט. איצט, זאָגט ער, איז דערויף קיין צייט נישטאָ, מען דאַרף פון די פעלדער אַראָפּנעמען. הינטער דעם וויהאָן אויף אונזער באַמיסטיקטן פעלד, איז דאָס קאָרן, גאָט צו דאַנקען, אַזוי געראָטן, אַז קיין סערפּ נעמט עס נישט; ער האָט זיך צוזאַמענגעפלאָכטן און זיך צעלייגט, ווי אויסגעבעט. מ'מוז שוין אָפּשניידן. אָט גיי טאַקע מאָרגן אַרויס מיט טאַראַסקען שניידן“. און האָט זי זיך גענומען, ברודערל מיינס, פון יענער שעה אָן צו דער אַרבעט — וואָס זאָל איך דיר זאָגן — זי האָט געאַרבעט אויפן וווּנדער. מיר האָבן דאַן געהאַט דריי דעסיאַטין געדונגענע, און גאָט האָט געהאָלפן, אַז סיי אויף קאָרן, סיי אויף האָבער איז געווען אַ גרויס געראָטעניש. איך שנייד, און זיי בינדן, אָדער מיר שניידן ביידע. איך בין פלינק צו דער אַרבעט, פון די הענט פאַלט מיר נישט, אָבער זי איז נאָך מער בריה, צו וואָס זי זאָל זיך נישט נעמען. אַ ווייבל אַ כוואַט, און אַ יוגנט, בלוט און מילך. און צו דער אַרבעט, ברודער־לעבן, איז זי דאָס געוואָרן אַזאַ גייציקע, אַז איך האַלט זי שוין אָפּ. מיר קומען, צום ביישפּיל, אַהיים, די פינגער צעשוואָלן, די הענט, ווי געליימט, מען וואָלט זיך באַדאַרפט אָפּרוען, און זי, נאָך נישט געהאַט אָפּגעגעסן קיין וועטשערע, לויפט זי שוין אין שייער צוצוגרייטן שטרוי אויף צו בינדן די גאַרבן. אַזאַ פאַרענדערונג!

— און צו דיר איז זי אויך צוגעלאָזט געוואָרן? — האָט דער גערטנער געפרעגט.

— פרעג גאָרנישט. זי האָט זיך אַזוי צוגעקלעפּט צו מיר, ווי איין נשמה. וואָס איך פאַרקלער, פאַרשטייט זי שוין אויפן ווּנק. די מאַמע, וואָס איז אַזוי בייז געווען, זאָגט אויך: „אונזער פעדאָסיאַ איז גאָר אַן אַנדערע געוואָרן, פּונקט ווי מען וואָלט זי פאַרביטן“. איינמאָל פאָר איך מיט איר אַזוי זאַלבענאַנד נאָך גאַרבן, ביידע זיצן מיר מיט איר פאָרנט

אויף דער קעלניע. רוף איך זיך אָפּ צו איר : „ווי אַזוי, פעדאָסיאַ, האָסטו עס געקאָנט אָפּטון אַזאַ זאַך ?" — „אָט אַזוי אָפּגעטון, זאָגט זי, איך האָב נישט געוואָלט מיט דיר לעבן, בעסער, טראַכט איך, וועל איך שטאַרבן, אַבי מיט דיר נישט זיין". — „נו, און איצטער, פרעג איך ?" — „און איצט, זאָגט זי, ביסטו מיר אין האַרץ". — טאַראַס איז אַנטשוויגן געוואָרן און, שמייכלענדיק מיט פרייד, פאַרחידושט געשאָקלט מיטן קאָפּ. — און ווי נאָר מיר האָבן אַראָפּגענומען פון פעלד, כ'האָב אָוועקגעפירט ווייקן פלאַקס, איך קום צו פאָרן אַהיים, — האָט ער ווייטער אָנגעהויבן צו דערציילן נאָך אַ קורצן שווייגן, — ערשט ס'איז אָנגעקומען אַ מעלדונג פון געריכט. און מיר האָבן גאָר פאַרגעסן אין דער גאַנצער מעשה — וואָס איז דאָ פאַראַן צו משפּטן.

— מעשה שטן, נישט אַנדערש, — האָט דער גערטנער געזאָגט : — קאָן דען אַ מענטש גלאַט אַזוי נעמען און אומברענגען אַ נפש. אָט איז בײַ אונז אויך געווען איינער... — און דער גערטנער האָט געוואָלט אָנהייבן צו דערציילן, אָבער דער צוג האָט זיך גענומען אָפּשטעלן.

— דאַכט זיך, אַ סטאַציע, — האָט ער געזאָגט : — מען דאַרף זיך אַראָפּכאַפּן אָנטרינקען.

דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן און נעכליודאָוו איז נאָך דעם גערטנער אַרויס פון דעם וואַגאָן אויף די נאַסע ברעטער פון דער פּלאַטפאָרם.

XLII.

איידער נעכליודאָוו איז נאָך אַרויס פון וואַגאָן, האָט ער באַמערקט אויפן הויף פון דער סטאַציע עטלעכע רייכע עקיפּאַזשן, געשפּאַנט צו פיר און צו דריי זאַטע פערד, וואָס האָבן צוגעקלונגען מיט זייערע גלע-קעלעך ; און אַז ער איז אַרויס אויף דעם פון רעגן טונקל געוואָרענעם נאַסן פּעראָן, האָט ער דערזעען פאַר דער ערשטער קלאַס אַ געזעמל מענטשן, צווישן וועלכע ס'האָט זיך אויסגעטיילט אַ הויכע, דיקע דאַמע אין אַ הוט מיט טייערע פעדערן, אין אַ רעגנמאַנטל, און אַ לאַנגער יונגערמאַן מיט דינע פיס, אין אַ וועלאָסיפּעד-אַנצוג, מיט אַ משונה-גרויסן

זאַטן הונט און אַ טייערן האַלדז-באַנד. הינטער זיי זענען געשטאַנען לאַ-קייען מיט רעגנמאַנטלען און שירעמס און אַ קוטשער, וואָס זענען אַרויס-געקומען באַגעגענען, אויף דעמדאָזיקן גאַנצן געזעמל, פון דער דיקער פּריצהטע ביז צו דעם קוטשער, וועלכער האָט מיט דער האַנט צוגעהאַלטן די פּאָלעס פון דעם לאַנגן קאַפּטן, איז געלעגן דער חותם פון רויקער זעלבסטצופרידנקייט און שפע. אַרום דעמדאָזיקן געזעמל איז גלייך גע-וואָרן אַ רעדל נייגיריקע און פּאָר עשירות נכבדיקע מענטשן: דער שעף פון דער סטאַנציע אין אַ רויט היטל, אַ זשאַנדאַרם, וועלכער איז אַלע מאָל זומער-צייט בייגעווען באַם אָנקומען פון די צוגן, אַ מאָגער מיידל אין אַ רוסישן קאָסטיום מיט פּאַטשערקעס, אַ טעלעגראַפיסט און פּאַסאַ-זשירן — מענער און פרויען.

אין דעם יונגנמאַן מיטן הונט האָט נעכליודאָוו דערקענט דעם יונגן קאָרטשאַגין, אַ גימנאַזיסט, און די דיקע דאַמע איז געווען אַ שוועס-טער פון דער פּירשטין, אין וועמענס גוט די קאָרטשאַגינס זענען איצט אַריבערגעפאָרן. דער אייבערקאָנדוקטאָר מיט גלאַנציקע גאַלאָנען און שטיוול האָט געעפנט די טיר פון וואַגאָן און צום צייכן פון הויכאַכטונג האָט ער זי געהאַלטן, בשעת ווען פיליפּ און דער טרעגער אין אַ ווייס פאַרטוך האָבן פאַרזיכטיק אַרויסגעטראָגן די פּירשטין מיט דעם לאַנגן פּנים אין איר צונויפלייגעוודיקער שטול; די שוועסטער האָבן זיך באַגריסט, ס'האָבן זיך דערהערט פראַנצויזישע פראַזן וועגן דעם, צי די פּירשטין זאָל פאָרן אין אַ קאַטש אָדער אין אַ קאַלאַמאַסקע, און די פּראָצעסיע, געשלאָסן דורך דעם קאַמערמיידל מיט די גרייזעלעך, שירעמס און פוטלאַר, האָט זיך גערירט צו דער טיר פון דעם וואָקזאַל.

נעכליודאָוו, נישט ווילנדיק זיך באַגעגענען, כדי ווידער זיך צו זעגענען, איז שטיין געבליבן עטלעכע טריט ווייטער פון דער וואָקזאַל-טיר און געוואַרט, די גאַנצע פּראָצעסיע זאָל אַדורכגיין. די פּירשטין מיטן זון, מיסי, דער דאָקטאָר און דאָס קאַמערמיידל זענען אַדורך פאָרויס, און דער אַלטער פּירשט איז געבליבן שטיין הינטן מיט דער שוועגערין, און נעכליודאָוו, נישט צוגייענדיק נעענטער, האָט געהערט בלויז אָפּגעריסענע פראַנצויזישע פראַזן אין זייער שמועס. איינע פון דידאָזיקע פראַזן, וואָס דער פּירשט האָט געזאָגט, איז, ווי עס טרעפט אָפט, עפּעס אַריינגעפאַלן נעכליודאָוון אין זכרון, מיט אַלע מאָדולאַציעס און טענער פון קול.

Oh! il est du vrai grand monde, du vrai grand — monde*), — האָט דער פּירשט וועגן עמעצן זיך אָפּגערופן מיט זיין הויכן, אין זיך איינגעגלייבטן קול און איז צוזאַמען מיט דער שוועגערין, באַגלייט פון די רעספּעקטפולע קאָנדוקטאָרן און טרעגער, אַריין אין דער טיר פון וואָקזאַל.

אין דער זעלבער צייט האָט פון הינטער אַ ראָג פון וואָקזאַל זיך פון ערגעץ באַוויזן אויפן פּעראָן אַן עולם אַרבעטער אין לאַפּטשעס און מיט פּעלצלעך און זעק אויף די פּלייצעס. די אַרבעטער זענען מיט אַנטשלאָסענע וויכע טריט צוגעגאַנגען צו דעם ערשטן וואַגאָן און געוואָלט אין אים אַריין, אָבער דער קאָנדוקטאָר האָט זיי גלייך אָפּגעטריבן פון דאָרט. נישט אָפּגעשטעלט זיך, זענען די אַרבעטער, איילנדיקערהייט און אָנטרעטנדיק איינער דעם אַנדערן אויף די פּיס, אַוועק ווייטער צו דעם דערבייאיקן וואַגאָן און, אָנכאַפּנדיק זיך מיט די זעק פאַר די קאַנטן אין דער טיר פון וואַגאָן, האָבן זיי שוין געהאַט אָנגעהויבן אַריינצוגיין אינעווייניק, ערשט אַ צווייטער קאָנדוקטאָר האָט פון דער וואָקזאַל־טיר דערזען זייער כוונה און האָט זיך שטרענג אָנגעבייזערט אויף זיי. די אַריינגעגאַנגענע אַרבעטער זענען תּיכף אַרויס, און ווידער מיט די זעלבע וויכע טריט זיך געלאָזט גיין צו דעם ווייטערן וואַגאָן, דעם זעלבן טאָקע, אין וועלכן נעכליודאָוו איז געזעסן. דער קאָנדוקטאָר האָט זיי ווידער אָפּגעשטעלט. זיי זענען געוועזט שטיין געבליבן, האָבנדיק בדעה צו גיין נאָך ווייטער, אָבער נעכליודאָוו האָט זיי געזאָגט, אַז אין דעם וואַגאָן איז פאַראַן פּלאַץ און אַז זיי מעגן אַריין. זיי האָבן אים געפאָלגט, און נעכליודאָוו איז זיי נאָכגעגאַנגען. די אַרבעטער האָבן שוין געהאַט אָנגעהויבן זיך אויסצוזעצן, אָבער דער הער מיט דער קאָקאַרדע און ביידע דאַמען האָבן זייער דעה צו בלייבן זיצן אין דעם וואַגאָן אָנגענומען פאַר אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג, האָבן זיי קאַטעגאָריש זיך געשטעלט אַקעגן און גענומען זיי אַרויסטרייבן. די אַרבעטער — זיי זענען געווען אַ מאַן 20 — אי אַלטע לייט אי גאָר יונגע, אַלע מיט אויסגעמאַטערטע פאַרברענטע טרוקענע פּנימער, האָבן תּיכף, ווייזט אויס פילנדיק זיך אינגאַנצן שולדיק, זיך געלאָזט גיין ווייטער דורך דעם וואַגאָן, פאַרטשעפּעט זיך מיט די זעק אין די בענק, ווענט און טירן, ווייזט אויס, געווען גרייט

*) ער איז פון דער עכטער גרויסער וועלט, פון דער עכטער גרויסער וועלט.

צו גיין כאָטש עק וועלט און זעצן זיך, ווו מ'זאָל זיי נישט הייסן, אפילו אויף נעגל.

— וווּהין שפּאַרט איר זיך, טייוואָלים! בלייבט שוין דאָ, — האָט אַן אַנדערער קאָנדוקטאָר, וואָס איז אָנגעגאַנגען זיי אַנטקעגן, אַ געשריי געגעבן.

— Voilà encore des nouvelles! — האָט די יונגע פון די צוויי דאַמען זיך אָפּגערופן, זייענדיק פולשטענדיק זיכער, אַז מיט איר גוטער פראַנצויזישער שפּראַך וועט זי צוציען נעכליודאָווס אויפמערקזאַמקייט. און די דאַמע מיט די בראַנזלעטן האָט געהאַלטן אין איין אַרומשמעקן, זיך געקרימט און עפּעס אַ זאָג געטון וועגן דעם מאכל צו זיצן צוזאַמען מיט עיפּושדיקע פויערים.

אָבער די אַרבעטער, שפּירנדיק די פרייד און די באַרויקונג פון מענטשן, וועלכע זענען ניצול געוואָרן פון אַ גרויסער סכנה, זענען שטיין געבליבן און זיך אָנגעהויבן אויסצוזעצן, דורך באַוועגונגען פון די פּלייצעס אַראָפּגעוואָרפן די שווערע זעק פון אַקסל און פאַררוקט זיי אונטער די בענק.

דער גערטנער, וואָס האָט גערעדט מיט טאַראַסן, איז געזעסן נישט אויף זיין אָרט, איז ער אַוועק אויף זיינעם, אַזוי אַז קעגנאיבער און לעבן טאַראַסן זענען געווען דריי ערטער. דריי אַרבעטער האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דידאָזיקע ערטער, אָבער ווען נעכליודאָוו איז צו זיי צוגעקומען, האָט דער אויסזעען פון זיינע פריצישע מלבושים זיי אַזוי פאַרווירט, אַז זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט אַוועקצוגיין, אָבער נעכליודאָוו האָט זיי געבעטן בלייבן, און אַליין האָט ער זיך צוגעזעצט אויפן הענטל פון דער באַנק צום דורכגאַנג.

איינער פון די צוויי אַרבעטער, אַ מענטש פון אַ יאָר 50, האָט תמעוואַטע און אפילו מיט שרעק זיך איבערגעקוקט מיט דעם יונגן. דאָס, וואָס נעכליודאָוו האָט, אָנשטאָט זיי צו זידלען און צו טרייבן, ווי דאָס איז דער שטייגער פון אַ הער, זיי אָפּגעטראָטן דאָס אָרט, האָט זיי זייער פאַרחידושט און געבראַכט אין פאַרלעגנהייט. זיי האָבן אפילו מורא געהאַט, עס זאָל חס ושלום דערפון עפּעס נישט אַרויסקומען פאַר זיי אַ צרה. אָבער דערזעען, אַז דאָ האָט נישט געשטעקט קיין שום הינטער-

*) נייע נייעסן גאָר.

שפּיצל און אַז נעכליודאָוו שמועסט פּשוט מיט טאַראַסן, האָבן זיי זיך באַרויקט, געהייסן דעם יונג זיך זעצן אויף די זעק און געפּאָדערט, אַז נעכליודאָוו זאָל זיך זעצן אויף זיין אָרט. לכתּחילה האָט דער באַיאַרטער אַרבעטער, וועלכער איז געזעסן קעגנאיבער נעכליודאָוון, זיך איינגעצן איינגעשרומפּן, פאַרזיכטיק צוגענומען די פיס אין די לאַפּטשעס, ער זאָל נישט אָ שטויס טון דעם פּריץ, אָבער באַלד האָט ער אַזוי פריינטלעך זיך צעשמועסט מיט נעכליודאָוון און טאַראַסן, אַז ער פּלעגט אפילו אַ פּאַטש טון נעכליודאָוון איבער דער קני מיט דער דלאָניע אויסגעקערט אַרויפצו, בשעת יענע ערטער פון זיין דערציילונג, אויף וועלכע ער האָט געוואָלט ציען אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אויסדערציילט וועגן אַלע זיינע אומשטענדן און וועגן דער אַרבעט אויף די טאָרף-זומפּן, פונוואַנען זיי זענען איצטער געפאָרן אַהיים, האָבנדיק אָפּגעאַרבעט דריטהאַלבן חדשים און פירנדיק אַהיים די פאַרדינטע 10 רובל אויף אַ מענטש, וואָרים אַ טייל פון דעם לוין איז געגעבן געוואָרן אַדערויף באַם אָנדינגען זיי, זייער אַרבעט, ווי זיי האָבן דערציילט, איז פאַרגעקומען ביז די קני אין וואַסער, און האָט געדויערט פון זון-אויפגאַנג ביז זון-פאַרגאַנג מיט אַ 2 שעהדיקן אָפּרו מיטאָגצייט.

— אַזעלכע, וואָס זענען נישט געוווינט, איז אוודאי זיי שווער, — האָט ער געזאָגט, — אָבער אַז מ׳געוויינט זיך צו — איז נישקשה. נאָר דאָס עסנוואַרג זאָל זיין ווי עס דאַרף צו זיין. לכתּחילה איז דאָס עסן געווען שלעכט. נו, איז דאָן דער עולם ברוגז געוואָרן, איז דאָס עסן געוואָרן גוט, און אַרבעטן איז געוואָרן גרינג.

דערנאָך האָט ער דערציילט, ווי אַזוי ער איז אין משך פון 28 יאָר געגאַנגען פאַרדינען, און זיין גאַנץ פאַרדינסט אוועקגעגעבן אין שטוב אַריין — צוערשט דעם פאָטער, דערנאָך — דעם עלטערן ברודער, איצטער — דעם פּלימעניק, וואָס פירט אָן די ווירטשאַפט, און אַליין פּלעגט ער פון פופציק—זעכציק רובל פאַרדינטע דורכן יאָר אויסגעבן אַ צוויי—דריי רובל אויף נאַשעריי: אויף טאַבאַק און שוועבעלעך.

— מ׳איז דאָך נישט מער ווי אַ זינדיקער מענטש, אַמאָל נעמט מען אויף אַ קאָפּעטשקע בראָנפן, — האָט ער צוגעגעבן, פאַרשולדיקט שמייכלענדיק.

ער האָט אויך דערציילט, ווי אַזוי די פרויען פירן אָנשטאָט זיי די שטוב און ווי אַזוי דער פאָדריאַטשיק האָט זיי היינט פאַרן אוועקפאָרן מכבד געווען מיט אַ האַלבן עמער בראָנפן, ווי אַזוי איינער פון זיי איז

געשטאָרבן און אַ צווייטן פירט מען אַ קראַנקן. דער קראַנקער, וועגן וועלכן ער האָט געבעדט, איז געזעסן אין דעם וואַגאָן טאַקע, אין אַ ווינקל. דאָס איז געווען אַ יונג ייִנגל, אַ גרוי-בלאַסער, מיט בלויע ליפּן. אים איז, ווייזט אויס, דערגאַנגען די יאָר דער פיבער, און אויך איצט האָט ער דערפון געליטן. נעכליודאָוו איז צו אים צוגעגאַנגען, אָבער דאָס ייִנגל האָט אים אָנגעקוקט מיט אַזאַ שטרענגן, ליידנדיקן בליק, אַז נעכליודאָוו האָט אים נישט באַומרויקט מיט פראַגן, נאָר געראַטן דעם עלטערן, ער זאָל קויפן כינין, און אים אויפגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר דעם נאָמען פון דער רפואה. ער האָט אים געוואָלט געבן געלט, אָבער דער אַלטער אַרבעטער האָט געזאָגט, אַז מ'דאַרף נישט. ער וועט געבן זיין אייגן געלט.

— נו, כל-זמן איך בין געפאָרן, האָב איך אַזעלכע הערשאַפטן נישט געזעען. לא די וואָס ער האָט דיר נישט געגעבן אין קאַרק, האָט ער דיר נאָך דאָס אָרט אָפּגעטרעטן. אַ פּריץ צו אַ פּריץ איז נישט גלייך, הייסט עס, — האָט ער אויסגעלאָזט, זיך ווענדנדיק צו טאַראַסן.

„יאָ, גאָר אַ נייע, אַן אַנדערע וועלט, אַ נייע וועלט", האָט נעכליודאָוו געטראַכט, קוקנדיק אויף דידאַזיקע טרוקענע, מוסקלדיקע אברים, די גראָבע אַליין געמאַכטע מלבושים און די אָפּגעבראַנטע, פריינטלעכע און אויסגעמאַטערטע פּנימער און פילנדיק, אַז ער איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט פון נייע מענטשן מיט זייערע ערנסטע אינטערעסן, פריידן און ליידן פון אַן עכט האַרעפּאַשנע און מענטשלעך לעבן.

„אָט איז ער, דער vrai grand monde"*), האָט נעכליודאָוו געטראַכט, זיך דערמאָנענדיק אין דער פראַזע, וואָס פירשט קאָרטשאַגין האָט געזאָגט, און אין דערדאָזיקער גאַנצער ליידיקגייערישער, לוקסוס-דיקער וועלט פון די קאָרטשאַגינס מיט זייערע נישטיקע לומפּיקע אינטערעסן.

און ער האָט דערשפּירט דאָס געפיל פון פרייד, וואָס עס פילט אַ רייזנדער, וועלכער האָט אַנטדעקט אַ נייע, אומבאַקאַנטע און וווּנדער-שיינע וועלט.

סוף פון דער צווייטער טייל

---

*) די עכטע גרויסע וועלט.

דריטער טייל

I.

די פּאַרטיע, מיט וועלכער מאַסלאָווא איז געגאַנגען, האָט אַדורכ־געמאַכט אַרום פינף טויזנט וויאָרסט. ביז קיין פּערם איז מאַסלאָווא געפאָרן מיט דער אייזנבאַן און אויף אַ דאַמף־שיף צוזאַמען מיט קרימינעלע, און ערשט אין אָט דער שטאָט איז נעכליודאָוון געראָטן אויסצופועלן, מ׳זאָל זי אַריבערזעצן צו די פּאָליטישע, ווי דאָס האָט אים אָן עצה געגעבן באָגאָדוכאָווסקאַיאַ, וועלכע איז געגאַנגען מיט דער זעלבער פּאַרטיע.

דער אַריבערפאָר ביז פּערם איז פאַר מאַסלאָווען געווען זייער שווער סיי פיזיש סיי מאָראַליש. פיזיש — פון ענגשאַפט, אומריינקייט און עקלדיקע אינזעקטן, וועלכע האָבן נישט געלאָזט צורו, און מאָראַליש — פון נישט ווייניקער עקלדיקע מאַנספאַרשוינען, וועלכע האָבן זיך, פונקט ווי די אינזעקטן, טאַקע געביטן אויף יעדן עטאַפּ־פונקט, אָבער זענען אומעטום געווען אין דער גלייכער מאָס צודרינגלעך, קלעפּיק און נישט געלאָזט צורו. צווישן די אַרעסטאַנטינס און אַרעסטאַנטן, אויפזעער און קאָנוואָי־לייט האָט זיך אַזוי איינגעשטעלט דער מנהג פון צינישן זנות, אַז יעדע פרוי, בפרט אַ יונגע פרוי, אויב זי האָט נאָר נישט געוואָלט אויסנוצן איר לאַגע אַלס פרוי, האָט געמוזט זיין תמיד אויף דער וואַך. און אָט דיזאָזיקע שטענדיקע לאַגע פון שרעק און קאַמף איז געווען זייער שווער. וואָס שייך מאַסלאָווען, איז זי באַזונדער אויסגעשטעלט געווען אויף דיזאָזיקע אָנפאַלן סיי צוליב איר שיין פּנים סיי צוליב איר פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז אַלעמען געווען באַקאַנט. דער אַנטשלאָסענער

ווידערשטאַנד, וואָס זי האָט איצט געגעבן די מענער, וועלכע זענען צו איר צוגעשטאַנען, איז זיי פאַרגעקומען ווי אַ באַליידיקונג און נאָך אַרויסגערופן באַ זיי אַ שנאה צו איר. פאַרלייכטערט איר לאַגע אין אָט דעם פּרט האָט איר נאָענטקייט מיט פעדאָסיען און טאַראַסן, וועלכער האָט נאָכדעם ווי ער איז געוואויר געוואָרן פון די אָנפאַלן, וואָס זיין ווייב האָט געהאַט אויסצושטיין, זיך געלאָזט אַרעסטירן, כדי זי צו באַשיצן, און פון ניזשני־נאָווגאָראָד אָן איז ער געפאָרן ווי אַן אַרעסטאַנט צוזאַמען מיט די געפאַנגענע.

דער אַריבערפיר אין דער אָפּטיילונג פון די פּאָליטישע האָט פאַרבעסערט מאַסלאָוועס לאַגע אין אַלע אופנים. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס די פּאָליטישע האָבן געהאַט בעסערע ערטער, בעסער עסן, אויסגעשטאַנען ווייניקער גראָבהייטן, האָט מאַסלאָוועס אַריבערפיר צו די פּאָליטישע פאַרבעסערט איר לאַגע דערמיט, וואָס דידאָזיקע פאַרפאָלגונגען מצד די מענער האָבן אויפגעהערט און מ'האָט געקאָנט לעבן אָן דעם, אַז יעדע ווײַלע זאָל מען זי דערמאַנען אין איר פאַרגאַנגענהייט, וועלכע זי האָט איצטער אַזוי געוואָלט פאַרגעסן. אָבער די הויפּט־מעלה פון דעמדאָזיקן אַריבערפיר איז באַשטאַנען אין דעם, אַז זי האָט זיך באַקענט מיט עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אויף איר אַן אַנטשיידנדיקע און אַ געבענטשטע ווירקונג.

איינשטיין אויף די עטאַפּן האָט מען מאַסלאָווען דערלויבט צוזאַמען מיט די פּאָליטישע, אָבער גיין האָט זי אַלס געזונטע פרוי באַדאַרפט צוזאַמען מיט די קרימינעלע. אַזוי איז זי געגאַנגען די גאַנצע צייט פון טאָמסק אָן. מיט איר צוזאַמען זענען אויך געגאַנגען צופוס צוויי פּאָליטישע: מאַריע פּאַוולאָוונאַ שטשעטינינאַ, אָט יענץ שיינע מיידל מיט די שאָפענע אויגן, וועלכע האָט נעכליודאָוון אַזוי איבערראַשט באַ דער זעונג מיט באָגאָדוכאָווסקען, און איינער אַ סימאָנסאָן, וואָס מ'האָט אים פאַרשיקט אין יאַקוטער קאַנט — אָט יענער שוואַרצער צעשויבערטער מענטש מיט די טיף אין שטערן איינגעגראָבענע אויגן, וואָס נעכליודאָוו האָט אים אויך באַמערקט אויף דערדאָזיקער זעונג. מאַריע פּאַוולאָוונאַ איז געגאַנגען צופוס, ווייל איר אָרט אויף דער פור האָט זי אָפּגעטראָטן אַ קרימינעלער שוואַנגערער פרוי; און סימאָנסאָן — דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַלטן פאַר נישט יושרדיק צו געניסן פון אַ קלאַסנדיקער פּריווילעגיע. דידאָזיקע דריי באַזונדערע פון אַלע אַנדערע פּאָליטישע, וועלכע פלעגן אַרויספאָרן אויף די פורן שפּעטער, זענען אַרויס צוזאַמען

מיט די קרימינעלע באַגינען. און אַזוי איז אויך געווען אויף דעמדאָזיקן לעצטן עטאַפּ פאַר אַ גרויסער שטאָט, אויף וועלכן די פּאַרטיע האָט אײַ-בערגענומען אַ נייער קאָנוואָי-אָפיציר.

עס איז געווען אַ פריער רעגנדיקער סעפּטעמבער-פרימאָרגן. עס האָט באַלד געשנייט, באַלד גערעגנט און אַ קאַלטער ווינט האָט געריסן. אַלע אַרעסטאַנטן פון דער פּאַרטיע, אַ מאַן 400 מאַנספּאַרשוינען און באַ אַ 50 פרויען, זענען שוין געווען אויפן הויף פון דעם עטאַפּ און האָבן טיילווייז זיך געדרענגט אַרום דעם קאָנוואָי-עלטסטן, וועלכער האָט גע-טיילט די „עלטסטע״ פון די אַרעסטאַנטן עסן-געלט אויף צוויי מעת-לעת, טיילווייז אײַנגעקויפט עסנוואַרג בײַ הענדלערינס, וואָס מ'האָט אַרײַנגע-לאָזט אויפן עטאַפּ-הויף. עס האָט זיך געהערט אַ הוהאַ פון די שטימען פון די אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן געציילט געלט, געקויפט עסנוואַרג, און דאָס קוויטשיקע גערעדעריי פון די הענדלערינס.

קאַטיושאַ מיט מאַריע פּאַוולאָווגען, ביידע אין שטיוול און פּעלצ-לעך, אַרומגעבונדן מיט טיכלעך, זענען פון דעם עטאַפּ-בנין אַרויס אויפן הויף און זיך געלאָזט גיין צו די הענדלערינס, וואָס זענען געזעסן היג-טערן ווינט בײַ דעם פּאַרקאַן און איינע איבער דער אַנדערער אָנגעבאָטן זייער סחורה: פריש געבייטלט ברויט, קוילעטש, פיש, לאָקשן, קאַשע, לעבער, פלייש, אייער, מילך; איינע האָט אפילו געהאַט אַ געבראָטן חזירל.

סימאָנסאָן אין אַ גוטאַפּערטשענער קורטקע און גומענע קאַלאָשן, וואָס זענען געווען באַפעסטיקט מיט שטריקלעך איבער די וואָלענע זאָקן (ער איז געווען אַ וועגעטאַריער און האָט נישט גענוצט די פעל פון געטויטע בעלי-חיים) איז אויך געווען אויפן הויף, געוואַרט, ביז די פּאַרטיע וועט אַרויסגיין. ער איז געשטאַנען בײַם גאַניק און פאַרשריבן אין נאָטיץ-ביכל אַריין אַ געדאַנק, וואָס איז אים אײַנגעפאַלן. דער געדאַנק איז באַשטאַנען אָט אין וואָס:

„ווען אַ באַקטעריע — האָט ער פאַרשריבן — וואָלט אָבסערווירט און אויסגעפאָרשט דעם נאָגל פון אַ מענטש, וואָלט זי אים אָנגענומען פאַר אַן אומאָרגאַניש וועזן. פּונקט אַזוי האָבן מיר, אָבסערווירנדיק די שאָל פון דער ערד, אָנגענומען דעם כדור-הארץ פאַר אַן אומאָרגאַניש וועזן. דאָס איז נישט ריכטיק״.

אײַנגעהאַנדלט אייער, אַ קרענצל בייגל, פיש און פריש ווייצנס, האָט מאַסלאָוואַ דאָס אַלץ אַרײַנגעפּאַקט אין אַ זעקל, און מאַריע פּאַוו-

לאָוונאַ האָט זיך געהאַלטן אין פונאַנדערצאָלן מיט די הענדלעריגס, ערשט צווישן די אַרעסטאַנטן איז געוואָרן אַ באַוועגונג. אַלץ איז אַנטשוויגן געוואָרן, און די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצושטעלן אין רייען. ס'איז אַרויס דער אָפיציר און געמאַכט די לעצטע פאַראָרדנונגען פאַרן אַרויסגיין.

אַלץ איז געגאַנגען ווי געוויינלעך: מ'האָט איבערגעציילט, באַקוקט, צי די קייטן זענען גאַנץ און פאַרייניקט די פּאָרן, וואָס זענען געגאַנגען אין האַנט-קייטן. אָבער פּלוצלינג האָט זיך געלאָזט הערן אַ באַפעלעריש צאָרנדיקער געבייזער פון דעם אָפיציר, פּעטש איבער אַ קערפּער און אַ געוויין פון אַ קינד. אַלץ איז אויף אַ רגע שטיל געוואָרן, און באַלד איז איבער דעם גאַנצן עולם אַדורך אַ פאַרטויבטער ברום. מאַסלאָוואַ און מאַריע פּאַרלאָוונאַ האָבן זיך צוגערוקט צו דעם אָרט פון דעם טומל.

II.

צוגעקומען צו דעם אָרט פון דעם טומל, האָבן מאַריע פּאַוולאָוונאַ און קאַטיושאַ דערזעען אָט וואָס: דער אָפיציר, אַ געפּאַקטער מענטש מיט גרויסע העל-בלאָנדע וואָנסן, האָט רונצלענדיק זיך כּעסדיק, געריבן מיט דער לינקער האַנט די רעכטע האַנטפלאַך, אַריינגעפּאָרן אַן אַרעסטאַנט אין פּנים אַריין, און האָט געהאַלטן אין איין זידלען זיך מיט אומאָנשטענדיקע גראָבע ווערטער. פאַר אים איז געשטאַנען אַ לאַנגער, דאַרער אַרעסטאַנט מיט אַ האַלב געגאָלטן קאָפּ, אין אַ קורצן כאַלאַט און נאָך קירצערע הויזן, און מיט איין האַנט ווישנדיק דאָס צעבלוטיקטע פּנים, האָט ער מיט דער אַנדערער געהאַלטן אַ מיידעלע, איינגעוויקלט אין אַ טיכל, וועלכע האָט זיך געריסן אויפן קול.

— איך וועל דיך (אַן אומאָנשטענדיק זידלוואָרט) אויסלערנען אויסטענהן זיך (ווידער אַ זידלוואָרט); וועסט די ווייבער אָפּגעבן, — האָט דער אָפיציר געשריגן, — טו אָן!

דער אָפיציר האָט געפאָדערט, אַז מ'זאָל אָנטון האַנט קייטן אַ פּאָליטישן, וואָס איז געגאַנגען אין פאַרשיקונג און דעם גאַנצן וועג געטראָגן אויף די הענט אַ מיידעלע, וועלכע איז אים איבערגעבליבן נאָכ-

דעם ווי דאָס חייב איז אין טאָמסק געשטאָרבן פון אַ טיפוס, — ווי די אַרעסטאַנטן האָבן דערציילט. דעם אַרעסטאַנטס אויסרייד, אַז אין האַנט־קייטן וועט ער נישט קאָנען טראָגן דאָס קינד, האָט אויפגערייצט דעם אָפיציר, וועלכער איז געווען אין אַ שלעכטן הומאָר, און ער האָט צע־מזיקט דעם אַרעסטאַנט, וועלכער האָט נישט אַזוי גיך אים געפאָלגט*).

קעגנאיבער דעם געשלאָגענעם איז געשטאַנען אַ קאָנוואָי־זעלנער און אַ פעסט־געבויטער שוואַרצבערדיקער אַרעסטאַנט, מיט אַ קייט אָנגע־טון אויף איין האַנט און האָט פינצטער געקוקט פון אונטערן שטערן דאָ אויף דעם אָפיציר, דאָ אויף דעם צעשלאָגענעם אַרעסטאַנט מיטן מיידעלע. דער אָפיציר האָט איבערגעחזרט דעם קאָנוואָי־מאַן דעם באַפעל צוצונעמען דאָס מיידעלע. צווישן די אַרעסטאַנטן האָט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געהערט דאָס געמורמל.

— פון טאָמסק איז מען געגאַנגען און נישט אָנגעטון, — האָט זיך דערהערט אַ הייזעריק קול פון די הינטערשטע רייען.

— ס'איז דאָך אַ קינד, נישט קיין הינטל.

— וווהין זאָל ער טאָקע אַהינטון דאָס מיידעלע?

— דאָס איז נישט לויטן געזעץ, — האָט נאָך ווער זיך אָפּ־גערופן.

— ווער אי' דאָס? — האָט דער אָפיציר אַ געשריי געגעבן, ווי מ'וואָלט אים אייגנעביסן, און ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אין רעדל אַריין. — איך וועל דיר ווייזן געזעץ. ווער האָט עס געזאָגט? דו? דו?

— אַלע זאָגן. וואָרים... — האָט אַ ברייטפּלייציקער נידעריקער אַרעסטאַנט געזאָגט.

ער האָט נישט באַוויזן אויסצורעדן. דער אָפיציר האָט מיט ביידע הענט אָנגעהויבן צו פּאַטשן אים איבערן פנים.

— אַ בונט! איך וועל אייך ווייזן, ווי אַזוי צו בונטעווען! וועל אייך צעשיסן ווי די הינט, די מאַכט וועט מיר נאָך אַ דאַנק געבן. נעם דאָס מיידל!

דער עולם איז אַנטשטילט געוואָרן. איין קאָנוואָי־מאַן האָט אַ ריס געטון דאָס מיידעלע, וועלכעס האָט פאַרצווייפלט געשריגן, אַ צווייטער

*) אַ פאַקט, וואָס איז באַשריבן אין ד. אַ. ל'ינינעווס בוך „מיטן עטאַפּ".

האָט גענומען אָנטון די קייטן דעם אַרעסטאַנט, וועלכער האָט געהאַרכזאַם אויסגעשטרעקט די האַנט דערצו.

— טראָג אַוועק צו די ווייבער, — האָט דער אָפיציר אַ געשריי געטון צו דעם קאָנוואָי-מאַן און צורעכט געמאַכט די פּאַרטופּיי פון דער שאַבלע.

דאָס מיידעלע מיט אַ פּנים אָנגעגאָסן פון בלוט, האָט נישט אויפגעהערט צו קוויטשען, מיענדיק זיך אַרויסצושאַרצן די הענטעלעך פון דעם טיכל אַרויס. פון דעם עולם אָפּער איז אַרויסגעטרעטן מאַריע פּאַוולאָוונאַ און איז צו צו דעם קאָנוואָי-מאַן.

— הער אָפיציר, דערלויבט מיר. איך וועל טראָגן דאָס מיידעלע.

דער קאָנוואָי-זעלנער מיטן מיידעלע איז שטיין געבליבן.

— ווער ביסטו? — האָט דער אָפיציר געפרעגט.

— איך בין אַ פּאָליטישע.

משמעות דאָס שיינע פּנים מאַריע פּאַוולאָוונעס מיט אירע הערלעכע אויסגעפּוקלטע אויגן (ער האָט זי שוין געהאַט געזעען באַם איבערנעמען די פּאַרטיע) האָט געווירקט אויפן אָפיציר. ער האָט זי שווייגנדיק אָנגעקוקט, גלייך ווי ער וואָלט זיך געיישובט.

— מיר איז אַלצאיינס, טראָגט, אַז איר ווילט. אייך איז גוט אויף זיי רחמנות צו האָבן, און טאָמער אַנטלויפט ער, ווער וועט ענטפערן?

— ווי אַזוי וועט ער מיטן מיידעלע אַנטלויפן? — האָט מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ געזאָגט.

— איך האָב נישט קיין צייט מיט אייך צו רעדן. נעמט, אַז איר ווילט.

— איר וועט באַפעלן אָפּצוגעבן? — האָט דער קאָנוואָי-מאַן געפרעגט.

— גיב אָפּ.

— קום צו מיר, — האָט מאַריע פּאַוולאָוונאַ געזאָגט, זוכנדיק צוצולאָקן דאָס מיידעלע צו זיך.

אָבער דאָס מיידעלע, וואָס האָט פון דעם קאָנוואָי-מאַנס הענט זיך נאָך אַלץ געצויגן צום פאָטער, האָט נישט אויפגעהערט צו קוויטשען און נישט געוואָלט גיין צו מאַריע פּאַוולאָוונען.

— וואַרט אַ ווײלע, מאַריע פּאַוולאָוונאַ, צו מיר וועט זי גיין, — האָט מאַסלאָווא זיך אָפּגערופן, אַרויסנעמענדיק פון זעקל אַ בייגל.

דאָס מיידעלע האָט מאַסלאָווען געקענט, און דערזעען איר פּנים און די בייגל, איז זי אַוועק צו איר.

אַלץ איז שטיל געוואָרן. די טויערן האָט מען געעפנט. די פּאַרטיע איז אַרויס אינדרויסן, זיך אויסגעשטעלט אין רייען; די קאָנוואָי־לייט האָבן ווידער איבערגעציילט; מ'האָט אויסגעלייגט, איינגעבונדן די זעק, אַוועקגעזעצט די שוואַכע. מאַסלאָוואַ מיטן מיידעלע אויף די הענט האָט זיך געשטעלט צו די פרויען, לעבן פעדאָסיען. סימאָנסאָן, וועלכער האָט די גאַנצע צייט נאָכגעקוקט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, איז מיט גרויסע אַנטשלאָסענע טריט צו צו דעם אָפיציר, וועלכער האָט פאַרענדיקט אַלע פאַראָרדנונגען און שוין געהאַלטן באַם אַריינזיצן אין זיין טאַ־ראַנטאַס.

— איר האָט שלעכט געהאַנדלט, הער אָפיציר, — האָט סימאָנסאָן געזאָגט.

— טראָגט זיך אָפּ אויף אייער אָרט, נישט אייער זאַך.

— מיין זאַך איז צו זאָגן אייך, און איך האָב געזאָגט, אַז איר האָט שלעכט געהאַנדלט, — האָט סימאָנסאָן געזאָגט, קוקנדיק דעם אָפיציר גלייך אין פּנים אַריין פון אונטער זיינע געדיכטע ברעמען אַפּער.

— פאַרטיק? פּאַרטיע — מאַרש! — האָט דער אָפיציר אַ געשריי געטון, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף סימאָנסאָנען, און אָנגעהאַלטן זיך פאַרן אַקסל פון זעלנער דעם קוטשער, איז ער אַריינגעקראָכן אין טאַראַנטאַס.

די פּאַרטיע האָט גערירט און זיך אויסציענדיק אַרויס אויף דעם קויטיקן, צעפאָרענעם וועג, פוןביידע זייטן אַרומגעגראָבן מיט קאַנאַוועס, וועלכער האָט זיך כּסדר געצויגן צווישן וואַלד.

III.

נאָך דעם אויסגעלאָסענעם, לוקסוסדיקן און פאַרצערטלטן לעבן פון די לעצטע זעקס יאָר אין שטאָט און די צוויי חדשים אין תפיסה מיט די קרימינעלע האָט דאָס לעבן איצט מיט די פּאָליטישע, טראָץ די אַלע שווערע באַדינגונגען, אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען, אויסגעוויזן קאָטיושען זייער גוט. די מאַרשן צו 20—30 וויאָרסט צופוס בײַ גוט עסן, אַ טאָג אָפּרו נאָך צוויי טעג גיין האָבן זי פיזיש געקרעפטיקט; און דאָס צוזאַמענזיין מיט די נייע חברים האָט איר אַנטדעקט אַזעלכע אינטערעסן אין לעבן, פון וועלכע זי האָט קיין שום אַנונג נישט געהאַט. אַזעלכע וואונדערלעכע מענטשן, — האָט זי געזאָגט, — ווי די, מיט וועלכע זי איז איצטער געגאַנגען, האָט זי נישט נאָר קיינמאָל נישט געזען, — נאָר נישט געקאָנט זיך אפילו פאָרשטעלן. „אַבי איך האָב געוויינט, וואָס מ'האָט מיך פאַרמשפּט, — פלעגט זי זאָגן. — איך דאַרף דאָך גאָר אייביק גאָט דאַנקען. בין געוויר געוואָרן אַזוינס, וואָס איך וואָלט קיינמאָל נישט געוויר געוואָרן". זי האָט זייער לייכט און אָן אָנשטרענגונג פאַרשטאַנען די מאָטיוון, וואָס האָבן באַוועגט מיט דידאָזיקע מענטשן, און אַלס מענטש פון פאָלק האָט זי זיי אינגאַנצן מיטגעפילט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דידאָזיקע מענטשן זענען געגאַנגען פאַרן פאָלק קעגן די האַרן, און דאָס, וואָס דידאָזיקע מענטשן זענען אַליין געווען האַרן און האָבן מפקיר געווען זייערע פּריווילעגיעס, די פרייהייט און דאָס לעבן פאַרן פאָלק, האָט זי באַוויגן באַזונדערס צו שעצן דידאָזיקע מענטשן און זיך אַנטציקן פון זיי.

זי איז געווען אַנטציקט פון אַלע אירע נייע חברים; אָבער מער פון אַלע האָט זי אַנטציקט מאַריע פּאַוולאָוונאַ, און נישט נאָר איז זי געווען פון איר אַנטציקט, נאָר זי האָט זי אויך ליב באַקומען מיט אַ באַזונדערער אַכטונגספולער און התפעלותדיקער ליבשאַפט. איר האָט פאַרוואונדערט דאָס, וואָס אַזאַ מיידל פון אַ רייך הויז, אַ גענעראַלס אַ טאָכטער, וואָס האָט גערעדט אויף דריי שפּראַכן, האָט זיך געהאַלטן ווי די סאַמע געוויינלעכע אַרבעטערין, האָט אוועקגעגעבן פון זיך אַלץ,

וואָס איר רייכער ברודער פלעגט איר צושיקן, און האָט זיך געשוכט און געקליידט נישט נאָר איינפאַך, נאָר אפילו אָרים, נישט געלייגט קיין שום אכט אויף איר אויסערלעכקייט. דערדאָזיקער שטריך, דאָס פולשטענדיקע פעלן פון קאָקעטעריי, האָט באַזונדערס פאַרהידושט און דערפאַר אויך אַנטציקט מאַסלאָווען. מאַסלאָווא האָט געזען, אַז מאַריאַ פאַוולאָווגאַ האָט געחוסט, און אפילו אַז איר איז עס אָנגענעם געווען צו וויסן, אַז זי איז אַ שיינע. אָבער לאַ די וואָס זי האָט זיך נישט געפרייט מיט דעם איינדרוק, וואָס איר שיינקייט האָט געמאַכט אויף די מענער, נאָר זי האָט דערפאַר מורא געהאַט און געשפּירט ממש אַן עקל און אַן אימה צו דעם פאַרליבן-זיך. די חברים אירע, די מענער, וואָס האָבן דאָס געוווּסט, האָבן זיך נישט דערלויבט אַרויסצוווייזן איר אַ געפיל פון פאַרליבטקייט, אויב אפילו זיי האָבן אַזאַ מין געפיל געהאַט; און האָבן זיך מיט איר געהאַלטן, ווי מיט אַ חבר אַ מאַנסביל. דערנאָר אָבער אומבאַקאַנטע פלעגן אָפט צו איר צושטיין, און פון זיי, ווי זי פלעגט אַליין דערציילן, פלעגט זי אָפּראַטעווען איר גרויסע פיזישע קראַפט, מיט וועלכער זי האָט באַזונדערס שטאָלצירט. „איינמאָל, האָט זי דערציילט מיט אַ געלעכטער קאַטיושען, — איז צו מיר צוגעשטאַנען אויף דער גאַס עפּעס אַן אומבאַקאַנטער הער און האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָפּטרעטן, האָב איך אים אַזאַ טרייסל געטון, אַז ער האָט זיך דערשראָקן און איז אַנטלאָפן פון מיר״.

אַ רעוואָלוציאָנערין איז זי געוואָרן, ווי זי האָט דערציילט, דערפאַר, וואָס זי האָט פון קינדווייז אויף געפילט אַן עקל צו דעם פריצישן לעבן, און האָט ליב געהאַט דאָס לעבן פון פּראָסטע מענטשן. און מ׳האָט זיך שטענדיק געבייזערט אויף איר דערפאַר, וואָס זי געפינט זיך אין מיידל-שטוב, אין קיך, אין פערד-שטאַל און נישט אין זאַל.

— און מיר פלעגט זיין מיט די קוטשערס און די קעכינס זייער פריילעך, און מיט אונזערע הערן און דאַמען — אומעטיק, פלעגט זי דערציילן. — דערנאָך, אַז איך האָב געוווּמען פאַרשטיין, האָב איך דערזעען, אַז אונזער לעבן איז אַ שלעכט לעבן. קיין מוטער האָב איך נישט געהאַט, דעם פאָטער האָב איך נישט געליבט און צו ניינצן יאָר בין איך מיט אַ חברטע אַוועק פונדערהיים און אָנגעקומען אַלס אַרבעטערין אויף אַ פאַבריק.

נאָך דער פאַבריק האָט זי געוווינט אין דאָרף, שפּעטער געקומען אין שטאָט אַריין און אויף דער וווינונג, ווו ס׳איז געווען אַ גע-

היימע דרוקעריי איז זי געוואָרן ארעסטירט און פארמשפּט צו קאַטאָרגע. מאַריע פּאַוולאָוונע האָט דאָס קיינמאָל נישט דערציילט, אָבער קאַטיושע האָט זיך עס פון אַנדערע דערוווּסט, אַז פארמשפּט צו קאַטאָרגע האָט מען זי דערפאַר, וואָס זי האָט גענומען אויף זיך די שולד, וואָס אַ צווייטער רעוואָלוציאָנער איז באַגאַנגען: בשעת דער רעוויזיע האָט ער אויסגעשאָסן אין דער פינצטער.

זינט קאַטיושע האָט זי דערקענט, האָט זי געזען, אַז ווו זי זאָל נישט זיין, באַ אַלערליי באַדינגונגען, האָט זי קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן זיך, נאָר שטענדיק געווען באַזאָרגט: ווי אַזוי צו טון עמעצן אַ טובה, עמעצן העלפן, צי אין אַ גרויסער זאַך אָדער אין אַ קליינער. איינער פון די איצטיקע חברים אירע נאָוואָדוואָראָוו, האָט אין אַ וויץ געזאָגט וועגן איר, אַז זי פאַרנעמט זיך מיט דעם ספּאָרט פון פילאַנטראָפּיע. און דאָס איז געווען אַן אמת. ווי פּאַר אַ יעגער אויסצוגעפינען רויב, אַזוי איז דער גאַנצער אינטערעס פון איר לעבן באַשטאַנען אין אויסצוגעפינען וועמען צו העלפן. און דערדאָזיקער ספּאָרט איז געוואָרן איר געוווינהייט, געוואָרן דער תוך פון איר לעבן. און געטון האָט זי עס אַזוי נאַטירלעך, אַז אַלע, וואָס האָבן זי געקענט, האָבן עס שוין נישט אָפּגעשאַצט, און דאָס געפאָדערט פון איר.

ווען מאַסלאָוואַ איז צו זיי אָנגעקומען, האָט מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ לכתחילה דערפילט צו איר אַ ווידערגעפיל און אַן עקל. קאַטיושאַ האָט עס באַמערקט, אָבער שפּעטער האָט זי אויך באַמערקט, ווי מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ האָט זיך באַהערשט און געוואָרן מיט איר אויסערגעוויינלעך פריינדלעך און גוט. און דידאָזיקע צערטלעכקייט און גוטסקייט פון אַזאַ אומגעוויינלעכער פּערזאָן האָבן מאַסלאָווען אַזוי גערירט, אַז זי האָט זיך איר אָפּגעגעבן מיט דער גאַנצער נשמה, אומבאַוווסטזיניק איבערנעמענדיק אירע אַלע אָנשויונגען, און נישט ווילנדיק און אַלץ איר נאָכטוענדיק. דידאָזיקע איבערגעגעבענע ליבע קאַטיושעס האָט גערירט מאַריע פּאַוולאָוונען, און זי האָט אויך ליב באַקומען קאַטיושען.

די ביידע פרויען האָט אויך דערנענטערט דער עקל, וואָס ביידע האָבן געפילט צו דער געשלעכטלעכער ליבע. איינע האָט געהאַסט דידאָזיקע ליבע, ווייל זי האָט פאַרזוכט דעם גאַנצן גרויל אירן; די צווייטע דערפאַר, ווייל נישט איבערלעבנדיק זי, האָט זי געקוקט אויף דער ליבע ווי אויף אַ זאַך, וואָס איז איר אינגאַנצן נישט פאַרשטענדלעך, אָבער וואָס איז צוגלייך זייער העסלעך און באַליידיקט די מענטשלעכע ווירדע.

IV.

די ווירקונג פון מאריע פאוולאוונעס איז געווען איין ווירקונג, וועלכער מאסלאווא האט זיך אונטערגעגעבן. דאס איז געקומען דערפאר, ווייל מאסלאווא האט ליב באקומען מאריע פאוולאוונען. די צווייטע ווירקונג איז געווען פון סימאנסאנען. און דידאזיקע ווירקונג איז געקומען דערפאר, ווייל סימאנסאן האט ליב באקומען מאסלאווען.

אלע מענטשן לעבן און האנדלען טיילווייז לויט זייערע אייגענע געדאנקען, טיילווייז לויט די געדאנקען פון אנדערע מענטשן. אין דעם, אויף וויפיל מענטשן לעבן לויט זייערע אייגענע געדאנקען און אויף וויפיל — לויט די געדאנקען פון אנדערע מענטשן, באשטייט איינער פון די הויפט-אונטערשיידן פון מענטשן צווישן אנאנד. טייל מענטשן באנוצן זיך אין די מייסטע פאלן מיט זייערע געדאנקען, ווי מיט אן אינטעלעקטועלן שפיל, באגייען זיך מיט זייער שכל ווי מיט א שוונג-ראד, פון וועלכן עס איז אראפגענומען געווארן די טראנסמיסיע, און אין זייערע האנדלונגען גיבן זיי זיך אונטער פרעמדע געדאנקען — דער געוווינהייט, דער טראדיציע, דעם געזעץ; אנדערע, ווידער, — האלטן זייערע געדאנקען פאר די הויפט-מאטארן פון זייער גאנצער טעטיקייט, הערן זיך כמעט אלע מאל צו צו די פאדערונגען פון זייער שכל און גיבן זיך אים אונטער, פאלגנדיק בלויז אין זעלטענע פאלן — אי דאס נאך א קריטישער אפשאצונג — דאס, וואס איז געפסקנט פון אנדערע. אזא מענטש איז געווען סימאנסאן. ער האט אלץ קאנטראלירט און באשלאסן מיטן שכל, און וואס ער האט באשלאסן, דאס האט ער געטון.

באשלאסן נאך אלס גימנאזיסט, אז דאס, וואס זיין פאטער, א געוועזענער אינטענדאנטור-באאמטער, האט אנגעלעבט, האט ער אנגעלעבט נישט ארנטלעך, האט ער געמאלדן דעם פאטער, אז דאסדאזיקע פארמעגן דארף מען אפגעבן דעם פאלק. און ווען דער פאטער האט נישט נאר נישט געפאלגט, נאר זיך שטארק אנגעבייזערט אויף אים, איז ער אוועק פון שטוב און אויפגעהערט צו געניסן פון דעם פאטערס מיטלען.

באשלאָסן, אַז אַלע עקזיסטירנדיקע צרות נעמען זיך פון דעם פאָלקס אומגעבילדעטקייט, איז ער, נאָכן ארויסגיין פון אוניווערזיטעט, זיך צו-גריפגעגאַנגען מיט די „פאָלקיסטן״, אַנגעקומען אין אַ דאָרף פאר אַ לע-רער און דרייסט געפריידיקט סיי פאר די תלמידים סיי פאר די פויערים דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געהאַלטן פאר יושרדיק, און געלייקנט אין דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן פאר פאַלש.

מ׳האָט אים אַרעסטירט און געמשפט.

בשעת דעם משפט האָט ער באַשלאָסן, אַז די שופטים האָבן נישט קיין רעכט אים צו משפטן, האָט ער דאָס אַרויסגעזאָגט. און אַז די שופטים האָבן מיט אים נישט מסכים געווען און ווייטער אַנגעגאַנגען מיט זייער משפט, האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט נישט ענטפערן, און האָט געשוויגן אויף אַלע זייערע פראַגן. מ׳האָט אים פאַרשיקט אין דער אַרכאַנגעלסקער גובערניע. דאָרט האָט ער זיך אויסגעאַרבעט אַ רעליגיע-זע לערע, וואָס באַשטימט זיין גאַנצע טעטיקייט. דידאָזיקע רעליגיעזע לערע איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אַלץ אויף דער וועלט איז אַ לעבע-דיקע זאַך, אַז קיין טויטס איז נישטאָ, אַז אַלע קעגנשטאַנדן, וואָס מיר האַלטן זיי פאר טויטע, אומאָרגאַנישע, זענען בלויז טיילן פון אַן אומ-געהייערן אָרגאַנישן קערפּער, וועלכן מיר קאָנען נישט תופס זיין, און אַז די אויפגאַבע פון דעם מענטש אַלס טיילעכל פון דעם גרויסן אָרגאַ-ניזם, באַשטייט דעריבער אין אונטערהאַלטן דאָס לעבן פון דעמדאָזיקן אָרגאַניזם און פון אַלע לעבעדיקע טיילן זיינע. און דעריבער האָט ער געהאַלטן פאר אַ פאַרברעך צו פאַרטיליקן דאָס, וואָס לעבט: געווען קעגן מלחמה, טויטשטראָף און יעדן מין מאָרד נישט נאָר פון מענטשן, נאָר אויך פון בעלי-חיים. בנוגע מאַן-און-ווייב-לעבן האָט ער אויך גע-האַט זיין טעאָריע, וועלכע איז באַשטאַנען אין דעם. אַז די פאַרמערונג פון מענטשן איז בלויז אַ נידעריקע פונקציע פון דעם מענטש, די הע-כערע אָבער באַשטייט אין דינען די לעבעדיקע זאַכן, וואָס עקזיסטירן שוין. אַ ראיה אויף דעמדאָזיקן געדאַנק האָט ער געפונען אין דעם, וואָס אין דעם בלוט זענען פאַראַן פאַגאָציטן. אומפאַרהייראַטע מענטשן זע-נען, לויט זיין מיינונג, געווען אָט אַזעלכע פאַגאָציטן, וואָס זייער עובדא איז באַשטאַנען אין העלפן די שוואַכע, קראַנקע טיילן פון דעם אָרגאַ-ניזם. ער האָט טאַקע אַזוי-אַ געלעבט זינט ער האָט עס באַשלאָסן, הגם פריער, אַלס יונגער בחור, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט זנות. ער

האָט זיך אַליין, און אויך מאַריע פּאָוולאָוונען געהאַלטן פאַר וועלט־פּאַגאַציטן.

די ליבע זיינע צו קאַטיושען האָט נישט צעשטערט דידאַזיקע טעאָריע, וואָרים ער האָט געליבט פּלאַטאָניש, האַלטנדיק, אַז אַזאַ ליבע איז נישט נאָר קיין מנע ע״ז נישט פאַר דער פּאַגאַציטישער טעטיקייט פון דינען די שוואַכע, נייערט זי באַגייסטערט נאָך מער צו דערדאָזיקער טעטיקייט.

אָבער אַחוצדעם וואָס מאָראַלישע פראַגן פלעגט ער פּסקנען אויף זיין אופן, האָט ער געפּסקנט אויף זיין אופן אויך דאָס רוב פּראַקטישע פראַגן. ער האָט אויף אַלע פּראַקטישע ענינים געהאַט זיך זיינע טעאָריעס. ער האָט געהאַט כּללים, וויפיל שעה מ׳דאַרף אַרבעטן, וויפיל — רוען, ווי אַזוי צו נערן זיך, ווי אַזוי זיך אָנצוטון, ווי אַזוי די אויוונס צו הייצן, ווי אַזוי צו באַלייכטן זיך.

בײַ דעם אַלעמען איז סימאָנסאָן געווען זייער שעמעוודיק מיט מענטשן און באַשיידן. האָט ער אָבער עפּעס באַשלאָסן, פלעגט אים שוין קיין שום זאַך נישט קאָנען אָפּהאַלטן.

און אָט דער־אָ מענטש האָט עס געהאַט אַן אַנטשיידנדיקע ווירקונג אויף מאַסלאָווען דערמיט, וואָס ער האָט זי ליב געהאַט. מאַסלאָוואַ איז מיט דעם ווייבלעכן חוש זייער גיך דאָס געוווּיר געוואָרן, און דאָס באַוווּסטזיין דערפון, אַז זי האָט געקאָנט דערוועקן ליבע אין אַזאַ אומגעוויינלעכן מענטש, האָט זי דערהויבן אין איר אייגענער מיינונג. נעכליודאָוו האָט איר פאָרגעלייגט חתונה צו האָבן אויס גרויסמוטיקייט און צוליב דעם, וואָס אַמאָל איז געווען; סימאָנסאָן אָבער האָט זי ליב געהאַט אַזאַ, ווי זי איז געווען איצטער, און האָט ליב געהאַט פּשוט דערפאַר, ווייל ער האָט ליב געהאַט. אויסערדעם האָט זי געפילט, אַז סימאָנסאָן האַלט זי פאַר אַן אומגעוויינלעכע פרוי, וואָס איז נישט ענלעך אויף אַלע אַנדערע, וואָס האָט באַזונדערע הויכע מאָראַלישע אייגנשאַפטן. זי האָט נישט גאָר גוט געוווּסט, וואָס פאַר אַן אייגנשאַפטן ער שרייבט איר צו, אָבער אויף יעדן פאַל, נישט אָפּצונאַרן אים, האָט זי זיך געמיט מיט אַלע כּוחות אַרויסצורופן אין זיך די בעסטע אייגנשאַפטן, וואָס זי האָט נאָר געקאָנט זיך פאָרשטעלן. און דאָס האָט זי געצוווּנגען צו שטרעבן זיין אַזאַ גוטע, ווי זי האָט נאָר געקאָנט זיין.

אָנגעהויבן האָט זיך עס נאָך אין טורמע, בשעת אויף אַן אַלגעמיינער זעונג פון די פּאָליטישע האָט זי באַמערקט אויף זיך דעם באַזונ־

דערס איינגעשפּאַרטן בליק פון זיינע אומשולדיקע, גוטע, טונקל-בלויע אויגן פון אונטער דעם אראָפּגעהאָנגענעם שטערן און ברעמען אָפּער. נאָר דעמאָלט האָט זי באַמערקט, אַז דאָס איז אַ באַזונדערער מענטש און קוקט אויף איר אויף אַ באַזונדערן שטייגער, און האָט באַמערקט די נישט-ווילנדיק איבערראַשנדיקע פאַרייניקונג אין איין פּנים פון שטרענגקייט (וואָס עס האָבן אַרויסגערופן די שטאַרצנדיקע האָר און די אָנגערוגזטע ברעמען), פון קינדישער גוטסקייט און פון אומשולדיקייט אין בליק. דערנאָך אין טאָמסק, בשעת מ'האָט זי אַר"בערגעפירט צו די פּאָליטישע, האָט זי אים ווידעראַמאָל דערזעען. און הגם זיי האָבן צווישן זיך קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט, האָט דער בליק, מיט וועלכן זיי האָבן זיך איבערגעוואָרפן, מודה געווען, אַז זיי געדענקען און זענען חיכּטיק איינס פאַר דעם אַנדערן. קיין באַדייטנדע שמועסן האָבן זיי אויך שפּעטער צווישן זיך נישט געהאַט, אָבער מאַסלאָווא האָט געפילט, אַז בשעת ער פלעגט רעדן אין איר קעגנוואַרט, איז זיין וואָרט געווען געווענדט צו איר און אַז ער האָט גערעדט פון איר־טוועגן, פלייסנדיק זיך אויסצודריקן וואָס פאַרשטענדלעכער. באַזונדערס אָבער האָט זיך זייער התקרבות אָנגעהויבן זינט דאַן, ווען ער איז אָוועק צופוס צוזאַמען מיט די קרימינעלע.

V.

פון ניזשני־נאָווגאָראָד ביז קיין פּערם איז נעכליודאָוו געלונגען צו זעען זיך מיט קאַטיושען בלויז צוויי מאָל: איין מאָל אין ניזשני, איידער מ'האָט אַריינגעזעצט די אַרעסטאַנטן אויף אַ פאַרצויגענער מיט אַ נעץ באַרזשע, דאָס צווייטע מאָל אין פּערם, אין דער קאַנצעלאַריע פון דער טורמע. און בײַ די ביידע זעונגען האָט ער זי געפונען פאַרשלאָסן אין זיך און בייז. אויף זיינע פראַגן, צי איז איר גוט, צי דאַרף זי עפּעס, האָט זי געענטפערט אויסמיידנדיק, פאַרווירט און ווי אים האָט זיך געדאַכט, מיט יענעם פיינדלעכן געפיל פון פאַרוואָרף, וועלכער האָט זיך פריער אויך אַ־ויסגעוויזן אין איר. און די דאָזיקע פינצטערע שטימונג אירע, וועלכע האָט געשטאַמט בלויז פון די פאַרפאָלגונגען מצד די

מענער, וואָס זי האָט צו יענער צייט געהאַט אויסצושטיין, האָט געפּלאָגט נעכליודאָוון. ער האָט מורא געהאַט, אַז אונטער דער ווירקונג פון די שווערע און דעמאָראַליזירנדיקע באַדינגונגען, אין וועלכע זי האָט זיך געפונען בשעת דעם אַריבערפאָר, זאָל זי ווידער נישט אַריינפאַלן אין דעם פריערדיקן צושטאַנד פון סתירה מיט זיך אַליין און פון לעבנספאַרצווייפלונג, אַ צושטאַנד, בײַ וועלכן זי פלעגט ווערן אויפגערייצט קעגן אים, שטאַרק גערייכערט און געטרינקען, כדי זיך צו פאַרגעסן. אָבער ער האָט מיט גאָרנישט געקאָנט איר העלפן, ווייל דידאָזיקע גאַנצע ערשטע צייט פונם וועג, האָט ער נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו זעען זיך מיט איר. ערשט נאָכדעם אַריבערפירן זי צו די פּאָליטישע האָט ער זיך נישט נאָר איבערצייגט אין דער אומבאַגרינדעטקייט פון זיין באַרויקונג, נאָר, פאַרקערט, בײַם יעדן מאָל זעען זיך מיט איר, אָנגעהויבן צו מערקן אין איר יענע אַלץ מער און מער זיך איינשטעלנדיקע אינערלעכע ענדערונג, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק פאַרלאַנגט צו זעען אין איר. שוין בײַ דער ערשטער זעונג אין טאָמסק איז זי ווידער געווען די זעלבע, ווי זי איז געווען פאַרן אַוועקפאָר. דערזעענדיק אים, האָט זי זיך נישט אָנגעברוגזט און נישט געוואָרן פאַרווירט, נאָר פאַרקערט, פריילעך און פּשוט אים באַגעגנט, געדאַנקט אים דערפאַר, וואָס ער האָט געטון פאַר איר, באַזונדערס דערפאַר, וואָס ער האָט זי צונויפגעפירט מיט די מענטשן, מיט וועלכע זי איז איצט געווען צוזאַמען.

נאָך צוויי חדשים גיין מיטן עטאַפּ, האָט די ענדערונג, וואָס איז אין איר פאָרגעקומען זיך אויך אַרויסגעוויזן אין איר אויסזעען. זי איז געוואָרן מאָגערער, אָפּגעברענט. אַזוי ווי עלטער; אויף די שלייפן און אַרום מויל האָבן זיך אָפּגעצייכנט קנייטשעלעך, די האָר האָט זי נישט אַראָפּגעלאָזט אויפן שטערן, נאָר אַרומגעבונדן מיט אַ טיכל און סיי אין אָנטון זיך, סיי אין פריזור און אין דער באַנעמונג איז נישט געבליבן קיין סימן פון דער פריערדיקער קאָקעטעריי. און דידאָזיקע פאָרגעקומענע און פאָרקומענדיקע ענדערונג אין איר האָט כסדר אַרויסגערופן בײַ נעכליודאָוון אַ באַזונדערס פריידיק געפיל.

ער האָט געהאַט איצט צו איר אַ געפיל, וואָס ער האָט פריער קיינמאָל נישט איבערגעלעבט. דאָסדאָזיקע געפיל האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט דער ערשטער פּאָעטישער פאַרליבטקייט און נאָך ווייניקער — מיט יענער זינלעכער פאַרליבטקייט, וואָס ער האָט איבער־

געלעבט שפּעטער, נישט אפילו מיטן געפיל פון באַוווסטזיין פון אויסגע־פירטער פליכט, געמישט מיט זעלבסטצופרידנהייט. א געפיל, מיט וועלכן ער האָט, נאָך דעם פּראָצעס, באַשלאָסן חתונה צו האָבן מיט איר. דאָס־דאָזיקע געפיל איז געווען דאָס זעלבע פּשוטע געפיל פון רחמנות און לייטזעליקייט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט דאָס ערשטע מאָל באַם זעען זיך מיט איר אין טורמע און שפּעטער, מיט א נייעם כּוח, נאָכן שפּיטאָל, בעת ער האָט גובר געווען זיין ווידערגעפיל, איר מוחל געווען פאַר דער אויסגעדאַכטער געשיכטע מיטן פעלדשער (וואָס די אומגערעכטיקייט דערפון האָט זיך נאָכדעם אויפגעקלערט); דאָס איז געווען דאָס זעלבע געפיל טאַקע, נאָר בלויז מיט דער נפקא־מינה, וואָס דעמאָלט איז עס געווען אַ צייטווייליק געפיל, איצטער איז עס אָבער געוואָרן א באַשטענ־דיקס. וועגן וואָס ער זאָל איצט נישט האָבן געטראַכט, וואָס ער זאָל נישט האָבן געטון, די אַלגעמיינע שטימונג זיינע איז געווען דאָס געפיל פון רחמנות און לייטזעליקייט נישט נאָר צו איר, נאָר אויך צו אַלע מענטשן.

דאָסדאָזיקע געפיל האָט עפּעס ווי געעפנט אין נעכליודאָווס נשמה א שטראָם ליבשאַפט, וואָס האָט פריער נישט געפונען קיין אַרויסגאַנג און איצטער האָט עס געפלאָסן אויף אַלע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפן.

נעכליודאָוו האָט זיך פאַר דער גאַנצער צייט פון דער רייזע גע־פילט אין יענעם אויפגעערעגטן צושטאַנד, ווען ער איז נישט ווילנדיק געוואָרן מיטפילנדיק און אויפמערקזאַם צו אַלע מענטשן, פון דעם פּור־מאַן און קאָנוואָי־זעלנער ביז צו דעם שעף פון דער טורמע און דעם גובערנאַטאָר, מיט וועמען ער האָט געהאַט צו טון.

פאַר דערדאָזיקער צייט איז נעכליודאָוון צוליב מאַסלאָוואַס אַרי־בערגיין צו די פּאָליטישע אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיט א סך פּאָ־ליטישע, צוערשט אין יעקאַטערינבורג, ווו זיי אַלע האָבן זיך גאָר פריי אויפגעהאַלטן צוזאַמען, אין א גרויסער קאַמער, און דערנאָך אין וועג מיט יענע פינף מענער און פיר פרויען, צו וועלכע מ׳האָט מאַסלאָווען מצרף געווען. דידאָזיקע דערנעענטערונגען נעכליודאָווס מיט די פאַרשיק־טע פּאָליטישע האָט אינגאַנצן געענדערט זיין קוק אויף זיי.

זינט דעם סאַמע אָנהייב פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, און בפרט נאָך דעם 1־טן מערץ, האָט נעכליודאָוו געשפּירט צו די רעוואָלוציאָנערן אַן אומפריינטלעך און פאַראַכטלעך געפיל. אָפּגע־

שטויסן פון זיי האָט אים קודם-כל די אכזריות און די געהיימקייט פון די מעטאָדן, וואָס זיי האָבן באַנוצט אין דעם קאַמף קעגן דער רעגירונג, דערהויפּט די אכזריות פון די מאָרדן, וואָס זיי זענען באַגאַנגען, און דאַן איז אים געווען דערווידער דער פאַר זיי אַלע געמיינזאַמער שטריך פון גרויסער זעלבסטמיינונג. אָבער דערקענט זיי נענטער און געווויר געוואָרן דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן אַפּטמאָל אומשולדיק זיך אויסגעליטן פון דער רעגירונג, האָט ער איינגעזעען, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט זיין אַנדערש, ווי דאָס, וואָס זיי זענען געווען.

ווי שרעקלעך אומזיניק עס זענען געווען די עינויים, וואָס די אַזוי גערופענע קרימינעלע האָבן געהאַט אויסצושטיין, איז פונדעסטוועגן איבער זיי פאַרגעקומען איידער און נאָכן פאַרמשפּטן עפּעס אַ סימן פון געזעצלעכקייט; אָבער אין די ענינים פון די פּאָליטישע איז אפילו נישט געווען אָט דערדאָזיקער סימן, ווי נעכליודאָוו האָט עס געזעען אין דעם פאַל שוסטאָווא און שפּעטער בנוגע אַ סך, אַ סך פון זיינע נייע באַקאַנטע. מיט דידאָזיקע מענטשן איז מען זיך באַגאַנגען אַזוי, ווי מ'באַגייט זיך באַם כאַפּן פיש מיט אַ נעץ: מ'שלעפּט אַרויס אויפן ברעג אַלץ, וואָס עס מאַכט זיך, און דערנאָך קלויבט מען אָפּ יענע גרויסע פיש, וואָס זענען נייטיק, נישט קימערנדיק זיך וועגן די דראָבנע פישלעך, וואָס קומען אום, פאַרדאַרנדיק אויפן ברעג. אַזוי-אָ, פאַנגענדיק הונדערטער אַזעלכע מענטשן, וואָס זענען באַשיינפּערלעך נישט נאָר נישט געווען שולדיק, נאָר האָבן גאָרנישט געקאָנט זיין שעדלעך פאַר דער רעגירונג, האָט מען זיי אָפּטמאָל געהאַלטן יאָרנלאַנג אין די תּפיסות, וווּ זיי פלעגן זיך אָנשטעקן מיט שווינדזוכט, אַראָפּגיין פון זינען אָדער זיך אַליין געמאַכט אַ טויט; און געהאַלטן האָט מען זיי בלויז דערפאַר, ווייל ס'איז נישט געווען קיין סיבה אַרויסצולאָזן זיי, אין דער צייט, וואָס זייענדיק אונטער דער האַנט אין געפענגניש, האָבן זיי געקאָנט צונויץ קומען אויפצוקלערן אַ וועלכע עס איז פראַגע בא דער אויספאָרשונג. דער גורל פון די אַלע, אָפּטמאָל אפילו אויס דעם שטאַנדפּונקט פון דער רעגירונג, אומשולדיקע מענטשן איז געווען אָפּהענגיק פון דער איינזעעניש, פרייער צייט, שטימונג פון דעם זשאַנדאַרם, פּאָליציי-אָפיציר, שפּיאָן, פּראָקוראָר, אויספאָרשונגס-ריכטער, גובערנאַטאָר, מיניסטער. ווערט אַזאַ באַאַמטן לאַנגווייליק אָדער ער וויל זיך אויסצייכענען — איז אי ער מאַכט אַרעסטן, אי ער האַלט אין טורמע אָדער ער לאָזט אַרויס, געוועגדט אין דער שטימונג זיין אייגענער אָדער פון זיינע איבערהאַרן. און דער העכערער באַאַמטער — אויך

געווענדט אין דעם, צי דאַרף ער זיך אויסצייכענען, אָדער אין וועלכע באַציונגען ער איז מיטן מיניסטער — איז אָדער ער פאַרשיקט עק וועלט, אָדער ער האַלט אין איינצל-געפענגעניש, אָדער ער פאַרמשפט אויף סי-ביר, אויף קאַטאָרגע, אויף טויט, אָדער ער לאָזט אַרויס. ווען אַ וועלכע עס איז דאַמע בעט אים וועגן דעם.

מיט זיי איז מען זיך באַגאַנגען ווי אויף מלחמה, האָבן זיי נאַטיר-לעך באַנוצט די זעלביקע מיטלען, וואָס מ'האָט אָנגעווענדט קעגן זיי. און פונקט ווי מיליטערלייט לעבן אַלע מאָל אין דער אַטמאָספערע פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, וואָס לא די וואָס זי באַהאַלט פון זיי די פאַרברעכערישקייט פון די מעשים, וועלכע זיי באַגייען, שטעלט זי נאָך פאַר דידאָזיקע מעשים פאַר גבורות, — פונקט אַזוי האָט פאַר די פאָלי-טישע עקזיסטירט און זיי שטענדיק באַגלייט אַזאַ-אַ אַטמאָספערע פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון זייער קרייזל, וואָס צוליב דערדאָזיקער מיינונג האָבן די אכזריותדיקע האַנדלונגען, וועלכע זיי פלעגן באַגיין, איינשטעלנדיק די פרייהייט, דאָס לעבן און אַלצדינג, וואָס אַ מענטש איז טייער, זיי אויך אויסגעוויזן נישט נאָר נישט שלעכט, נאָר, פאַרקערט, העלדיש. דערמיט איז נעכליודאָוון קלאָר געוואָרן יענע מערקווירדיקע דערשיינונג, וואָס די אין כאַראַקטער מילדסטע מענטשן, וועלכע זענען נישט פעיק געווען נישט וואָס פאַרשאַפן יסורים לעבעדיקע באַשעפענישן, נאָר אפילו דידאָזיקע יסורים צוזעען, האָבן רויק זיך געגרייט צו מאָרדן מענטשן, און כמעט אַלע האָבן אין געוויסע פאַלן אָנערקענט דעם מאָרד פאַר געזעצלעך און גערעכטיק אַלס מיטל פון זעלבסטשוץ און פון דער-גרייכן די העכערע צילן פון טובת הכלל. וואָס איז שייך דער הויכער מיינונג, וואָס זיי האָבן צוגעשריבן דער זאַך זייערער, און אַלס פועל-יוצא דערפון — אויך זיך אַליין, האָט זי נאַטירלעך אַרויסגעדרונגען פון יענער באַדייטונג, וואָס די רעגירונג האָט זיי צוגעגעבן, און יענער אכזריות פון באַשטראָפונג, וואָס זיי האָבן פון דער רעגירונג געהאַט אויסצושטיין. זיי האָבן געדאַרפט האָבן פון זיך אַ הויכע מיינונג, כדי צו זיין בכוח אַריבערצוטראָגן דאָס, וואָס זיי פלעגן אַריבערטראָגן.

דערקענט זיי נענטער, האָט נעכליודאָוו זיך איבערצייגט, אַז דאָס זענען געווען נישט קיין רוצחים דורך און דורך, ווי עס האָבן זיי פאָרגעשטעלט די איינע, און נישט קיין העלדן דורך און דורך, ווי עס האָבן זיי געהאַלטן די אַנדערע, נאָר זיי זענען געווען געוויינלעכע מענטשן, צווישן וועלכע עס זענען געווען, אַזוי ווי אומעטום, גוטע און

שלעכטע, און דורכשניטלעכע מענטשן. עס זענען געווען צווישן זיי מענטשן, וואָס זענען געוואָרן רעוואָלוציאָנערן דערפאַר, ווייל זיי האָבן אויפריכטיק געהאַלטן, אַז זיי זענען מחויב צו קעמפן מיט דעם עקזיס־טירנדיקן בייז; געווען אָבער אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אויסגעוויילט דידאָזיקע טעטיקייט אויס עגאָיסטישע אַמביציעזע מאָטיוון; דאָס רוב אָבער האָט זיי צוגעצויגן צו דער רעוואָלוציע דער באַגער, וואָס איז באַקאַנט געווען נעכליודאָוון פון דער מלחמה־צייט, דער באַגער פון סכנה, פון איינשטעלעניש, דער תענוג פון שפּילן מיטן אייגענעם לעבן, — געפילן, וואָס זענען אייגן דער געוויינלעכסטער ענערגישער יוגנט. דער אונטערשיד צווישן זיי און געוויינלעכע מענטשן, אָבער צו זייער שבח, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די מאָראַלישע פאָדערונגען צווישן זיי זענען געווען העכערע איידער די, וואָס זענען געווען אָנגענומען אין דעם קרייז פון געוויינלעכע מענטשן. בא זיי האָט זיך גערעכנט פאַר א מוז נישט נאָר איינגעהאַלטנקייט, לעבנסשטרענגקייט, אמתדיקייט, אומאייגנ־נוציקייט, נאָר אויך די גרייטשאַפט מקריב צו זיין אַלצדינג, אפילו דאָס אייגענע לעבן, פאַר טובת הכלל. די־יעניקע פון אָט די מענטשן, וואָס זענען געווען העכער פון דעם דורכשניט, זענען דערום געווען אַ סך העכער פון אים, פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מוסטער פון זעלטענער מאָראַלישער הייך; אָבער די־יעניקע, וואָס זענען געווען נידעריקער פון דעם דורכשניט, זענען געווען אַ סך נידעריקער פון אים, פאַרשטעלנדיק מיט זיך אָפטמאָל מענטשן אָן אמתדיקייט, געמאַכטע, און צוגלייך דער־מיט — אין זיך איינגעגלייבטע און גאוותדיקע. אַזוי אַז טייל פון זיינע נייע באַקאַנטע האָט נעכליודאָוו נישט נאָר געאַכט, נאָר אויך ליב באַקומען מיט דער גאַנצער נשמה; צו די אַנדערע ווידער איז ער געבליבן מער ווי גלייכגילטיק.

VI.

דערהויפּט האָט נעכליודאָוו ליב באַקומען דעם שווינדזיכטיקן אויף קאַטאָרגע פאַרשיקטן יונגנמאַן קרילצאָוו, וועלכער איז געגאַנגען מיט דער פּאַרטיע, צו וועלכער מ׳האָט מצרף געווען קאַטיושען. נעכליודאָוו האָט זיך באַקענט מיט אים נאָך אין יעקאַטערינבורג און דערנאָך אונטערוועגנס עטלעכע מאָל זיך געזען און געשמועסט מיט אים. איינמאָל זומער-צייט בשעתן לאַגערן אויפן עטאַפּ האָט נעכליודאָוו פאַרבראַכט מיט אים כמעט אַ גאַנצן טאָג, און קרילצאָוו האָט זיך צערעדט, אויסדערציילט אים זיין געשיכטע און ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער. זיין געשיכטע ביז צו דער תּפיסה איז געווען זייער אַ קורצע. זיין פאָטער, אַ רייכער גוטבאַזיצער פון די דרומדיקע גובערניעס, איז געשטאָרבן, אַז ער איז נאָך געווען אַ קינד. ער איז געווען אַ בן-יחיד, און די מוטער האָט אים אויפגעצויגן. געלערנט האָט ער זיך גרינג סיי אין גימנאַזיע, סיי אין אוניווערזיטעט און האָט געענדיקט דעם קורס אַלס ערשטער קאַנדידאַט פון דעם מאַטעמאַטישן פאַקולטעט. מ׳האָט אים פאָרגעלייגט צו בלייבן באַם אוניווערזיטעט און פאָרן קיין אויסלאַנד. ער האָט זיך אָבער נישט געאיילט. עס איז געווען אַ מיידל, וואָס ער האָט זי ליב געהאַט, און ער האָט געטראַכט וועגן התונה און וועגן טעטיקייט צווישן די פּויערים. אַלץ האָט זיך געגלוסט און אויף קיין זאַך האָט ער זיך נישט אַנטשלאָסן. אין אָט דער צייט האָבן די אוניווערזיטעט-חברים באַ אים געבעטן געלט אויף אַ כלל-זאַך. ער האָט געוווסט, אַז דידאָזיקע כלל-זאַך איז אַ רעוואָלוציאָנערע זאַך, מיט וועלכער ער האָט זיך דעמאָלט גאָרנישט אינטערעסירט, אָבער אויס דעם געפיל פון חברשאַפט און אייגנליבע, מ׳זאָל נישט קלערן, אַז ער האָט מורא, האָט ער געגעבן געלט. די, וואָס האָבן דאָס געלט גענומען, זענען אַריינגעפאַלן; מ׳האָט געפונען אַ קוויטל, פון וועלכן מ׳איז געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס געלט האָט געגעבן קרילצאָוו; מ׳האָט אים אַרעסטירט, אַריינגעזעצט צוערשט אין צירקל און דערנאָך אין טורמע.

— אין דער טורמע, וווּ מ׳האָט מיך איינגעזעצט, — האָט קריל-

צאַוו דערציילט נעכליודאָוון (ער איז געזעסן מיט זיין איינגעפאַלענער ברוסט אויף הויכע נאַרעס, אָנגעלענט אויף די קני, און נאָר פון צייט-צו-צייט האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף נעכליודאָוון מיט די פינקלענדי-קע, פיבערדיקע, וווּנדערשיינע אויגן), — אין דער טורמע דערדאָזיקער איז נישט געווען גאָר שטרענג; נישט נאָר פלעגן מיר זיך איבערקלאַפּן, נאָר אפילו אַרומגעגאַנגען איבערן קאָרידאָר, זיך דורכגערעדט, געטיילט זיך מיט עסנוואַרג, מיט טאַבאַק און אין די אָוונטן אפילו געזונגען אין כאָר. איך האָב געהאַט אַ גוטע שטים. יאָ, ווען נישט די מוטער, — זי האָט זיך זייער גענומען צום האַרץ, וואָלט מיר זיין גוט אין טורמע, מ'קאָן זאָגן — אָנגענעם און זייער אינטערעסאַנט. דאָ האָב איך זיך אגב באַקענט מיט דעם באַרימטן פּעטראָוו (שפּעטער האָט ער זיך געקוילעט אין פעסטונג מיט אַ שטיק גלאָז) און נאָך מיט אַנדערע.

„אָבער קיין רעוואָלוציאָנער בין איך נישט געווען. איך האָב זיך אויך באַקענט מיט צוויי שכנים פון דער קאַמער. זיי זענען אַריינגעפאַלן פאַר איין זאַך טאַקע, מיט פּוילישע פּראָקלאַמאַציעס, און זענען געמשפּט געוואָרן פאַרן פּרווו צו באַפרייען זיך פון דעם קאָנוואָי, בשעת מען האָט זיי געפירט צו דער אייזנבאַן. איינער איז געווען אַ פּאָליאַק לאָזינסקי, דער אַנדערער אַ ייד, מיט דעם פאַמיליענאָמען ראָזאָווסקי. יאָ. ראָזאָוו-סקי איז געווען נאָך גאָר אַ ייִנגל, ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַלט יבעצן, אָבער אויסגעזעען האָט ער פון אַ יאָר פופצען. אַ דאַרינקער, אַ קליינטשיקער, מיט פינקלענדיקע שוואַרצע אויגן, אַ לעבעדיקער און, אַזוי ווי אַלע יידן, זייער אַ מוזיקאַלישער. זיין שטים האָט זיך נאָך גע-ביטן, ער האָט אָבער געזונגען וווּנדערשיין. יאָ. פאַר מיין זיין האָט מען זיי ביידע געפירט צום געריכט. אינדערפרי האָט מען זיי אַוועקגעפירט. אין אָוונט זענען זיי צוריקגעקומען און דערציילט, אַז מ'האָט זיי פאַר-משפּט צום טויט. קיינער האָט זיך דערויף נישט געריכט. אַזוי אומוויכ-טיק איז געווען זייער פּראָצעס — זיי האָבן נאָר געפּרוווט זיך אָפּצו-שלאָגן פון דעם קאָנוואָי און קיינעם נישט פאַרוווּנדעט אפילו. און דער-צו איז אַזוי אומנאַטירלעך, מ'זאָל אַזאַ קינד ווי ראָזאָווסקי קאָנען קעפּן, און מיר אַלע אין תפיסה האָבן באַשלאָסן, אַז דאָס איז נאָר כדי אָנצו-שרעקן און אַז דער פּסק-דין וועט נישט קאָנפירמירט ווערן. לכתחילה האָבן מיר זיך אויפגערעגט, און דערנאָך זיך באַרויקט, און דאָס לעבן איז אַוועק ווי געווען. יאָ. ערשט איינמאָל אינאָוונט קומט צו צו מיין טיר דער וועכטער און איז מיר געהיימנישפול מודיע, אַז טשעסליאַרעס

זענען געקומען, זיי שטעלן אויף אַ תּליה: לכתּחילה האָב איך נישט פאַרשטאַנען, — וואָס הייסט עס? וואָס פאַר אַ תּליה? אָבער דער אַלטער וועכטער איז געווען אַזוי צערודערט, אַז אַ קוק געטון אויף אים, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז פאַר אונזערע צוויי. איך האָב געוואָלט אָנקלאַפּן, זיך דורכרעדן מיט די חברים, כ'האָב אָבער מורא געהאַט, יענע זאָלן חלילה נישט דערהערן. די חברים האָבן אויך געשוויגן, אַלע האָבן, ווייזט אויס, געוווסט. אין קאָרידאָר און אין די קאַמערן איז דעם גאַנצן אָוונט געווען אַ טויטע שטילקייט. מיר האָבן זיך נישט איבערגעקלאַפּט און נישט געזונגען. אַ זייגער צען איז צו מיר ווידער צו דער וועכטער און געמאָלדן, אַז מ'האָט אַ תּלין געבראַ:ט פון מאָסקווע. געזאָגט און אַוועק. איך האָב אים גענומען רופן, ער זאָל זיך אומקערן. פּלוצלינג הער איך, ראָזאָווסקי פון זיין קאמער ארויס שרייט מיר אַריבער דעם קאָרידאָר: „וואָס איז געשעען? נאָכוואָס רופט איר אים?” איך האָב עפּעס אַ זאָג געטון, אַז ער האָט מיר געבראַכט טאַבאַק, ער האָט זיך אָבער ווי אָנגעשטויסן און מיך אָנגעהויבן אויסצופרעגן: פאַרוואָס האָבן מיר נישט געזונגען? פאַרוואָס האָבן מיר זיך נישט איבערגעקלאַפּט? איך געדענק נישט, וואָס איך האָב אים געזאָגט, איך בין וואָס גיכער אָפּגעגאַנגען, אַבי נישט צו רעדן מיט אים. יאָ, אַ שרעקלעכע נאַכט איז דאָס געווען. די גאַנצע נאַכט האָב איך זיך צוגעהאָרכט צו אַלע קלאַנגען. פּלוצלינג פאַרטאָג־צו הער איך — מ'עפנט די טירן פון קאָרידאָר און עמעצער גייט, אַ סך מענטשן. איך האָב זיך געשטעלט באַם פענצטערל. אין קאָרידאָר האָט געברענט אַ לאָמפּ. דער ערשטער איז פאַרבייגעגאַנגען דער אינספּעקטאָר. אַ דיקער געווען, דאַכט זיך — אַן איינגעגלייבטער אין זיך, אַן אַנטשלאָסענער מענטש. אויף אים איז געווען אַ שרעק צו קוקן: אַ בלאַסער, אַ פאַראומערטער, עפּעס אַזאַ דערשראָקענער. הינטער אים — דער געהילף — אַן אָנגעברוגזטער, מיט אַן אַנטשלאָסענעם אויסזען; פון הינטן — די וואַך. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי מיין טיר און שטיין געבליבן פאַר דער דערבייאיקער קאַמער. און איך האָרך — דער געהילף שרייט מיט עפּעס אַ משונהדיק קול: „לאָזינסקי, שטייט אויף, טוט אָן ריינע וועש”. יאָ, דערנאָך, הער איך, האָט זיך צעסקריפּעט די טיר, זיי זענען אַריין צו אים, דערנאָך הער איך לאָזינסקיס טריט: ער איז אַוועק אין דער קעגנאיבערדיקער זייט פון קאָרידאָר. איך האָב געקאָנט זעען נאָר דעם אינספּעקטאָר. שטייט אַ בלאַסער און שפּיליעט אָפּ און שפּיליעט צו אַ קנעפּל און צוקט מיט די

אַקסלען. יאָ. פּלוצלינג, גלייך ווי זיך פאַר עפּעס דערשראָקן, אָפּגעטרעטן אָן אַ זייט. דאָס איז לאָזינסקי פאַרביי אים אַדורך און צוגעגאַנגען צו מיין טיר. אַ שיינער יונג געווען, ווייסט איר, פון דעם גוטן פּוילישן טיפּ: אַ ברייטער, אַ גראָבער שטערן מיט אַ קוטשמע העל-בלאָנדע געקרויזטע דינע האָר און וואונדערשיינע בלויע אויגן. אַזאַ בליענדיקער, אַזאַ זאַפטיקער, אַזאַ געזונטער יונג געווען. ער איז שטיין געבליבן פאַר מיין פענצטערל, אַזוי אַז איך האָב געקאָנט זען זיין גאַנץ פּנים. אַ שרעקלעך, חושך געוואָרן, גרוי פּנים. „קרילצאָוו, פּאַפּיראָסן האָסטו?״ איך האָב אים געוואָלט דערלאַנגען, אָבער דער געהילף, גלייך ווי מורא האָבנדיק צו פאַרשפּעטיקן, האָט אַרויסגעכאַפּט זיין פּאָרטסיגאַר און אים דערלאַנגט. ער האָט גענומען אַ פּאַפּיראָס, דער געהילף האָט אים אָנגעריבן אַ שוועבעלע. ער האָט פאַררייכערט און זיך עפּעס ווי פאַרטראַכט. דערנאָך זיך גלייך ווי אין עפּעס דערמאַנט און אָנגעהויבן רעדן: „אָן אכזריות און אָן אומגערעכטיקייט. איך האָב קיין שום פאַרברעך נישט באַגאַנגען. איך...״ אין זיין ווייסן יונגן האַלז, פון וועלכן איך האָב די אויגן נישט געקאָנט אָפּרייסן, האָט וואָס אַ ציטער געטון, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. יאָ, אין אָט דער צייט הער איך, ראָזאָווסקי שרייט פון קאָרידאָר עפּעס מיט זיין דין יידיש קול. לאָזינסקי האָט אַ וואָרף געטון דעם אויסגערייכערטן פּאַפּיראָס און איז אָפּגעגאַנגען פון דער טיר. און באַם פענצטערל האָט זיך באַוויזן ראָזאָווסקי. זיין קינדיש פּנים מיט די פייכטע שוואַרצע אויגן איז געווען רויט און שווייסיק. ער האָט אויך געהאַט אויף זיך ריינע וועש, און די הויזן זענען געווען צו ברייט, און ער האָט נאָכאַנאַנד זיי אַרויפגעצויגן מיט ביידע הענט און אינגאַנצן געציטערט. ער האָט צוגערוקט זיין יאָמערלעך פּנים צו מיין פענצטערל. „אַנאַטאָלי פּעטראָוויטש, ס'איז דאָך אמת, אַז דער דאָקטאָר האָט מיר צוגעשריבן ברוסט-ספּעציעס? איך בין נישט געזונט; איך וועל אויסטרינקען נאָך אַ ביסל ספּעציעס״. קיינער האָט נישט געענטפערט, און ער האָט פרעגעוודיק געקוקט דאָ אויף מיר, דאָ אויף דעם אינספּעקטאָר. וואָס ער האָט דערמיט געוואָלט זאָגן, פאַרשטיי איך עד-היום נישט. יאָ. פּלוצלינג האָט דער געהילף געמאַכט אַ שטרענג פּנים און האָט ווידער עפּעס מיט אַזאַ קוויטשיק קול אַ געשריי געגעבן: „וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּאַסן? קומט״. ראָזאָווסקי איז, ווייזט אויס, נישט געווען בכוח צו פאַרשטיין דאָס, וואָס אים האָט דערוואַרט, און גלייך ווי ער וואָלט זיך געאיילט, האָט ער זיך געלאָזט גיין, שיער נישט לויפן, פאָרויס פאַר אַלע, איבערן קאָרידאָר.

אָבער באַלד האָט ער זיך איינגעשפּאַרט — איך האָב געהערט זיין שניידנדיק קול און געוויין. ס'איז געוואָרן אַ גערודער, אַ טרעטן פון פיס. ער האָט שניידנדיק געקוויטשעט און געוויינט. דערנאָך ווייטער און ווייטער, — די טיר פון קאָרידאָר האָט אַ קלונג געטון און אַלץ איז שטיל געוואָרן... יאָ. און מ'האָט טאַקע זיי אויפגעהאָנגען. מיט שטריק דערשטיקט זיי ביידע. דער וועכטער, אַן אַנדערער שוין, האָט געזעען און דערציילט מיר, אַז לאָזינסקי האָט זיך נישט געווערט, אָבער ראָזאָווסקי האָט זיך לאַנג געצאַפּלט, אַזוי אַז מ'האָט אים אַרויפגעשלעפּט אויפן עשאַפאָט און מיט גוואַלט אים אַריינגעלאָזט דעם קאָפּ אין דער פּעטליע. יאָ. אָט דער וועכטער איז געווען אַ נאַרישעוואַטער אַ ביסל. „מ'האָט מיר, האַר לעבן, געזאָגט, אַז ס'איז שרעקלעך. אָבער ס'איז גאָרנישט שרעקלעך. קוים זענען זיי אַראָפּגעהאָנגען — איז נאָר אַ צוויי מאָל מיט די אַקסלען אָט אַזוי" — ער האָט געוויזן, ווי קאָנוווּלסיוו די אַקסלען האָבן זיך אַ הייב געטון און זיך אַראָפּגעלאָזט. „דערנאָך האָט דער תּלין אַ צי געטון, כּדי די פּעטליעס זאָלן זיך, הייסט עס, בעסער פאַרציען, און אַן עק: אפילו קיין ציטער מער נישט געטון". „גאָרנישט שרעקלעך", — האָט קרילצאָוו איבערגעזאָגט דעם וועכטערס ווערטער און געוואָלט אַ שמייכל טון, אָבער אַנשטאָט אַ שמייכל אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

לאַנג נאָך דעם האָט ער געשוויגן, שווער אָטעמענדיק און שלינגענדיק די טרערן, וואָס האָבן אים אָנגעשפּאַרט אין האַלז.

— פון דאַן אָן בין איך געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער. יאָ, — האָט ער געזאָגט, זיך באַרויקנדיק, און האָט בקיצור געענדיקט דערציילן זיין געשיכטע.

ער האָט געהערט צו דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און איז אפילו געשטאַנען בראש פון אַ דעזאָרגאַניזיר-גרופּע, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַזוי צו טעראָריזירן די רעגירונג, אַז זי זאָל זיך אַליין אָפּזאָגן פון דער מאַכט און זאָל רופן דאָס פאָלק. מיט דעם צוועק איז ער אַרומגעפאָרן דאָ קיין פּעטערבורג, דאָ קיין אויסלאַנד, דאָ קיין קיעוו, דאָ קיין אָדעס און אומעטום האָט ער מצליח געווען. אַ מענטש, אויף וועלכן ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט, האָט אים אַרויסגעגעבן. מ'האָט אים אַרעסטירט, געמשפּט, אָפּגעהאַלטן צוויי יאָר אין טורמע און פאַראורטיילט צו טויטשטראָף, אָבער פאַרביטן זי אויף לעבנסלענגלעכער קאַטאָרגע.

אין טורמע איז בא אים געוואָרן שוינדזוכט, און איצטער אין די באַדינגונגען, אין וועלכע ער האָט זיך געפונען, איז אים באַשיינפּערלעך געבליבן קוים עטלעכע חדשים צו לעבן. און ער האָט עס געוווסט און קיין חרטה נישט געהאַט אויף דעם, וואָס ער האָט געטון, נאָר האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט האָבן אַ צווייט לעבן, וואָלט ער עס באַנוצט אויף אָט דעם ווידער, — אויף חרוב מאַכן יענע אָרדנונג, בא וועלכער עס איז מעגלעך געווען דאָס, וואָס ער האָט געזעען.

די געשיכטע פון דעמדאָזיקן מענטש און די התקרבות מיט אים האָבן נעכליודאָוון דערקלערט אַ סך פון דעם, וואָס ער האָט נישט פאַר-שטאַנען פריער.

VII.

אין יענעם טאָג, ווען באַם אַרויסמאַרש פון עטאַפּ, ס'איז פאָרגע-קומען דער צוזאַמענשטויס פון דעם קאָנוואַי-אָפיציר מיט די אַרעסטאַנטן צוליב דעם קינד, האָט נעכליודאָוו, וועלכער האָט גענעכטיקט אין אַן איינפאָרהויז, זיך שפּעט אויפגעכאַפּט און זיך נאָך פאַרזעסן בא די בריוו, וואָס ער האָט געגרייט צו דער גובערניאַלער שטאָט, אַזוי אַז ער איז פון דעם איינפאָרהויז אַרויסגעפאָרן שפּעטער ווי געוויינלעך און נישט אַריבערגעיאָגט די פּאַרטיע אונטערוועגנס, ווי דאָס האָט פריער פּאַסירט, נאָר איז ערשט פאַרנאַכט אָנגעקומען אין דעם דאָרף, לעבן וועלכן עס איז געווען דער האַלב-עטאַפּ. זיך אָפּגעטרוקנט אין דעם איינפאָרהויז, וואָס אַן אַלמנה, אַ באַיאָרטע, דיקע פרוי מיט אַ משונה גראָבן ווייסן האַלז האָט געהאַלטן, האָט נעכליודאָוו זיך אָנגעטרונקען מיט טיי אין דעם שיינעם חדר, באַפּוצט מיט אַ גרויסער צאָל איקאָנעס און בילדער, און אויף גיך אַוועק אויף דעם עטאַפּ-הויף צו דעם אָפיציר בעטן דערלויבניש אויף אַ זעונג.

אויף די זעקס פריערדיקע עטאַפּן האָבן אַלע קאָנוואַי-אָפיצירן, הגם זיי האָבן זיך געביטן, אַלציינס נישט צוגעלאָזט נעכליודאָוון אין דעם עטאַפּ-לאָקאַל אַריין, אַזוי אַז ער האָט איבער אַ וואָך צייט קאַטיושען

נישט געזעען. דידאָזיקע שטרענגקייט איז געקומען דערפון, וואָס מ'האָט זיך געריכט אויף דעם דורכפאָר פון א וויכטיקן טורמע-באַאַמטן. איצט איז שוין אָבער דערדאָזיקער באַאַמטער דורכגעפאָרן, נישט א קוק טוענדיק אפילו אויף די עטאַפן, און נעכליודאָוו האָט געהאָפט, אַז דער קאָנוואָי-אָפיציר, וועלכער האָט אינדערפרי צוגענומען די פאַרטיע, וועט אים, אַזוי ווי די פריִקע אָפיצירן, דערלויבן א זעונג מיט די אַרעסטאַנטן.

די באַלעבאָסטע האָט נעכליודאָוון אָנגעבאָטן א טאַראַנטאַס צוצופאָרן צו דעם האַלב-עטאַפ, וועלכער האָט זיך געפונען אין עק דאָרף, אָבער נעכליודאָוו האָט בעסער געוואָלט גיין צופוס. א יונגער שייגעץ, א ברייטפּלייציקער גבר, א פאַראָבעק, אין משונה גרויסע מיט שמעקעדיקן דזשעגעכץ פריש אויסגעשמירטע שטיוול, האָט זיך אָנגענומען אים אונטערצופירן. פון הימל איז געגאַנגען א פייכטער נעפל, און ס'איז געווען אַזוי פינצטער, אַז קוים פלעגט דער שייגעץ אָפּטרעטן אויף דריי טריט אין די ערטער, וווּ ס'איז נישט געפאַלן קיין שיין פון די פענצטער, האָט נעכליודאָוו אים שוין נישט געזעען, נאָר בלויז געהערט דאָס פּאַטשן פון זיינע שטיוול איבער דער קלעפּיקער, טיפער בלאָטע.

אדורכגעגאַנגען דעם פלאַץ מיט דעם קלויסטער און די לאַנגע גאַס מיט די העל לויכטנדיקע פענצטער פון די הייזער, איז נעכליודאָוו פּוסטריט נאָך דעם וועגווייזער אַרויס אין עק דאָרף אין א שטאָקפינצטערניש. אָבער באַלד האָבן זיך אויך אין דערדאָזיקער פינצטערניש דורכגעשלאָגן דורך דעם נעפל שטראַלן פון די לאַמטערנס, וואָס האָבן געברענט אַרום דעם עטאַפּ. די רויטלעכע פלעקן פון די פייערן זענען געוואָרן אַלץ גרעסער און העלער; מ'האָט אָנגעהויבן צו זען די דרענגער פון דעם פּלויט, די שוואַרצע פיגור פון דעם אַרומשפּאַנענדיקן וואַך-זעלנער, דעם געשטרייפּטן סלופּ און דאָסביידל. דער וואַך-זעלנער האָט אָפּגערופן די צוגעקומענע מיט זיין געוויינלעכן „ווער גייט?" און, געוויר געוואָרן, אַז נישט קיין אייגענע מענטשן, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַזוי שטרענג, אַז ער האָט נישט געוואָלט דערלויבן אויפצוואַרטן לעבן פּלויט. אָבער נעכליודאָווס באַגלייטער איז נישט נתפעל געוואָרן פון דעם וואַך-זעלנערס שטרענגקייט.

— אַהאַ, סאַר א בייזער דו ביסט! — האָט ער צו אים

געזאָגט, — דו ניט אָקאָרשט אַ רוף דעם עלטסטן, און מיר וועלן דאָ צוזאַרטן.

דער וואָך-זעלנער האָט, נישט ענטפערנדיק, עפּעס אַריינגעשריגן אין אונטערטירל אַריין און איז שטיין געבליבן, שאַרף קוקנדיק, ווי אַזוי דער ברייטפּלייציקער שייגעץ האָט בײַ דער ליכט פון לאַמטערן מיט אַ שפּענדל אָפּגעריניקט נעכליודאָווס שטיוול פון דעם צוגעקלעפּטן קויט. הינטער די דרענגער פון דעם פּלויט האָט זיך געהערט אַ גערודער פון שטימען, מאַנסבילשע און ווייבערישע. אין אַ מינוט דריי אַרום האָט אַ קלונג געטון אַן אייזן, דאָס אונטערטירל האָט זיך געעפנט און פון דעם חושך איז אין דעם ליכט פון לאַמטערן אַרויס אַן עלטסטער אין אַ שינעל אויף די אַקסלען און געפרעגט, וואָס דאַרף מען האָבן. נעכליודאָוו האָט דערלאַנגט זיין צוגעגרייטע וויזיט-קאַרטע מיט אַ צעטעלע, אין וועלכן ער האָט געבעטן, מ'זאָל אים אויפנעמען אין אַ פּערזענלעכן ענין, און געבעטן עס איבערגעבן דעם אָפיציר. דער עלטסטער איז געווען נישט אַזוי שטרענג ווי דער וואָך-זעלנער, דערפאַר אָבער זייער אַ נייגיריקער. ער האָט נישט אַנדערש געוואָלט וויסן, נאָכוואָס נעכליודאָוו דאַרף זעען דעם אָפיציר און ווער איז ער אַזוינער, ווייזט אויס — דערשמעקט אַ רויב און נישט געוואָלט זי איינלאָזן. נעכליודאָוו האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ ספּעציעלן ענין און אַז ער וועט אים באַדאַנקען, און ער האָט געבעטן איבערגעבן דאָס צעטל. דער עלטסטער האָט גענומען דאָס צעטל און, אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ, אַוועק. אין אַ ווייל אַרום נאָך זיין אַוועקגיין האָט דאָס אונטערטירל ווידער אַ קלונג געטון, און פון דאָרט האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פרויען מיט קייבערלעך, קאָרבעלעך פון קאָרע, קריג און זעק. הילכיק פּלוידערנדיק אויף זייער באַזונדערן סיבירער דיאַלעקט, האָבן זיי געשפּרייזט איבער דער שוועל פון דעם אונטערטירל. אַלע זענען זיי געגאַנגען אָנגעטון נישט אויפן דאָרפישן שטייגער, נאָר שטאָטיש, אין מאַנטלען און פוטערלעך; די קליידער זענען געווען הויך פאַרקאַשערט, און די קעפּ אַרומגעבונדן מיט טיכלעך. און איינע, וועלכע האָט זיך, ווייזט אויס, דערפרייט, וואָס זי האָט באַגעגנט דעם ברייטפּלייציקן שייגעץ, האָט באַלד אים פריינדלעך אָפּגעזידלט מיט סיבירער זידלווערטער.

— דו, רוח איינער, וואָס טוסטו דאָ, וועלף זאָלן דיך פרעסן ? — האָט זי זיך צו אים געווענדט.

— אַט, אונטערגעפירט אַן אורח, — האָט דער יונג געענט־פערט. — און די וואָס האָסטו געטראָגן?

— מילך, מאָרגן אויך געהייסן קומען.

— און געכטיקן נישט געלאָזט? — האָט דער יונג געפרעגט.

— אַ, דער טייוול זאָל דיך נעמען, פלוידערזאַק! — האָט זי אַ געשריי געגעבן מיט אַ געלעכטער. — היידאַ אין דאָרף אַריין צוזאַמען, פיר אונטער.

דער וועגווייזער האָט איר נאָך עפּעס אַ זאָג געטון אַזוינס, אַז נישט נאָר די ווייבער האָבן זיך צעלאַכט, נאָר אויך דער וואַך־זעלנער, און ער האָט זיך געווענדט צו נעכליודאָוון.

— וואָס, איר וועט אַליין טרעפן? איר וועט נישט פאַר־בלאָנדזשען?

— כ׳וועל טרעפן, כ׳וועל טרעפן.

— ווי נאָר איר וועט דורכגיין דעם קלויסטער, פון דעם צוויי־גאָרנדיקן הויז דאָס צווייטע רעכטס. און אָט האָט איר אַ דרענגל, — האָט ער געזאָגט, אָפּגעבנדיק נעכליודאָוון דעם שטעקן, מיט וועלכן ער איז געגאַנגען, אַ לאַנגן, העכער פון אַ מענטשנס וווּקס, און פּאַטשנדיק מיט זיינע ריזעדיקע שטיוול, איז ער פאַרשוווּנדן אין דעם חושך צוזאַ־מען מיט די פרויען.

זיין שטים, איבערגעשלאָגן פון די ווייבערישע קולות, האָט זיך נאָך געהערט פון דעם נעפּל אַרויס, בשעת ווען דאָס אונטערטירל האָט ווידער אַ קלונג געטון און ס׳איז אַרויס דער עלטסטער, פאַרבעטן נעכ־ליודאָוון גיין נאָך אים צום אָפיציר.

VIII

דער האַלב־עטאַפּ איז, ווי אַלע עטאַפּן און האַלב־עטאַפּן אויפֿן סיבירער וועג, געלעגן אין אַ הויף, אַרומגערינגלט מיט אַ צוים פֿון שפּיציקע באַלקעס. ער איז באַשטאַנען פֿון דריי איינגאַרבנדיקע הייזער צום וווינען. אין איין הויז, דעם גרעסטן, מיט פֿאַרקראַטעטע פֿענצטער, האָבן זיך געפֿונען די אַרעסטאַנטן, אין דעם צווייטן — קאָנוואָי־קאָמאַנדע, אין דעם דריטן — דער אָפֿיציר און די קאַנצעלאַריע. אין אַלע דריי הייזער האָבן איצט געלויכטן פֿייערן, אַזוי ווי אַלעמאָל, בפֿרט איצט, צוזאָגנדיק און בלענדנדיק מיט עפּעס גוטס, היימישס אין די באַלויכטענע ווענט. פֿאַר די גאַניקעס פֿון די הייזער האָבן געברענט לאָמטערן, און נאָך אַ פֿינף לאָמטערן האָבן געברענט בײַ די ווענט, באַלויכטן דעם הויף. דער אונטער־אָפֿיציר האָט נעכליודאָוון איבער אַ ברעט צוגעפֿירט צו דעם גאַניק פֿון דעם קלענערן הויז. אַרויף אויף דריי טרעפּלעך, האָט ער אים אַדורכגעלאָזט אויף צופֿריער אין פֿאָרהויז אַרײַן, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט אַ לעמפּעלע און דורכגעזאַפּט מיט טשאַד און רויך. בײַם אויוון האָט אַ סאָלדאַט אין אַ גראָב העמד און אַ האַלזטוך און אין שוואַרצע הויזן, אין איין שטיוול מיט אַ געלע כאָליעווע, האָט מיט דעם אַנדערן אַריבערגעבויגענערהייט פֿונאַנדערגעבלאָזן דעם סאַמאָוואַר. דערזעען נעכליודאָוון, האָט דער סאָלדאַט געלאָזט דעם סאַמאָוואַר, אויסגעטון נעכליודאָוון דאָס לעדערנע אייבער־בגד און איז אַרײַן אין דער אינעווייניקסטער שטוב.

— געקומען, אייער וווילגעבוירן.

— טאָ רוף אַרײַן, — האָט זיך דערהערט אַ כּעסדיקע שטים.

— גייט אַרײַן, — האָט דער סאָלדאַט געזאָגט און זיך גלײַך ווידער גענומען צום סאַמאָוואַר.

אין דעם צווייטן חדר, באַלויכטן מיט אַ הענגלאָמפּ, איז בײַ אַ געדעקטן טיש מיט די שיריים פֿון מיטאָג און צוויי פֿלאַשן געזעסן אַן אָפֿיציר מיט גרויסע העל־בלאָנדע וואָנסעס און זייער אַ רויט פּנים אין אַן עסטרײַכישער קורטקע, וועלכע האָט פֿעסט אַרומגענומען זײַן ברייטע

ברוסט און אַקסלען. אין דעם וואַרעמען חדר האָט אַ חוץ טאַבאַק-רויך געשמעקט נאָך זייער שטאַרק מיט עפּעס אַזעלכע שאַרפע שלעכטע פּאַר-פומען. דערזעען נעכליודאָוון, האָט זיך דער אָפיציר עטוואָס אויפגעהויבן און עפּעס ווי מיט חוזק און מיט חשד אויסגעשטעלט די אויגן אויף דעם אַריינגעקומענעם.

— וואָס פאַרלאַנגט איר? — האָט ער געזאָגט און, נישט וואַרטנ-דיק אויף אַן ענטפער, אַריינגעשריגן אין דער טיר אַריין: — בערנאָוו, דער סאַמאָוואַר וועט ווען-עס-איז זיין, האַ?

— באַלד.

— איך וועל דיר געבן באַלד, אַז דו וועסט האָבן צו גע-דענקען! — האָט דער אָפיציר אַ געשריי געטון, פינקלענדיק מיט די אויגן.

— איך טראָג! — האָט דער סאָלדאַט אויסגעשריגן און איז אַריין מיט דעם סאַמאָוואַר.

נעכליודאָוו האָט צוגעוואַרט, ביז דער סאָלדאַט האָט אַוועקגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר (דער אָפיציר האָט אים באַגלייט מיט די קליינע בייזע אויגן, גלייך ווי זיך צילנדיק, וווּ אים צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ). און אַז דער סאַמאָוואַר איז שוין געווען אַוועקגעשטעלט, האָט דער אָפיציר פאַרבריט טיי. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון אַ פירקאַנטי-קער קאַראַפינקע און אַלבערט-ביסקוויטן. אַוועקגעשטעלט דאָס אַלץ אויפן טישטוך, האָט ער זיך ווידער געווענדט צו נעכליודאָוון.

— איז מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

— איך וואָלט וועלן בעטן אַ זעונג מיט אַן אַרעסטאַנטין, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, זיך נישט אַוועקזעצנדיק.

— אַ פּאָליטישער. דאָס איז פאַרווערט פון געזעץ, — האָט דער אָפיציר געזאָגט.

— די דאָזיקע פרוי איז נישט קיין פּאָליטישע, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— יאָ, ביטע זעצט זיך, — האָט דער אָפיציר איינגעלאַדן.

— זי איז נישט קיין פּאָליטישע, — האָט ער איבערגעחזרט, — אָבער לויט מיין בקשה איז איר פון דער העכערער מאַכט דערלויבט געוואָרן צו גיין מיט די פּאָליטישע...

— אַהאַ, איך ווייס, — האָט דער אָפיציר איבערגעשלאָגן. — ...

קליינע, אַ שוואַרצינקע ? נו יאָ, דאָס קאָן מען. אפשר וועט איר פאַררייכערן ?

ער האָט דערלאַנגט נעכליודאָוון אַ שאַכטל מיט פּאַפּיראָסן און, פאַרזיכטיק אָנגעגאָסן צוויי גלאָז טיי, האָט ער איינס צוגערוקט נעכליודאָוון.

— ביטע, — האָט ער געזאָגט.

— איך דאַנק אייך, איך וואָלט זיך װעלן זעען...

— די נאַכט איז גרויס. איר וועט נאָך באַוויין. איך וועל הייסן אַרויסרופן זי צו אייך.

— און אפשר קאָן מען מיך אַריינלאָזן אינעווייניק און זי נישט אַרויסרופן ? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— צו די פּאָליטישע ? דאָס געזעץ דערלויבט נישט.

— מיך האָט מען עטלעכע מאָל אַריינגעלאָזט. אַז מ'זאָל מורא האָבן, איך זאָל עפּעס נישט איבערגעבן, קאָן איך דאָך דורך איר עס איבערגעבן.

— דאָס נישט, מ'וועט זי באַזוכן, — האָט דער אָפיציר געזאָגט און זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַן אומאָנגענעם געלעכטער.

— טאָ זוכט מיך אַרום.

— מ'וועט שוין אויסקומען אָן דעם, — האָט דער אָפיציר געזאָגט, צוטראָגנדיק די אָפּגעקאָרקעוועטע פלאַש צו נעכליודאָווס גלאָז. — איר וועט דערלויבן ? נו, ווי אייך איז ליב. אַז מ'לעבט אין דעמדאָזיקן סיביר, איז מען מלא שמחה, ווען מ'דערזעט אַ געבילדעטן מענטש. אונזער דינסט איז דאָך, איר ווייסט אַליין, דאָס טרויעריקסטע וואָס קאָן נאָר געבן. און ווען אַ מענטש איז געוווינט צו עפּעס אַנדערש, איז טאַקע שווער. וועגן אונזער איינעם איז דאָך אַזאַ באַגריף, אַז אַ קאָנוואָי-אָפיציר איז אַ גראָבער יונג, אַן אומגעבילדעטער, און ס'פאַלט גאָר קיינעם נישט איין, אַז אפשר איז דער מענטש גאָר צו עפּעס אַנדערש געבוירן.

דאָס רויטע פּנים פון דעמדאָזיקן אָפיציר, זיינע פּערפומען, דער רינג און בפרט דאָס אומאָנגענעמע געלעכטער זענען נעכליודאָוון געווען שטאַרק דערווידער, ער האָט אָבער דאָס מאָל, אַזוי ווי פּאַר דער גאַנצער צייט פון זיין נסיעה, זיך געפונען אין יענעם ערנסטן און אויפמערקזאַמען געמיט-צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט נישט דערלויבט זיך צו באַגיין לייכט-

זיניק און מיט ביטול מיט אַ ליאַדע וועמען און האָט געהאַלטן פאַר ניי-טיק מיט יעדן מענטש צו רעדן „ביז גאַר", ווי ער פלעגט אַליין פאַר זיך דעפינירן דיזאַזיקע באַציונג. אויסגעהערט דעם אָפיציר און פאַרשטאַנען זיין געמיט-צושטאַנד, האָט ער ערנסט געזאָגט:

— איך מיין, אַז דווקא אין אייער אַמט קאָן מען געפינען אַ טרייסט אין פאַרלייכטערן די ליידן פון די מענטשן, — האָט ער געזאָגט.

— וואָס פאַר אַ ליידן האָבן זיי? — דאָס איז דאָך אַזאַ אומה.

— וואָס דען פאַר אַזאַ באַזונדערע אומה? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט. — פונקט אַזעלכע ווי אַלע. און פאַראַן אומשולדיקע אויך.

— אוודאי זענען פאַראַן אַלערליי. אוודאי טוט דיר באַנג. אַנדע-רע לאָזן קיין זאַך נישט אַדורך, אָבער איך, ווו איך קאָן נאָר, באַמי איך זיך צו פאַרלייכטערן. אַנדערע איז ווי נאָר אַבי וואָס, גלייך לויטן געזעץ, אָדער גאָר — שיסן און איך האָב מיטלייד. — דערלאַנגען נאָך אַ גלאָז? טרינקט, — האָט ער געזאָגט און אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז טיי, — ווער איז זי, אייגנטלעך, אָט די פרוי, וואָס איר ווילט זי זען? — האָט ער געפרעגט.

— דאָס איז אַן אומגליקלעכע פרוי, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ שאַנדהויז און דאָרט האָט מען זי נישט ריכטיק באַשולדיקט אין פאַר-גיפטונג, אָבער זי איז זייער אַ ווילע פרוי, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

דער אָפיציר האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— יאָ, עס טרעפט. אין קאַזאַן, קאָן איך אייך מעלדן, איז געווען איינע, עממע האָט זי געהייסן. פון געבורט אַן אונגאַרין, און אויגן — עכטע פערסישע, — האָט ער געזאָגט, נישט זייענדיק בכוח איינצוהאַלטן דעם שמייכל בײַ דער דאָזיקער דערינערונג. — אַזוי פיל שיק האָט זי געהאַט אין זיך, אַז אפילו אַ גרעפין...

נעכליודאָוו האָט איבערגעשלאָגן דעם אָפיציר און זיך אומגעקערט צו דעם פריערדיקן שמועס.

— איך מיין, אַז איר קאָנט פאַרלייכטערן די לאַגע פון אַזעלכע מענטשן, כל-זמן זיי זענען אין אייער רשות. און ווען איר וואָלט אַזוי האַנדלען, בין איך זיכער, אַז איר וואָלט געפינען אַ גרויסע פרייד. —

האָט נעכליודאָוו געזאָגט, פליסנדיק זיך אַרויסצורעדן וואָס דייטלעכער, ווי מ׳רעדט מיט אויסלענדער, אָדער מיט קינדער.

דער אָפיציר האָט געקוקט אויף נעכליודאָוון מיט פינקלענדיקע אייגן און האָט, ווייזט אויס, מיט אומגעדולד געוואַרט, ער זאָל שוין ענדיקן, כדי ער זאָל ווייטער קאָנען אָנגיין מיט דער מעשה וועגן דער אונגאַרין מיט די פּערסישע אויגן, וועלכע איז, ווייזט אויס, ווי אַ לעבעדיקע געשטאַנען אין זיין דמיון און איינגעשלונגען זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט.

— יאָ, דאָס איז, קאָן מען זאָגן, ריכטיק, — האָט ער געזאָגט, נאָר איך האָב אייך געוואָלט דערציילן וועגן אָט דער עממען. איז אָט וואָס זי פלעגט טון...

— איך אינטערעסיר זיך נישט דערמיט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, — און איך וועל אייך זאָגן פּשוט, אַז הגם איך בין פריער געווען אַן אַנדערער, אָבער איצטער האָס איך אַזאַ באַציונג צו פרויען.

דער אָפיציר האָט דערשראָקן אָנגעקוקט נעכליודאָוון.

— אפשר וועט איר טרינקען נאָך טיי ? — האָט ער געזאָגט.

— ניין, אַ דאַנק.

— בערנאָוו ! — האָט דער אָפיציר אַ געשריי געטון, — פיר זיי דורך צו וואַקולאָוון, הייס דורכלאָזן אין דער באַזונדערער קאַמער צו די פּאָליטישע ; זיי קאָנען דאָרט בלייבן ביז דער רעוויזיע.

IX.

באַגלייט פון דעם קוריער, איז נעכליודאָוו װידער אַרויסגעגאַנגען אויף דעם טונקעלן הויף, וואָס איז שוואַך געווען באַלויכטן דורך רויט־ברענענדיקע לאַמטערן.

— וווהין? — האָט דער קאָנוואָי־זעלנער געפרעגט בא דעם, וואָס האָט באַגלייט נעכליודאָוון.

— אין דער באַזונדערער קאַמער, נומער 5.

— דורכדאַנען וועסטו נישט אַדורכגיין. פאַרשלאָסן. מען דאַרף גיין דורך יענעם גאַניק.

— פאַרוואָס עפּעס פאַרשלאָסן?

— דער עלטסטער האָט פאַרשלאָסן, און אַליין איז ער אַוועק אויפן דאָרף.

— נו, טאָ קומט לאָמיר גיין אַרום.

דער זעלנער האָט אַוועקגעפירט נעכליודאָוון צום צווייטן גאַניק און האָט זיך געלאָזט גיין איבער די ברעטער צו דעם צווייטן אַריינגאַנג. שוין פון הויף האָט זיך געלאָזט הערן אַ רעש פון שטימען, און אַ באַוועגונג אינעווייניק, אַזוי ווי אין אַ בינשטאָק, וואָס גרייט זיך אַרויסצופליען.

אָבער ווען נעכליודאָוו איז צוגעקומען נענטער, און די טיר האָט זיך אויפגעעפנט, איז דער רעש שטאַרקער געוואָרן און איז אַריבער אין אַ קלאַנג פון שטימען, וואָס האָבן איינע די אַנדערע אַריבערגעשריגן, געזידלט זיך און געלאַכט. עס האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער קלונג פון די קייטן, און ס'האָט אַ שמעק געטון מיט דעם אַלטן שווערן גערוך.

דידאָזיקע צוויי איינדרוקן, דאָס גערויש פון די שטימען מיט דעם געקלאַנג פון די קייטן, האָט זיך פאַר נעכליודאָוון צוזאַמענגעגאָסן אין איין פיינלעך געפיל פון עפּעס אַ מאָראַלישער איבלקייט, וואָס איז אַריבער אין אַ פיזישער איבלקייט, און ביידע איינדרוקן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן און איינער האָט געשטאַרקט דעם אַנדערן.

אריינגייענדיק איצטער אין דעם פּאָרהויז פון דעם האַלב-עטאַפּ, וווּ ס'איז געשטאַנען דאָס גרויסע עיפּושדיקע פּעסל, די אַזוי גערופענע „פּאַראַכאַ", איז דאָס ערשטע, וואָס נעכליודאָוו האָט דערזען, איז געווען אַ פרוי, וועלכע איז געזעסן אויף אַ קאַנט פון פּעסל, אַנטקעגן איר — איז געזעסן אַ מאַנסביל מיט אַ פּלאַטשיק היטל אַראָפּגערוקט אויף אַ זייט אויף דעם געגאָלטן קאָפּ. זיי האָבן וועגן עפּעס געשמועסט. דער אַרעסטאַנט, דערזען נעכליודאָוון, האָט אַ ווונק געטון מיט אַן אייגל און אַרויסגערעדט:

— אפילו דער קייסער קאָן דאָס וואַסער נישט איינהאַלטן.

די פרוי האָט אַראָפּגעלאָזט די פּאָלעס פון כאַלאַט און איז רויט געוואָרן. פון פּאָרהויז האָט זיך געצויגן אַ קאָרידאָר, אין וועלכן עס זענען געווען די טירן פון די קאַמערן. די ערשטע קאַמער איז געווען משפּחות, דערנאָך אַ גרויסע קאַמער פאַר אומפאַרהייראַטע און אין עק קאָרידאָר צוויי קליינע קאַמערן, וואָס זענען געווען אויסגעטיילט פאַר די פּאָליטישע. דער עטאַפּ-בנין איז געווען באַשטימט פאַר 150 מאַן, און אַריינגעמענדיק 450, איז געווען אַזוי ענג, אַז די אַרעסטירטע, וואָס האָבן נישט געקאָנט אַריין אין די קאַמערן, האָבן אָנגעפילט דעם קאָרידאָר. אַ טייל איז געזעסן און געלעגן אויפן דיל, אַ טייל האָט זיך אומגעדרייט הין און צוריק מיט ליידיקע אָדער מיט פולע טשייניקעס געקאָכט וואַסער. אין דער צאָל פון דידאָזיקע איז אויך געווען טאַראַס. ער האָט אָנגעיאָגט נעכליודאָוון און פריינטלעך זיך מיט אים באַגריסט. זיין גוט געזיכט איז געווען צעמזיקט, מיט בלוי-רויטע צייכנס אויף דער נאָז און אונטער די אויגן.

— וואָס איז מיט דיר געשעען? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— ס'איז עפּעס געווען אַ צרה, — האָט טאַראַס געזאָגט, לאַכנדיק.

— יאָ, מ'האַלט זיך אין איין שלאָגן, — האָט מיט פאַראַכטונג געזאָגט דער קאָנוואָי-זעלנער.

— צוליב אַ ווייבל עפּעס, — האָט צוגעגעבן דער אַרעסטאַנט, וואָס איז געגאַנגען נאָך זיי, — עפּעס מיט פעדקע דעם בלינדן האָבן זיי זיך צונויפגעריסן...

— און פעדאָסיע וואָס מאַכט? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— נישקשה, געזונט. אָט טראָג איך אויף טיי געקאָכט וואַסער

פאַר איר, — האָט טאַראַס געזאָגט און איז אַריין אין דער קאַמער פאַר משפחות.

נעכליודאָוו האָט אַריינגעקוקט אין טיר. די גאַנצע קאַמער איז געווען פול מיט פרויען און מענער אויף די נאַרעס און אונטער די נאַרעס. אין דער קאַמער איז געשטאַנען אַ פאַרע פון די נאַסע מלבושים, וואָס האָבן זיך געטרוקנט, עס האָבן זיך געהערט נאָכאַנאַנד ווייבערישע קולות. די ווייטערדיקע טיר איז געווען אין דער קאַמער פון די אומפאַר־הייראַטע אַריין. דידאָזיקע קאַמער איז געווען נאָך געפאַקטער, און אפילו אין דער טיר גופא און אַרויסטרעטנדיק אויך אין קאָרידאָר איז געשטאַנען אַ רוישיקע מחנה אַרעסטאַנטן אין נאַסע קליידער, וואָס האָבן עפעס געטיילט צווישן זיך אָדער זיך מיישב געווען. דער קאָנוואָי־מאַן האָט דערקלערט נעכליודאָוון, אַז דאָס האָט דער „עלטסטער" ארויסגעגעבן דאָס עסנגעלט, וואָס מ'האָט געהאַט אָנגענומען פאָרויס אָדער פאַרשפילט אויף בילעטלעך, געמאַכטע פון שפיל־קאָרטן. דערזעען דעם אונטער־אָפיציר און אַ הער, זענען די, וואָס זענען געשטאַנען נעענטער, שטיל געוואָרן, אומפריינדלעך באַקוקנדיק די געסט. צווישן די טיילער האָט נעכליודאָוו באַמערקט דעם באַקאַנטן קאַטאָרזשניק פעדאָראָוו, וועלכער האָט אַלעמאָל געהאַלטן לעבן זיך אַ שלימזלדיקן, ווייסן, עפעס ווי געשוואָלענעם יונגן שייגעץ מיט אויפגעהויבענע ברעמען און נאָך אַ העסלעכן, געשטופלטן וואַגאַבונד אָן אַ נאַז, וועלכער איז געווען באַקאַנט דערמיט, וואָס בשעת פליטה זאָל ער האָבן געהרגעט אין דער טאַיגע אַ חבר און זיך געשפייזט מיט זיין פלייש. דער וואַגאַבונד איז געשטאַנען אין קאָרידאָר, דעם כאַלאַט אַרויפגעוואָרפן אויף איין אַקסל, און האָט מיט חוזק און עזות געקוקט אויף נעכליודאָוון, נישט אָפטרעטנדיק אים דעם וועג.

ווי נעכליודאָוון איז באַקאַנט געווען אַזאַ בילד, ווי אָפט ער האָט אין משך פון דידאָזיקע דריי חדשים געהאַט געזעען אָט די זעלביקע 400 מאַן קרימינעלע אַרעסטאַנטן אין די פאַרשידנסטע סיטואַציעס: סיי אין היץ, אין אַ וואָלקן שטויב, וואָס זיי האָבן אָנגעמאַכט, שלעפנדיק די געשמידטע פיס, סיי אויף די לאַגערונגען אונטערוועגנס, סיי אויף די עטאַפּן אין וואַרעמע צייטן אויפן הויף, וווּ עס האָבן זיך אָפגעשפילט שוידערלעכע סצענעס פון אָפענעם זנות, — האָט ער פונדעסטוועגן איטלעכעס מאָל, אַריינקומענדיק צווישן זיי, געפילט, אַזוי ווי איצטער, אַז זייער אויפמערקזאַמקייט איז געווענדט אויף אים, איבערגעלעבט אַ פיינלעך געפיל פון חרפה און באַוווסטזיין, אַז ער איז שולדיק פאַר זיי.

שווערער פאַר אַלץ איז געווען פאַר אים דאָס, וואָס צו דעמדאָזיקן געפיל פון חרפה און שולדיקייט האָט זיך צוגעמישט נאָך אַ געפיל נישט בייצוקומען פון עקל און גרויל. ער האָט געוווסט, אַז אין דער לאַגע, אין וועלכער זיי זענען אוועקגעשטעלט געוואָרן, האָט מען נישט געקאָנט נישט זיין אַזעלכע, ווי זיי, און דאָך האָט ער פאָרט נישט געקאָנט אונטערדריקן זיין ווידערגעפיל צו זיי.

— זיי, די פוסטעפּאַסניקעס, איז גוט, — האָט נעכליודאָוו דערהערט, בשעת ער האָט שוין געהאַלטן בײַ דער טיר פון די פּאָליטישע, — האָט זיך אָפּגערופן עמעצנס אַ הייזעריק קול, צוגעבנדיק נאָך אַן אוּמאָנשטענדיק זידלוואָרט.

עס האָט זיך דערהערט אַן אומפריינטלעך, שפּאָטיש געלעכטער.

X.

געמיידש די קאַמער פון די אומבאַוויבטע, האָט דער אונטעראָפּיציר, וואָס האָט באַגלייט נעכליודאָוון, אים געזאָגט, אַז ער וועט נאָך אים קומען פאַר דער רעוויזיע, און איז אַוועק צוריק. קוים איז דער אונטעראָפּיציר אַוועק, איז צו נעכליודאָוון מיט גיכע באָרוועסע טריט, צוהאַלטנדיק די קייטן, גאָר נאָענט צוגעגאַנגען אַן אַרעסטאַנט און אָפּגעבנדיק אים מיט אַ שווערן און זויערן ריח פון שוויס, האָט ער געהיימנישפול אים איינגערוימט:

— נעמט זיך אָן, האַר לעבן! מען האָט דעם בחור איינגאַנצן צעדרייט. אָנגעשיכּורט. היינט האָט ער שוין בײַם אויפנעמען זיך אָנגערופן קאַרמאַנאָוו. האָט רחמנות נעמט זיך אָן, מיר טאָרן נישט, מען וועט הרגענען, — האָט דער אַרעסטאַנט געזאָגט, אומרויִק זיך אומקוקנדיק, און איז גלייך אָפּגעגאַנגען פון נעכליודאָוון.

די זאַך איז באַשטאַנען דערין, וואָס דער קאַטאָרזשאַנער קאַרמאַנאָוו האָט אָנגערעדט איינעם אַ יונג, וועלכער איז געווען אויף אים ענלעך און וואָס מ'האָט אים געהאַט פאַרשיקט קיין סיביר, אַז ער זאָל זיך מיט אים בייטן און דער קאַטאָרזשאַנער זאָל גיין קיין סיביר און דער יונג אָנשטאָט אים אויף קאַטאָרגע.

נעכליודאָוו האָט שוין וועגן דעמדאָזיקן ענין געוווסט, ווייל דער אַרעסטאַנט האָט מיט אַ וואָך צוריק אים דערציילט וועגן דעם בייט. נעכליודאָוו האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צום צייכן, אַז ער האָט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס גייט און וועט טון, וואָס עס וועט זיין מעגלעך און, נישט אַרומקוקנדיק זיך, איז ער אַוועק ווייטער.

נעכליודאָוו האָט געקענט דעמדאָזיקן אַרעסטאַנט פון יעקאַטערינבורג אָן, ווו ער האָט אים געבעטן זיך משתדל צו זיין, מ'זאָל דערלויבן זיין פרוי צו גיין מיט אים, און ער איז געווען איבערראַשט, וואָס ער האָט אַזוינס אָפּגעטון. דאָס איז געווען אַ פויער פון אַ יאָר דרייסיק, אַ מיטלגעוויקסיקער, פון סאַמע געוויינלעכן פויערישן אויסזעען. פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע האָט מען אים פאַר אַ רויב- און מאָרד-אָנפאַל. געהייסן האָט ער מאַקאַר דעווקין. זיין פאַרברעך איז געווען זייער אַן אויסטערלישס. דאָס פאַרברעכן, ווי ער האָט אַליין דערציילט נעכליודאָוון, איז געווען נישט זיינס, מאַקאַרס אַרבעט, נאָר פון זיין יצר-הרע. מאַקאַרס פאָטער, האָט ער דערציילט, איז פאַרפאָרן אַ דורכרייזנדער און האָט בא אים געדונגען פאַר צוויי רובל אַ פור אין דאָרף אַריין, 40 וויאָרסט ווייט. דער פאָטער האָט געהייסן מאַקאַרן אָוועקפירן דעם גאַסט. מאַקאַר האָט איינגעשפאַנט דאָס פערד, האָט זיך אָנגעטון און צוזאַמען מיטן גאַסט גענומען טרינקען טיי. דער גאַסט האָט בא דער טיי דערציילט, אַז ער פאָרט חתונה האָבן און פירט מיט זיך 500 רובל, וואָס ער האָט פאַרדינט אין מאָסקווע. דאָס דערהערט, איז מאַקאַר אַרויס אויפן הויף און אַריינגעלייגט אין שליטן אונטערן שטרוי אַ האַק.

— און אויב איך ווייס גאָר אַליין, צוליב וואָס האָב איך די האַק גענומען, — האָט ער דערציילט. — „נעם, זאָגט ער, די האַק“, נו האָב איך גענומען. זיך געזעצט און אָוועקגעפאָרן. פאָרן מיר און גאָרנישט. איך האָב געוועזט זיך גאָר פאַרגעסן אָן דער האַק. נאָר ווי מ'האָט גענומען צופאָרן צום דאָרף, — אַ וויאָרסט זעקס איז נאָך געבליבן. פון אַ זייטיקן וועג אויפן ברייטן שליאַך איז דער וועג אַוועק אַרויף-באַרג. בין איך אַראָפּ און גיי הינטערן שליטן, און „ע ר“ סודעט מיר אַריין: „וואָס מיינסטו זיך? וועסט אַרויפפאָרן אויפן באַרג, אויפן שליאַך גייען מענטשן, און אָט איז שוין דאָס דאָרף. ער וועט אָוועקפירן דאָס געלט; אויב אָפּטון דאָס שטיקל אַרבעט, איז איצטער, — נישטאָ אויף וואָס צו וואַרטן“. האָב איך זיך אָנגעבויגן צום שליטן, ווי איך וואָלט כלומרשט פאַררעכטן דאָס שטרוי, און די האַק — פונקט ווי זי וואָלט מיר אַליין

אין די הענט אריינגעשפרונגען. ער האָט דערזעען. „וואָס גייסטו טון?“ זאָגט ער. איך האָב אַ מאַך געטון מיט דער האַק, געוואָלט אַ זעץ טון, אָבער אַ מענטש — אַ פלינקער — איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון שליטן און מיך אָנגעכאַפּט פאַר די הענט. „גזלן, וואָס טוסטו?“... זאָגט ער. האָט מיך אַ וואָרף געטון אויפן שניי, און איך האָב זיך גאָרנישט געראַנגלט, זיך אַליין געלאָזט. ער האָט מיר געבונדן די הענט מיטן פּאַס און אַריינגעוואָרפן אין שליטן. ער האָט מיך אַוועקגעפירט גלייך אין דער דאָרפספּאָליציי. האָט מען מיך פאַרזעצט אונטערן שלאָס. געמשפּט. די געמיינדע האָט אפילו וועגן מיר זיך גוט אָפּגערופן, אַז איך בין אַ גוטער מענטש, און קיין שלעכטס האָט מען פון מיר נישט אַרויסגעזעען. די באַלעבאַטים, ווו איך האָב געוווינט, האָבן אויך געגעבן אַ גוטע מיינונג. אָבער קיין אַבלאַקאַט איז נישט געווען פאַרוואָס צו דינגען, — האָט דערציילט מאַקאַר, — און דעריבער האָט מען פאַרמשפּט אויף פיר יאָר.

און אָט איצטער האָט דערדאָזיקער מענטש, וועלנדיק ראַטעווען אַ לאַנדסמאַן, האָט דאָך פאַרטרויט נעכליודאָוון אַ סוד פון טורמע, הגם ער האָט געוווּסט, אַז מיט דידאָזיקע ווערטער ריזיקירט ער מיטן לעבן און פאַר אויסזאָגן דעם סוד — ווען די אַרעסטאַנטן וואָלטן זיך דערוווּסט — וואָלטן זיי אים געוויס דערשטיקט.

XI.

דער לאָקאַל פאַר די פּאָליטישע איז באַשטאַנען פון צוויי קליינע קאַמערן, וואָס די טירן זייערע זענען אַרויסגעקומען אין דעם אָפּגעצוימטן טייל פון קאָרידאָר. אַריינגעקומען אין דער אָפּגעצוימטער טייל פון קאָרידאָר, איז דער ערשטער מענטש, וואָס נעכליודאָוו האָט דערזעען, געווען סימאָנסאָן מיט אַ שייטל-סאָסנע-האָלץ אין דער האַנט. ער איז געזעסן אין זיין קורטקע, די פיס אונטער זיך, לעבן דער זאַשלענקע, וועלכע האָט געציטערט פון דער היץ, וואָס האָט זי אַריינגעצויגן אין דעם אָנגעגליטן אויוון.

דערזעען נעכליודאָוון, האָט ער נישט אויפהייבנדיק זיך פון אָרט

און קוקנדיק פון אונטן אַרויף פון אונטער זיינע אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, דערלאַנגט די האַנט.

— מיך פרייט, וואָס איר זענט געקומען, איך דאַרף אייך האָבן. — האָט ער געזאָגט באַדייטונגספול, קוקנדיק נעכליודאָוון גלייך אין די אויגן אַריין.

— וואָס אייגנטלעך? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— שפּעטער. איצטער בין איך פאַרנומען.

און סימאָנסאָן האָט זיך ווידער גענומען צום אויוון, וואָס ער האָט געהייצט לויט זיין אייגענער טעאָריע וועגן פאַרלירן וואָס ווייניקער וואַרעמקייטס-ענערגיע.

נעכליודאָוו האָט שוין געוואָלט אַריינגיין אין דער ערשטער טיר, בשעת פון דער צווייטער טיר איז אַרויס מאַסלאָווא, אָן איינגעבויגענע, מיט אַ בעזעם אין דער האַנט, מיט וועלכן זי האָט צוגעקערט צום אויוון אַ גרויסע קופּע מיסט און שטויב. זי איז געווען אין אַ ווייס יאַקל, אין אַ פאַרקאַשערט קליידל און אין זאָקן. דעם קאָפּ ביז די ברעמען האָט זי פון שטויב פאַרבונדן מיט אַ טיכל. דערזעען נעכליודאָוון, האָט זי זיך אויסגעגלייכט און, איינגאַנצן אויפגעלעבט און פאַררויטלט, האָט זי אַוועקגעלייגט דעם בעזעם, אָפּגעווישט די הענט אָן קליידל, און שטיין געבליבן פאַר אים.

— איר ברענגט אין אָרדנונג דעם לאָקאַל? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, דערלאַנגענדיק איר די האַנט.

— יאָ, מיין אַלט פאַך, — האָט זי געזאָגט און אַ שמייכל געטון. — אַזאַ שמוץ, אַז מען קאָן גאָרנישט פאַרשטעלן. מיר רוימען און מיר רוימען. נו, וואָס, דער פּלעד האָט זיך אויסגעטריקנט? — האָט זי זיך געווענדט צו סימאָנסאָנען.

— כמעט, — האָט סימאָנסאָן געזאָגט, קוקנדיק אויף איר עפּעס מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק, וואָס האָט נעכליודאָוון איבערראַשט.

— נו, וועל איך נאָך אים באַלד קומען און וועל ברענגען טריקענען די פּעלצן. אונזערע זענען אַלע דאָ, — האָט זי געזאָגט נעכליודאָוון, אַריינגייענדיק אין דער ווייטערער טיר און אָנווייזנדיק אויף דער דערביייִקער.

נעכליודאָוו האָט אויפגעעפנט די טיר און איז אַריין אין אַ נישט גאָר גרויסער קאַמער, שוואַך באַלויכטן פון אַ קליין מעטאַלן לעמפּל, וואָס איז נידעריק געשטאַנען אויף די נאַרעס. אין קאַמער איז געווען

קאַלט און ס'האָט געשמעקט מיט שטויב, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן, מיט פייכטקייט און מיט טאַבאַק. אַ בלעכענער לאָמפּ האָט העל באַלויכטן דעם רוים אַרום זיך, אָבער די נאַרעס זענען געווען טונקל און איבער די ווענט האָבן זיך באַוועגט שאָטנס.

אין דער נישט גרויסער קאַמער האָבן זיך געפונען אַלע, אַ חוץ צוויי מענער, וואָס האָבן געהאַט צו שאַפן איבער דעם פּראָוויאַנט און זענען איצטער געווען אַוועקגעגאַנגען נאָך געקאָכט וואַסער און עסנוואַרג. דאָ האָט זיך געפונען נעכליודאָווס אַלטע באַקאַנטע ווערא יעפרעמאָוונאַ, וועלכע האָט אויסגעזעען נאָך געלער און חושכער, מיט אירע גרויסע צעשראָקענע אויגן און מיט דעם אַנטוויקלטן אָדער אויפן שטערן און מיט די געשוירענע האָר, אין דעם גרויען קאַפּטל. זי איז געזעסן פאַר אַ פאַרשפּרייטן בויגן צייטונגס-פּאַפּיר, אויף וועלכן ס'איז געווען אַנגעשיט טאַבאַק, און האָט מיט האַסטיקע באַוועגונגען אָנגעשטופּט פּאַפּיראָסן-גילזן.

דאָ איז אויך געווען איינע פון די נעכליודאָוון סימפּאַטישסטע פּאָליטישע פרויען — עמיליע ראַנצעוואַ, וועלכע האָט געהאַט צו שאַפן איבער דער אויסערלעכער באַלעבאַטישקייט און האָט באַ די סאַמע שווערסטע באַדינגונגען אפילו צוגעגעבן דערדאָזיקער באַלעבאַטישקייט ווייבלעכע היימישקייט און חן. זי איז געזעסן לעבן לאָמפּ מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און מיט אירע פון זון פאַרברענטע פלינקע שיינע הענט אויסגעווישט און פונאַנדערגעשטעלט קריגלעך און טעצלעך אויף אַ האַנטוך, וואָס איז געווען אויסגעבעט אויף די נאַרעס. ראַנצעוואַ איז געווען אַ יונגע נישט קיין שיינע פרוי מיט אַ קלוגן און באַשיידענעם אויסדרוק פון געזיכט, וואָס בעת עס פלעגט שמייכלען, פלעגט עס ווערן קלוג, ענערגיש און רייצנד. מיט אַזאַ מין שמייכל האָט זי איצט באַגעגנט נעכליודאָוון.

— אַבי מיר האָבן שוין געמיינט, אַז איר זענט אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, — האָט זי געזאָגט.

דאָ איז אויך געווען מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ, אין אַ ווייט ווינקל אין שאָטן. זי האָט זיך געעסקט מיט אַ קליין ווייסהאָריק מיידעלע, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו פּלאַפּלען מיט איר מילד קינדיש קעלעכל.

— ווי גוט, וואָס איר זענט געקומען ? קאַטיען האָט איר שוין געזעען ? — האָט זי געפרעגט נעכליודאָוון. — און מיר האָבן אַזאַ גאַסט ! — זי האָט אָנגעוויזן אויף דעם מיידעלע.

דאָ איז אויך געזעסן אַנאַטאָלי קרילצאָוו. אַן אויסגעדאַרטער און אַ בלייכער, אין ווילעקעס, די פיס אונטערגעלייגט אונטער זיך, איז ער געזעסן אין אַ ווייט ווינקל פון די נאַרעס, איינגעדרייט אין דרייען און פיבערנדיק און, אַריינגעלייגט די הענט אין די אַרבל פון פעלצל, האָט ער מיט ברענענדיקע אויגן געקוקט אויף נעכליודאָוון. נעכליודאָוו האָט געוואָלט צו אים צוגיין, אָבער רעכטס פון טיר, פונאַנדערנעמענדיק עפּעס אין אַ זעקל און שמועסנדיק מיט דער שיינער און שמייכלענדיקער גראַבעץ, איז געזעסן אַ מענטש מיט רויטלעכע געקרייזלטע האָר און ברילן אין אַ גומענער קורטקע. דאָס איז געווען דער באַרימטער רעוואָלוציאָנער נאָוואָדוואָראָוו, און נעכליודאָוו האָט געאיילט זיך מיט אים צו באַגריסן. ער האָט זיך באַזונדערס געאיילט עס צו טון דערפאַר, ווייל פון אַלע פּאָליטישע פון דערדאָזיקער פּאַרטיע איז דער איינער געווען אים אומאָנגענעם. נאָוואָדוואָראָוו האָט אַ פינקל געטון דורך די ברילן מיט זיינע בלויע אויגן אויף נעכליודאָוון און רוגזהדיק דערלאַנגט אים זיין שמאָלע האַנט.

— נו, האָט איר עפּעס אַן אָנגענעמע רייזע? — האָט ער געזאָגט, קענטיק, איראָניש.

— יאָ, פיל אינטערעסאַנטס, — האָט נעכליודאָוו געענטפערט, מאַכנדיק אַ מינע, אַז ער באַמערקט נישט די איראָניע, און גענומען דאָס אַן פאַר אַ העפלעכקייט, און איז צוגעגאַנגען צו קרילצאָוון.

אויספערלעך האָט נעכליודאָוו אַרויסגעוויזן אַ גלייכגילטיקייט, אָבער אין האַרץ איז ער ווייט נישט געווען גלייכגילטיק צו נאָוואָדוואָראָוון.

דידאָזיקע ווערטער נאָוואָדוואָראָווס, זיין באַשיינפערלעכער פּאַרלאַנג צו זאָגן און צו פאַרשאַפן אומאַנגענעמס, האָבן צעשטערט די גוטמוטיקע שטימונג, אין וועלכער נעכליודאָוו האָט זיך געפונען, און אים איז געוואָרן שווער און טרויעריק.

— וואָס מאַכט איר? — האָט ער געזאָגט, דריקנדיק קרילצאָווס קאַלטע, פיבערנדיקע האַנט.

— נישקשה, איך קאָן זיך נאָר נישט דערוואַרעמען, זיך דורכגענעצט, — האָט קרילצאָוו געזאָגט, שנעל באַהאַלטנדיק די האַנט אין אַרבל פון פעלצל. — אויך דאָ איז אַ קעלט הינט צו טרייבן. אָט זעגען די שויבן צעבראָכן — ער האָט אָנגעוויזן אויף צוויי צעבראָכענע שויבן הינטער די אייזערנע קראַטעס. — וואָס איז מיט אייך? פאַרוואָס זענט איר די גאַנצע צייט נישט געקומען?

— מען לאָזט נישט. אַ שטרענגע מאַכט. היינט האָט זיך עפּעס גראַד אָנגעטראָפן אַ פריינדלעכער אָפיציר.

— נו, שוין איינמאָל אַ פריינדלעכער! האָט קרילצאָוו געזאָגט. — פרעגט אָקאָרשט מאַשען, וואָס ער האָט אינדערפרי אָפּגעטון.

מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ האָט, נישט אויפשטייענדיק פון אָרט, דערציילט אַליין, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון מיטן מיידעלע אינדערפרי בײַ דעם אַרויסמאַרש פון עטאַפּ.

— איך האַלט, אַז מען דאַרף אויסדריקן אַ קאָלעקטיוון פּראָטעסט.— האָט געזאָגט ווערא יעפרעמאָוונאַ מיט אַן אַנטשלאָסן קול, גלייכצייטיק אומאַנטשלאָסן און צעשראָקן קוקנדיק דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם. — וולאַדימיר האָט געמאָלדן, אָבער דאָס איז ווייניק.

— וואָס פאַר אַ פּראָטעסט? — האָט קרילצאָוו אַרויסגערעדט, קרומענדיק זיך פאַרדריסלעך. קענטיק, אַז ווערא יעפרעמאָוונעס אומנאַטירלעכער, נישט פּשוטער נערוועזער טאָן האָט אים שוין לאַנג אויפגערייצט. — איר זוכט קאַטיען? — האָט ער זיך געווענדט צו נעכליודאָוון. — זי האָרעוועט אַליך, רוימט. אָט האָט זי אויסגערייניקט אונזער מאַנסבילשע קאַמער; איצט רוימט זי די ווייבערישע. אָבער די פליי וועט זי שוין נישט אויסרוימען, זיי שלונגען אונז איין. און וואָס טוט דאָרטן מאַשע? — האָט ער געפרעגט, אַנווייזנדיק מיטן קאָפּ אין ווינקל, ווו מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ איז געזעסן.

— זי קעמט אויס איר אַדאָפּטירט טעכטערל, — האָט ראַנצעווא געזאָגט.

— און קיין לעבעדיקע וועט זי אויף אונז נישט אָנלאָזן? — האָט קרילצאָוו געזאָגט.

— ניין, ניין, איך בין פאָרזיכטיק. זי איז איצט אַ ריינינקע, — האָט מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ געזאָגט. — נעמט זי, — האָט זי זיך געווענדט צו ראַנצעווען. — און איך וועל גיין העלפן קאַטיען, וועל אגב אים ברענגען דעם פּלעד.

ראַנצעווא האָט גענומען דאָס מיידעלע און, מיט מוטערלעכער צאַרטקייט דריקנדיק צו זיך די נאַקעטע דיקע הענטלעך פון קינד, האָט זי זי אַוועקגעזעצט צו זיך אויף די קני און איר געגעבן אַ שטיקל צוקער.

מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ איז אַרויס, און גלייך נאָך איר זענען אין קאַמער אַריינגעקומען צוויי מענער, וועלכע האָבן געבראַכט וואַסער און עסנוואַרג.

XII.

איינער פון די אַריינגעקומענע איז געווען אַ דאַרער יונגערמאַן, נישט קיין הויכער אין אַ פאַרמאַכט פּעלצל און אין הויכע שטיוול. ער איז געגאַנגען מיט אַ לייכטן און שנעלן גאַנג, טראָגנדיק צוויי גרויסע טשייניקעס מיט געקאָכט וואַסער, פון וועלכע ס'האָט געשלאָגן אַ פּאַרע, און אונטערהאַלטנדיק אונטערן אָרעם אַ לעבל ברויט, איינגעוויקלט אין אַ טיכל.

— אָט איז אונזער פּירשט אויך געקומען — האָט ער געזאָגט, אַוועקשטעלנדיק דעם טשייניק צווישן די קריגעלעך און איבערגעבנדיק מאַסלאָווען דאָס ברויט. — מיר האָבן איינגעקויפט וווּנדערבאַרע זאַכן, — האָט ער געזאָגט, אַראָפּוואַרפנדיק דאָס פּעלצל און אַ שליידער טוענדיק עס איבער די קעפּ אין ווינקל אַריין פון די נאַרעס. — מאַרקעל האָט געקויפט מילך און אייער; ס'וועט ממש זיין אַ באַל. און קירילאָווע הערט נישט אויף אַריינצוברענגען איר גאַנצע עסטעטישע זויבערקייט, — האָט ער געזאָגט, מיט אַ שמייכל קוקנדיק אויף ראַנצעווען. — נו, איצט פּאַרברי טיי, — האָט ער זיך געווענדט צו איר.

פון דעם גאַנצן אויסזעען פון דעמדאָזיקן מענטש, פון די באַוועגונגען זיינע, דעם קלאַנג פון זיין שטים, פון זיין בליק, האָט געווייעט מיט מונטערקייט און פריילעכקייט. דער צווייטער פון די אַריינגעקומענע — אויך נישט קיין הויכער, אַ קנאָכיקער, מיט אַרויסגעשטאַרצטע באַקנביינער פון אָנגעבלאָזענעם גרויען פּנים און שיינע, גרינלעכע, ברייט צעשטעלטע אויגן און דינע ליפּן, איז געווען, פאַרקערט, אַ מענטש פון אַ שטרענגן און פאַראומערטן אויסזעען. ער איז געגאַנגען אין אַן אַלט וואַטן מאַנטל און שטיוול מיט קאַלאָשן. ער האָט געטראָגן צוויי טעפּ און צוויי קייבערלעך. אַוועקגעשטעלט לעבן ראַנצעווען זיין פּעקל, האָט ער זיך פאַרנייגט פאַר נעכליודאָוון מיטן האַלז, אַזוי אַז, בייגנדיק זיך, האָט ער נישט אויפגעהערט אויף אים צו קוקן. דערנאָך, אומגערן דערלאַנגט אים אַ שווייסיקע האַנט, האָט ער לאַנגזאַם גענומען אַרויסלייגן פון קייבערל דאָס עסנוואַרג.

דיביידע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן זענען געווען מענטשן פון פאָלק: דער ערשטער איז געווען אַ פויער — נאַבאַטאָוו, דער צווייטער — אַ פאַבריק־אַרבעטער, מאַרקעל קאָנדראַטיעוו. מאַרקעל איז אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג שוין אַלס באַיאָרטער, 35־יעריקער מאַן; נאַבאַטאָוו ווידער, פון 18 יאָר אָן. צוליב זיינע אויסגעצייכנטע פעיקייטן אַריינגעפאַלן פון דער דאָרפס־שול אין גימנאַזיע אַריין, און די גאַנצע צייט אויסהאַלטנדיק זיך אַליין מיט לעקציעס, האָט נעבאַטאָוו געענדיקט דעם קורס מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, אָבער נישט אַריין אין אוניווער־זיטעט, ווייל נאָך אין VII־טן קלאַס האָט ער שוין באַשלאָסן, אַז ער וועט גיין אין פאָלק, פון וועלכן ער איז אַרויס, כדי אויפצוקלערן זיינע פאַר־וואָרלאָזטע ברידער. אַזוי האָט ער טאַקע געטון: צום ערשטן אָנגעקו־מען אַלס שרייבער אין אַ גרויס דאָרף, נאָר באַלד אַרעסטירט געוואָרן דערפאַר, וואָס ער האָט געלייענט פאַר די פויערים ביכער און געגרינדעט צווישן זיי קאָנסום־ און פּראָדוציר־געזעלשאַפטן. דאָס ערשטע מאָל האָט מען אים אין טורמע אָפּגעהאַלטן אַכט חדשים און אַרויסגעלאָזט אונטער נישט־עפנטלעכער אויפזיכט. זיך באַפרייט, איז ער גלייך אַוועקגעפאָרן אין אַן אַנדערער גובערניע, אין אַן אַנדער דאָרף און איינגעאָרדנט זיך דאָרט אַלס לערער, געטון ווייטער דאָס זעלבע. מ׳האָט אים ווידער צוגע־נומען און דאָס מאָל אָפּגעהאַלטן אין טורמע אַ יאָר מיט צוויי חדשים און אין טורמע האָט ער זיך נאָך מער באַפעסטיקט אין זיינע איבער־צייגונגען.

נאָכן צווייטן מאָל טורמע האָט מען אים אַרויסגעשיקט אין פּערמער גובערניע. ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן. מ׳האָט אים ווידער צוגענומען און אָפּגעהאַלטן זיבן חדשים, פאַרשיקט אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע. פון דאָרטן איז ער ווידעראַמאָל געלאָפן און ווידעראַמאָל צריינגעפאַלן; האָט מען אים צוגעמשפט אַרויסצושיקן אין יאַקוטער קאַנט; אַזוי אַז אַ העלפט פון זיין דערוואַקסענעם לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין תפיסה און פאַרשיקונג. דידאָזיקע אַלע נסיונות האָבן אים אויף קיין האָר נישט פאַרביטערט, אָבער אויך נישט אָפּגעשוואַכט זיין ענערגיע, פאַרקערט, גיכער זי אויפגעפלאַקערט. דאָס איז געווען אַ רירעוודיקער מענטש מיט גלענצנדער פאַרדייונג, שטענדיק גלייך טעטיק, פריילעך און מונטער. ער האָט קיינמאָל אויף קיין זאַך קיין חרטה נישט געהאַט און קיין זאַך ווייט פאָרויס נישט אַריינגעטראַכט, נאָר מיטן גאַנצן כוח פון שכל, געשיקט־קייט און פּראַקטישקייט האָט ער געטון אין דער געגנוואַרט. אַז ער איז

געווען אויף דער פריי, האָט ער געאַרבעט פאַר דעם ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט, דהיינו: בילדונג, קאָנסאָלידאַציע פון דעם אַרבעטס-פאָלק, בפרט פונם פויערים-פאָלק; ווען ער איז אָבער געווען אין תפיסה, האָט ער פונקט אַזוי ענערגיש און פּראַקטיש געאַרבעט איינצושטעלן באַציונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט און באַ די געגעבענע באַדינגונגען, איינאָרדנען וואָס בעסער דאָס לעבן נישט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר זיין קרייז. קודם-כל איז ער געווען אַ מענטש פאַרן כלל. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז פאַר זיך האָט ער גאָרנישט באַדאַרפט האָבן און ער האָט זיך געקאָנט באַגנוגענען מיט גאָרנישט, אָבער פאַרן כלל, פאַר חברים, האָט ער געפאָדערט אַסך און האָט אָן אויפהער געקאָנט טון יעדע מין אַרבעט, סיי פיזיש, סיי גייסטיק, האָרעווען, נישט געגעסן, נישט געשלאָפן. אַלס פויער האָט ער פאַרשטאַנען אַן עסק, געווען אַרבעטסזאַם, פלינק אין דער אַרבעט, נאַטירלעך צוריקגעהאַלטן און אָן אָנשטרענגונג איידל, אויפמערקזאַם נישט נאָר צו די געפילן, נאָר אויך צו די מיינונגען פון אַנדערע. די מוטער זיינע, אַן אַלטע אומוויסנדע פויערטע, אַן אלמנה, — דורך און דורך אַבערגלויבעריש, האָט נאָך געלעבט, און נאַבאַטאָוו האָט איר געהאָלפן, און ווען ער פלעגט זיין אויף דער פריי, פלעגט ער זי געוואויר ווערן. בשעת זיינע באַזוכן אינדערהיים, פלעגט ער אַריין אין אַלע פּרטים פון איר לעבן, געהאָלפן איר אין אירע אַרבעטן און נישט איבערגעריסן די באַציונגען מיט די געוועזענע חברים, די פויערישע יונגען: גערויכערט צוזאַמען מיט זיי טיטון אין אַ „הינטיש פּיסל“*), געראַנגלט זיך מיט זיי אין פויסטנקאַמף און מיט זיי איינגעטענהט, ווי אַזוי זיי זענען אַלע אָפּגענאַרט און ווי אַזוי זיי דאַרפן אַרויסקריכן פון דער פאַרבלענדעניש, אין וועלכער מען האַלט זיי. ווען ער פלעגט טראַכטן און רעדן וועגן דעם, וואָס די רעוואָלוציע וועט געבן דעם פאָלק, פלעגט ער זיך שטענדיק פאָרשטעלן דאָס זעלביקע פאָלק, פון וועלכן ער איז אַרויס, כמעט אין די זעלבע באַדינגונגען, נאָר מיט ערד און אָן הערשער און באַאַמטע. אין זיין פאָרשטעלונג האָט די רעוואָלוציע נישט באַדאַרפט צו ענדערן די גרונד-פאָרמען פונם פאָלקס לעבן — אין דעם איז ער זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט נאָוואָדוואָראָוון און נאָוואָדוואָראָווס אָנהענגער

---

*) אַ „הינטיש פּיסל“ — דאָס איז אַ פּאַפּירל, אַן אויסגעבויגענער פּאַפּיראָס, וואָס ער רייכערן פויערים און אַרבעטער-געזעלן.

מארקעל קאנדראטיעוו — די רעוואלוציע האט, לויט זיין מיינונג, נישט באדארפט צעברעכן דעם גאנצן בנין, נאר האט בלויז באדארפט אנדערש איינטיילן די אינעווייניקסטע רוימען פון דעמדאזיקן שיינעם, פעסטן, גרויסן, דורך אים אזוי הייס געליבטן אלטן בנין.

אין פרט פון רעליגיע איז ער אויך געווען א טיפישער פויער; קיינמאל נישט געקלערט וועגן מעטאפיזישע פראגן, וועגן דעם יסוד פון אלע יסודות, וועגן יענער וועלט. גאט איז פאר אים געווען, פונקט ווי פאר אראגא — א היפאטעזע, אין וועלכער ער האט ביז אהער נישט געהאט קיין שום באדערפעניש. אים איז לחלוטין נישט אנגעגאנגען, ווי אזוי עס איז אנטשטאנען די וועלט: לויט משה רבנו, אדער לויט דארווינען, און דער דארוויניזם, וואס האט אויסגעוויזן אזוי וויכטיק די חברים זיינע, איז פאר אים געווען פונקט אזא שפילעכל פון געדאנק, ווי מעשה בראשית אין זעקס טעג.

די פראגע, ווי אזוי די וועלט איז באשאפן געווארן, האט אים נישט פארנומען טאקע דערפאר, ווייל די פראגע, ווי אזוי וואס בעסער צו לעבן אויף דער וועלט, איז אלעמאל געשטאנען פאר אים. וועגן יענער וועלט האט ער אויך קיינמאל נישט געטראכט. טראגנדיק אין טיפן הארץ יענע פון די עלטער-זיידעס געירשנטע פעסטע, רויקע, פאר אלע ערדבאזיצער געמיינזאמע איבערצייגונג, אז פונקט ווי אין דער וועלט פון בעלי-חיים און פלאנצן ענדיקט זיך קיין זאך נישט, נאר ווערט תמיד מגולגל פון איין פארם אין א צווייטער — מיסט אין א קערנדל, א קערנדל אין א הון, א קעפלעקל אין א פראש, א ווערמל אין א פלאטערל, אן אייכל אין א דעמב, — אזוי אויך דער מענטש גייט נישט לאיבוד, נאר ווערט בלויז פארענדערט. ער האט אין דעם געגלייבט און דעריבער האט ער אלעמאל מונטער און אפילו פריילעך געקוקט דעם טויט אין די אויגן אריין און פעסט אריבערגעטראגן די יסורים, וואס פירן צום טויט, האט אבער נישט ליב געהאט און נישט געקאנט רעדן וועגן דעם. ער האט ליב געהאט צו ארבעטן און איז אלעמאל געווען פארנומען מיט פראקטישע עסקים און אויף אזעלכע מיני פראקטישע עסקים פלעגט ער אויך שמויסן די חברים.

דער אנדערער פאליטישער ארעסטאנט פון פאלק אין דערדאזיקער פארטיי, מארקעל קאנדראטיעוו, איז געווען א מענטש גאר פון אן אנ-דערן שניט. פון פינפצן יאר אן האט ער זיך געשטעלט צו דער אר-

בעט און אָנגעהויבן רייכערן און טרינקען, כדי צו דערשטיקן דאָס אומ־קלאָרע געפיל פון באַוווסטקייט. דידאַזיקע באַוווסטקייט האָט ער דער־פילט צום ערשטן מאָל, ווען בשעת ניטל, האָט מען זיי, דאָן נאָך יינג־לעך, גענומען אויף אַ ניטל־בוים, וואָס דעם פאַבריקאַנטס ווייב האָט גע־שטעלט, און אים מיט די חברים זיינע האָט מען געשענקט אַ פייפעלע פ[?]ר אַ קאָפּיקע, אַן עפּל, אַ באַגילדטע נוס און אַ ווײַנשל. און דעם פאַבריקאַנטס קינדער — שפּילצייג, וואָס האָבן זיך אים אויסגעוויזן ווי מתנות פון אַ כשופמאַכערין און האָבן געקאָסט, ווי ער איז שפּעטער גע־וויר געוואָרן, איבער 50 רובל. אים איז געווען אַ יאָר דרייסיק, ווען צו זיי אויף דער פאַבריק איז אָנגעקומען אַלס אַן אַרבעטערין אַ באַרימטע רעוואָלוציאָנערין און, באַמערקט די אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן זיינע, האָט זי אים אָנגעהויבן געבן ביכער און בראָשורן און רעדן מיט אים, דערקלערן אים זיין לאַגע און די סיבות דער־פון, ווי אויך די מיטלען, ווי אַזוי די לאַגע צו פאַרבעסערן. אַז ער האָט זיך קלאָר פאַרגעשטעלט די מעגלעכקייט צו באַפרייען זיך און אַנדערע פון דער אונטערדריקטער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, האָט די אומגערעכטיקייט פון דערדאָזיקער לאַגע אים אויסגע־וויזן נאָך האַרבער און שרעקלעכער ווי פריער און ער האָט ליידנשאַפט־לעך געגאַרט נישט נאָר נאָך באַפרייונג, נאָך אויך די באַשטראָפונג פון די, וועלכע האָבן געשאַפן און געשטיצט דידאָזיקע גרויזאַמע אומגערעכ־טיקייט. דידאָזיקע מעגלעכקייט, האָט מען אים דערקלערט, האָט געגעבן בילדונג און קאָנדראַטיעוו האָט זיך מיט אַ ברען גענומען צו דערוווערבן וויסן. פאַר אים איז אָבער נישט געווען קלאָר, ווי אַזוי די פאַרווירק־לעכונג פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל וועט פאַרקומען דורך וויסן, נאָר ער האָט געגלייבט, אַז פונקט ווי דאָס וויסן האָט אים אַנטפּלעקט די אומגערעכטיקייט פון דער לאַגע, אין וועלכער ער געפינט זיך, אַזוי אויך וועט דאָס וויסן דידאָזיקע אומגערעכטיקייט פאַרריכטן. אגב האָט דאָס וויסן אים אויפגעהויבן אין זיין מיינונג העכער פון אַנדערע מענטשן. און טאַקע דערפאַר האָט ער אויפגעהערט רייכערן און טרינקען, און די גאַנצע פרייע צייט, וואָס ער האָט שוין געהאַט מער, ווען מ'האָט אים באַשטימט פאַר אַן אויפזעער פון פאַבריק־לאַגער, האָט ער זיך אָפּגעגעבן צום לערנען.

די רעוואָלוציאָנערין האָט אים געלערנט און געווען איבערראַשט פון דער וווּנדערבאַרער פעיקייט, מיט וועלכער ער פלעגט אומגעזעטיקט

איינשלינגען אַלע ידיעות. אין צוויי יאָר צייט האָט ער אויסגעלערנט אַלגעבּרע, געאָמעטריע, געשיכטע, וואָס ער האָט באַזונדערס ליב געהאַט, און איבּערגעלייענט אינגאַנצן די קינסטלערישע און קריטישע ליטעראַטור, דערהויפּט די סאָציאַליסטישע.

מ׳האָט אַרעסטירט די רעוואָלוציאָנערין און צוזאַמען מיט איר קאָנדראַטיעוו, ווייל מ׳האָט בּאַ אים געפונען פאַרבאָטענע ביכער, אַריינגעזעצט אין תּפיסה און דערנאָך פאַרשיקט אין וואָלאָגדער גובּערניע. דאָרטן האָט ער זיך באַקענט מיט נאָוואָדוואָראָוון, איבּערגעלייענט נאָך פיל רעוואָלוציאָנערע ביכער, אַלץ פאַרגעדענקט און נאָך מער זיך באַפעסטיקט אין זיינע סאָציאַליסטישע אָנשויונגען. נאָך דער פאַרשיקונג איז ער געווען אַן אָנפירער פון אַ גרויסן אַרבּעטער־שטרייק, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ פּאָגראָם אויף דער פאַבריק און מיטן מאָרד פון דעם דירעקטאָר. מ׳האָט אים אַרעסטירט און פאַרמשפט צום פאַרלירן אַלע רעכט און פאַרשיקונג.

צו רעליגיע האָט ער זיך באַצויגן פונקט אַזוי נעגאַטיוו ווי צו דער עקזיסטירנדיקער עקאָנאָמישער אָרדנונג; פאַרשטאַנען דעם אומזין פון דער אמונה, אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן, און מיט מי, לכתּחילה מיט שרעק, און דערנאָך מיט באַגייסטערונג באַפרייט זיך פון איר, האָט ער, ווי אויס נקמה פאַר דער פאַרבלענדעניש, אין וועלכער מ׳האָט געהאַלטן אים און זיינע אבות, נישט אויפגעהערט גיפטיק און פאַרביסן חוזק צו מאַכן פון גלחים און רעליגיעזע דאָגמאַטן.

ער איז געווען לויט זיינע געוווינהייטן אַן אַסקעט, זיך באַגנוגנט מיט דעם מינדסטן, און ווי יעדער מענטש, וואָס איז פון קינדווייז אָן צוגעוווינט צו אַרבּעט און וואָס האָט אַנטוויקלטע מוסקלען, האָט ער לייכט, געשיקט און לאַנג געקאָנט טון יעדע פיזישע מלאכה, נאָר מער פון אַלץ טייער געהאַלטן די פרייע צייט, כּדי אין טורמע און אויף די עטאַפּן ווייטער זיך צו לערנען. איצט האָט ער שטודירט דעם ערשטן באַנד פון מאַרקסן און מיט גרויס זאָרגעוודיקייט אָפּגעהיטן דאָסדאָזיקע בּוך אין זיין זעקל. צו אַלע חברים האָט ער זיך באַצויגן צוריקגעהאַלטן, גלייכגילטיק, אויסער נאָוואָדוואָראָוון, וועלכן ער איז געווען באַזונדערס איבּערגעגעבּן און וועמענס מיינונגען וועגן אַלצדינג ער האָט אָנגענומען פאַר וואָרהייטן נישט אָפּצופרעגן.

צו פרויען, אויף וועלכע ער האָט געקוקט ווי אויף אַ שטער אין נייטיקע עסקים, האָט ער געשפּירט אַ פאַראַכטונג נישט בּייצוקומען. אָבּער

אויף מאַסלאָווען האָט ער רחמנות געהאַט און געווען מיט איר פריינטלעך, זעענדיק אין איר אַ מוסטער פון עקספּלאָאַטאַציע פון דעם נידעריקערן קלאַס דורך דעם העכערן. צוליב דעם זעלבן טעם האָט ער נישט ליב געהאַט נעכליודאָוון, זיך נישט אַריינגעלאָזט מיט אים אין געשפּרעכן און נישט געדריקט זיין האַנט, נאָר פלעגט בלויז דערלאַנגען צום דריקן זיין אויסגעשטרעקטע האַנט, בשעת נעכליודאָוו פלעגט זיך מיט אים באַגריסן.

XIII.

דאָס אייזעלע האָט זיך אויסגעהייצט, זיך אָנגעוואַרעמט, די טיי איז געווען פאַרבריט און פוגאַנדערגעגאָסן אין די גלעזער און פאַרווייסט מיט מילך, ס'איז געווען אויסגעלייגט בייגל, פריש ווייס ברויט און ווייצנס, האַרטע אייער, פוטער און אַ קעלבערנער קאָפּ און פיסלעך. אַלע האָבן זיך צוגערוקט צו דעם פלאַץ אויף די נאַרעס, וועלכער האָט געדינט פאַר אַ טיש, און מ'האָט געטרונקען, געגעסן און גערעדט. ראַנצעווא איז געזעסן אויף אַ קעסטל און אָנגעגאָסן טיי. אַרום איר האָבן זיך צונויפגעדרענגט אַלע איבעריקע, אויסער קרילצאָוון; אויסגעטון דאָס נאַסע פּעלצל און איינגעוויקלט אין אַ טרוקענעם פּלעד, איז ער געלעגן אויף זיין אָרט און גערעדט מיט נעכליודאָוון...

נאָך דער קעלט און נעץ באַם איבערגאַנג, נאָך דעם שמוץ און אומאָרדנונג, וואָס זיי האָבן געטראָפן דאָ, נאָך דער פּראַצע, וואָס איז אַוועקגעלייגט געוואָרן, כדי צו ברענגען אַלץ אין אָרדנונג, נאָכן עסן און וואַרעמע טיי — זענען אַלע געווען אין דער בעסטער צופרידנסטער שטימונג.

דאָס, וואָס איבער דער וואַנט האָט זיך געהערט אַ טופּעריי, געשרייען און זידלעריי פון די קרימינעלע, האָט זיי ווי דערמאַנט אָן דעם, וואָס זיי האָט אַרומגערינגלט, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון געמיטלעכקייט. ווי אויף אָן אינזל אין מיטן ים, האָבן די דאָזיקע מענטשן זיך דערוויייל געפילט נישט באַגאָסן פון די דערנידערונגען און פּיין, וואָס ס'האָט זיי אַרומגערינגלט. און דעריבער זענען זיי געווען אין אַ געהויבן

בענעם, אויפגערעגטן צושטאַנד. מ׳האָט גערעדט וועגן אַלצדינג, נאָר נישט וועגן דער אייגענער לאַגע און נישט וועגן דעם, וואָס זיי האָט דערוואַרט. אַחוצדעם, ווי דער שטייגער איז צווישן יונגע מענער און פרויען, דערהויבט ווען זיי זענען אויף אַ געצוווּנגענעם אופן פאַרבונדן צוזאַמען, ווי ס׳זענען געווען פאַרבונדן די אַלע מענטשן, זענען צווישן זיי אַנטשטאַנען איינשטימיקע און נישט-איינשטימיקע, פאַרשידן איבערגע-פלאָכטענע בייגונגען פון איינעם צו דעם אַנדערן. אַלע זענען זיי כמעט געווען פאַרליבט. נאָוואָדוואָראָוו איז געווען פאַרליבט אין דער שיינינקער שמייכלענדיקער גראַבעץ. דידאַזיקע גראַבעץ איז געווען אַ יונגע קור-סיסטין, וואָס האָט זייער ווייניק געטראַכט און איז געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק צו די פראַגן פון דער רעוואָלוציע. אָבער זי האָט זיך אונטערגעגעבן דער ווירקונג פון דער צייט, זיך מיט עפּעס קאָמפּראָמי-טירט און איז פאַרשיקט געוואָרן. אַזוי ווי אויף דער פריי זענען די הויפּט-אינטערעסן פון איר לעבן באַשטאַנען אין דערפאָלג בײַ מענער, אַזוי אויך איז עס ווייטער געווען אויף די פאַרהערן אין תפיסה און אין פאַרשיקונג. איצטער, אויף דעם עטאַפּ, האָט זי זיך געטרייסט דערמיט, וואָס נאָוואָדוואָראָוו האָט זיך פאַרליבט אין איר און האָט זיך אַליין אויך אין אים פאַרליבט. ווערא יעפרעמאָוונא, וואָס פלעגט זיך בטבע פאַרליבן און נישט דערוועקט צו זיך קיין ליבע, אָבער שטענדיק געהאָפט אויף קעגנזייטיקייט, איז געווען פאַרליבט דאָ אין נאַבאַטאָוון, דאָ אין נאָוואָ-דוואָראָוון. עפּעס ענלעך צו פאַרליבטקייט אין געווען מצד קרילצאָוון צו מאַריאַ פּאַוולאָוונען. ער האָט זי ליב געהאַט, ווי מענער האָבן ליב פרויען, אָבער קענענדיק איר באַציונג צו ליבע, האָט ער קינציק באַהאַלטן זיין געפיל אונטערן אָנשטעל פון פריינדשאַפט און דאַנקבאַרקייט פאַר דאָס, וואָס זי איז מיט אַ באַזונדערער צאַרטקייט אַרומגעגאַנגען אַרום אים. נאַבאַטאָוו און ראַנצעווא זענען געווען פאַרבונדן דורך זייער קאָמפּלי-צירטע ליבעס-באַציונגען. ווי מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ איז געווען גאָר אַ צניעותדיקע אומשולדיקע יונגפרוי, אַזוי איז ראַנצעווא געווען גאָר אַ צניעותדיקע אשת-איש.

צו זעכצן יאָר, נאָך אין גימנאַזיע, האָט זי ליב באַקומען ראַנצעוון, אַ סטודענט פון פּעטערבורגער אוניווערזיטעט און צו 19 יאָר חתונה געהאַט מיט אים, בשעת ער איז נאָך געווען אין אוניווערזיטעט. פון פערטן קורס איז איר מאַן, פאַרמישט אין אַ סטודענטישער געשיכטע, אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פּעטערבורג און איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָ-

נער. זי, ווידער, האָט פאַרלאָזט די מעדיצינישע קורסן, וואָס זי האָט באַזוכט, אַוועקגעפאָרן נאָך אים און איז אויך געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנע-רין. ווען איר מאַן וואָלט נישט געווען דער מענטש, וועלכן זי האָט געהאַלטן פאַר דעם בעסטן און קליגסטן פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט, וואָלט זי זיך אין אים נישט פאַרליבט, און נישט פאַרליבנדיק זיך, נישט חתונה געהאַט מיט אים. אָבער איין מאָל פאַרליבט זיך און חתונה געהאַט מיט דעם, לויט איר מיינונג, קלגיסטן און בעסטן מענטש אויף דער וועלט, האָט זי, נאַטירלעך, פאַרשטאַנען דאָס לעבן און דעם ציל פון לעבן פונקט אַזוי, ווי דאָס האָט פאַרשטאַנען דער בעסטער און קליגסטער מענטש אויף דער וועלט. ער האָט לחלוטין געזעען דעם ציל פון לעבן אין לערנען, האָט זי דערין אויך איינגעזעען דעם ציל פון לעבן. ער איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער, איז זי אויך געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערין. זי האָט זייער גוט געקאָנט דערווייזן, אַז די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג איז אוממעגלעך, און אַז די פליכט פון יעדן מענטש באַשטייט אין דעם, אַז ער זאָל קעמפן קעגן דערדאָזיקער אָרדנונג און שטרעבן איינצושטעלן דעם פאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבנסשטייגער, בא וועלכן די פּערזענ-לעכקייט זאָל זיך קאָנען פריי אַנטוויקלען, און אַזוי ווייטער. און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי דענקט און פילט אַזוי אין דערווירקלעכקייט, אָבער בעצם האָט זי געטראַכט, אַז וואָס דער מאַן טראַכט, איז דאָס דער אמתער אמת, און זי האָט געזוכט נאָר איינס — די פולע האַרמאָניע, די צוזאַמענגיסונג מיט דעם מאַנס נשמה, וואָס דאָס אַליין האָט איר געגעבן אַ מאָראַלישע באַפרידיקונג.

די צעשיידונג מיט דעם מאַן און מיטן קינד, וואָס איר מוטער האָט עס צוגענומען, איז איר געפאַלן שווער. אָבער זי האָט דידאָזיקע צעשיידונג איבערגעטראָגן פעסט און רויק, ווייסנדיק, אַז זי ליידט פאַר דעם מאַן און פאַר דער זאַך, וועלכע איז בלתי שום ספק וואָר-האַפטיק, ווייל אויך ער דינט דערדאָזיקער זאַך. זי איז שטענדיק אין די געדאַנקען געווען לעבן מאַן און ווי פריער האָט זי קיינעם נישט ליב געהאַט, אַזוי האָט זי איצט אויך אַ חוץ דעם מאַן קיינעם נישט געליבט. אָבער די איבערגעגעבענע ליבע אירע צו נאַבאַטאָוון האָט זי גערירט און אויפגערעגט. ער, אַ מאָראַלישער און פעסטער מענטש, דער פריינט פון איר מאַן, האָט זיך באַמיט צו באַגיין זיך מיט איר ווי מיט אַ שוועסטער. אָבער אין זיינע באַציונגען צו איר האָט אַרויסגעשיינט

עפעס גרעסערס, און דאָסדאָזיקע גרעסערע האָט געשראָקן זיי ביידעמאָן גלייכצייטיק באַשיינט זייער איצטיק שווער לעבן.

אינגאַנצן פריי פון פאַרליבעניש זענען אַלזאָ אין דעמדאָזיקן קרייז געווען בלויז מאַריאַ פּאָוולאָוונאַ און קאָנדראַטיעוו.

XIV.

האָבנדיק בדעה זיך אַדורכצורעדן מיט קאַטיושען פּערזענלעך, ווי ער פלעגט עס געוויינלעך טון נאָך דעם אַלגעמיינעם טיי טרינקען און אָוונטברויט, איז נעכליודאָוו געזעסן לעבן קרילצאָוון און געשמועסט מיט אים. דרך-אגב האָט ער אים דערציילט וועגן מאַקאַרס ווענדן זיך צו אים און וועגן זיין פאַרברעכן. קרילצאָוו האָט געהערט אויפמערקזאַם, אָנשטעלנדיק אויף נעכליודאָוון זיין פינקלענדיקן בליק.

— יאָ, — האָט ער פּלוצלינג אַרויסגערעדט. — אָפט באַשעפטיקט מיך דערדאָזיקער געדאַנק, אַז אָט גייען מיר צוזאַמען, האַנט באַ האַנט מיט זיי, — מיט וועמען מיט „זיי"? מיט די זעלבע מענטשן, פאַר וועלכע מיר גייען ליידן. און אין גרונד גענומען איז נישט נאָר מיר קענען זיי נישט, נאָר מיר ווילן זיי נישט קענען. און זיי טוען נאָך ערגער, זיי האַסן אונז און האַלטן פאַר זייערע שונאים. אָט דאָס איז דאָס שרעקלעכסטע.

— ס'איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, — האָט געזאָגט נאָוואָדוואָראָוו, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צום שמועס. — די מאַסן פאַרגעטערן שטענדיק בלויז הערשאַפט, — האָט ער געזאָגט מיט זיין קנאַקעדיקער שטים. — די רעגירונג הערשט, — פאַרגעטערן זיי זי און האַסן אונז; מאָרגן וועלן מיר זיין באַ דער מאַכט, — וועלן זיי אונז פאַרגעטערן...

אין דער זעלבער מינוט איז הינטער דער וואַנט געוואָרן אַ גערוואַלדיקער טומל. אַ קלאַפּעריי אין וואַנט, אַ קלינגעריי פון די קייטן, אַ געשריי און אַ ליאַרם. עמעצן האָט מען געשלאָגן, עמעצער האָט געשריגן: „קאַראַול!"

— אמתע חיות! וואָס פאַר אַ שייכות קאָן זיין צווישן זיי און אונז? — האָט נאָוואָדוואָראָוו רויק געזאָגט?

— דו זאָגסט, אַז זיי זענען חיות. און אָט האָט מיר ערשט נעכ־ליודאָוו דערציילט אַ פאַל פון איינעם פון זיי, — האָט קרילצאָוו געריצט געזאָגט, — און האָט דערציילט די געשיכטע מיט מאַקאַרן, וועלכער האָט ריזיקירט מיטן לעבן, ווענדיק ראַטעווען אַ לאַנדסמאַן. — דאָס איז שוין נישט ענלעך אויף אַ חיה, דאָס איז אַ גבורה!

— סענטימענטאַליטעטן! — האָט נאָוואָדוואָראָוו איראָניש גע־זאָגט. — אונז איז שווער צו באַגרייפן די עמאָציעס פון דידאָזיקע מענטשן און די מאָטיוון פון זייערע מעשים. דו זעסט אין דעם גרויס־מוטיקייט, און דאָ קאָן גאָר זיין קנאה צו יענעם קאַטאָרזשאַנער.

— פאַרוואָס ווילסטו אין דעם צווייטן קיינמאָל נישט זען עפּעס גוטס, — האָט מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ, פּלוצלינג אויפפלאַמענדיק זיך, געזאָגט, (זי האָט אַלעמען געדוצט).

— מען קאָן נישט זען, וואָס עס איז נישטאָ.

— וואָס הייסט נישטאָ, ווען אַ מענטש ריזיקירט מיט אַ שרעק־לעכן טויט.

— איך מיין, — האָט נאָוואָדוואָראָוו געזאָגט, — אַז אויב מיר ווילן טון אונזער זאַך, איז דער ערשטער באַדינג (קאָנדראַטיעוו האָט אָוועקגעלייגט דאָס בוך, וואָס ער האָט געלייענט פאַרן לאָמפּ, און האָט אויפמערקזאַם גענומען הערן זיין רבין), אַז מיר זאָלן נישט פאַנטאַזירן, נאָר קוקן אויף זאַכן, ווי זיי זענען. אַלץ טון פאַר די פאָלקס־מאַסן, אָבער פון זיי גאָרנישט דערוואַרטן; די מאַסן זענען דער אָביעקט פון אונזער טעטיקייט, אָבער זיי קאָנען נישט זיין אונזערע מיטאַרבעטער, כל זמן זיי זענען פאַרגליווערט, ווי איצטער, — האָט ער אָנגעהויבן, ווי ער וואָלט געלייענט אַ לעקציע. — און דעריבער איז אינגאַנצן אילוּ־זאָריש צו האָפן אויף זייער הילף, כל זמן ס'איז נאָך נישט פאַרגעקומען דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, יענער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, צו וועלכן מיר גרייטן זיי צו.

— וואָס פאַר אַן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, — האָט קרילצאָוו אַרויס־גערעדט רויט ווערנדיק. — מיר טענהן, אַז מיר זענען קעגן הפקרות און דעספּאָטיזם, און צי דען איז דווקא דאָס נישט דער שרעקלעכסטער דעס־פּאָטיזם?

— נישטאָ דאָ קיין שום דעספּאָטיזם. — האָט נאָוואָדוואָראָוו רויק

געגנטפערט. — איך זאָג נאָר, אַז איך ווייס דעם וועג, מיט וועלכן עס דאַרף גיין דאָס פאָלק, און איך קאָן אָנווייזן דעמדאָזיקן וועג.

— אָבער פונוואַנען ביסטו זיכער, אַז דער וועג, וועלכן דו ווייזט אָן, איז דער ריכטיקער? צי דען איז דאָס נישט קיין דעספאָטיזם, פון וועלכן עס זענען אַרויסגעקומען די אינקוויזיציע און די עשאַפאָטן פון דער גרויסער רעוואָלוציע. זיי האָבן אויך געוווסט דעם איינציקן אמתן וועג.

— דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט אַ טעות, באַווייזט נאָך נישט, אַז אויך איך זאָל האָבן אַ טעות. און דערצו איז אַ גרויסער חילוק צווישן די פלוידערייען פון אידעאָלאָגן און די פאַקטן פון דער פאָזיטיווער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט.

נאָוואָדוואָראָווס שטימע האָט אָנגעפילט די גאַנצע קאַמער. ער אַליין האָט געפרעגט און אַלע האָבן געשוויגן.

— שטענדיק נאָר מען דיספוטירט. — האָט געזאָגט מאַריאַ פאַוולאָוונאַ, בעת ער איז אויף אַ רגע שטיל געוואָרן.

— און איר אַליין, ווי דענקט איר וועגן דעם? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט מאַריאַ פאַוולאָוונען.

— איך מיין, אַז אַנאַטאָלי איז גערעכט, מיר קאָנען נישט אָנבינדן דעם פאָלק אונזערע אָנשויונגען.

— נו, און איר קאַטיושאַ? — האָט נעכליודאָוו שמייכלענדיק געפרעגט, מיט אַ ציטער וואַרטנדיק אויף איר ענטפער, אפשר וועט זי נישט ענטפערן, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

— איך מיין, אַז דאָס פּראָסטע פאָלק איז באַעוולט, — האָט זי געזאָגט, אויפלאַמענדיק. — שוין צופיל איז דאָס פּראָסטע פאָלק באַעוולט.

— ריכטיק, מיכאַילאָוונאַ, ריכטיק. — האָט נאַבאַטאָוו אויסגעשריגן.— שטאַרק באַעוולט איז דאָס פאָלק. מען דאַרף, אַז מען זאָל עס נישט באַעוולן. אין דעם באַשטייט אונזער גאַנצע זאַך.

— אַ מאָדנע פאָרשטעלונג וועגן די אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע, — האָט נאָוואָדוואָראָוו געזאָגט און האָט שווייגנדיק מיט כעס אָנגעהויבן רייכערן.

— איך קאָן מיט אים נישט רעדן. — האָט קרילצאָוו שטיל אַ זאָג געטון און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— טאַקע אַ סך גלייכער נישט צו רעדן, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

XV.

נישט געקוקט דערויף, וואָס נאָוואָדוואָראָוו איז געווען זייער געאכט פון אַלע רעוואָלוציאָנערן, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען זייער געלערנט און מ'האָט אים געהאַלטן פאַר זייער קלוג, האָט אים נעכליודאָוו צוגערעכנט צו די־יעניקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זייענדיק לויט זייערע מאָראַלישע אייגנשאַפטן נידעריקער פון דורכשניט, זענען געווען אַ סך נידעריקער פון דעם דורכשניט. די אינטעלעקטועלע קרעפטן פון אָט דעם מענטש — זיין ציילער — זענען געווען גרויסע; אָבער די מיינונג זיינע וועגן זיך — זיין טייל־וויזער — איז געווען גאָרנישט אין ערך גרויס און האָט שוין לאַנג אריבערגעוואַקסן זיינע אינטעלעקטועלע קרעפטן.

דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַ גאַנץ פאַרקערטער אָרגאַניזאַציע פון גייסטיקן לעבן ווי סימאָנסאָן. סימאָנסאָן איז געווען איינער פון די מענטשן, דאָס רוב — פון מענערישער אָרגאַניזאַציע, וואָס זייערע האַנדלונגען דרינגען אַרויס און ווערן באַשטימט פון דער טעטיקייט פון געדאַנק און וואָס דידאָזיקע טעטיקייט באַשטימט זייערע האַנדלונגען. נאָוואָדוואָראָוו ווידער האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע מענטשן, דער עיקרשט — פון ווייבלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס די טעטיקייט פון דעם געדאַנק איז באַ זיי אויסן טיילווייז צו דערגרייכן די צילן, וואָס דאָס געפיל שטעלט אַוועק, און טיילווייז — צו באַרעכטיקן די האַנדלונגען, וואָס דאָס געפיל האָט אַרויסגערופן.

די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט נאָוואָדוואָראָווס, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט זי מיט אַ גרויסן פּוח־הדיבור געקאָנט דערקלערן דורך זייער איבערצייגנדיקע ראיות, איז נעכליודאָוון אויסגעקומען, אַז זי שטיצט זיך בלויז אויף פוסטער אַמביציע, אויף דעם באַגער צו שפּילן די ערשטע ראָלע פאַר מענטשן. לכתחילה האָט ער — אַ דאַנק זיין פעיקייט צו איבערנעמען פרעמדע געדאַנקען און פּינקטלעך איבערגעבן זיי — אין דעם פּעריאָד פון לערנען, אין דער סביבה פון לערער און תּלמידים, ווו דידאָזיקע פעיקייט ווערט הויך געשאַצט, (גימנאַזיע, אוניווערזיטעט

און מאַגיסטערטום) — געשפּילט די ערשטע ראָלע, און ער איז געווען באַפרידיקט. אַז ער האָט אָבער געהאַט באַקומען דעם דיפּלאָם און זיך אויפגעהערט צו לערנען, און אויך די דאָזיקע ערשטע ראָלע זיינע האָט אויפגעהערט, האָט ער פּלוצלינג — ווי דאָס האָט נעכלוידאָוו דערציילט קרילצאָוו, וועלכער האָט נעכלוידאָוו נישט ליב געהאַט, — אינגאַנצן געענדערט זיינע אָנשויונגען, כּדי צו שפּילן די ערשטע ראָלע אין דער נייער ספערע, און איז פון אַ פּראָגרעסיסט־ליבעראַל געוואָרן אַ רויטער נאַראָדאָוואָליסט. אַ דאַנק דעם, וואָס אין זיין כאַראַקטער האָבן געפעלט מאָראַלישע און עסטעטישע אייגנשאַפטן, וועלכע רופן אַרויס ספקות און וואַקלונגען, האָט ער זייער שנעל פאַרנומען אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט די שטעלונג פון אַ פּאַרטיי־פירער, וואָס דאָס האָט באַפרידיקט זיין אייגנליבע. איינמאָל אויסגעקליבן אַ ריכטונג, האָט ער שוין קיינמאָל נישט געצווייפלט, נישט געוואַקלט, און דעריבער איז ער געווען זיכער, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין טעות. אַלץ איז בײַ אים אויסגעקומען פּשוט, קלאָר און אָן ספק. און, בײַ דער ענגקייט און איינזייטיקייט פון זיין אָנשויונג, איז ווירקלעך אַלץ געווען פּשוט און קלאָר, מען האָט באַדאַרפט בלויז, ווי ער פלעגט זאָגן, זיין לאָגיש. זיין זעלבסטזיכערקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט געקאָנט אָדער פון זיך בלויז אָפּשטויסן מענטשן אָדער זיי מכניע זיין. און אַזוי ווי זיין טעטיקייט איז פאָרגעקומען צווישן זייער יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיין אומענדלעכע זעלבסטזיכערקייט אָנגענומען פאַר טיפזיניקייט און חכמה, פלעגט די מערהייט זיך אים אונטערגעבן, און ער האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן. זיין טעטיקייט איז באַשטאַנען אין צוגרייטן צו אַן אויפשטאַנד, אין וועלכן ער האָט באַדאַרפט פאַרכאַפּן די מאַכט און אויפרופן אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג. אויף דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג האָט באַדאַרפט פאָרגעלייגט ווערן דער פּראָגראַם, וואָס ער האָט פאַרפאַסט. און ער איז געווען פולקאָם זיכער, אַז דער דאָזיקער פּראָגראַם האָט אויסגעשעפּט אַלע פראַגן, און מ'האָט נישט געקאָנט נישט אויספירן אים.

די חברים האָבן אים געאַכט פאַר זיין דרייסטקייט און אַנטשלאָסנקייט, אָבער נישט ליב געהאַט. ער ווידער האָט קיינעם נישט ליב געהאַט און צו אַלע הויך באַגאַבטע מענטשן זיך באַצויגן אַזוי ווי צו ריוואַלן, און וואָלט גערן זיי באַהאַנדלט ווי די אַלטע זכרים־מאַלפּעס באַהאַנדלען די יונגע, ווען ער וואָלט עס געקאָנט. ער וואָלט אַרויסגעריסן דעם גאַנצן

שכל, אַלע פעיקייטן בײַ די אַנדערע מענטשן, אַבי זײ זאָלן נישט שטערן זײַנע פעיקייטן זיך אַרויסצוּװײַזן. ער האָט זיך פאַרהאַלטן גוט בלויז צו די מענטשן, װעלכע האָבן זיך געבויגן פאַר אים. אַזוי האָט ער זיך איצטער, אומפּאַרטײִשנס, באַציִען צו דעם אַרבעטער קאָנדראַטיעװ, װעלכן ער האָט אױסגעפּראָפּאַגאַנדירט, צו װערא יעפּימאָװנען און צו דער שײנער גראַבעץ, װאָס זענען בײדע געװען פאַרליבט אין אים. הגם פּרינציפּיעל איז ער געװען פאַר דער פרויען-פראַגע, אָבער טיף אין האַרץ האָט ער אַלע פרויען מבטל געװען אַלס נאַרישע און גאַרנישטן, מיט דעם אױסנאַם פון די, אין װעלכע ער איז אָפט געװען סענטימענטאַל פאַרליבט אַזוי, װי ער איז איצט געװען פאַרליבט אין דער גראַבעץ, און דאַן פלעגט ער זײ האַלטן פאַר אױסערגעװײנלעכע פרויען, װאָס נאָר ער האָט געקאָנט באַמערקן זײערע מעלות.

די פראַגע װעגן די באַציִונגען פון די געשלעכטער האָט אים, װי אַלע פראַגן, אױסגעװיזן זײער פּשוט און קלאָר און אינגאַנצן פאַרענטפערט דורך אָנערקענען די פרײַע ליבע.

ער האָט געהאַט אײן װײַב אַ פיקטיװע, אײנע אַן אמתע, מיט װעלכער ער איז זיך צעגאַנגען, זיך האָבנדיק איבערצײַגט, אַז צװישן זײ איז נישטאָ קײן אמתע ליבע, און איצט האָט ער געהאַט בדעה אַרײַנצוגײן אין אַ נײַ, פרײַ צוזאַמענלעבן מיט דער גראַבעץ.

נעכליודאָװן האָט ער פאַראַכט דערפאַר, װײַל ער „מאַכט אָנשטעל“ — אַזױ פלעגט ער זאָגן — מיט מאַסלאָװען, און בפרט דערפאַר, װאָס ער דערלויבט זיך צו טראַכטן װעגן די חסרונות פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג און װעגן די מיטלען זי מתקן צו זײַן — נישט נאָר װאָרט אין װאָרט אַזוי, װי ער, נאָװאָדװאָראָװ, האָט געטראַכט, נאָר אפילו עפּעס אױף אַן אײגענעם שטײגער, מעשה פּירשט, ד. ה., מעשה נאַר. נעכליודאָװ האָט געװוּסט פון דעראָזיקער באַציִונג צו אים מצד נאָװאָדװאָראָװן און, צו זײַן עגמת-נפש, האָט ער געפילט, אַז טראָץ דער לײַטזעליקער שטימונג, אין װעלכער ער האָט זיך געפונען בשעת דער רײַזע, צאָלט ער אים מיט דער זעלבער מטבע און קאָן בשום אופן נישט גובר זײַן די גאָר שטאַרקע אַנטיפּאַטיע צו דעמדאָזיקן מענטש.

XVI.

אין דער דערבייאיקער קאמער האָבן זיך דערהערט שטימען פון עלטסטע, אַלץ איז שטיל געוואָרן, און באַלד דערויף איז אַריינגעקומען דער עלטסטער מיט צוויי קאָנוואָי־זעלנער. דאָס איז געווען די רעוויזיע. דער עלטסטער האָט אַלעמען איבערגעציילט, אָנטייטנדיק אויף יעדן מיטן פינגער. אַז די ריי איז געקומען צו נעכליודאָוון, האָט ער אים פאַמיליאַר געזאָגט:

— איצטער, פירשט, טאָר מען שוין נישט בלייבן נאָך דער רעוויזיע. מ׳דאַרף אַוועקגיין.

נעכליודאָוו, וויסנדיק, וואָס דאָס איז טייטש, איז צו אים צו און אים אַריינגערוקט די אָנגעגרייטע דריי רובל.

— נו, וואָס קאָן מען מיט אייך מאַכן! זיצט נאָך אַ ווײַלע.

דער עלטסטער האָט געוואָלט אַוועקגיין, ערשט ס׳איז אַריינגעקומען דער אונטעראָפיציר און גלייך נאָך אים — אַ הויכער, דאַרער אַרעסטאַנט מיט אַן אונטערגעשלאָגן אויג און מיט אַ שיטער בערדל.

— איך בין געקומען מכּוח דעם מיידעלע, — האָט דער אַרעסטאַנט געזאָגט.

— אָט איז דער טאַטעשי געקומען, — האָט זיך פּלוצלינג געלאָזט הערן אַ הילכיק קינדעריש קָעלעכל, און אַ ווייסהאָריק קעפּל האָט זיך דערהויבן פון הינטער דער ראַנצעוואַ, וועלכע האָט צוזאַמען מיט מאַריע פּאַוולאָוונען און קאַטיושען געבניית דעם מיידעלע אַ ניי מלבוש פון דעם קליידל, וואָס ראַנצעוואַ האָט מנדב געווען.

— איך, טעכטערל, איך, — האָט בוזאָווקין צערטלעך געזאָגט.

— איר איז דאָ גוט, — האָט מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ געזאָגט, יסורימדיק זיך איינקוקנדיק אין בוזאָווקינס צעשלאָגן פּנים. — לאָזט זי איבער בײַ אונז.

— די פרייליַנס נייען מיר אַ ניי קליידעלע, — האָט דאָס מיידעלע געזאָגט, אָנווייזנדיק דעם פאָטער אויף ראַנצעוועס אַרבעט. — אַ שייניניקעס, אַ רויטינקעס, — האָט זי געפּלאַפּלט.

— ווילסט בּאַ אונז נעכטיקן? — האָט ראַנצעווא געפרעגט, קעכ־לענדיק דאָס מיידעלע.

— וויל. און טאַטעשי.

ראַנצעווא האָט אויפגעשיינט מיט איר שמייכל.

— טאַטעשי טאָר נישט, — האָט זי געזאָגט. — טאָ לאָזט זי אי־בער, — האָט זי זיך געווענדט צום פאָטער.

— מילא, לאָזט זי, — האָט דער עלטסטער זיך אָפּגערופן, שטיין בלייבנדיק אין דער טיר, און איז אַרויס צוזאַמען מיט דעם אונטער־אָפיציר.

ווי נאָר די קאָנוואָי־לייט זענען אַרויסגעגאַנגען, איז נאַבּאַטאָוו צו־צו בּוזאָווקינען און, אָנרירנדיק אים פאַרן אַקסל, געזאָגט:

— נו, וואָס, ברודער־לעבן, ס'איז אמת, אַז קאַרמאַנאָוו וויל מיט אייך זיך בּייטן?

בּוזאָווקינס גוטמוטיק, ליב פריינדלעך פּנים איז פּלוצלינג געוואָרן טרויעריק און די אויגן האָבן זיך אויך פאַרצויגן מיט אַזאַ נעפּל.

— מיר האָבן נישט געהערט דערפון. ס'גלייבּט זיך נישט, — האָט ער געזאָגט און, נישט אַראָפּנעמענדיק פון די אויגן זיינע דעם נעפּל, צו־געגעבּן: — נו, אַקסיוטקאַ, וועסט שוין מסתּמא בּלייבּן קיניגן מיט די פריילינס, — און איז אויף גיך אַרויסגעגאַנגען.

— ער ווייסט אַלצדינג, און ס'איז אַן אמת, אַז זיי האָבן זיך געבּיטן, — האָט נאַבּאַטאָוו געזאָגט. — וואָס־זשע וועט איר טון?

— איך וועל זאָגן אין שטאָט דער העכערער מאַכט. איך קען זיי בּיידן אין פּנים, — האָט נעכליודאָוו געענטפערט.

אַלע האָבן געשוויגן, ווייזט אויס — מורא געהאַט, דער וויכּוח זאָל זיך נישט אָנהייבּן אויף אַ נייעם קאָן.

סימאָנסאָן, וועלכער איז די גאַנצע צייט שווייגנדיק געלעגן אויף די נאַרעס, די הענט פאַרוואָרפן אַהינטערן קאָפּ, האָט זיך אַנטשלאָסע־נערהייט אויפגעהויבּן און, פאַרזיכטיק אַרומגייענדיק די, וואָס זענען געזעסן, איז ער צו צו נעכליודאָוון:

— קאָנט איר מיך איצטער אויסהערן?

— פאַרשטייט זיך, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט און איז אויפגע־שטאַנען צו גיין נאָך אים.

אַ קוק געטון אויף דעם אויפגעשטאַנענעם נעכליודאָוון און זיך

באַגעגנט מיט אים מיט די אויגן, איז קאַטיושאַ רויט געוואָרן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, גלייך ווי איר וואָלט געהאַט עפּעס קשה.

— איך האָב צו אייך אַזאַ מין ענין, — האָט סימאָנסאָן אָנגעהויבן, בעת ער איז מיט נעכליודאָוון אַרויס אין קאָרידאָר. אין קאָרידאָר האָט זיך גאָר באַזונדער געהערט דער הוהאַ און די שטימען צווישן די אַרעסטאַנטן. נעכליודאָוו האָט זיך אַ קרום געטאָן, אָבער סימאָנסאָנען האָט עס, ווייזט אויס, נישט געקימערט.

— קענענדיק אייער באַציונג צו קאַטערינאַ מיכאַילאָווגען, — האָט ער אָנגעהויבן, מיט זיינע גוטע אויגן קוקנדיק אויפמערקזאַם און גלייך נעכליודאָוון אין פּנים אַריין. — האַלט איך פאַר מיין חוב, — האָט ער ממשיך געווען, האָט זיך אָבער געמוזט אָפּשטעלן, וואָרים סאַמע באַ דער טיר האָבן צוויי שטימען געשריגן פאַר אַמאָל, זיך וועגן עפּעס געקריגט:

— מ׳זאָגט דאָך דיר, לעקיש: ס׳איז נישט מיינע! — האָט איין קול געשריגן.

— ווער דערוואָרגן, טייוול! האָט דאָס צווייטע זיך געריסן.

אין דער ווייל איז מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ אַרויס אין קאָרידאָר.

— מ׳קאָן דאָך דאָ גאָרנישט רעדן. — האָט זי געזאָגט, — קומט אַהערצו. דאָרט איז אויסער וועראָטשקען קיינער נישטאָ. — און זי איז אַוועק פאָרויס, אַריין אין דער דערבייאיקער טיר פון אַ פּיצל קאַמער, ווייזט אויס — אַן איינצלנער, וואָס מ׳האָט איצטער אָפּגעגעבן אין רשות פון די פּאָליטישע פרויען. אויף די נאַרעס איז געלעגן ווערא יעפרעמאָוונאַ, איינגעדעקט איבערן קאָפּ.

— זי האָט מיגרען, שלאָפט זי און הערט גאָרנישט, און איך גיי אַוועק, — האָט מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ געזאָגט.

אדרבא, בלייב דאָ, — האָט סימאָנסאָן געזאָגט, — קיין סודות האָב איך נישט פאַר קיינעם, בפרט פאַר דיר נישט.

— נו, גוט, — האָט מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ געזאָגט און, ווי אַ קינד זיך רוקנדיק מיטן גאַנצן קערפּער פון איין זייט אין דער אַנדערער און דורך אַזאַ באַוועגונג זיך טיפער איינמאַשטשענדיק אויף די נאַרעס, האָט זי זיך צוגעגערייט צו הערן, קוקנדיק ערגעץ־ווו ווייט מיט אירע שיינע שאָפענע אויגן.

— איז אָט האָב איך צו אייך אַזאַ ענין, — האָט סימאָנסאָן אי-

בערגעחזרט. — קענענדיק אייער באַציונג צו קאַטערינאַ מיכאַילאָוונען, האַלט איך פאַר מיין חוב צו מעלדן אייך מיין באַציונג צו איר.

— דאָס הייסט, ווי אַזוי ? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט, אָנקווענענדיק פון דער פשוטקייט און אמתדיקייט, מיט וועלכער סימאָנסאָן האָט מיט אים גערעדט.

— דאָס הייסט, אַז איך וואָלט געוואָלט חתונה האָבן מיט קאַטערינאַ מיכאַילאָוונען...

— מערקווירדיק ! — האָט מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ געזאָגט, שטאַר אָנקוקנדיק סימאָנסאָנען.

— ...און האָב באַשלאָסן בעטן זי וועגן דעם, בעטן זי, זי זאָל זיין מיין ווייב, — האָט סימאָנסאָן ממשיך געווען.

— איז וואָס-זשע קאָן איך דאָ טון ? דאָס ווענדט זיך אָן איר, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— יאָ, אָבער אָן אייך וועט זי עס בא זיך נישט פועלן.

— פאַרוואָס ?

— דערפאַר, ווייל כל-זמן די פראַגע פון אייערע באַציונגען מיט איר איז נישט ענדגילטיק באַשלאָסן, קאָן זי גאָרנישט נישט אויסוויילן.

— פון מיין זייט איז די פראַגע ענדגילטיק באַשלאָסן. איך האָב געוואָלט טון דאָס, וואָס איך האַלט פאַר מיין חוב, און אויסער דעם פאַרלייכטערן די לאַגע אירע, אָבער בשום אופן וויל איך איר נישט שטערן.

— יאָ, אָבער זי וויל נישט אייער קרבן.

— קיין שום קרבן איז דאָ נישטאָ.

— און איך ווייס, אַז דערדאָזיקער באַשלוס אירער איז נישט צו ענדערן.

— אויב אַזוי, איז וואָס איז דאָס פאַראַן צו רעדן מיט מיר ? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— עס איז איר נייטיק, אַז איר זאָלט עס אויך אָנערקענען.

— וויאַזוי-זשע קאָן איך אָנערקענען, אַז איך דאַרף נישט אָפּטון דאָס, וואָס איך האַלט פאַר מיין חוב. איינס נאָר, וואָס איך וויל זאָגן איז, אַז איך בין נישט פריי, זי אָבער איז יאָ פריי.

סימאָנסאָן האָט אַ ווײַלע געשוויגן פאַרטראַכטערהייט.

— גוט, איך וועל איר אַזוי טאַקע זאָגן. איר זאָלט נאָר נישט מיינען, אַז איך בין פאַרליבט אין איר, — האָט ער ממשיך געווען. —

איך האָב זי ליב ווי אַ הערלעכן, זעלטענעם מענטש, וואָס האָט אַ סך געליטן. איך דארף פון איר קיין זאַך נישט האָבן, אָבער מיר ווילט זיך שרעקלעך העלפן איר, פאַרלייכטערן איר לאַ...

נעכליודאָוו האָט זיך פאַרוואונדערט, דערהערנדיק אַ ציטער אין סימאָנסאָנס קול.

— ...פאַרלייכטערן איר לאַגע, — האָט סימאָנסאָן ממשיך גע־ווען. — אויב זי וויל נישט אָננעמען אייער הילף, זאָל זי אָננעמען מיין הילף. ווען זי זאָל מסכים זיין, וואָלט איך געבעטן, מ׳זאָל מיך פאַרשיקן אין איר באַשטימונגס־אָרט. פיר יאָר איז נישט קיין אייביקייט. איך וואָלט געלעבט עבן איר און וואָלט אפשר פאַרלייכטערט איר גורל... — ווידער איז ער שטיין געבליבן פאַר איופּרעגונג.

— וואָס־זשע קאָן איך זאָגן? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט. — איך בין צופרידן, וואָס זי האָט געפונען אַזאַ באַשיצער ווי איר...

— אָט דאָס טאַקע האָב איך עס געוואָלט געוויר ווערן, — האָט סימאָנסאָן ממשיך געווען. — ליב האָבנדיק זי, ווינטשנדיק איר גוטס, האָב איך געוואָלט וויסן, צי וואָלט איר איינגעפונען, אַז איר חתונה האָבן מיט מיר איז אַ גוטע זאַך?

— אָ, יאָ, — האָט נעכליודאָוו אַנטשלאָסן געזאָגט.

— עס האַנדלט זיך נאָר אין איר. מיר גייט נאָר אין דעם, אַז ידאָזיקע אויסגעליטענע נשמה זאָל אָפּרוען, — האָט סימאָנסאָן געזאָגט, קוקנדיק אויף נעכליודאָוון מיט אַזאַ קינדישער צערטלעכקייט, וועלכע מ׳האָט נישט געקאָנט דערוואַרטן בשום אופן פון דעמדאָזיקן מענטש מיט דעם פינצטערן געשטאַלט.

סימאָנסאָן איז אויפגעשטאַנען און, אָנגענומען נעכליודאָוון פאַר דער האַנט, זיך אַ ציַ געטון צו אים מיטן פּנים, שעמעוודיק זיך צע־שמייכלט און אים אַ קוש געטון.

— אַזוי טאַקע וועל איך איר זאָגן, — האָט ער געזאָגט און איז אַרויס.

XVII.

— ווי געפעלט אייך? — האָט מאַריאַ פּאַוולאָווּנאַ געזאָגט. — פאַרליבט, וואָס פאַרליבט הייסט. איך וואָלט זיך עס קיינמאָל גאָרנישט געריכט, אַז וואָלאָדימיר סימאָנסאָן זאָל זיך פאַרליבן מיט אַזאַ מין נאַריש, ייִנגלשער פאַרליבטקייט. אַ חידוש און, דעם אמת געזאָגט, אַ פאַרדראָס, — האָט זי אויסגעלאָזט מיט אַ זיפץ.

— און זי, קאַטיאַ? ווי אַזוי, מיינט איר, באַציט זי זיך דערצו? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— זי? — מאַריאַ פּאַוולאָווּנאַ איז שטיין געבליבן, ווייזט אויס געוואָלט וואָס גענויער ענטפערן אויף דער פראַגע. — זי? — זי איז, זעט איר, טראָץ איר פאַרגאַנגענהייט, בטבע איינע פון די עטישסטע נאַטורן... און פילט אַזוי פיין... זי האָט אייך ליב, שיין ליב, און איז גליקלעך, וואָס זי קאָן אייך טון כאָטש דאָס נעגאַטיווע גוטס, זי זאָל אייך נישט פאַרפּלאָנטערן מיט זיך. חתונה האָבן מיט אייך וואָלט פאַר איר געווען אַ שרעקלעכע ירידה, ערגער פאַר אַלדאָס פריערדיקע, און דעריבער וועט זי קיינמאָל נישט מסכים זיין דערויף. אָבער צוגלייך דערמיט באַאומרויקט זי אייער אַנוועזנהייט.

— איז אַלזאָ זאָל איך פאַרשווינדן? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ האָט אַ שמייכל געטון מיט איר ליבן קינדישן שמייכל.

— יאָ, טיילווייז.

— ווי אַזוי פאַרשווינדט מען עס טיילווייז.

— איך האָב געזאָגט אַ ליגנט; אָבער וועגן איר האָב איך אייך טאַקע געוואָלט זאָגן, אַז זי זעט מסתמא דעם אומזין פון זיין מאָדנער, באַגייסטערטער ליבע (ער האָט איר קיין זאַך נישט געזאָגט), און זי איז אי געשמייכלט דערפון, אי זי האָט מורא פאַר איר. איך בין, ווייסט איר, נישט באַהאַוונט אין דיזאָזיקע ענינים, מיר דאַכט זיך אָבער, אַז פון זיין זייט איז דאָ דאָס סאַמע געוויינלעכע מאַנסבילשע געפיל, הגם פאַרמאַס-

קירט. ער זאָגט, אַז דידאָזיקע ליבע דערהייבט אין אים די ענערגיע און אַז דידאָזיקע ליבע איז אַ פּלאַטאָנישע. איך אָבער וויס דאָך, אַז אויב דאָס איז אַן אויסשליסלעכע ליבע, איז אין גרונט פון דערדאָזיקער ליבע ליגט אומבאַדינגט פּאָרט דאָס מיאוסקייט... אַזוי ווי בײַ נאָוואָדוואָראָוון מיט ליובאָטשקען.

מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ האָט אָפּגעווייכט פון דער פראַגע, זיך צערעדט אויף דער באַליבטסטער טעמע.

— אָבער וואָס זאָל איך טון? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— איך מיין, אַז איר דאַרפט איר זאָגן. ס'איז אַלעמאָל בעסער, אַז אַלץ זאָל זיין קלאָר. רעדט זיך מיט איר דורך, איך וועל זי אַ רוף טון. איר ווילט? — האָט מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ געזאָגט.

— ביטע, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, און מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ איז אַרויס.

אַן אויסטערליש געפיל האָט באַהערשט נעכליודאָוון, ווען ער איז געבליבן אין דער קליינער קאַמער, הערנדיק דאָס שטילע עטעמען, ווען-נישט-ווען איבערגעריסן פון וועראַ יעפרעמאָוונעס קרעכצן, און דעם הוהאַ פון די קרימינעלע, וואָס האָט נאָכאַנאַנד זיך געלאָזט הערן הינטער די צוויי טירן.

דאָס, וואָס סימאָנסאָן האָט אים געזאָגט, האָט אים באַפרייט פון דער התחייבות, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, וואָס האָט אים אין מינוטן פון שוואַכקייט אויסגעוויזן שווער און שרעקלעך, און דאָך איז אים עפּעס געווען נישט נאָר אומאָנגענעם, נאָר אויך שמערצלעך. אין דעם געפיל דעמדאָזיקן איז געווען אויך דאָס, וואָס סימאָנסאָנס פאָרשלאַג האָט צעשטערט די אויסשליסלעכקייט פון זיין האַנדלונג, פאַרמינערט אין די אויגן פון אייגענע און פרעמדע מענטשן דעם פרייז פון דעם קרבן, וואָס ער האָט געבראַכט; אויב אַ מענטש, דערצו אַזאַ גוטער מענטש, וואָס איז מיט איר דורך קיין שום זאַך נישט געבונדן, האָט געוואָלט מיט איר זיך פאַרבינדן, איז שוין זיין קרבן נישט געווען אַזאַ באַדייטנדער. ס'איז אויך אפשר געווען דאָס געוויינלעכע געפיל פון אייפערזוכט: ער איז אַזוי געוווינט געווען צו איר ליבע צו אים, אַז ער האָט נישט געקאָנט דערלאָזן, זי זאָל קאָנען ליב באַקומען אַן אַנדערן. דאָ איז אויך געווען די צעשטערונג פון אַ שוין אויסגעאַרבעטן פּלאַן — לעבן לעבן איר, כּל-זמן זי וועט אָפּקומען די שטראָף. ווען זי זאָל חתונה האָבן מיט סימאָנסאָנען, איז זיין אָנוועזנהייט געוואָרן איבעריק, און ער וואָלט באַדאַרפט

צוגרייטן אַ נייעם לעבנספּלאַן. ער האָט נאָך נישט באַוויזן זיך צו אָריענטירן אין זיינע געפילן, ערשט אין דער געעפנטער טיר האָט זיך אריינגעריסן אַ פאַרשטאַרקטער גערודער פון די קרימינעלע (היינט איז בא זיי געווען עפּעס אויסערגעוויינלעכס), און אין דער קאַמער איז אריין קאַטיושאַ.

זי איז צו אים צו מיט שנעלע טריט.

— מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ האָט מיך געשיקט, — האָט זי געזאָגט, שטיין בלייבנדיק נאָענט לעבן אים.

— יאָ, איך האָב געוואָלט זיך מיט אייך דורכרעדן. נאָר זעצט זיך. וולאַדימיר איוואַנאָוויטש האָט מיט מיר גערעדט.

זי האָט זיך געזעצט, אָוועקלייגנדיק די הענט אויף די קני און האָט אויסגעזען רויק, אָבער ווי נאָר נעכליודאָוו האָט אַרויסגערעדט דעם נאָמען סימאָנסאָן, איז זי שטאַרק רויט געוואָרן.

— וואָס האָט ער אייך געזאָגט? — האָט זי געפרעגט.

— ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל מיט אייך חתונה האָבן.

איר פּנים האָט זיך פּלוצלינג צוזאַמענגעקאַרטשעט, אויסדריקנדיק פּיין, אָבער זי האָט גאָרנישט געזאָגט און האָט בלויז אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— ער בעט מיין הסכמה, אָדער מיין ראַט. איך האָב געזאָגט, אַז אַלץ ווענדט זיך אָן אייך, אַז איר דאַרפט באַשליסן.

— אַך. וואָס עפּעס? וואָס? — האָט זי אַרויסגערעדט און מיט איר מאָדנעם שיקלדיקן קוק, וואָס פּלעגט שטענדיק באַזונדער שטאַרק ווירקן אויף נעכליודאָוון, אים אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין. עטלעכע מינוט האָבן זיי אָן ווערטער געקוקט איינע די אַנדערע אין די אויגן, און דערדאָזיקער בליק האָט פיל געזאָגט איינעם און דעם אַנדערן.

— איר דאַרפט באַשליסן, — האָט נעכליודאָוו נאָך אַמאָל געזאָגט.

— וואָס האָב איך צו באַשליבן, — האָט זי געזאָגט. — אַלץ איז שוין פון לאַנג באַשלאָסן.

— ניין, איר דאַרפט באַשליסן, צי איר נעמט אָן וולאַדימיר איוואַנאָוויטשס פּאָרשלאָג? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— וואָס פאַר אַ ווייב בין איך — אַ קאַטאָרזשאַנערין. צו וואָס זאָל איך נאָך אומגליקלעך מאַכן וולאַדימיר איוואַנאָוויטשן? — האָט זי געזאָגט און זיך אָנגעברוגזט.

— יאָ, אָבער אויב עס וואָלט אַרויס אַ באַגנעדיקונג ? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— אַך, לאָזט מיך אָפּ. ס'איז מער נישטאָ וואָס צו רעדן, — האָט זי געזאָגט און, אויפגעשטאַנען פון אָרט, איז זי אַרויס פון קאַמער.

XVIII.

בשעת נעכליודאָוו איז צוריקגעקומען גלייך נאָך קאַסיושען אין דער קאַמער פון די מענער, זענען דאָרטן אַלע געווען אויפגערעגט. נאַבאַטאָוו, וועלכער איז געווען אומעטום, און מיט אַלעמען אַריינגעגאַנגען אין באַציונגען און האָט אַלץ אָבסערווירט, האָט געבראַכט אַ ידיעה, וואָס האָט אַלעמען איבערראַשט. די ידיעה איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ער האָט אויף דער וואַנט געפונען אַ צעטל, וואָס האָט געשריבן פון דעם רעוואָלוציאָנער פעטלין, וועלכער איז געווען פאַרמשפּט צו קאַטאָרגע. אַלע האָבן געמיינט, אַז פעטלין איז שוין לאַנג אין קאַרע, און פלוצלינג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז ערשט נישט לאַנג אַדורכגעגאַנגען אויף דעם־דאָזיקן וועג איינער אַליין מיט קרימינעלע פאַרברעכער.

„דעם 17־טן אויגוסט, — איז געווען געשריבן אין צעטעלע, האָט מען מיך אַוועקגעשיקט אַליין מיט די קרימינעלע. נעווערָאָוו איז געווען מיט מיר און האָט זיך אויפגעהאָנגען אין קאַזאַן אין אַ משוגעים־הויז. איך בין געזונט און מונטער און האָף אויף דעם בעסטן“. אַלע האָבן אַרומגערעדט פעטלינס לאַגע און די סיבות פון נעווערָאָוס זעלבסטמאָרד. קרילצאָוו אָבער האָט שטאַרק פאַרטראַכט געשוויגן, קוקנדיק פאַר זיך מיט שטאַרע פינקלענדיקע בליקן.

— מיר האָט דער מאַן דערציילט, אַז נעווערָאָוו האָט געזעען גייסטער נאָך זייענדיק אין פעטראָפּאַוולאָווקע, — האָט ראַנצעווע געזאָגט.

— יאָ, אַ פּאָעט, אַ פאַנטאַסט, אַזוינע מענטשן פאַרטראָגן נישט, ווען זיי זיצן אַליין, — האָט נאָוואָדוואָראָוו געזאָגט. — אָט איך, ווען איך פלעג אַריינפאַלן אין איינצל־אַרעסט, פלעג איך נישט דערלויבן מיין פאַנטאַזיע צו אַרבעטן, און פלעג זייער סיסטעמאַטיש צעטיילן מיין צייט. און דעריבער פלעג איך זייער גוט אַריבערטראָגן דעם איינצל־אַרעסט.

— וואָס איז דאָ פאַראַן נישט אַריבערצוטראָגן? איך פלעג אָפּט זיין צופרידן, אַז מען פלעגט מיך פאַרזעצן, — האָט נאַבאַטאָוו געזאָגט מיט אַ מינטער קול, קענטיק צו פאַרטרייבן די שווערע שטימונג, — אויף דער פריי האָסטו פאַר אַלץ מורא: אי אַז דו וועסט אַליין אַריינפאַלן, און אַנדערע פאַרשלעפּן, און די גאַנצע זאַך קאַליע מאַכן, אָבער ווי מען האָט דיך אַריינגעזעצט — אַ סוף צו דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מען קאָן אָפּרוען, זיך זיך און רייכער!

— דו האָסט אים געקענט נענטער? — האָט מאַריאַ איוואַנאָווגאַ געפרעגט, אומרויק קוקנדיק אויף קרילצאָוון, אויף זיין פּנים, וואָס איז מיטאַמאָל ווי חושכער געוואָרן.

— נעוועראָוו איז אַ פאַנטאַזיאָר, — האָט קרילצאָוו פּלוצלינג אָנגעהויבן אָן אַן אָטעם, פּונקט ווי ער וואָלט פריער לאַנג געשריגן אָדער געזונגען. — נעוועראָוו — דאָס איז געווען אַזאַ מענטש, וואָס, ווי אונזער לאָקיי פלעגט זאָגן, די ערד געווינט ווייניק... יאָ... דאָס איז געווען דורך און דורך אַ קרישטאָלענער מענטש. אינגאַנצן האָט ער זיך דורכגעלויכטן. יאָ... נישט נאָר וואָס אַ ליגנט זאָגן האָט ער נישט געקאָנט — ער האָט נישט געקאָנט זיך פאַרשטעלן. נישט וואָס ער איז געווען אַ דינהויטיקער, ער איז געווען עפּעס אינגאַנצן ווי אָן אָפּגעפליקטער, און אַלע נערוון פון אויבן. יאָ... אַ קאָמפּליצירטע רייכע נאַטור, נישט אַזאַ... נו, אָבער וואָס איז דאָ צו רעדן!... — ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, — מיר דיספּוטירן, — האָט ער געזאָגט אין כּעס ווערנדיק, — וואָס איז בעסער — צי פריער אויסבילדן דאָס פאָלק, און שפּעטער ענדערן די פאָרמען פון לעבן, אָדער פריער ענדערן די פאָרמען פון לעבן, און דערנאָך, — ווי אַזוי צו קעמפן: דורך פרידלעכער פּראָפּאַגאַנדע, דורך טעראָר? מיר דיספּוטירן, יאָ. אָבער זיי דיספּוטירן נישט, זיי ווייסן, וואָס זיי האָבן צו טון, זיי איז אַלציינס, צענדליקער, הונדערטער מענטשן וועלן אומקומען, אָדער וועלן נישט אומקומען, און וואָס פאַר אַ מענטשן! פאַרקערט, זיי איז דווקא נייטיק, אַז די בעסערע זאָלן אומקומען. יאָ, הערצען האָט געזאָגט, אַז בעת די דעקאַבריסטן האָט מען אַרויסגענומען פון געברויך, האָט מען נידעריקער געמאַכט דעם אַלגעמיינעם ניוואָ. נאָך ווי נידעריקער געמאַכט! דערנאָך האָט מען אַרויסגענומען פון געברויך הערצענען אַליין און זיינע מיטצייטלער, איצטער די נעוועראָווס...

— צלעמען וועט מען נישט אומברענגען, — האָט נאַבאַטאָוו גע-

זאָגט מיט זיין מונטער קול. — עס וועט נאָך אַלץ בלייבן אויף אַרויס־צוברענגען צום לעבן אנדערע.

— ניין, עס וועט נישט בלייבן, אויב מיר ווילן זיי שאַנעווען, — האָט קרילצאָוו געזאָגט, אויפהייבנדיק אַ קול, און נישט געלאָזט, מען זאָל אים איבערשלאָגן. — גיב מיר אַ פּאַפּיראָס.

— דו פילסט זיך דאָך נישט גוט, אַנאַטאָלי, — האָט מאַריאַ פּאַוו־לאָוונאַ געזאָגט, — איך בעט דיך נישט רייכער!

— אַך, לאָז צורו, — האָט ער געזאָגט מיט כעס און האָט פאַר־רייכערט, אָבער גלייך האָט ער זיך פאַרהוסט; אים האָט גענומען ווערגן, ווי צום ברעכן. אָפּגעשפּיגן, האָט ער ווייטער גערעדט: — נישט דאָס האָבן מיר באַדאַרפט טון, נישט דאָס. נישט מפלפל זיין זיך האָבן מיר באַדאַרפט, נאָר זיך אַלע אויפזאַמלען... און פאַרניכטן זיי.

— אָבער זיי זענען דאָך אויך מענטשן, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— ניין, דאָס זענען נישט קיין מענטשן. די, וועלכע קאָנען טון אַלץ, וואָס זיי טוען אָט... ניין, אָט זאָגט מען מ'האָט אויסגעטראַכט באָמ־בעס און לופט־באַלאָנען. יאָ, זיך אויפהייבן אויף אַ לופט־באַלאָן און פאַרשיטן זיי, ווי די וואַנצן, מיט באָמבעס, ביז מען וועט זיי אויסהאָבן... יאָ. ווייל ס'איז... — האָט ער געוועזט ווידער אָנגעהויבן, אָבער איני־גאַנצן רויט געוואָרן האָט ער פּלוצלינג נאָך שטאַרקער זיך צעהוסט, און בלוט האָט אַ גאָס געטון אים פון מויל.

נאַבאַטאָוו איז אַוועקגעלאָפן נאָך שניי. מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ האָט געקריגן וואַלעריאַן־טראָפּנס און אים פאָרגעלייגט, אָבער ער האָט זי אָפּגעשטופּט מיט זיין ווייסער אויסגעדאַרטער האַנט און האָט שווער און אָפט געאָטעמט. ווען דער שניי און דאָס קאַלטע וואַסער האָבן אים עט־וואָס באַרויקט און מ'האָט אים איינגעלייגט אויף באַנאַכט שלאָפן, האָט זיך נעכליודאָוו אָפּגעזעגנט מיט אַלעמען און איז צוזאַמען מיטן אונטער־אָפיציר, וועלכער איז שוין לאַנג נאָך אים געקומען און שוין לאַנג אויף אים געוואַרט, אַוועק צום אַרויסגאַנג.

בא די קרימינעלע איז איצטער געווען שטיל. דאָס רוב איז שוין געשלאָפן. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די מענטשן אין די קאַמערן זע־נען געלעגן אי אויף די נאַרעס, אי אונטער די נאַרעס, אי אין די דורכ־גענג, האָבן זיי דאָך נישט געקאָנט האָבן געגוג פּלאַץ, און אַ טייל פון

זיי איז געלעגן אויף דער ערד אין קאָרידאָר, מיט זעק צוקאָפּנס און נאַסע כאַלאַטן אָנשטאָט קאָלדרעס.

פון די טירן פון די קאַמערן האָט זיך געהערט א כראָפּען, א קרעכצן און א רעדן דורכן שלאָף. אומעטום האָבן זיך נעזעען צונויפגעדרענגטע הייפלעך מענטשלעכע פיגורן, איינגעדעקטע מיט כאַלאַטן. בלויז אין דער קאַמער פאַר אומבאַווייבטע קרימינעלע זענען עטלעכע מענטשן נישט געשלאָפן. זיי זענען געזעסן אין א ווינקל אַרום א ליכטל, וועלכעס זיי האָבן פאַרלאָשן, דערזעענדיק א סאָלדאַט, און אין קאָרידאָר נאָך איז אונטערן לאָמפּ געזעסן אן אַלטער, א נאַקעטער, און האָט געקליבן פון העמד איינזעקטן. די פאַרפּעסטע לופט אין דעם לאָקאַל פאַר די פּאָליטישע האָט אויסגעוויזן ריין אין פאַרגלייך מיט דעם דומפּיקן עיפּוש, וואָס איז געווען דאַ. דער רויכערדיקער לאָמפּ האָט זיך עפּעס געזעען ווי דורך א נעפּל און ס'איז שווער געווען צו עטעמען. כדי דורכצוגיין דעם קאָרידאָר, נישט אָנטרעטנדיק אָדער נישט פאַרטשעפּנדיק מיטן פוס עמעצן פון די שלאָפנדיקע, האָט מען באַדאַרפט אויסקוקן אַפריער א פוסט אָרט און, אוועקגעשטעלט דערויף דעם פוס, זוכן אן אָרט פאַר דעם צווייטן טריט. דריי מענטשן, וועלכע האָבן, ווייזט אויס, נישט געפונען קיין פּלאַץ אין קאָרידאָר אויך נישט, האָבן זיך צעלייגט אין פאָרהויז, סאַמע אונטערן עיפּושדיקן און רינענדיקן פעסל-פּאַראַשע. איינער פון די דריי איז געווען אן אַלטער א תמעוואַטער, וואָס נעכליודאָוו פלעגט אים אָפט זעען אויף די עטאַפּ-מאַרשן. דער צווייטער איז געווען א יינגל פון א יאָר צען; ער איז געלעגן צווישן צוויי אַרעסטאַנטן און, אוועקגעלייגט די האַנט אונטער דער באַק, איז ער געשלאָפן אויף איינעמס א פוס.

ארויס פון טויער, איז נעכליודאָוו שטיין געבליבן און פונאַנדערציענדיק די ברוסט האָט ער לאַנג מיט די גאַנצע לונגען שטאַרק געעטעמט די פרָסטיקע לופט.

XIX.

דרויסן האָט זיך אויסגעשטערנט. איבער דער פאַרקאָוועטער, נאָר ווי-נישט-ווי נאָך נישט געפּרוירענער בלאָטע זיך צוריקגעקערט אויף זיין אכסניא, האָט נעכליודאָוו אָנגעקלאַפּט אין דעם טונקעלן פענצטער, און אַ ברייטפּלייציקער פאַראָבעק האָט אים באָרוועסערהייט געעפנט די טיר און אַריינגעלאָזט אין פאָרהויז אַריין. פון פאָרהויז רעכטס האָט זיך געהערט אַ הויך כראָפּען פון די באַלעגאָלעס אין דעם פאָדער-חדר; פאָרנט הינטער די טיר, אויפן הויף, האָט זיך געהערט, ווי אַזוי אַ גרויסע צאָל פערד האָבן געמעלהגרהט האָבער. לינקס האָט אַ טיר געפירט אין דער ריינער קאַמער אַריין. אין דער ריינער קאַמער האָט געשמעקט מיט ווערמוט און מיט שווייס און פון הינטערן שפּאַנישן ווענטל האָט זיך געהערט אַ גלייכמעסיקער צופייפנדיקער שנאָרך פון עמעצנס מעכטיקע לונגען און אין אַ רויט גלאָז האָט געברענט אַ לעמפּל פאַר די הייליקע בילדער. נעכליודאָוו האָט זיך אויסגעטון, האָט אויסגעבעט אויף דעם צעראַטענעם דיוואַן דעם פּלעד, זיין לעדערן קישעלע און האָט זיך געליגט, איבערקלויבנדיק אין זיין דמיון דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזעען און געהערט פאַר דעם הייַנטיקן טאָג. פון דעם אַלעם, וואָס נעכליודאָוו האָט היינט געזעען, איז אים שרעקלעכער פאַר אַלץ פאָרגעקומען דאָס ייִנגל, וואָס איז געשלאָפן אויף דער יויך, וועלכע איז אַרויסגערונען פון דעם פּעסל, דעם קאָפּ צווערקגעלייגט אַן צרעסטאַנט אויף דעם פוס.

טראָץ דער אומגעריכטקייט און וויכטיקייט פון דעם שמועס היינט אָוונט מיט סימאָנסאָנען און קאַטיושען, האָט ער זיך אויף דערדאָזיקער פּאַסירונג נישט אָפּגעשטעלט: זיין באַציונג דערצו איז געווען אַ צו פאַרוויקלטע און צוגלייך דערמיט — אַן אומבאַשטימטע, און דערום האָט ער געטריבן פון זיך דעם געדאַנק וועגן דעם. דערפאַר האָט ער נאָך לעבעדיקער דערמאַנט זיך אָן דעם בילד פון דידאָזיקע אומגליקלעכע. וואָס האָבן זיך געשטיקט אין דער פאַרדומפּענער לופט און זיך געוואַלגערט אויף דער פליסיקייט, וואָס איז אַרויסגערונען פון דעם שטינקענדיקן פּעסל, און דערהויפּט — אין דעם ייִנגל מיט דעם אומשולדיקן פּנים, וועלכער איז גע-

שלאָפן באַם קאַטאָרזשניק אויפן פוס; דאָס יינגל איז אים נישט אַרויס פון זינען.

וויסן, אַז ערגעץ-ווו ווייט טוען מענטשן אָן יסורים אַנדערע, צווינגענדיק זיי אויסצושטיין כּלערליי פּאַרקריפּלונגען, אוממענטשלעכע דערנידערונגען און עינויים; אָדער אין משך פון דריי חדשים נאָכאַנאַנד צוזעען דידאָזיקע פּאַרקריפּלונג און די פּייניקונג פון טייל מענטשן דורך אַנדערע — דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. און נעכליודאָוו האָט עס געפילט. ער האָט זיך נישט איין מאָל אין משך פון דידאָזיקע דריי חדשים געפרעגט: „בין איך דען משוגע, וואָס איך זע דאָס, וואָס אַנדערע זעען נישט, אָדער משוגע זענען די, וואָס טוען דאָס, וואָס איך זע?" אָבער מענטשן (און אַזוי פיל מענטשן) האָבן געטון דאָס, וואָס האָט אים אַזוי געוווּנדערט און געגרוילט, מיט אַזאַ רויִקער זיכערקייט אין דעם, אַז נישט נאָר אַזוי דאַרף מען, נאָר אַז דאָס, וואָס זיי טוען, איז זייער אַ וויכטיקע און אַ נוציקע זאַך, — אַז ס'איז שווער צו אָנערקענען דידאָזיקע אַלע מענטשן פאַר משוגעים; זיך אָבער אָנערקענען פאַר משוגע, האָט ער נישט געקאָנט, ווײַל ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אין דער קלאָרקייט פון זיין געדאַנק. און דערפאַר איז אים תּמיד געווען קשה.

דאָס, וואָס נעכליודאָוו האָט געזעען אין משך פון די דריי הדשים, האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אין אָט וועלכער געשטאַלט: פון די אַלע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אויף דער פריי זענען דורך דעם געריכט און דער אַדמיניסטראַציע אָפּגעקליבן געוואָרן די נערוועישסטע, די היציקסטע, די אויפגעוועדיקסטע, די באַגאַבטסטע און שטאַרקסטע, און ווייניקער פאַר אַנדערע — די געשייטע און פאָרזיכטיקע, און אָט די מענטשן, בשום אופן נישט שולדיקערע און נישט געפערלעכערע פאַר דער געזעלשאַפט, ווי די-יעניקע, וואָס זענען געבליבן אויף דער פריי, האָט מען פאַרשפּאַרט אין תּפיסות, עטאַפּן, קאַטאָרגעס, ווו מ'האָט זיי אָפּגעהאַלטן חדשים-לאַנג און יאָרנלאַנג אין פולשטענדיקן פוסט-און-פּאַס, מאַטעריעלע זאָרגלאָזיקייט און דערווייטערט פון נאַטור, פאַמיליע, אַרבעט, ד. ה. פון אַלע באַדינגונגען פון דעם מענטשלעכן נאַטירלעכן און מאָראַלישן לעבן. דאָס איז ראשית. והשנית האָט מען דידאָזיקע מענטשן אין דידאָזיקע אַנשטאַלטן געמאַכט אויסשטיין כּלערליי אומנייטיקע דערנידערונגען — קייטן, געגאָלטע קעפּ. שענדלעכע מלבושים, ד. ה. מ'האָט בײַ זיי אָפּגערויבט דעם הויפּט-פאַקטאָר פון דעם גוטן לעבן פון שוואַכע מענטשן — די זאָרג וועגן דער מענטשלעכער מיינונג, וועגן בושה. וועגן

דעם באַוווסטזיין פון מענטשלעכער ווירדע. דריטנס האָבן דידאָזיקע
מענטשן, זייענדיק תּמיד אין ספּנות־נפשות — שוין נישט צו רעדן וועגן
די אויסשליסלעכע פאַלן פון זונענשלעג, פון דערטרינקען זיך, פון שׂרפות,
פון די שטענדיקע קלעפּיקע קראַנקהייטן אין די געפענגעניש־ערטער, פון
אויסגעמאַטערטקייט, פון קלעפּ, — זיך שטענדיק געפונען אין יענער
לאַגע, בּאַ וועלכער דער בעסטער, דער עטישסטער מענטש טוט, אויס דאָס
געפיל פון זעלבסטדערהאַלטונג, באַגיין אָדער איז מוחל אַנדערע דאָס
באַגיין די שוידערלעכסטע מעשׂים־תּעתּועים. פערטנס האָט מען דידאָזיקע
מענטשן איבערגעוואַלט פאַרייניקט מיט אַזעלכע, וואָס דאָס לעבן (און
בפרט דידאָזיקע אַנשטאַלטן טאַקע) האָט זיי דעמאָראַליזירט, מיט אויס־
געלאָסענע, מיט מערדער און מיט גזלנים, וועלכע האָבן, אַזוי ווי זויער
טייג אויף טייג, געווירקט אויף די נאָך נישט איינגאַנצן, דורך די
געבּרויכטע מיטלען, דעמאָראַליזירטע מענטשן. און פינפטנס, ענדלעך,
האָט מען די אַלע מענטשן, וואָס מ'האָט געשטעלט אונטער דידאָזיקע
ווירקונגען, אויפן איבערצייגנדיקסטן אופן, דהיינו: דורך כּלערליי אומ־
מענטשלעכע האַנדלונגען איבער זיי גופא — דורך פּייניקן קינדער,
פרויען, זקנים, דורך שלאָגן, דורך שמייסן מיט ריטער, מיט בייטשן, דורך
אַרויסגעבן פּרעמיעס די־יעניקע, וואָס וועלן צושטעלן לעבעדיקערהייט
אָדער טויט אַן אַנטלאָפענעם אַרעסטאַנט, דורך צעשיידן מאַנען און ווייבער
און דורך פאַרבינדן פרעמדע מאַנען מיט פרעמדע ווייבער צוליב צוזאַ־
מענלעבן, דורך שיסן, דורך הענגען, — סוגעסטירט אויפן איבערצייגנ־
דיקסטן אופן, אַז כּלערליי געוואַלטטאַטן, אכזריותן, בעסטיאַלישקייטן
זענען נישט נאָר נישט פאַרבאָטן פון דער רעגירונג, נאָר פאַרקערט —
די רעגירונג דערלויבט זיי, ווען דאָס איז פאַר איר באַקוועם, און דערי־
בער איז עס בפרט דערלויבט די־יעניקע, וואָס געפינען זיך אין געפענגע־
ניש, אין נויט און אין צרות.

דאָס אַלץ זענען געווען פּונקט ווי מיט אַ כּיוון אויסגעטראַכטע
אַנשטאַלטן צו פּראָדוצירן אַזאַ ביז דעם לעצטן גראַד קאָנדענסירטע דע־
מאָראַליזירטקייט און פאַרברעכערישקייט, וואָס מ'וואָלט נישט געקאָנט
דערגרייכן בּאַ קיין שום אַנדערע באַדינגונגען, — כּדי דערנאָך דידאָזיקע
קאָנדענסירטע פאַרברעכערישקייט און דעמאָראַליזאַציע פאַרשפּרייטן אין
דער ברייטסטער מאָס צווישן דעם גאַנצן פאָלק. „פּונקט ווי מ'וואָלט
געהאַט פאַרגעבן אַן אויפגאַבע, ווי אַזוי אויפן בעסטן, אויפן זיכערסטן
אופן צו דעמאָראַליזירן וואָס מער מענטשן", האָט נעכליודאָוו געטראַכט.

אַרײַנדרינגענדיק אין דעם, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אין די תּפיסות און עטאַפּן. הונדערטער טויזנטער מענטשן פֿלעגן יאָר־איין יאָר־אויס דערפֿירט ווערן ביז צו דער העכסטער מדרגה פֿון דעמאָראַליזירונג, און אַז זיי זענען שוין געוואָרן גאָר דעמאָראַליזירט, פֿלעגט מען זיי אַרויסלאָזן אויף דער פֿרײַ, כּדי זיי זאָלן די דעמאָראַליזאַציע, וואָס זיי האָבן זיך אָנגענומען אין די תּפיסות, פֿונאַנדערטראָגן צווישן דעם גאַנצן פֿאָלק.

אין די תּפיסות — פֿון טיומען, יעקאַטערינבורג, טאָמסק און אויף די עטאַפּן האָט נעכליודאָוו געזען, ווי אַזוי דערדאָזיקער ציל, וואָס די געזעלשאַפֿט האָט זיך עפּעס ווי געשטעלט, איז מיט דערפֿאָלג דערגרייכט געוואָרן. מענטשן — פּשוטע, געוויינלעכע, מיט די פֿאָדערונגען פֿון רוסישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, פֿון דער פּויערישער, קריסטלעכער עטיק, האָבן פֿאַרוואָרפֿן דידאָזיקע באַגריפֿן און אָנגענומען נײַע, פֿאַרזיכטיקע, וואָס זענען דערהויפּט באַשטאַנען אין דעם, אַז יעדע פֿאַרשוועכונג, יעדער גוואַלט איבער דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, יעדע פֿאַרלענדונג פֿון דערדאָזיקער פּערזענלעכקייט, איז דערלויבט, ווען דאָס איז באַקוועם. מענטשן, וואָס האָבן אַ שטיקל צײַט פֿאַרבראַכט אין טורמע, האָבן מיט זייער גאַנץ וועזן דערקענט, אַז וועדליג דעם, וואָס מיט זיי ווערט געטון, זענען די אַלע מאָראַלישע געזעצן פֿון אַכטונג און מיטלייד צום מענטש, וואָס די לערער פֿון דער קירך און פֿון דער מאָראַל פּרעדיקן, אינדערעמתן גאָר בטל, און אַז דעריבער דאַרפֿן זיי אויך זיי נישט אָפּהיטן. נעכליודאָוו האָט עס געזען אויף אַלע זײַנע באַקאַנטע אַרעסטאַנטן: אויף פֿעדאָראָוון, אויף מאַקאַרן און אַפֿילו אויף טאַראַסן, וועלכער האָט, נאָכן פֿאַרברענגען צוויי חדשים אויף די עטאַפּן, איבערראַשט נעכליודאָוון מיט דער דעמאָראַליזירטקייט פֿון זײַנע מײַנונגען. אונטערוועגנס איז נעכליודאָוו געוווּיר געוואָרן, אַז וואַגאַבונדן, אַנטלויפֿנדיק אין טאַיגע, רעדן צו חברים צו לויפֿן צוזאַמען און דערנאָך הרגענען זיי זיי און שפּײַזן זיך מיט זייער פֿלייש. ער האָט געזען אַ לעבעדיקן מענטש, וואָס איז אין דעם באַשולדיקט געוואָרן און האָט זיך מודה געווען. און צום שרעקלעכסטן איז געווען דאָס, וואָס די פֿאַלן פֿון מענטשנפֿרעסערײַ זענען נישט געווען קיין איינצלנע, נאָר האָבן זיך כּסדר איבערגעחזרט.

נאָר בײַ דער באַזונדערער קולטיווירונג פֿון פֿאַרברעכערישקייט, — ווי דאָס ווערט קולטיווירט אין דידאָזיקע אַנשטאַלטן, האָט מען געקאָנט

דעם רוסישן מענטש דערפירן ביז צו דעם צושטאַנד, צו וועלכן ער איז דערפירט געוואָרן אין די וואַגאַבונדן, וואָס האָבן אַרויסגעכאַפּט די בייעסטע לערע ניטשעס און וועלכע האַלטן, אַז אַלץ איז דערלויבט און קיין זאַך איז נישט פאַרווערט, און וואָס פאַרשפּרייטן דידאַזיקע לערע צווערשט צווישן די אַרעסטאַנטן און דערנאָך צווישן דעם גאַנצן פאָלק.

די איינציקע דערקלערונג פאַר אַלעם, וואָס קומט פאָר, איז געווען — נישט דערלאָזן, אָנשרעקן, פאַרבעסערן און געזעצלעך פאַרגעלטן, ווי דאָס איז געשטאַנען געשריבן אין די ביכער. אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז נישט געווען אפילו קיין דמיון נישט פון דעם ערשטן, נישט פון דעם צווייטן, נישט פון דעם דריטן, נישט פון דעם פערטן. אָנשטאָט נישט דערלאָזן איז געווען נאָר די פאַרשפּרייטונג פון פאַרברעכנס. אָנשטאָט אָנשרעקן איז געווען נאָר צוגעבן חשק די פאַרברעכער, וואָס אַ סך פון זיי זענען אַלס וואַגאַבונדן געגאַנגען פרייוויליק אין די תפיסות אַריין. אָנשטאָט פאַרבעסערונג איז געווען אַ סיסטעמאַטישע אָנשטעקונג מיט אַלדאָס בייז. און די נייטיקייט פון פאַרגעלטונג איז נישט נאָר נישט געלינדערט געוואָרן דורך די שטראָפן פון דער רעגירונג, נאָר איז אויך אויפגעצויגן געוואָרן אין פאָלק, וואָס האָט עס גאָרנישט געהאַט.

„צו וואָס-זשע טוען זיי דאָס?" האָט נעכליודאָוו זיך געפרעגט און נישט געפונען קיין ענטפער.

און וואָס אים האָט געוווּנדערט מער פאַר אַלץ, איז געווען דאָס, אַז אַלץ האָט זיך געטון נישט בשוגג, נישט צוליב פאַרזען, נישט איין מאָל, נאָר דאָס אַלץ האָט זיך געטון שטענדיק, אין משך פון הונדערטער יאָר, מיט דער נפקא-מינה בלויז, אַז פריער זענען עס געווען מיט געריסענע נעז און געשניטענע אויערן, דערנאָך — געשטעמפּלטע, אויף שטאַנגען, און איצטער — אין האַנט-קייטן און אַריבערגעפירט מיט באַנען, און נישט אויף פורן.

די חקירה וועגן דעם, אַז דאָס, וואָס האָט אים אויפגעבראַכט, איז אַרויסגעקומען, ווי די באַאַמטע פלעגן אים זאָגן, פון די חסרונות באַם בויען פון די געפענגעניש-ערטער און פון פאַרשיקונג און אַז דאָס אַלץ קאָן מען פאַרבעסערן דורך בויען תפיסות פון אַ נייעם פאַסאָן, — האָט נעכליודאָוון נישט באַפרידיקט, וואָרים ער האָט געפילט, אַז דאָס, וואָס האָט אים אויפגעבראַכט, איז אַרויסגעקומען נישט פון דעם, וואָס די געפענגעניש-ערטער זענען איינגעאָרדנט מער באַקוועם אָדער ווייניקער.

ער האָט געלייענט :וועגן פאַרפולקאָמטע תּפיסות מיט עלעקטרישע גלעקלעך, וועגן טויטשטראָף דורך עלעקטריע, וואָס טאַרד האָט רעקאָמענדירט, און די פאַרפולקאָמטע געוואַלטטאַטן האָבן אים נאָך מער אויפגעבראַכט.

אויפגעבראַכט נעכליודאָוון האָט דערהויפּט דאָס, וואָס אין די געריכטן און אין די מיניסטעריומס זענען געזעסן מענטשן, וואָס באַקומען גרויסע, פון דעם פאָלק צוזאַמענגעקליבענע שכירות דערפאַר, וואָס אויפן גרונד פון אינפאָרמאַציעס אין ביכלעך, פאַרפאַסטע פון פונקט אַזעלכע באַאַמטע מיט די זעלביקע מאָטיוון, האָבן זיי די האַנדלונגען פון מענטשן, וואָס זענען עובר אויף די פון זיי פאַרפאַסטע געזעצן, אַרונטערגעפירט אונטער פאַראַגראַפן, און אויפן סמך פון דידאָזיקע פאַראַגראַפן פאַרשיקט די מענטשן ערגעץ אין אַזעלכע מקומות, וווּ זיי האָבן זיי שוין נישט געזען און וווּ דידאָזיקע מענטשן פלעגן מיליאָנענווייז גייסטיק און פיזיש אומקומען אין דער שליטה פון אכזריותדיקע, פאַרגרעבטע אינספּעקטאָרן, אויפזעער, קאָנוואָי־לייט.

נענטער דערקענט די טורמעס און עטאַפּן, האָט נעכליודאָוו איינגעזען, אַז די אַלע חטאים אַנטוויקלען זיך צווישן די אַרעסטאַנטן: שיכּרות, אַזאַרט־שפּיל, אכזריות, און די אַלע שרעקלעכע פאַרברעכנס, וואָס די טורמע־מענטשן באַגייען, און דאָס גאַנצע מענטשן־פרעסעריי — זענען נישט קיין צופעליקייטן אָדער קיין דערשיינונגען פון דעגענעראַציע, פון פאַרברעכערישן טיפּ, פון גייסטיקער פאַרזעעניש, ווי דאָס טוען טייטשן, די רעגירונגען צוליב, די טעמפּע געלערנטע, — נאָר דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכער פועל יוצא פון דער אומפאַרשטענדלעכער פאַרבלענדעניש, אַז מענטשן מעגן באַשטראָפן אַנדערע מענטשן. נעכליודאָוו האָט געזען, אַז דאָס מענטשנפרעסעריי הייבט זיך אָן נישט אין דער טאַיגע, נאָר אין די מיניסטעריומס, אין די קאָמיטעטן און דעפּאַרטאַמענטן און פאַרענדיקן זיך בלויז אין דער טאַיגע; אַז זיין שוואָגער, למשל, און בכלל די אַלע געריכטסלייט און באַאַמטע, אָנגעהויבן פון פּאָליציי־קאָמיסאַר ביז צום מיניסטער, איז לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען נישט דער יושר נישט דאָס גליק פון פאָלק, וועגן וועלכע זיי האָבן גערעדט, נאָר אַז זיי אַלע האָבן געדאַרפט בלויז האָבן אָט די קערבלעך, וואָס מ'האָט זיי געצאָלט דערפאַר, זיי זאָלן טון דאָס אַלץ, פון וואָס עס קומט אַרויס דידאָזיקע דעמאָראַליזאַציע און ליידן. דאָס איז געווען גאַנץ קלאָר.

„איז נישט שוין־זשע דאָס אַלץ אויך געטון געוואָרן בלויז על פּי טעות? ווי אַזוי מאַכט מען אַזוי, אַז מ'זאָל די אַלע באַאַמטע באַוואָרענען

זייער שכירות און אפילו געבן זיי אַ פּרעמיע דערפאַר, אַבי זיי זאָלן גאָר נישט טון דאָס אַלץ, וואָס זיי טוען ?" האָט נעכליודאָוו געטראַכט. און אויף דידאָזיקע מחשבות איז ער, שוין נאָכן צווייטן מאָל קרייען פון די הענער, איינגעשלאָפן מיט אַ שטאַרקן שלאָף, טראָץ די פליי, וואָס האָבן בײַ זײַן יעדן ריר ווי אַ פאָנטאַן געשפּריצט אַרום אים.

XX.

אַז נעכליודאָוו האָט זיך אויפגעכאַפּט, זענען די פורמאַנעס שוין לאַנג געהאַט אַוועקגעפאָרן, די באַלעבאָסטע האָט אָפּגעטרונקען טיי און, אויס:יישנדיק מיטן טיכל דעם שווייסיקן דיקן האַלז, איז זי געקומען זאָ:ן, אַז דער עטאַפּ-זעלנער האָט געבראַכט אַ בריוול. דאָס בריוול איז גע ען פון מאַריאַ פּאַוולאָווגאַ. זי האָט געשריבן, אַז קרילצאָוס אַטאַקע איז ערנסטער, ווי זיי האָבן געטראַכט. „מיר האָבן לכתחילה געוואָלט איבער-לאָזן אים און בלייבן מיט אים, אָבער דאָס האָט מען נישט דערלויבט, און מיר וועלן אים פירן, אָבער מיר האָבן מורא פאַר אַלץ. באַמיט זיך אייגצואָרדנען אין שטאָט אַזוי, אַז טאָמער וועט מען אים איבערלאָזן, זאָל מען אויך איבערלאָזן וועמען פון אונז. אויב ס'איז דערצו נייטיק, איך זאָל מיט אים חתונה האָבן, בין איך, פאַרשטייט זיך, גרייט".

נעכליודאָוו האָט אַוועקגעשיקט דעם שייגעץ אויף דער סטאַנציע נאָך פערד און אויף גיך זיך גענומען פּאַקן. ער האָט נאָך נישט גע-האַט אויסגעטרונקען דאָס צווייטע גלאָז טיי, ערשט אַ פּאָסט-דריי-גע-שפּאַן איז, קלינגענדיק מיט גלעקלעך און קלאַפּנדיק מיט די רעדער איבער דער געפרוירענער בלאָטע, צוגעפאָרן צום גאַניק. זיך פונאַנדער-געצאָלט מיט דער גוידערדיקער באַלעבאָסטע, איז נעכליודאָוו איילנדיק אַרויס און, זיך אויפגעזעצט אויף דעם געפלאָכטענעם זיץ פון דעם וואָגן, געהייסן פאָרן וואָס גיכער, כדי אָנצויאָגן די פּאַרטיע. נישט ווייט הינ-טערן טויער פון דעם דאָרפס-פּלויט האָט ער טאַקע אָנגעיאָגט די מיט זעק און חולאים אָנגעלאָדענע פורן, וועלכע האָבן געטראַסקעט איבער דער געפרוירענער בלאָטע (דער אָפיציר איז נישט געווען, — ער איז אַוועקגעפאָרן אויף צו פריער). די סאָלדאַטן, ווייזט אויס — פאַרקנאַקט

אַ ביסל, האָבן פריילעך געפּלוידערט, גייענדיק פון הינטן און בײַ די זייטן פון וועג. פורן איז געווען אַ סך. אויף די פאָדערשטע זענען עוג געזעסן צו אַ מאַן זעקס פאַרשלאָפענע קרימינעלע, אויף די הינטערשטע דריי זענען געפאָרן — צו דריי אויף אַ וואָגן — די פּאָליטישע. אויף דער סאַמע הינטערשטער זענען געזעסן נאָוואָדוואָראָוו, גראַבעץ און קאָנדראַטיעוו, אויף דער צווייטער — ראַנצעווא, נאַבאַטאָוו און יענע שוואַכע פרוי מיט רעוומאַטיזם, וואָס מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ האָט איר אָפּגעטראָטן דאָס אָרט. אויף דער דריטער איז אין היי און קישנס געלעגן קרילצאָוו. אויף דער קעלניע לעבן אים — איז געזעסן מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ. נעכליודאָוו האָט אָפּגעשטעלט דעם פורמאַן לעבן קרילצאָוון און איז צו אים צוגעגאַנגען. דער בגילופינדיקער קאָנוואָי־מאַן האָט גענומען מאַכן מיט די הענט אויף נעכליודאָוון, אָבער נעכליודאָוו, נישט לייגנדיק אויף אים קיין שום אַכט, איז צו צום וואָגן און האַלטנדיק זיך פאַרן ראַנד, אָוועקגעשפּרייזט דערלעבן. קרילצאָוו, אין אַ פעלץ, אין אַ באַראַשקענעם הוט, דאָס מויל פאַרבונדן מיט אַ טיכל, האָט אויסגעזעען נאָך חושכער און בלאַסער. זיינע וווּנדערשיינע אויגן האָבן אויסגעזעען עפּעס אַזעלכע גרויסע און פינקלענדיקע. שוואַך זיך שאָקלענדיק פון די שטויסן פון דעם וועג, האָט ער, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן, געקוקט אויף נעכליודאָוון און אויף דער פראַגע, וואָס ער מאַכט, בלויז געשלאָסן די אויגן און מיט כעס אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. די גאַנצע ענערגיע זיינע איז, ווייזט אויס, אַוועקגעגאַנגען אויף אַריבערצוטראָגן די שטויסן פון דעם וואָגן. מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ איז געזעסן אויף דער צווייטער זייט וואָגן, זי האָט זיך איבערגעקוקט מיט נעכליודאָוון מיט אַ באַדייטפולן בליק, וואָס האָט אויסגעדריקט די גאַנצע אומרויקייט אירע וועגן קרילצאָווס מצב, און דערנאָך האָט זי באַלד זיך צערעדט מיט אַ פריילעך קול:

— דער אָפיציר האָט זיך, משמעות, פאַרשעמט, — האָט זי אויסגעשריגן, נעכליודאָוו זאָל זי הערן פון הינטער דעם געקלאַפּערײַ פון די רעדער. — בוזאָווקינען האָט מען אויסגעטון די האַנט קייטן. ער טראָגט אַליין דאָס מיידעלע, און מיט אים גייען מיט קאַטיאַ און סימאָנסאָן און אָנשטאָט מיר — ווערעטשקאַ.

קרילצאָוו האָט, אָנווייזנדיק אויף מאַריאַ פּאַוולאָוונען, עפּעס געזאָגט, וואָס — האָט מען נישט געקאָנט הערן — און פאַרוואָלקנט זיך, ווייזט אויס — איינהאַלטנדיק דעם הוסט, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

נעכליודאָוו האָט צוגערוקט דעם קאָפּ צו דערהערן. דאַן האָט קרילצאָוו ארויסגעמאַכט דאָס מויל פון טיכל אַרויס און אַרויסגעפּרעפּלט:

— איצט איז אַ סך בעסער. נאָר זיך נישט פאַרקילן.

נעכליודאָוו האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און זיך איבער־געקוקט מיט מאַריאַ פּאַוולאָוונען.

— נו, וואָס הערט זיך מיט דעם פּראָבלעם פון די דריי קער־פּערס? — האָט קרילצאָוו נאָך אַרויסגעפּרעפּלט און שווער, געמאַטערט אַ שמייכל געטון. — אַ שכלדיקער באַשייד?

נעכליודאָוו האָט נישט פאַרשטאַנען, אָבער מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ האָט אים דערקלערט, אַז דאָס איז דער באַרימטער פּראָבלעם צו באַשטימען די פאַרהעלטעניש פון די דריי קערפּערס: דער זון, דער לבנה און דער ערד, און אַז קרילצאָוו האָט אַלס שפּאַס צוגעטראַכט דעמדאָזיקן פאַר־גלייך מיט דער פאַרהעלטעניש פון נעכליודאָוו, קאַטיושאַ און סימאָנסאָן. קרילצאָוו האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צום צייכן, אַז מאַריאַ פּאַוו־לאָוונאַ האָט ריכטיק דערקלערט זיין קאַטאָוועס.

— נישט איך דאַרף געבן באַשייד. — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— איר האָט באַקומען מיין בריוועלע, איר וועט עס טון? — האָט מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ געפרעגט.

— אומבאַדינגט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט און, באַמערקט אַן אומצופרידנקייט אויף קרילצאָווס פּנים, איז ער אָפּגעגאַנגען צו זיין פורל, אַרויפגעקלעטערט אויף זיין דורכגעזעסענעם געפלעכט און, זיך אָנהאַלטנ־דיק פאַר די ראַנדן פון דעם וואָגן, וועלכער האָט אים דורכגעטרייסלט איבער די שטאָלפּערונגען פון דעם נישט אויסגעפאָרענעם וועג, האָט ער גענומען אָניאָגן די אויף אַ ווערסט די לענג אויסגעצויגענע פּאַרטיע גרויע כאַלאַטן און פּעלצלעך פון די אַרעסטאַנטן מיט די געשמידטע פיס און די פּאָרלעך מיט די האַנטקייטן. אויף דער אַנטקעגנדיקער זייט וועג האָט נעכליודאָוו דערקענט קאַטיושעס בלוי טיכל, וועראַ יעפרעמאָוונעס ווייס מאַנטל און סימאָנסאָנס קורטקע און דאָס געשטריקטע היטל און די ווייסע וואָלענע זאָקן, אַרומגעבונדן מיט רימענס אויף דעם שטייגער פון סאַנדאַלן. ער איז געגאַנגען לעבן די פרויען און האָט עפּעס הייס איינגעטענהט.

דערזעען נעכליודאָוון, האָבן די פרויען אים זיך אַ נייג געטון,

און סימאָנסאָן האָט פּייערלעך אונטערגעהויבן דאָס היטל. נעכליודאָוו האָט נישט געהאַט גאַרנישט וואָס צו זאָגן און, נישט אָפּשטעלנדיק דעם פּורמאַן, זיי אַריבערגעיאָגט. ווידער אַרויסגעפאָרן אויף דעם אויסגעפאָרענעם וועג, איז דער פּורמאַן אַוועקגעפאָרן נאָך גיכער, האָט אָבער אַלע ווײַלע געמוזט אַראָפּפאָרן פון דעם גלאַטן, כדי אויסצומײַדן די אָבאָזן, וואָס האָבן זיך געצויגן איבערן וועג פון בײדע זײַטן.

דער וועג, דורך און דורך טיף צעגראָבן פון די רעדער, האָט זיך געצויגן דורך אַ טונקעלן נאָדל-וואַלד, וואָס האָט פון בײדע זײַטן בונט געשימערט מיט דער העלער און זאַמדיקער געלבלעכקייט פון די נאָך נישט אָפּגעפאַלענע בלעטער פון בערעזעס און לאַרכנביימער. אויפן האַלבן וועג האָט דער וואַלד זיך געענדיקט און פון די זײַטן האָבן זיך אָנטפּלעקט לאַנגע (פעלדער), זיך באַוויזן גאָלדענע צלמים און די קופּאָלן פון אַ מאָנאַסטיר. דער טאָג האָט זיך אינגאַנצן אויפגעהייטערט, די וואָלקנס זענען זיך צעגאַנגען, און די קאָלוזשעס, די קופּאָלן און די צלמים פון די קלויסטערס האָבן העל געפינקלט אויף דער זון. פאָרויס צו דער רעכטער זײַט, אין דער בלויער ווײַט, האָבן זיך גענומען ווײַסן די ווײַטע בערג. דער דרײַ-געשפּאַן איז אַרײַנגעפאָרן אין אַ הינטערשטאָטיש גרויס דאָרף אַרײַן. די גאַס פון דאָרף איז געווען פול מיט מענטשן: סײַ מיט רוסן, סײַ מיט פרעמדשטאַמיקע — אין זײַערע משונהדיקע היטלען און כאַלאַטן. שיכורע און ניכטערע מענער און פרויען האָבן געווימלט און געליאַרעמט אַרום די קראָמען, טראַקטירן שענקען און וועגענער. עס האָט זיך געשפּירט די נאָענטקייט פון שטאָט.

אַ שמיץ געטון און אַ צי געטון דאָס רעכטע צוגעשפּאַנטע פערד און זיך איבערגעזעצט אויף דער קעלניע מיט אַ זײַט, אַזוי אַז די לייצעס זאָלן אויסקומען פון דער רעכטער זײַט, האָט דער פּורמאַן — ווײַזט אויס — זיך פײַנענדיק, דורכגעטראָגן זיך איבער דער גרויסער גאַס און, נישט אײַנהאַלטנדיק דעם גאַנג, צוגעפאָרן צום טײַך, וועלכן מ'האָט געדאַרפט אַריבערפאָרן איבער אַ פּאַראָם. דער פּאַראָם איז געווען אין מיטן פון דעם שטראָמיקן טײַך און איז געגאַנגען פון יענער זײַט. אויף דער זײַט האָבן געוואַרט אַ פּאָר צענדליגב פורן. נעכליודאָוו איז אויסגעקומען צו וואַרטן נישט לאַנג. דער פּאַראָם, וואָס האָט זיך פאַרנומען הויך אַרויף קעגן שטראָם, איז געטראָגן געוואָרן פון דעם וואַסער און האָט זייער גיך צוגעיאָגט צו די ברעטער פון דעם אָפּשטעל.

הויכע, ברייטפלייציקע, מוסקולדיקע און שווייגנדיקע איבערפירער, אין פעלצלעך און שטיוול, האָבן פלינק, געניט פאַרוואָרפן די שטריק, כאַפּעסטיקט זיי אָן די סלופעס און, אָפּגעלייגט דאָס בריקל, ארויסגעלאָזט די פורן פון פאַראָם אויפן ברעג און גענומען אָנלאָדן די וועגן, כאַרשטעלנדיק דעם גאַנצן פאַראָם מיט פורוואַרג און מיט פערד, וועלכע האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם וואַסער. דער שנעלער, ברייטער טייך האָט געפּאַטשט אין די באָרטנס פון די פאַראָם-שיפלעך, אָנציענדיק די קאַנאַטן. אַז דער פאַראָם האָט זיך אָנגעפולט און נעכליודאָווס פור מיט די אויסגעשפּאַנטע פערד איז געשטאַנען בײַ איין ראַנד, צונויפגעדריקט פון אַלע זייטן, האָבן די איבערפירער פאַרלייגט דאָס בריקל, נישט שענקענדיק קיין שום אַכט די בקשות פון די, וואָס האָבן שוין קיין פּלאַץ נישט געהאַט ארויפצוקומען, אראָפּגעוואָרפן די שטריק און אַוועק אין גאַנג. אויפן פאַראָם איז געווען שטיל, מ'האָט נאָר געהערט די טריט פון די איבערפירער און ווי די פערד האָבן, איבערשטעלנדיק די פיס, געקלאַפּט מיט די טלאָען אָן די ברעטער.

XXI.

נעכליודאָוו איז געשטאַנען בײַם ראַנד פאַראָם, קוקנדיק אויף דעם ברייטן, שנעלן טייך. אין זיין דמיון זענען, זיך אָפּבייטנדיק, אויפגעשטאַנען צוויי בילדער: דער קאָפּ פון דעם פאַרביטערט גוססן קרילצאָוון, ציטערנדיק פון די שטויסן, און דאָס געשטאַלט פון קאַטיושען, וועלכע איז מונטער געגאַנגען אויפן ראַנד פון דעם וועג מיט סימאָנסאָנען. איין איינדרוק — פון דעם אויסגייענדיקן, צום טויט זיך נישט גרייטנדיקן קרילצאָוו — איז געווען אַ שווערער און אַ טרויעריקער. דער צווייטער איינדרוק דערפאַר — פון דער מונטערער קאַטיושאַ, וועלכע האָט געוונען די ליבע פון אַזאַ מענטש ווי סימאָנסאָן און וואָס האָט זיך איצט געשטעלט אויף דעם פעסטן און זיכערן וועג פון גוטס — וואָלט באַדאַרפט זיין אַ פריידיקער, אָבער נעכליודאָוון איז ער אויך געווען שווער, און ער האָט נישט געקאָנט בייקומען דידאָזיקע שווערקייט.

פון דער שטאָט האָט זיך איבערן וואַסער דערטראָגן דער הילך

און דער קופּערנער ציטער פון אַ גרויסן קלויסטער-גלאָק. דער פורמאַן, וואָס איז געשטאַנען לעבן נעכליודאָוון, און אַלע איבערפירער האָבן איינער נאָכן אַנדערן אַראָפּגענומען די היטלען און זיך איבערגעצלמט. אָבער אַ צעשויבערטער אַלטער מאַן, נישט קיין הויכער, וואָס איז געשטאַנען נעבנטער פון אַלע צו דעם פּאַרענטש און וואָס נעכליודאָוו האָט אים לכתּחילה נישט באַמערקט, האָט זיך נישט איבערגעצלמט, נאָר אויפגעהויבן דעם קאָפּ, שטאַר אָנגעקוקט נעכליודאָוון. דער אַלטער איז געווען אָנגעטון אין אַ פאַרלאַטעט פעלצל, אין געוואַנטענע הויזן און אָפּגעטראָגענע, געלאַטעטע שטיוול. אויפן רוקן האָט ער געטראָגן נישט קיין גרויסע טאָרבע, אויפן קאָפּ אַ הויך פוטערן אויסגעריבן היטל.

— דו, אַלטער, פאַרוואָס ביסטו נישט מתפּלל? — האָט זיך אָפּגערופן נעכליודאָווס פורמאַן, אָנטוענדיק און צורעכט מאַכנדיק דאָס היטל. — ביסט נישט קיין געטויפטער, צי וואָס?

— צו וועמען מתפּלל זיין דען? — האָט דער צעשויבערטער אַלטער געזאָגט, אַנטקעגנשטעלנדיק אַנטשלאָסן און שנעל אַרויסרעדנדיק טראַף נאָך טראַף.

— צו וועמען דען, צו גאָט, — האָט דער פורמאַן איראָניש זיך אָפּגערופן.

— און דו ווייז מיר אָקאָרשט ווו איז ער? אָט דער גאָט, מיין איך.

עפּעס אַזוי ערנסטס און פעסטס איז אין דעם אַלטנס אויסדרוק געווען, אַז דער פורמאַן, דערפילנדיק, אַז ער האָט צו טון מיט אַ שטאַרקן מענטש, האָט זיך עטוואָס פאַרווירט, האָט אָבער דאָס נישט אַרויסבאַוויזן און, באַמיענדיק זיך נישט צו פאַרשווייגן און נישט פאַרשעמט צו ווערן פאַר דעם פּובליקום, וואָס האָט זיך צוגעהערט, האָט ער שנעל געענטפערט.

— ווו? ווו זאָל ער זיין — אויפן הימל.

— און דו ביסט דאָרט געווען?

— געווען צי נישט געווען, אָבער אַלע ווייסן, אַז מ'דאַרף צו גאָט מתפּלל זיין.

— גאָט האָט דאָך קיינער נישט געזעען אין ערגעץ נישט. דער איינציקגעבוירענער זון, וועלכער איז אין דער פאָטערלעכער שויס, ער האָט זיך אַנטפּלעקט, — האָט דער אַלטער, אַלץ אַזוי שנעל רעדנדיק, געזאָגט, שטרענג רינצלענדיק דעם שטערן,

— דו ביסט מן־הסתם אַן אומקריסט, אַן אפיקורס. ביסט מתפּלל צו אַ לאָך, — האָט דער פורמאַן געזאָגט, פאַרשטעקנדיק דאָס בייטש־שטעקעלע הינטערן גאַרטל און צורעכטמאַכנדיק די שלייצ אויף דעם צוגעשפּאַנטן פערד.

איינער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— און דו, זיידעשי, ביסט פון וואָסער אמונה ? — האָט געפרעגט אַ מאַן, שוין נישט קיין יונגער, וואָס איז מיט אַ פור געשטאַנען בײַם ראַנד פון פאַראָם.

— קיין שום אמונה האָב איך נישט. וואָרים אין קיינעם, אין קיינעם האָב איך קיין אמונה נישט, אַ חוץ אין זיך. — האָט דער אַלטער געענטפערט פונקט אַזוי שנעל און אַנטשלאָסן.

— ווי אַזוי אָבער האָט מען עס אין זיך אמונה ? — האָט געפרעגט נעכליודאָוו, אַריינמישנדיק זיך אין דעם שמועס. — מ׳קאָן זיך טועה זיין.

— קיינמאָל אין לעבן נישט, — האָט דער אַלטער אַנטשלאָסן געזאָגט, אַ מאַך טוענדיק מיטן קאָפּ.

— פאַרוואָס־זשע זענען פאַראַן פאַרשידענע אמונות ? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— דערפאַר זענען פאַראַן פאַרשידענע אמונות, וואָס אין מענטשן האָט מען אמונה, און אין זיך האָט מען נישט קיין אמונה. איך האָב אויך געהאַט אמונה אין מענטשן און געבלאָנדזשעט אַזוינוי אין דער טאַיגע ; אַזוי זיך פאַרפּלאָנטערט, אַז איך האָב זיך שוין מייאש געווען אַרויסצוקריכן. אַלטגלויביקע און נייגלויביקע און סובאָטניקעס און כליסטן און פּאָפּאָווצעס און אַנטיפּאָפּאָווצעס און אַוסטריאַקעס און מאָלאָקאַנער און סקאָפּצעס. יעטוועדער אמונה לויבט זיך אַליין. זענען טאַקע אַלע זיך צעקראָכן אַזוינוי הינטעלעך בלינדע. אמונות אַ סך, אָבער דער גייסט איז איינער. אין מיר און אין דיר און אין אים. זאָל יעטוועדער אַלזאָ גלויבן אין זיין גייסט, וועלן אַלע זיין פאַרייניקט. זאָל יעדערער זיין פאַר זיך אַליין, וועלן אַלע זיין אין אחדות.

דער אַלטער האָט גערעדט הויך אויף אַ קול און זיך כסדר אומגעקוקט, ווייזט אויס — געוואָלט, אַז וואָס מער מענטשן זאָלן אים הערן.

— איר זענט שוין לאַנג בײַ אַזאַ איבערצייגונג ? — האָט אים נעכליודאָוו געפרעגט.

— איך? שוין לאַנג. זיי טרייבן מיך שוין אַרום אַ יאָר דריי און צוואַנציק.

— וואָס הייסט, זיי טרייבן אייך אַרום?

— אַזוי ווי מ'האָט קריסטוסן אַרומגעטריבן, אַזוי טרייבן זיי מיך אויכעט אַרום. כאַפּן מיך און שלעפּן איבער די געריכטן, צו די גלחים, — צו די סופרים און צו די פּרושים, אין דולהויז אפילו אַריינגעזעצט. אָבער מ'קאָן מיר גאָרנישט נישט טון, וואָרים איך בין אַ פרייער מענטש. — „ווי אַזוי, זאָגן זיי צו מיר, הייסטו?" זיי מיינען, איך וועל וואָסערן ס'איז צונאָמען נעמען אויף זיך. אָבער איך נעם קיין שום נישט אָן. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון אַלעמדינג: איך האָב נישט קיין נאָמען, קיין אָרט, קיין פאָטערלאַנד — קיין שום זאַך נישט. איך בין פאַר זיך אַליין. ווי הייס איך? מענטש. — „און וויפיל יאָר אַלט?" — איך צייל נישט, מאַך איך, און מ'קאָן גאָרנישט איבערציילן, וואָרים איך בין אַלעמאָל געווען, און וועל אַלעמאָל זיין. — „ווער איז, זאָגן זיי, דיין פאָטער, דיין מוטער?" איך האָב נישט. מאַך איך, קיין פאָטער, קיין מוטער, אַ חוץ גאָט און די ערד, גאָט איז דער פאָטער, די ערד איז די מוטער. — „און פון דעם קייסער, זאָגן זיי, האַלטסטו?" — פאַרוואָס זאָל איך נישט האַלטן? ער איז אַ קייסער פאַר זיך, און איך בין פאַר זיך אַ קייסער. — „נו, זאָגן זיי, נישטאָ מיט דיר וואָס צו רעדן". — זאָג איך: אַז איך בעט דיך גאָרנישט זאָלסט מיט מיר רעדן. אָט אַזוי פּייניקן זיי.

— וווהין־זשע גייט איר עס איצטער? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— וווהין גאָט וועט פירן. איך אַרבעט, און אַז ס'איז נישטאָ קיין אַרבעט, בעטל איך, — האָט ער געענטפערט, באַמערקנדיק, אַז דער פּאַראָם גייט צו צו יענעם ברעג, און האָט טריומפירנדיק זיך אַרומגעקוקט אויף די אַלע, וואָס האָבן אים צוגעהערט.

דער פּאַראָם איז צוגעשוווּמען צו דעם אַנדערן ברעג. נעכליודאָוו האָט אַרויסגענומען דעם טייסטער און פאַרגעלייגט דעם אַלטן געלט. דער אַלטער האָט זיך אַנטזאָגט.

— דאָס נעם איך נישט. ברויט נעם איך, — האָט ער געזאָגט.

— נו, זייט געזונט, אַנטשולדיקט!

— נישטאָ וואָס צו אַנטשולדיקן. דו האָסט מיך נישט באַליידיקט. און מ'קאָן מיך גאָרנישט באַליידיקן, — האָט דער אַלטער געזאָגט און

אָנגעהויבן אָנצוטון אויפן אַקסל די אויסגעטוענע טאַרבע. דערווייל האָט מען דעם וואָגן אַרויסגעקייקלט און איינגעשפּאַנט די פערד.

— אַ בעלנות, האָר לעבן, אַריינצוגיין מיט אַזעלכן אין אַ שמועס, — האָט דער פורמאַן געזאָגט צו נעכליודאָוון, ווען יענער איז אַרויפגעקראָכן אויף דער כּוּר, נאָכדעם ווי ער האָט געגעבן טרינק-געלט די מעכטיקע אַריבערפירער, — אַ שלעפער אַן אויסגעלאַסענער.

XXII.

אַרויפגעפאָרן אויפן באַרג, האָט זיך דער פורמאַן צו אים אויסגעדרייט און געפרעגט:

— אין וועלכן האָטעל זאָל איך זיי פירן?

— וועלכער איז אַ בעסערער?

— וואָס קאָן זיין בעסער, ווי „האָטעל סיביר". אויך באַ דיוקאָוון איז גאַנץ גוט.

— וווהין דו ווילסט.

דער פורמאַן האָט זיך ווידער געזעצט מיט אַ זייט און האָט גענומען פאָרן שנעלער. די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַלע אַנדערע שטעט: די זעלבע הייזער מיט די מעזאַנינען אין — גרינע דעכער, דער זעלבער קלויסטער, די קראָמען און אויף דער הויפּטגאַס — די מאַגאַזינען, און אפילו די זעלבע פּאָליציאַנטן. נאָר די הייזער זענען כמעט אַלע געווען הילצערנע און די גאַסן נישט ברוקירט. אויף איינער פון די צום מערסטן באַלעבטסטע גאַסן האָט דער פורמאַן אָפּגעשטעלט דעם דרייי‑ געשפּאַן באַ דעם הויפּט-אַריינגאַנג צום האָטעל. אָבער אין האָטעל זענען נישט געווען קיין פרייע צימערן, אַזוי אַז מ'האָט באַדאַרפט פאָרן זוכן אין אַ צווייטן. אין דעם צווייטן איז געווען אַ פריי צימער, און נעכליודאָוו האָט זיך דאָס ערשטע מאָל נאָך צוויי חדשים ציט זיך ווידער געפונען אין די איינגעוווינטע באַדינגונגען פון ריינקייט און באַקוועמלעכקייט, לפי ערך.

דאָס צימער, וואָס מען האָט אָפּגעגעבן נעכליודאָוון, איז געווען נישט איבעריק רייך פאַרפוצט, נאָר דאָך האָט ער דערפילט אַ גרויסע

דערלייכטערונג נאָך די אַלע פּאָסטוועגענער, אכסניות און עטאַפּן. דער עיקר האָט ער זיך באַדאַרפט אויסרייניקן פון די לייז, וואָס פון זיי האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט אינגאַנצן פּטור ווערן, נאָכן באַזוכן די עטאַפּן. פונאַנדערגעפּאַקט די זאַכן, איז ער גלייך אַוועקגעפאָרן אין באָד אַריין, און פון דאָרטן — צום גענעראַל־גובערנאַטאָר, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געבראַכט אין שטאָטישער אָרדנונג — אָנגעטון אַ געקראָכמאַליעט העמד און די הויזן מיט דעם אויסגעלעגערטן קנייטש, דעם סורדוט און דעם מאַנטל. דער פּאָרטיער פון האָטעל האָט צוגערופן אַ קוטשער מיט אַ רונדער סקריפּענדיקער דראָזשקע, אין וועלכער ס'איז געווען איינגעשפּאַנט אַ זאַט, פעסט קירגיזן־פערד, און נעכליודאָוו איז צוגעפאָרן צו אַ גרויסער, שיינער געביידע, ווו עס זענען געשטאַנען וואַך־זעלנער און אַ פּאָליציאַנט. פאַר דעם הויז און הינטערן הויז איז געווען אַ גאָרטן, ווו עס האָבן אַרום די נאַקעט־געבליבענע בעריאָזעס און עספּנביימער, וואָס האָבן געשטאַרצט מיט זייערע הוילע צווייגן, געדיכט און טונקל געגרינט די יאָדלעס, סאָסנעס און ווייסע טענענביימער.

דער גענעראַל איז געווען נישט געזונט און האָט נישט אויפגענומען. נעכליודאָוו האָט אָבער דאָך געבעטן דעם לאָקיי איבערגעבן זיין וויזיט־קאַרטע, און דער לאָקיי איז צוריקגעקומען מיט אַ פּאָזיטיוון ענטפער:

— זיי האָבן געבעטן אַריינגיין.

דאָס פאָדערצימער, דער לאָקיי, דער קוריער, די טרעפּ, דער בלאַנק פּראָטירטער פּאַרקעט, אַלץ איז עס געווען ענלעך אויף פּעטערבורג, נאָר עטוואָס שמוציקער און פייערלעכער. נעכליודאָוון האָט מען אַריינגעפירט אין קאַבינעט.

דער גענעראַל, אַן אויפגעפּווישטער, מיט אַ נאָז ווי אַ קאַרטאָפל, מיט אַרויסגעשטאַרצטע ביילן אויפן שטערן, מיט אַן אָנטבלויזטן שאַרבן און מיט קישעלעך אונטער די אויגן, אַ סאַנגווינישער מענטש, איז געזעסן אין אַ טאָטערישן זיידענעם כאַלאַט און מיט אַ פּאַפּיראָס אין האַנט, געטרונקען טיי פון אַ גלאָז אין אַ זילבערנעם אונטערגלאָז.

— גוט־מאָרגן, מיין ליבער! אַנטשולדיקט, וואָס איך נעם אייך אויף אין אַ שלאַפראָק: אַלץ בעסער ווי גאָרנישט אויפנעמען, — האָט ער געזאָגט, פאַרדעקנדיק מיטן שלאַפראָק הינטן זיין דיקן אין פאַלדן צעקנייטשטן האַלדז. — איך בין נישט אינגאַנצן געזונט און גיי נישט אַרויס. וואָס האָט עס אייך פאַרטראָגן אין אונזערע הרי־חושך?

— איך האָב באַגלייט אַ פּאַרטיע אַרעסטאַנטן, אין וועלכער עס געפינט זיך אַ פּערזאָן, וואָס איז מיר נאָענט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, — בין איך עס געקומען זיך משתדל זיין, באַ אייער עקסעלענץ, טיילווייז פאַר דערדאָזיקער פּערזאָן און נאָך וועגן אַן ענין.

דער גענעראַל האָט זיך פאַרצויגן מיטן רויך פון דעם פּאַפּיראָס, אַ זופּ געטון די טיי, פאַרלאָשן דעם פּאַפּיראָס אין דעם מאַלאַכיטענעם אַש-בעכער און, נישט אַראָפּנעמענדיק זיינע שמאָלע, פאַרגאָסענע, פינקלענדיקע אויגן, האָט ער ערנסט זיך צוגעהערט. ער האָט אים איבערגעריסן, נאָר אים צו פרעגן, אפשר וויל ער רויכערן.

דער גענעראַל האָט געהערט צו דעם טיפּ פון די געלערנטע מיליטער-לייט, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר מעגלעך אַ שלום צווישן ליבעראַליזם און הומאַניזם פון איין זייט און זייער פּראָפעסיע פון דער אנדערער זייט. אָבער, ווי אַ מענטש בטבע אַ קלוגער און אַ גוטער, האָט ער זייער שנעל דערפילט די אוממעגלעכקייט פון אַזאַ שלום און, כדי נישט צו זען דעמדאָזיקן אינערלעכן ווידעראנאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך שטענדיק געפונען, האָט ער זיך אַלץ מער און מער איינגעוווינט צו טרינקען אַ סך וויין. אַ געוווינהייט, וואָס איז אַזוי פאַרשפּרייט צווישן די מיליטער-לייט, און האָט זיך אַזוי אין דעם אַריינגעלאָזט, אַז נאָך 35 יאָר מיליטער-דינסט, איז ער געוואָרן, ווי די דאָקטוירים רופן עס אָן, אַן אַלקאָהאָליקער. ער איז געווען דורך און דורכגעזאַפּט מיט וויין. פאַר אים איז גענוג געווען אויסצוטרינקען עפּעס אַ פליסיקייט, כדי צו דערפילן זיך באַרוישט. טרינקען אָבער וויין איז באַ אים געווען אַזאַ באַדערפעניש, אָן וועלכער ער האָט נישט געקאָנט לעבן, און יעדן טאָג צו אָוונטצייט איז ער תמיד געווען שיכור, הגם ער האָט זיך אַזוי צוגעפּאַסט צו דעמדאָזיקן צושטאַנד, אַז ער האָט זיך נישט געוואַקלט און נישט גערעדט קיין באַזונדערע נאַרישקייטן. אויב אפילו ער האָט זיי יאָ גערעדט, האָט ער פאַרנומען אַזאַ וויכטיקן הויכן פּאָסטן, אַז אַלע נאַרישקייטן, וואָס ער פלעגט זאָגן, פלעגט מען אָננעמען פאַר אַ חכמה. נאָר אינדערפרי, גראָד אין דעמדאָזיקן פרימאָרגן, ווען נעכליודאָוו האָט אים געטראָפן, איז ער געווען ענלעך אויף אַ פאַרשטענדיקן מענטש און האָט געקאָנט באַנעמען, וואָס מ'האָט צו אים גערעדט, און מער אָדער ווייניקער געקאָנט באַרעכטיקן דאָס שפּריכוואָרט, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו באַנוצן: שיכור און קלוג — צוויי מעלות גענוג. די העכערע מאַכט האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ שיכור,

אָבער ער איז דאָך געווען געבילדעטער, ווי אַנדערע, — הגם ער איז אין זיין בילדונג געבליבן שטיין אויף דעם אָרט, ווו עס האָט אים געפּאַקט דאָס שיכּורן, — ער איז געווען דרייסט, געשיקט, רעפּרעזענטאַטיוו, האָט געקאָנט אויך שיכּורערהייט זיך האַלטן מיט טאַקט, און דעריבער האָט מען אים באַשטימט און געלאָזט אויף דעם הויכן פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, וועלכן ער האָט פאַרנומען.

נעכליודאָוו האָט אים דערציילט, אַז די פּערזאָן, וואָס אינטערעסירט אים, איז אַ פרוי, אַז זי איז אומשולדיק פאַרמשפּט, אַז מען האָט אָנגעגעבן וועגן איר אַ בקשה אויפן דעם אַלערהעכסטן נאָמען.

— אַזוי, אַזוי! און ווייטער? — האָט דער גענעראַל געזאָגט.

— מיר האָט מען פון פּעטערבורג צוגעזאָגט, אַז די ידיעה וועגן דעם גורל פון דערדאָזיקער פרוי, וועט מען מיר אַרויסשיקן אַהערצו נישט שפּעטער, ווי היינטיקן חודש...

נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון נעכליודאָוון, האָט דער גענעראַל אויסגעשטרעקט זיין קורצפינגערדיקע האַנט צום טיש, האָט אָנגעקלונגען און האָט ווייטער שווייגנדיק צוגעהערט, אַרויסלאָזנדיק קנוילן רויך פון זיין פּאַפּיראָס און באַזונדערס הויך אויסהוסטנדיק זיך.

— אַלזאָ האָב איך געוואָלט בעטן, אויב ס'איז מעגלעך, אָפּצוהאַלטן דידאָזיקע פרוי דאָ, ביז וואַנען עס וועט אָנקומען אַן ענטפער אויף דער אָנגעגעבענער בקשה.

ס'איז אַריין דער לאָקיי — אַ דינשטשיק, מיליטעריש געקליידט.

— פרעג, צי אַננאַ וואַסיליעוונאַ איז שוין אויפגעשטאַנען, — האָט דער גענעראַל געזאָגט, — און דערלאַנג נאָך טיי. און נאָך וואָס? — האָט דער גענעראַל זיך געווענדט צו נעכליודאָוון.

— מיין צווייטע בקשה, — האָט נעכליודאָוו ווייטער גערעדט, — איז נוגע אַ פּאָליטישן אַרעסטאַנט, וועלכער גייט מיט דערדאָזיקער פּאַרטיע.

— אַזוי גאָר! — האָט געזאָגט דער גענעראַל, פּולבאַדייטנדיק שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— ער איז שווער קראַנק, אַ גוס-מענטש, און מען וועט, מסתמא, אים איבערלאָזן דאָ אין שפּיטאָל. אַלזאָ וויל איינע פון די פּאָליטיש אַרעסטירטע פרויען בלייבן מיט אים.

— זי איז אים אַ פרעמדע?

— יאָ, אָבער זי איז גרייט מיט אים חתונה צו האָבן, אויב דאָס וועט איר נאָר געבן די מעגלעכקייט צו בלייבן מיט אים.

דער גענעראַל האָט שאַרף געקוקט מיט זיינע פינקלענדיקע אויגן און געשוויגן, צוהערנדיק, קענטיק, געוואָלט. אַז זיין מיטשמועסער זאָל זיך דערשרעקן פאַר זיין בליק, און האָט געהאַלטן אין איין רייכערן.

אַז נעכליודאָוו האָט געענדיקט, האָט דער גענעראַל גענומען פון טיש אַ בוך און, שנעל מישנדיק מיט די פינגער די בלעטער, האָט ער געפונען דעם פּאַראַגראַף וועגן חתונה און איבערגעלייענט.

— אויף וואָס איז זי פאַרמשפט ? — האָט ער געפרעגט, אויפהייבנדיק די אויגן פון בוך.

— זי איז פאַרמשפט אויף קאַטאָרגע.

— נו, דאַן קאָן די לאַגע פון דעם פאַרמשפטן דורך זיין חתונה־האָבן נישט פאַרבעסערט ווערן.

— אָבער דאָך...

— דערלויבט. אויב מיט איר וואָלט חתונה געהאַט אַ פרייער, וואָלט זי פונקט אַזוי באַדאַרפט אָפּקומען איר שטראָף. די פראַגע איז דאָ :

ווער טראָגט אַ האַרבערע שטראָף — זי אָדער ער.

— זיי זענען ביידע פאַרמשפט אויף קאַטאָרגע.

— נו, איז קוויט. — האָט דער גענעראַל לאַכנדיק געזאָגט. — וואָס פאַר אים, איז אויך פאַר איר. אים צוליב זיין קראַנקייט קאָן מען איבערלאָזן, — האָט ער ווייטער גערעדט, — און עס וועט ווערן אַלץ געטון, וואָס עס וועט נאָר מעגלעך זיין צו פאַרלייכטערן זיין גורל ; אָבער זי, ווען זי זאָל אפילו מיט אים חתונה האָבן, קאָן דאָ נישט פאַרבלייבן...

— די גענעראַלשע באַוויליקט צו טרינקען קאַווע, — האָט דער לאַקיי געמאָלדן.

דער גענעראַל האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און האָט ווייטער גערעדט :

— איבעריקנס, וועל איך נאָך אַ טראַכט טון. ווי איז זייער פאַמיליע. פאַרשרייבט, אָט דאָ.

נעכליודאָוו האָט פאַרשריבן.

— און דאָס קאָן איך אויך נישט טאָן, — האָט דער גענעראַל געזאָגט אויף נעכליודאָווס בקשה זיך צו זעען מיטן קראַנקן. — נאַטיר־

לעך, בין איך אייך נישט חושד. — האָט ער געזאָגט. — אָבער איר אינ־טערעסירט זיך מיט דעם און מיט יענעם, און איר האָט געלט, און דאָ זענען בײַ אונדז אַלע פּאַרקויפטע. מען זאָגט מיר, איך זאָל אויסראָטן דעם כאַבאַר, אָבער ווי אַזוי ראָט מען אויס, אַז אַלע זענען כאַבאַרני־קעס? און וואָס קלענער דער ראַנג — אַלץ אַ גרעסערער כאַבאַרניק. נו, ווי אַזוי קאָן איך עס השגחה געבן אויף אַ מענטש פּאַר 5000 וויאָרסט ווייט. ער איז דאָרט פּונקט אַזאַ קייסערל, ווי איך דאָ. — און ער האָט זיך צעלאַכט. — איר האָט זיך דאָך, מסתּמא, געזען מיט די פּאָלי־טישע: געגעבן געלט, און מ'האָט אייך אַרײַנגעלאָזט? — האָט ער געפרעגט מיט אַ שמייכל. — אַזוי איז עס?

— יאָ, דאָס איז ריכטיק.

— איך פאַרשטיי, אַז איר דאַרפט אַזוי האַנדלען. איר ווילט זען דעם פּאָליטישן. און איר האָט אויף אים רחמנות. און דער אינספּעקטאָר און דער קאָנוואָי־זעלנער וועט נעמען, ווייל צוואַנציק קאָפּיקעס איז זיין חודש־געהאַלט, און ער האָט אַ פאַמיליע — און נישט נעמען קאָן ער נישט. און אויף זיין אָרט, און אויף אייער אָרט וואָלט איך געהאַנדלט פּונקט אַזוי ווי איר און ער. אָבער אויף מיין אָרט וועל איך זיך נישט דערלויבן אָפּצוטרעטן פון דעם האַרבסטן אות פון געזעץ, דווקא דערפאַר, ווייל איך בין אַ מענטש און איך קאָן ווערן פאַרפירט פון רחמנות און איך דאַרף באַרעכטיקן דעמדאָזיקן צוטרוי. אַלזאָ, די פראַגע איז געענ־דיקט. און איצטער דערציילט־זשע מיר, וואָס טוט זיך בײַ אייך אין דער מעטראָפּאָליע? און דער גענעראַל האָט גענומען אויספרעגן און דער־ציילן, קענטיק געוואָלט גלייכצייטיק אי געוווּר ווערן נייעס, אי באַווייזן זיין גאַנצע באַדייטונג און זיין הומאַניזם.

XXIII.

— נו, איז אָט וואָס: באַ וועמען שטייט איר איין? באַ דיוקן? נו, דאָרטן איז אויך אַן אשפה. קומט צו אונז אויף מיטאָג, — האָט דער גענעראַל געזאָגט, זיך זעגענענדיק מיט נעכליודאָוון, — פינף אַ זייגער. ענגליש רעדט איר?

— יאָ, איך רעד.

— איז דאָך אויסגעצייכנט. פאַרשטייט איר מיך, אַהער איז געקומען אַן ענגלענדער, אַ רייזנדער. ער שטודירט די טורמעס פון פאַרשיקונג אין סיביר. וועט ער דאָס זיין באַ אונז צו מיטאָג. און איר קומט אויך. מיר עסן מיטאָג פינף און דאָס ווייב פאָדערט פינקטלעכקייט. איך וועל שוין אייך דאָן אויך געבן אַ תשובה וועגן דערדאָזיקער פרוי און אויך וועגן דעם קראַנקן. אפשר וועט מען קאָנען איבערלאָזן באַ אים וועמען עס איז.

אָפגעזעגנט זיך מיטן גענעראַל, איז נעכליודאָוו, פילנדיק זיך אין אַ באַזונדערס אויפגערעגט-טעטיקער שטימונג, אַוועקגעפאָרן אויף דער פאָסט.

דער פאָסט-אַמט איז געווען אַ נידעריק-געוועלבט צימער; הינטערן ביופעט זענען געזעסן באַאמטע און האָבן אַרויסגעגעבן דעם עולם. וואָס האָט זיך דאָ געדרענגט. איינער אַ באַאַמטער, דעם קאָפּ איינגעבויגן אויף אַ זייט, האָט געהאַלטן אין איין קלאַפּן מיט אַ שטעמפּל איבער די קאָנ-ווערטן, וואָס מ'האָט אים פלינק אונטערגערוקט. נעכליודאָוון האָט מען לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן און, זיך דערוווּסט זיין נאָמען, האָט מען אים תיכּף אַרויסגעגעבן אַ גאַנץ היפּשע קאָרעספּאָנדענץ. דאָרט איז געווען אי געלט, אי עטלעכע בריוו און ביכער און דער לעצטער נומער פון „וועסטניק יעוראָפּי“. באַקומען זיינע בריוו, איז נעכליודאָוו אָפּגעגאַנגען צו דער הילצערנער באַנק, אויף וועלכער עס איז געזעסן אַ סאָלדאַט מיט אַ ביכל, אויף עפּעס ווייזט אויס געוואַרט. און זיך צוגעזעצט לעבן אים איבערקוקן די דערהאַלטענע בריוו. צווישן זיי איז געווען איינער אַ רעקאָמענדירטער — אַ הערלעכער קאָנווערט מיט אַ דייטלעכן שטעמפּל

פון העל-רויטן טריפוואַקס. ער האָט אויפגעחתמעט דעם קאָנווערט און, דערזעען אַ בריוו פון סעלעגינען צוזאַמען מיט עפּעס אַן אָפיציעלן פּאַפּיר, האָט ער דערפילט, אַז דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטון אין פּנים אַריין און דאָס האַרץ האָט פאַרקלעמט. דאָס איז געווען דער באַשלוס אין קאַטיעס ענין. וואָס איז דאָס פאַר אַ באַשלוס? צי דען אַן אָפּזאָג? בעכליודאָוו איז האַסטיק אַדורכגעלאָפן דעם בריוו, געשריבן מיט אַ קליין, צום לייענען שווער, פעסט געבראָכן כתב, און האָט פריידיק אָפּגעזיפצט. דער באַשלוס איז געווען אַ גינסטיקער.

„ליבער פריינט! — האָט סעלענין געשריבן. — דער לעצטער שמועס אונזערער האָט איבערגעלאָזט אויף מיר אַ שטאַרקן רושם. דו ביסט געווען גערעכט בנוגע מאַסלאָוואַ. איך האָב אויפמערקזאַם דורכגעקוקט דעם ענין און האָב איינגעזען, אַז איר איז געשען אַ הימל-שרייענדיקע עוולה. פאַרריכטן האָט מען געקאָנט סיידן אין דער קאָמיסיע אויף אָנצונעמען בקשות, וווהין דו האָסט טאַקע איינגעגעבן. מיר איז געלונגען צו פועלן אַנטשיידן דאָרט דעם ענין, און אָט שיק איך דיר אַ קאָפּיע פון דער באַגנעדיקונג לויט דעם אַדרעס, וואָס גרעפין יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט מיר געגעבן. דער אָריגינאַל פון דעם פּאַפּיר איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין יענעם אָרט, ווו זי האָט זיך אויפגעהאַלטן בשעת דעם משפּט, און וועט, מן-הסתם, תיכף אַריבערגעשיקט ווערן אין דער „סיבירער הויפּט-פאַרוואַלטונג". איך איל זיך דיר מודיע צו זיין דידאָזיקע אָנגענעמע בשורה. איך דריק דיר פריינדלעך די האַנט. דיין סעלענין".

דער אינהאַלט פון דעמדאָזיקן פּאַפּיר איז געווען אַזאַ: „די קאַנצעלאַריע פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט אויף אָנצונעמען בקשות, וואָס ווערן אַריינגעבראַכט אויפן אַלערהעכסטן נאָמען. די און די אָפּטיילונג, דער און דער טיש. די און די דאַטע, יאָר. לויט דעם באַפעל פון דעם הויפּט-פאַרוואַלטער פון דער קאַנצעלאַריע פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט אויף אָנצונעמען בקשות, וואָס ווערן אַריינגעבראַכט אויפן אַלערהעכסטן נאָמען, ווערט דערמיט געמאָלדן דער בירגערין יעקאַטערינאַ מאַסלאָוואַ, אַז זיין קייזערלעכע מאַיעסטעט, האָט אויפן סמך פון דעם אַלאונטערטעניקסטן רעפערירן אים דעם ענין, אָנגייענדיק זיך צו מאַסלאָוועס בקשה, אַלערהעכסט באַפוילן צו דערלויבן די צוואַנגסאַרבעט פאַרבייטן אויף פאַרשיקונג אין די נישט גאָר ווייטע מקומות פון סיביר".

דידאַזיקע ידיעה איז געווען אַ פרייליכע און אַ ווייטיקע: ס'איז געשען דאָס אַלץ, וואָס נעכליודאָוו האָט געקאָנט פאַרלאַנגען פאַר קאַטיושען, און אפילו פאַר זיך אַליין אויך. אמת, דידאַזיקע ענדערונג אין איר לאַגע האָט געשאַפן נייע קאָמפּליקאַציעס אין דער באַציונג צו איר. כל-זמן זי איז געווען אַ קאַטאָרזשאַנערין, איז די חתונה, וואָס ער האָט איר פאָרגעלייגט, געווען אַ פיקטיווע און געהאַט בלויז די באַדייטונג, וואָס דאָס האָט פאַרלייכטערט איר לאַגע. איצט אָבער האָט קיין זאַך נישט געשטערט זייער צוזאַמענלעבן. און אויף דעם איז נעכליודאָוו נישט געווען גרייט; היינט אירע באַציונגען מיט סימאָנסאָנען? וואָס האָבן באַטייט אירע נעכטיקע ווערטער? און אויב זי וואָלט יאָ מסכים געווען צוזאַמענגיין זיך מיט סימאָנסאָנען, וואָלט עס געווען גוט, אָדער שלעכט? ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט זיך פונאַנדערקלויבן אין דידאַזיקע געדאַנקען און נישט גענומען איצט אַריינקלערן אין דעם. „דאָס אַלץ וועט קלאָר ווערן דערנאָך, — האָט ער אַ טראַכט געטון, — איצט דאַרף מען וואָס גיכער זעען זיך מיט איר און אָנזאָגן איר די גוטע בשורה און באַפרייען זי". ער האָט געמיינט, אַז דערצו איז גענוג געווען די קאָפּיע, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער האַנט. און, אַרויס פון פּאָסטאַמט, האָט ער געהייסן דעם דראָשקער פאָרן אין טורמע.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דער גענעראַל האָט אים נישט דערלויבט קיין באַזוך אין טורמע פרימאָרגנצייט, האָט נעכליודאָוו אָבער פון דערפאַרונג געוווּסט, אַז דאָס, וואָס מען קאָן נישט דערגרייכן בײַ דער העכערער מאַכט, קאָן מען אָפטמאָל לייכט אויספּועלן בײַ דער נידעריקערער, און ער האָט באַשלאָסן צו פּרוּוון אַריינכאַפּן זיך איצט אין טורמע, כדי אָנצוזאָגן איר די פרייליכע בשורה און אפשר באַפרייען זי און גלייכצייטיק דערוויסן זיך וועגן קרילצאָווס געזונט-צושטאַנד און איבערגעבן אים און מאַריאַ פּאַוולאָוונען דאָס, וואָס דער גענעראַל האָט געזאָגט.

דער אינספּעקטאָר פון טורמע איז געווען זייער אַ הויכער און אַ דיקער, אימפּאָזאַנטער מאַן מיט וואָנסעס און באַקנבערד, וואָס האָבן זיך אויסגעדרייט צו די ווינקלען פון מויל. ער האָט נעכליודאָוון זייער שטרענג אויפגענומען און דירעקט געמאָלדן, אַז ער קאָן נישט דערלאָזן זייטיקע פּערזאָנען קיין זעונגען אָן אַ דערלויבניש פון דעם שעף. אויף נעכליודאָווס באַמערקונג, אַז אין די רעזידענץ-שטעט האָט מען אים אויך צוגעלאָזט, האָט דער אינספּעקטאָר געענטפערט:

— זייער מעגלעך, אָבער איך לאָז נישט צו. — דערביי האָט דער

מאָן זיינער געזאָגט: איר, רעזידענץ-הערן, מיינט אייך, אַז איר וועט אונז איבערראַשן; אָבער אין מזרח-סיביר ווייסן מיר אויך פעסט די געזעצן און וועלן נאָך אייך אויסלערנען".

די קאָפּיע פון דעם פּאַפּיר פון זיין מאַיעסטעטס אייגענער קאַנצעלאַריע האָט אויפן אינספּעקטאָר אויך נישט געווירקט. ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אַריינצולאָזן אין די ווענט פון טורמע. אויף נעכליודאָווס נאַיוון פאָרשלאַג, אַז מאַסלאָווא קאָן באַפרייט ווערן, נאָכן צושטעלן פון דערדאָזיקער קאָפּיע, האָט דער אינספּעקטאָר בלויז מיט ביטול אַ שמייכל געטון, דערקלערנדיק, אַז, כּדי צו באַפרייען עמעצן מוז זיין אַ פאַראָרדנונג פון זיין דירעקטער איבערמאַכט. אַלץ, וואָס ער האָט צוגעזאָגט, איז געווען בלויז, אַז ער וועט מאַסלאָווען מודיע זיין, אַז פאַר איר איז אָנגעקומען אַ באַגנעדיקונג, און וועט זי נישט פאַרהאַלטן קיין איבעריקע שעה, ווי נאָר ער וועט באַקומען אַ פאַרשריפט פון זיין אויבערמאַכט.

וועגן קרילצאָווס געזונט-צושטאַנד האָט ער זיך אויך אָפּגעזאָגט צו געבן וועלכע עס איז ידיעה, זאָגנדיק, אַז ער ווייסט אפילו נישט, צי אין דאָ פאַראַן אַזאַ אַרעסטאַנט. אַזוי אַרום, גאָרנישט פועלנדיק, האָט נעכליודאָוו זיך געזעצט אויף זיין דראָזשקע און איז אַוועקגעפאָרן אין האָטעל.

דעם אינספּעקטאָרס שטרענגקייט האָט געשטאַמט דערהויפּט דערפון, וואָס אין דער טאָפּלט קעגן דער נאָרמע איבערגעפּאַקטער טורמע האָט אין דער צייט געהערשט אַ טיפוס-עפּידעמיע. דער פורמאַן, וואָס האָט געפירט נעכליודאָוון, האָט אים אויפן וועג דערציילט, אַז „געפּגרלעך ווי דער עולם פּאַלט אָוועק, אין טורמע. עפּעס אַ „כאַלאַנעס" איז אויף זיי אָנגעפאַלן, יעדן טאָג באַגראָבט מען אַ מאָן צוואָנציק".

XXIV.

טראָץ זיין אומגעלונגענעם באַזוך אין דער טורמע, נאָך אַלץ אין דער זעלבער מונטערער אויפגערעגט־טעטיקער שטימונג, איז נעכליודאָוו אַוועקגעפאָרן אין גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע זיך דערוויסן, צי איז נישט אָנגעקומען דאָרטן דאָס פּאַפּיר וועגן דער באַגנעדיקונג פאַר מאַסלאָווען. דאָס פּאַפּיר איז נאָך נישט געווען און דעריבער האָט נעכליודאָוו, קומענדיק צוריק אין האָטעל, תיכף־ומיד, נישט אָפּלייגנדיק, אָנגעשריבן וועגן דעם סעלעניגען און דעם אַדוואָקאַט. פאַרענדיקט די בריוו, האָט ער אַ קוק געטון אויפן זייגער; ס'איז שוין צייט געווען צו פאָרן צום גענעראַל אויף מיטאָג.

אויפן וועג איז אים ווידער געקומען דער געדאַנק, ווי אַזוי מאַסלאָווא וועט אויפנעמען איר באַגנעדיקונג. ווו וועט מען זי באַזעצן? ווי וועט ער לעבן מיט איר? וואָס איז מיט סימאָנסאָנען? ווי אַזוי איז איר באַציונג צו אים? זיך דערמאַנט אָן דער ענדערונג, וואָס איז אין איר פאָרגעקומען, זיך דערמאַנט דערביי אויך די פאַרגאַנגענהייט אירע.

„מען דאַרף פאַרגעסן, אויסמעקן", האָט ער אַ טראַכט געטון און ווידער שנעל פאַרטריבן פון זיך די געדאַנקען וועגן איר. „מ'וועט שוין שפּעטער זען", האָט ער זיך אַליין געזאָגט און גענומען טראַכטן וועגן דעם, וואָס ער באַדאַרף צו זאָגן דעם גענעראַל.

דאָס מיטאָג באַם גענעראַל, סערווירט מיט דעם גאַנצן, נעכליודאָוון גוט באַקאַנטן לוקסוס פון נגידים און וויכטיקע באַאַמטע, איז נאָך אַזאַ לאַנגען צייט מאַנגל נישט נאָר אין לוקסוס־זאַכן, נאָר אפילו אין די פּרימיטיווסטע באַקוועמלעכקייטן, אים געווען באַזונדער אָנגענעם.

די באַלעבאָסטע איז געווען אַ פאַרצייטיקע פּעטערבורגער grand-dame, אַ געוועזענע הויף־פרײלין פון ניקאָלאַיס הויף, וואָס האָט גערעדט נאַטירלעך פראַנצויזיש און אומנאַטירלעך רוסיש... זי האָט זיך געהאַלטן אויסערגעווייגלעך גלייך, און מאַכנדיק באַוועגונגען מיט די הענט, האָט זי נישט אָפּגעטיילט די עלנבויגנס פון דער טאַליע. זי איז

געווען רויק און אומעטיקלעך-רעספּעקטפול צו דעם מאַן און אויסער־געוויינלעך פריינדלעך צו די געסט, הגם באַהאַנדלט זיי מיט פאַרשידענע ביזאַנסן, געוועגדט אָן דער פּערזאָן. נעכליודאָוון האָט זי אויפגע־נומען ווי אָן אייגענעם, מיט יענער באַזונדערער, דינער, אומבאַמערק־טער הניפה, צוליב וועלכער נעכליודאָוו איז ווידער געוויר געוואָרן וועגן אַלע זיינע מעלות און האָט דערפילט אַן אָנגענעמע באַפרידיקונג. זי האָט אים געלאָזט פילן, אַז זי ווייסט פון זיין הגם אָריגינעלער, אָבער ערלעכער האַנדלונג, וואָס האָט אים געבראַכט קיין סיביר און האַלט אים פאַר אַן אויסשליסלעכן מענטש. דידאָזיקע דינע חניפה און דאָס עלעגאַנט-לוקסוסדיקע מיליע אין דעם גענעראַלס הויז האָבן געמאַכט, אַז נעכליודאָוו האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דעם פאַרגעניגן פון דער שיינער סביבה אַרום, פון דעם געשמאַקן עסן, פון די לייכטע און אָנגע־נעמע באַציונגען מיט גוט-דערצויגענע מענטשן פון זיין אייגנגעוויינטן קרייז, גלייך ווי דאָס אַלץ, צווישן וואָס ער האָט די לעצטע צייט גע־לעבט, איז געווען אַ חלום, און איצט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט צו דער אמתער וואָר.

בא מיטאָג זענען, אויסער די היימישע — דעם גענעראַלס טאָכטער מיטן מאַן און דעם אַדיוטאַנט, — געווען נאָך — דער ענגלענדער, אַ סוחר — אַ גאָלד-אינדוסטריעלער און אַ גובערנאַטאָר פון אַ ווייטער סיבירער שטאָט. די אַלע מענטשן זענען נעכליודאָוון געווען אָנגענעם.

דער ענגלענדער, אַ געזונטער מענטש מיט רויטע באַקן, וועלכער האָט זייער שלעכט גערעדט פראַנצויזיש, אָבער אויסגעצייכנט גוט און רעדנעריש-איבערצייגנדיק אויף ענגליש, האָט זייער פיל געזעען און איז געווען אינטערעסאַנט מיט זיינע מעשיות וועגן אַמעריקע, אינדיע, יאַפּאַניע און סיביר.

דער יונגער סוחר, דער גאָלד-אינדוסטריעלער, אַ זון פון אַ פויער, אין אַ פראַק, גענייט אין לאָנדאָן, מיט בריליאַנטענע ספינקעס, אַ באַזיצער פון אַ גרויסער ביבליאָטעק, וואָס האָט געגעבן גרויסע נדבות אויף וווילטעטיקע צוועקן און געהאַט אייראָפּעיש-ליבעראַלע איבערצייגונגען, איז געווען נעכליודאָוון אָנגענעם און אינטערעסאַנט, פאַרשטעלנדיק מיט זיך אַ גאַנץ נייעם און פיינעם טיפּ פון אַ געבילדעטער פאַרפלאַנצונג פון אייראָפּעישער קולטורעלקייט אויף אַ געזונטן פויערישן בוים.

דער גובערנאַטאָר פון דער ווייטער שטאָט, איז עס געווען יענער געוועזענער דעפּאַרטאַמענט-דירעקטאָר, וועגן וועלכן מ'האָט אַזוי פיל

גערעדט אין יענער צייט, בשעת נעכליודאָוו איז געווען אין פעטערבורג. דאָס איז געווען אַ קיילעכדיקער מענטש, מיט אָנגעקרויזטע שיטערע האָר, צאַרטע בלויע אויגן, זייער אַ דיקער אונטן, מיט אויסגעאיידלטע הענט און רינגען און מיט אַן אָנגענעמען שמייכל. דעם גובערנאַטאָר האָט דער באַלעבאָס פון הויז געשעצט דערפאַר, ווייל צווישן די אַלע, וואָס האָבן גענומען אין יד אַריין, איז ער געווען דער איינציקער, וואָס האָט נישט גענומען. די באַלעבאָסטע, אַ גרויסע ליבהאָבערין פון מוזיק און אַליין אַ גוטע פּיאַניסטין, האָט אים געשעצט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ גוטער מוזיקער און געשפּילט מיט איר אין פיר הענט. נעכ-ליודאָווס אויפגערומטקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו דערדאָזיקער מענטש איז אים איצט אויך נישט געווען אומאָנגענעם.

דער פריילעכער, ענערגישער אָפיציר-אַדיוטאַנט מיט דער בלוילע-כער גאָמבע, וואָס איז תמיד גרייט געווען צו דינען, איז געווען אָנגענעם מיט זיין גוטמוטיקייט.

אָבער מער פון אַלעמען איז נעכליודאָוון אָנגענעם געווען דאָס ליבע יונגע פּאָרפאָלק — דעם גענעראַלס טאָכטער מיט איר מאַן. די טאָכטער איז געווען נישט קיין שיינע, פּשוטע פרוי, איינגאַנצן אריינגעטון אין אירע ערשטע צוויי קינדער; דער מאַן אירער, מיט וועלכן זי האָט חתונה געהאַט אויס ליבע, נאָך אַ לאַנגן קאַמף מיט די עלטערן, אַ ליבע-ראַלער קאַנדידאַט פון מאָסקווער אוניווערזיטעט, אַ באַשיידענער און אַ קלוגער, האָט פאַרנומען אַן אַמט פון אַ סטאַטיסטיקער, דערהויפּט פון די פרעמדשטאַמיקע, וועלכע ער האָט שטודירט, ליב געהאַט און זיך געמיט צו ראַטעווען זיי פון אויסשטאַרבן.

נישט נאָר זענען אַלע געווען פריינדלעך און העפלעך צו נעכליו-דאָוון, נאָר מ׳האָט זיך מיט אים באַשיינפערלעך געפרייט ווי מיט אַ נייעם און אינטערעסאַנטן מענטשן.

דער גענעראַל, וואָס איז צו מיטאָג אַרויס אין אַ מיליטערישן סורדוט מיט אַ ווייסן קרייץ אויפן האַלדז, האָט זיך מיט נעכליודאָוון באַגריסט ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן און האָט באַלד געבעטן די געסט צום בראָנפן און צובייסן. אויף דעם גענעראַלס פראַגע, וואָס האָט ער געטון נאָכדעם, ווי ער איז געווען בא אים, האָט נעכליודאָוו דערציילט, אַז ער איז געווען אויף דער פּאָסט און געהויר געוואָרן וועגן דער באַ-גנעדיקונג פון דער פּערזאָן וועגן וועלכער ער האָט איבערגעפרי גערעדט און איצט בעט ער ווידער אַ דערלויבעניש צו באַזוכן די טורמע.

דער גענעראַל, קענטיק אומצופרידן דערפון, וואָס בײַ מיטאָג רעדט מען וועגן געשעפטן, איז שטרענג געוואָרן און גאָרנישט געזאָגט.

— אירווילט בראָנפּן? — האָט ער זיך אויף פראַנצויזיש געווענדט צום ענגלענדער, וואָס איז צו אים צוגעגאַנגען. דער ענגלענדער האָט אויסגעטרונקען דעם בראָנפּן און האָט דערציילט, אַז ער האָט היינט באַזוכט דעם קאַטעדראַל און אַ פאַבריק, אָבער ער וואָלט נאָך געוואָלט זען די גרויסע טראַנספּאָרט־טורמע.

— אויסגעצייכנט, — האָט דער גענעראַל געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו נעכליודאָוון. — קאָנט איר גיין צוזאַמען. — גיט זיי אַרויס אַ שיין, — האָט ער געזאָגט צום אַדיוטאַנט.

— ווען ווילט איר פאָרן? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט דעם ענגלענדער.

— איך האַלט פאַר גלייכער צו באַזוכן די טורמע אין אָוונט! — האָט דער ענגלענדער געזאָגט. — אַלע זענען אינדערהיים, נישט צוגעגרייטערהייט, אַלע אַזוי ווי זיי זענען.

— אַהאַ, ער וויל זען אין דער גאַנצער פּראַכט? זאָל ער זען. איך האָב געשריבן — הערט מען מיך נישט. טאָ זאָל מען זיך דערוויסן פון דער אויסלענדישער פּרעסע, — האָט דער גענעראַל געזאָגט און איז צוגעגאַנגען צום מיטאָג־טיש, ווו די באַלעבאָסטע האָט אָנגעוויזן די געסט זייערע ערטער.

נעכליודאָוו איז געזעסן צווישן דער באַלעבאָסטע און דעם ענגלענדער. אַקעגן אים איז געזעסן דעם גענעראַלס טאָכטער און דער געוועזענער דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט.

דער שמועס בײַ מיטאָג איז געגאַנגען מיט הפסקות, דאָ וועגן אינדיע, וועגן וועלכער דער ענגלענדער האָט דערציילט, דאָ וועגן דער עקספּעדיציע קיין טאָנקין, וועלכע דער גענעראַל האָט שטרענג פאַראורטיילט, דאָ וועגן דעם אַלגעמיינעם שווינדל און קאָרופּציע אין סיביר. דיזאַזיקע אַלע געשפּרעכן האָבן נעכליודאָוון ווייניק אינטערעסירט.

אָבער נאָך מיטאָג אין גאַסטצימער בײַ קאַווע האָט זיך פאַרבינדן אַ זייער אינטערעסאַנטער שמועס מיטן ענגלענדער און מיט דער באַלעבאָסטע וועגן גלאַדסטאָנען, און נעכליודאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט פיין אַרויסגעזאָגט אַ סך קלוגע זאַכן, און זיינע מיטשמועסער האָבן עס באַמערקט. און נאָך דעם גוטן מיטאָג און ווײַן, בײַ אַ גלעזל קאַווע, אויף אַ ווייכן פאָטעל, צווישן פריינדלעכע און וווילדערצויגענע מענטשן,

איז נעכליודאָוון געוואָרן אַלץ מער און מער אָנגענעם. און ווען די באַלעבאָסטע האָט, לויט דער ביטע פון דעם ענגלענדער, זיך געזעצט באַם קלאַוויר צוזאַמען מיט דעם געוועזענעם דעפּאַרטאַמענט-דירעקטאָר און האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן בעטהאָווענס פינפטע סימפאָניע, וואָס זיי האָבן געהאַט גוט איינגעשטודירט, האָט נעכליודאָוו דערשפּירט אַ שוין לאַנג נישט איבערגעלעבטן גייסטיקן צושטאַנד פון פולשטענדיקער זעלבסט-צופרידנהייט, גלייך ווי ער וואָלט ערשט איצט געוואָרן, וואָס פאַר אַ גוטער מענטש ער איז.

דער קלאַוויר איז געווען אַ פּרעכטיקער, די אויספירונג אַ גוטע, אַזוי אַלנפאַלס האָט זיך אויסגעדאַכט נעכליודאָוון, וואָס האָט געקענט און ליב געהאַט דידאָזיקע סימפאָניע. הערנדיק די הערלעכע אַנדאַנטע, האָט ער דערפילט אַ מין קיצלען אין נאָז פון דער התפעלות איבער זיך אַליין און איבער זיינע מידות טובות.

אָפּגעדאַנקט דערווירטין פאַר דעם פאַרגעניגן, וואָס זי האָט אים פאַרשאַפט, וואָס אַזעלכן האָט ער שוין לאַנג נישט איבערגעלעבט, האָט נעכליודאָוו זיך שוין געקליבן אָפּזעגענען און אַוועקפאָרן, ערשט ס'איז אַריינגעקומען דער ווירטינס טאָכטער און איז אַנטשלאָסן צו אים צוגעגאַנגען און, רויטלענדיק זיך, געזאָגט:

— איר האָט געפרעגט אויף מיינע קינדער; איר ווילט זיי זעען?

— זי מיינט, אַז אַלעמען איז אינטערעסאַנט צו זעען אירע קינדער, — האָט די מוטער געזאָגט, צושמייכלענדיק אויף דער טאָכטערס מילדער אומטאַקטישקייט. — דעם פירשט איז עס גאָרנישט אינטערעסאַנט.

— פאַרקערט, זייער, זייער אינטערעסאַנט, — האָט געזאָגט נעכליודאָוו, וועלכער איז געווען גערירט פון דערדאָזיקער גרויסער גליקלעכער מוטערלעכער ליבע, — ביטע, ווייזט.

— זי פירט דעם פירשט באַווייזן אים איר קליינוואַרג, — האָט לאַכנדיק דער גענעראַל אויסגעשריגן פון דעם קאָרטן-טישל, באַ וועלכן ער איז געזעסן מיט זיין איידעם, דעם גאָלד-אינדוסטריעלער און אַדיוטאַנט. — קומט שוין אָפּ, קומט שוין אָפּ דאָס אייעריקע.

די יונגע פרוי דערווייל, קענטיק אויפגערעגט דערפון, וואָס באַלד וועט מען משפטן אירע קינדער, איז מיט שנעלע טריט געגאַנגען פאָרויס פאַר נעכליודאָוון אין די אינעווייניקסטע צימערן. אין דעם דריטן הויכן צימער, מיט ווייסע טאַפּעטן, וואָס איז געווען באַלויכטן פון אַ נישט גאָר גרויסן לאָמפּ מיט אַ טונקעלן אַבאַזשור, זענען איינס לעבן דעם אַנדערן

געשטאַנען צוויי בעטלעך, און צווישן זיי איז אין א וויסער פעלערינקע געזעסן א ניאַנקע, מיט א גוטמוטיק פּנים — מיט ברייטע באַקנביינער. די ניאַניע איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך פאַרנייגט. די מוטער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דעם ערשטן בעטעלע, וווּ ס'איז רויק געשלאָפן א צוויי-יעריק מיידעלע מיט אַן אויפגעעפנט מיילעכל, מיט לאַנגע געלאָקטע האָר, צעשויבערבע איבערן קישן.

— אָט דאָס איז קאַטיע, — האָט די מוטער געזאָגט, פאַרריכטנדיק די בלויע אין פּאַסן געשטריקטע דעקע פון וועלכער ס'האָט זיך אַרויס-גערוקט א קליין וויס פיסל. — א שיינע? זי איז דאָך אַלט ערשט צוויי יאָר.

— א פּראַכט!

און דאָס איז וואַסיוק, ווי דער זיידע האָט אים געגעבן א צונאָ-מען. גאַר אַן אַנדערער טיפּ. א סיבירער. איאָ?

— א זעלטן יינגל, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, באַטראַכטנדיק דאָס נפש, וואָס איז געשלאָפן ליגנדיק אויפן בויך.

— אמת? — האָט די מוטער געזאָגט פילבאַדייטנדיק שמייכ-לענדיק.

נעכליודאָוו האָט זיך דערמאַנט די קייטן, די געגאָלטע קעפּ, די געשלעגן, די דעמאָראַליזאַציע, דעם גוסן קרילצאָוון, קאַטיושען מיט איר גאַנצער פאַרגאַנגענהייט. און ער האָט דערפילט א קנאה און אים האָט זיך אויך פאַרוואָלט אַזאַ שיין, ריין גליק, ווי אים האָט זיך איצט געדאַכט.

עטלעכע מאָל האָט ער געלויבט די קינדער און דערמיט האָט ער כאָטש טיילווייז באַפרידיקט די מוטער, וואָס האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך דעמדאָזיקן לויב, און ער איז אַוועק נאָך איר אין גאַסטצימער, ווו דער ענגלענדער האָט אויף אים שוין געוואַרט, כּדי זיי זאָלן ביידע, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשמועסט, צופאָרן אין טורמע. אָפּגעזעגנט זיך מיט די אַלטע און יונגע באַלעבאַטים, איז נעכליודאָוו צוזאַמען מיט דעם ענגלענ-דער אַרויס אויפן גאַניק פון דעם גענעראַלס הויז.

דאָס וועטער האָט זיך געענדערט. עס איז געפאַלן א געדיכטער שניי און האָט שוין פאַרשאָטן דעם וועג און דעם דאַך, און די ביימער פון גאָרטן, און דעם פּראָנט-אַריינגאַנג, און די דראָזשקע, און דעם רוקן פון פערד.

דער ענגלענדער האָט געהאַט זיין אייגענעם עקיפּאַזש, און נעכליו-

דאָוו האָט געהייסן דעם ענגלענדערס קוטשער, אַז ער זאָל פֿאָרן אין טורמע אַריין, געזעצט זיך אַליין אין זיין דראָזשקע און מיט אַ שווער געפֿיל פֿון אויספֿירן אַן אומאָנגענעמע פֿליכט, איז ער געפֿאָרן נאָך אים אין דער הייכער דראָזשקע, וואָס האָט שווער גערעדערט איבערן שניי.

XXVI

דאָס פֿינצטערע הויז פֿון דער תּפֿיסה מיט דער וואַך און מיט דעם לאָמטער בײַם טויער, טראָץ דעם ריינעם ווייסן שלייער, וואָס האָט אַלץ פֿאַרדעקט אי דעם אַריינגאַנג, אי דעם דאַך, אי די ווענט, האָט מיט זיינע באַלויכטענע פֿענצטער איבערן גאַנצן פֿאַסאַד געמאַכט נאָך אַ שווערערן איינדרוק ווי אינדערפֿרי.

דער הויכגעבוירענער אינספּעקטאָר איז אַרויס צום טויער און איבערגעלייענט בײַ דער לאָמטער דעם פּאַסיר-שיין, וואָס נעכליודאָוו און דער ענגלענדער האָבן געהאַט, האָט ער פֿאַרחידושט אַ צי געגעבן מיט די אַקסלען, אָבער, דערפֿילנדיק דעם באַפֿעל, איינגעלאַדן די באַזוכער צו גיין נאָך אים. ער האָט זיי דורכגעפֿירט צווערשט דורכן הויף און דערנאָך רעכטס אין טיר, און דורך די שטיגן אין קאַנצעלאַריע אַריין. איינגעלאַדן זיי זיך זעצן, האָט ער געפֿרעגט, מיט וואָס ער קאָן זיי דינען, און, דערוויסנדיק זיך, אַז נעכליודאָוו וויל איצטער זען מאַסלאָווען, האָט ער געשיקט נאָך איר דעם אויפֿזעער און זיך צוגעגרייט צו ענטפֿערן אויף די פֿראַגן, וואָס דער ענגלענדער האָט גלייך דורך נעכליודאָווס איבערזעצונג גענומען אים שטעלן.

— פֿאַר וויפֿיל מענטשן איז דער שלאָס געבויט? — האָט דער ענגלענדער געפֿרעגט. — וויפֿיל זענען פֿאַראַן אַרעסטירטע? — וויפֿיל מענער, וויפֿיל פֿרויען, קינדער? וויפֿיל זענען דאָ קאַטאָרזשאַנער, פֿאַרשיקטע און וויפֿיל גייען פֿרייוויליק? וויפֿיל קראַנקע?

נעכליודאָוו האָט איבערגעזעצט די ווערטער פֿון דעם ענגלענדער, נישט אַריינדרינגענדיק אין זייער תּוך. אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין שטאַרק אומרויִק פֿון דער זעונג, וואָס אים שטייט פֿאָר. בשעת אין מיטן דער פֿראַזע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איבערזעצן דעם ענגלענדער, האָט

ער דערהערט די טריט, וואָס האָבן זיך דערנענטערט, און די טיר פון דער קאַנצעלאַריע האָט זיך געעפנט, און, ווי ס'איז שוין פאָרגעקומען א סך מאָל, איז אריין דער אויפזעער און נאָך אים, איינגעוויקלט אין א טוך, אין דעם ערעסטאַנטישן יאָקל איז אריין קאַטיושע, האָט ער, דער־זעענדיק זי, געהאַט א שווער געפיל.

„איך וויל לעבן, איך וויל א פאַמיליע, קינדער, איך גאָר נאָך א מענטשלעך לעבן", איז בא אים דורכגעפלויגן אין קאָפּ, בשעת זי איז מיט שנעלע טריט, נישט אויפהייבנדיק די אויגן, אריינגעגאַנגען אין צימער.

ער איז אויפגעשטאַנען און געמאַכט עטלעכע טריט איר אַנטקעגן, און איר פּנים האָט אים אויסגעוויזן שטרענג און אומאָנגענעם. ס׳האָט ווידער אזוי אויסגעזעען, ווי דעמאָלט, ווען זי האָט אים געמאַכט א פאָר־וואורף. דאָ איז זי רויט און בלייך געוואָרן, אירע פינגער האָבן קראַמפּ־האַפטיק געדרייט די ברעגן פון יאָקל, און דאָ האָט זי אויף אים געגעבן א קוק און באַלד אראָפּגעלאָזט די אויגן.

— איר ווייסט, אז ס'איז אָנגעקומען די באַגנעדיקונג? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— יאָ, דער אויפזעער האָט געזאָגט.

— אלזאָ, ווי נאָר עס וועט אָנקומען דאָס פּאַפּיר, קאָנט איר אַרויס־גיין און זיך באַזעצן, ווו איר ווילט. מיר וועלן באַטראַכטן...

זי האָט שנעל אים איבערגעריסן:

— וואָס האָב איך צו באַטראַכטן? ווו וולאַדימיר איוואַנאָוויטש וועט זיין, אהין וועל איך אויך גיין מיט אים.

נישט קוקנדיק אויף איר גאַנצער אויפרעגונג, האָט זי, אויפהייבנ־דיק די אויגן אויף נעכליודאָוון, דידאָזיקע ווערטער ארויסגערעדט שנעל, דייטלעך, פּונקט ווי זי וואָלט פון פריער צוגעגרייט דאָס אלץ, וואָס זי וועט זאָגן.

— אזוי! — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— נו, יאָ, דמיטרי איוואַנאָוויטש, אז ער וויל, איך זאָל מיט אים לעבן, — זי האָט דערשראָקן זיך אָפּגעהאַקט און זיך פאַרריכט, — איך זאָל לעבן אים זיין. וואָס קאָן איך נאָך פאַרלאַנגען? איך דאַרף עס האַלטן פאַר א גליק. וואָס קאָן איך...

„איינס פון די ביידע: אָדער זי האָט זיך פאַרליבט אין סימאָנסאָ־נען, און פאַרלאַנגט גאָרנישט דעם קרבן, וואָס איך האָב געמיינט, אז איך

ברענג איר, אָדער זי האָט נאָך אַלץ מיך ליב און צוליב מיין גליק זאָגט זי זיך אָפּ פון מיר און פאַרברענט אויף שטענדיק אירע שיפן, פאַר־בינדנדיק איר גורל מיט סימאָנסאָנס", האָט נעכליודאָוו אַ קלער געטון, און ער האָט זיך פאַרשעמט. ער האָט דערפילט, אַז ער ווערט רויט.

— אויב איר האָט אים ליב... — האָט ער געזאָגט.

— ליב, ווען ליב? איך האָב עס שוין געלאָזט, און וולאַדימיר אי־וואַנאָוויטש איז דאָך נישט דער מענטש.

— יאָ, פאַרשטייט זיך, — האָט נעכליודאָוו געוועזט אָנגעהויבן. — ער איז אַ זעלטענער מענטש, און איך מיין...

זי האָט אים ווידער איבערגעריסן, ווי זי וואָלט מורא האָבן, אַז ער וועט זאָגן עפּעס איבעריקס, אָדער, אַז זי וועט נישט אַלץ אַרויסזאָגן.

— ניין, איר זאָלט מיר, דמיטרי איוואַנאָוויטש, מוחל זיין, אויב איך טו נישט, וואָס איר פאַרלאַנגט, — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין מיט איר שיקלדיקן, געהיימנישפולן בליק, — יאָ, מסתמא דאַרף אַזוי זיין. און איר דאַרפט אויך לעבן.

זי האָט אים געזאָגט דאָס זעלבע, וואָס ער האָט זיך אַליין גע־זאָגט, אָבער איצטער האָט ער שוין וועגן דעם נישט געקלערט, און האָט געטראַכט און געפילט שוין עפּעס גאָר אַנדערש. ער האָט זיך נישט נאָר געשעמט, נאָר אים איז געווען אַ שאָד דאָס אַלץ, וואָס ער האָט מיט איר פאַרלוירן.

— איך האָב זיך נישט געריכט דערויף, — האָט ער געזאָגט.

— וואָס דאַרפט איר דאָ זיין און זיך פייניקן. גענוג האָב איך זיך געפייניקט, — האָט זי געזאָגט און אַ שמייכל געטון.

— איך האָב זיך נישט געפייניקט, נאָר מיר איז גוט געווען, און איך וואָלט ווייטער וועלן אייך דינען, אויב איך וואָלט געקאָנט.

— מ י ר. — האָט זי געזאָגט: „מיר", און האָט אַ קוק געגעבן אויף נעכליודאָוון, — דאַרפן גאָרנישט. איר האָט שוין אַזוי אויך אַזוי פיל פאַר מיר געטון. ווען נישט איר... — זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער איר שטים האָט אַ ציטער געטון.

— איר מיר דאַנקען דאַרפט שוין גראָד נישט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— וואָס פאַר אַ חשבונות? אונזערע חשבונות וועט שוין גאָט מאַכן, — האָט זי אַרויסגערעדט, און אירע שוואַרצע אויגן האָבן אָנגע־הויבן פינקלען פון די טרערן, וואָס האָבן זיך אין זיי געשטעלט.

— איר זענט אַזאַ גוטע! — האָט ער געזאָגט.

— איך בין אַ גוטע? — האָט זי דורך טרערן געזאָגט, און אַ טרויעריקער שמייכל האָט באַלויכטן איר פּנים.

— Are you ready*)? — האָט דערווייל דער ענגלענדער געפרעגט.

— Directly**), — האָט נעכליודאָוו געענטפערט און זיך געפרעגט אויף קרילצאָוון.

זי האָט זיך באַהערשט פון דער אויפרעגונג און האָט רויק דער־ציילט, וואָס זי האָט געוווסט: קרילצאָוו איז זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין וועג, און מען האָט אים גלייך אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. מאַריאַ פּאַוו־לאָוונאַ האָט זיך זייער באַאומרויקט, זיך געבעטן מען זאָל זי צונעמען אין שפּיטאָל פאַר אַ וואַרטערין, אָבער מ'האָט זי נישט צוגעלאָזט.

— זאָל איך גיין? — האָט זי געזאָגט, באַמערקנדיק, אַז דער ענגלענדער וואַרט.

— איך געזעגן זיך נישט; איך וועל זיך נאָך מיט אייך זען, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, דערלאַנגענדיק איר די האַנט.

— פאַרגיט מיר, — האָט זי שטיל געזאָגט. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, און אין דעם אויסטערלישן שיקלדיקן בליק און אין דעם טרויעריקן שמייכל, מיט וועלכן זי האָט עס אַרויסגערעדט נישט „צום ווידערזען", נאָר „פאַרגיט מיר", האָט נעכליודאָוו פאַרשטאַנען, אַז פון די צוויי השערות וועגן די סיבות פון איר באַשלוס, איז די ריכטיקע געווען די, אַז זי האָט אים ליב געהאַט און האָט געמיינט, אַז פאַר־בינדנדיק זיך מיט אים, וועט זי אומברענגען זיין לעבן, אָבער, אַוועק־גייענדיק מיט סימאָנסאָנען, האָט זי אים באַפרייט, נאָר איצטער האָט זי זיך געפרייט, וואָס זי האָט אויסגעפירט, וואָס זי האָט געוואָלט, און אין דער זעלבער צייט האָט זי געליטן, זיך שיידנדיק מיט אים.

זי האָט אַ דריק געטון זיין האַנט, זיך שנעל אויסגעדרייט און איז אַרויסגעגאַנגען.

נעכליודאָוו האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם ענגלענדער, גרייט מיט אים צו גיין, אָבער דער ענגלענדער האָט עפּעס פאַרשריבן אין זיין

---

*) זענט איר פאַרטיק.

**) באַלד.

באַטיצביכל. נישט וועלנדיק אים שטערן, האָט נעכליודאָוו זיך געזעצט אויף דער הילצערנער קאַנאַפּע, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער וואַנט, און פּלוצלינג האָט ער דערפילט אַ שרעקלעכע מידקייט. ער איז מיד געוואָרן נישט פון דער שלאָפלאָזער נאַכט, נישט פון דער רייזע, נישט פון דער אויפרעגונג, נאָר ער האָט געפילט, אַז ער איז שרעקלעך מיד פון דעם גאַנצן לעבן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם אָנלען פון דער קאַנאַפּע, אויף וועלכער ער איז געזעסן, פאַרמאַכט די אויגן, און איז אויף אַ רגע איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן טויטן שלאָף.

— נו, איצטער וועט איר אפשר באַקוקן די קאַמערן? — האָט דער אינספּעקטאָר געפרעגט.

נעכליודאָוו האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך פאַרוווּנדערט, ווו ער געפינט זיך. דער ענגלענדער האָט געענדיקט זיינע פאַרצייכענישן און האָט געוואָלט באַקוקן די קאַמערן. נעכליודאָוו איז, אַ מידער און אַ גלייכגילטיקער, אַוועק נאָך אים.

XXVI.

אַדורך דאָס פאָרהויז און דעם ביז צום איבלען עיפּושדיקן קאָרידאָר, ווו זיי האָבן, צו זייער גרויסער פאַרווונדערונג, געטראָפן צוויי אַרעסטאַנטן משתּין זייענדיק אויפן דיל, איז דער אינספּעקטאָר, דער ענגלענדער און נעכליודאָוו, באַגלייט פון דעם אויפזעער, אַריין אין דער ערשטער קאַמער פון די קאַטאָרזשאַנער. זיי זענען געווען אַ מאַן 70. זיי זענען געלעגן קאָפּ צו קאָפּ, זייט צו זייט. בײַם אַריינקומען פון די באַזוכער זענען זיי אַלע אויפגעשפּרונגען, קלינגענדיק מיט די קייטן, און זיך געשטעלט בײַ די נאַרעס, גלאַנצנדיק מיט זייערע פרישע אָפּגעגאָלטע האַלבקעפּ. צוויי זענען געבליבן ליגן. איינער איז געווען אַ יונגער מענטש, אַ רויטער, אפּנים — אין היץ, דער צווייטער — אַן אַלטער, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו אויקען.

דער ענגלענדער האָט געפרעגט, ווי לאַנג דער יונגער אַרעסטאַנט איז קראַנק. דער אינספּעקטאָר האָט געזאָגט, אַז פונדערפרי אָן, דער אַלטער אָבער איז שוין לאַנג קראַנק אויפן בויך, אָבער ס'איז אים נישטאָ

ווי אַהינצוטון, ווייל דער לאַזאַרעט איז שוין לאַנג איבערפולט. דער ענג-לענדער האָט אומצופרידן אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט, אַז ער וואָלט וועלן זאָגן די דאָזיקע מענטשן עטלעכע ווערטער, און געבעטן נעכ-ליודאָוון איבערצוזעצן דאָס, וואָס ער וועט רעדן. ס'האָט זיך אַרויסגע-וויזן, אַז דער ענגלענדער האָט אַ חוץ דעם ציל פון זיין רייזע — צו באַשרייבן די פאַרשיקונגס-ערטער און די תּפיסות אין סיביר, נאָך געהאַט אַ צווייטן ציל — פּרעדיקן די גאולה דורך אמונה און לייטערונג.

— זאָגט זיי, אַז קריסטוס איז געווען פול רחמים און ליבע צו זיי, — האָט ער געזאָגט, — און איז געשטאָרבן פאַר זיי. אויב זיי וועלן גלייבן אין דעם, וועלן זיי אויסגעלייזט ווערן. — בשעת ער האָט גערעדט, זענען אַלע אַרעסטאַנטן שטום געשטאַנען בײַ די נאַרעס מיט אַראָפּצו-אויסגעשטרעקטע הענט. — זאָגט זיי, אַז אין דעמדאָזיקן בוך, — האָט ער פאַרענדיקט — שטייט אַזוי געשריבן. פאַראַן דאָ אַזעלכע, וואָס קענען לייענען? — ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַזעלכע זענען געווען איבער 20 מאַן.

דער ענגלענדער האָט אַרויסגענומען פון אַ האַנט-זעקל עטלעכע איינגעבונדענע נייע טעסטאַמענטן, און מוסקלדיקע הענט מיט האַרטע שוואַרצע נעגל פון די גראָבע לייוונטענע אַרבל אַרויס האָבן זיך אַ ציי געטון צו אים, אָפּשטופּנדיק איינער דעם צווייטן. ער האָט צעטיילט אין דער קאַמער צוויי עוואַנגעליומס און איז אַוועק אין דער צווייטער קאַמער.

אין דער צווייטער קאַמער איז געווען דאָס זעלבע, די זעלבע דומפּיקייט, דער זעלבער עיפּוש; פּונקט אַזוי פאַרנט, צווישן די פענצטער, איז געהאָנגען אַ הייליק בילד און לינקס פון דער טיר איז געשטאַנען אַ „פּאַראַשע" און פּונקט אַזוי איז מען ענג געלעגן זייט צו זייט, און פּונקט אַזוי זענען אַלע אויפגעשפּרונגען און זיך אויסגעצויגן, און פּונקט אַזוי זענען נישט אויפגעשטאַנען דריי מענטשן. צוויי האָבן זיך אויפגע-הויבן און זיך געזעצט און איינער איז געבליבן ליגן און האָט אפילו נישט אַ קוק געטון אויף די אַריינגעקומענע; דאָס זענען געווען קראַנקע. דער ענגלענדער האָט פּונקט אַזוי געזאָגט די זעלביקע ווערטער און דאָס-גלייכן געגעבן צוויי עוואַנגעליומס.

אין דער דריטער קאַמער איז געווען פיר קראַנקע. אויף דעם ענגלענדערס פראַגע, פאַרוואָס מען נעמט נישט צוזאַמען אַלע קראַנקע אין איין קאַמער, האָט דער אינספּעקטאָר געענטפערט, אַז זיי אַליין

ווילן אליין נישט. אז די קראנקע זענען נישט אנשטענדיק, אז דער רופא גיט אכטונג אויף זיי און גיט זיי הילף.

— שוין די אנדערע וואך אין די אויגן נישט געזעען, — האט זיך אפגערופן א שטימע.

דער אינספעקטאר האט נישט געענטפערט און אוועקגעפירט אין א ווייטערדיקער קאמער. ווידער אפגעשלאסן די טירן, און ווידער זענען אלע אויפגעשטאנען און געבליבן שטיל, און ווידער האט דער ענגלענדער געטיילט — עוואנגעליומס; דאס זעלבע איז געווען אין דער פינפטער און אין דער זעקסטער, אי רעכטס, אי לינקס, אי בא ביידע זייטן.

פון די קאטארזשאנער איז מען אריבער צו די פארשיקטע, פון די פארשיקטע צו די פאליטישע און צו די פרייוויליקע. אומעטום איז געווען דאס זעלבע. אומעטום האבן זיך ווי ווילדע חיות באוויזן די זעלבע קאלטע, הונגעריקע, ליידיקע, מיט קראנקהייט אנגעשטעקטע, פארשפארטע מענטשן.

פארטיילט די באשטימטע צאל עוואנגעליומס, האט דער ענגלענדער שוין מער נישט געטיילט און אפילו נישט געהאלטן קיין רעדעס. דער שווערער אנבליק, און איבערהויפט — די שטיקנדיקע לופט, האט קענטיק אונטערדריקט זיין ענערגיע און ער איז געגאנגען איבער די קאמערן, בלויז אונטערמורמלענדיק „אל רייט" אויף דעם באריכט פון דעם אינספעקטאר וועגן די ארעסטאנטן, וואס זענען געווען אין יעדער קאמער.

שפירנדיק נאך אלץ די זעלבע מידקייט, נישט האבנדיק קיין כוח אפצוזאגן זיך און אוועקגיין, איז נעכליודאוו געגאנגען ווי אין חלום.

XXVII.

אין דער קאַמער פון די פאַרשיקטע האָט נעכליודאָוו, צו זיין פאַרווונדערונג, דערזעען יענעם אויסטערלישן אַלטן, וואָס ער האָט געזען אינדערפרי אויפן פּאַראָם. דערדאַזיקער אַלטער, צעקודלט און אינגאַנצן צעקנייטשט, אָנגעטון בלויז אין אַ שמוציק, אַשפאַרביק, אין אַקסלען צעריסענעם העמד און פּונקט אין אַזעלכע הויזן, איז אַ באָרוועסער געזעסן אויף דער ערד לעבן די נאַרעס און שטרענג פרעגנדיק אָנגעקוקט די אַריינגעקומענע. דאָס אויסגעמאַטערטע לייב זיינס, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען דורך די לעכער פון דעם שמוציקן העמד, איז געווען שוואַך און חרוב, אָבער דאָס פּנים זיינס איז געווען נאָך מער קאָנצענטרירט ערנסט און באַלעבט, ווי אויפן פּאַראָם. אַזוי ווי אין די אַנדערע קאַמערן, זענען אַלע אַרעסטאַנטן, בּאַם אַריינקומען פון דער מאַכט, אויפגעשפּרונגען און זיך אויסגעצויגן; דער אַלטער אָבער איז געבליבן זיצן.

— אויפשטיין! — האָט אויף אים דער אינספּעקטאָר אַ געשריי געטון.

דער אַלטער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און בלויז פאַראַכטלעך אַ שמייכל געטון.

— דיינע משרתים שטייען פאַר דיר און איך בין דיר נישט קיין משרת. אויף דיר איז אַ צייכן... — האָט דער אַלטער אַרויסגערעדט, אָנווייזנדיק זיִם אינספּעקטאָר אויף זיין שטערן.

— וואַ-אַ-אַס? — האָט דער אינספּעקטאָר דראָענדיק אויסגעשריגן, אָנרוקנדיק זיך אויף אים.

— דעם מענטש קען איך, — האָט נעכליודאָוו זיך געאיילט צו דערקלערן דעם אינספּעקטאָר. — פאַרוואָס האָט מען אים צוגענומען?

— די פּאָליציי האָט אים צוגעשיקט, ער האָט נישט קיין דאָקומענטן. מיר בעטן זיי זאָלן נישט שיקן, און זיי האַלטן אין איין שיקן! — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט, קרום אָנקוקנדיק דעם אַלטן.

— דו ביסט אויך אַ פּנים פון אַנטיקריסטוסעס חייל, — האָט זיך דער אַלטער געווענדט צו נעכליודאָוון.

— ניין, איך בין א באַזוכער, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— איז וואָס-זשע, ביסטו געקומען אויפן ווונדער, זעען ווי אַנטי-קריסטוס פייניקט מענטשן? נאַ, אָט זע, צוגענומען מענטשן, אין אַ שטייג פאַרשפּאַרט אַ גאַנצע מחנה. מענטשן דאַרפן עסן ברויט אין דעם שווייס פון זייער אַנגעזיכט, און ער האָט זיי פאַרשפּאַרט, ווי חזירים, גיט זיי עסן אָן אַרבעט, זיי זאָלן ווילד ווערן, ווי חיות.

— וואָס רעדט ער? — האָט דער ענגלענדער געפרעגט.

נעכליודאָוו האָט געזאָגט, אַז דער אַלטער פאַראורטיילט דעם אינ-ספּעקטאָר דערפאַר, וואָס ער האַלט אין געפענגעניש מענטשן.

— ווי אַזוי-זשע, פרעגט אים, דאַרף מען, לויט זיין מיינונג, זיך באַגיין מיט די, וואָס זענען עובר אויפן געזעץ? — האָט דער ענגלענ-דער געזאָגט.

נעכליודאָוו האָט איבערגעזעצט די פראַגע.

דער אַלטער האָט זיך מאָדנע צעלאַכט, אַרויסשטעלנדיק אַ מויל מיט ציין.

— דאָס געזעץ, — האָט ער פאַראַכטלעך איבערגעחזרט, — פריער האָט ער באַרויבט אַלעמען, די גאַנצע ערד, דאָס גאַנצע עשירות די מענטשן צוגענומען, פון זיינעטוועגן, אַלעמען צעהרגעט, די וואָס זענען קעגן אים געגאַנגען, און דערנאָך דאָס געזעץ אָנגעשריבן, מ'זאָל נישט ראַבירן און נישט הרגענען; האַלט ער דאָסדאָזיקע געזעץ פריער אָנ-שרייבן!

נעכליודאָוו האָט ווידער איבערגעזעצט. דער ענגלענדער האָט אַ שמייכל געטון.

— נו, ווי-זשע זאָל מען פונדעסטוועגן טון מיט די גנבים און מער-דער? — פרעגט אים.

נעכליודאָוו האָט ווידער איבערגעזעצט די פראַגע. דער אַלטער איז געוואָרן שטרענג און ערנסט.

— זאָג אים, ער זאָל פון זיך אַנטיקריסטוסעס צייכן אַראָפּנעמען, וועט ער נישט האָבן קיין גנבים און קיין גזלנים. זאָג אים דאָס טאַקע.

— He is crazy*), — האָט דער ענגלענדער געזאָגט, אַז נעכ-

*) ער איז אַ מטורף.

ליודאָוו האָט אים איבערגעזעצט דעם אַלטנס ווערטער. און, אַ ציי געטון מיט די אַקסלען, איז ער אַרויס פון דער קאַמער.

— דו טו זיך דיינס, און זיי לאָז אָפּ. יעדערער איז פאַר זיך. גאָט ווייסט, וועמען צו באַשטראָפן, וועמען צו באַגנעדיקן, און מיר ווייסן נישט, — האָט דער אַלטער געזאָגט. — זיי זיך אַליין אַ האַר, וועט מען נישט באַדאַרפן קיין הארן.

— גיי, גיי, — האָט ער צוגעגעבן, כּעסדיק און פינקלענדיק מיט די אויגן אויף נעכליודאָוון, וועלכער האָט זיך פאַרהאַלטן אין דער קאַמער — זיך אָנגעקוקט, ווי אַזוי אַנטיקריסטוסעס משרתים שפּייזן מיט מענטשן די לייז? גיי, גיי!

אַז נעכליודאָוו איז אַרויס אין קאָרידאָר, איז דער ענגלענדער מיטן אינספּעקטאָר געשטאַנען בײַ אַן אָפענער טיר פון אַ ליידיקער קאַמער און זיך נאָכגעפרעגט אויף דער באַשטימונג פון דערדאָזיקער קאַמער. דאָס איז געווען דאָס מתים-שטיבל.

— אָ, — האָט דער ענגלענדער געזאָגט און האָט געוואָלט אַריין. דאָס מתים-שטיבל איז געווען אַ געוויינלעך צימער, נישט קיין גרויס׳. אויף דער וואַנט האָט געברענט אַ לעמפּל און שוואַך באַלויכטן די אין אַ ווינקל אָנגעוואָרפענע זעק, האָלץ און אויף די נאַרעס רעכטס — פיר טויטע קערפּערס.

דער ערשטער בר-מינן אין אַ גראָב לייוונטן העמד און הויזן, איז געווען אַ מענטש פון הויכן וווקס מיט אַ קליין שפּיציק בערדעלע און מיט אַ געגאָלטן האַלבן קאָפּ. דער קערפּער איז שוין פאַרגליווערט געוואָרן; די גרויע הענט זענען קענטיק געווען צוזאַמענגעלייגט אויף דער ברוסט, אָבער זיך פונאַנדערגענומען; די באָרוועסע פיס זענען זיך אויך פונאַנדערגעגאַנגען און געשטאַרצט מיט די פּיסטריט צערוקט. לעבן אים איז געלעגן אין אַ ווייס קליידל און יאַקל אַ באָרוועסע אַלטע פרוי מיט בלאַסע האָר אין אַ קורץ דין צעפּל, אַ צעקנייטשט קליין געל פּנים און שפּיציק נעזל. הינטער דער אַלטער איז געווען נאָך אַ בר-מינן, איינ-געהילט אין עפּעס אַ פּיאָלעטן מלבוש. דידאָזיקע קאָליר האָט נעכליודאָוון אָן עפּעס דערמאָנט.

ער איז צוגעגאַנגען נענטער און אָנגעהויבן אויף אים צו קוקן.

אַ קליין, שפּיציק בערדל, פאַרקאָשערט אַרויפצו, אַ פעסטע שיינע נאָז, אַ ווייסער הויכער שטערן, שיטערע געקרויזטע האָר. ער האָט דער-קענט די באַקאַנטע אברים פון פּנים און האָט זיינע אויגן נישט געגלייבט.

ליכטן האָט ער געזעען דאָסדאָזיקע פּנים אויפגערעגט-פאַרבייזט, פול ליידן. איצט איז עס געווען רויק, אומבאַוועגלעך און שרעקלעך שיין. יאָ, דאָס איז געווען קרילצאָוו, אָדער לכל-הפחות יענער שפור, וואָס זיין מאַטעריעלע עקזיסטענץ האָט איבערגעלאָזט. „צוואָס האָט ער געליטן? צוואָס האָט ער געלעבט? האָט ער עס איצט פאַרשטאַנען?" האָט נעכליודאָוו געטראַכט, און אים האָט זיך געדאַכט, אז קיין ענטפער דערויף איז נישטאָ, אַז ס'איז גאָרנישט נישטאָ א חוץ דעם טויט, און אים איז געוואָרן נישט גוט. זיך נישט געזעגנט מיט דעם ענגלענדער, האָט נעכליודאָוו געבעטן דעם אויפזעער, ער זאָל אים אַרויסבאַגלייטן אויפן הויף און, שפּירנדיק די נויטווענדיקייט צו בלייבן אַליין, כדי צו באַטראַכטן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט היינטיקן אָוונט, איז ער אַוועקגעפאָרן אין דער אכסניה אַריין.

XXVIII.

נישט לייגנדיק זיך שלאָפן, האָט נעכליודאָוו לאַנג געשפּאַנט אויף און אָפּ איבערן צימער פון האָטעל. מיט קאַטיושען איז אויס, זי האָט אים נישט באַדאַרפט, און דאָס איז אים געווען טרויעריק און ער האָט זיך געשעמט. אָבער נישט דאָס האָט אים איצטער געפּייניקט. א צווייטע זאַך זיינע איז נישט אויס, נאָר האָט נאָך שטאַרקער, ווי ווען-עס-איז אים געפּייניקט און געפאָדערט פון אים טעטיקייט.

דאָס גאַנצע גרויזאַמע שלעכטס, וואָס ער האָט געזעען און דערקענט פאַר דער גאַנצער צייט און, דער עיקר, היינט, אין דערדאָזיקער שרעקלעכער תּפיסה, דאָסדאָזיקע גאַנצע שלעכטס, וואָס האָט אומגעבראַכט דעם ליבן קרילצאָוון, האָט טריומפירט, רעגירט, און ס'האָט זיך נישט געזעען קיין שום מעגלעכקייט, נישט נאָר עס צו באַזיגן, נאָר אפילו צו באַגרייפן, ווי אַזוי עס צו באַזיגן.

אין זיין פאַנטאַזיע זענען אויפגעשטאַנען הונדערטער טויזנטער געשענדעטע מענטשן, פאַרשפּאַרטע אין דער אומגעזונטער לופט, פאַרשפּאַרטע דורך גלייכגילטיקע גענעראַלן, פּראָקוראָרן און אינספּעקטאָרן,

ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם טשעקאַוון פֿרייען אַלטן, וואָס דעמאַסקירט די מאַכט, און וואָס מען האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ משוגענעם, און צווישן די מתים — דאָס הערלעכע, טויטע וואַקסענע געזיכט קרילצאָווס, וואָס איז געשטאָרבן אַ פֿאַרביטערטער. און די פֿריערדיקע פֿראַגע וועגן דעם, צי ער, נעכליודאָוו, איז אַ משוגענער, אָדער משוגעים זענען די מענטשן, וועלכע האַלטן זיך פֿאַר פֿאַרשטענדיקע און טוען דאָס אַלץ אָפּ — דידאָזיקע פֿראַגע האָט זיך מיט אַ נייער קראַפֿט געשטעלט פֿאַר אים און געפֿאָדערט אַן ענטפֿער.

מיד געוואָרן פֿון צו גיין און צו טראַכטן, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן דיוואַן פֿאַרן לאָמפּ און האָט מעכאַניש אויפֿגעעפֿנט דאָס עוואַנגעליום, וואָס דער ענגלענדער האָט אים געגעבן צום אָנדענק. אַרויסנעמענדיק אַלץ, וואָס איז בײַ אים געווען אין די קעשענעס, האָט ער עס אַ וואָרף געטון אויפֿן טיש.

„מ'זאָגט, אַז דאָ איז פֿאַראַן אַ באַשייד אויף אַלץ", — האָט ער אַ טראַכט געטון, און, געעפֿנט דאָס עוואַנגעליום, ווו ס'האָט זיך אויפֿגעמישט, האָט ער גענומען לייענען.

1. „אין יענער צייט זענען די תּלמידים צוגעגאַנגען צו ישון און האָבן געזאָגט: ווער איז דער גרעסטער אין דעם מלכות השמים?" — האָט ער געלייענט.

2. „ישו האָט צוגערופֿן אַ קליין קינד און האָט עס אַוועקגעשטעלט אינמיטן צווישן זיי.

3. „און האָט געזאָגט: איך זאָג אייך וואָרהאַפֿטיק, ווען איר וועט זיך נישט אומקערן און וועט נישט זיין ווי דאָס קליינע קינד, וועט איר נישט אַריינקומען אין מלכות השמים.

4. „דעריבער — ווער עס דערנידעריקט זיך ווי דאָס קליינע קינד, דער וועט זיין דער גרעסטער אין מלכות השמים".

„יאָ, יאָ, דאָס איז אַזוי", האָט ער אַ טראַכט געטון, זיך דערמאָנענדיק, ווי אַזוי ער האָט דערשפּירט די באַרויקונג און די פֿרייד פֿון לעבן נאָר אין דער מאָס, אין וועלכער ער האָט זיך דערנידעריקט.

5. „און ווער עס נעמט אויף איינס אַזאַ קינד אין מיין נאָמען, דער נעמט מיך אויף.

6. „און ווער עס שטרויכלט איינעם פֿון די קליינע, וואָס גלייבן אין מיר, דעם וואָלט בעסער געווען, ווען מ'וואָלט אים אַ מילשטיין אויפֿ-

געהאָנגען אויף דעם האַלז און דערטרונקען אים אין דער טיפעניש פון ים".

„וואָס שטייט דאָ עפּעס געשריבן: ווער עס נעמט אויף און וואָס טייטש: אין מיין נאָמען?" — און וווהין נעמט מען אויף? און וואָס טייטש: אין מיין נאָמען?" — האָט ער זיך געפרעגט, פילנדיק, אַז דידאָזיקע ווערטער זאָגן אים גאָרנישט. „און צו וואָס איז דער מילשטיין אויפן האַלז און די טיפעניש פון ים. ניין, דאָס איז עפּעס נישט דאָס: נישט דייטלעך, נישט קלאָר", — האָט ער אַ טראַכט געטון, זיך דערמאָנענדיק, ווי אַזוי ער האָט זיך עטלעכע מאָל אין זיין לעבן גענומען לייענען דאָס עוואַנגעליום, און ווי אַזוי די אומקלאָרקייט פון אַזעלכע פסוקים האָט אים תמיד אָפּגעשטויסן. ער האָט נאָך איבערגעלייענט דעם 7-טן, 8-טן, 9-טן און 10-טן פסוק וועגן די שטרויכלונגען, וועגן דעם, אַז זיי דאַרפן קומען אויף דער וועלט, וועגן דער שטראָף אין פייערדיקן גיהנום, וווּהין די מענטשן וועלן אַריינגעשליידערט ווערן, וועגן עפּעס מלאכים פון די קינדער, וואָס זעען דאָס פּנים פון דעם הימלישן פאָטער. „אַזאַ שאָד, וואָס דאָס איז אַזוי נישט גלאַט", „עס פילט זיך אָבער, אַז דאָ איז פאַרהוילן עפּעס רעכטס".

11. „דען דער בן אדם איז געקומען אויפמאָנען און מציל זיין דאָס פאַרלוירענע", — האָט ער ווייטער געלייענט.

12. „ווי איז אייער מיינונג: ווען איינער זאָל האָבן הונדערט שאָף, און איינס פון זיי זאָל זיך האָבן פאַרבלאָנדזשעט, וואָלט ער נישט איבערגעלאָזט די ניין און ניינציק און וואָלט נישט געגאַנגען זוכן דאָס פאַרבלאָנדזשעטע?

13. „און ווען עס מאַכט זיך, אַז ער געפינט זי, זאָג איך אייך וואָרהאַפטיק, אַז ער וואָלט זיך איבער איר דערפרייט מער ווי איבער די ניין און ניינציק נישט פאַרבלאָנדזשעטע.

14. „אַזוי איז נישטאָ דער ווילן פון אייער פאָטער אין הימל, אַז איינער פון די קליינע זאָל פאַרלוירן ווערן".

„יאָ, ס'איז נישט געווען דעם פאָטערס ווילן, זיי זאָלן פאַרלוירן ווערן, און זיי גייען פאַרלוירן אין די הונדערטער, אין די טויזנטער. און נישטאָ קיין מיטל צו ראַטעווען זיי", — האָט ער אַ טראַכט געטון.

21. „דאַן איז פּעטער צוגעקומען צו אים און האָט געזאָגט — האָט ער ווייטער געלייענט, — האַר, וויפיל מאָל דאַרף מען מוחל זיין מיין ברודער, וועלכער האָט קעגן מיר געזינדיקט? ביז זיבן מאָל דען?

22. „זאָגט אים ישו: איך זאָג דיר נישט — ביז זיבן מאָל, נאָר ביז זיבן מאָל זיבעציק.

23. דעריבער איז דאָס מלכות השמים געגליכן צו אַ מלך, וועלכער האָט געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט זיינע קנעכט.

24. „ווען ער האָט אָנגעהויבן זיך צו רעכענען, האָט מען געבראַכט צו אים איינעם, וועלכער איז אים שולדיק געווען צען טויזנט כּכּר.

25. „אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן, האָט זיין האַר געהייסן, מ'זאָל פאַרקויפן אים, זיין ווייב, זיינע קינדער און אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, און באַצאָלן.

26. „איז דער קנעכט געפאַלן און זיך צו אים געבוקט און געזאָגט: וואַרט מיר און איך וועל דיר אַלץ באַצאָלן.

27. „דער האַר האָט באַקומען רחמנות אויף דעם קנעכט און האָט אים אָפּגעלאָזט און אים מוחל געווען דעם חוב.

28. „דער זעלבער קנעכט, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער געפונען איינעם פון זיינע חברים, וועלכער איז אים שולדיק געווען הונדערט דינער, האָט ער אים געכאַפּט און געוואָרגן. אַזוי צו זאָגן: באַצאָל מיר וואָס דו ביסט שולדיק.

29. „אַזוי איז זיין חבר געפאַלן צו זיינע פיס, אים געבעטן רחמים און געזאָגט: וואַרט מיך אָפּ, איך וועל דיר אַלץ באַצאָלן.

30. „יענער אָבער האָט נישט געוואָלט און איז געגאַנגען און האָט אים אַריינגעזעצט אין געפענגעניש, ביז ער וועט אים באַצאָלן דעם חוב.

31. „ווען זיינע חברים האָבן געזעען, וואָס ס'איז פאָרגעקומען, זענען זיי טרויעריק געוואָרן, און זיי זענען געגאַנגען און דערציילט זייער האַר אַלץ, וואָס ס'איז געשעען.

32. „דאַן האָט דער האַר אים גערופן און געזאָגט: דו בייזער קנעכט, דיין גאַנצן חוב האָב איך דיר מוחל געווען, ווייל דו האָסט מיך געבעטן.

33. „דאַרפסטו דען אויך נישט רחמנות האָבן אויף דיין חבר, ווי איך האָב אויף דיר רחמנות געהאַט — ".

„צי דען בלויז נאָר דאָס?" — האָט נעכליודאָוו פּלוצלינג אויסגערופן אויפן קול, איבערלייענענדיק דידאָזיקע ווערטער. און אַן אינעוויניקסטע שטים פון זיין גאַנץ וועזן האָט געזאָגט: „יאָ, בלויז נאָר דאָס".

און מיט נעכליודאָוון האָט פּאַסירט דאָס, וואָס עס פּאַסירט אָפט מיט מענטשן, וועלכע לעבן אַ גייסטיק לעבן. עס האָט פּאַסירט אַזוינס, אַז דער געדאַנק, וואָס איז אים פריער אויסגעקומען אַזוי אויסטערליש, ווי אַ פּאַראַדאָקס, זאָגאַר ווי אַ שפּאַס, איז אָבער, געפינענדיק אַ באַשטעטיקונג אין לעבן, אַלץ אָפטער און אָפטער פאַר אים אויפגעשטאַנען, ווי דער סאַמע פּשוטער און זיכערער אמת. ווי ס'איז איצט פאַר אים קלאָר געוואָרן, איז דער געדאַנק וועגן דעם, אַז דאָס איינציקע זיכערע מיטל אויסגעלייזט צו ווערן פון דעם גרויזאַמען שלעכטס, פון וועלכן די מענטשן ליידן, איז באַשטאַנען אין דעם, אַז די מענטשן זאָלן זיך אָנערקענען שטענדיק שולדיקע פאַר גאָט, און דעריבער נישט ראוי צו באַשטראָפן און אויסצובעסערן אַנדערע מענטשן. איצטער איז פאַר אים קלאָר געווען, אַז דאָס גאַנצע שרעקלעכע בייז, פון וואָס ער איז געווען אַן עדות אין די תפיסות און טורמעס, און די רויקע זיכערקייט פון די-יעניקע, וועלכע האָבן דאָסדאָזיקע שלעכטס געטון, איז אַרויסגעקומען בלויז דערפון, וואָס די מענטשן האָבן געוואָלט טון אַן אוממעגלעכע זאַך: זייענדיק שלעכט, פאַרבעסערן דאָס שלעכטס. זינדיקע מענטשן האָבן געוואָלט אויסבעסערן אַנדערע זינדיקע מענטשן, און האָבן געמיינט דאָס צו דערגרייכן אויף אַ מעכאַנישן וועג. אָבער פון דעם אַלעם איז אַרויסגעקומען בלויז דאָס, וואָס מענטשן נויטבאַדערפטיקע און מענטשן אייגננוציקע האָבן געמאַכט אַ פּרנסה פון דערדאָזיקער כלומרשטער באַשטראָפונג און אויסבעסערונג פון די אַנדערע מענטשן און זענען אַליין געוואָרן דעמאָראַליזירט ביז דער העכסטער מדרגה און געהאַלטן אין איין דעמאָראַליזירן די-יעניקע, וועלכע זיי האָבן געפּייניקט. איצטער איז אים קלאָר געוואָרן, פונוואַנען עס קומט דער גאַנצער גרויל, וואָס ער האָט געזען, און וואָס דאַרף מען טון, כדי דאָס צו פאַרניכטן. דער ענטפער, וואָס ער האָט נישט געקאָנט געפינען, איז געווען דער זעלבער, וואָס קריסטוס האָט געגעבן פּעטערן: ער איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מען זאָל מוחל זיין שטענדיק, אַלעמען, אומענדלעך אַ סך מאָל מוחל זיין, ווייל עס זענען נישט פאַראַן אַזוינע מענטשן, וועלכע זאָלן אַליין נישט זיין שולדיק און זאָלן דעריבער קאָנען באַשטראָפן אָדער אויסבעסערן.

„אָבער עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז עס זאָל זיין אַזוי פּשוט“, האָט צו זיך געזאָגט נעכליודאָוו, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער געזען אָן שום ספק, — הגם דאָס איז אים, וועלכער איז געוויינט געווען צו דעם היפוך, פאָרגעקומען לכתחילה אַזוי מאָדנע, — אַז דאָס איז געווען

אָן שום ספק די לייזונג פון דערדאָזיקער פראגע, נישט נאָר די טעאָרע־טישע, נאָר אויך די פּראַקטישע, דער שטענדיקער אָפּפרעג, וואָס זאָל מען טון מיט די גנבים און גזלנים, צי דען אַזוי זיי לאָזן אומבא־שטראָפט? — האָט שוין איצט אים נישט געשטעלט אין פאַרלעגנהייט. דער אָפּפרעג וואָלט געקאָנט האָבן אַ באַדייטונג, ווען עס וואָלט דערוויזן געוואָרן, אַז די שטראָף פאַרקלענערט דאָס פאַרברעכן, בעסערט אויס די פאַרברעכער; אָבער אַז עס איז דערוויזן באַשיינפּערלעך דווקא דער היפּוך, אַז נישט אין דער מאַכט פון איינע מענטשן איז אויסצובעסערן די אַנדערע, איז דאָס איינציקע פאַרנונפטיקע, וואָס איר קאָנט טון: אויפהערן צו טון דאָס, וואָס איז נישט נאָר אומנוציק, נאָר שעדלעך און דערצו נאָך אוממאָראַליש און אכזריותדיק. שוין עטלעכע יאָרהונדערטער, ווי איר באַשטראָפט מענטשן, וועלכע איר אָנערקענט פאַר פאַרברעכער. נו, וואָס, האָבן זיי זיך אויסגענומען? זיי האָבן זיך נישט אויסגענומען, נאָר זייער צאָל איז נאָך פאַרגרעסערט מיט די פאַרברעכער, וועלכע ווערן דעמאָראַליזירט דורך דער שטראָף, און אויך מיט די פאַרברעכער־ריכטער, פּראָקוראָרן, אויספאָרשער, טורמע־באַאַמטע, וואָס משפּטן און באַשטראָפן מענטשן. — איצט האָט נעכליודאָוו באַגריפן, אַז די געזעל־שאַפט און די אָרדנונג בכלל עקזיסטירן נישט דערפאַר, ווייל עס זענען פאַראַן דידאָזיקע לעגאַליזירטע פאַרברעכער, וועלכע משפּטן און באַשטראָפן אַנדערע מענטשן, נאָר דערפאַר, וואָס טראָץ אַזאַ דעמאָראַליזירונג, האָבן דאָך מענטשן פאַרט רחמנות און ליב איינע די אַנדערע.

האָפנדיק צו געפינען אַ באַשטעטיקונג פון דעמדאָזיקן געדאַנק אין דעם עוואַנגעליום, האָט נעכליודאָוו אָנגעהויבן צו לייענען פון אָנהייב. איבערגעלייענט די באַרג־דרשה, וועלכע האָט אים שטענדיק גערירט, האָט ער היינט דערזעען אין דערדאָזיקער דרשה נישט קיין אַבסטראַקטע שיינע געדאַנקען, און שטעלן דאָס רוב אַזעלכע, וואָס זענען אַרויס איבערטרי־בענע און נישט אויספירבאַרע פאָדערונגען, נאָר פּשוטע, קלאָרע און פּראַקטיש אויספירבאַרע געבאָטן, וואָס אַז מען זאָל זיי דערפילן (און דאָס איז געווען פולשטענדיק מעגלעך), וואָלט איינגעשטעלט ווערן אַ גאַנץ נייע אָרדנונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אין וועלכער עס פאַרשווינדט אַליין פון זיך נישט נאָר אָט די הפקרות, וואָס האָט אַזוי אויפגעבראַכט נעכליודאָוון, נאָר עס וואָלט דערגרייכט ווערן דאָס העכסטע גליק, וואָס איז מעגלעך פאַר די מענטשן — דאָס מלכות השמים אויף דער ערד.

דידאַזיקע געבאָטן זענען געווען פינף.

דאָס ערשטע געבאָט (מתי, ה׳, 21—26) איז באַשטאַנען אין דעם, אַז נישט נאָר טאָר דער מענטש נישט טויטן, נאָר ער טאָר אויך גישט צאָרנען אויף זיין ברודער, טאָר קיינעם נישט האַלטן פאַר קליין, רופן אים „ריקא״, און אויב ער האָט זיך מיט עמעצן צעקריגט, מוז ער זיך מיט אים איבערבעטן, איידער ער וועט נאָך ברענגען גאָט אַ קרבן, ד. ה. מתפלל זיין.

דאָס צווייטע געבאָט (מתי, ה׳, 27—32) איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דער מענטש נישט נאָר וואָס ער טאָר נישט מזנה זיין, נאָר ער מוז אויך וויכן פון גלוסטן צו אַ פרוי און זיך איין מאָל צונויפגעקומען מיט אַ פרוי — טאָר ער איר קיינמאָל נישט פאַלש זיין.

דאָס דריטע געבאָט (מתי, ה׳, 33—37) איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דער מענטש טאָר נישט צוזאָגן עפּעס דורך אַ שבועה.

דאָס פערטע געבאָט (מתי, ה׳, 38—42) איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אַ מענטש נישט נאָר וואָס ער טאָר נישט אָפּצאָלן אַן אויג פאַר אַן אויג, נאָר ער מוז אונטערשטעלן די צווייטע באַק, בשעת מ׳פּאַטשט אים אין איינער, דאַרף מוחל זיין עוולות און מיט עניוות זיי איבערטראָגן און קיינעם נישט אָפּזאָגן אין דעם, וואָס מענטשן פאַרלאַנגען פון אים.

דאָס פינפטע געבאָט (מתי, ה׳, 43—48) איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דער מענטש נישט נאָר וואָס ער טאָר נישט פיינט האָבן די שונאים, נישט רודפן זיי, נאָר ער מוז זיי ליב האָבן, העלפן, דינען זיי.

נעכליודאָוו האָט געשטאַרט אויף דעם ליכט פון דעם ברענענדיקן לאָמפּ און האָט זיך פאַרטיפט אין מחשבות. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער גאַנצער אומאָרדנונג פון אונזער לעבן, ער האָט דייטלעך זיך פאָרגעשטעלט, ווי דאַזיקע לעבן האָט געקאָנט זיין, ווען די מענטשן וואָלטן זיך דערצויגן אויף דעם עוואַנגעליום, און אַן עקסטאַז, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט דורכגעלעבט, האָט אַרומגענומען זיין נשמה, פּונקט ווי ער וואָלט נאָך לאַנגער מאַטערניש און פּיין פּלוצלינג געפונען באַרויקונג און פרייהייט.

ער איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און, ווי עס פּאַסירט מיט אַ סך, אַ סך, וואָס לייענען דאָס עוואַנגעליום דאָס ערשטע מאָל, האָט

ער לייענענדיק פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון די ווערטער, וואָס ער האָט אַ סך מאָל דורכגעלאָזט אומבאַמערקטערהייט. ווי אַ שוואָם זאַפּט איין דאָס וואַסער, אַזוי האָט ער איינגעזויגן אין זיך דאָס נייטיקע, וויכטיקע און פריידיקע, וואָס עס האָט זיך אים אַנטפּלעקט אין בוך. און אַלץ, וואָס ער האָט געלייענט, איז אים אויסגעקומען באַקאַנט, ווי אים באַשטעטיקט, געבראַכט צום באַוווסטזיין דאָס אַלץ, וואָס ער האָט שוין פון לאַנג געוווסט פריער, אָבער נישט אינגאַנצן באַנומען מיטן באַוווסטזיין און נישט געגלייבט. איצטער אָבער האָט ער באַנומען און געגלייבט.

אָבער נאָך ווייניק, וואָס ער האָט באַנומען און געגלייבט, אַז דערפילנדיק דידאָזיקע געבאָטן, וועלן די מענטשן דערגרייכן דאָס העכסטע דערגרייכלעכע גליק, ער האָט איצטער באַנומען און געגלייבט, אַז יעדער מענטש האָט מער גאָרנישט צו טון, ווי אויסצופירן דידאָזיקע געבאָטן, אַז אין דעם איז דער איינציקער פאַרנונפטיקער זין פון דעם מענטשנס לעבן, אַז יעדע אָפּווייכונג דערפון איז אַ טעות, וואָס ברענגט גלייך נאָך זיך די שטראָף. דאָס איז געווען געדרונגען פון דער גאַנצער לערע און איז מיט אַ באַזונדערער קלאָרקייט און קראַפט געווען אויסגעדריקט אין דעם משל מיט די אַרבעטער פון די ווייַנגערטנער. די אַרבעטער פון די ווייַנגערטנער האָבן זיך איינגעשמועסט, אַז דער גאָרטן, וווהין זיי זענען געשיקט געווען צו אַרבעטן פאַרן באַלעבאָס, איז זייער אייגענער גאָרטן; אַז אַלץ, וואָס איז געווען אין גאָרטן, איז געמאַכט געוואָרן פאַר זייערטוועגן, און אַז זייער אַרבעט באַשטייט בלויז אין דעם, אַז זיי זאָלן הנאה האָבן אין דעמדאָזיקן גאָרטן פון זייער לעבן, פאַרגעסנדיק אָן דעם באַלעבאָס און אומברענגענדיק די, וואָס האָבן זיי דערמאָנט אָן דעם באַלעבאָס און אָן זייערע פליכטן צו אים.

„דאָס זעלבע טוען מיר אויך, — האָט נעכליודאָוו געטראַכט, — מיר לעבן אין דער נאַרישער זיכערקייט, אַז מיר זענען אַליין די באַלעבאַטים פון אונזער לעבן, אַז עס איז אונז געגעבן געוואָרן צוליב אונזער הנאה, און דאָס איז דאָך באַשיינפּערלעך אַן אומזין. אויב מיר זענען אַהערגעשיקט, איז דאָך עס צוליב עמעצנס רצון און צוליב עפּעס. אָבי מיר מיינען, אַז מיר לעבן צוליב אונזער תענוג און קלאָר, אַז אונז איז שלעכט, ווי עס וועט זיין שלעכט דעם אַרבעטער, וועלכער וועט נישט דערפילן דעם רצון פון זיין באַלעבאָס. אָבער דער רצון פון באַלעבאָס איז אויסגעדריקט אין דידאָזיקע געבאָטן. וועלן די מענטשן נאָר טון דידאָזיקע געבאָטן, וועט אויף דער ערד זיך איינשטעלן דאָס מלכות

השמים, און די מענטשן וועלן באַקומען דאָס גרעסטע גליק, וואָס איז פאַר זיי נאָר מעגלעך".

„זוכט דאָס מלכות פון גאָט און זיין אמת, דאָס איבעריקע וועט קומען ממילא". אָבער מיר זוכן דאָס איבעריקע און געפינען באַשיינפערלעך עס נישט.

דאָס אַלזאָ איז די זאַך פון מיין לעבן. קוים האָט זיך איינס געענדיקט, און דאָס צווייטע האָט זיך אָנגעהויבן.

פון דערדאָזיקער נאַכט אָן האָט זיך פאַר נעכליודאָװן אָנגעהויבן גאָר אַ ניי לעבן, נישט אַזוי דערפאַר, וואָס ער איז אַריין אין נייע לעבנס־באַדינגונגען, נאָר דערפאַר ווייל אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט פון דעמאָלט אָן, האָט באַקומען פאַר אים גאָר אַן אַנדערע באַדייטונג, ווי פריער.

מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן דער נייער פעריאָד פון זיין לעבן, וועט ווייזן די צוקונפט.

מאָסקווע, 12־טער דעצעמבער, 1899.

צוגאָבן

הקדמה

ס'איז שוין געווען אַריבער איבער צען יאָר, זינט טאָלסטאָי האָט פאַרענדיקט „אַננאַ קאַרעני נאַ" (1877), ווען ער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף זיין לעצטן ראָמאַן „ווידערגעבורט" (1890). אין דעמדאָזיקן יאָרצענדלינג האָט זיך פאַרענדיקט דער אַזוי-גערופענער „קריזיס" טאָלסטאָיס, דער קריזיס פון זיין לעבן, פון זיין אידעאָלאָגיע און פון זיין קינסטלערישן שאַפן. טאָלסטאָי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אייגנטום (לטובת דער פאַמיליע), אָנערקענט פאַר פאַלש זיינע פריערדיקע איבערצייגונגען און לעבנס-אָנשויונגען, זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע קינסטלערישע ווערק.

דעמדאָזיקן גאַנצן איבערברוך פון זיין וועלט-באַנעם און פון זיין לעבן האָבן דעם שריפטשטעלערס מיטצייטלער אויפגענומען זייער שאַרף, טאַקע ווי אַ „קריזיס פון לעוו טאָלסטאָי", איצט אָבער קוקט דערויף די וויסנשאַפט אַנדערש. איצט ווייסן מיר, אַז די יסודות פון דעמדאָזיקן איבערברוך האָבן שוין געשטעקט אין טאָלסטאָיס פריאיקן שאַפן, אַז שוין דעמאָלט, אין די 50-ער און 60-ער יאָרן, האָבן זיך בולט אָנגעמערקט די טענדענצן, וואָס האָבן אין די 80-ער יאָרן געפונען זייער אויסדרוק אין „דעם ווידוי", אין די פאָלקס-דערציילונגען, אין די רעליגיעז-פילאָזאָפישע טראַקטאַטן און אין דעם ראַדיקאַלן ברעכן דעם לעבנסשטייגער. מיר ווייסן אָבער אויך, אַז דעמדאָזיקן איבערברוך טאָר מען נישט אויפפאַסן בלויז ווי אַ געשעעניש אין טאָלסטאָיס פערזענלעך לעבן: דער איבערברוך איז געוואָרן צוגעגרייט און סטימולירט פון די קאָמפּליצירטע סאָציאַל-עקאָנאָמישע און אידעאָלאָגישע פּראָצעסן, וואָס זענען פאָרגעגאַנגען אין דעם רוסישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און וועלכע האָבן פון אַ קינסטלער, וואָס האָט זיך פאָרמירט אין אַן אַנדערער תקופה, געפאָדערט, ער זאָל ענדערן די גאַנצע אָריענטאַציע פון זיין שאַפן. אָט אין

די 80-ער יאָרן איז עס טאַקע פאָרגעקומען די **סאָציאַלע איבעראָריענטאַציע** פון טאָלסטאָיס אידעאָלאָגיע און פון זיין קינסטלערישן שאַפן. זי איז געווען דער אומפאַרמיידלעכער ענטפער אויף די געענדערטע באַדינגונגען פון דער עפּאָכע.

טאָלסטאָיס וועלט-אָנשויונג, זיין קינסטלעריש שאַפן און זיין לעבנסטיל גופא האָבן אַלעמאָל, שוין זינט זיינע ערשטע ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגען, געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַן אָפּאָזיציע צו די ריכטונגען, וואָס האָבן צו יענער צייט געהערשט. ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ „קעמפנדיקער אַרכאַיסט", ווי אַ פאַרטיידיקער פון די טראַדיציעס און פון די פרינציפּן פון XVIII יאָרהונדערט, פון רוסאָ און פון די פריאיקע סענטימענטאַליסטן. אַלס אָנהענגער פון די אָפּגעלעבטע יסודות האָט ער געוועזט אָנגעהויבן סיי אַלס פאַרטיידיקער פון דעם פאַטריאַרכאַליש-פריצישן שטייגער מיט זיין לייבאייגנטום אַלס גרונט-עלעמענט, סיי אַלס אומקאָמפּראָמיסלעכער שונא פון די אָנקומענדיקע נייע ליבעראַל-בורזשואַזע פאַרהעלטענישן. פאַר אַ טאָלסטאָי פון די 50-ער און 60-ער יאָרן האָט אפילו אַזאַ פאָרשטייער פון דער פריצישער ליטעראַטור ווי טורגעניעוו אויסגעוויזן צו דעמאָקראַטיש. דאָס פאַטריאַרכאַליש אָרגאַניזירטע פריצישע גוט, די פאַטריאַרכאַלישע פאַמיליע און אַלע מענטשישע באַציונגען, וואָס האָבן זיך אין דידאָזיקע פאָרמען אַנטוויקלט, באַציונגען האַלב אידעאַליזירטע און אָן דער מינדסטער היסטאָרישער קאָנקרעטקייט, האָבן זיך געפונען אין דעם מיטלפּונקט פון טאָלסטאָיס אידעאָלאָגיע און פון זיין קינסטלערישן שאַפן.

אַלס רעאַלע סאָציאַל-עקאָנאָמישע פאָרם, האָט דאָס פאַטריאַרכאַלישע פריצים-גוט זיך געפונען אָן אַ זייט פון דעם דרך-המלך פון דער געשיכטע. טאָלסטאָי איז אָבער נישט געוואָרן דער סענטימענטאַלער שטייגערמאָלער פון דעם צאַנקענדיקן לעבן פון די פעאָדאַל-פריצישע נעסטן. אויב די ראָמאַנטיק פון דעם גרויסן פעאָדאַליזם איז יאָ אַריין אין „מלחמה און שלום", איז דאָך קלאָר, אַז נישט זי, דידאָזיקע ראָמאַנטיק, גיט דעמדאָזיקן ווערק דעם טאָן.

די פאַטריאַרכאַלישע פאַרהעלטענישן און די גאַנצע רייכע סימפאָניע בילדער, געשטאַלטן, איבערלעבונגען און געפילן, וועלכע איז באַ טאָלסטאָיען מיט זיי פאַרבונדן, צוזאַמען מיט אַ באַזונדערן פאַרשטיין די נאַטור און איר לעבן אין דעם מענטש, האָבן פון אָנהייב אָן פון זיין שאַפן געדינט אַלס האַלב-רעאַלע, האַלב-סימבאָלישע קאַנווע, וואָס די

תקופה אַליין האָט דורך דעם קינסטלערס האַנט אַרײַנגעוועבט אין איר
די פעדעם פון אַנדערע סאָציאַלע וועלטן, פון אַנדערע פאַרהעלטעניש-
טאָלסטאָיס גוט — דאָס איז נישט די פּאַטריאַרכאַלער וועלט פון דעם רע-
אַלן פּריץ, דעם באַזיצער פון לײַבאייגענע, נישט אַ וועלט, וואָס האָט זיך
פֿײַנטלעך אָפּגעשלאָסן פון דעם אָנקומענדיקן נײַעם לעבן, אַ וועלט, וואָס
איז בלינד און טויב צו אַלצדינג אין דעמדאָזיקן לעבן. ניין, — דאָס איז
די פּאָזיציע פון אַ קינסטלער, אַ פּאָזיציע נישט אָן אַ געוויסער באַדינגט-
קייט, וווהין עס דרינגען פרײַ אַרײַן מאַנכע סאָציאַלע שטימען פון דער
עפּאָכע פון די 60-קער יאָרן, אָט פון יענער פילשטימיקער און אָנגע-
שפּאַנטער עפּאָכע פון דעם רוסישן אידעאָלאָגישן לעבן. בלויז פון אַזאַ
האַלב-סטיליזירטן פּעאָדאַלן גוט האָט טאָלסטאָיס שאַפונגס-וועג געקאָנט
דירעקט און פעסט פירן צו דער פויערישער כאַטע. דערפאַר האָט אויך
די קריטיק פון די אָנקומענדיקע קאַפּיטאַליסטישע באַציונגען און פון
אַלעם דעם, וואָס טוט די[...]ע באַציונגען באַגלייטן אין דער מענטש-
לעכער פסיכאָלאָגיע און אין דעם האַווירנדיקן אידעאָלאָגישן געדאַנק,
האָט אין טאָלסטאָיס שאַפן אָנהייב אָן געהאַט אונטער זיך אַ ברײַ-
טערע סאָציאַלע באַזע, איידער דאָס פּריצישע גוט. און אויך די אַנדערע
זייט פון דער טאָלסטאָיאַנישער קינסטלערישער וועלט — די פּאָזיטיווע
געשטאַלטונג פון דעם פיזיש-פסיכישן לעבן פון מענטשן, יענע צעברויז-
טע לעבנס-פרייד, וועלכע זאַפּט דורך דאָס גאַנצע שאַפן טאָלסטאָיס ביז
צום קריזיס — איז אין אַ היפּשן גראַד געוועזן אַן אויסדרוק פון יענע
נײַע געזעלשאַפטלעכע כוחות און באַציונגען, וועלכע האָבן זיך אין אָט
די יאָרן שטורמיש אַדורכגעריסן אויף דער אַרענע פון דער געשיכטע*).

אַזוי איז געווען די עפּאָכע גופא. די גרויסע אָרדנונג אויפן יסוד
פון לײַב-אייגנשאַפט איז געשטאַנען אַנטקעגן אַ נאָך שוואַך דיפערענציר-
טע אידעאָלאָגישע וועלט פון נײַע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען. דער
קאַפּיטאַליזם האָט נאָך נישט געקאָנט די סאָציאַלע קרעפטן פונאַנדער-

*) דערפאַר איז טאָלסטאָי, זײַענדיק אין אַ סך אופנים נאָענט צו די סלאַוואָ-
פילן, איז גלײַכצײַטיק אויך געווען פאַרשטענדלעך און נאָענט (נענטער ווי טורגעניעוו)
דער אַזוי-גערופענער אַרויסגעשפּרונגענער „ראַזנאָטשינצעס" אינטעליגענץ פון די
50-60-ער יאָרן, טשערנישעווסקין, נעקראַסאָוון א. אַנד., וועלכע האָבן אין זײַן שאַפן געקאָנט
פאַרנעמען קרובישע סאָציאַלע טענער.

שטעלן אויף זייערע ערטער, זייערע אידעאָלאָגישע שטימען האָבן זיך נאָך אויסגעמישט און פילפאַכיק זיך איבערגעפלאָכטן, בפרט אין דעם קינסטלערישן שאַפן. דער קינסטלער האָט דעמאָלט געקאָנט האָבן אַ ברייטע סאָציאַלע באַזע, אמת — אַ באַזע, וואָס האָט שוין פאַרבאָרגן אין זיך אינעווייניקסטע סתירות, אָבער סתירות לאַטענטע, נישט אויפגעפלאַצטע, פונקט ווי זיי האָבן זיך נאָך ביזן סוף נישט צעעפנט אין דער עצם עקאָנאָמיק פון דער עפּאָכע. די עפּאָכע האָט אָנגעהויבט סתירות, אָבער די אידעאָלאָגיע אירע, בפרט די קינסטלערישע, איז נאָך אין אַ סך אופנים געבליבן נאַיוו, וואָרים די סתירות האָבן זיך נאָך נישט אַנטפּלעקט, זיך נישט אַקטואַליזירט.

אָט אויף דערדאָזיקער, נאָך נישט דיפערענצירטער סאָציאַלער באַזע מיט אירע נאָך באַהאַלטענע סתירות זענען עס אויסגעוואַקסן די מאָנומענטאַלע קינסטלערישע ווערק טאָלסטאָיס, וועלכע זענען אויך פול מיט די זעלביקע אינעווייניקסטע סתירות, אָבער ווערק נאַיווע, וואָס באַנעמען נישט די סתירות, און דערפאַר טיטאַניש רייכע, אָנגעזאַפּטע מיט כל המגים סאָציאַלע געשטאַלטן, פאָרמען, שטאַנדפּונקטן, אָפּשאַצונגען, פון דעם מין איז די עפּאָפּעע טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום״, אַזוי זענען אַלע זיינע דערציילונגען און נאָוועלן, אַזוי איז אויך „אננאַ קאַרענינאַ״.

די דיפערענצאַציע האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין די 70-ער יאָרן. דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעהויבן מאַכן פּלאַץ פאַר זיך, פונאַנדערשטעלן די סאָציאַלע קרעפטן אויף זייערע ערטער, אָפּזונדערן די אידעאָלאָגישע שטימען, מאַכן זיי דייטלעכער, אויפשטעלן שאַרפע מחיצות. דערדאָזיקער פּראָצעס ווערט שאַרפער אין די 80-ער און 90-ער יאָרן. צו דער צייט ווערט די רוסישע געזעלשאַפטלעכקייט ענדגילטיק דיפערענצירט. די איינגעוואָרצלטע אַדל-פּריצישע קאָנסערוואַטאָרן, די בורזשואַזע ליבעראַלן פון אַלע שאַטירונגען, די פּאָלקיסטן, די מאַרקסיסטן גרענעצן זיך אָפּ צווישן אַנאַנד, אַרבעטן אויס זייער אידעאָלאָגיע, וואָס אין דעם פּראָצעס פון אַלץ מער פאַרשאַרפטן קלאַסנקאַמף ווערט זי אַלץ דייטלעכער. די שעפערישע פּערזענלעכקייט מוז איצט אין דעמדאָזיקן געזעלשאַפטלעכן קאַמף זיך נישט צווייידייטיק אָריענטירן, כדי צו בלייבן שעפעריש.

דער זעלבער אינעווייניקסטער קריזיס פון דער דיפערענציאַציע און אַקטואַליזאַציע פון די פאַרבאָרגענע סתירות איז אויך חל אויף די קינסטלערישע פאָרמען. די עפּאָפּעע, וואָס פאַרייניקט אין זיך אין דעם

בלייכמצסיקן ליכט פון קינסטלערישן באַנעם אי די וועלט פון ניקאָלאַי ראָסטאָוו, אי די וועלט פון פּלאַטאָן קאַראַטאַיעוו, אי די וועלט פון פּיער בעזוכאָוו, אי די וועלט פון דעם אַלטן פירשט באָלקאָנסקי, אָדער דער ראָמאַן, ווו לעווין, בלייבנדיק אַ גוטבאַזיצער, געפינט אַ באַרויקונג פון זיין אינעווייניקסטער אומרו — אין דעם פויערישן גאָט, — קאָנען שוין צו די 90-ער יאָרן נישט געמאָלט זיין. דידאַזיקע אַלע סתירות האָבן זיך אין דעם עצם שאַפן פונקט אַזוי אַנטפּלעקט און פאַרשאַרפט, צערייסנדיק פון אינעווייניק אויס זיין איינהייטלעכקייט, ווי זיי האָבן זיך אַנטפּלעקט און פאַרשאַרפט אין דער אָביעקטיווער סאָציאַל-עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט.

אין דעם פּראָצעס פון אָט דעם אינעווייניקסטן קריזיס סיי פון טאָלסטאָיס אידעאָלאָגיע, סיי פון זיין קינסטלערישן שאַפן הייבן זיך אָן די פּרווון צו אָריענטירן זיי אויף דעם פּאַטריאַרכאַלישן פויער. אויב די פּאָזיציע, פון וועלכער עס איז געמאַכט געוואָרן די נעגירונג פון דעם קאַפּיטאַליזם און ס'איז געגעבן געוואָרן אַ קריטיק דער גאַנצער שטאָטישער קולטור, איז ביז אַהער געווען אַ האַלב-באַדינגטע פּאָזיציע פון דעם אַלטפּרענקישן פּריץ, איז דאָס איצטער אַ פּאָזיציע פון דעם אַלטפּרענקישן פויער, וועלכן עס פעלט אויך דאָס מינדסטע אין דער היסטאָרישער קאָנקרעטקייט. די אַלע עלעמענטן אין טאָלסטאָיס וועלט-באַנעם, וועלכע האָבן זיך פון תחילת אָן געצויגן אַהערצו, צו דעמדאָזיקן צווייטן פּאָלוס פון דער פעאָדאַלער וועלט — צו דעם פויער, און וועלכע זענען אַלס די ראַדיקאַלסטע און אומקאָמפּראָמיסלעכסטע געשטאַנען אַנטקעגן דער גאַנצער ערומיקער סאָציאַל-פּאָליטישער און קולטורעלער וויִרקלעכקייט, באַהערשן איצטער דעם גאַנצן געדאַנקענגאַנג טאָלסטאָיס, צווינגענדיק אים אָן רחמנות אַפּצוּוואַרפן דאָס אַלץ, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרייניקן מיט זיי. טאָלסטאָי דער אידעאָלאָג, דער מאָראַליסט, דער פּריידיקער האָט פאַרשטאַנען איבערצובויען זיך אויף אַ נייעם סאָציאַלן שטייגער און איז געוואָרן ווי לענין זאָגט — דער אויסדריקער פון דער פילמיליאָניקער פויערישער סטיכיע. „טאָלסטאָי — שרייבט לענין — איז גרויס אַלס אויסדריקער פון יענע אידעען און יענע שטימונגען, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט בא די מיליאָנען פון דעם רוסישן פויערטום צו דער צייט פון דעם אָנקומען פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. טאָלסטאָי איז אָריגינעל, וואָרים דער סך-הכל פון זיינע אָנשויונגען, וועלכע

זענען שעדלעך אַלס גאַנצע, ברענגט גראָד צום אויסדרוק די באַזונדערהייטן פון אונזער רעוואָלוציע אַלס פּויערישע בורזשואַזע רעוואָלוציע. די סתירות אין טאָלסטאָיס אָנשויונגען זענען, פון דעם שטאַנדפּונקט אויס, אַ געטרייער שפּיגל פון יענע ווידעראַנאַנדיקע באַדינגונגען, אין וועלכע די היסטאָרישע טעטיקייט פון דעם פּויערטום איז אין אונזער רעוואָלוציע אַוועקגעשטעלט געוואָרן"*).

אויב אָבער אַזאַ ראַדיקאַלע כאַציאַלע איבעראָריענטירונג אויפן פּויער האָט געקאָנט פּאָרקומען אין דער אַבסטראַקטער וועלט-אָנשויונג פון לעוו טאָלסטאָי דעם דענקער און מאָראַליסט, איז אָבער אין דעם קינסטלערישן שאַפן די זאַך געווען אי קאָמפּליצירטער אי שווערער. און נישט אומזיסט הייבט דאָס קינסטלערישע שאַפן זינט דעם סוף פון די 70-ער יאָרן אָפּצוטרעטן אין הינטערגרונד לגבי די מאָראַלישע און רעליגיעז-פילאָזאָפישע טראַקטאַטן. זיך אָפּגעזאָגט פון זיין קינסטלערישער מאַניר, איז טאָלסטאָי נישט בכּוח געווען אויסצואַרבעטן נייע קינסטלערישע פאָרמען, וועלכע זאָלן זיין אַדעקוואַט צו זיין געענדערטער סאָציאַלער איינשטעלונג. די 80-ער און 90-ער יאָרן אין טאָלסטאָיס שאַפן זענען די יאָרן פון געשפּאַנטן זוכן פּויערישע ליטעראַטור-פאָרמען.

די פּויערישע כאַטע מיט איר וועלט און מיט איר קוק אויף דער וועלט איז פון תחילת אַן געווען אין טאָלסטאָיס ווערק, זי איז אָבער דאָ געווען אַן עפּיזאָד, זיך באַוויזן בלויז אין דעם זע-קרייז פון די העלדן פון אַן אַנדערער סאָציאַלער וועלט, אָדער זיך ארויסגערוקט אַלס דער צווייטער גליד פון דער אַנטיטעזע, פון דעם קינסטלערישן פּאַראַלעליזם („דריי טויטן"). דער פּויער איז דאָ געגעבן אין דעם זע-קרייז פון דעם פּריץ און אין דעם ליכט פון זיינע, דעם פּריצס, זוכענישן, ער אַליין אָרגאַניזירט נישט דאָס ווערק. נאָכמער — די פּאָזיציע פון דעם פּויער אין טאָלסטאָיס ווערק איז אַזאַ, אַז ער קאָן נישט זיין דער טרעגער פון דעם סיוזשעט, פון דער אַקציע. די פּויערים זענען דער אָביעקט פאַר

---

*) „לעוו טאָלסטאָי אַלס שפּיגל פון דער רוסישער רעוואָלוציע" (1908) — אין דעם ליטעראַריש-קריטישן זאַמלבוך „וועגן טאָלסטאָי", אין רוסיש — לענינגראַד, 1928. (דאָס זאַמלבוך איז טיילווייז איבערגעזעצט אויף יידיש און ארויסגעגעבן פון פאַרלאַג „קולטור-ליגע" אונטערן טיטל „לעוו טאָלסטאָי אין ליכט פון מאַרקסיזם", וואַרשע, 1928).

דעם אינטערעס און פאַר די אידעאַלע שטרעבונגען סיי פון דעם קינסט-לער, סיי פון זיינע העלדן, אָבער נישט קיין אָרגאַניזיר-צענטער פון די ווערק. אין אָקטאָבער 1877 האָט סאָפיע אַנדרעיעוונאַ טאָלסטאָי פאַרשריבן פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע הודיה פון איר מאַן:

„דער פויערישער לעבנסשטייגער איז מיר באַזונדערס שווער און אינטערעסאַנט, אָבער ווי נאָר איך שילדער מיין אייגענעם לעבנסשטייגער — בין איך ווי באַ זיך אינדערהיים"*).

די אידעע פון אַ פויערים-ראָמאַן האָט טאָלסטאָיען לאַנג באַשעפ-טיקט. נאָך פאַר „אַננאַ קאַרעני‌נאַ" האָט טאָלסטאָי אין 1870 זיך גע-קליבן צו שרייבן אַ ראָמאַן, וואָס זיין העלד האָט געזאָלט זיין אַן „איליאַ מוראָמער", פון אָפּשטאַמונג אַ פויער, אָבער מיט אוניווערזיטעטישער בילדונג, ד. ה., טאָלסטאָי האָט געוואָלט שאַפן אַ טיפּ פון אַ פויער — אַ גיבור אין דעם גייסט פון אַ פאָלקס-עפּאָפּעע. אין 1877, בשעת ער האָט געהאַלטן באַם פאַרענדיקן „אַננאַ קאַרעני‌נאַ", פאַרשרייבט סאָפיאַ טאָלסטאָי די פאָלגנדע ווערטער פון לעוו ניקאָלאַיעוויטש:

„אַך, ווי ענדיקט מען שוין גיכער, גיכער דעם ראָמאַן (ד. ה. „אַננאַ קאַרעני‌נאַ"), כדי אָנצוהייבן עפּעס נייעס. מיר איז אַזוי קלאָר מיין געדאַנק. אום דאָס ווערק זאָל זיין גוט, דאַרף מען אין אים ליב האָבן דעם הויפּט-געדאַנק, דעם גרונט-געדאַנק. אַזוי האָב איך אין „אַננאַ קאַרעני‌נאַ" ליב דעם געדאַנק פון פ אַ מ י ל י ע נ ל ע ב ן, אין „מלחמה און שלום" ליב געהאַט דעם געדאַנקדעם פ אָ ל ק י ש ן, צוליב דער מלחמה פון 12-טן יאָר; און איצט איז מיר אַזוי קלאָר, אַז אין דעם נייעם ווערק וועל איך ליב האָבן דעם געדאַנק פון דעם רוסישן פאָלק אין דעם זין פון דער ב אַ ה ע ר ש נ ד י ק ע ר ק ר אַ פ ט".

דאָ האָט ער אין זינען די נייע קאָנצעפּסיע פון אַ דעקאַבריסטן-ראָמאַן, וועלכער דאַרף עס איצט ווערן טאַקע דער פויערים-ראָמאַן. דער געדאַנק פון קאָנסטאַנטין לעווין (אין דעם ראָמאַן „אַננאַ קאַרעני‌נאַ"), אַז די היסטאָרישע מיסיע פון דעם רוסישן פאָלק ליגט אין דער קאָלאָניזאַ-ציע פון די אומענדלעכע אַזיאַטישע לענדער, האָט, ווייזט אויס, געזאָלט געלייגט ווערן אין דעם יסוד פון דעם נייעם ווערק. אָט דיזאָיקע היס-טאָרישע עובדא פון דעם רוסישן פויער ווערט פאַרווירקלעכט אויסשליס-

*) זע „דאָס טאָגבוך פון סאָפיאַ אַנדרעיעוונאַ טאָלסטאָי 1860—1891".

לעך אין די פֿאָרמען פֿון ערדאַרבעט און פּאַטריאַרכאַלישער הויזווירטשאַפֿט. לויט טאָלסטאָיס געדאַנק פֿאַלט איינער פֿון די דעקאַבריסטן אַריין אין סיביר צו די פּויערים־איבערוואַנדערער. אין דעמדאָזיקן געדאַנק איז שוין געגעבן נישט דאָס פּאַסיווע געשטאַלט פֿון פּלאַטאָן קאַראַטאַיעוו אין פּיערס זע־קרייז, נאָר גיכער פּיער אין דעם זע־קרייז פֿון אַן עכטן היסטאָרישן טוער אַ פּויער. די געשיכטע — דאָס איז נישט „דער 14־טער דעצעמבער" און נישט אויף דעם „סענאַט־פּלאַץ"*). — די געשיכטע איז אין דער איבערוואַנדערערישער באַוועגונג פֿון די פּויערים, וואָס ווערן באַוווּסט פֿון דעם פּריץ. אָבער דערדאָזיקער געדאַנק טאָלסטאָיס איז געבליבן נישט רעאַליזירט. עס איז אָנגעשריבן געוואָרן בלויז עטלעכע פֿראַגמענטן.

אַן אַנדערן צוגאַנג צו דער לייזונג פֿון דער נעמלעכער אויפֿגאַבע — פֿון שאַפֿן אַ פּויערים־ליטעראַטור — האָט טאָלסטאָי רעאַליזירט אין זיינע „פֿאָלקס־דערציילונגען", דערציילונגען נישט אַזוי וועגן ווי פֿאַר פּויערים. דאָ איז טאָלסטאָיען באמת געראָטן אָנצושאַפֿן עפּעס אַזעלכע נייע פֿאָרמען, אמת — אין פֿאַרבינדונג מיט דער טראַדיציע פֿון דעם פֿאָלקלאָרישן זשאַנר, היינו — פֿון דעם פֿאָלקסטימלעכן משל, אָבער דאָך פֿאָרמען טיף־אָריגינעלע לויט זייער סטיליסטישער אויספֿירונג. אָבער דידאָזיקע פֿאָרמען קאָנען געמאָלט זיין נאָר אין קליינע זשאַנרן. פֿון זיי איז נישט געווען קיין וועג נישט צו דעם פּויערים־ראָמאַן, נישט צו דער פּויערים־עפּאָפּעע.

דערפֿאַר גייט טאָלסטאָי אַלץ מער און מער אַוועק פֿון דער ליטעראַטור און גיסט אָפּ זיין וועלט־באַנעם אין די פֿאָרמען פֿון אָפּהאַנדלונגען, פּובליציסטישע אַרטיקלען, אין זאַמלונגען שפּרוכן פֿון דענקער — („אויף יעדן טאָג") אד"גל. אַלע קינסטלערישע ווערק פֿון אָט דעם פּעריאָד („איוואַן איליטשעס טויט", „די קרייצער־סאָנאַטע" א. אנד.) זענען געשריבן אין זיין אַלטער מאַניר, אָבער מיט אַן איבערוואָג פֿון קריטישן, שטראָפֿנדיקן מאָמענט און אַבסטראַקטן מאָראַליזירן. טאָלסטאָיס פֿאַרעקשנטער, אָבער האָפֿנונגסלאָזער קאַמף פֿאַר אַ נייער קינסטלערישער פֿאָרם, וועלכער ענדיקט זיך אומעטום מיט אַ נצחון פֿון דעם מאָראַליסט

---

*) דער טאָג און דאָס אָרט פֿון דעם דעקאַבריסטישן אויפֿשטאַנד אין פּעטערבורג, דעצעמבער 1925. — איבערז.

איבער דעם קינסטלער, ליגט ארויף זיין חותם אויף אט די אלע ווערק.

אט אין די יארן פון אנגעשטרענגטן געראנגל פאר א סאציאלער איבעראריענטאציע פון דעם קינסטלערישן שאפן ווערט געבוירן דער געדאנק וועגן „ווידערגעבורט", און לאנגזאם, שווער, מיט קריזיסן שלעפט זיך די ארבעט אויף דעמדאזיקן לעצטן ראמאן.

די קאנסטרוקציע פון „ווידערגעבורט" שיידט זיך שארף אונטער פון דער קאנסטרוקציע פון די פריערדיקע טאלסטאיס ראמאנען. מיר מוזן דעם דאזיקן לעצטן ראמאן צורעכענען צו א באזונדערן מין זשאנר. „מלחמה און שלום" איז א פאמיליען-היסטארישער ראמאן (מיט אן אפנייג צו עפאפעע). „אננא קארענינא" איז א פאמיליען-פסיכאלאגישער ראמאן; „ווידערגעבורט" דארף מען באצייכענען אלס סאציאל-אידעאלאגישער ראמאן. לויט זיינע זשאנר-סימנים געהערט ער צו דער זעלביקער גרופע ווי טשערנישעווסקיס ראמאן „וואס זאל מען טון?" אדער הערצענס — „ווער איז שולדיק?", און אין דער מערב-אייראפעישער ליטעראטור — זשארזש זאנדס ראמאנען. אין דעם יסוד פון אזא ראמאן ליגט אן אידעאלאגישער טעזיס וועגן דעם געגארטן און געוואלטן סאציאלן סדר. אויס דעם שטאנדפונקט פון דעמדאזיקן טעזיס ווערט געגעבן א פרינציפיעלע קריטיק פון אלע עקזיסטירנדיקע געזעלשאפטלעכע באציונגען און פארמען. דידאזיקע קריטיק פון דער ווירקלעכקייט ווערט באגלייט אדער איבערגעשלאגן דורך אוממיטלבארע ראיות פאר די טעזיסן אין דער פארם פון אבסטראקטע חקירות אדער דרשות, און טיילמאל דורך א פרווו אויסצומאלן דעם אוטאפישן אידעאל.

אזוי ארום איז דער ארגאניזיר-עלעמענט פון דעם סאציאל-אידעאלאגישן ראמאן נישט דער לעבנסשטייגער פון סאציאלע גרופעס, אזוי ווי עס איז דער פאל אין דעם סאציאל-שטייגערישן ראמאן, און אויך נישט די פסיכאלאגישע קאנפליקטן, וואס ווערן געבוירן פון באשטימטע געזעלשאפטלעכע באציונגען, אזוי ווי אין דעם סאציאל-פסיכאלאגישן ראמאן, נייערט — א געוויסער אידעאלאגישער טעזיס, וועלכער דריקט אויס א סאציאל-עטישן אידעאל, וואס אין דעם ליכט פון דעמדאזיקן אידעאל ווערט עס טאקע געגעבן די קריטישע אפשפיגלונג פון דער ווירקלעכקייט.

בהסכם מיט דידאזיקע גרונד-באזונדערהייטן פון דעם זשאנר ווערט דער ראמאן „ווידערגעבורט" צוזאמענגעשטעלט פון דריי מאמענטן:

1) דער פּרינציפּיעלער קריטיק פון אַלע פאַרהאַנענע געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, 2) דער שילדערונג פון דער „נשמהדיקער זאַך" פון די העלדן, ד. ה. פון דער עטישער ווידערגעבורט נעכליודאָווס און קאַטיושאַ מאַסלאָוואַס און 3) דער אַבסטראַקטער אַנטוויקלונג פון דעם מחבר'ס סאָציאַל-עטישע און רעליגיעזע אָנשויונגען.

די אַלע דריי מאָמענטן זענען אויך געווען אין די פריערדיקע ראָמאַנען טאָלסטאָיס, דאָרט האָבן זיי אָבער נישט אויסגעשעפּט די קאָנסטרוקציע און אָפּגעטרעטן אין הינטערגרונד לגבי די אַנדערע מאָמענטן, די אָרגאַניזירנדיקע גרונד-מאָמענטן, לגבי דער פּאָזיטיווער געשטאַלטונג פון דעם פּסיכאָפיזישן לעבן און די האַלב אידעאַליזירטע באַדינגונגען פון דעם פּאַטריאַרכאַליש-פּריצישן און משפּחהדיקן שטייגער און לגבי דער געשטאַלטונג פון דער נאַטור און דעם נאַטור-לעבן. פון דעם אַלעם איז שוין קיין זכר נישטאָ אין דעם נייעם ראָמאַן. לאָמיר זיך דערמאַנען, ווי אַזוי קאָנסטאַנטין לעווין באַנעמט קריטיש די שטאָטישע קולטור, די ביוראָקראַטישע אינסטיטוציעס און די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, זיין גייסטיקן קריזיס און זיין זוכן אַ זין אין לעבן. ווי קליין איז דאָס ספּעציפיש געוויכט פון דעם אַלעם, אינגאַנצן גענומען, אין דעם ראָמאַן „אַננאַ קאַרענינאַ"! און פון דער אַנדערער זייט איז גאָר דערויף טאַקע געבויט דער גאַנצער ראָמאַן „ווידערגעבורט".

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט געפינט זיך אויך די קאָמפּאָזיציע פון דעם ראָמאַן. זי איז גאָר אַ פּשוטע אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע ווערק. דאָרט איז געווען עטלעכע זעלבשטענדיקע צענטערס פון דער דערציילונג, פאַרבונדן צווישן אַנאַנד דורך פעסטע און וועזנטלעכע סיזשעטיש-פּראַגמאַטישע פאַרהעלטענישן.

אַזוי, למשל, איז אין „אַננאַ קאַרענינאַ". די וועלט פון די אָבלאָנסקיס, די וועלט קאַרענינס, די וועלט פון אַננאַ און וראָנסקי, די וועלט פון די שטשערבאַצקיס און די וועלט לעווינס ווערן דאָ געשילדערט, אַזוי צו זאָגן, פון אינעווייניק אַרויס מיט דער זעלביקער געניקייט און אויספירלעכקייט. און בלויז די צווייטראַנגיקע פּערסאָנאַזשן זענען געשילדערט אין דעם זע-קרייז פון אַנדערע העלדן, איינער — אין לעווינס זע-קרייז, די אַנדערע — אין וראָנסקיס אָדער אַננעס א. א. וו. אָבער אפילו אַזעלכע ווי קאָזנישעוו קאָנצענטרירן טיילמאָל אַרום זיך אַ זעלבשטענדיקע דערציילונג. דידאָזיקע אַלע וועלטן זענען אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן און צונויפגעפלאָכטן צווישן אַנאַנד דורך משפּחהדיקע בענדער

און דורך אנדערע ווערטלעכע פראגמאטישע באציונגען. אין „ווידערגעבורט" איז די דערציילונג קאָנצענטרירט בלויז אַרום נעכליודאָוון און טיילווייז אַרום קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ, אַלע איבעריקע פּערסאָנאַזשן און די גאַנצע איבעריקע וועלט ווערן געשילדערט אין נעכליודאָווס זע-קרייז. די אַלע פּערסאָנאַזשן פון דעם ראָמאַן, אַחוץ דעם העלד און דער העלדין, זענען מיט קיין זאַך צווישן זיך נישט פאַרבונדן און זענען נאָר אויסערלעך פאַראייניקט דערמיט, וואָס זיי קומען אין באַרירונג מיט נעכליודאָוון, ווע̇לכער באַזוכט זיי בשעת זיין השתדלות וועגן זיין ענין.

דער ראָמאַן — דאָס איז אַ שורה בילדער פון דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט, באַלויכטן מיט אַ שאַרפער קריטישער שיין און פאַרבונדן מיט דעם פאַדעם פון נעכליודאָווס אויסערלעכער און אינעווייניקסטער טעטיקייט; געקרוינט ווערט דער ראָמאַן פון דעם מחבר'ס אַבסטראַקטע טעזיסן, באַקרעפטיקט מיט עוואַנגעלישע ציטאַטן.

דער ערשטער מאָמענט פון דעם ראָמאַן — די קריטיק פון דער סאָציאַלער ווירקלכקייט, איז בלתי שום ספק דער וויכטיקסטער און באַדייטנדיקסטער. דערדאָזיקער מאָמענט האָט אויך די גרעסטע באַדייטונג פאַר דעם מאָדערנעם לעזער. דער קריטישער ארומנעם פון דער ווירקלעכקייט איז זייער אַ ברייטער, ברייטער איידער אין אַלע אַנדערע טאָלסטאָיס ווערק: די מאָסקווער טורמע (בוטירקעס), צי טראַנספּאָרטטורמעס פון רוסלאַנד קיין סיביר, דאָס געריכט, דער סענאַט, די קירך און די גאָטעסדינסט, די אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען, די ביוראָקראַטישע ספערן, די מיטעלע און נידעריקע אַדמיניסטראַציע, קרימינעלע פאַרברעכער, סעקטאַנטן, רעוואָלוציאָנערן, ליבעראַלע אַדוואָקאַטן, ליבעראַלע און קאָנסערוואַטיווע געריכטס-טוער, ביוראָקראַטן-אַדמיניסטראַטאָרן פון גרויסן, קליינעם און מיטעלן קאַליבער, פון מיניסטאָרן ביז טורמע-אויפזעער, אַריסטאָקראַטישע און בורזשואַזע דאַמען, שטאָטיש בירגערטום און אחרון אחרון חביב — פּויערים, — דאָס אַלץ איז אַריינגעצויגן אין נעכליודאָווס, אין טאָלסטאָיס קריטישן זע-קרייז. אייניקע סאָציאַלע קאַטעגאָריעס, ווי למשל די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ און דער רעוואָלוציאָנער-אַרבעטער, דערשיינען דאָ צום ערשטן מאָל אין טאָלסטאָיס קינסטלערישער וועלט.

די קריטיק פון דער ווירקלעכקייט באַ טאָלסטאָיען, אַזוי ווי אויך באַ זיין גרויסן פאָרגייער פון XVIII-טן יאָרהונדערט — רוסאָ, איז אַ קריטיק פון יעדער סאָציאַלער באַדינגלעכקייט אַלס

אזעלכע, וואָס דער מענטש האָט אויפגעבויט איבער דער נאַטור, און דעריבער פעלט דערדאָזיקער קריטיק די עכטע היסטאָרישקייט.

עפנען עפנט זיך דער ראָמאַן מיט אַ ברייט פאַראַלגעמיינערנדיק בילד פון דער שטאָט, וועלכע דערדריקט די אויסערלעכע נאַטור און די נאַטור אין דעם מענטש. דער בוי פון דער שטאָט און פון דער שטאָטישער קולטור ווערט געשילדערט ווי אַ באַמיונג פון עטלעכע הונדערט טויזנט מענטשן, פאַרזאַמלטע אויף איין אָרט, צו פאַרקריפּלען און פאַרמיאוסן די ערד, אויף וועלכער זיי האָבן זיך צונויפגעפּרעסט, פאַרהאַקן זי מיט שטיינער, אַז קיין זאַך זאָל אויף איר נישט וואַקסן, אויסראָטן יעדעס אויסשפּראָצנדיק גרעזל, רייכערן מיט שטיינקויל און נאַפט, באַשניידן דיביימער, אַרויסטרייבן אַלע חיות און פייגל. און דער אָנגעקומענער פרילינג, וועלכער האָט באַ‏ ‏לעבט די פּאָרט נישט אינגאַנצן פאַרטריבענע נאַטור, איז נישט ביכולת דורכצושלאָגן זיך דורך דער דיקער שיכט פון סאָציאַלן שקר און באַדינגלעכקייט, וואָס די שטאָטישע מענטשן האָבן אַליין צוגעטראַכט, כדי צו געוועלטיקן איינס איבערן אַנדערן, כדי אָפּצונאַרן און פייניקן זיך און אַנדערע.

אָט דאָס ברייטע און פילאָזאָפישע בילד פון דעם שטאָטישן פרילינג, פון דעם געראַנגל צווישן דער גוטער נאַטור און דער בייזער שטאָטישער קולטור, טרעט נישט אָפּ לויט זיין ברייטקייט, לאַפּידאַרער קראַפט און פאַראַדאָקסאַלער דרייסטקייט, פאַר די שטאַרקסטע זייטן פון רוסאָ. דאָסדאָזיקע בילד גיט דעם טאָן די אַלע נאָכקומענדיקע דעמאַסקירונגען פון די מענטשישע אויסטראַכטענישן: תפיסה, געריכט, דאָס לעבן פון די הויכע פענצטער א. אַז. וו. אַזוי ווי תמיד באַ טאָלסטאָיען, גייט די דערציילונג מיטאַמאָל אַריבער פון דער ברייטסטער גענעראַליזאַציע צו דער גענויסטער דעטאַליזאַציע מיטן פּינקטלעכן רעגיסטרירן די מינדסטע זשעסטן, צופעליקסטע געדאַנקען, שפּרונגען אין ווערטער פון מענטשן. דידאָזיקע באַזונדערהייט — דער שאַרפער און דירעקטער איבערגאַנג פון דער ברייטסטער פאַראַלגעמיינערונג צו דער סקרופּולעזער דעטאַליזאַציע איז אַן אייגנשאַפט פון אַלע טאָלסטאָיס ווערק. אָבער אין „ווידערזעבורט" אַנטפּלעקט זי זיך אפשר בולטער ווי אומעטום, צוליב דעם, וואָס די פאַראַלגעמיינערונגען זענען דאָ אַבסטראַקטער, פילאָזאָפישער און די דעטאַליזאַציע סקרופּולעזער און טרוקענער.

אויספירלעכער און טיפער איז אין דעם ראָמאַן באַאַרבעט דאָס בילד פון געריכט; די זייטן, געווידמעטע דעם געריכט, זענען די

שטאַרקסטע אין דעם ראָמאַן. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף דעמדאָזיקן בילד.

די עוואַנגעלישע ציטאַטן, וואָס טאָלסטאָי האָט אויסגעוויילט אַלס עפּיגראַף צו דער ערשטער טייל פון דעם ראָמאַן, אַנטפּלעקט טאָלסטאָיס אידעאָלאָגישן גרונד-טעזיס:

די אומדערלאָזלעכקייט פון וועלכן עס איז געריכט פון איין מענטש איבער דעם אַנדערן. דערדאָזיקער טעזיס ווערט קודם-כל באַרעכטיקט דורך דער סיוזשעטישער גרונד-סיטואַציע פון דעם ראָמאַן: נעכלידאָוו, וועלכער איז אויף אַ געזעצלעכן סדר געוואָרן אַ געשווירענער בייזיצער אין מאַסלאָוועס פּראָצעס, ד. ה. אַ ריכטער קאַטיושעס, איז גאָר באמת דער שולדיקער אין איר אומגליק. דאָס בילד פון דעם געריכט דאַרף לויט טאָלסטאָיס געדאַנק באַווייזן, אַז אויך אַלע איבעריקע ריכטער זענען אומבאַרופן: דער פּאָרזיצער מיט זיינע ביצעפּסן, גוטער פאַרדייאונג און דער ליבעס-פאַרבינדונג מיט דער גוווערנאַנטין; דער פּינקטלעכער מיטגליד פון געריכט מיט זיינע גאָלדענעברילן און מיט דער שלעכטער שטימונג צוליב דער קריג מיט דעם ווייב, וואָס אונטער דער ווירקונג פון דערדאָזיקער שטימונג האַנדלט ער אין געריכט; און דער גוטמוטיקער מיטגליד פון געריכט מיט דעם מאָגן-קאַטאַר; און דער געהילפס-פּראָקוראָר, מיט דער טעמפּער גייציקייט פון אַ קאַריעריסט; און די געשווירענע בייזיצער מיט זייער קליינלעכער, אַמביציעלער, נאַרישער זעלבסצופרידנקייט, אומגעלומפּערטער, פּרעטענציעזער פּלוידעריי. נישטאָ קיין באַרופענע ריכטער און עס קאָן נישט זיין, וואָרים דאָס געריכט פאַר זיך גופא, וואָס פאַר אַ געריכט דאָס זאָל נישט זיין, איז אַ בייזער און ליגנערישער אויסטראַכט פון מענטשן. אומזיניק און ליגנעריש איז די גאַנצע פּראָצעדור פון געריכט, דערדאָזיקער גאַנצער פעטישיזם פון פאָרמאַליטעטן און קאָנווענציאָנאַליטעטן, אונטער וועלכע עס ווערט האָפענונגסלאָז באַגראָבן די עכטע נאַטור פון דעם מענטש.

אַזוי זאָגט אונז טאָלסטאָי דער אידעאָלאָג. אָבער דאָס קינסטלעריש-איבערראַשנדיקע בילד פון געריכט, וואָס ער האָט געשאַפן, זאָגט אונז אויך עפּעס אַנדערש. אָט דאָס גאַנצע בילד, וואָס איז עס פאַר אַ בילד? דאָס איז דאָך אַ משפט איבער דעם געריכט, און אַ משפט אָן איבערצייגנדיקער און אַ באַרופענער, אַ משפט איבער נעכלידאָוון דעם פּריץ, איבער די ריכטער די ביוראָקראַטן, איבער די בייזיצער די קליינבירגער, איבער דער שטאַנד-קלאַסנדיקער אָרדנונג און די ליגנערישע

פאַרמען פון דער „יוסטיץ", וואָס דידאַקטיש אָרדנונג האָט אַרויסגעבראַכט דאָס גאַנצע בילד, וואָס טאָלסטאָי האָט געשאַפן, איז אַן איבערצייגנדיקע און טיפע סאָציאַלע פאַראורטיילונג פון דעם שטאַנד־קלאַסנדיקן געריכט אין די באַדינגונגען פון דער רוסישערווירקלעכקייט פון די 80־ער יאָרן. אַזאַ סאָציאַל געריכט איז מעגלעך און נישט ליגנעריש, און די עצם־אידעע פון דעם געריכט — נישט פון אַ מאָראַליש געריכט איבער אַן אַבסטראַקטן מענטש, נאָר פון אַ סאָציאַל געריכט איבער די עקספּלואַטאַטאָרישע געזעלשאַפטלעכע באַציונגען און זייערע טרעגער: עקספּלואַטאַטאָרן, ביוראָקראַטן א. ד. גל., — ווערט נאָך בולטער און איבערצייגנדיקער אויף דעם פאָן פון דעם קינסטלערישן בילד, וואָס טאָלסטאָי האָט אונדז געגעבן.

טאָלסטאָיס ווערק בכלל זענען טיף דורכגעדרונגען מיט דעם פּאַטאָס פון דעם סאָציאַלן געריכט, אָבער זיין אַבסטראַקטע אידעאָלאָגיע קאָן נאָר דאָס מאָראַלישע געריכט איבער זיך גופא און דאָס סאָציאַלע נישט־אָנערקענען זיך. דאָס איז איינע פון די טיפסטע סתירות בא טאָלסטאָיען, וואָס גובר זיין זיי האָט ער נישט געקאָנט, און באַזונדערס בולט ווייזט זי זיך אַרויס אין דעם פון אונדז אַנאַליזירטן עכטן סאָציאַלן משפט איבער דעם געריכט. די געשיכטע מיט איר דיאַלעקטיק, מיט איר רעלאַטיווער היסטאָרישער נעגאַציע, וואָס איז שוין אויך כולל דעם חייב — איז אינגאַנצן פרעמד טאָלסטאָיס דענקען. זיין פאַרביינען דאָס געריכט אַלס אַזעלכעס ווערט דעריבער אַבסאָלוט, אַלזאָ אויך אַן אַן אויסוועג, נישט דיאַלעקטיש, ווידעראַנאַנדיק. זיין קינסטלעריש זעען און געשטאַלטונג איז טיפער, און אָפּלייקענענדיק דאָס שטאַנד־קלאַסנדיקע ביוראָקראַטישע געריכט, איז טאָלסטאָי מחייב אַן אַנדער געריכט, — אַ סאָציאַל, אַ גיכטער און אַ אומפּאַרטייאיש געריכט, ווו עס משפט די געזעלשאַפט אַליין און אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט.

די אויפדעקונג פון דעם אמתן זין, אָדער ריכטיקער — פון דעם אמתן אומזין פון דעם אַלעם, וואָס עס קומט פאָר אויפן געריכט, דער־גרייכט טאָלסטאָי דורך באַשטימטע קינסטלערישע מיטלען; אמת, זיי זענען אין „ווידערגעבורט" נישט קיין נייע, נאָר כאַראַקטעריסטיש אויף פאַר זיין פריערדיק שאַפן. טאָלסטאָי שילדערט די אָדער יענע האַנדלונג עפּעס ווי אויס דעם שטאַנדפּונקט פון איינעם, וואָס זעט זי צום ערשטן מאָל, וואָס ווייסט נישט דעם צוועק דערפון און וואָס נעמט דערום אויף די אויסערלעכע זייט פון דערדאָזיקער האַנדלונג מיט אַלע זיינע מאָ־

טעריעלע איינצלהייטן. באַשרייבנדיק אַ האַנדלונג, מיידט טאָלסטאָי מיט אַלע כּוחות אויס די ווערטער און אויסדרוקן, מיט וועלכע מיר זענען געוווינט צו באַצייכענען די געגעבענע האַנדלונג.

מיט דעמדאָזיקן אופן שילדערן איז ענג פאַרבונדן נאָך איינער, וואָס דערגענצט אים און איז דעריבער מיט אים תמיד קאָמבינירט. שילדערנדיק די אויסערלעכע זייט פון דער אָדער יענער סאָציאַל-באַדינגטער האַנדלונג, למשל, די שבועה, דאָס אַרויסקומען פון דעם געריכט, דאָס לייענען דעם פּסק-דין א. צ. וו., ווייזט אונז טאָלסטאָי די איבערלעבונגען פון די פּערזאָנען, וואָס טוען דידאָזיקע האַנדלונגען. דידאָזיקע איבערלעבונגען — ווייזט זיך אַלע מאָל אַרויס — אַז זיי שטימען נישט מיט דער האַנדלונג, אַז זיי ליגן גאָר אין אַן אַנדערער ספערע, דאָס רוב — אין דער ספערע פון מגושמדיקן אָדער פּסיכיש-פיזישן לעבן. אַזוי למשל, איינער פון די מיטגלידער פון געריכט, בשעת ער איז מיט אַ קאָנצענטרירטן בליק עולה אויף דער געריכטס-בימה און אַלע שטייען בשעת מעשה, ציילט ער די טריט, פאַרטראַכטנדיק, צי וועט אים העלפן דאָס נייע מיטל זיך אויסצוהיילן פון מאָגנקאַטאַר. אַ דאַנק דעם טיילט זיך עפּעס ווי די האַנדלונג אָפּ פון דעם עצם מענטש און זיין אינעווייניקסטן לעבן און ווערט עפּעס אַ מעכאַנישע, פון מענטשן נישט אָפּהענגיקע, אומזיניקע קראַפט.

ענדלעך ווערט מיט דידאָזיקע צוויי מעטאָדן קאָמבינירט אַ דריטער: טאָלסטאָי האַלט אין איין באַווייזן, וויאַזוי מענטשן הייבן אָן דידאָזיקע מעכאַניזירטע, פון מענטשן אָפּגעזונדערטע און דורך דער סאָציאַלער פאָרם פון יעדן זין באַרויבטע קראַפט אויסצונוצן אין זייערע פּערזענלעך-אייגננוציקע אָדער קליינלעך-גייציקע צילן. דידאָזיקע אינערלעך טויטע פאָרם ווערט דעריבער געהאַלטן, אָפּגעהיטן און פאַרטיידיקט פון די-יעניקע, וועלכע זי קומט צונוץ. אַזוי, למשל, זענען די מיטגלידער פון געריכט, פאַרנומען מיט די געדאַנקען און שפּירונגען, וואָס פּאַסן לחלוטין נישט צו דער פייערלעכער פּראָצעדור פון געריכט, און צו זייערע גאָלד-געשטיקטע מונדירן; האָבן אַן אַמביציעזע הנאה פון דעם באַוווסטזיין פון זייער אימפּאָזאַנטקייט און אוודאי שעצן זיי זייער הויך די באַקוועמלעכקייטן און נוצן, וואָס זייער שטעלונג גיט זיי.

אויף אַן ענלעכן אופן זענען געבויט אויך אַלע אַנדערע דעמאַסקירנדיקע בילדער. בתוכם — דאָס באַרימטע בילד פון דעם גאָטדינסט אין טורמע.

דעמאַסקירנדיק די קאָנווענציאָנאַליטעט און די אינעווייניקסטע אומזיניקייט פון דעם קירכלעכן ריטואַל, פון די וועלטלעכע צערעמאָניעס, פון די אַדמיניסטראַטיווע פאָרמען א. אז. וו., קומט טאָלסטאָי אויך צו דער אַבסאָלוטער נעגירונג פון יעדער סאָציאַלער קאָנווענציאָנאַליטעט, וואָס פאַר אַ קאָנווענציאָנאַליטעט דאָס זאָל נישט זיין. אויך דאָ האָט זיין אידעאָלאָגישער טעזיס קיין שום היסטאָרישע דיאַלעקטיק נישט. אינדעראמתן דעמאַסקירן זיינע קינסטלערישע בילדער בלויז די שלעכטע קאָנווענציאָנאַליטעט, וועלכע האָט פאַרלוירן איר סאָציאַלע פּראָדוקטיוויטעט און וואָס די הערשנדיקע גרופּעס היטן זי אָפּ אין די אינטערעסן פון דער קלאַסנדיקער אונטערדריקונג. אָבער סאָציאַלע קאָנווענציאָנאַליטעט קאָן דאָך זיין אַ פּראָדוקטיווע אויך און דינען פאַר אַ נויטווענדיקן תּנאי פון צוזאַמענלעבן. סוף-כּל-סוף איז דאָך אפילו דאָס מענטשלעכע וואָרט, וואָס טאָלסטאָי האָט עס מייסטעריש באַהערשט, אויך אַ קאָנווענציאָנעלער סאָציאַלער צייכן.

דער טאָלסטאָיאַנישער ניהיליזם, וועלכער פאַרשפּרייט זיין נעגאַציע אויף דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור, וואָס איז קאָנווענציאָנעל און אויסגעטראַכט פון מענטשן, איז אויך אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס ער פאַרשטייט נישט די היסטאָרישע דיאַלעקטיק, וועלכע איז מקבר די מתים נאָר דערפאַר, ווייל אויף זייער אָרט זענען געקומען לעבעדיקע. טאָלסטאָי זעט נאָר מתים און אים דאַכט זיך, אַז דאָס פעלד פון דער געשיכטע וועט בלייבן וויסט. טאָלסטאָיס בליק איז צוגעשמידט צו דעם, וואָס צעפאַלט אין פוילעניש, וואָס קאָן נישט און טאָר נישט בלייבן, ער זעט בלויז די עקספּלואַטאַטאָרישע באַציונגען און די סאָציאַלע פאָרמען, וואָס דידאָזיקע באַציונגען האָבן ארויסגעבראַכט. אָבער די פּאָזיטיווע פאָרמען, וועלכע צייטיקן זיך אויס אין דעם לאַגער פון די עקספּלואַטירטע, וואָס די עקספּלואַטאַציע אַליין אָרגאַניזירט, זעט ער נישט, פילט נישט און געטרויט זיי נישט. ער ווענדט זיך מיט זיין פאַרדיקונג צו די עקספּלואַטאַטאָרן גופא. דעריבער האָט זיין פאַרדיקונג אומפאַרמיידלעך געמוזט אָננעמען אַ ריין נעגאַטיוון כאַראַקטער: די פאָרם פון קאַטעגאָרישע פאַרבאָטן און אַבסאָלוטע נישט-דיאַלעקטישע נעגאַציעס*).

---

*) זע וועגן דעם: פּלעכאַנאָוו — „קאַרל מאַרקס און לעוו טאָלסטאָי“ (1911) אין דעם דערמאַנטן זאַמלבוך.

דערמיט דערקלערט זיך אויך די געשטאַלטונג, — אויך אַ קריטישע און אַ דעמאַסקירנדיקע, — וואָס ער גיט אין זיין ראָמאַן דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ און דעם פאָרשטייער פון דער ארבעטער־באַוועגונג. אויך אין דערדאָזיקער וועלט זעט ער בלויז שלעכטע קאָנווענציאָנאַליטעט, מענטשישע אויסטראַכטעניש, זעט דעם זעלביקן פירוד צווישן דער אויסערלעכער פאָרם אין דער אינעווייניקסטער וועלט פון אירע טרעגער און די זעלביקע אייגננוציקע און גייציקע אויסניצונג פון דערדאָזיקער טויטער פאָרם.

אָט ווי אַזוי טאָלסטאָי שילדערט די אָנטיילנעמערין אין דער נאַראָדוואָלישער באַוועגונג ווערא באָגאָדוכאָווסקאַיאַ.

„נעכליודאָוו האָט זי אָנגעהויבן אויסצופרעגן וועגן דעם, ווי אַזוי זי איז געקומען אין אַזאַ לאַגע. ענטפערנדיק אים, האָט זי מיט גרויס באַלעבאַטקייט גענומען אויסדערציילן וועגן איר פּראָצעס. איר דערציילונג איז געווען מלא וגדוש מיט פרעמד־ווערטער וועגן פּראָפּאַגאַנדירן, וועגן דעזאָרגאַניזאַציע, וועגן גרופּעס און סעקציעס און אונטערסעקציעס, וואָס פון זיי האָבן אַלע געוווסט, — אַזוי איז זי קענטיק געווען זיכער, — אָבער פון וועלכע נעכליודאָוו האָט קיינמאָל אפילו נישט געהערט.

„זי האָט אים דערציילט, זייענדיק, ווייזט אויס, גאַנץ זיכער, אַז אים איז זייער אינטערעסאַנט און אָנגענעם צו וויסן אַלע סודות פון נאַראָדוואָליזם. נעכליודאָוו אָבער האָט געקוקט אויף איר נעבעכדיקן האַלז, אויף די שיטערע צעפלאָכטענע האָר און האָט זיך געוווּנדערט, צוואָס זי האָט עס אַלץ געטון און דערציילט. זי האָט אים אויסגעזען נעבעכדיק, אָבער גאָרנישט אַזוי, ווי נעבעכדיק עס האָט אויסגעזען מענשאָוו, דער פויער מיט זיינע ווי שפּראָצונגען פון קאַרטאָפל ווייסגעוואָרענע הענט און פּנים, וועלכער איז אָן שום שולד פון זיין זייט געזעסן אין דער עיפּושדיקער טורמע. מער פאַר אַלץ האָט זי אויסגעזען נעבעכדיק צוליב יענעם באַשיינפּערלעכן פּלאָנטער, וואָס איז בײַ איר געווען אין קאָפּ. זי האָט, ווייזט אויס, זיך געהאַלטן פאַר אַ העלדין און פּאָזירט פאַר אים, און דערמיט האָט זי אים אויסגעוויזן באַזונדערס נעבעכדיק"*).

לגבי דער אומבאַדינגטער נאַטירלעכער וועלט פון דעם פויער־

*) קאַפּיטל LV פון דער ערשטער טייל. אויסגאַבע פון מלוכה־פאַרלאַג.

מענשאַו ווערט דאָ אָקעגנגעשטעלט די באַדינגטע, אויסגעטראַכטע און אייטעלע וועלט פון אַ רעוואָלוציאָנערער טוערין.

נאָך נעגאַטיווער איז די געשטאַלטונג פון דעם רעוואָלוציאָנער דעם פירער נאָוואָדוואָראָוו, וואָס פאַר אים איז די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, די שטעלונג פון אַן אָנפירער פון דער פּאַרטיי און די פּאָליטישע אידעען גופא, בלויז אַ מאַטעריאַל צו באַפרידיקן זיין נישט־אָנזעטעוודיקע אַמביציע.

דעם רעוואָלוציאָנער דעם אַרבעטער, מאַרקעל קאָנדראַטיעוו, וועלכער שטודירט דעם ערשטן באַנד פון קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל" און גלייבט בלינד אין זיין רבין נאָוואָדוואָראָוו, פעלט די אינטעלעקטועלע זעלבשטענדיקייט און ער בוקט זיך פעטישיסטיש פאַר דעם מענטשלעך־באַדינגטער וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש.

אזוי ווערט בא טאָלסטאָיען געבויט די קריטיק און די דעמאַסקירונג פון אַלע קאָנווענציאָנעלע פאָרמען פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, וואָס די מענטשן פון דער שטאָטישער קולטור האָבן געשאַפן, „כדי צו פייניקן זיך און אייננס דעם אַנדערן". סיי די היטער פון דידאָזיקע עקספּלאָאַטאַטאָרישע פאָרמען, סיי אויך זייערע צעשטערער — די רעוואָלוציאָנערן זענען בא טאָלסטאָיען אין דער גלייכער מאָס נישט פעיק ארויסצוגיין פון גדר פון דעמדאָזיקן אויסוועגלאָז קרייז סאָציאַל־באַדינגטע, אויסגעטראַכטע, אומנייטיקע זאַכן. יעטוועדער טעטיקייט אין דערדאָזיקער וועלט, סיי די קאָנסערוואַטיווע סיי די רעוואָלוציאָנערע, איז אין דער גלייכער מאָס ליגנעריש און בייז און פרעמד דער עכטער נאַטור פון דעם מענטש.

וואָס־זשע ווערט אין דעם ראָמאַן אָקעגנגעשטעלט לגבי דער גאַנצער צעקריטיקירטער וועלט פון סאָציאַל־באַדינגטע פאָרמען און באַציונגען?

אין טאָלסטאָיס פריערדיקע ווערק איז לגבי דערדאָזיקער וועלט אָקעגנגעשטעלט געוואָרן די נאַטור, די ליבע, דאָס מאַן־און־ווייב־לעבן, די פאַמיליע, דאָס קינדער־האָבן, דער טויט, דער וווּקס פון נייע דורות, די שטאַרקע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט. אין „ווידערגעבורט" איז אָט דאָס אַלץ נישטאָ. אפילו דער טויט מיט זיין עכטער גרויסקייט איז נישטאָ. לגבי דער וועלט, וועלכע ווערט אָפּגעוואָרפן, ווערט אָקעגנגעשטעלט די „אינעווייניקסטע זאַך" פון די העלדן — נעכליודאָוו און

קאטיושא, זייער מאראלישע ווידערגעבורט, און דעם אויטאָרס ריין גע־באטיווע הומרהדיקע פריידיקונג.

וויאַזוי־זשע שילדערט טאָלסטאָי די „נשמהדיקע זאך" פון זיינע העלדן ? אין דעם לעצטן ראָמאן וועלן מיר נישט געפינען יענע איבער־ראשנדיקע בילדער פון דעם נשמה־לעבן מיט זיינע טונקעלע סטיכישע שטרעבונגען, מיט זיינע ספקות, וואקלעגישן, עליות און ירידות, מיט די פיינסטע וויברירונגען פון געפילן און שטימונגען, וועלכע טאָלסטאָי האָט פונאנדערגעוויקלט, שילדערנדיק דאָס אינערלעכע לעבן פון אַנדרעי באַלקאָנסקי, פיער בעזוכאָוו, ניקאָלאַי ראָסטאָוו, אפילו פון לעווינען. טאָלסטאָי ווייזט לגבי נעכליודאָוון ארויס אַן אויסערגעוויינלעכע איינגע־האלטנקייט און טרוקנקייט. אין דער פריערדיקער מאניר זענען געשריבן בלויז די זייטן וועגן דעם יונגן נעכליודאָוו, וועגן זיין עו"ש ער יוגנט־לעכער ליבע צו קאטיושא מאסלאָווא. אָבער די אינעווייניקסטע אקציע פון דער ווידערגעבורט ווערט, אייגנטלעך, נישט געשילדערט. אַנשטאָט אַ לעבעדיקער נשמהדיקער ווירקלעכקייט ווערט געגעבן אַ טרוקענער באריכט וועגן דעם מאראלישן זין פון נעכליודאָווס איבערלעבונגען. עפּעס ווי דער מחבר וואָלט זיך געאיילט — פון דער לעבעדיקער נשמהדיקער עמפּיריק, וועלכע איז אים איצטער אומנייטיק און דערווי־דעריק, וואָס גיכער אריבערצוגיין צו די מאָראלישע אויספירן, צו פאָר־מולן און דירעקט צו וואנגעלישע פסוקים. לאָמיר זיך דערמאָנען אָן טאָלסטאָיס פארצייכעניש אין טאָגבוך, ווו ער רעדט וועגן זיין עקל צום שילדערן נעכליודאָווס נשמהדיק לעבן, בפרט זיין באשלוס חתונה צו האָבן מיט קאטיושען, און וועגן זיין כוונה צו שילדערן די געפילן און דאָס לעבן פון זיין העלד „נעגאטיוו און מיט אַ שמייכל". דער שמייכל איז טאָלסטאָיען נישט געראָטן; ער האָט פון זיין העלד נישט געקאָנט פטור ווערן; אָבער דער עקל פון דעם שכל האָט אים געשטערט אָפּצוגעבן זיך דער שילדערונג פון זיין נשמה־לעבן, האָט אים געצוווּנגען מאכן טרוקן זיינע ווערטער וועגן דעמדאָזיקן לעבן, אָפּקנעמען בא זיי די עכטע ליבעפולע געשטאלטונגסקראפט. דער מאראלישער סך־הכל פון די איבער־לעבונגען, דער סך־הכל פון דעם אויטאָר גופא שטויסט אומעטום אַרויס דאָס לעבעדיקע צאפּלען זייערס, וואָס לאָזט זיך נישט אַריינקוועטשן אין אַ מאראלישער פאָרמול.

פונקט אזוי טרוקן און איינגעהאלטן ווערט אויך געשילדערט קא־

טיושעס אינערלעך לעבן, ווערט געשילדערט אין די ווערטער און טע־נער פון דעם אויטאָר, און נישט פון קאַטיושען אַליין.

פון דער אַנדערער זייט אָבער איז פאַר קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ פאַר־אויסבאַשטימט געוואָרן אַ דאָמינירנדיקע ראָלע אין דעם ראָמאַן. דאָס גע־שטאַלט פון „דעם פּריץ דעם בעל־תשובה", ווי נעכליודאָוו איז עס גע־ווען, האָט צו דער צייט זיך שוין פאַרגעשטעלט טאָלסטאָיען שיער נישט אין אַ קאָמישן ליכט. נישט אומזיסט האָט ער אין דעם דערמאָנטן פּראָג־מענט פון טאָגבוך גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ „שמייכל" באַם שילדערן אים. דער גאַנצער פּאָזיטיווער ספור המעשה האָט גע־דאַרפט קאָנצענטרירט ווערן אַרום דעם קאַטיושאַ־געשטאַלט. זי האָט גע־קאָנט און געדאַרפט וואַרפן אַ שאָטן אויך אויף נעכליודאָווס אינעוווי־ניקסטער אַקציע, ד. ה. אויף זיין תשובה, ווי אויף אַ „פּריציש עסק".

„דו ווילסט זיך דורך מיר אויסלייזן" — זאָגט קאַטיושאַ נעכליו־דאָוון, אָפּוואַרפנדיק זיין פאָרשלאָג צו התונה האָבן מיט איר. — „דו האָסט פון מיר הנאה געהאַט אויף דער וועלט, ווילסטו דורך מיר זיך אויך אויסלייזן אויף יענער וועלט".

דאָ דעפינירט קאַטיושאַ טיף און ריכטיק דעם עגאָיסטישן שורש פון דעם „פּריץ דעם בעל־תשובה", זיין אויסשליסלעכע קאָנצענטרירטקייט אויף זיין „איך". די גאַנצע אינערלעכע אַקציע נעכליודאָווס האָט סוף־כל־סוף אַלס איר איינציקן אָביעקט אָט דעמדאָזיקן „איך". אָט די קאָנ־צענטרירטקייט אויף זיך באַשטימט אַלע זיינע איבערלעבונגען, אַלע זיינע האַנדלונגען, די גאַנצע נייע אידעאָלאָגיע זיינע. די גאַנצע וועלט, די גאַנצעווירקלעכקייט מיט איר סאָציאַלן בייז, עקזיסטירט פאַר אים נישט אין און פאַר זיך, נייערט בלויז אַלס אָביעקט פאַר זיין „אינעוווייניקסטער זאַך"; ער וויל זיך דורך איר אויסלייזן.

קאַטיושאַ איז נישט קיין בעל־תשובהטע, און נישט נאָר דערפאַר, וואָס זי אַלס קרבן האָט נישט אויף וואָס תשובה צו טון, נאָר קודם־כל דערפאַר, וואָס זי קאָן נישט און זי וויל נישט קאָנצענטרירן זיך אויף איר אייגענעם אינעווייניקסטן „איך". זי קוקט נישט אין זיך אַריין, נאָר אַרום זיך, אין דער וועלט, וואָס רינגלט זי אַרום.

אין טאָלסטאָיס טאָג־בוך איז פאַראַן אַזאַ נאָטיץ:

„(צו קאָנעווסקאַיאַ) אויף קאַטיושען קומען, שוין נאָך דעם ווידער־געבורט, פעריאָדן, אין וועלכע זי שמייכלט שעלמיש און פויל און עפּעס

ווי זי וואָלט האָבן פאַרגעסן אַלץ, וואָס זי האָט פריער געהאַלטן פאַר אַ וואָרהייט; איר איז פשוט פריילעך, לעבן גלוסט זיך!"

דערדאָזיקער מאָטיוו, גרויסאַרטיק לויט זיין פסיכאָלאָגישער קראַפט און טיפקייט, איז צום באַדויערן געבליבן אַזוי גוט ווי נישט אַנטוויקלט אין דעם ווערק. אָבער אויך אין דעם ראָמאַן קאָן קאַטיושאַ נישט פונאַנדערשמירן איר איינערלעכע ווידערגעבורט און זיך קאָנצענטרירן אויף דער ריין נעגאַטיווער וואָרהייט, וואָס טאָלסטאָי האָט זי געצווונגען צו געפינען. איר ווילט זיך פשוט לעבן. עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז טאָלסטאָי האָט צו מאַסלאָוועס געשטאַלט נישט געקאָנט צופּעסטיקן נישט די אידעאָלאָגיע פונם ראָמאַן, נישט זיין אַבסאָלוט נעגאַטיווע קריטיק פון דער ווירקלעכקייט. סיי דידאָזיקע אידעאָלאָגיע סיי דער אַבסאָלוט נעגאַטיווער (כלומרשט, אויסערקלאַסנדיקער) כאַראַקטער פון דער קריטיק זענען דאָך אויסגעוואַקסן טאַקע אויף דעם באָדן פון דעם פּריץ „דעם בעל-תשובהס" קאָנצענטרירן זיך אויף זיין אייגענעם „איך". דער אָרגאַניזיר-צענטער פון דעם ראָמאַן האָט געזאָלט ווערן נעכליודאָוו; וואָס איז שייך קאַטיושען, איז די שילדערונג פון איר אי קנאַפּ אי טרוקן און איז אינגאַנצן געבויט אין דעם ליכט פון נעכליודאָווס זוכענישן.

מיר גייען אַריבער צו דעם דריטן א י ד ע אָ ל אָ ג י ש ן מאָמענט — צו דעם אידעאָלאָגישן טעזיס, אויף וועלכן דער ראָמאַן איז געבויט.

די אָרגאַניזירנדיקע ראָל פון דעמדאָזיקן טעזיס איז שוין קלאָר פון אַלעם פריער געזאָגטן. אין דעם ראָמאַן איז בפועל ממש נישטאָ קיין איין געשטאַלט נישט, וועלכע זאָל זיין נייטראַל לגבי דעם אידעאָלאָגישן טעזיס. סתם אָנקוועלן פון מענטשן און זאַכן און שילדערן זיי לשמה, ווי ער האָט עס געקאָנט טאָן אין „מלחמה און שלום" און אין „אננאַ קאַרענינאַ", פאַרגינט זיך נישט טאָלסטאָי אין דעם נייעם ראָמאַן. יעדעס וואָרט, יעדער עפּיטעט, יעדער פאַרגלייך ווייזט אָן, באַטאָנט דעמדאָזיקן אידעאָלאָגישן טעזיס. נישט נאָר האָט טאָלסטאָי קיין מורא נישט פאַר טענדענציעזקייט, נאָר מיט אַן אויסנעמלעך קינסטלערישער געוואַגטקייט, שיער נישט אַרויסרופעריש שטרייכט ער אונטער דידאָזיקע טענדענציעזקייט אין יעדער דעטאַל, אין יעדן וואָרט פון זיין ווערק.

כדי זיך אין דעם צו איבערצייגן, איז גענוג צו פאַרגלייכן דאָס בילד פון נעכליודאָווס אויפוואַכונג, זיין טואַלעט, זיין טיי-טרינקען א.

א. וו. (קאַפּיטל .III) מיט דעם אינהאַלטלעך פולשטענדיק אַנאַלאָגישן בילד פון אַבאַלענסקיס אויפוואַכונג, מיט וועלכן עס עפנט זיך דער ראָמאַן „אַננאַ קאַרענינאַ".

דאָרטן, אין דעם בילד פון אַבאַלענסקיס אויפוואַכונג, האָט יעדער דעטאַל, יעדער עפּיטעט געטראָגן אַ ריין שילדערישע פונקציע: דער מחבר האָט אונז פשוט געוויזן זיין העלד און די זאַכן, אָן שום כוונות אָפּגעבנדיק זיך אין רשות פון זיין כוח הדמיון; סיי די קראַפט, סיי די זאַפטיקייט פון דערדאָזיקער שילדערונג איז אין דעם, וואָס דער אויטאָר קוועלט אָן פון זיין העלד, פון זיין לעבנסלוסטיקייט און פרישקייט, קוועלט אויך אָן פון די זאַכן, וואָס רינגלען אים אַרום.

אין דער סצענע פון נעכליודאָווס אויפוואַכונג טראָגט איטלעכעס וואָרט נישט קיין שילדערונגס-פונקציע, נאָר קודם-כל אַ פונקציע פון מוסר, פון טאַדלענדיקן אָדער בעל-תשובהשן מוסר. די גאַנצע שילדערונג איז פון אָנהייב ביזן סוף אין דער שליטה פון דידאַקטיק פונקציעס.

אָט איז דער אָנהייב פון דעמדאָזיקן בילד:

„אין דער צייט, ווען מאַסלאָוואַ, אויסגעמאַטערט פון דעם לאַנגן וועג, איז צוגעגאַנגען מיט איר קאָנוואָי-וואַך צום בנין פון קרייז-געריכט, איז דער זעלבער פלימעניק פון אירע דערציערינס, דער פירשט דמיטרי איוואַנאָוויטש נעכליודאָוו, וואָס האָט זי פאַרפירט, נאָך געלעגן אויף זיין הויך פּרענזשינע-בעט מיט די פוך-קישנס און, אָפּשפּיליענדיק דעם קאָלנער פון זיין האָלענדער ריינעם נאַכט-העמד מיט פאַרפּרעסטע פעלבעלעך אויף דער ברוסט, גערייכערט אַ פּאַפּיראָס"*).

די אויפוואַכונג פון דעם „פאַרפירער" אין דעם קאָמפאָרטאַבעלן שלאָפצימער אויף אַ באַקוועם בעט ווערט דאָ דירעקט אַקעגנגעשטעלט לגבי מאַסלאָוואַס פרימאָרגן אין דער טורמע און איר שווערן וועג אין געריכט אַריין. דערמיט ווערט דער גאַנצער שילדערונג גלייך געגעבן אַ טענדענציעזע ריכטונג און דערמיט ווערט באַשטימט דער אויסוואַל פון יעדער דעטאַל, פון יעדן עפּיטעט: זיי אַלע דאַרפן דינען דערדאָזיקער מוסרדיקער אַקעגנשטעלונג. די עפּיטעטן צו דעם בעט: אַ הויכס, אויף ספּרענזשינעס, מיט פוכענע קישנס; די עפּיטעטן צום העמד: אַ האָלענדער, אַ ריינס, מיט צוגעפּרעסטע פעלבעלעך אויף דער ברוסט (וויפיל

*) זע „ווידערגעבורט" זייט 17.

פרעמדע פראַצע!), — זענען דורכויס אין דער שליטה פון דער אַנטבלויזט באַטאָנטער סאָציאַל-אידעאָלאָגישער פונקציע. אייגנטלעך שילדערן זיי גאָרנישט, נאָר מוסרן.

און די גאַנצע ווייטערדיקע שילדערונג איז אויך אַזוי געבויט. למשל: נעכליודאָוו וואַשט מיט קאַלט וואַסער זיין „מוסקולדיקן, פעטן ווייסן גוף"; טוט אָן ריינע אויסגעפּרעסטע וועש, שפּיגלגעפּוצטע שיך א. אַז. וו. אומעטום ווערט פלייסיק אונטערגעשטרייכט די גוזמא פרעמדע פראַצע, וואָס יעדע קלייניקייט פון דעמדאָזיקן קאָמפאָרט פאַרשלינגט, ווערט אונטערגעשטרייכט מיט די ווערטער — „צוגעגרייט", „אויסגערייניקט": „צוגעגרייט געוואָרן אַ דוש", „אויסגערייניקט און צוגעגרייט געוואָרן אויף דער שטול די זאַכן", „דער פּאַרקעט, וואָס דריי פויערים האָבן נעכטן אָנגעפּראַטירט" א. אַז. וו. עפּעס ווי נעכליודאָוו וואָלט זיך אָנגעקליידט אין דערדאָזיקער פרעמדער, אויף אים פאַרשווענדטער פּראַצע, די גאַנצע אַרומרינגלונג זיינע איז דורכגעזאַפּט מיט דערדאָזיקער שווערער פּראַצע.

דער סטיליסטישער אַנאַליז אַנטפּלעקט אַזוי אַרום אַ בכיוונדיקע באַטאָנטע טענדענציעזקייט פון דעם סטיל. די סטיל-בילדנדיקע באַדייטונג פון דעם אידעאָלאָגישן טעזיס איז קלאָר. ער באַשטימט אויך די גאַנצע קאָנסטרוקציע פון דעם ראָמאַן. לאָמיר זיך דערמאַנען, ווי אַזוי דער טעזיס פון דער אומדערלאָזלעכקייט, אַז איין מענטש זאָל משפּטן דעם אַנדערן, האָט באַשטימט אַלע אופנים פון שילדערן די זיצונג פון דעם געריכט. דאָס בילד פון דעם געריכט, דאָס בילד פון דער גאָטדינסט א. אַנד. זענען געבויט אַזויווי קינסטלערישע ר א י ו ת פאַר דעם מחברס געוויסע הנחות. יעדער דעטאַל אין זיי איז אין דער שליטה פון דערדאָזיקער באַשטימונג צו דינען אַלס ראיה פאַר דעם טעזיס.

טראָץ דערדאָזיקער עקסטרעמער און אָפן נאַקעטער טענדענציעזקייט, איז דער ראָמאַן פונדעסטוועגן נישט אַרויסגעקומען לאַנגווייליק טענדענציעז און אָן לעבן. די אויפגאַבע זיינע אויפצובויען אַ סאָציאַל-אידעאָלאָגישן ראָמאַן האָט טאָלסטאָי געלייזט מיט אַן אויסנעמלעכער מייסטערשאַפט. מ'קאָן ממש זאָגן, אַז „ווידערגעבורט" איז דער קאָנסעקווענטסטער און פאָלקאָמסטער מוסטער פון אַ סאָציאַל-אידעאָלאָגישן ראָמאַן נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין מערב-אייראָפּע.

דאָס איז די פאָרמעל-קינסטלערישע באַדייטונג פון דעם אידעאָלאָגישן טעזיס אין דער קאָנסטרוקציע פון דעם ראָמאַן. וואָס-זשע אַזוינס איז דער אינהאַלט פון דעמדאָזיקן טעזיס?

דאָ איז נישט דאָס אָרט אַריינצוגיין אין אַ באַטראַכטונג פון טאָלסטאָיס סאָציאַל-עטישער און רעליגיעזער וועלט-אַנשויונג. דערום וועלן מיר נאָר אין אייניקע ווערטער באַרירן דעם אינהאַלט פון דעם טעזיס.

דער ראָמאַן עפנט זיך מיט עוואַנגעלישע טעקסטן (דער עפיגראַף) און שליסט זיך מיט זיי (נעכליודאָוו לייענט דאָס עוואַנגעליום). די אַלע טעקסטן דאַרפן באַקרעפטיקן איין גרונד-געדאַנק: נישט נאָר איז אומדערלאָזלעך דער משפט פון איין מענטש איבער דעם אַנדערן, נאָר ס'איז אויך נישט דערלאָזלעך קיין שום טעטיקייט, וועלכע איז אויסן מתקן צו זיין דאָס עקזיסטירנדיקע בייז. די מענטשן, וואָס זענען דורך דעם ווילן פון גאָט — דעם באַלעבאָס פון דעם לעבן, געשיקט אויף דער וועלט אַלס אַרבעטער, דאַרפן טון דעם ווילן פון זייער באַלעבאָס. דערדאָזיקער ווילן איז אויך אויסגעדריקט אין די געבאָטן, וואָס פאַרווערן יעטוועדער מין געוואַלט איבער די מיטמענטשן. דער מענטש מעג ווירקן נאָר אויף זיך אַליין, אויף זיין אינעווייניקסטן „איך" (זוכן דאָס מלכות השמים, וועלכעס איז א י נ ע ו ו י נ י ק אין אונז.); אַלדאָס איבעריקע וועט במילא קומען.

ווען דערדאָזיקער געדאַנק אַנטפּלעקט זיך נעכליודאָוון אויף די לעצטע זייטן פון דעם ראָמאַן, ווערט אים קלאָר, ווי אַזוי מ'זאָל מנצח זיין דאָס בייז, וואָס הערשט אַרום אים, וואָס ער האָט עס צוגעזען אַלס עדות אין משך פון דער גאַנצער האַנדלונג פונם ראָמאַן: מנצח זיין דאָס בייז קאָן מען בלויז דורך נ י ש ט - ט ו ן, ד ו ר ך נ י ש ט ש ט ע ל ן ז י ך א י ם אַ ק ע ג ן. „אַזוי קלאָר איז אים געוואָרן איצט דער געדאַנק וועגן דעם, אַז דאָס איינציקע זיכערע מיטל אויסגעלייזט צו ווערן פון יענעם שרעקלעכן בייז, פון וועלכן די מענטשן ליידן, איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, אַז די מענטשן זאָלן זיך אַלעמאָל אָנערקענען פאַר שולדיק אַנטקעגן גאָט און דערפאַר — פאַר נישט מסוגל נישט צו שטראָפן, נישט צו פאַרבעסערן אַנדערע מענטשן. אים איז איצט קלאָר געוואָרן, אַז דאָס גאַרע שרעקלעכע בייז, וואָס ער האָט צוגעזען אין די טורמעס און געפענגענישן, און די רויקע זעלבסטזיכערקייט פון די, וואָס האָבן דאָסדאָזיקע בייז געטון, איז אַרויסגעקומען בלויז דערפון, וואָס די מענטשן האָבן געוואָלט אָפּטון אַ אוממעגלעכע זאַך: זייענדיק שלעכט, מתקן זיין דאָס שלעכטס... „עס קאָן דאָך גאָרנישט זיין, אַז דאָס זאָל זיין אַזוי פשוט", — האָט נעכליודאָוו געזאָגט צו זיך אַליין,

און פון דער אנדערער זייט האָט ער געזעען ״ באַשיינפערלעך, אַז ווי משונהדיק דאָס האָט אויסגעוויזן לכתחילה, אים, וועלכער איז געווינט געוואָרן צו דעם היפוך, — אַז דאָס איז געווען די זיכערסטע לייזונג פון דער פראַגע, און נישט נאָר אַ טעאָרעטישע לייזונג, נאָר טאַקע די פּראַקטישסטע. די שטענדיקע איינווענדונג, וואָס-זשע זאָל מען טון מיט מערדער, צי דען זאָל מען אָט אַזוי זיי לאָזן אומבאַשטראָפט ? — האָט אים שוין איצט נישט געאַרט״.

אָט דאָס איז טאָלסטאָיס אידעאָלאָגיע, וועלכע אָרגאַניזירט דעם ראָמאַן.

דאָס, וואָס דידאָזיקע אידעאָלאָגיע ווערט געגעבן נישט אין דער פאָרם פון אַבסטראַקטע מאָראַלישע און רעליגיעז-פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען, נאָר אין די באַציונגען פון קינסטלערישער שילדערונג, אויף דעם קאָנקרעטן מאַטעריאַל פון דער ווירקלעכקייט און אין צוזאַמענהאַנג מיט נעכליודאָווס קאָנקרעטן און סאָציאַל-טיפּישן לעבנסוועג — אַנטפּלעקט מיט אַן אויסערנעמלעכער קלאָרקייט די סאָציאַל-קלאַסנדיקע און פּסיכאָלאָגישע וואָרצלען אירע.

ווי אַזוי האָט נעכליודאָווס לעבן אַליין אַוועקגעשטעלט די עצם-פראַגע, אויף וועלכער די אידעאָלאָגיע פון דעם ראָמאַן גיט אַן ענטפער ? פון אָנהייב אָן האָט דאָך נעכליודאָוון געפּייניקט און פאַר אים אַוועקגעשטעלט די שווערע פראַגע נישט אַזוי פיל דאָס סאָציאַלע ביין גופא, ווי זיין פּערזענלעכער אַנטייל אין דעמדאָזיקן ביין. און אָט טאַקע צו דערדאָזיקער פראַגע וועגן דעם פּערזענלעכן אָנטייל אין דעם הערשנדיקן ביין זענען פון אָנהייב אָן צוגעשמידט נעכליודאָווס אַלע איבערלעבונגען און זוכענישן. ווי אַזוי שטעלט מען אָפּ דעמדאָזיקן אַנטייל. ווי אַזוי באַפרייט מען זיך פון דעם קאָמפאָרט, וועלכער שלינגט איין אַזוי פיל פרעמדע פראַצע, ווי אַזוי באַפרייט מען זיך פון דעם ערדאייגנטום, וואָס איז פאַרבונדן מיט עקספּלאָאַטאַציע פון די פּויערים, ווי אַזוי באַפרייט מען זיך פון דערפילן די געזעלשאַפטלעכע התחייבותן, וואָס דינען צו באַפעסטיקן די פאַרשקלאַפונג, אָבער דער עיקר און קודם-כל — ווי אַזוי קויפט מען אויס די אייגענע שענדלעכע פאַרגאַנגענהייט, די אייגענע שולד לגבי קאַטיושען ?

דידאָזיקע פראַגע וועגן דעם פּערזענלעכן אָנטייל אין דעם ביין פאַרשטעלט דאָס אָביעקטיוו-עקזיסטירנדיקע ביין גופא, מאַכט עס פאַר

עפעס, וואָס איז סובאָרדינירט, וואָס איז צווייטראַנגיק אין פאַרגלייך מיט די אויפגאַבן פון פערזענלעכער תשובה און פערזענלעכער פאַרפולקאָמונג. די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט מיט אירע אָביעקטיווע אויפגאַבן ווערט צע־שמאָלצן און פאַרשלונגען פון דער „אינעווייניקסטער זאַך" מיט אירע סוביעקטיווע אויפגאַבן פון תשובה, לייטערונג, פערזענלעכער מאָראַלישער ווידערגעבורט. פון אָנהייב אָן איז די פראַגע פאַטאַל פאַרביטן געוואָרן: אַנשטאָט דער פראַגע וועגן דעם אָביעקטיוון בייז איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן דעם פערזענלעכן אָנטייל אין דעם.

אָט אויף דערדאָזיקער לעצטער פראַגע גיט עס די אידעאָלאָגיע פון דעם ראָמאַן אָן ענטפער. דעריבער מוז זי אומפאַרמיידלעך ליגן אין דעם סוביעקטיוון פלאַן פון דער „אינעווייניקסטער זאַך": דאָס איז פון פאַרויס פאַרענטפערט דורך דער שטעלונג פון דער פראַגע. די אידעאָלאָגיע ווייזט דעם עקספּלאָאַטאַטאָר דעם בעל־תשובה א סוביעקטיוון אויסוועג, רופט צו תשובה די, וואָס האָבן נאָך קיין תשובה נישט געטון. די פראַגע וועגן די עקספּלאָאַטירטע איז אפילו נישט געשטעלט געוואָרן. זיי איז גוט, זיי זענען אין קיין זאַך נישט שולדיק, זיי דאַרף מען מקנא זיין.

בשעת דער אַרבעט אויף „ווידערגעבורט", אָט גראָד אין דער צייט, ווען טאָלסטאָי האָט זיך געפּרוווט איבעראָריענטירן דעם ראָמאַן אויף קאָטיושען, פאַרשרייבט ער אין טאָגבוך:

„היינט געגאַנגען שפּאַצירן. אריין צו קאָנסטאַנטין בעליי. אַ רחמנות אויף אים. דערנאָך זיך דורכגעגאַנגען איבערן דאָרף. באַ זיי איז גוט און באַ אונז — מעג מען זיך שעמען".

אויף די פּויערים, וואָס קרענקען און ווערן געשוואָלן פאַר הונ־גער, — איז אַ רחמנות, אָבער זיי איז גוט, וואָרים זיי דאַרפן זיך נישט שעמען. דער מאָטיוו פון קנאה צו די, וואָס האָבן זיך נישט פאַרוואָס צו שעמען אין דער וועלט פון סאָציאַלן בייז, גייט ווי אַ רויטער פאָדעם דורך טאָלסטאָיס טאָגבוך און בריוו פון דערדאָזיקער צייט.

די אידעאָלאָגיע פון דעם ראָמאַן „ווידערגעבורט" איז געווענדט צו די עקספּלאָאַטאַטאָרן. זי וואַקסט אינגאַנצן אַרויס פון יענע אויפגאַבן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר די בעלי־תשובה פון די פאַרשטייער פון דעם פּוילנדיקן און גוססן אַדל־קלאַס. דידאָזיקע אויפגאַבן האָבן אין זיך נישט קיין שום היסטאָרישע פּערספּעקטיוון. די פאַרשטייער פון דעם אָפּגייענדיקן קלאַס האָבן נישט קיין אָביעקטיוון באָדן אין דער אויסער־לעכער וועלט, האָבן נישט קיין היסטאָרישן אויפטו און פונקציע, און

דערפאַר זענען זיי קאָנצענטרירט אויף דער „אינעווייניקסטער זאַך" פון דער פערזענלעכקייט. אמת, אין טאָלסטאָיס אַבסטראַקטער אידעאָלאָגיע זענען געווען וועזנטלעכע מאָמענטן, וואָס האָבן אים דערנענטערט מיטן פויערטום, אָבער דידאַקטישע זייטן פון דער אידעאָלאָגיע זענען אין ראָמאַן נישט אַריין און האָבן נישט געקאָנט אָרגאַניזירן דאָס מאַטעריאַל פון דעם ראָמאַן, אַ מאַטעריאַל, וואָס איז קאָנצענטרירט אַרום דער פערזענלעכקייט פון דעם פריץ דעם בעל-תשובה נעכליודאָוו.

אין דעם יסוד פון דעם ראָמאַן איז אַלזאָ אַוועקגעלייגט טאָלסטאָיס-נעכליודאָווס פראַגע: „ווי אַזוי זאָל איך, אַן אינדיווידועלע פערזענלעכ-קייט פון דעם הערשנדיקן קלאַס, זיך באַפרייען אַלס יחיד פון דעם אָנטייל אין דעם סאָציאַלן בייז". און אויף דערדאָזיקער פראַגע ווערט געגעבן דער ענטפער: „האָב צו דעם קיין שום שייכות נישט סיי אויסער-לעך סיי אינערלעך און צוליב דעם היט אָפּ די ריין נעגאַטיווע געאָבטן",

גאַנץ ריכטיק זאָגט פלעכאַנאָוו, כאַראַקטעריזירנדיק טאָלסטאָיס אידעאָלאָגיע:

„נישט זייענדיק אימשטאַנד אין דעם זע-קרייז זיינעם צו פאַרבייטן די אונטערדריקער אויף די אונטערדריקטע, — אַנדערש גערעדט, פון דעם שטאַנדפּונקט פון די עקספּלאָאַטאָרן אַריבערצוגיין אויף דעם שטאַנדפּונקט פון די עקספּלאָאַטירטע, — האָט טאָלסטאָי נאַטירלעך גע-מוזט זיינע אָנשטרענגונגען ווענדן דערהויפּט אויף מאָראַלישׂ צו פאַר-בעסערן די אונטערדריקער, צווינגענדיק זיי זיך אָפּצוזאָגן פון איבער-חזרן די שלעכטע מעשים. אָט פאַרוואָס זיין מאָראַלישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אָנגענומען אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער"*).

דאָס אָביעקטיווע בייז פון דער שטאַנד-קלאַסנדיקער אָרדנונג, וואָס טאָלסטאָי האָט אונדז געמאָלט מיט אַזאַ איבעראַשנדיקער קראַפט, איז איינגערעמט אין דעם ראָמאַן דורך דעם סוביעקטיוון זע-קרייז פון אַ פאָרשטייער פון דעם אָפּגייענדיקן קלאַס, וועלכער זוכט אַן אויסוועג אויף די וועגן פון דער „אינעווייניקסטער זאַך", ד"ה פון דער אָבּ-יעקטיוו-היסטאָרישער אומטעטיקייט.

---

*) זע פּלעכאַנאָווס אַרטיקל „קאַרל מאַרקס און לעוו טאָלסטאָי" (1911), ציטירט לויט דעם זאַמלבוך „וועגן טאָלסטאָי ן" אונטער דער רעדאַקציע פון פריטשע, 1928 (אויף יידיש אַרויס אין פאַרלאַג „קולטור-ליגע").

עטלעכע ווערטער וועגן דער באַדייטונג פון דעם ראָמאַן „ווידער-
געבורט" פאַר דעם הייַנטיקן לעזער.

מיר האָבן געזען, אַז דער קריטישער מאָמענט איז דער דאָמי-
נירנדיקער אין דעם ראָמאַן. מיר האָבן אויך געזען, אַז די אייגנטלעכע
פאָרם-בילדנדיקע קראַפט פון קריטישן געשטאַלט. די ווירקלעכקייט איז
געווען דער פאַטאָס פון דעם משפט איבער איר, פון אַ קינסטלעריש-
אַקטיוון און אומבּרחמנותדיקן משפט. די קינסטלערישע אַקצענטן פון
דערדאָזיקער געשטאַלטונג זענען דער ערך ענערגישער, שטאַרקער און
רעוואָלוציאָנערער, ווידער די טענער פון תשובה, פאַרגעבונג, אומווידער-
שטאַנד, וועלכע באַפאַרבן די „אינעווייניקסטע זאַך" פון די העלדן און
די אַבסטראַקט-אידעאָלאָגישע טעזיסן פון דעם ראָמאַן. דער קינסטלעריש-
קריטישער מאָמענט איז טאַקע דער הויפּט-ווערט פון דעם ראָמאַן. די
קינסטלעריש-קריטישע מעטאָדן פון געשטאַלטונג, וואָס טאָלסטאָי האָט דאָ
פונאַנדערגעאַרבעט, זענען אין אַ געוויסער מאָס אויך עד-היום מוסטער-
האַפט און נישט אַריבערגעשטיגן.

די סאָוויעטישע ליטעראַטור אַרבעט די לעצטע צייַט מיט גרויס
עקשנות צו שאַפן נייַע פאָרמען פון דעם סאָציאַל-אידעאָלאָגישן ראָמאַן.
דאָס איז אפשר דער וויכטיקסטער און אַקטועלסטער זשאַנר אין דער לי-
טעראַרישער מאָדערנע. דער סאָציאַל-אידעאָלאָגישער ראָמאַן, דער סאָ-
ציאַל-טענדענציעזער ראָמאַן איז סוף-כּל-סוף אַ גאַנץ געזעצלעכע קינסט-
לערישע פאָרם. נישט אָנערקענען דידאָזיקע ריין-קינסטלערישע געזעצ-
לעכקייט פון דערדאָזיקער פאָרם — איז אַ נאַיווע איינרעדעניש פון דעם
אויבנאויפיקן עסטעטיזם, וואָס ס'איז שוין לאַנג צייַט אויסצולעבן*). אָבער
דאָס איז באמת איינע פון די שווערסטע און ריזיקאַליִסטע פאָרמען פון
ראָמאַן. צו לייַכט קאָן מען דאָ אַוועקגיין אויפן וועג פון קלענסטן ווי-
דערשטאַנד: אָפּשפּילן זיך אויף דער אידעאָלאָגיע, פאַרוואַנדלען די
ווירקלעכקייט אין אַ שלעכטער אילוסטראַציע צו איר אָדער, פאַרקערט,
געבן די אידעאָלאָגיע אין דער טאָרם פון רעמאַרקעס צו דער שילדע-
רונג, וועלכע גיסן זיך אינערלעך נישט צונויף מיט דער שילדערונג, אין

*) ווע דאָס זאָל זייַן נישט אַזוי, וואָלט מען אַ גוטע העלפט פון פראַנצויזישן
און ענגלישן ראָמאַן געדאַרט צרויכוואַרפן פון דעם גבול פון דער קינסטלערישער
ליטעראַטור.

דער פאָרם פון אַבסטראַקטע אויספירן א. אַז. וו. אָרגאַניזירן דעם גאַנצן קינסטלערישן שטאָף פון אונטן ביז אַרויף אויף דעם יסוד פון אַ בולט סאָציאַל-אידעאָלאָגישן טעזיס, נישט אָוועקטויטנדיק און נישט פאַרדאַרבנדיק זיין לעבעדיקע קאָנקרעטקייט — איז זייער אַ שווערע זאַך.

טאָלסטאָי האָט דידאַקטישע אויפגאַבע אויסגעפירט מיט אַן אויסנעמלעכער מייסטערשאַפט. אַלס מייסטער פון אַ סאָציאַל-אידעאָלאָגישן ראָמאַן קאָן „ווידערגעבורט" ברענגען נישט ווייניק נוצן די ליטעראַרישע זוכעבישן פון דער מאָדערנער צייט.

מ. מ. באַכטין

צו דער געשיכטע פון דעם ראָמאַן „ווידערגעבורט“

(1899—1889)

אויף דעם ראָמאַן, וואָס האָט שפּעטער באַקומען דעם טיטול „ווידערגעבורט“ („וואָסקרעסעניע“), האָט טאָלסטאָי געאַרבעט מיט הפסקות אין משך פון 10 יאָר — פון יאָר 1889 ביז 1899.

דעם ערשטן געדאַנק וועגן דעמדאָזיקן ראָמאַן — אָדער לכתחילה דערציילונג — האָט טאָלסטאָיען געגעבן א. פ. קאָני*), און פאַר טאָלסטאָיען האָט זיך דערדאָזיקער סיוזשעט אַזוי פעסט פאַרבונדן מיט דער דערינערונג וועגן קאָנין, אַז אויך די דערציילונג האָט אַ לאַנגע צייט געהייסן פשוט די „קאָני-דערציילונג“, אויף זיין נאָמען. ערשט אין יוני 1895 האָט דער ראָמאַן, וואָס איז שוין געווען ווייט פונאַנדערגעאַרבעט און דערעיקרשט זיך אָפּגעריסן פון קאַטיושעס פּערזענלעכער דראַמע און נעכליודאָווס ווידערגעבורט, באַקומען פאַר זיך דעם נאָמען „ווידערגעבורט“. הגם דער גרונד-געדאַנק פון דעם ראָמאַן האָט אים לכתחילה שטאַרק מיטגעריסן, האָט דער ראָמאַן, ווי טאָלסטאָי האָט אַליין פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך, זיך געשריבן מיט איבעררײַסן, געגאַנגען שווער. דערנאָך האָט אַ ריי נייע אידעען, נייע געדאַנקען ווייט אַוועקגערוקט דעם לכתחילהדיקן פּלאַן פון דער דערציילונג און געענדערט איר פּריערדיקע לפי-ערך נישט-פאַרוויקלטע קאָנצעפּציע — פאַרטיפט און פאַרברייטערט איר אינהאַלט און אין איר געגעבן נישט נאָר די געשיכטע פון דער גייסטיקער ווידערגעבורט פון אַ מענטש, נאָר אַרומגענומען

*) אנאטאָלי פעדאָראָוויטש קאָני (געבוירן 1844, געשטאָרבן מיט איניקע יאָרן צוריק) איז געווען אַ באַרימטער רוסישער רעדנער און יוריסט. — איבערז.

אַ גאַנצע עפּאָכע אין דעם לעבן פון אַ גאַנץ פאָלק, אָנגערירט טיפע געזעלשאַפטלעכע פראַגן.

דער סיוזשעט איז אויפגעקומען אין טאָלסטאָיס געדאַנקען בשעת אַ פּ. קאָני האָט פאַרבראַכט אין יאַסנאַיאַ-פּאָליאַנאַ אין יוני 1887. קאָני האָט טאָלסטאָיען דערציילט אַ פאַל פון זיין געריכטלעכער פּראַקטיק, וואָס ער היט געהאַט דערמיט צו טון אין די 70-ער יאָרן אַלס פּראָקוראָר פון פּעטערבורגער קרייז-געריכט. פון קאָניס זכרונות איז צו זען, אַז די קינפּטיקע קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ פון „ווידערגעבורט” איז אין דעם ווירקלעכן לעבן געווען איינע אַ ראָזאַליע אָני.

בשעת ראָזאַליאַ איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע, איז איר דער פאָטער ערנסט קראַנק געוואָרן און אַז ער איז געוויר געוואָרן פון די דאָקטוירים, אַז ס'איז נישטאָ קיין האָפנונג געזונט צו ווערן און אַז באַלד וועט ער מוזן שטאַרבן, האָט ער געבעטן די באַלעבאָסטע פון דעם גוט, וואָס ער האָט אַרענדירט, זי זאָל נישט פאַרלאָזן זיין טאָכטער. נאָך זיין טויט האָט מען די יתומה צוגעטוליעט, לכתחילה געקעכלט און שיין פאַרפּוצט זי, דערנאָך זי אָוועקגעגעבן אין דער מיידל-שטוב. ווו זי האָט געלעבט ביז 16 יאָר. אָט אין דער צייט האָט זיך אויף איר פאַרקוקט אַ יונגערמאַן, דער באַלעבאָסטעס אַ קרוב, וועלכער האָט נאָר-וואָס געהאַט געענדיקט זיין שטודיום אין ליצײ און איז געקומען צו גאַסט אין דאָרף אַריין. ראָזאַליע האָט זיך אין אים הייס פאַרליבט און ער האָט זי פאַרפירט. אַז די פאָלגן פון דער פאַרפירונג האָבן זיך אַנטדעקט, האָט מען דאָס מיידל אַרויסגעטריבן אויף דער גאַס ; דער געליבטער האָט זי אָוועקגעוואָרפן, האָט זי דאָס קינד, וואָס זי האָט געבוירן, אָוועקגעגעבן אין אַ דערציונגס-אַנשטאַלט, און אַליין, אָן שום מיטלען צום לעבן, האָט זי אָנגעהויבן אויף דעם געוויינלעכן ביטערן לעבנסוועג פאַרדינען איר ברויט און זינקען אַלץ נידעריקער און נידעריקער. סוף-כל-סוף האָט זי זיך איינגעפונען אין איינעם פון די שמוציקסטע שאַנדהייזער אין פּעטערבורג. דאָרט האָט זי בײַ אַ שיכורן „גאַסט” אַרויסגעגנבעט הונדערט רובל, באַהאַלטן בײַ איר באַלעבאָסטע, אָבער מ'האָט זי געכאַפּט, צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פאַרמשפּט. האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ראָזאַליעס פאַרפירער איז אַרײַנגעפאַלן אין דער צאָל פון די געשווירענע, וואָס האָבן זי געמשפּט. דערקענט אין איר דאָס מיידל, אין וועלכער ער

האָט זיך אַמאָל געהאַט פאַרליבט. האָט ער דערפילט אַ חרטה און האָט פאַרשטאַנען, אַז ער אַליין איז עס געווען דער שולדיקער פון איר גאַנצן ווייטערדיקן לעבן; ער האָט באַשלאָסן, עס מעג זיין, וואָס עס וויל — ער מוז אויסקויפן די זינד קעגן איר און חתונה האָבן מיט איר, אויב זי וועט מסכים זיין. אַ צופאַל האָט געשטערט, אַז עס זאָל קומען צו דעם־דאָזיקן זיווג; צוליב די פאַסט־חגאות האָט מען די חתונה אָפּגעלייגט, און דערווייל איז ראָזאַליע קראַנק געוואָרן אויף אַ פלעק־טיפוס און איז געשטאָרבן אין דעם טורמע־שפּיטאָל. ראָזאַליעס חתן איז פון איר טויט דער־שיטערט געוואָרן; אָבער די צייט האָט גיך אים אויסגעהיילט פון זיין צער; נאָך דעם אויפפלאַם פון דער הויכער מאָראַלישער חרטה און מסירת־נפש האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צו זיין פריערדיק לעבן און צו דער אמט־קאַריערע.

א. פ. קאָניס געשיכטע מיט דער ראָזאַליע האָט אויף טאָלסטאָיען געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אין יענער צייט אינגאַנצן אַריינגעטון אין די אויסגאַבן פאַרן פאָלק, האָט ער געראָטן א. פ. קאָנין, יענער זאָל אויף דער טעמע אָנשרייבן אַ דערציילונג פאַר דעם דאָן באַר־וואָס געגרינדעטן פאַרלאַג „פּאָסרעדניק", וואָס די טעטיקייט פון דעמדאָזיקן פאַרלאַג איז אים געווען זייער נאָענט. הגם קאָני האָט זיך גלייך אָפּגעזאָגט, מיט דעם אויסרייד, אַז אַזאַ טעמע איז פאַר די כוחות נאָר דאָסטאָיעווסקין אָדער טאָלסטאָיען, און היות דאָסטאָיעווסקי איז שוין געשטאָרבן, איז — בלויז טאָלסטאָי, האָט טאָלסטאָי פונדעסטוועגן אַלץ געהאַלטן די דערציילונג וועגן ראָזאַליען פאַר קאָנין. נישט אויפהערנדיק צו טראַכטן וועגן דער־דאָזיקער דערציילונג, איילט ער זיך מיטצוטיילן פּ. בירויקאָוון, וועלכער האָט געאַרבעט אין „פּאָסרעדניק" אין פעטערבורג, אַז קאָני גרייט פאַרן פאַרלאַג אַ דערציילונג, פון וועלכער ער „דערוואַרט — ווי ער דריקט זיך אויס — זייער אַ סך, וואָרים דער סיוזשעט איז אַ הערלעכער". נישט דערוואַרט זיך, אַז קאָני זאָל די דערציילונג אָנשרייבן, האָט ער ענדלעך, אין אַפּריל 1888, אָנגעהויבן דעפיניטיוו צו טראַכטן אַליין זי אָנצושרייבן און ער בעט בירויקאָוון, יענער זאָל אָנפרעגן קאָנין „צי האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן די צוגעזאָגטע דערציילונג, און טאָמער נישט — צי וועט ער אים נישט אָפּגעבן „די טעמע פון דערדאָזיקער דערציילונג". „זי איז זייער אַ גוטע און אַ נייטיקע" — גיט טאָלסטאָי צו און באַלד שרייבט ער: „שרייבן מיטן קאָפּ גלוסט זיך זייער און איך ווייס, אַז מ'דאַרף עס, אָבער איך קען נישט — דאָס האַרץ ציט נישט". דאָס, וואָס

טאָלסטאָי האָט זיך אַזוי דורכגעדרונגען מיט קאָניס דערציילונג, האָט, גלייבן מיר, געהאַט אַלס גרונד אויך עפּעס אַ פּערזענלעכע זאַך, און דערפאַר האָט דידאָזיקע טרויעריקע געשיכטע אַזוי שטאַרק אים פאַרכאַפּט. „אָט שרייבט איר ווּעגן מיר אַלץ גוטע זאַכן, — האָט טאָלסטאָי אַמאָל אַ זאָג געטון ביריוקאָוון בשעת זיין באַזוך אין יאַסנאַיאַ-פּאָליאַנאַ אין יאָר 1910, — דאָס איז נישט ריכטיק און נישט גענוג; מ׳דאַרף אויך שרייבן דאָס שלעכטע״; און שפּעטער האָט ער זיך אים מודה געווען אין דעם, וואָס האָט אים געדריקט און געפּייניקט ביז צו די גאָר עלטערע יאָרן: „דעמדאָזיקן פאַרברעך — האָט ער געזאָגט — בין איך באַגאַנגען מיט ג אַ ש ע ן, אַ קאַמערמיידל, וועלכע האָט געוווינט בּאַ מיינס אַ מומען אין שטוב; זי איז געווען אומשולדיק, איך האָב זי פאַרפירט; האָט מען זי אַרויסגעטריבן און זי איז אומגעקומען״. בשעת קאָני דערציילט וועגן ראָזאַליען, האָט טאָלסטאָי זיך לעבעדיק דערמאַנט אין דעם; און דאָס וואָס איר פאַרפירער האָט דערפילט, דערזעענדיק ראָזאַליען אין געריכט, האָט בלתי שום ספק אויפגערודערט אין טאָלסטאָיען דאָס, וואָס ער אַליין האָט אַמאָל געהאַט איבערגעלעבט. דידאָזיקע געשיכטע איז טיילוויז דערציילט געוואָרן וועגן אים אַליין און וועגן גאַשען, דעם קאַמערמיידל פון פרוי יערגאָלסקי. און דערפאַר האָט ער עס אַזוי געוואָלט, עס זאָל אָנגעשריבן ווערן, עפּעס ווי אויס דעם פאַרלאַנג פון זעלבסטפּייניקונג.

ערשט סוף 1889, דעם 6-סטן דעצעמבער, ווערט צום ערשטן מאָל דערמאַנט אין זיין טאָגבוך וועגן דער דערציילונג, וועלכע הייסט דאָ די „קאָני-דערציילונג״. אין דערדאָזיקער צייט האָט ער געהאַלטן באַם פאַרענדיקן „די קרייצער-סאָנאַטע״, דורכגעקוקט, אויסגעמעקט, פאַרריכט, צוגעגעבן די גאַנצע „קרייצער-סאָנאַטע״ — שרייבט טאָלסטאָי — „זי איז מיר נמאס געוואָרן; אַ שרעק... געדאַנקען וועגן קאָניס דערציילונג קומען מיר אַלץ לעבעדיקער און לעבעדיקער אין קאָפּ אַריין. בכלל געפין איך זיך אין דעם צושטאַנד פון אינספּיראַציע שוין דעם צווייטן טאָג. וואָס ס׳וועט אַרויסקומען — ווייס איך נישט״. און ווייטער איז צוגעשריבן: „כ׳גלייב, אַז אין מיר איז פאַראַן דער כוח דיינער, וואָס איז געגעבן אויסצופירן די זאַך דיינע. און דיין זאַך באַשטייט אין פאַרגרעסערן דיין קראַפט אין זיך און אין דער גאַנצער וועלט״. שפּעטער, דעם 17-טן דעצעמבער, האָט טאָלסטאָי ווידער פאַרשריבן וועגן זיין קומענדיקער דערציילונג: „מטושטש זאַמלען זיך דאַטעס אויף אויסצולייגן די לע-

רע און פאַר דער קאָני-דערציילונג. אָפּט גלוסט זיך צו שרייבן און מיט פרייד טראַכט איך דערפון". ענדלעך דעם 26-סטן דעצעמבער אינדערפרי, ווי מיר לייענען עס אין טאָלסטאָיס טאָגבוך, האָט ער „אומגעריכט אָנגעהויבן צו שרייבן די קאָני-דערציילונג און דאַכט זיך — נישט שלעכט". דער גורל האָט אויפגעהיטן דעם אָנהייב פון דער דערציילונג, וועלכער האָט דאַן אויסגעוויזן טאָלסטאָיען נישט שלעכט. דאָס איז אַ כתב-יד אין קוואַרטאָ, אויף 18 בלעטער; איבער דעם טעקסט אויף דער ערשטער זייט שטייט די דאַטע 26 דעצעמבער 89, יאַ(סנאַיאַ) פּ(אָליאַנאַ); קיין טיטול איז נישטאָ — פאַר אים איז איבערגעלאָזט אַ ליידיקער פּלאַץ. אין דעם כתב-יד איז דאָ בלויז דער אָנהייב פון דער דערציילונג — דאָס, וואָס האָט שפּעטער אין דער אָדער יענער פאָרם געפונען אַן אָרט אין די קאַפּיטלען XII—XVIII און XXXVII פון דער לעצטער רעדאַקציע פון „ווידערגעבורט". בשעת טאָלסטאָי האָט אין יוני 1887 אויסגעהערט קאָניס דערציילונג, האָט ער געזאָגט, אַז „די פּעריפּעטיען פון דער דערציילונג דאַרף מען אויסלייגן אין כראָנאָלאָגישן סדר", און ווירקלעך — נעמענדיק זיך דעם 26-סטן דעצעמבער 1889 צום שרייבן, האָט ער טאַקע אַזוי אָנגעהויבן צו שרייבן — כראָנאָלאָגיש, נישט אַזוי, ווי ער האָט שפּעטער אָנגעשריבן, בשעת ער האָט אָנגעהויבן זיין ראָמאַן מיט פירן מאַסלאָווען אויף דער זיצונג פון געריכט. דער ערשטער אַנטוואורף פון דער-קאָני-דערציילונג הייבט זיך אָן אַזוי:

„דאָס איז געווען אָנהייב פרילינג. אין דעם „שטילן פרייטיק". מאַריע איוואַנאָוונאַ און קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ יושקין, אַלטע רייכע פריילינס, וועלכע האָבן געוווינט אין זייער קליינעם גוט אונטער דער גובערניאַלער שטאָט, זענען פּלוצלינג דערפרייט געוואָרן: עס איז געקומען צו פאָרן זייערער אַ ברודערנזון, וואַלעריאַן יושקין, וועלכער איז אָקאָרשט געהאַט אָנגעקומען אין דעם שיסער-באַטאַליאָן פון דער קייזערלעכער פאַמיליע (דאָס איז געווען אין אָנהייב פון דער סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה)..." דער אַנטוואורף ענדיקט זיך מיט באַשרייבן דעם זאַל פון דער געריכטס-זיצונג.

דעם 11-טן פעברואַר 1890 איז אין טאָלסטאָיס טאָגבוך פאַרשריבן אַ גאַר מערקווירדיקע נאָטיץ, וועלכע איז זייער וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון דער ערשטער רעדאַקציע פון „ווידערגעבורט". דאָס איז אַ גאַנצער פּלאַן פון דעם אָנהייב טייל פון דער דערציילונג, אָנגעוואָרפן אויף דער גיך, לעבעדיק-פאַרביק אין זיינע רמזים. מיט אָפּגעריסענע

ווערטער שילדערנדיק גאַנצע בילדער. דאָ לייענען מיר: „שפּאַצירנדיק האָב איך זייער פיל געטראַכט פון דער קאָני-דערציילונג. אַלץ איז קלאָר און וווּנדער-שיין. 1) ער האָט זי נישט געוואָלט באַזיצן, האָט עס אָבער געטון, ווייל אַזוי דאַרף זיין — דאַכט זיך אים. זי איז רייצנד אין זיין דמיון. ער שמייכלט און אים גלוסט זיך צו וויינען. 2) דאָס פאָרן אין קלויסטער אַריין, דאָרט איז זי, אַ ווייס קלייד, אַ קוש. 3) דאָס אַלטע קאַמער-מיידל נעמט געלט, קוקט אָבער טרויעריק. 4) דאָס אַלטע קאַמער-מיידל איז אַ פאַטאַליסטן, קאַטיושאַ איז איינזאַם. 5) דערזעען אים אַדורכפאָרן, וויל זי זיך וואַרפן אונטערן צוג, זי זעצט זיך אָבער צו און דערהערט דאָס קינד אין בויך. 6) ער פרעגט באַ דער מומען, ווו זי איז. באַ אַ גוטבאַזיצער אין שטאָט. לעבט שלעכט, אין באַציונגען מיט דעם לאָקיי. און זי קאָן שוין נישט לעבן אָן באַציונגען: מ'האָט אין איר אויפגעוועקט די תאווה. 7) אַן אויפגערודערטער פרעגט ער: און איר האָט זי אַרויסגעטריבן? און זי האָט זייער געוויינט? און איך בין שולדיק? א. אַז. וו. 8) האָט געפּרוּווט ambition — איז שלעכט, נישט נאָך זיין כאַראַקטער, קיין אויסלאַנד — פּאַריז — אויסגעלאַסנקייט — שלעכט. איז געבליבן לייענען, עסטעטיזם, יאַגד, קאָרטן. די האָר ווערן גרוי — אַן אומעט". די באַאַרבעטונג פון דעמדאָזיקן פּלאַן האָט זיך אָנגעהויבן דעם 16-טן פעברואַר: „געשריבן די קאָני-דערציילונג נישט שלעכט". דידאָזיקע אָנשיכטונג אין דער אַרבעט אויף דער ערשטער סקיצע איז קלאָר צו זעען אין דעם לכתחילהדיקן כתב-יד, אין דעם פּאַפּיר פון די אַריינגעשטעלטע בלעטער, אין דער פאַרב פון דער טינט, אין די צושריפטן און די אַנדערע באַזונדערקייטן פון זיין געשריפטס.

מיט די פעברואַר-ענדערונגען האָט זיך געענדיקט די אַרבעט אויף דער ערשטער סקיצע פון דער קאָני-דערציילונג. אמת, פאַראַן אין דעם טאָגבוך אַ נאָטיץ, אַז ער האָט זי געשריבן אין יוני 1890, אָבער דערביי שטייט אויך, אַז דידאָזיקע אַרבעט „ציט נישט". ענדלעך דעם 17-טן יוני ווערט שוין אָנגעמערקט אַ נייער פּלאַן — נישט קיין כראָנאָלאָגישער: „מ'דאַרף די קאָני-דערציילונג אָנהייבן פון דער סעסיע פון געריכט". אַזוי-אַרום איז דידאָזיקע דאַטע געוואָרן די גרענעץ פון דער ערשטער סקיצע, וועלכע האָט דעם אויטאָר נישט צופרידנגעשטעלט. טאָלסטאָיען האָט פאַראינטערעסירט און מיטגעריסן אַן אַנדערער מאָמענט פון דער דערציילונג: ער האָט אָנגעמערקט אַ צווייטן ציל — „אַרויסבאַ-

ווייזן דעם גאַנצן אומזין פון געריכט" און ער וויל ווייזן דעם „יורידישן שקר פון געריכט" און די „נויט-באַדערפעניש פון זיין וואָרהאַפטיקייט". דאָס האָט ער, ווי טאָלסטאָי שרייבט, זיך קלאָר געמאַכט „די אויסערלעכע פאָרם פון דער קאָני-דערציילונג". אויף דערדאָזיקער נאָטיץ אין דעם טאָגבוך האָבן זיך פאַרענדיקט די אָנהייב-אַרבעטן איבער דער דערציילונג. די אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף פינף יאָר.

ערשט אין יאָר 1895 האָט טאָלסטאָי ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן צוריקצוקערן צו דער דערציילונג. דעם 29-סטן מאַי האָט ער בײַ די אָלסופיעווס, אין זייער גוט היגטער מאָסקווע, וווהין ער פלעגט אָפטמאָל קומען אָפּרוען בײַ דער אַרבעט, אָנגעהויבן צו פּרוּוון שרייבן די קאָני-דערציילונג; איבעריקנס איז ער געבליבן אומצופרידן: „ווינציק און נישט גוט, — אָן ענערגיע", האָט ער פאַרצייכנט אין טאָגבוך. אָבער ביסלעכווייז זענען בײַ אים אויפגעקומען און באַאַרבעט געוואָרן פאַרשידענע פראַגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער דערציילונג. ער מאַכט זיך קלאָר נעכליודאָוון, „בשעת באַגיין דעם פאַרברעך"; „ער האָט געמוזט — זאָגט טאָלסטאָי — ווערן התונה האָבן און ווערן אַ פראָסטער מענטש". צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, אָנהייב יוני, האָט טאָלסטאָי פאַרצייכנט אין טאָגבוך, אַז „פאַר דער קאָני-דערציילונג איז אים קלאָר געוואָרן אַ וויכטיקע זאַך" — „דער דואַליזם פון דער שטימונג — צוויי מענטשן: איינער, וואָס זוכט קנעכטישע פאַרפולקאָמונג, אַן איינזאַמער, ציטעריקער רעפאָרמאַטאָר, און דער אַנדערער — אַ חסיד פון דער טראַדיציע, וועלכער לעבט לויט אינערציע און פאָעטיזירט זי". אַזוי-אַרום ווערט נעכליודאָוו אָפּגעוויקלט אַלץ קלערער און לעבעדיקער. טאָלסטאָי פאַרצייכנט אין טאָגבוך, אַז אים „גלוסט זיך שרייבן". און תמיד קומען זיינע געדאַנקען צוריק צו דער קאָני-דערציילונג: „אַך, ווי גוט די קאָני-דערציילונג קאָן אַרויסקומען! ווי איך טראַכט טיילמאָל וועגן איר".

דעם 15-טן יוני האָט טאָלסטאָי געוועזט אָנגעהויבן צו שרייבן די „קאָני-דערציילונג פון אָנהייב אָן", ער איז אָבער געבליבן אומצופרידן און קערט זיך צוריק צו אַ געגנויער אָפּשילדערונג פון דער סביבה אין וועלכער נעכליודאָוו לעבט, — „דאָס ניאַניעלע, שיער נישט אַ כלה-מיידל און די מוטער די אָקאָרשט געשטאָרבענע", און דאָס האָט זייער „באַלעבט אים און דעם גאַנצן אָנהייב". אין אַט די טעג, ד. ה. — דעם 28-סטן יוני, באַווייזט זיך אין טאָגבוך צום ערשטן מאָל דער טיטול פון דער דערציילונג, וועלכער איז שוין געבליבן, — „ווידערגעבורט".

טאָלסטאָי שרייבט די דערציילונג און זי „פאַרנעמט אים וואָס אַמאָל מער", וואָרים איר עצם ווערט וואָס אַמאָל „מער און מער אויפגעקלערט"; דעם 4-טן יולי פאַרצייכנט ער שוין אין טאָגבוך, אַז די שטריכן אירע זענען שוין אָנגעזאַמלט געוואָרן. די אַרבעט איז געגאַנגען און עפּעס ווי צופרידן מיט איר — לייענט טאָלסטאָי פאַר זיין „ווידערגעבורט" אין דער קעגנוואַרט פון א. וו. אָלסופיעוו, ס. אי. טאַניעיעוו, א. פּ. טשעכאָוו, נ. נ. סטראַכאָוו, אי. אי. גאָרבונאָוו-פּאָסאַדאָוו, סאָפיאַ אַנדרעיעווגאַ א. אַנד. אָבער דאָס ביסל באַפרידיקונג האָט זיך אים נאָר אָפּגעדאַכט; אַזוי ווי תמיד כמעט נאָכן לייענען אַ נישט-פאַרענדיקטע זאַך זיינע, האָט טאָל-סטאָי דערפילט, אַז ער האָט געלייענט „אומזיסט", געווען „אומצופרידן" פון זיין אַרבעט, אפילו איינגעפונען, אַז ער דאַרף זי „אָדער אַוועק-וואַרפן אָדער איבערמאַכן". אפשר איז דאָס געשעען אונטער דער ווירקונג פון סאָפיאַ אַנדרעיעווגאַ, וועלכע האָט זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן דער דערציילונג גלייך נאָכן לייענען, ווי עס דערציילט גאָרבונאָוו אין זיינע זכרונות, הגם טאָלסטאָי אַליין איז פון דעם לייענען געווען אויפ-גערודערט ביז טרערן (קאַטיושאַ מיט נעכליודאָוו אין טורמע). און זיין פרויס טאַדל נאָכן לייענען האָט אים אויסגעוויזן, אַז זי פאַרשטייט נישט

פון סעפּטעמבער האָט טאָלסטאָי ווידער אָנגעהויבן צו שרייבן זי „קאָני-דערציילונג" און ווידער אָנגעהויבן איבערצוקוקן פון אָנהייב אָן; ער האָט אין טאָגבוך פאַרצייכנט: „גאַנץ-גוט" „לכל הפּחות" — שוואַכט ער שאַרף אָפּ זיין איינדרוק, — „איז עס אָן עקל", און ער שרייבט עט-לעכע טעג. אינמיטן אָקטאָבער ווערט אין דעם טאָגבוך צום ערשטן מאָל דערמאָנט הענרי דזשאָרדזשס קוק אויף דער אַגראַר-פראַגע (טאָלסטאָי האָט שטאַרק דאָן געהאַלטן פון דעמדאָזיקן קוק) אין זיין שייכות צו „ווידערגעבורט", וואָס ער האָט נאָך אַ ביסל פריער אַריינגעפירט אין דער דערציילונג. ער האָט געוואָלט דורך „ווידערגעבורט" מאַכן די פראַגע צוטריטלעכער און פּשוטער פאַר די לעזער, איידער דורך אַן ערנסט אַרטיקל; אָבער באַלד האָט אים דערדאָזיקער פּלאַן אויסגעוויזן שוואַך; ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס אַלץ איז זייער נישט גוט, אַז דער שווערפּונקט (פון דער דערציילונג) איז נישט דאָרטן, ווו ער דאַרף זיין, אַז די אַגראַר-פראַגע ציט אָפּ, שוואַכט אָפּ יענץ, און וועט אויך אַליין אַרויסקומען שוואַך"; לכתחילה איז דער אַגראַר-פראַגע אָפּגעגעבן געוואָרן

לפי ערך מער אָרט, ווי אין דער ענדגילטיקער פאָרם. לויט דעמדאָזיקן וואַריאַנט האָט נעכליודאָוו חתונה מיט קאַטיושאַ מאַסלאָווען, באַזעצט זיך אין סיביר און אַרבעט, אויס אַ מעמאָראַנדום צום קייסער וועגן נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ערד און וועגן דער איינפירונג פון אַן איינהייטלעכן שטייער לויט דער אידעע פון הענרי דזשאָרדזש. טאָלסטאָי איז געבליבן גאָר אומצופרידן מיט זיין לעצטער אַרבעט און ווידער געוועזט געטראַכט אָפּצוּוואַרפן זי, און אויב ווייטער שרייבן — איז אָנהייבן פון אָנהייב. צוגלייך מיט דער גרויסער גערדאַנקען, וואָס ער גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז ער דאַרף שרייבן, פילט ער. — לייענען מיר אין זיין טאָגבוך אין צוויי וואָכן אַרום — די אומנייטיקייט פון „ווידערגעבורט": „לעבן איז געבליבן קורץ, און זאָגן ווילט זיך שרעקלעך אַזוי פיל: עס ווילט זיך זאָגן סיי וועגן דעם, אין וואָס מיר קאָנען, מיר מוזן, מיר טאָרן נישט — נישט גלייבן, סיי וועגן דער אכזריות פון געגאַרן, וואָס די מענטשן טוען זיך אַליין געגאַרן — אַ געגאַרעריי אַן עקאָנאָמישע, אַ פּאָליטישע, אַ רעליגיעזע, סיי וועגן דעם יצר־הרע פון פאַרדולן זיך — פון ווין און טאַבאַק, וואָס מ'האַלט עס פאַר אַזאַ אומשולדיקע זאַך, סיי וועגן מאַן־און־ווייב־לעבן, סיי וועגן דערציונג; סיי וועגן די גרוילן פון דער זעלבסטהערשאַפט. אַלץ איז רייף געוואָרן און ס'ווילט זיך זאָגן, אַזוי אַז ס'איז נישטאָ קיין צייט אָפּצוּטון די קינסטלערישע נאַרישקייטן, וועלכע איך האָב געוועזט אָנגעהויבן צו מאַכן אין „ווידערגעבורט" (28 אָקטאָבער 1895).

אַזוי האָט טאָלסטאָי געקוקט אויף זיין דערציילונג, געווען אויפגעבראַכט אויף זיך אַליין, וואָס ער שרייבט זי, געוואָרפן און זיך ווידער גענומען צום שרייבן, וואָרים סוף־כל־סוף האָט ער „ווידערגעבורט" ליב געהאַט. אין נאָוועמבער 1895 האָט ער פאַרצייכנט אין טאָגבוך, אַז אים איז געוואָרן פאַרשטענדלעך פאַרוואָס „ווידערגעבורט" גייט בא אים נישט: דערפאַר ווייל זי איז „פאַלש אָנגעהויבן"; און דעם 6 - 7־טן נאָוועמבער האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אַ „נייע ווידערגעבורט", „איך שעם זיך צו דערמאָנען — שרייבט טאָלסטאָי — ווי באַנאַל איך האָב עס געהאַט אָנגעהויבן". אָבער אויך דאַסמאָל האָט זיך די אַרבעט בא אים נישט געקלעפּט און ער האָט זי ווידער אָפּגעלייגט. סוף יאַנואַר 1896 האָט לעוו ניקאָלאַיעוויטש זיך ווידער געוועזט גענומען צו „ווידערגעבורט" און צו האַלב פעברואַר דורכגעגאַנגען 11 קאַפּיטלען, און איז ווידער שטיין געבליבן, הגם די געדאַנקען וועגן דער דערציילונג

האָבן איז נישט אָפּגעלאָזט; דאָסמאָל איז זי אָפּגעלייגט געוואָרן שיער נישט אויף אַ יאָר אַ גאַנץ, ביז יאַנואַר 1897, ווען ער האָט זיך ווידער גענומען זי איבערצולייענען; דער רעזולטאַט פון לייענען איז געווען אַ גאָר אומגערעכטער: „צוגעקומען צו זיין (נעכליודאָווס) באַשלוס חתונה צו האָבן, האָב איך מיט עקל עס אוועקגעוואָרפן"; אַלץ האָט אים אויסגעוויזן „נישט ריכטיק, אויסגעטראַכט, שוואַך". „שווער צו פאַרריכטן וואָס מ'האָט קאַליע געמאַכט" — שרייבט ער צו. ער איז מסופק, צי וועט ער ווען-עס-איז ענדיקן זיין דערציילונג „צו פיל אַלץ קאַליע געמאַכט", און „ווידערגעבורט" איז אויף אַ לאַנגע צייט געבליבן שטיין.

אין יאָר 1898 האָבן באַזונדערע צופעליקע אומשטענדן געבראַכט צו אַ פעסטער אַרבעט אויף „ווידערגעבורט". אין דעם יאָר, און מיט עטלעכע יאָר פריער, האָט די רוסישע רעגירונג אָנגעהויבן ביטער צו רודפן די טאָלסטאָיען גייסטיק נאָענטע סעקטאַנטן-דוכאָבאָרן, וועלכע די מאַכט האָט אריבערגעזעצט קיין טראַנסקאַווקאַז; נאָכדעם ווי די דוכאָבאָרן האָבן זיך אַ סך מאָל אָפּגעזאָגט פון מיליטערדינסט, אפילו דערגאַנגען ביז צום פאַרברענען דאָס געווער, האָט מען זיי געלאָזט שמייסן, איינזעצן אין קאַרצערס און אָנטון ענויים אין די דיסציפּלינאַרע באַטאַליאָנען, פאַרשיקן קיין סיביר, פאַרשפאַרן אין די תפיסות. אַ דאַנק דער השתדלות פון הויכגעשטעלטע לייט האָט מען לסוף 12 טויזנט מאַן דוכאָבאָרן, „קריסטן פון אַלוועלטלעכער ברודערשאַפט", ווי די דוכאָבאָרן רופן זיך אַליין, געגעבן דערלויבניש אויסצווואַנדערן קיין אויסלאַנד בתנאי, אַז זיי זאָלן צוריק זיך נישט אומקערן. אָבער דאַן האָבן זיי געהאַט אַ סך מניעות, דערהויפּט — האָבן זיי נישט געהאַט קיין געלט אויף דער נסיעה. דעם 19-טן מערץ 1898 האָט טאָלסטאָי אין די רוסישע און אויסלענדישע צייטונגען זיך געווענדט צו דער געזעלשאַפט מיט אַ רוף וועגן הילף פאַר די דוכאָבאָרן. הגם מ'האָט צונויפגעזאַמלט אַ סך געלט, אָבער דאָס האָט נישט געקלעקט. דאַן האָט טאָלסטאָי באַשלאָסן אָפּצוטרעטן פון זיין כלל — נישט צו נעמען קיין האָנאָראַר פאַר זיינע ליטעראַרישע ווערק, נאָכדעם ווי ער האָט געמאָלדן, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון ליטעראַרישן אייגנטום, אַבי אויף וואָסער עס איז אופן צו באַקומען געלט אויף אויסצופירן די דוכאָבאָרן קיין אויסלאַנד. ער האָט באַשלאָסן צו פאַרענדיקן זיינע אָנגעהויבענע דערציילונגען „ווידערגעבורט" און „פאָטער סערגיי" און פאַרקויפן זיי, ווי ער שרייבט צו וו. ג. טשערטקאָוון, „אויף

וואָס בעסערע באַדינגונגען אין ענגלישע אָדער אַמעריקאַנישע צייטונגען און דאָס אָפּגעלייזטע געלט פֿאַרווענדן אויף דער איבערוואַנדערונג פֿון די דוכאָבאָרן". „דידאַזיקע דערציילונגען, — שרייבט ער, — זענען געשריבן אין מיין אַלטער מאַניר, וואָס איצטער בין איך אויף איר נישט מסכּים; אויב איך זאָל זיי פֿאַרריכטן ביז איך וועל זיין צופֿרידן, וועל איך קיינמאָל נישט ענדיקן"; ווען איך וועל זיך אָבער מתחייב זיין אָפּצוגעבן אַ פֿאַרלעגער, וועל איך זיי מוזן אַרויסלאָזן tels quels*)...

די דערציילונגען פֿאַר זיך גופֿא, אויב זיי באַפֿרידיקן נישט מיינע איצטיקע פֿאָדערונגען פֿון דער קונסט, — נישט אַלגעמיין-צוטריטלעך לויט דער פֿאָרם, — זענען זיי אָבער לויט דעם אינהאַלט נישט שעדלעך און קאָנען אפֿילו מענטשן צונוצקומען. און דערום גלייב איך, אַז פֿאַרקויפֿנדיק זיי וואָס פֿריערער, איז גוט זיי אָפּצודרוקן איצט, נישט צו וואַרטן אויף מיין טויט און דאָס געלט איבערגעבן דעם קאָמיטעט פֿאַר דער איבערוואַנדערונג פֿון די דוכאָבאָרן". דער געדאַנק וועגן פֿאַרקויפֿן די דערציילונגען, איז פֿאַרשריבן אין טאָגבוך דעם 17-טן יולי 1898. אין יולי און אויגוסט — ווי עס איז צו זען פֿון דעם טאָגבוך, איז די אַרבעט געגאַנגען גוט; לעוו ניקאָלאַיעוויטש הייבט אָן מיטגעריסן צו ווערן; „כ'אַרבעט אַלץ אויף „ווידערגעבורט" און בין צופֿרידן, מ'קאָן זאָגן — זייער", „כ'באַשעפֿטיק זיך זייער שטאַרק מיט „ווידערגעבורט", שרייבט ער צו ג. אַ. רוסאַנאָוון אין אויגוסט. צו סעפּטעמבער צו האָט די אַרבעט זיך אַזוי ווייט אַ רוק געטון, אַז טאָלסטאָי האָט פֿאָרגעלייענט „ווידערגעבורט" פֿאַר אַ. אַ. סטאַכאָוויטשן און אַנדערע געסט, וואָס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט בײַ אים אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. ענדלעך אין חודש אָקטאָבער שליסט טאָלסטאָי אָן אָפּמאַך מיט דעם אַרויסגעבער פֿון דעם זשורנאַל „ניוואַ" אַ. פֿ. מאַרקס. לויט דעמדאָזיקן אָפּמאַך באַקומט די רעדאַקציע פֿון דער „ניוואַ" דאָס רעכט אויף דער ערשטער אויסגאַבע פֿון „ווידערגעבורט" אין רוסיש, מיט דער התחייבות צו באַצאָלן טאָלסטאָיען צו טויזנט רובל פֿאַר אַ דרוקבויגן פֿון 35000 אותיות. דעם 22-סטן אָקטאָבער 1898 איז אָוועקגעשיקט געוואָרן אין „ניוואַ" דער אָנהייב פֿון דער דערציילונג און אין די ערשטע טעג פֿון נאָוועמבער זענען שוין פֿאַרטיק געוואָרן די ערשטע קאָרעקטורן.

די אַרבעטן אויף „ווידערגעבורט" זענען אָוועק בײַ טאָלסטאָיען

*) אַבי-ווי.

גאָר מיט אַ באַזונדערער געשפּאַנטקייט. „איך בין אינגאַנצן אַ ר יי נ־ג ע ט ו ן אין „ווידערגעבורט", — שרייבט לעוו ניקאָלאַיעוויטש אין טאָגבוך דעם 2־טן נאָוועמבער, — איך היט דאָס וואַסער און לאָז עס נאָר אויף „ווידערגעבורט"; ס'ווערט, דאַכט זיך, זיין נישט שלעכט. לייט לויבן, איך אָבער גלייב נישט". אין עטלעכע טעג אַרום — דעם 14־טן נאָוועמבער שרייבט ער וועגן זיין אַרבעט, אַז ער איז זייער פאַר־כאַפּט מיט דער אַרבעט אויף „ווידערגעבורט", אַז „ס'רוקט זיך פאָרויס זייער גוט", אַז ענדלעך האַלט ער „שוין גאָר נאָענט באַם סוף". און צוגלייך דערמיט האָט „ווידערגעבורט" זיך וואָס אַמאָל מער צעוואַקסן. אין שייכות דערמיט ווענדט זיך טאָלסטאָי אין אַ בריוו פון 17־טן נאָוועמ־בער מיט אַ בקשה צו אַ. פ. מאַרקסן וועגן אָפּלייגן דאָס דרוקן ביז מערץ פון דעם קומענדיקן יאָר 1899. וועגן דעם האָבן אויך געבעטן די אויסלענדישע פאַרלעגער, וואָס האָבן געהאַט שוועריקייטן און עיכּוב צוליב די האַרבע קאָרעקטורן און די כּסדרדיקע תּיקונים מחמת די אומ־מעגלעכע פאָדערונגען מצד דער צענזור. דאָס זעלבע האָט אויך פאַר־לאַנגט ל. אָ. פּאַסטערנאַק, דער קינסטלער, וועלכער איז געווען נאָענט צו טאָלסטאָיס פאַמיליע און האָט אילוסטרירט „ווידערגעבורט"; פון זיי־נע צייכנונגען און עסקיזן צו „ווידערגעבורט" איז טאָלסטאָי געווען מלא התפּעלות. צו ע. ג. טשערטקאָוון האָט לעוו ניקאָלאַיעוויטש געשריבן אין דעצעמבער, אַז ער קאָן „איצט לחלוטין נישט פאַרנעמען זיך מיט קיין שום אַנדערער זאַך אַ חוץ „ווידערגעבורט". אַזוי ווי אַ קויל, וואָס דערנענטערט זיך צו דער ערד אַלץ האַסטיקער און האַסטיקער, — שרייבט ער צו טשערטקאָוון, אַזוי איז עס איצט באַ מיר, ווען עס איז שוין כּמעט דער סוף, כ'קאָן נישט וועגן קיין שום זאַך, — ניין, נישט איך קאָן נישט: קאָנען קאָן איך און כ'טראַכט אפילו יאָ, עס ווילט זיך אָבער וועגן קיין שום אַנדערער זאַך נישט טראַכטן, ווי נאָר וועגן דעם" „איך ווייס נישט, — שרייבט ער אין דעם אייגענעם בריוו, — צי גוט צי שלעכט — בין זייער שאַרף באַשעפטיקט מיט „ווידערגעבורט", האָף אַרויסצוזאָגן אַ סך וויכטיקע זאַכן. דערפאַר בין איך אַזוי אַריינגעטון. מיר דאַכט זיך טיילמאָל, אַז אין „ווידערגעבורט" וועט זיין אַ סך גוטס, ביטיקס, און טיילמאָל — אַז איך גיב זיך איבער דער ליידנשאַפט מיינער". דערנאָך אין יאַנואַר האָט ער געשריבן, אַז „עפּעס ווי דער אינטערעס פון „ווידערגעבורט" וואָלט באַ אים שוואַכער געוואָרן" און אַז ער שפּירט „מיט פרייד" „אַנדערע" וויכטיקערע אינטערעסן פון פאַר־

שטיין דאָס לעבן און דעם טויט". ער איז אָבער ווייטער אַנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט אויף „ווידערגעבורט", ביז ער איז אין פעברואַר אינגאַנצן „אָפּגעקילט געוואָרן" און ווי ער האָט געשריבן צו טשערטקאָוון, איז בּאַ אים געוואָרן אפילו אַ „ווידערגעפיל צו „ווידערגעבורט", און ער האָט זיך דערצו נישט געקאָנט נעמען. אָבער דאָסדאָזיקע „ווידערגעפיל" האָט אָנגעהאַלטן נישט לאַנג: אין פעברואַר האָט ער שוין ווידער אָנגעהויבן צו אַרבעטן איבער „ווידערגעבורט" און ער שרייבט אַריין אין טאָגבוך: „איך רוק זיך ווייטער".

ענדלעך, דעם 13-טן מערץ 1899 האָט זיך אין דער „ניוואַ" נומער 11 אָנגעהויבן צו דרוקן „ווידערגעבורט". און גלייכצייטיק האָט זיך דער ראָמאַן אָנגעהויבן צו דרוקן אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד, די פאַרייניקטע שטאַטן א. אַנד.

דאָס דרוקן „ווידערגעבורט" האָט זיך געלייגט אויף טאָלסטאָיען ווי אַ שווערע משא: הן די איינגעשפּאַרטע, אָנגעשטרענגטע אַרבעט צו שלייפן דאָס אָנגעשריבענע, אַן אַרבעט — טיילמאָל אַ פאַרכאַפּנדיקע און טיילמאָל אַ שווערע ביז צום נמאס ווערן, הן די שטענדיקע שוועריקייטן מיט די פאַרלעגער און דער צענזור. די רוסישע פאַרלעגער, וואָס זענען געוווינט געוואָרן צו טאָלסטאָיס דערלויבעניש פריי איבערצודרוקן זיינע ווערק, האָבן אָנגעהויבן, איבערצודרוקן „ווידערגעבורט", ווי נאָר די המשכים פון דעם ראָמאַן פלעגן דערשיינען אין דער „ניוואַ". אַ. פ. מאַרקס האָט פּראָטעסטירט און האָט געפאָדערט, מ'זאָל אויפהערן איבער-צודרוקן דעם ראָמאַן, כּל-זמן ער איז נישט פאַרענדיקט אין דער „ניוואַ". טאָלסטאָיען איז אפילו אויסגעקומען צו פאַרעפנטלעכן אַן אָפענעם בריוו, אין וועלכן ער בעט די פאַרלעגער פון די רוסישע צייטונגען און זשור-נאַלן אָפּצוהאַלטן זיך פון איבערדרוקן „ווידערגעבורט" און דערמיט באַ-פרייען אים „פון דער אומאָנגענעמער לאַגע, אין וועלכער מ'שטעלט אים אין קעגנפאַל לגבי דעם פאַרלעגער פון דער „ניוואַ". „די גאַנצע געלטיקע זייט פון דער זאַך — האָט טאָלסטאָי שפּעטער געשריבן צו ע. מאָאָדן — איז געווען פאַר מיר אַזוי פּיינלעך, אַז איצטער, בשעת אַלץ איז שוין געענדיקט, האָב איך באַשלאָסן נישט צו האָבן מער צו טון מיט אַזעלכע מיני עסקים און זיך צוריקקערן צו מיין פריערדיקער באַציונג אין הילכות דרוקן מיינע ווערק, ד. ה. איבערלאָזן אַלעמען צו טון מיט זיי וואָס זייער הארץ גלוסט, און אַליין שטיין אַן אַ זייט פון דער זאַך". מחוץ דער געלט-זייט און די אומפאַרשטענדלעכן מיט די רוסישע אַרויס-

געבער האָבן טאָלסטאָיען געשטעלט אין אַן אומדערטערגלעך שווערער לאַגע די פאַרדרייעניש מיט דער צענזור. מ'האָט געמוזט גלייכצייטיק פירן צוויי אויסגאַבן, איינע אַ דערלויבטע פון דער רוסישער צענזור, די אַנדערע — אויך אין רוסיש — אַן אויסלענדישע,ביידע אויטאָריזירטע. די צענזור-שוועריקייטן, וואָס האָבן באַדראָט דעם ראָמאַן, האָט טאָלסטאָי שוין קלאָר געזעען, בשעת ער האָט זיך פאַרטיפט אין דער אַרבעט און באַשלאָסן צו דרוקן אים אין רוסלאַנד. נאָך אין נאָוועמבער 1898 האָט ער געשריבן צו אַ. פ. מאַרקסן, אַז אין זיין דערציילונג זעט ער „אַ סך ערטער נישט „צענזורעלע", און וואָס מער ער אַרבעט אויף איר, אַלץ מער מערן זיך דידאָזיקע נישט-צענזורעלע ערטער". ער לייגט אפילו פאָר מאַרקסן, יענער זאָל דעם כתב-יד געבן דורכקוקן אַ ליטעראַט, וועלכער קאָן די פאָדערונגען פון דער צענזור, כדי דערדאָזיקער ליטעראַט-רעדאַקטאָר זאָל אויסשליסן די אַלע ערטער, וועלכע ער האַלט פאַר אַבסאָלוט נישט-צענזורעל, און די צווייפלהאַפטיקע ערטער זאָל ער ענדערן, אַז זיי זאָלן נישט זיין קיין מניעה מצד דער צענזור". די רעדאַקציע פון דער „ניוואַ" האָט אָנגענומען טאָלסטאָיס פאָרשלאַג, און דידאָזיקע אומאָנגענעמע פליכט איז געפאַלן אויף איר רעדאַקטאָר ר. אי. טעמענטקאָווסקי, ווי ער איז זיך אָפנהאַרציק אַליין מודה אין זיינע זכרונות („באַגעגענישן און צוזאַמענשטויסן"). באַם זעען זיך מיט סעמענטקאָווסקין האָט טאָלסטאָי גוטמוטיק אָפּגעלאַכט פון זיין מעקן. אים אָנגערופן „זייער אַ קונציקער צענזאָר": „איר מעקט אויס אַ וואָרט אָדער צוויי — ערשט איר האָט געראַטעוועט אַ גאַנצע זייט". צו יענער צייט איז בראש פון דעם צענזאָר-אַמט געשטאַנען איינער אַ מ. פ. סאָלאָוויאָוו, אַ מקורב צו דעם באַרימטן אויבער-פּראָקוראָר פון סינאָד פּאָבעדאָנאָסצעוו, דעם באַקאַנטן האַסער פון לעוו טאָלסטאָי. אָט דירעקט דורך דעם סאָלאָוויאָוו איז סעמענטקאָווסקין אויסגעקומען צו פירן די אונטערהאַנדלונגען, און וועדליג ער גיט איבער — גאַנץ מולדיק. מ'דאַרף אָבער געדענקען, אַז סאָלאָוויאָוון האָט ער צוגעשטעלט דעם ראָמאַן „ווידערגעבורט" שוין נאָכדעם ווי מ'האָט אים אָפּגעצאַפּט דאָס בלוט דורך דער היימישער „צענזור" פון דער „ניוואַ". אַזוי-אַרום איז די אויסגאַבע פון „ניוואַ" געווען פול מיט חסרים, טיילמאָל קליינע, פון עטלעכע פראַזן, טיילמאָל אָבער זייער גרויסע — גאַנצע קאַפּיטלען האָבן געפעלט. אַלצדינג, וואָס האָט פוגע בכבוד געווען דעם אויטאָריטעט פון קירך, מלוכה, אַדמיניסטראַציע, גע-ריכט און ביוראָקראַטיזם האָט מען געמוזט אויסמעקן פון דעם ראָמאַן.

די „היימישע צענזור“ איז טיילמאָל נאָך געווען ערגער פאַר דער צענזור פון די באַאַמטע, אַבי נישט קאַליע צו מאַכן די גוטע באַציונגען מיט די שררות.

האַרבסט 1899 איז טאָלסטאָי צוגעקומען צום סוף פון זיין ראָמאַן און, ווי עס איז צו דרינגען פון זיין טאָגבוך, עפּעס ווי אומצופרידן פון זיין אַרבעט, וואָס דאָס האָט מיט אים אָפּט פּאַסירט, איז ער געווען אין אַ שווערער שטימונג. ער האָט אין סעפּטעמבער געשריבן, אַז שוין לאַנג ווי ער גייט נישט פאָרויס“ (די ערשטע נאָטיץ נאָך חודש יולי); ער האָט זיך, ווי אים האָט זיך געדאַכט, „פאַרהאַקט“ אויף דער דריטער טייל. אין אַ חודש אַרום, דעם 27-סטן אָקטאָבער, האָט ער „אָפּגעשיקט 19 קאַפּיטלען זייער נישט-פאַרענדיקטע“ פון דער דריטער טייל, ווי דאָס איז פאַרנאָטירט אין טאָגבוך (דאָס זענען משמעות די קאַפּיטלען, אויף וועלכע ער האָט זיך פאַרהאַקט), און האָט גענומען אַרבעטן אויף דעם סוף. די מידקייט האָט געשון דאָס איריקע: דעם 22-סטן נאָוועמבער איז ער שווער קראַנק געוואָרן, ערנסט איבערגעשראָקן די אייגענע. די קראַנקייט האָט זיך געצויגן ביזן 6-סטן דעצעמבער, אָבער טראָץ דער אָנהאַלטנדיקער שלאַפקייט, האָט ער געמוזט אַרבעטן, ווייל מ׳האָט געמוזט ענדיקן כאָטש באַגוואַלט. „איך בין זייער פאַרנומען מיט מיין אַרבעט, — האָט ער געשריבן צו מאָדן, — און ווי נאָר איך דערזע די קאָרעקטורן, צוגעשיקט פון מאַרקסן, פיל איך זיך קראַנק... איך בין אַזוי פאַרנומען מיט מיין בוך, און איך פּטר אויף אים אַלע מיינע כוחות“.

ענדלעך, דעם 12-טן דעצעמבער, איז „ווידערגעבורט“ געווען געענדיקט. דעם 18-טן דעצעמבער — אין דער ערשטער פאַרשרייבונג פון טאָגבוך נאָך דעם 20-סטן נאָוועמבער — לייענען מיר דעם שטרענגן אָפּרוף פון לעוו ניקאָלאַיעוויטש וועגן דעם סוף: „נישט גוט, נישט צוגערעכט געמאַכט, איילִיק; אָבער ס׳איז אַוועקגעפאַלן און אינטערעסירט נישט מער“. און דאָך, נאָך אַלעמען, האָט ער נישט אויפגעהערט צו פאַרריכטן און איבערמאַכן נאָך עטלעכע טעג.

דאָס דרוקן זיך אין דער „ניוואַ“ האָט זיך פאַרענדיקט דעם 25-סטן דעצעמבער 1899 אין נומער 52, מיט דער דאַטע פון דעם 12-טן דעצעמבער. די לעצטע קאַפּיטלען זענען אַרויס שטאַרק געשניטן. די נייע אויפלאַגעס האָבן די דאַטע פון 17-טן דעצעמבער 1899 און הייסן — איינע: „פאַרמערט און פאַרבעסערט פון מחבר“, די צווייטע — לויט די נייע

אויסאָר-קאַרעקטורן", ביידע פּעטערבורגער, אָבער ביידע מיט די זעלביקע היפּשע צענזור-בלייזן.

אזוי האָט זיך פאַרענדיקט די אומגעהייערע אַרבעט טאָלסטאָיס אויף „ווידערגעבורט". מיר האָבן געזעען, ווי זיין ראָמאַן איז אויסגעוואקסן עטלעכע מאָל אַזוי פיל, כל-זמן ס'איז געגאַנגען די באַאַרבעטונג, און איז אפילו געוואַקסן דעמאָלט, ווען ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו דרוקן.

אָנגעהויבן אַלס פּערזאָנען-דערציילונג, האָט ער זיך פאַרברייטערט און פאַרטיפט דורך די אינטערעסן פון דער גרעסטער געזעלשאַפטלעכער אַדייטונג. דאָס געריכט, דער צוואַנג פון דער מלוכה, דער שווינדל אונטער דער פאָרם פון רעליגיע, דאָס סעקטאַנטנטום, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, די אַגראַר-פראַגע לויט הענרי דזשאָרדזשס אָנשויונגען און דערעיקרשט — דער אמת און דער אמת — דאָס אַלץ גייט אין פאַרביקע בילדער אַדורך פאַרביי די אויגן פון די לעזער.

דאָס באַוווסטזיין, אַז שרייבן דאָס און רעדן וועגן דעם איז נייטיק, האָט אונטערגעהאַלטן טאָלסטאָיען, געמונטערט אים, געוויזן אים, אַז נישט אומזיסט שרייבט ער, געזאָגט אים, אַז זיין אַרבעט איז נישט קיין ראָמאַן אין זיין אַלטער מאַניר. הגם לכתחילה איז ער געווען באַן אַנדערער מיינונג וועגן איר, אַז אַ סך, וואָס ער שרייבט דאָרט, „איז דאָס, וואָס צוליב דעם שרייבט זיך". אין אָט דעם אַלעם האָט ער געפונען אַ פאַרענטפערונג, אַ באַרעכטיקונג פון זיין אַרבעט.

וו. סרעזניעווסקי.

צ ו ג אָ ב ן

צו דער ערשטער טייל

צום קאפיטל XII, זייטל 66, נאָך די ווערטער: „די גע־פאַר איז געווען אַ סך באַגרינדעטער"!

ווען מאַריע איוואַנאָוונאַ האָט צוגערופן צו זיך דמיטרין און האָט גענומען פאַרזיכטיק אים מוסרן, אַז די באַציונגען זיינע צו קאַטיושען געפעלן איר נישט, ווייל ס'איז נישט פיין איינצוליבן אין זיך אַ מיידל, מיט וועלכער מען קאָן נישט חתונה האָבן, האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט:

— פאַרוואָס זאָל איך נישט קאָנען? — און הגם ער האָט ווירק־לעך גאָרנישט געטראַכט וועגן דער מעגלעכקייט חתונה צו האָבן מיט קאַטיושען (אַזוי שטאַרק איז עס אין אים געווען איינגעוואָרצלט די אַריסטאָקראַטישע אָפּגעזונדערטקייט, לויט וועלכער אַזאַ פרוי ווי קאַטיו־שאַ האָט גאָרנישט געקאָנט קומען אין באַטראַכט אַלס זיין לעבנסבאַגליי־טערין), אָבער נאָך דעם געשפּרעך מיט מאַריאַ פּאַוולאָוונען איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק וועגן דעם, אַז מען קאָן אויך חתונה האָבן מיט קאַטיושען. דער דאָזיקער געדאַנק איז אים געפעלן געוואָרן דערהויפּט מיט זיין ראַדיקאַליזם: קאַטיושאַ איז אַ פרוי ווי אַלע אַנדערע פרויען. אויב איך האָב זי ליב, איז פאַרוואָס נישט חתונה האָבן מיט איר? ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דעמדאָזיקן געדאַנק, בלויז דערפאַר, וואָס טראָץ זיין ליבע, וואָס ער האָט אומבאַוווסטזיניק געפילט צו קאַ־טיושען, איז ער פעסט געווען זיכער, אַז אים דערוואַרט אין דער צו־קונפט נישט אַזאַ פרוי, וועלכע ער וועט ליב באַקומען און וועלכע וועט אים ליב באַקומען.

אָנהייב קאַפּיטל XXIX, בשעת נעכליודאָוו איז געזעסן באַם פענצטער און, קוקנדיק אויפן שאָטן, וואָס איז אויף דעם גאָרטן־שטעגעלע געפאַלן פון דעם גרויסן בוים אָן בלעטער, זיך געפרייט מיט דעם נייעם שיינעם לעבן, וואָס ער וועט איצט אָנהייבן פירן, איז מאַסלאָוואַ, וואָס האָט אויסגעטרונקען אַ גרויס גלאָז, אַ האַלב שיכורע געלעגן צוזאַ־

מען מיט די אַנדערע אַרעסטאַנטינס אויף די נאַרעס פון דער 5-טער קאַמער און האָט געוואָלט. אָבער בשום אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן, ס'האָבן איר געשטערט איינצושלאָפן די אינזעקטן, וואָס האָבן געפרעסן איר לייב, אין די אַרעסטאַנטין אַגראַפענאַ, די אונטערגלחטע, וואָס מ'האָט זי געמשפט פאַר דעם מאָרד פון קינד, וועלכע האָט אין איין העמד, אַ באָרוועסע, אָן אויפהער, ווי אַ ווילדע חיה אין שטייג, אַרומגעשפרייזט מיט שנעלע טריט הין און צוריק איבער דער קאַמער, דאָ אויפגעעפנט, דאָ פאַרמאַכט די טיר מיטן פענצטערל אינמיטן; אויף וואָס מאַסלאָווא האָט נישט אַראָפגענומען פון איר אירע שטאַרע בליקן. ס'האָט איר אויך געשטערט די שכנה אירע, די זעלבע אַלטע קאַראַבליאָווא, וועלכע האָט אינדערפרי זי באַגלייט; זי האָט איר געשטערט דערמיט, וואָס זי האָט צייטנווייז זיך געקריגט מיט דער גראָבער רויטהאָריקער אַרעסטאַנטין, וועלכע איז מיט צעשויבערטע האָר און אַ פאַרביטערטע געזעסן אויפן אַנדערן עק פון די נאַרעס און, קעמענדיק זיך מיט ביידע הענט, אַרויסגערעדט שרעקלקכע ראַפינירטע זידלערייען.

סוף קאַפּיטל XXIX.

— איך בין פון געריכט.

— נו, מאַרש, אין דיין מקר.

מאַסלאָווא האָט געוואָלט זאָגן, אַז מ'האָט זי געבראַכט אַהער, אָבער דערנאָך האָט זי אַ קלער געטון, אַז ס'איז נישטאָ צוליב וואָס, און דערצו איז זי געווען אַזוי מיד, אַז זי האָט זיך געפוילט צו רעדן. דער קאָנוואָי-זעלנער האָט געמאָלדן, אַז מען נעמט זי נישט אויף, דערפאַר וואָס מען איז פאַרנומען אין קאַנצעלאַריע. אָבער דער געהילף-אינספעקטאָר האָט נישט געוואָלט זיין נישט גערעכט און האָט נאָך שטאַרקער אַ געשריי געטון אויפן קאָנוואָי-מאַן: — טאָ וואָרט אינדרויסן. איך וועל דיר ווייזן, ווי צו פלאַפלען מיט די אַרעסטאַנטן, — האָט ער זיך געווענדט צו מאַסלאָווען. — מאַרש פונדאַנען! מאַסלאָווען האָט מען אָוועקגעפירט אונטן, אויפן הויף. און דאָרטן זענען ווידער די אַרעסטאַנטן פאַרבייגעגאַנגען לעבן איר און האָבן ווידער, ווי חיות להוטע נאָך עסן, זיך געוואָרפן אויף איר, געקנייפט, אַרומגענומען און געקושט זי. אָט די אַלע אויסדרוקן פון אויפמערקזאַמקייט האָבן זי איצט נישט גערירט און נישט פאַרוויילט. זי האָט געוואָלט בלויז איינס — וואָס גיכער רייכערן און טרינקען.

אויפן הויף האָט זי געבעטן באַם קאָנוואָי, זיי זאָלן זי אָפּלאָזן,

כדי דאַרטן צו רייכערן, נאָר מען האָט איר נישט דערלויבט. דאַן האָט זי זיך אַנטשלאָסן, אַפּגייענדיק הינטערן ראַג-הויז, צו פאַררייכערן אויפן הויף, נאָר זי האָט נישט באַוויזן זיך צו פאַרציען קיין איין מאָל, ווי ס'איז דורכגעגאַנגען דער אויפזעער, וואָס האָט אויף איר אָנגעשריגן און געהייסן גיין אין קאַנצעלאַריע אַריין.

ווען מען האָט זי אויפגענומען און אָפּגעפירט אין פרויען-קאָרידאָר, איז שוין געווען 6 אַ זייגער, — די צייט פון עסן אָנטבּרויט.

צום קאַפּיטל XXXIV. מיר, אַלע פאַרמעגלעכע, רייכע, געבילדעטע מענטשן האָבן זיך צוזויפגעקליבן אָנגעטוענע אין מונדירן און הערלעכע בגדים אין אַ פּראַכטפולן זאַל און מיר מאַכן זיך לוסטיק איבער אָט דעם אומגליקלעכן ברודער, וואָס מיר האָבן אַליין אים אומגעבראַכט.

שרעקלעך ! דו ווייסט נישט, וואָס איז דאָ מער : אכזריות אָדער זינלאָזיקייט ? נאָר קענטיק, אַז סיי דאָס און סיי יענץ איז דערפירט געוואָרן ביז צו דער לעצטער שטופע.

צום קאַפּיטל XXVI :

דער פּראָקוראָר האָט מסתמא פאַרגעסן, אַז מיט 6 חדשים צוריק האָבן די זשאַנדאַרמען, ווייזט אויס, פונאַנדערגעבלאָזן ביז צום העכסטן גראַד אַ פּאָליטישן פּראָצעס און אַלע ערטער פון פּאַר-אַרעסט זענען געווען פאַרנומען מיט סטודענטן, פאַרשידענע אַרבעטער, קורסיסטינס און פעלדשערינס.

צום קאַפּיטל XXXIX.

אָט די אַלע מענטשן האָט מען צוזויפגעקליבן אַהערצו, כדי זיי זאָלן בייזיין אויף אַ קריסטלעכער גאָטעסדינסט, אַ גאָטעסדינסט. וואָס קומט פאָר אין נאָמען און צוליב דעם אָנדענק פון קריסטוס, יענעם קריסטוסן, וועלכער האָט געפּרעדיקט, אַז גאָטס גאַנצער געבאָט באַשטייט אין ליבע צו גאָט און צו די מיטמענטשן, אַז צום דערפילן דעמדאָזיקן געבאָט דאַרף מען זיך באַגיין מיט אַנדערע אַזוי, ווי דו וואָלסט געוואָלט, מען זאָל זיך באַגיין מיט דיר, און אַז דעריבער דאַרף מען, דינענדיק גאָט, נישט קיין טעמפּלען, נישט קיין אַלגעמיינע און אָפענע תפילות און מען דאַרף — נישט מיט ווערטער, נאָר מיט מעשים אַלעמען ליב האָבן און קיינעם נישט משפטן, נישט באַשטראָפן, נאָר אַלעמען מוחל זיין און אַלעמען טון גוטס.

און אָט אין נאָמען און אין אָנדענק פון דעמדאָזיקן קריסטוסן, כדי

צו טרייסטן און אויסצובעסערן 2000 מענטשן, יונגע, אַלטע, מענער, פרויען, קינדער, ווי ווילדע חיות פאַרשפּאַרטע דאָ, הינטער די קראַטעס און באַוואַכטע דורך זעלנער מיט אָנגעלאָדענע ביקסן, אָט פאַר די 2000 מענטשן האָבן דעם קריסטלעכן גאָטעסדינסט איינגעאָרדנט די־יעניקע וואָס האָבן פאַרשפּאַרט און אונטערדריקן אָט די אַלע מענטשן.

דער גאָטעסדינסט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס נאָך נישט קיין אַלטער גלח מיט אַ זייער גוטמוטיקן אויסזען. אַ קרענקלעכער מענטש בימ אַ קליין בערדל און לאַנגע פונאַנדערגעקעמטע האָר, האָט אַריינ־גייענדיק הינטער דער באַגילדטער, מיט איקאָנעס באַדעקטער מחיצה, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט דעם קלויסטער אויף דער העלפט, קודם־כּל זיך צוגעטון אין אַ בראָקאַטן העמד, אַ גאַרטל, אַ פאַרטוך, און דערצו נאָך אין אַ ברייט בראָקאַטן קיטל, וואָס איז געווען באַמאָלט מיט צלמים. ווען ער האָט אָנגעטון יעדע טייל פון זיינע מלבושים, האָט דער גלח אַרויסגערעדט פאַרשידענע פּסוקים, דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט באַם טיש... און האָט מיט אַ מעסערל פון אַ משונהדיקער פאָרם געגומען שניידן פון די פינף פאַר אים צוגעגרייטע ברייטלעך שטיקעלעך ברויט פון פאַרשידענער פאָרם, פונאַנדערלייגנדיק זיי אין אַ באַשטימטן סדר אויף אַ זילבערן טעלערל. אויסגעלייגט אין אַ געוויסן סדר אַלע שטיק־לעך אויף אַ טעלערל און צושפּרעכנדיק דערביי פאַרשידענע ווערטער און נעמען, האָט דער גלח צוגעדעקט דאָס טעלערל מיט אַ זילבער־באַ־שלאָגן דעקעלע אין דער פאָרם פון אַ שטערן און אַלץ צוגעדעקט מיט אויסגענייטע סערוועטקעלעך.

דאַן האָט אַן אַרעסטאַנט דערלאַנגט דעם גלח די כּלי מיט קוילן און ווייררויך, און דער גלח האָט איבערגעצלמט דעם אַרעסטאַנטס האַנט; דערביי האָט דער אַרעסטאַנט אַ קוש געטון דעם גלחס האַנט און דער גלח האָט אָנגעהויבן צו פאָכען מיט דער ווייררויך־כּלי, צוערשט פאַר די בילדלעך און דערנאָך פאַר אַלע געמעלעכצער אויף די טירן און אויף דער מחיצה, דערנאָך פאַר דעם אינספּעקטאָר פון דער טורמע, פאַר זיין ווייב און לסוף אויך פאַר די אַרעסטאַנטן. אַלע האָבן זיך דערביי געבוקט צו דעם גלח. דערנאָך האָט דער גלח אָנגעהויבן צו זאָגן תּפילות און דער אַרעסטאַנטן־כאָר האָט, נאָך יעדער תּפילהדיקער בקשה, וואָס דער גלח האָט אַרויסגעזאָגט הויך און צעצויגן, געזונגען: „האָספּאָדי פּאָמילוי!“ דער גלח ווידער, נישט וואַרטנדיק ביז די אַרעסטאַנטן וועלן ענדיקן זינגען, האָט אָנגעהויבן אַ נייע תּפילה, אַזוי אַז די פּאָר זיך גופא ווייניק

פאַרשטענדלעכע סלאַווישע ווערטער פון די תפילות האָט מען שוין לחלוטין נישט געקאָנט פאַרשטיין איבער דעם היכן און צעצויגענעם געזאַנג פון די אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין איבערחזרן; „האָספאָדי פאָמילוי אי פאָדאַי האָספאָדי!״ דערנאָך, נאָך אַ סך מאָל איבערחזרן אַזעלכע תפילות, וואָס אָפּטער פון אַלץ האָבן זיך אין זיי איבערגעחזרט די נעמען פון קייזער ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש, פון זיין מוטער, זיינע קרובים און פון גאָטס מוטער, האָט דאָס דיאַקל זיך אָוועקגעזעצט פאַר דער מיטלסטער טיר, טאָרגעלייענט מיט דעם אומפאַרשטענדלעכסטן קול, מיט אַזאַ קול, אַז מ׳האָט בשום אופן אין דער וועלט נישט געקאָנט פאַרשטיין דאָס, וואָס ער האָט געלייענט — אויס דער „אַפּאָסטאָל-געשיכטע״; און נאָך דעם דיאַקל האָט דער גלח איבערגעלייענט עטלעכע פסוקים פון עוואַנגעליום. נאָכדעם האָט דער כאָר און דאָס דיאַקל אָנגעהויבן צו זינגען אַ לחלוטין אומפאַרשטענדלעכן און אַהערצו נישט פּאַסיקן זמר וועגן כרובים עפּעס. און אַלע, אָנגעהויבן פון דעם אינספּעקטאָר און זיין ווייב, האָבן מיט התמדה זיך גענומען צלמען און בוקן, און אייניקע האָבן זיך געשטעלט אויף די קני. אויף די כאָרן האָבן זיך צעקלונגען די קייטן. און די קאַטאָרזשאַנער האָבן, קוקנדיק אויפן אינספּעקטאָר, אויך מיט התמדה זיך געבוקט. דער גלח, ווידער, האָט אין דערדאָזיקער צייט זיך געשטעלט בײַ דעם מיטלסטן טיש, הינטער דער מחיצה, און האָט גענומען, עפּעס ווי מאַכנדיק גימנאַסטיק, פונאַנדערצופירן מיט די הענט, הגם דער בראָקאַטענער זאַק האָט געשטערט. און דערנאָך האָט ער די אייגענע גימנאַסטיק געמאַכט פאַר די פיס און פאַר די לענדן, עטלעכע מאָל זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און זיך אויפגעהויבן און — ווער ווייסט צוליב וואָס — געקושט דעם טיש און דאָס, וואָס איז אויפן טיש געווען. נאָכדעם איז דער גלח אַריבער צו דעם קליינעם טיש, גענומען פון אים אין איין האַנט אַריין דאָס טעלערל מיט די ברעקלעך, צוגעדעקטע מיט אַ סערוועטל, און אין דער אַנדערער — דעם בעכער מיט ווייַן און מיט דידאָזיקע זאַכן אין די הענט אַרויס פון דער זייטיקער טיר לינקס און גייענדיק ווידער אָנגעהויבן אָנצורופן דעם גרויסן קייסער אימפּעראַטאָר ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש, דערנאָך — זיין ווייב, די גרויסע קייסערינע אַלעקסאַנדראַ פעדאָראָוונאַ, דערנאָך סתם דעם קייסער, יורש-עצר זיינעם, דערנאָך די מאַמען און אַלע קרובים דעם קייסערס, דערנאָך דעם סינאָד און אַלע אַרכיערייען און ספּעציעל דעם אַרכיערייִ פון יענער עפּאַרכיע,

אין וועלכער עס האָט זיך געפונען די טורמע, דערנאָך אַ מאָך געטון מיט די ברעקעלעך אין די הענט, אין דער פאָרם פון אַ צלם, און אַוועק אין דער גרויסער מיטלסטער טיר אַריין.

די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געמאַכט אַ מי־שברך פאַרשידענע פערזאָנען, האַלטנדיק אין די הענט דאָס טעלערל און דעם בעכער, האָט דער גאַנצער עולם אין קלויסטער געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך נישט געפילט ראוי אפילו אַ קוק צו טון אויף די ברעקלעך, וואָס זענען געווען אונטערן סערוועטל. נאָך דעם האָט דער גלח פאַרצויגן דעם פאָרהאַנג פון דער גרויסער טיר און ווידער אָנגעהויבן צו לייענען תפילות און בקשות: וועגן שלום אויף דער גאַנצער וועלט, וועגן די שווימענדיקע, רייזנדיקע און געפאַנגענע און בפרט וועגן דעם קייסער ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש, זיין ווייב, זיין יורש־עצר און זיינע קרובים און וועגן דעם, אַז גאָט זאָל דעמדאָזיקן קייסער העלפן מנצח זיין און אונטערטעניק מאַכן אים צו די פיס אַלע שונאים און סטיגאַטערס.

נאָך דעם האָט דער גלח אָפּגעשאַרצט דאָס פאָרהענגל, און דער כאָר האָט אָנגעהויבן עפּעס צו זינגען, האָט דער גלח אָנגענומען מיט ביידע הענט דאָס סערוועטל און אָנגעהויבן גלייכמעסיק און ריטמיש צו פאָכן דערמיט איבערן טעלערל און דעם גאָלדענעם בעכער, כדי דאָס ברויט זאָל ווערן נישט ברויט, נאָר מענטשיש פלייש, און דער ווייַן זאָל ווערן נישט קיין וויין, נאָר מענטשיש בלוט. נאָכהער, נאָך אַ סך אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און דערמאָנונגען פון דעם קייסער און זיינע קרובים, האָט דער גלח פון הינטער דער מחיצה אָפּער אַ געשריי געטון עפּעס אַזוינס: — „אומגעהייער וועגן דער אַלערהייליקסטער, אַלעררייסטער און אַלערגעבענטשטער גאָטסגעווינערין", — און דער כאָר האָט זיך צעזונגען וועגן דעם, אַז ס'איז ווויל צו לויבן די יינגפרוי מאַריע, וועלכע האָט געבוירן קריסטוסן און האָט זוכה געווען צו אַ גרעסערער זכיה, ווי עפּעס דאָרט כרובים, און אַ גרעסערער זכיה ווי עפּעס דאָרט שרפים, און ווידער פאַרצויגן דאָס פאָרהענגל... אַראָפּגענומען די סערוועטלעך פון דעם טעלערל, צעשניטן דאָס מיטלשטיקל אויף פיר חלקים, אַריינגעלייגט עס אין דעם וויין אַריין און אויפגעגעסן אַ שטיקל מענטשיש פלייש און אויסגעטרונקען עטלעכע זופּן מענטשיש בלוט. אין דער צייט האָבן די משוררים הויך אויף אַ קול געזונגען אַ אומפאַרשטענדלעכן זמר. דערנאָך איז דער גלח אַרויס מיט אַ באַגילדטן טעצל, וו עס זענען געלעגן די איבערגעבליבענע שטיקלעך ברויט אין

דעם ווייַן, און דער אינספּעקטאָר, און נאָך אים — אויך דער גאַנצער עולם, האָבן נידעריק אראָפּגעלאָזט די קעפּ. אָבער דאָ האָט דער גלח שוין נישט אָנגערופן דעם קייסער און די קייסערינע און פאַרבעטן די בעלנ״ם צו עסן פון דעם לייב און פון דעם בלוט דעם מענטשישן, וואָס ער האָט אָנגענומען, אַז זיי געפינען זיך אונטערן סערוועטל.

אַלס בעלנים צו עסן דאָסדאָזיקע געדאַכטע לייב און טרינקען דאָס געדאַכטע בלוט האָבן זיך אַרויסגעוויזן נאָר עטלעכע קינדער. די פרוי, וואָס איז מיטגעגאַנגען נאָכן מאַן אויף קאַטאָרגע, האָט אַרויסגעטראָגן פאָרויס איר מיידעלע, און דער גלח האָט איר געגעבן פון אַ לעפעלע אין מויל אַריין אַ שטיקל ברויט און אַ לעפעלע ווייַן, וואָס זי האָט אַראָפּגעשלאָגן מיט גרויס פאַרגעניגן, נישט האָבנדיק קיין שום אַנונג, וואָס אַזוינס זי האָט אויפגעגעסן. נאָכדעם האָט מען אויך די איבעריקע קינדער געגעבן צו לעפעלעך פאַרבראָקעכץ, און פלייסיק אויסגעווישט זיי די מייַלעכלעך, האָט דער גלח אַוועקגעטראָגן די רעשט הינטער דער מחיצה און אויסגעטרונקען דאָרט גאָר דעם ווייַן פון בעכער און אויפגעגעסן אַלע שטיקלעך, איז ער אין גאָר אַ פרייַלעכער שטימונג אַרויס פון הינטער דער מחיצה אָפּער און זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דעם בילד פון אַ מאַנצפאַרשוין מיט אַ שוואַרץ פּנים און הענט אין באַגילדטע מלבושים, און נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעזאָגט עטלעכע געווייַנלעכע תפילות, איז דער גלח געבליבן אַ ווייַלע שטיין, גלייַך ווי זיך אָנגענומען מיט קרעפטן, און דאַן אָנגעהויבן מיט אַ פאַלש קול ספק זינגען ספק זאָגן אָט דידאָזיקע ווערטער.

. . . .

פון פאַרנט פאַר אַלע פרויען זענען געשטאַנען די קינדער פון יענער פרוי, וועלכע איז אין אירע פויערישע בגדים אין טורמע געגאַנגען מיט דעם מאַן קיין סיביר. איין מיידעלע פון אַנדערטהאַלבן יאָר האָט די מוטער געהאַלטן אויף די הענט. זי האָט נאָך גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען און נישט געקאָנט מתפלל זייַן. אָבער צוויי ייִנגעלעך — פון פינף און פון דריי יאָר — מיט ווייַסע קעפּלעך האָר, אָקאָרשט אָפּגעשוירענע גלייַך, אַזוי ווי די גריוועס בײַ לאָשעקלעך, אין בירקעס און שטיוועלעך, האָבן שוין געדאַוונט ווי עס געהער צו זייַן: זיך געשטעלט אויף די קניעלעך, ווען אַנדערע האָבן זיך געשטעלט און געהאַלטן זיך אין איין צלמען און בוקן זיך צו דער ערד. דידאָזיקע ייִנגעלעך זענען

געווען פעסט איבערצייגט אין דעם, אַז דאָס, וואָס זיי טוען — איז זייער אַ וויכטיקע זאַך, און האָבן זיך געפרייט, וואָס זיי קאָנען דאָס מיטמאַכן, און האָבן דערביי איבערגעלעבט אַ קינסטלערישן גענוס, קוקנדיק אויף דעם גאָלד-באַלויכטענעם איקאָנאָסטאַס און די הייליקע בילדער, אויף די תנועות פון דעם גלח און הערנדיק זיינע פייערלעכע אויסגעשרייען און דאָס געזאַנג פון דעם כאָר.

דאָס אייגענע האָבן איבערגעלעבט דאָס רוב דערוואַקסענע אַרעס-טאַנטן און אַרעסטאַנטינס, וואָס זענען געווען אין קלויסטער.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס אַלץ געהאַלטן פאַר אַ גלחישן שווינדל, אָבער פאַר דער מאַכט האָבן זיי געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי גלייבן אין דעם אַלעם. דידאָזיקע האָבן באַזונדערס פלייסיק זיך געצלמט און געבוקט, שטייענדיק אויף די קני, מכבד זייענדיק איינער דעם אַנ-אַנדערן מיט געקליבענע זידלווערטער; אָבער אַזעלכע איז געווען ווייניק. דאָס רוב אָבער איז נישט וואָס זיי האָבן געגלייבט אין דער אמונה, וועלכע איז זיי דאָ דערלאַנגט געוואָרן דורך דערדאָזיקער עבודה, — דאָ איז אייגנטלעך נישט געווען אין וואָס צו גלייבן — נאָר זיי האָבן גע-גלייבט אין דעם, אַז דאָס, וואָס דאָ איז פאַר זיי פאַרגעקומען, איז גע-ווען דער אויסדרוק פון דער איינציקער אמתער אמונה, אין וועלכער מ'דאַרף גלייבן, וועלכע איז אויף עפּעס נייטיק און קאָן ווען-עס-איז צו-נוצקומען, און אַז אויב מ'וועט גלייבן און מ'וועט דאַוונען, פאַרשטייענ-דיק אונטער דער תפילה דאָס מאַכן מיט די הענט און דאָס בוקן זיך, וועט זיין גוט; ווען מ'זאָל אָבער נישט דאַוונען און נישט גלייבן, קאָן געשען עפּעס אַ שלעכטע זאַך. אַזוי האָט געגלייבט די מערהייט. געווען אָבער אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן אפילו נישט געגלייבט אין דעם, אַז מ'דאַרף גלייבן, נאָר האָבן בלויז געפונען אַ שטיקל פאַרגעניגן אין דעם, וואָס מ'דאַרף שטיין אויף אַ ביי אָרט, הערן דעם פּאָפּ, זען מענטשן, זיך דורכשפּאַצירן. צו דער קאַטעגאָריע האָט אויך געהערט מאַסלאָוואַ.

לכתחילה איז איר געווען אַ פאַרוויילונג אַריינצוגיין אין קלויסטער, הערן דאָס געזאַנג, אָנקוקן דעם גלחס געהאַפּטענע מלבושים, דעם אינ-ספּעקטאָרס ווייבס אָנטועכץ און זיין טאָכטערס היטעלע, אָבער דערנאָך, ווען דאָס אַלץ איז שוין באַטראַכט געוואָרן, איז געוואָרן זייער לאַנגוויי-ליק און ס'האָט זיך פאַרגלוסט אָדער שלאָפן אָדער טרינקען טיי. זי האָט זיך דערפרייט, ווען אַלץ איז געווען געענדיקט און דער גלח האָט זיי אַריינגערוקט דעם צלם צום קושן און זיין ריינע האַנט אין די אַרבל

מיט מאַנקעטן, און זי האָט איבערגעלעבט יענץ געפיל פון נחת־רוח נאָכן אויפהערן אַן אומזיניקע אַרבעט, וואָס אַ סך נעמען עס אָן פאַר דעם רעליגיעזן געפיל פון באַרויקונג נאָכן תפילה־טון.

— מאַסלאָוואַ, אין באַזוכער־צימער אַריין, — האָט זיך אָנגערופן דער אויפזעער, בשעת זיי זענען דורכגעגאַנגען איבערן קאָרידאָר.

— אָט האָסטו דיר, — האָט מאַסלאָוואַ אַ טראַכט געטון און זיך געפרייט, וואָס עס שטייט איר פאָר אַ נייע פאַרוויילונג, גלייבנדיק, אַז דאָס איז געווען קלאַראַ, אירס אַ חברטע פון ראָזאַנאָוועס הויז, און זי איז נאָכן אויפזעער אַוועק אין דעם באַזוכער־צימער אַריין.

צום קאַפּיטל XLVI.

...און פון אָט דעם זעלביקן גובערנאַטאָר, וועלכער האָט, צונויפדריקנדיק די ווייכע ווייסע פויסט מיט דעם טורקיש־רינג, געזאָגט, אַז ס'איז נייטיק באַזאָרגלעכקייט און אַ פעסטע מאַכט, איז אָנגעקומען אַ פּאַפּיר געחתמעט מיט אַ וווּנדערשיינעם צוק, און אין דעם פּאַפּיר איז פאַרגעשריבן געוואָרן צו געבן די צוויי הויפּט־שולדיקע — וואַסיליעוון און דעם „נעלם" ניעפּאָמניאַשטש צו 30 שמיץ. און באַלד נאָכן טייטרינקען האָט מען די צוויי אַרעסטאַנטן אַריינגעפירט אין דעם ווייבערישן באַזוכער־צימער, וועלכעס איז איצט געווען פריי און איז באַשטימט געוואָרן אויף אויסצופירן דעם פּסק.

שוין פון אָוונט אָן איז דאָס באַוווּסט געווען אַלע איינוווינער פון דער טורמע און איבער די קאַמערן זענען געגאַנגען לעבעדיקע שמועסן וועגן דער פאַרשטייענדיקער שטראָף.

— וואָס זשע שטייט איר? לייג זיך.

דער „נעלם" האָט אַראָפּגעלאָזט די הויזן און זיי זענען אַראָפּגעפאַלן, איז ער אַרויס פון זיי און פון די שקראַבעס און איז אַליין צוגעגאַנגען צו דער באַנק. די אויפזעער האָבן אים אַ כאַפּ געטון אונטער די אָרעמס און אַוועקגעלייגט אויף דער באַנק. דעם אַרעסטאַנטס פיס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון ביידע זייטן באַנק. איינער פון די אויפזעער האָט די פיס אויפגעהויבן איבערהייך און זיך געלייגט אויף זיי, די אַנדערע צוויי האָבן אָנגעכאַפּט דעם אַרעסטאַנט פאַר די הענט און צוגעדריקט צו דער באַנק, דער פערטער האָט אויפגעהויבן דאָס העמד סאַמע ביז צו די קרייצביינער, אַנטבלויזנדיק די ריפּן, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון אונטער דער געלער הויט, די רינווע פון דעם רוקנביין און די לענדן מיט אַן אויסבייג און די פעכטע מוסקולדיקע ליטקעס פון די קרומע פיס.

דער אויפזעער פּעטראָוו, אַ ברייטער אין דער ברוסט און אין די פּלייצעס, מיט שטאַרקע מוסקולן, האָט פון די אָנגעגרייטע בינטלעך אויסגעקליבן איינס, אָנגעשפּייט אין די הענט און פעסט צונויפדריקנדיק די צוזאַמענגעבונדענע בערעזענע ריטער, פאָכנדיק דערמיט מיט אַ פייף, אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט זיי איבערן נאַקעטן לייב. בײַ יעדן שמיץ האָט דער „נעלם“ געקוויקעט און זיך אַ צאַפּל געטון, אָבער די אויפזעער, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אים, האָבן אים צוגעהאַלטן. וואַסיליעוו איז אַ בלאַסער געשטאַנען, פון צייט־צו־צייט געכאַפּט אַ קוק אויף דעם, וואָס פאַר אים איז פאָרגעקומען, און ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אויף דעם „נעלמס“ געלן הינטן זענען שוין אַרויסגעטרעטן די איבערגעהאַקטע ליניעס פון בלוטיקע צייכנס און זיין אויקען איז שוין אַריבער אין אַ קרעכצן.

אָבער פּעטראָוו, וואָס מ'האָט אים געדאַט אונטערגעהאַקט די אויגן אין יענעם געשלעג, בשעת מ'האָט וואַסיליעוון געפירט אין קאַרצער אַריין, האָט אָפּגעצאָלט פאַר זיין באַליידיקונג, שמייכנדיק אַזוי, אַז די עקן ריטער פלעגן אַראָפּפליען, און אויף דעם „נעלמס“ געלע אייבערשענקלען און דיך האָט זיך אָנגעהויבן צו שמירן רויט בלוט.

אַז מ'האָט דעם „נעלם“ אָפּגעלאָזט, און ער האָט ציטערנדיק מיט דער אונטערשטער קינבאַק, אָפּווישנדיק מיט אַ ברעג פון העמד דאָס בלוט, אָנגעהויבן אַרויסצוציען דאָס שנירל פון די לייוונטענע הויזן, האָט דער עלטסטער אויפזעער אָנגעכאַפּט וואַסיליעווס כאַלאַט.

— טו אויס, — האָט ער געזאָגט.

וואַסיליעוו האָט עפּעס ווי אַ שמייכל געטון, אַרויסווייזנדיק זיינע ווייסע ציין פון הינטער דעם שוואַרצן בערדל, און דאָס גאַנצע קלוגע און ענערגישע פּנים זיינס האָט זיך איבערגעצויקט. צערייסנדיק די שנירלעך פון דעם בגד, האָט ער עס אַראָפּגעוואָרפן און זיך אָוועקגעלייגט, אַנטבלויזנדיק זיינע שיינע, דינע, גלייכע מוסקולדיקע פיס.

— נישט אויף אייך... — האָט ער אַרויסגערעדט דעם אָנהייב פון עפּעס אַ פראַזע און פלוצלינג אָפּגעהאַקט, צונויפגעדריקט די ציין, זיך געגרייט צו דעם קלאַפּ.

פּעטראָוו האָט אַוועקגעוואָרפן די אָפּגעשלאָגענע ריטער, האָט גענומען אַ ניי בינטל פון די, וואָס זענען געלעגן אָנגעגרייט אויפן פענצטער, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע פּייניקונג. גלייך פון די ערשטע שמיץ האָט וואַסיליעוו אָנגעהויבן שרייען.

אַך !... אוי ! — און זיך גענומען צאַפּלען אַזוי, אַז די אויפזעער, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, זענען געבליבן הענגען אויף זיינע אַקסלען און זענען צעפּלאַמט געוואָרן פון די אָנשטרענגונגען.

— דרייסיק, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט, בשעת ס'איז נאָך געווען 26.

— ניין, אייער הויכגעבוירן, 26.

— דרייסיק, דרייסיק, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט, רונצלענדיק זיך און צופּנדיק דאָס בערדל.

וואַסיליעוו איז נישט אויפגעשטאַנען, בשעת מ'האָט אים אָפּגעלאָזט.

— נו, שטיי אויף, — האָט איינער פון די אויפזעער געזאָגט און אים אויפגעהויבן.

וואַסיליעוו האָט זיך אויפגעהויבן, אָבער זיך אַ וואַקל געטון און וואָלט אומגעפאַלן, ווען די אויפזעער וואָלטן אים נישט געווען אונטערגעהאַלטן. ער האָט געאָטעמט שווער און אָפּגעהאַקט. זיינע בלאַסע ליפּן האָבן זיך געטרייסלט, אַרויסגעגעבן אַ משונהדיק קול, ענלעך אויף דעם קלאַנג, מיט וועלכן מ'פאַרשפּילט קינדער מיט די ליפּן.

די קנעכלעך האָבן אים געציטערט און זיך געקלאַפּט איינס אָן דעם אַנדערן.

— וועסט שוין ווייטער שלאָגן דעם אויפזעער אין מאָרדע, — האָט פּעטראָוו זיך אָפּגערופן, אַ וואָרף טוענדיק די ריטער און פלייסנדיק זיך אויפצומונטערן און באַרעכטיקן, אָבער אויף דער נשמה איז אים געווען נישט גוט און צוריק אַראָפּגעשאַרצט אויף די האָריקע הענט די פּאַרקאַשערטע אַרבל פון דעם מונדיר און אָפּגעווישט מיט דעם שמוציקן נאָזטיכל דעם שווייס, וואָס איז אים אַרויס אויפן שטערן, איז ער אַרויס פון דעם חדר.

— אין שפּיטאָל אַריין, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט און, זיך רונצלענדיק און אויככאָרכלענדיק, גלייך ווי ער וואָלט אַראָפּגעשלונגען עפּעס ביטערס, סם-המוותדיקס, האָט ער זיך געזעצט אויפן פענצטערברעט און פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס.

„גיין אַהיים ?" — האָט ער אַ טראַכט געטון, אָבער ער האָט זיך דערמאָנט אין די האַסטיקע טורן פון די אונגאַרישע טענץ אין ליסטס אַראַנזשירונג, וואָס ער האָט שוין געהערט דעם דריטן טאָג און היינט אַ גאַנצן אינדערפרי, און אויף דער נשמה איז אים געוואָרן נאָך פינצטע-

רער. אין דער ווײַלע האָט מען אים געמאָלדן וועגן נעכלױדאָװן. „וואָס וויל ער האָבן", — האָט דער אינספעקטאָר א טראַכט געטון און, שווער זיפצנדיק, ארויס אין פאָרהויז.

צום קאַפּיטל LV.

— איך וואָלט גערן פאַר אײַך געטון אַלץ, וואָס איך קאָן, אָבער ווי איר זעט, זענען מיר אַלע אָוועקגעשטעלט אין אזא לאַגע, אז מיר קאָנען גאָרנישט אויפטון, — האָט זי געזאָגט און זיך צעשמייכלט מיט איר ליכטיקן, גוטן שמייכל, וואָס האָט נישט געהאַט אין זיך קיין שום ווייבלעכס, קאָקעטישס.

„אָ, ווען מ'וואָלט עס געקאָנט זי מיט קאַטיושען, ווען זיי וואָלטן עס אינייַנעם געגאַנגען". — האָט נעכלױדאָװ א טראַכט געטון.

— און איך מיין, אז איר קאָנט פאַר מיר אויפטון א סך, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

זי האָט פאַרוואונדערט אים אָנגעקוקט.

— איר האָט פאַריקעס מאָל געזעען א פרוי, מיט וועלכער איך האָב געהאַט א זעונג, זי וועט באַלד קומען. וואָלט איר איר אפשר גע-קאָנט העלפן?

— מיט וואָס העלפן?

— מיט אַלץ, דערהויפּט מאָראַליש העלפן.

— וואָס הייסט, ווי אזוי? — האָט מאַשאַ געזאָגט און איר פּנים האָט אויסגעדריקט ליידנשאַפטלעכע אויפמערקזאַמקייט.

— איר פאַרשטייט, דידאָזיקע פרוי איז אַן אומשולדיק פאַרמשפטע. אמת, דאָס איז א נידעריק געפאַלענע פרוי. זייער נידעריק. — נעכ-ליודאָוו האָט בשום אופן נישט געקאָנט איר אַרויסזאָגן, וואָס מאַסלאָוואַ איז געווען. — זי איז אָבער אַבסאָלוט נישט שולדיק אין דעם, אין וואָס מ'האָט זי באַשולדיקט און מ'באַשולדיקט זי: איר ווילט וויסן, וואָס געהערט זי זיך מיט מיר אָן? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, רויט ווערנ-דיק. — איך האָב זי געקענט יונגערהייט.

מאַשעס פּנים האָט אויפגעשיינט. זי האָט זיך אָנגעשטויסן און אַלץ פאַרשטאַנען. נאָכדעם האָט זי בלויז עטוואָס צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געבלינצלט מיט די אויגן אויף דעם, וואָס נעכליודאָוו האָט געזאָגט.

— זי איז אַבסאָלוט נישט שולדיק אין דער פאַרגיפטונג. מיר האָבן דערלאַנגט א קאַסאַציע און האָפן, אז זי וועט אַרויס פריי, אָבער אָט איז

שוין 6 חדשים, ווי זי איז אין טורמע, און וועט זיצן נאָך. דאָס וועט זי נאָך נידעריקער ארונטערברענגען.

— נו, אַז איר וואָלט זי אַריבערגעפירט צו אונז, וואָלטן מיר גע־קאָנט נאָענט ווערן, — האָט זי געזאָגט.

— ווען דאָס וואָלט נאָר מעגלעך געווען.

— איך וואָלט זיין זייער צופרידן, זאָל מען זי נאָר אַריבערפירן, איר וואָלט בכלל געווען בעסער מיט אונז.

— אַ חוץ וואָס איך ווייס, אַז זי איז אַ ווילע פרוי, האָט זי מיך אויך איצטער, דאָס לעצטע מאָל, ווען איך האָב זי געזעען, איבערראַשט דערמיט, וואָס זי האָט פאַר זיך קיין זאַך נישט געבעטן, נאָר מייַנענדיק, אַז איך האָב אַ דעה און קאָן אַלצדינג, געבעטן פאַר אַ פרוי, וועלכע זיצט מיט איר צוזאַמען און וואָס זי האַלט זי פאַר אומשולדיק. ס'איז קענטיק, אַז זי איז...

נעכליודאָוו האָט נישט דערזאָגט, ווייל אין דער רגע איז אַריין מאַסלאָווא.

— קאָן מען אַזוי רעכענען דערויף? — האָט זי געזאָגט.

— אומבאַדינגט.

— אויב מ'וועט זי נאָר אַריבערפירן צו אונז, וועל איך זיך באַ־מיען צו זיין איר נוצלעך. גוט מאָרגן, — האָט זי געזאָגט, צוגייענדיק צו מאַסלאָווען, — מיר האָבן גערעדט, אַז איר זאָלט זיך אַריבערפירן צו אונז, צו די פּאָליטישע, וועט אייך זיין בעסער.

— פאַרוואָס נישט, — האָט מאַסלאָווא זיך אָנגערופן, פרעגעריש אָנקוקנדיק נעכליודאָוון. אויב בעסער, וואָלט זיין גאַנץ גוט.

— מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם.

און מאַשאַ מיטן ברודער איז אַוועק צו ווילהעלמסאָנען און אים דערציילט אַלץ וואָס מיט נעכליודאָוון.

צ ו ג אָ ב ן

צו דער צווייטער טייל

צו קאַפּיטל X.

אין דער זעלבער צייט האָט אין איינעם פון די קאַזעמאַטן אַ פרוי, דאָס קלייד אויף דער ברוסט צעריסן, אַ צעשויבערטע, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, געשריגן מיט משוגענע קולות און זיך געקלאַפּט מיטן קאָפּ דאָ אין דער וואַנט, דאָ אין דער טיר. דער וואַך-זעלנער פלעגט אַריינקוקן אין לעכל, אָפּגיין צוריק און ווייטער געשפּרייזט. און ווי נאָר זיין אויג פלעגט זיך באַווייזן אין לעכל, האָבן זיך די קולות געשטאַרקט.

— קוק נישט, בעסער דערהרגע מיך, גיב אַהער אַ מעסער, גיב אַהער סם. איך קאָן נישט, איך קאָן נישט!

ס'האָבן זיך דערהערט טריט. די טיר אין קאָרידאָר אַריין האָט זיך געעפנט און ס'איז אַריין אַ מאַן אין אַן אָפיצירן-מונדיר מיט צוויי וועכטער. אין די שכנישע קאַמערן האָבן זיך באַוויזן אויגן אין די טירלעכלעך, אָבער דער אָפיציר האָט פאַרבייגייענדיק זיי פאַרהאַקט.

— רוצחים, מערדער! — האָט זיך דערהערט פון איין קאַמער; אין אַ צווייטער האָט מען געהאַקט אין דער טיר מיט די פויסטן.

דער אָפיציר איז געווען בלאַס. הגם דאָס פלעגט זיך אָפט איבערחזרן, איז דאָס אַלעמען געווען שרעקלעך און שווער. ווי נאָר מ'האָט געעפנט די טיר צו דער היסטערישער פרוי אַריין, האָט זי זיך אַ וואָרף געטון און געוואָלט אַרויסגיין.

— לאָזט מיך, לאָזט, — האָט זי געקוויטשעט, מיט איין האַנט אָנגעכאַפּט דאָס צעריסענע קלייד אויף דער ברוסט, מיט דער אַנדערער פאַרשאַרנדיק אַהינטער די אויערן בינטלעך שיטערע האָר, ערטערווייז שוין גרוילעכע.

— איר ווייסט דאָך, אַז מ'טאָר נישט; רעדט נישט קיין נארישקייטן, — האָט דער אָפיציר געזאָגט, שטייענדיק אין פאָרהויז.

— לאָזט מיך, אָדער דערהרגעט! — האָט זי געשריגן, אוועק־שטויסנדיק אים.

— לאָזט אָפּ, — האָט דער אָפיציר געזאָגט, אָבער זי האָט נישט געפאָלגט.

דער אָפיציר האָט אַ ווונק געטון צו די וועכטער; און זיי האָבן זי אַ כאַפּ געטון. זי האָט זיך צעקוויטשעט נאָך העכער.

— הערט אויף, ס'וועט זיין ערגער.

זי האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען.

— שווייגט!

— איך וועל נישט שווייגן. אַ—אַ—אַ!

אָבער דאָ איז איר געשריי פּלוצלינג מגולגל געוואָרן אין אַ מעקען און דאַן אינגאַנצן שטיל געוואָרן. איינער פון די וועכטער האָט זי אָנגע־כאַפּט פאַר די הענט און זיי געבונדן, דער אַנדערער האָט איר אריינ־גערוקט אין מויל אריין אַ שטיק שמאַטע־לייוונט און פארבונדן עס הינטערן קאָפּ, זי זאָל עס נישט קאָנען אַראָפּרייסן.

מיט אויגן, וואָס זענען שיער נישט ארויסגעשפּרונגען פון די אויגנלעכער, האָט זי געקוקט אויף די וועכטער און אויף דעם אָפיציר, דאָס גאַנצע פּנים האָט איר געצוקט, און פון דער נאָז האָט זיך ארויס־געריסן אַ רעשדיקער אָטעם, די אַקסלען האָבן זיך געהויבן ביז צו די אויערן און זיך אראָפּגעלאָזט.

— מ'טאָר אזוי נישט סקאַנדאַלעווען, האָט מען אייך געזאָגט. אליין שולדיק! — האָט דער אָפיציר געזאָגט און איז אוועק.

די קוראַנטן האָבן מיט אַ דין קול אויפגעזונגען דעם הימן „קאָל סלאַוון נאַש האָספּאָד וו סיאָנע".

די וואַך־זעלנער האָבן זיך געביטן. אין קאַטעדראַל בײַ די קברים פון די קיסרים האָבן געברענט פייערן, און ס'איז געשטאַנען אַ וואַך.

צ ו ג אָ ב ן

צו דער ערשטער טייל

צום קאַפּיטל XI און XIII.

צוויי פון די פרויען זענען געווען באַקאַנט. איינע איז געווען ווערא יעפרעמאָווני, וואָס אויף איר עצה האָט ער איינגעאָרדנט מאַסלאָווען מיט די פּאָליטישע. די צווייטע איז געווען מאַריאַ פּאַוולאָווני, אַ יענץ שיינע, שטאַרקע מיידל מיט די שאָפענע אויגן, וואָס ער האָט מיט איר גערעדט בשעת דער זעונג אין טורמע. די אומבאַקאַנטע פרויען זענען געווען: אַ יונגיטשק, אַ שיינינק און קאָקעטיש מיידל, די טאָכטער פון אַ בערשטער-פאַבריקאַנט גראַבעץ, וואָס די חברים האָבן איר טרעפלעך אַ נאָמען געגעבן „פייגעלע“ און וועלכע האָט אַלעמען פאַרדרייט דעם קאָפּ, — און אַ פאַרהייראַטע פרוי-דאָקטאָר ראַנצעווא, וועלכע מ׳האָט צעשיידט מיטן קינד און מיטן מאַן דעם רעוואָלוציאָנער, וואָס זענען איבערגעבליבן אין רוסלאַנד.

ווערא יעפרעמאָווני איז געווען אַ פאָרשטייערין פון דעם פאַרשפרייטסטן טיפּ רעוואָלוציאָנערקעס-פרויען, וואָס אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין און אומבאַוווסטזיניק גיבן זיי זיך אָפּ די עגאָיסטישע בייגונגען און מיט דער פאַר פרויען כאַראַקטעריסטישער גייסטיקער אומקלאָרקייט און געשיקטקייט טייטשן זיי אין דידאַזיקע עגאָיסטישע האַנדלונגען אריין די דערהויבנסטע אַבסטראַקטע מאָטיוון. זיי האָבן געהאַנדלט פּונקט אַזוי, ווי עס האַנדלען גאָר אַ סך מאַנסבילן און פרויען פון אָרימען פּויערטום און בירגערטום, בשעת אַוועקגייענדיק אין אַ מאָנאַסטיר, פאַרבייטן זיי זייער גרויע, האָרעפּאַשנע שווערע לאַגע אויף אַ לאַגע, וואָס איז אַרומגעשטעלט מיט גרעסערע באַקוועמלעכקייטן, און דערהויפּט — וואָס זיי טייטשן נאָך אויס דידאַזיקע לאַגע מיט די דערהויבנסטע שטרעבונגען. ווערא יעפרעמאָווען איז פאָרגעשטאַנען אין בעסטן חתונה צו האָבן מיט אַ גלח און פאַרברענגען דאָס גאַנצע לעבן ערגעץ אין אַ העק; דעס-

גלייכן איז דער גראַבעץ פֿאַרגעשטאַנען צו שטיין באַם טאָמבאַנק און פֿאַרקויפֿן בערשט אין אַ פּראָווינץ-שטאָט. אָנשטאָט דעם האָבן זיי ביידע דערזעען פּעטערבורג, זיך באַקענט נאָענט מיט קלוגע, געלערנטע מענטשן; דער עיקר אָבער — האָבן זיי זיך אַליין איינגעשמועסט, אַז זיי האָבן אַוועקגעוואָרפֿן די היים און אַוועק קיין פּעטערבורג אויס ליבע צו וויסנשאַפֿט און צום פֿאָלק און צו אַלע דערהויבענע זאַכן, פֿון וועלכע זיי זענען געוווּיר געוואָרן אין פּעטערבורג. ביידע האָבן, אין תּוך גענומען, זיך נישט אינטערעסירט נישט מיט קיין וויסנשאַפֿט, — (הגם ביידע זענען געווען פֿעיִק צום לערנען), נאָך ווייניקער מיטן פֿאָלק, נישט מיטן סאָציאַליזם און נאָך ווייניקער מיט מעשׂים-טובֿים, נאָר ביידע האָבן זייערע מיידלשע שטרעבונגען און טרוימען, וואָס אין יסוד דערפֿון איז געלעגן דער פֿאַרלאַנג נאָך ליבע, פֿאַרגעשטעלט סיי זיך סיי די אַנדערע אַלס אַ פֿאַרלאַנג צו דינען דער מענטשהייט. וועראַ יעפֿרעמאָוונאַ האָט דעם ערשטן שטויס אויף דעמדאָזיקן וועג באַקומען פֿון ביכער און זשורנאַלן, וואָס דעם גלחס זון האָט געבראַכט. און דאָס „פֿייגעלע" — דירעקט פֿון אַ סטודענט, וואָס פֿלעגט אַריינגיין צו איר אין קראָם. ביידע האָבן זיי אויסגעצייכנט, ווי פּרוּװן, זיך געקאָנט פֿאַרשטעלן פֿאַר די מענער און רעדן מיט זיי, חנפֿענענדיק זיי אַזוי, אַז די מענער זאָלן גלייבן, אַז זיי זענען פֿאַרנומען מיט דער זעלביקער זאַך, וואָס די מענער, און זיי פֿאַרשטאַנען. בלויז מיט דער נפֿקא-מינה, וואָס דעם „פֿייגעלעס" מחשבֿות און פֿאַרלאַנגען זיך צו בילדן און צו דינען דעם פֿאָלק און די קרבנות, וואָס זי, אַ יונג שיין פֿייגעלע, האָט צוליב דעם געבראַכט, האָבן אויסגעוויזן זייער רירנד, און די מענער פֿלעגן צעשמאָלצן ווערן דערפֿון. די זעלביקע מחשבֿות, ווערטער און האַנדלונגען פֿון דעם נישט שיינעם מיידל מיט דעם געלן פּנים, מיט דעם אָדערדיקן האַלז, האָבן אויסגעוויזן נישט אַזוי ווירקטיק און האָבן דאָס רובֿ אַרויסגערופֿן אַ פֿריינטלעכן שמייכל איבער דער איבערגעגעבנקייט פֿון דער „משוגע-דרייסטער ווערעטשקאַ". אָבער טיף באַ זיך אין דער נשמה האָבן זיי געמוזט פֿעסטשטעלן זייער באַציִונג צו מענער. דאָס „פֿייגעלע" האָט זיי געדאַרפֿט פֿאַרלאָקן, צווינגען, זיי זאָלן זיך פֿאַרליבן אין איר, און וועראַ יעפֿרעמאָוונאַ האָט אַליין באַדאַרפֿט ליב האָבן די, וואָס איר פֿאַרליבעוודיק האַרץ האָט אויסדערוויילט. און די מענער האָבן זיי געגלייבט און זיך געהאַלטן אין איין פֿאַרליבן אין דעם „פֿייגעלע" און האָבן גנעדיק דער לויבע ווערא יעפֿרעמאָוונען — ליב צו האָבן זיי. אַזוי, למשל, האָט נאָ-

וואַדוואַראָוו איר דערלויבט ליב צו האָבן אים, בשעת ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע. און האָט באַשלאָסן, אז היות ער האָט זי מער נישט ליב און ס׳איז נישט אָרנטלעך צו גענאַרן. האָט ער איבערגעריסן מיט איר די באַציונגען. זי, ווידער, האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרליבן אין אַנדערע. דאָס „פייגעלע״ פון איר זייט האָט מיט דערפאַלג ווייטער פאַרליבט אין זיך.

גאַר אַנדערע צוויי פרויען זענען געווען ראַנצעוואַ און מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ, וועלכע האָט מאַסלאָוו גענומען אונטער איר באַזונדערער שוץ. ראַנצעוואַ איז געווען אַ טאָכטער פון אַ פּראָפעסאָר און פון אַ יידישקע, זייער אַ באַגאַבטע, אַ געזונטע און אַן אָנגענעם נישט שיינע. פון יונגווייז אויף, נאָך אין דער גימנאַזיע, האָט זי זיך פאַרליבט אין איר ברודערס אַ חבר וואַסיליעוו, איינעם פון די באַגאַבטסטע סטודענטן פון פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער. עמיליע, — אַזוי האָט ראַנצעוואַ געהייסן, — איז געווען פאַרליבט בלויז צוויי מאָל: איינמאָל, ווען זי איז אַלט געווען 12 יאָר. האָט זי זיך פאַרליבט אין איר פאָטערס אַ פריינט, שוין נישט קיין יונגן געלערנטן, און האָט זיך געוואָלט כמעט, בשעת זי איז געוויר געוואָרן, אז ער גייט התונה האָבן. דידאָזיקע ליבע איז אַריבער, און צו 16 יאָר האָט זי זיך פאַרליבט אין וואַסיליעוון און האָט טאַקע דעמאָלט זיך אים אָפּגעגעבן מיט איר גאַנצער נשמה. ליבנדיק אים, האָט זי פאַרשטאַנען דאָס אַלץ, וואָס ער האָט ליב געהאַט. און בלויז דאָס, וואָס ער האָט ליב געהאַט. ער האָט ליב געהאַט די וויסנשאַפט, האָט זי אויך ליב באַקומען די וויסנשאַפט: אַוועק אויף מעדיצינישע קורסן.

ער האָט ליב באַקומען די רעוואָלוציע, האָט זי דאָס אויך ליב באַקומען, זי איז געווען קלוג, און דערפאַר האָט זי נישט קנעכטיש אים נאָכגעטאָן, נאָר זיך דורכגעדרינגען מיט זיין גייסט און האָט געלעבט לויט דעמדאָזיקן גייסט. אַזוי, למשל, האָט זי, ליב האָבנדיק אים, אים נישט נאָר געשטערט, גאַרנריק אַלע מאָל צו זיין מיט אים צוזאַמען, בשעת ער האָט זיך אָפּגעגעבן דער רעוואָלוציע, נאָר האָט זיך אויך מיטן גוטן ווילן דערווייטערט פון אים, אָנגענומען אַ שטעלע אין דער זעמסטווע און דאָרטן געטון איר מעדיצינישע אַרבעט און גלייכצייטיק פאַרשפּרייט, סיי אין וואָרט סיי דורך ביכער יענע אידעען, וואָס ער האָט זיך זיי געווידמעט. זי האָט געהאַט איין קינד. מער האָבן זיי אַלס קעמפער נישט געוואָלט האָבן. דאָס קינד האָט זי שטאַרק ליב געהאַט.

אָבער אַזוי, אַז אַלע מאָל איז זי גרייט געווען מקריב צו זיין נישט אים נאָר איר נאָענטקייט צו אים, איר פרייד, וואָס זי האָט געהאַט פון אים; מקריב צו זיין נישט דער רעוואָלוציע, ווי זי האָט זיך איינגערעדט, נאָר דעם מאַן, ווי דאָס איז געווען אינדעראמתן. נישט אויף ווערטער, נישט דערפאַר, וואָס אַזוי האָט אויסגערופן דער דיאַקאָן, ווען זיי זענען געשטאַנען אונטער דער חופּה: „אַ ווייב מוז געהאָרכזאַם זיין דעם מאַן" — נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט אים ליב געהאַט נישט מיטן גוף, נאָר מיט דער נשמה, ליב געהאַט זיין נשמה און דערפאַר געפאָלגט אים פריידיק, פריי און אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין. ווען ער זאָל נישט געווען זיין דער מענטש, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר גוט, קלוג, וואָס מען דאַרף אים פאָלגן אָן טענות, וואָלט זי אים נישט ליב געקריגן, וואָלט זי מיט אים נישט חתונה געהאַט. אָבער איינמאָל ליב געקריגן און חתונה געהאַט, האָט זי געלעבט מיט זיין שכל און דאָס איז איר געווען לייכט און אַ פרייד. איצט איז זי געווען צעשיידט מיט אים, פיזיש צעשיידט מיטן קינד, אָבער דאָס איז איר געווען נישט שווער, וואָרום זי האָט געוווסט, אַז זי טראָגט דאָס אַלץ צוליב אים, צוליב דער זאַך, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנץ לעבן, האָט געוווסט, אַז ער איז איינשטימיק מיט איר. און דאָס איז איר געווען לייכט. איינס נאָר איז איר געווען שווער — וואָס זי האָט נישט געוווסט פון אים. מ'האָט אים אַלע ווילע געקאָנט אַרעסטירן, און דעריבער זענען די בריוו פון אים געווען דער הויפּט-אינטערעס פון איר לעבן. נעכליודאָוו האָט איר דערין געהאָלפן. אין דעם צוזאַמענלעבן מיט די חברים איז זי געווען רויק, גוט און גלייך פריינטלעך צו אַלעמען. נעכליודאָוו האָט זי דערקענט בשעת דער רייזע, זי ליב באַקומען ווי אַ שוועסטער. זי האָט זיך אים פאָרגעשטעלט ווי אַ אידעאַל פון אַ פרוי — אַ ווייב; וואָס איז שייך דעם אידעאַל פון אַ פרוי אַ מענטש האָט נעכליודאָוו עס אָנערקענט, וואָס מער ער האָט זי דערקענט — אין אַ צווייטער פּערשיקטער — אין מאַריע פּאַוולאָוונאַ, דער בילדשיינהייט מיט די שאָפּענע אויגן.

מאַריע פּאַוולאָוונאַ איז געווען אַ בת-יחידה (ברידער האָט זי יאָ געהאַט) פון אַ פּאַרדינסטפולן און רייכן גענעראַל און איז אויפגעצויגן געוואָרן, ווי עס ווערן אויפגעצויגן מיידלעך פון דעמדאָזיקן קרייז: שפּראַכן, מוזיק — זי האָט געשפּילט אויף אַ וויאָלאָנטשעל, — פּלאַסטישע קונסט, טענץ און בעלער. יונגערהייט איז דאָס געווען אַ צעלאָזט, קאַפּריז מיידעלע, וועלכע האָט פּאַרמאַטערט זעקס גוווערנאַנטינס כסדר.

די הויפּט-אומגעהאָרכזאַמקייט אירע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי
האָט די קיך, די פּערדשטאַל, די חברותא פון יינגעלעך העלטער געהאַט
די „איידעלע״ באַשעפטיקונגען, אָפטמאָל פלעגט זי זיך אָננעמען פאַר די
באַליידיקטע, גראָב אָפּגעזידלט, אָבער אָפטמאָל האָט זי אַליין אויך באַ-
ליידיקט. דער גאַנצער אַריסטאָקראַטישער קרייז פון איר מוטער איז איר
געווען דערווידער, און עפּעס מיט אַ מין בייזער פרייד האָט זי געזאַמלט
ידיעות וועגן דעם פריערדיקן מיאוסן און אכזריותדיקן לעבן פון איר
פאָטער. אַז זי איז אַלט געוואָרן 16 (18) יאָר, האָט זי פּלוצלינג אָנגע-
הויבן תּפילה טון צו גאָט און געמאָלדן, אַז זי וועט אַוועקגיין אין מאָ-
נאַסטיר אַריין. אַ מומע האָט זי אָפּגעפירט אין מאָנאַסטיר אַריין, אָבער
דער מאָנאַסטיר האָט זי אַנטוישט. און מיטאַמאָל איז איר גאַנצע פרומ-
קייט אַוועקגעשפּרונגען און זי איז געוואָרן אַ פולשטענדיקע אַטעיסטין.
דער לערער פון פיזיק האָט זי פאַרטרויט אין די רעוואָלוציאָנערע אינ-
טערעסן. קוים זי איז געוויר געוואָרן פון דער אומגערעכטיקייט, ווי אַזוי
דאָס רייכטום איז פאַרטיילט, פון די יסורים פון די אָרימע און דער-
הויפּט פון די ליידן, וואָס מענטשן שטייען זיך אויס פאַר רעוואָלוציאָ-
נערער טעטיקייט, האָט דער רייץ פון מסירת-נפש און פון דינען די אונ-
טערדריקטע, אַ רייץ, וואָס זי האָט געשפּירט שטיקלעכווייז, אומבאַוווסט-
זיניק, ערשטנס פאַר איר אין פולן רייץ. און עס האָט זיך איר ליידנ-
שאַפטלעך פאַרגלוסט אָפּצוגעבן זיך דערצו. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון
אויף קורסן, אָבער מ'האָט זי נישט געלאָזט. זי האָט רחמנות געהאַט אויף
דער מוטער און האָט געוואָלט דערשטיקן אין זיך דעמדאָזיקן פאַרלאַנג,
אָבער איינמאָל באַנומען די ליידן פון די מאַסן (פון פאָלק) און אַז זייער
ווילטאָג, לוקסוס זענען געשטיצט אויף דידאָזיקע ליידן, האָט זי שוין
נישט געקאָנט רויק לעבן אינדערהיים. די מיטאָגן מיט די דינער, דער
אָנבליק פון דעם קוכער אין דער מיץ, דאָס אויפרוימען די צימערן דורך
די קאַמערמיידלעך — און ערגער פאַר אַלץ די אַרויספאָרן, די קוטשערס
אויפן פראָסט, — דאָס אַלץ האָט זי געצוווּנגען אַזוי צו ליידן, אַז
זי האָט שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און האָט באַשלאָסן צו אַנט-
לויפן פונדערהיים. אַזוי האָט זי טאַקע געטון. זיך צונויפגעגאַנגען מיט
דער באַרדינאַ, האָט געאַרבעט אויף אַ פאַבריק, דערנאָך געווען אַ לע-
רערין, אַזיווי שטענדיק, האָט מען זי גענומען און אַריינגעזעצט אין
טורמע, ווען זי האָט נאָך גאָרנישט געהאַט געטון אַזוינס, פאַרוואָס מ'זאָל
זי דאַרפן באַשטראָפן. דאָ האָט זי דערקענט די גאַנצע אכזריות, וועלכע

איז אָנגעווענדט געוואָרן קעגן מענטשן, וואָס, ווי זי האָט געמיינט, האָבן פּונקט ווי זי געהאַלטן בלויז דינען די מענטשן, און זי האָט זיך אָפּגעגעבן דינען דער רעוואָלוציע. איר דינען איז באַשטאַנען דערהויפּט אין העלפן די ליידנדיקע, אַרויסהעלפן זיי, זי האָט זיך אָבער נישט אָפּגעזאָגט פון אַ קאָנטאַקט מיט די טעראָריסטן, הגם זי איז נישט געווען מיט זיי איינשטימיק. זי האָט בכלל ווייניק זיך געפּילפּלט, און מער געטון. נאָך דער רעוויזיע אויף דער קאָנספּיראַטיווער דירה, וווּ מ'האָט אין דער פינצטער פאַרווּנדעט אַ פּאָליציאַנט און זי האָט גענומען דעם שאָס אויף זיך, האָט מען זי ווידער אַריינגעזעצט און ווידער געמשפּט. בשעת דעמדאָזיקן לעצטן זיצן אירן אין דער איינצל קאַמער, האָט זי צום ערשטן מאָל איבערגעלייענט דורכגעלייענט דאָס עוואַנגעליום. און דאָס האָט זי איבערראַשט און, איז געווען פאַר איר דער צווייטער שטאַפּל פון באַוווסטזיין. נאָך די אומקלאָרע שטרעבונגען צו די נידעריקע און צו דינען זיי קינדוויז, האָט די רעוואָלוציאָנערע לערע איר קלאָר געמאַכט, וואָס זי האָט צו טון: מ'האָט באַדאַרפט פאַרניכטן די פּריווילעגיעס פון די רייכע און אויפהייבן די אָרימע. דאָס לייענען דאָס עוואַנגעליום האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז נישט בלויז דאָס האָט מען באַדאַרפט, נאָר אַז מ'האָט באַדאַרפט לעבן נישט נאָר פאַר זיך נאָר פאַר אַנדערע, און פון דעמאָלט אָן האָט זי געלעבט אַזוי, ווי שמאָל ס'איז נישט געווען דער קרייז פון איר טעטיקייט אין טורמע. באָוואָדוואָראָוו מיט זיין שפּאַסיקער באַציונג צו אַלץ, פלעגן זאָגן, אַז מאַריע פּאַוולאָוונאַ גיט זיך אָפּ מיט דעם ספּאָרט פון ווילטעטיקייט. און דאָס איז געווען אָן אמת, דער גאַנצער אינטערעס פון איר לעבן איז, אַזויווי פאַר אַ יעגער צו געפינען ווילדפרעט, פאַר איר באַשטאַנען, אין געפינען אַ געלעגנהייט צו דינען דעם אַנדערן. און דער דאָזיקער ספּאָרט איז געוואָרן אַ געוווינהייט, געוואָרן אַ לעבנס-זאַך. אויב יעדער מענטש קאָן לעבן פאַר זיך אָדער צו דינען אַנדערע און יעדער מענטש דינט מער אָדער ווייניקער אי זיך אי אַנדערע, און עס זענען פאַראַן אַזעלכע אומגליקלעכע פאַרזעענישן, וואָס דינען נאָר זיך, זענען אָבער פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס דינען נאָר אַנדערע, — און אַזאַ איז איצט געווען מאַריע פּאַוולאָוונאַ.

צום קאַפּיטל XXV און XXVI.

נאָך דער ליכטיקייט, זויבערקייט און הרחבה, וואָס איז געווען באַם גובערנאַטאָר אין הויז, האָט די תפיסה פון די ערשטע טריט אָן געמאַכט אויף נעכלודאָוון, נאָך מער, ווי געוויינלעך אַ שווערן איינדרוק. איבער-

בעלייענט דאָס צעטעלע, האָט דער אינספּעקטאָר גלייך גענומען אָנרופן נעכליודאָוון „אייער עקסעלענץ“ און האָט פאַרגעלייגט אים און דעם ענגלענדער זיין גרייטשאַפט צו דינען אין אַלצדינג.

— באַ אונז איז נישט אַלץ כשורה, — האָט ער געזאָגט, — עס קומען זיך צונויף פון צוויי טראַקטן פאַרטיעס אַרעסטאַנטן און עס ווערט איבערפולט. די תפיסה איז געבויט אויף 700 נפשות — און באַ אונז געפינען זיך איצטער 1720. דערווייל ווערט מען קראַנק. וועמען פאַרלאַנגען זיי צו זען, די טראַנספּאָרט-אַרעסטאַנטן, אָדער אפשר ווילן זיי אַריינגיין צו די קאַטאָרזשאַנער?

דער ענגלענדער האָט אויסגעדריקט זיין פאַרלאַנג אַריינצוגיין פריער צו די קאַטאָרזשאַנער; און זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין קאָרידאָר.

נעכליודאָוו איז שוין געווען צוגעוווינט צו די טורמע-ריחות פון מענטשלעכן אָפּפאַל, אורין און דזשעגעכץ, אָבער אים האָט פאַרדולט די שטאַרק פאַרשטיקטע לופט אין דעמדאָזיקן קאָרידאָר. בשעת זיי זענען אַריינגעגאַנגען, זענען אין קאָרידאָר געשטאַנען צוויי מענטשן אין איינע העמדער און אין פלודערן און האָבן משתין געווען גלייך אויף דער פּאָדלאָגע. דער אינספּעקטאָר האָט אויף זיי אָנגעשריגן, און קלינגענדיק מיט די קייטן, זענען זיי צוריק אַוועקגעגאַנגען אין דער קאַמער אַריין. אין דער קאַמער זענען די נאַרעס געווען אינמיטן, און די אַרעסטאַנטן זענען געלעגן קאָפּ-צו-קאָפּ, ווי הערינג אין אַ פעסל. און אין דער קלייִנער קאַמער האָבן זיי זיך געפונען אַ מאַן 70. דער עיפוש איז געווען אַ שרעקלעכער. אַלע קלינגענדיק מיט די קייטן זענען אויפגעשפרונגען און האָבן זיך צעשטעלט באַ די נאַרעס, פינקלענדיק מיט זייערע האַלב-געגאָלטע קעפּ. עס זענען געבליבן ליגן בלויז צוויי. איינער איז געווען אַ יונגער מענטש, אַ רויטער, געהאַט, קענטיק, היץ, דער אַנדערער אַן אַלטער — אויך אַ שטאַרקער חולה. דער ענגלענדער האָט געפרעגט, צי דער יונגער אַרעסטאַנט איז שוין לאַנג קראַנק געוואָרן. דער אינספּעקטאָר האָט געזאָגט, אַז פון אינדערפרי אָן. דער אַלטער אָבער איז שוין לאַנג קראַנק געווען אויפן בויך. דער ענגלענדער האָט מיט פאַרוווּרף אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און האָט געמאָלדן, אַז ער האָט חשק צו זאָגן עטלעכע ווערטער דידאָזיקע מענטשן; ער האָט געבעטן נעכליודאָוון איבערצוזעצן דאָס, וואָס ער וועט זאָגן, און האָט אָנגעהויבן די רעדע. זיין רעדע איז באַשטאַנען דערין, אַז קריסטוס האָט רחמנות

געהאַט אויף די מענטשן און האָט אַלעמען געגעבן די מעגלעכקייט פון דערלייזונג.

— אָ, דערציילט זיי, אַז קריסטוס האָט רחמנות געהאַט אויף זיי און זיי ליב געהאַט. אין דעמדאָזיקן בוך, דערציילט זיי, שטייט דאָס אַלץ געשריבן.

ער האָט אַרויסגענומען פון האַנט־זעקל אַ געבונדענעם נייעם טעס־טאַמענט, און גיריקע, האַרטע, ברייטע הענט פון די לייוונטענע אַרבל האָבן זיך צו אים אויסגעשטרעקט, אָפּשטויסנדיק איינע די אַנדערע. ער האָט צעטיילט זעקס עוואַנגעליומס און זיי זענען אַוועק ווייטער.

אין דער צווייטער קאַמער האָט מען געזונגען לידער אַזוי, אַז מען האָט נישט געהערט דאָס גערויש פון די טירן בײַם עפענען זיי. דער אינספּעקטאָר האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— איך וועל דיר ווייזן זינגען, — האָט ער אַ געשריי געטון! — שטיל!

ווי עס האָט זיך נאָר אויפגעעפנט די טיר, זענען אַלע ווידער אַזוי, ווי אין דער ערשטער קאַמער, אויפגעשפּרונגען און זיך אַוועקגע־שטעלט פאַר די נאַרעס מיט אויסגעצויגענע הענט. דער ענגלענדער האָט ווידער אַזוי אויך געזאָגט די זעלבע רעדע און האָט אויך געגעבן זעקס עוואַנגעליומס. אין דער דריטער קאַמער האָט זיך געהערט אַ ליאַרם און אַ גערודער. דער אינספּעקטאָר האָט געוואָלט גיין פאַרויס, אָבער דער ענגלענדער האָט געבעטן אַ דערלויבעניש אַ קוק צו טון אין פענצטערל פון טיר שטילינקערהייט. דער אינספּעקטאָר האָט געווען אײַנגעשטימט, אָבער עס האָבן זיך דערהערט קלעפּ, אַ געשלעגעריי, אַ טופּעריי און אַ יאָמער, און דער אינספּעקטאָר האָט אָנגעקלאַפּט און אַ געשריי געטון: שטיל! די טיר האָט מען אויפגעעפנט. ווידער האָבן זיך אַלע אויסגע־שטעלט לעבן די נאַרעס אַ חוץ צוויי, וועלכע האָבן זיך איינגעקלאַמערט איינע אין די אַנדערע, איינער פאַר די האָר, דער אַנדערער פאַר דער באָרד. דער אויפזעער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו זיי, און בלויז דאַן האָבן זיי אָפּגעלאָזט איינע די אַנדערע. בײַ איינעם איז די גאַנצע באַק געווען אַ רויטע, בײַם צווייטן איז גערונען שנויק, שפּייעכץ און בלוט, וואָס ער האָט אָפּגעווישט מיטן אַרבל פון קאַפּטל.

— עלטסטער!

ס'האָט זיך באַוויזן נעכליודאָווס באַקאַנטער פעדאָראָוו, פרייליך שמייכלענדיק מיט די אויגן.

דער פּויער עפּדראָח האָט נאָך אין מאָסקווע אַרויסגערופן צו זיך נעכליודאָוון און זיך געווענדט צו אים מיט אַ בקשה, ער זאָל אָנגעבן פאַר אים אַ קאַסאַציע. נעכליודאָוו איז דאַן בײַ אים געווען, בעת ער איז געזעסן אין דער איינצל-קאַמער און איז צום מערסטן געווען איבער-ראַשט פון דער שיינקייט (אַנדערש האָט מען נישט געקאָנט זאָגן) פון דעמדאָזיקן מענטש. ער האָט אים געטראָפן שטייענדיק בײַם פענצטער. און פונאַנדערקעמענדיק מיט אַ קעמל זיינע געקרויזטע פעט-אָנגעשמירטע טונקל בלאָנדע האָר. דאָס איז געווען אַ מענטש עטוואָס העכער פון מיטעלן וווּקס, גוט געבויט, מיט אַ קליין בערדל און מיט הערלעכע אויגן, זייער אַ ווייסער און אינגאַנצן אין זומער-שפּרענקלעך. ווי נעכליו-דאָוו האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, איז עס געווען אַ פּרויען-פאַרפירער און מיט צייכנס פלעגט ער זיך אַדורכשמועסן דורך דעם פענצטערל מיט די פרויען, וועלכע פלעגן אים ענטפערן. זיינע אויגן האָבן תמיד געשמייכלט און דאָס שיינע מויל פלעגט זיך אויסלייגן אין אַן אָנשטע-קעדיקן שמייכל. זיין דיקציע איז געווען אַזאַ וווּנדערבאַרע, אַזאַ זעלטע-נע, אַז נישט ווילנדיק פלעגט זי צווינגען זיך צוהערן, ווי מוזיק. יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, איז געווען אָנגענעם צו הערן, און גערעדט האָט ער הערלעך! דער שמועס מיט אים האָט דאַן זייער איבער-ראַשט נעכליודאָוון און מיט דער פשוטקייט, מיט וועלכער ער האָט דער-ציילט וועגן דער סיבה פון זיין אַרעסט, פון מאָרד — מיט איבערראַשנ-דיק גרויליקע איינצלהייטן. וואָס נאָר אַ מענטש, וועלכער איז באַגאַנגען אַ מאָרד מיט פולער רויקייט, האָט זיי געקאָנט באַמערקן.

— און איך האָב דאָך עס גאָרנישט באַדאַרפט טון, אָבער אַזוי איז עס שוין געווען אָנגעצייכנט.

— צי דען האָט איך נישט אָנגענומען אַ פחד. אַ רחמנות?

— וואָס דען, נישט. קיין רחמנות? עפּעס דאָך אויך אַ מענטש. אָבער דאַן האָב איך נישט פאַרשטאַנען, — האָט ער געזאָגט, און זיינע אויגן האָבן געלאַכט.

נעכליודאָוו האָט זיך איבערצייגט, אַז דעמדאָזיקן מענטש קאָן מען נישט העלפן, און אַזוי האָט ער אים געמאָלדן, אָבער אים האָט פאַראינ-טערעסירט גאָר עפּעס אַן אַנדערע זאַך. אים האָט זיך געוואָלט אויס-פרווון, צי מען קאָן נישט אַרויסרופן אין דעמדאָזיקן מענטש חרטה און גוטע געפילן. דערדאָזיקער מענטש, אַזויווי אויך אַנדערע אַזעלכע, איז געווען פאַר נעכליודאָוון אַ מוסטער פון די אין שורש פאַרדאָרבענע און

דעריבער שעדלעכע מענטשן, וואָס די פּאַרטיידיקער האָבן שטענדיק געבראַכט אַלס באַווייז, מען מוז די געזעלשאַפט אָפּזונדערן פון זיי.

פעדאַראָוו האָט געקענט גוט לייענען און שרייבן. נעכליודאָוו פלעגט אים געבן ביכער און ער פלעגט אַלץ אויסלייענען און פלעגט פאַרגעדענקען דעם גאַנצן אינהאַלט, נאָר ער האָט אויף זיי, משמעות, נישט געקוקט ערנסט, נאָר בלויז ווי אויף אַ צייט־פאַרטרייב.

פון עוואַנגעליום און פון אַלע מאָראַלישע ביכער פלעגט ער זיך גלייך אַנטזאָגן. נעכליודאָוו האָט פון אָנהייב ניעט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס יענער טוט אַזוי, נאָר שפּעטער, נאָך אַ שמועס מיט אים, האָט ער פאַרשטאַנען. אויך פריער פלעגט נעכליודאָוו באַמערקן, אַז דערדאָזיקער קלוגער און באַגאַבטער מענטש פלעגט זיך אינטערעסירן בלויז מיט צוויי מינים זאַכן: מיט אַלצדינג וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום לעבן אין תּפיסה, אויף די עטאַפּן, אויף קאַטאָרגע, מיט דער תּפיסה־אַדמיניסטראַציע און איבערהויפּט — ווי ס'האָט באַמערקט נעכליודאָוו און ווי ער האָט זיך אים שפּעטער אַליין מודה געווען — אַז ער אינטערעסירט זיך מיט אַלץ, וואָס מען דאַרף נאָר וויסן, בשעת מען גרייט זיך צום אַנטלויפן, און אויך דערמיט, וואָס פלעגט אים אַוועקטראָגן אין לאַנד פון פאַנטאַזיע, אין לעבן פון די רייכע און פרייע מענטשן, איבערהויפּט אין פּאַריז. ער האָט איבערהויפּט האָלט געהאַט די פראַנצויזישע ראָמאַנען, וועלכע פלעגן פאַר אים זיין צויבער־מעשהלעך, וואָס צעשטרייען זיין אומעט מיט אַלץ, אָבער וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו זיין אינערלעך לעבן, האָט ער זיך נישט אינטערעסירט: ער האָט נישט געהאַט צו וואָס צוצופּאַסן דידאָזיקע לעבנס־כּללים נישט אין דער תּפיסה, נישט אויפן עטאַפּ, נישט אויף קאַטאָרגע. אַזוי יעדנפאַלס, האָט ער געטראַכט. ער האָט געוווּסט אין, אַלגעמיינע שטריכן די עוואַנגעליום־פּרינציפּן פון פאַרגעבונג, פון אחדות, פון קעגנזייטיקער הילף, פון ליבע און ער פלעגט זיי נישט נאָר נישע אָפּלייקענען, נאָר געהאַלטן פון זיי, און איז איין צייט נאָך דעם לעצטן מאָרד געווען זייער נאָענט צו זיי, אָבער לעצטנס האָט ער געהאַלטן, אַז מען קאָן זיי נישט אָנווענדן און ער פלעגט דעריבער ווערן באַזונדערס שטרענג און קאַלט — און זיינע אויגן פלעגן אויפהערן צו לאַכן, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גוט און פרום לעבן.

— דאָס טויג נישט פאַר אונז איצטער, — האָט ער אַמאָל געזאָגט נעכליודאָוון, אָפּגעבנדיק אים דאָס עוואַנגעליום און דאָס בוך „אין קריס־

טוסעס וועגן", וואָס ער האָט געהאַט גענומען. — אָט „ראָקאָמבאָל", — דאָס איז פיין.

דאָס לעצטע מאָל, אויף איינעם פון די עטאַפּן, האָט נעכליודאָוו לאַנג געשמועסט מיט אים און פעדאָראָוו האָט אים דערציילט וועגן זיין לעצט פאַרברעכן, פאַר וועלכן ער איז איצט געגאַנגען אויף 12 יאָר קאַטאָרגע, און דידאָזיקע דערציילונג האָט געמאַכט אויף נעכליודאָוון אַ שרעקלעכן און שטאַרקן איינדרוק.

— דאָס איז פאָרגעקומען אין אונזער שטאָט טשערני, איר ווייסט, אין טולער גובערניע, אַ פּאַסקודנע שטעטל אַזאַ. איך האָב זיך דאָרטן פאַררעדט מיט חברים. פּונקט אַזעלכע יאַטן, ווי איך. איך בין אַוועק פון אַ גאַרבעריי. נו, האָבן מיר געהוליעט, פאַרטרונקען דאָס געלט אינגאַנצן. און דאַן האָט אַ געליבטע פון אַ זעלנער — באַ זיי האָבן מיר געווינט — פאָרגעלייגט צו גיין עמעצן באַרויבן. ס'איז געווען איינער אַ באַאַמטער אין דימיסיע, געווינט מיט דריי טעכטער — איינע אַן אלמנה, איינע אַ חתונה געהאַטע — געווינט אין אַ העק, אין אַ הייזל. האָבן מיר אויסגעטרונקען צום סוף צו מאַכן זיך הארץ און אַוועק. צריינגעקראָכן אין פענצטער, גענומען פאָדערן געלט. איך האָב זיך גענומען פאַרן אַלטן און דער זעלנער איז אַוועק הינטערן ווענטל צו זיין טאָכטער. צו דער חתונה געהאַטער. זי רייסט זיך, שרייט, זיך צרויסגעריסן און פארביי מיר און דורך דער טיר. איך האָב מיטן אַלטן געמאַכט אַן עק. און יענער, דער זעלנער, ברעכט דאָס מיידל. „זע" זאָג איך, „מיט דעם מיידל וועט ער נישט דורכמאַכן". און זי האָט עס דערלאַנגט אַ קוויטש. ער האָט זי געקוילעט און האָט אָנגעהויבן צו זוכן אין די קאָמאָדן. און איך האָב גענומען אַ לעמפּל, אריין הינטערן ווענטל, כ'זע אַן עופעלע אין וויגעלע, פאַרגייט זיך, שרייט, די פּיפּקע איז פון מײַלעכל צרויסגעפאַלן. איך האָב עס די פּיפּקע געגעבן — האָט עס זיך אין איר איינגעזאַפּט און אָנגעהויבן צו זייגן, — און אַליין בין איך צוועק צום קופער. כ'גיב אַ קוק, פון דער זייט ליגט זי, אָן אַ פּיפּס, נאָר קוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

— ווער זי?

— די דריטע, די אלמנה. זי האָט זיך איבערגעשראָקן און שווייגט, קוקט מיר נאָר גלייך אין די אויגן אריין. וואָס טוט מען? האָב איך אַוועקגעשטעלט ס'לעמפּעלע אויפן קופער און דאָס מעסער אין דער האַנט.

— ברודערל, זיי זיך מרחם איבער א נשמה...

פעדעראָווס קול האָט אָנגעהויבן צו ציטערן, און ער האָט נישט געקאָנט רעדן. ווי זי האָט דאָס געזאָגט — און אַליין גיט זי זיך נישט אַ ריר, נאָר זי ברענט מיך מיט די אויגן — זע איך, אַז באַלד וועל איך אָפּגעשוואַכט ווערן. האָב איך זי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און דער־הרגעט. דאָ איז שוין געגאַנגען אין אָרדנונג. אַלץ, ווי עס באַדאַרף צו זיין. צוגענומען די מלבושים, א ביסל געלט איז געווען, און מיר זענען אַוועקגעגאַנגען.

איך האָב אָבער נישט געקאָנט פאַרגעסן אירע אויגן און ווי אַזוי זי האָט זיך געבעטן. צוויי טעג נאָכאַנאַנד געטרונקען און בין נישט שיכור געוואָרן. געלעגן אַלץ אין רינשטאָק. אויפן דריטן טאָג — בין איך אַוועק אין דער פּאָליציי — זיך געמאָלדן.

ער האָט לאַנג געשוויגן.

— אָבער איך האָב נישט באַדאַרפט גיין זיך מודה זיין. נאָר אַוועקגיין, ווי סימאָן דער גזלן אין א מאָנאַסטיר אריין... אָבער אין דעמדאָזיקן מאָנאַסטיר וועסטו שוין קיין תשובה נישט טון.

. . . .

נעכליודאָוו האָט געזעען, אַז דערדאָזיקער מענטש איז געווען אויף דער שוועל פון תשובה. אָבער דער פּראָצעס, דער אַרעסט און די קאַ־טאָרגע האָבן דערין געשטערט, האָבן אים אויפגעררייצט.

אין פאַרלויף פון דעם עטאַפּן־וועג פלעגט אים נעכליודאָוו אָפט זעען, און האָט באַמערקט, אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף די אַרעסטאַנטן און אַז ער ווערט אַלץ מער און מער גרויזאַם.

איצטער איז פעדעראָוו געווען גאָר אַן אַנדערער מענטש.

— וואָס קאָן מען מאַכן, מען קאָן זיי נישט איינשטילן. — האָט ער געזאָגט.

— אָט איך וועל איינשטילן, — האָט דער אינספּעקטאָר שטרענג געזאָגט.

— What did they fight for? — האָט דער ענגלענדער גע־פרעגט.

נעכליודאָוו האָט אים דערקלערט, אַז איינער האָט געגעבן א פּאַטש און יענער האָט נקמה גענומען.

— If he will allow me to say a few words to them, —
האָט דער ענגלענדער געזאָגט.

נעכליודאָוו האָט איבערגעזעצט. דער ענגלענדער האָט אַרויסגענו־
מען דאָס עוואַנגעליום.

— ביטע, גיט עס איבער, — האָט ער געזאָגט. — איר האָט זיך
צעשלאָגן, אָבער קריסטוס, וואָס האָט זיך פאַר אונז מקריב געווען, האָט
אונז געגעבן אַן אַנדער מיטל צו אַנטשיידן אונזערע וויכּוחים. פרעגט זיי,
צי זיי ווייסן, ווי מען דאַרף לויט קריסטוסעס געבאָט באַגיין זיך מיט אַ
מענטש, וועלכער האָט אונז באַליידיקט?

נעכליודאָוון האָט עס פאַראינטערעסירט און ער האָט איבערגעזעצט.

— מסרן דער אַדמיניסטראַציע. זי וועט אַנטשיידן? — האָט איי־
נער פרעגנדיק געזאָגט.

עמעץ האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

— וואָס? — האָט אַן אַנדערער זיך אָפּגערופן, — געבן אַ האַר־
גע, אַז וועט ער נישט באַליידיקן.

אייניקע האָבן זיך פּה־אחד צעלאַכט.

נעכליודאָוו האָט איבערגעזעצט דעם ענגלענדער זייערע ענטפערס.

— נו אַלזאָ זאָגט אים, אַז פּונקט פאַרקערט, — האָט דער ענג־
לענדער געזאָגט. — זאָגט זיי, אַז מען דאַרף טון פּונקט דעם היפּוך,
אויב מען וועט דיר געבן אַ פּאַטש אין איין באַק, שטעל אונטער די
אַנדערע, — האָט דער ענגלענדער געזאָגט און אַזוי ווי ער וואָלט באַ־
וויזן מיט די זשעסטן, אַז ער שטעלט אונטער זיין באַק.

נעכליודאָוו האָט איבערגעזעצט.

— ער האָט אַליין באַדאַרפט פּרובירן, — האָט עמעצער
געזאָגט.

אַן אַלגעמיין נישט־איינגעהאַלטן געלעכטער האָט אַרומגעכאַפּט די
גאַנצע קאַמער, אפילו דער צעשלאָגענער האָט זיך צעהירזשעט. דורך
בלוט און שנויץ.

לוסטיק אַנשטעקנדיק האָט זיך אויך פעדאָראָוו פונאַנדערגע־
לאַכט.

אין דער זעלבער קאַמער איז אויך געווען אַ קראַנקער, ער האָט
זיך נישט אויפגעשטעלט, בשעת אַנדערע זענען אויפגעשטאַנען.

— און אויב ער וועט אין דער צווייטער אַריינפאָרן, וועלכע זאָל
מען דאַן אונטערשטעלן? — האָט דער קראַנקער געזאָגט.

— אויף אַ'אַ מין אופן וועט ער זיך איינגאַנצן צעמורשטן.

— אדרבא, ווייז אַ קונץ, — האָט פון הינטן עמעצער אַ זאָג געטון און דאָס געלעכטער האָט זיך פאַרשטאַרקט. דער ענגלענדער איז נישט נתפּעל געוואָרן און אויך דאָ האָט ער צעטיילט „נייע טעסטאַמענטן".

צום קאַפּיטל XXVI*).

אין דער דריטער קאַמער האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען און אַ געפּילדער. דער אינספּעקטאָר האָט אָנגעקלאַפּט און אַ געשריי געגעבן: „שטיל!" בעת מען האָט אויפגעעפנט די טיר, האָבן זיך אַלע ווידער אויסגעשטעלט בײַ די נאַרעס, אַ חוץ אייניקע קראַנקע און צוויי שלעגער, וועלכע האָבן מיט פון שנאה אויסגעקרימטע פּנימער זיך איינגעקלאַמערט איינער אין דעם צווייטן: איינער פאַר די האָר, דער אַנדערער פאַר דער באָרד. זיי האָבן ערשט אָפּגעלאָזט איינער דעם צווייטן, ווען דער אויפזעער איז צו זיי צוגעלאָפן. בײַ איינעם איז געווען ביז בלוט צעשלאָגן די נאָז און ס'איז גערונען שנויץ, שפּייעכץ און בלוט, וואָס ער האָט אָפּגעווישט מיטן אַרבל פון קאַפטל, אַ צווייטער האָט אַראָפּגענומען די פון באָרד אַרויסגעריסענע האָר.

— עלטסטער! — האָט דער אינספּעקטאָר שטרענג אויסגעשריגן.

עס איז אַרויס אַ שיינער, שטאַרקער מאַן.

— איך קאָן בשום אופן זיי נישט איינשטילן, אייער הויכוווילגעבוירן, — האָט דער עלטסטער געזאָגט, לוסטיק שמייכלענדיק מיט די אויגן.

— אָט איך וועל איינשטילן, — האָט דער אינספּעקטאָר שטרענג געזאָגט.

— What did they fight for **)? — האָט דער ענגלענדער געפרעגט.

נעכליודאָוו האָט געפרעגט בײַם עלטסטן צוליב וואָס ס'איז פאָרגעקומען דאָס געשלעג.

---

*) דרוקט זיך לויט דער אויסגאַבע: „אַלע ווערק פון ל. נ. טאָלסטאָי" אונטער דער רעדאַקציע פון פּ. בירוקאָוו. מאָסקווע, 1913 באַנד XVII

**) פאַרוואָס האָבן זיי זיך געשלאָגן?

— צוליבן מישן זיך אין פרעמדע עסקים, — האָט דער עלטסטער, נאָך אַלץ שמייכלענדיק געזאָגט. — דער האָט אַ שטויס געטון, יענער האָט געגעבן צוריק.

נעכליודאָוו האָט עס איבערגעגעבן דעם ענגלענדער.

— איך וואָלט געוואָלט זיי זאָגן עטלעכע ווערטער, — האָט דער ענגלענדער געזאָגט, זיך ווענדנדיק צום אינספעקטאָר. נעכליודאָוו האָט איבערגעזעצט. דער אינספעקטאָר האָט געזאָגט: „איר קאָנט“.

דאַן האָט דער ענגלענדער אַרויסגענומען זיין עוואַנגעליום אין אַ לעדערנעם איינבונד.

— ביטע, זעצט דאָס איבער, — האָט ער געזאָגט נעכליודאָוון. — איר האָט זיך צעקריגט און צעשלאָגן, אָבער קריסטוס, וואָס האָט זיך פאַר אונז מקריב געווען, האָט אונז געגעבן אַן אַנדער מיטל, ווי אַזוי צו אַנטשיידן אונזערע וויכוחים. פרעגט בא זיי, צי זיי ווייסן, ווי מען דאַרף, לויט קריסטוסעס געבאָט, זיך באַגיין מיט אַ מענטש, וואָס באַליידיקט אונז?

— נעכליודאָוו האָט איבערגעזעצט דעם ענגלענדערס ווערטער און פראַגע.

— מסרן דער אַדמיניסטראַציע, זי וועט פסקענען? — האָט פרעגנדיק אייבער געזאָגט, אומקוקנדיק זיך אויפן מאַיעסטעטישן אינ־ספעקטאָר.

— געבן אים אַ האַרגע, אַז וועט ער נישט באַליידיקן, — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

אייניקע האָבן צושטימענדיק געשמייכלט. נעכליודאָוו האָט איבער־געזעצט דעם ענגלענדער זייערע ענטפערס.

— זאָגט זיי, אַז לויט קריסטוסעס געבאָט דאַרף מען טון דעם היפוך: אויב מען האָט דיר אַ פּאַטש געגעבן אין איין באַק, שטעל אונ־טער די אַנדערע, — האָט דער ענגלענדער געזאָגט, אַזוי ווי אונטער־שטעלנדיק מיט אַ זשעסט זיין באַק.

נעכליודאָוו האָט איבערגעזעצט.

— ער וואָלט אַליין געפּרוווט, — האָט עמעץ געזאָגט.

— און אַז ער וועט אַריינפּאַרן אין דער צווייטער, — וועלכע זאָל מען דאַן אונטערשטעלן? — האָט זיך איינער פון די ליגנדיקע קראַנקע אָפּגערופן.

— אויף אַזאַ מין אופן וועט ער דיך אינגאַנצן צעמורשטשן.

— אדרבא, פּרוּביר נאַר, — האָט זיך עמעצער אָפּגערופן פון הינטן און זיך לוסטיק צעלאַכט. אַן אַלגעמיין נישט־איינגעהאַלטן געלעכטער האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע קאַמער; אפילו דער געשלאָגענער האָט זיך צעלאַכט דורך זיין בלוט און שנויץ. אויך די קראַנקע האָבן געלאַכט.

דער ענגלענדער איז נישט נתפּעל געוואָרן און האָט געבעטן איבערגעבן זיי, אַז דאָס, וואָס ווייזט אויס אוממעגלעך, ווערט מעגלעך און גרינג פאַר די גלויביקע.

— און פרעגט, צי זיי טרינקען ?

— אוודאי יאָ, — האָט זיך אָפּגערופן אַ שטים און צוזאַמען מיט דער שטים האָט ווידער אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.